בלעטער פון
מיין לעבן

אב. קאהאן

1985

בלעטער פון מיין לעבען

פון אב. קאַהאַן

דריטער באנד

זיבען יאָהר קהל'שע טעטיגקייט

(מיט בילדער)

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס" אסאָסיאיישאָן

ניו יאָרק, 1926.

Copyright, 1926,
by
Abraham Cahan

אפ־טו־דייט פרינטינג קא., 195 קאנאל סט., נ. י. 200

אינהאַלט:

ערשטער קאַפּיטעל

ווי אזוי ס'איז געגרינדעט געוואָרען די „אַרבייטער־צייטונג".

ערשטער ראַדיקאַלער אידישער צוזאַמענפאָהר. — אַנאַרכיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען. — לואי מילער. — ר. לואיס. — פּרענער 9

סאָציאַל דעמאָקראַטישע קאָנפערענצען. — מאָריס הילקאָוויץ 15

פיליפּ קראַנץ. — דער לאָנדאָנער „אַרבייטער־פריינד" און די צו־קונפטיגע „אַרבייטער־צייטונג" פון ניו יאָרק 19

„אַרבייטער־צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן". — דעבאַטען. — אַ קאָמיטע „פון פאָלק". — קאָפּענהיים. — דזשאָזעף באַראָנ־דעס. — פיליפּ קראַנץ........ 22

צוגרייטונגען. — „די סדרה". — אַן אַרטיקעל וועגען די ווילדע פון אפריקא 28

צווייטער קאַפּיטעל

די „אַרבייטער־צייטונג".

דער ערפאָלג פון דעם ערשטען נומער. — די ווירקונג וואָס דאָס האָט געהאַט אויף מיין לעבען 39

אַרטיקלען פון קראַנץ'ן, מילער'ן, הילקאָוויץ'ן און מיר אין דער „אַרבייטער צייטונג". — די קונסט פון פּאָפּולאַריזירען... 43

די „אַרבייטער־צייטונג" און די אַרבייטער־באַוועגונג. — די סאָ־ציאַליסטישע אַרבייטער־פּאַרטיי 48

קאַמף מיט די אַנאַרכיסטען. — די „פרייע אַרבייטער שטימע" 51

אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. — דזשאָזעף באַראָנדעס. — סאָציאַ־ליסטען און אַנאַרכיסטען. — דער ערשטער־מאַי־פּאַראַד 55

דער ערשטער גרויסער קאַמף אין דער קלאָוק־טרייד. — ווידער פּראָ־פעסאָר גארסייד. — אַן אונפאַרגעסליכע פאַרזאַמלונג 65

אַ מאַס־מיטינג אין קופּער־יוניאָן. — גארסייד צום לעצטען מאָל. — מיין דעבאַטע מיט לואיס'ן. — יאָהאַן מאָסט און עמאַ גאָלדמאַן 76

יום־כפור בעלער. — אַ שפּאַס פון יעקב מילך. — מייקעל שוואַב .. 80

דריטער קאַפּיטעל

קיין שיקאַגאָ און צוריק אין ניו יאָרק.

די רייזע. — מיין מיטרייזענדער 84

ווי שיקאַגאָ האָט דאַן אויסגעזעהן. — מיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ 86

פּיטער זיסמאַן און אברהם ביזנאָ און זייער גרופּע. — קלאָוקמאַכער, שניידער, סאָציאַליסטען. — מאַס־מיטינגען, לעקטשורס 89

אינטעליגענטע רוסיש־אידישע פאַמיליעס. — אַן אינטערעסאַנטער קויהלען־מאַן. — אַ ניי־יאָהר־באָל. — אַמעריקאַנער סאָציאַ־ליסטען. — מאָרגאַן 92

ערשטער יאָהרעס־פּעסט פון דער „אַרבייטער־צייטונג“.......... 95
די דזשעמייקא געשיכטע. — פרענק רייגגאָלד. — באַראָנדעס'עס
טרייעל. — מיין באַזוך אין סינג־סינג 97

פערטער קאַפּיטעל

מיין ערשטע רייזע קיין אייראָפּא.

אַלס דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס. —
אויפ'ן שיף 106
די לאָנדאָנער געגאָסען. — גאָלד. — שייער. — ראָזבערי. — מאָריס
ווינטשעווסקי 108
ערשטע רעדעס אין לאָנדאָן. — אַ דעבאַטע מיט ש. יאַנאָווסקי'ן .. 110
סטעפּניאַק. — מאַדאַם סטעפּניאַק. — סערעבריאַקאָוו 115
סאָציאַליזם אין ענגלאַנד. — הײנדמאַן, — קאַרל מאַרקס'עס טאָכטער
און איהר מאַן 118
איינדרוקען פון לאָנדאָן. — גיט אַמעריקא און ניט יוראָפּ. — אויף
אַן ענגלישען מיטינג. — האָגטער וואטטס. — לעססנער 121
איך פאָהר קיין פּאַריז. — ערשטער איינדרוק. — דאַוויד גאָרדאָן .. 126
די גאָרדאָנס. — גאָרדאָן'ס שוועסטער. — קאַשינצעוו. — אַנטאָן
גנאַטאָווסקי. — שאַרל ראַפּאָפּאָרט. — ג. — מיין לעקטשור .. 129
פּעטער לאַווראָוו 135
אין לואוור. — די ווענעראַ פון מילאָס. — אין די קאַפּעס פון דעם
לאַטיינישען קוואַרטאַל.—אַן אינטערעסאַנטער רוסישער דאָקטאָר 138
איך שרייב אַהיים. — די גריגאָריעווס 144

פינפטער קאַפּיטעל

דער בריסעלער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס.

פון פּאַריז קיין בריסעל. — רובאַנאָוויטש. — דאמעלא ניוועגהויז. —
סצענעס און פּערזענליכקייטען ביי דער בריסעלער פאָלקס־הויז 149
סאָציאַליסטישע פראַקציעס. — אַנאַרכיסטען. — מערלינא 156
איך שטעל די אידען־פראַגע אויפ'ן טאָגעס־אָרדנונג. — דער בריסע־
לער ראַבינער. — פּאָול זינגער. — וויקטאָר אַדלער 158
די רעזאָלוציע פון זשאָן וואלדערס. — ווילהעלם ליבקנעכט. —
אזשיריאדעס. — דר. ראניאר. — „פילאָסעמיטיזם“. — פלע־
כאַנאָוו'ס זשורנאַל „סאָציאַל־דעמאָקראַט“ 166
סטודענטקעס פון ווילנא. — איגלעזיאס. — אין גהענט. — איסאַאַק
הורוויטש. — אַזוי ווי שיפען וואָס באַגעגענען זיך אויפ'ן ים 174
די ענגלענדער מאַכען אַ פאָרשלאַג און די פראַנצויזען נעהמען ניט
אָן. — אין וואָטערלו. — אַן אַלטער סאָלדאַט. — האָט ער
געזעהן נאַפּאָלעאָן'ען ? 179
די רייזע צוריק. — מיינע צוויי שכנים אויפ'ן שיף. — צוריק אין
אמעריקא 182

זעקסטער קאַפּיטעל

ביים שרייב־טיש און אויף דער פּלאַטפאָרמע.

יעקב גאָרדין קומט קיין אַמעריקא. — זיין ערשטע פּיעסע און מיין
ערשטע טעאַטער־קריטיק 186

ווי איך פלעג שרייבען. — געשריבענע אידיש און די אידישע ליטע־
ראַטור פון יענע צייטען. — „געהן־אין־פאָלק“־שפּראַך 194
אַן אַגיטאַציאָנס־ליד. — עטליכע סדרות 200
פעליעטאָנען. — דער ערשטער בעקער־סטרייק. — אַ טהענקסגיווינג
פעליעטאָן. — פּאטטי און פּראָפּאַגאַנדאַ. — סוירקיולייטאָן. —
טהעמאס 206
ערשטע אינטערעסען אַלס בעלעטריסט. — אַ נייער אינטערעס אין
מענשען. — אַ וויסענשאַפטליכער ענין. — מיין אַמביציע .. 210
רעדעס. — איינבילדונגס־קראַפט. — אַ מעלה און אַ חסרון. — שיל־
דערונגען. — אַנטוואָרטען אויף פראַגען פון אַנאַרכיסטען .. 215
פיליפּ קראַנץ. — „די צוקונפט“. — מאָריס הילקאָוויץ. — לואי
מילער. — זאַמעטקין. — ב. פייגענבוים. — מאָריס ראָזענ־
פעלד. — ג. זעליקאָוויטש 228

זיבעטער קאַפּיטעל

אַ אינהאַלטס־רייכער זומער.

אין באָסטאָן. — מיסעס מעררי־פיעלד. — ספּיריטואַליזם 231
סיימאָן ווינג. — מיסעס אייוועריַ. — אויף דער קאָממאָן. — פּאַט־
נעם. — קעססאָן. — אַן ענטוישונג. — ראַוד. — י. פינן.. 237
האָומסטעד. — פריק. — אַלעקסאַנדער בערקמאַן'ס שאָס 245
עדואַרד בעלאַמי — זיינע „נאַציאָנאַליסטישע קלאָבס“. — די זילבער
פראַגע. — פּיפּעלס־פּאַרטי 247
אַ אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ אין פּיטסבורג. — אין האָומסטעד 255
ווידער אין לאָנדאָן. — אין מאַנטשעסטער. — ביי די עוועלינגס .. 261
אַן אָוועגט ביי פרידריך ענגעלס'ן 263

אַכטער קאַפּיטעל

פון אָקטאָבער 1892 ביז דזשוליי 1893.

מיין ברודער. — אונזער באַגעגעניש 268
די אַנאַרכיסטען פארלירען צוויי פון זייערע פיהרער. — ר. לואיס
און גירזשדאַנסקי ערקלערען זיך פאַר סאָציאַל־דעמאָקראַטען.. 271
י. ל. פּרץ. — יוניווערסיטי סעטלמענט. — סעטה לאָו. — ראַבינ־
סאָן. — 146 פאָרסייטה סטריט. — —פּאָלדינג, סטאָווער, עדואַרד
קינג. — גודדעיל 274
בעלאמי'ס קלוב אין ניו יאָרק. — דעניעל דע־ליאָן 280
אין פילע שטעדט. — העןפאָרד. — אַ אידישער פּאָליסמאן. — אַ
פּאָר שטונדען הינטער גראַטעס. — דר. קראוסקאָפּף. — וואַלטער
ווראָמען. — גודדעיל'ס אָנקעל. — פייגענבוים'ס טריִעל 284
די שוויץ סיסטעם. — די לאַגע פון די אידישע ארבייטער. — וואוי־
נונגען. — אונזער דאָפּעלטע ארבייט 289

ניינטער קאַפּיטעל

מיין דריטע רייזע קיין אייראָפּאַ.

דער רייזע־פּלאַן. — פּאָלדינג. — אין לאָנדאָן. — באַראַנאָוו. — אין
בריסעל. — וואָלדערס 293
אין בערלין. — ביי בעבעל'ן. — ביי זינגער'ן. — אין רייכסטאַג. —
וואָלמאַר. — בעבעל'ס רעדע. — קלאַרא צעטקין 299

איך זעה זיך מיט מיינע עלטערן. — אין ווילנע. — ריעוויעקא׳ס טאן — די באגעגעניש. — מיין מוטער. — מיין פאטער — מיין מוהמע. — רעוויעקא. — חות׳לע .... [illegible]
עלף טעג. צוזאמען. — וויקטאר אדלער. — דר. עלענבאגען. — איך זעגען זיך מיט מיינע עלטערן .... [illegible]
אין צוריך. — פאול אקסעלראד. — טאריס ווינטשעווסקי. — פריע־ כאנאוו. — ווערא זאסוליטש — אידישער הומאר .... [illegible]
אויפ׳ן קאנגרעס. — אמעריקאנער דעלעגאטען. — ווידער טעריליגא. — איך באקום דאס ווארט. — רע־ליאן. — געראגארדי שטא. — די „יונגע״ .... [illegible]
סערגעי שעווימש. — זיין קלאגע. — דער באשלוס .... [illegible]
א קבלת־פנים פאר יונגערס׳ן — די פראנצויזישע רעוואלוציאן — איך האלט א פארטראג אין צוריך. — זשיטלאווסקי — „טאר־ ווארס״ .... [illegible]
בורציעוו. — איך פאהר אויף „ריגי קולם״. — א וואונדערבארע נאכ־ טור־סצענע. — די רייזע קיין פאריז .... [illegible]
ווידער אין פאריז. — לאווראוו — גנאטאווסקי — אן אטאמאראיל — אין לאנדאן. — א דעבאטע. — איך פאהר צוריק אין אמעריקא .... [illegible]

צעהנטער קאפיטעל

אין די יאהרען פונ׳ם אמעריקאנער קריזיס.

רעליעף. — אטאקעס פון אנארכיסטען. — א געשלעג. — א קאנזימע ביים מעיאר. — קאקסי׳ס „ארמיי״ .... [illegible]
די „צוקונפט״. — מאריס ווינטשעווסקי. — א ליונחון. — „רעוואלוציאנעו שווייג״. — א רעקטשור־טור — פרענק געטסנער. — „רעאי־ נעריצף״. — דער „אבענד־בלאט״ .... [illegible]
א שטורמדיגער ארבייטער־קאמף — יודזשין וו. דעבס — גאווערנאר אלטגעלד און פרעזידענט קליוולענד. — „רעוואלוציע״? — .... [illegible]
די לעקסאו קאמיטע. — „רויטע ליבע״. — גאף — יונגאמאי ריגש אן אנארכיסט ערמארדעט דעם פראנצויזישען פרעזידענט — ושאן זשארעס. — יוניאנס און פאליטיק — טעכניקאנט — ווידער אין וואשינגטאן. — ביי קוירנעל חינטאנ׳ען .... [illegible]
אין דער „ארבייטער־ציימונג״. — ש. פעסקין. — ר גאזידאוו — ב. גארין. — ז. ליבין. — א קאטשע. — א זאגדערוארער איך א סאציאליסטישער אלדערמען 871
אפערא 876

עלפטער קאפיטעל

„דעליאניזם״.

צוזאמענשטויס אין דער „אסאסיאיישאן״. — ווי אזוי וועגען דעם סכסוך ווערט דערצעהלט אין בורגינ׳ס „געשיכטע״ .... [illegible]
מיינע באציהונגען צו דעליאנ׳ען — די מאטהערן געשיכטע — מיינע ארויסטרעטונגען געגען דע־ליאנ׳ען — וואס מאכט .... [illegible]
איך ברענג פאר די דע־ליאן פראגין פאר די אידישע געגאנען און פאי־ דורך. — דע־ליאנ׳ס כאראקטער — זיין גואל .... [illegible]
מילער׳ס באשולדיגונג געגען דעם פארוואלטונגס־ראט — די „קליי־ קע״. — עס ערשיינט דער „אבענד־בלאט״. — דער רעדאקטאר איז קראנק .... [illegible]

„פון אַ וואָרט אַ קוואָרט”. — „צוויי שדוכים”. — ענגעלס'עס טויט.
— באַראַנאָוו קומט קיין אַמעריקא. — אן אָפּעראַציע. — 5טער
„ארבייטער־ציימונג” געבורטסטאָג 408
„דער אמת”. — ווינטשעווסקי'ס אַרויסטרעטונג. — מילך'ס אַרטי־
קעל. — די וועבסטער האָל קאָנווענשאָן. — פּייגענבוים געגען
דער „קליקע”. — אלוואַרט. — דע־ליאָנ'ס „סאָשעליסט טרייד
ענד לייבאָר עליייענס”. — דער שידעס־געריכט 413
אַ רעדע ביים „ארבייטער־רינג פאראיין”. — לעקטשורס און רעדעס.
— אַ צווייטער באַזוך אין ראָטשעסטער. — אין אַ דול־הויז.. 421

צוועלפטער קאַפּיטעל

ווי אַזוי עס איז געקומען צו דער גרינדונג פון „פאָרווערטס”.

אין הארלעם. — נייע וואוינונגען. — ניו יאָרק וואַקסט מיט אַ
מאַשינאָווען וואוקס. — דער ריעל עסטייט „בום” 426
„יעקל”. — „דעפּוטאַטען” אָדער „לאָרדען”? — מילער. — אַ פּריי־
ענם קאָנפערענץ. — אוים „ארבייטער־ציימונג” 435
די „גענעראַל־שלאַכט”. — וואָס מאַקס פּיין געדענקט וועגען יענעם
אָוונט. — 52 אָפּאָזיציאָניסטען פאַרלאָזען דעם מיטינג 441
אין דעם שמאָלען לאַנגען האָל מיט דעם נייעם קאַרפּעט. — די „פּרעס
קלאָבס”. — אונפאַרגעסליכע סצענעס 450
די קאָנווענשאָן פון 30טען יאַנואַר, 1897. — דער נאָמען „פאָר־
ווערטס”. — איך ווער ערוועהלט רעדאַקטאָר. — אַ דורכפאַל אין
פילאַדעלפיא. — אן ערצעהלונג אין „קאַסמאָפּאַליטען” 454

דרייצעהנטער קאַפּיטעל

ערשטע מאָנאַטען פון „פאָרווערטס”.

די רעדאַקציע אויף דואיין סטריט. — יעקב גאָרדין. — מילער. —
ווינטשעווסקי, זאַמעטקין. — ליעסין קומט קיין אמעריקא .. 459
ערשטע נומערן זונטאָגס־„פאָרווערטס”. — מיטאַרבייטער. — אר־
טיקלען. — אַדווערטייזמענטס 462
מיינונגס־פאַרשידענהייטען וועגען דער טאַקטיק פון „פאָרווערטס”.
— „פרייע פּרעסע”. — דער שניידער־סטרייק............. 475
דע־ליאָן וויל אויסשליסען ניין „פאָרווערטסיסטען” פון דער פּאַרטיי.
— ער פאַלט דורך און אונטער דעם נאָמען „רעאָרגאַניזאַציאָן”,
שליסט ער אויס דריי הונדערט 483
יודזשין וו. דעבס ווערט אַ סאָציאַליסט. — זיין „סאָשעל דעמאָ־
קראַסי”. — הורוויטש. — מיר ווערען מיטגלידער פון דער
„סאָשעל דעמאָקראַסי” 487
איך געה אַוועק פון „פאָרווערטס” 491

בילדער אין דריטען באנד:

בייַ פּייַדזש

לואי מילער — — — — — — — — — — — — — — — — 15

מאָרים הילקאָוויץ (הילקוויט) — — — — — — — — — — 19

פיליפ קראַנץ — — — — — — — — — — — — — — — 29

פּיטער זיסמאַן — — — — — — — — — — — — — — 91

מאָרים ווינטשעווסקי — — — — — — — — — — — — — 111

י. רובאַנאָוויטש — — — — — — — — — — — — — — 151

עטליכע פון די דעלעגאַטען אויפ'ן בריסעלער קאָנגרעס (ערשטע גרופּע) — — — — — — — — — — — — — — 162

אַ צווייטע גרופּע פון די דעלעגאַטען אויף דעם בריסעל'ער קאָנגרעס — 169

זשאַן וואָלדערס — — — — — — — — — — — — — — 173

יעקב גאָרדין (אין 1892) — — — — — — — — — — — 189

ב. פייגענבוים — — — — — — — — — — — — — — — 231

סיימאָן ווינג — — — — — — — — — — — — — — — 239

סקווייר פּאַטנעם — — — — — — — — — — — — — — 243

מאָררים ראָוד — — — — — — — — — — — — — — — 247

עדוואַרד בעללאַמי — — — — — — — — — — — — — 255

איזידאָר קאַהאַן (מיין ברודער) — — — — — — — — — — 269

דזשיימס ק. פּאָלדינג — — — — — — — — — — — — — 297

פּאָול זינגער — — — — — — — — — — — — — — — 301

קלאַראַ צעטקין — — — — — — — — — — — — — — 305

וויקטאָר אַדלער — — — — — — — — — — — — — — 313

פּאָול אַקסעלראָד — — — — — — — — — — — — — 319

געאָרג פּלעכאַנאָוו (אין 1893) — — — — — — — — — 323

אָוגוסט בעבעל — — — — — — — — — — — — — — 333

אב. קאַהאַן (אין 1893) — — — — — — — — — — — 347

אב. קאַספּע — — — — — — — — — — — — — — — 373

דעניעל דע־ליאָן — — — — — — — — — — — — — 379

מ. באַראַנאָוו — — — — — — — — — — — — — — 413

אַלעקסאַנדער יאָנאַס און לוסיען סעניעל — — — — — — — 419

א. ליעסין (וואָלט) — — — — — — — — — — — — — 463

זיבען יאָהר קהל'שע טעטיגקייט

(א ווערטערבוך פאר ניט־אמעריקאנישע לעזער געפינט זיך ביים סוף
פון צווייטען באַנד).

ערשטער קאפּיטעל

ווי אזוי ס'איז געגרינדעט געוואָרען די „אַרבייטער צייטונג".

.1

ערשטער ראדיקאלער אידישער צוזאמענפאהר. — אנאר־כיסטען און סאָציאל־דעמאָקראַטען. — לואי מילער. — ר. לואיס. — פּרענער.

אין די אכט יאָהר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין אמעריקא, איז די צאָהל אידיישע ארבייטער דאָ שטאַרק אויסגעוואקסען. אויך איז אויסגעוואקסען די צאָהל פאָרטגעשריטענע אימיגראַנטען. עס האָט זיך געפיהלט א באַדערפניש אין א פאָרטגעשריטענער פרעסע, מיט אנדערע ווערטער — אין א סאָציאַליסטישער פרעסע; וואָרים די פאָרטגעשריטענע מענשען פון דעם אידישען קוואַרטאל זיינען געוועזען סאָציאַליסטיש געשטימט, און צו זייער קלאַס האָבען געהערט די גייסטיגע פיהרער פון די אידישע בעל־מלאכה'ס.

אין דעם צווייטען באַנד האָב איך דערצעהלט וועגען דעם פראָפאגאנדא־פאַראיין פון 1882. ער האָט גענומען זאמלען א פאָנד אויף א אידיישער צייטונג; צו קיין רעזולטאַטען האָט דאָס אָבער ניט געפיהרט. די באַוועגונג איז געווען צו אָרים. עס זיינען אויך דערמאָנט געוואָרען די צוויי סאָציאַליסטישע וואָכען־שריפטען (פריוואַט־אונטערנעהמונגען): „די נייע צייט" און די „פאָלקס־צייטונג", פון וועלכע די ערשטע האָט זיך געהאַלטען נאָר א מאָנאַט, און די צווייטע — א פּאָר יאָהר. שפּעטער, שוין

נאָהענט צו דער צייט, ביי וועלכער מיר האלטען דאָ, האָבען די אידישע אנארכיסטען געגרינדעט א וואָכענבלאט מיט'ן נאָמען „וואהרהייט". זי האָט אויך געהאט א שווערען עקזיסטענץ־קאמף און האָט געלעבט ביי א יאָהר צייט.

אין 1889 איז די ראדיקאלע אימיגראנטען־באפעלקערונג געווען אָהן א פרעסע. די איינציגע צייטונג, וואָס די אידישע אימיגראנטען האָבען דאן געהאט, איז געווען „די גאזעטען" פון כתריאל סאראזאָן, אַן אָרטאָדאָקסישע וואָכען־בלאט, וועלכע איז געווען געשריבען אויף א מין „עברי־טייטש".

די אידישע סאָציאליסטען האָבען צווישען זיך אָפט באַשפּראָכען די פראגע וועגען שאפען א צייטונג וואָס זאָל רעפּרעזענטירען זייער שטאנדפונקט. זיי האָבען אָבער ניט געהאט די מיטלען דערצו.

ענדליך, אין אָנהויב פון 1890, איז אזא צייטונג געגרינדעט געוואָרען, און איהר איז באשערט געווען צו שפּילען א וויכטיגע ראָלע.

ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, עקזיסטירט שוין דער „פאָרווערטס" איבער ניין־און־צוואנציג יאָהר, און איז שוין לאנג די גרעסטע אידישע צייטונג אין דער וועלט און א ריזיגער איינפלוס אין דעם אידישען לעבען; און דער „פאָרווערטס" איז אייגענטליך א פאָרטזעצונג פון דער צייטונג, וועגען וועלכער איך וועל דאָ דערצעהלען. די זיבען יאָהר, וועלכע וועלען באהאנדעלט ווערען אין דיזען באנד, זיינען אַן הקדמה צו די 29 יאָהר „פאָרווערטס".

דער ערשטער שריט, וועלכער האָט געפיהרט צו דער גרינדונג פון יענער צייטונג, איז געמאכט געוואָרען פון דער אַנאַרכיסטישער אָרגאניזאציע, וועלכע האָט מיט א געוויסער צייט פריהער ארויסגעגעבען די „וואהרהייט". אזוי ווי מיט אייגענע קרעפטען שאפען און אויפהאלטען אַן אָרגאַן איז זי ניט געווען אימשטאנד, האָט זי זיך געווענדעט צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטען *)

*) אין יענע יאָהרען האָבען די אידישע סאָציאַליסטען פון אַמעריקא זיך מייסטענס גערופען „סאָציאַל־דעמאָקראַטען" — דער

מיט אַ פאָרשלאַג, אַז ביידע פּאַרטייען זאָלען מיט געמיינשאַפט־ליכע קרעפטען גרינדען אַן „אונפּאַרטייאישע" צייטונג.

דעם לעזער, וועלכער איז דורך דיזע „בלעטער" שוין באַקאַנט מיט דעם תהום וואָס איז געלעגען צווישען די צוויי טעאָריעס, וועט דער פאָרשלאַג אויסקומען זאָנדערבאַר. ווי אַזוי איז דאָס מעגליך פאַר אַזעלכע שאַרף־געגענגעזעצטע פּאַרטייען ארויסצוגעבען איין אָרגאַן? — וועט ער פרעגען. און דאָך, ווען די אַנאַרכיסטען האָבען צו דיזען צוועק גערופען אַ צוזאַמענ־פאָהר, האָבען זיך אָפּגערופען אָרגאַניזאַציעס — טרייד יוניאָנס, פעראיינען און פּאַרטיי גרופען — פון ביידע ריכטונגען. די שטימונגען און געדאַנקען, וואָס האָבען זיך אין דעם אויסגע־דריקט, וועלען דעם לעזער קלאָר ווערען פון די ווייטערע פּאַסי־רונגען. פאָרלויפיג איז פאַר אונז וויכטיג נאָר דער פאַקט, אַז אויף דעם רוף פון די אַנאַרכיסטען האָבען זיך אָפּגערופען סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי גוט ווי אַנאַרכיסטישע, און אַז דעלעגאַטען צו דער אונפּאַרטייאישער קאָנווענשאָן זיינען אויסגעוועהלט געוואָרען אין ניו יאָרק און אין עטליכע אַנדערע אַמעריקאַנער שטעדט.

די קאָנווענשאָן אָדער צוזאַמענפאָהר, ווי מען האָט דאָס גערופען, איז פאָרגעקומען אין דער וואָך פון קריסטמעס, 1889, אין ניו יאָרק, אויף גרענד סטריט (אויף דער זייט, וואָס געפינט זיך

נאָמען פון זייערע גענאָסען אין דייטשלאַנד און אין איניגע אַנדערע לענדער. דער וואָרט „סאָציאַליסט" האָט דאַן געהאַט אַן איגענאַרטיגען קלאַנג. מיט עטליכע יאָהר פריהער האָבען דאָס רוב אַנאַרכיסטען זיך אויך גערופען „סאָציאַל־דעמאָקראַטען". אַבער נאָכהער האָבען זיי אנשטאָט דעם וואָרט „דעמאָקראַטען" גענומען ברויכען דעם וואָרט „רעוואָלוציאָנערען". זיי האָבען זיך, אַלזאָ, גערופען „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען", אום זיך אָפּצוטיילען פון די „סאָציאַל־דעמאָקראַטען" (זעה מיין באַנד, פּיידזש 141). מען דאַרף געדענקען, אַז אידישע סאָציאַליסטען האָבען זיך דאַן געפונען אונטער דעם איינפלוס פון זייערע דייטשע גענאָסען, און אין דייטשלאַנד ווערט דער וואָרט „סאָציאַל־דעמאָקראַט" געברויכט אַ סך מעהר ווי דער וואָרט „סאָציאַליסט". דער אָפיציעלער נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי".

צו ברום סטריט צו), אין דעם בלאָק צווישען עסעקס און לאָדלאָו, וועלכער פלעגט דינען אלס א מארקעט פון גרינסען און גראָסערים.

דאָס איז געווען די ערשטע קאָנווענשאָן פון ראדיקאלע אידען אין אמעריקא.

עס איז אויסגעקומען אין דער צייט פון מיין העכסטען אינטערעס אין דעם „וואָירקמען'ס עדוואָקייט" און אין דער אמעריקאנער סעקשאָן פון דער סאָציאליסטישער ארבייטער פארטיי. אין דער אידישער באוועגונג האָב איך דאן אנטייל גענומען נאָר אלס רעדנער אויף מאס־מיטינגען פון צייט צו צייט, און אמאָל אלס לעקטשורער אויף א רוסישער פארזאמלונג. קיין מיטגליד פון דער אידישער פארטיי־גרופע בין איך ניט געווען. אלזאָ, בין איך ניט געווען קיין דעלעגאט צו דעם צוזאמענפאָהר. איך האָב איהם באזוכט — טיילווייז אויס נייגעריגקייט, אָבער הויפטזעכליך מיט דעם צוועק צו זעהן זיך מיט י. פינ'ען פון באָסטאָן, וועלכער איז געווען איינער פון די דעלעגאטען, און איהם אָפצוצאָהלען מיט אויפמערקזאמקייט פאר דער גאסטפריינדליכקייט וואָס ער האָט מיר ארויסגעוויזען דריי־פיר מאָנאט פריהער, ווען איך האָב באזוכט באָסטאָן.

די זיצונגען זיינען פארגעקומען אין א קליינעם האלב־טונקעלען זאל, און דעלעגאטען זיינען געווען 47. זיי האָבען פארטראָטען 31 אָרגאניזאציעס (א געוויסער טייל פון די דעלעגאטען זיינען געווען „פּראקסים"). זיי זיינען געזעסען צוזאמענגעשפארט, און איבער דער לענג פון דעם צימער האָט זיך געצויגען א שטריק — דער גרענעץ צווישען די דעלעגאטען און דעם פּובליקום. אין פארגלייך מיט אונזערע היינטיגע קאָנווענשאָנס איז דאָס געווען א גאנץ נעבעכדיגע פארזאמלונג.

אָנשטאָט צוויי פארטייען וואָס קומען זיך צוזאמען מיט דעם צוועק זיך צו פאראייניגען אין איין געמיינשאפטליכער אונטערנעמונג, האָט מען דאָ געפונען צוויי ביטער־פיינדליכע לאַגערען.

דער אָנפיהרער פון די סאָציאל־דעמאָקראטען איז געווען לואי מיללער, וועלכער איז שוין דערמאָנט געוואָרען אין צווייטען באנד, און דער אָנפיהרער פון די אנארכיסטען — ר. לואיס. צווישען די אנדערע סאָציאל־דעמאָקראטישע דעלעגאטען זיינען

געווען: מאָריס הילקאָוויץ, מ. זאַמעטקין, בערנאַרד וויינשטיין און ס. זוסמאַן. צווישען די דעלעגאַטען פון די אַנאַרכיסטען זיינען, אויסער לואיס'ן, געווען: פּרענער, מ. קאַץ, זאָלאָטאַראָף און דער פּאָעט עדעלשטאַדט. יאָזעף באַראָנדעס איז געווען אַ דעלעגאַט פון דער ניו־פּענטס מייקערס יוניאָן.

די אַנאַרכיסטען זיינען דאַן געשטאַנען אויף דעם העכסטען שטאַפּעל פון זייער פאַנאַטיזם. זיי האָבען געגלויבט אין יענער ווילדער פּראָגראַם, וועלכע עס האָבען מיט דרייסיג יאָהר שפּע־טער אָנגענומען די וואָרט־פיהרער פון דעם דריטען אינטער־נאַציאָנאַל. אַלץ, וואָס איז געטאָן געוואָרען אין דער אַרבייטער־באַוועגונג צו דערגרייכען עפּעס אַ באַלדיגע פאַרבעסערונג, האָבען זיי פאַרדאַמט אַלס „פּאַליאַטיוועו", אַלס רפואות, וואָס העלפען נאָר אויף אַ ווייַלע און דינען אַלס געפעהרליכער קאָמפּראָמיס מיט קאַפּיטאַל. זיי האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל זיך גלייך נעמען צו אַ רעוואָלוציע.

אַמעריקא איז דאַן געווען נאָך אַ סך ווייטער פון סאָציאַליזם ווי היינט. זעהר ווייניג פון איהרע איינוואוינער האָבען געהאַט דעם קלענסטען באַגריף וואָס דאָס איז אַזוינס. דאָך האָבען די אַנאַרכיסטען געפאָדערט, אַז מען זאָל דאָ פּרעדיגען אַ באַלדיגע סאָציאַלע רעוואָלוציע, און ניט נאָר פּרעדיגען, נאָר גלייך „עפּעס טאָן" אויך. זיי האָבען גערעדט וועגען וואַרפען באָמבעס, אַזוי ווי די רוסישע טעראָריסטען האָבען דאָס געטאָן אין זייער קאַמף געגען דער צאַרישער רעגירונג. די לאַגע איז אין אַמעריקא נאַ־טירליך געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי אין רוסלאַנד. ווי מיר האָבען שוין געזעהן, האָבען די רוסישע רעוואָלוציאָנערען אַליין ערקלערט, אַז אין אַמעריקא צו געברויכען געוואַלט־מיטלען איז אַ פאַרברעכען. אָבער די אַנאַרכיסטען האָבען דיזען אונטערשייד איגנאָרירט. זיי האָבען געפאָדערט געוואַלט־מיטלען. דעם טרייד־יוניאָניזם האָבען זיי פאַרדאַמט אַלס אַ מיטעל צו פאַרבלענדען דעם אַרביי־טער די אויגען און איהם אָוועקצוציהען פון דער רעוואָלוציע.

גלייך דעם ערשטען נאָכמיטאָג, ווען איך האָב באַזוכט דעם צוזאַמענפאָהר, האָב איך פון אַן אַנאַרכיסטישען רעדנער געהערט פלאַמענדע ווערטער אין דיזען זין. דאָס איז געווען דער אויבען־

דערמאָנטער פרענער, א דעלעגאט פון פילאדעלפיא, א יונגינקער, א שעהנינקער, מיט אַ עהרליכען פנים און מיט א קלינגענדער ווארימער שטימע. ער איז געווען דער בעסטער רעדנער ביי די אַנאַרכיסטען. ער איז ארויפגעשפרונגען אויף א טשער און מיט זיין קלינגענדער שטימע האט ער ווילד אטאקירט די סאָציאַל־דעמאָקראטען און די יוניאָנס.

„נידער מיט אלע יוניאָנס! — האט ער געשריען — נידער מיט אלע פאָליאַטיוון וואָס פארפיהרען דעם ארבייטער!“

איך בין דאן שוין געווען פאָלשטענדיג פריי פון מיין אמאָליגער אַנארכיסטישער פארווירונג; אלזאָ, זיינען פרענער׳ס אויסגעשרייען מיר אויסגעקומען משוגע. אָבער די אויפריכטיגקייט און באגייסטערונג, וואָס האט געקלונגען אין זיין טאָן, האט מיר כמעט געריהרט. איך האָב איהם באטראכט אלס א היציגען קינד. די קאָנפערענץ האט מיך שטארק פאראינטערעסירט.

אין מיינע געשפרעכען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראטישע דעלעגאטען האָב איך אויסגעדריקט פארוואונדערונג, וואָס זיי באַטייליגען זיך אין א קאָנווענשאָן צוזאמען מיט די אנארכיסטען, און ווי אזוי זיי קענען זיך גאָר באטייליגען אין בעראטונגען, וואו עס האנדעלט זיך ווענען ארויסגעבען א צייטונג מיט זיי צוזאמען. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז אין דעם זעלבען זין רעדען צווישען זיך די פיהרער פון די סאָציאַל־דעמאָקראטישע דעלעגאטען אויף זייערע „קאָקוסען“ אָדער פריוואט־פארזאמלונגען; אז זייער צוועק איז געווען אויף דער קאָנווענשאָן צו פרעדיגען א באזונדערע ריין־סאָציאַליסטישע צייטונג און טרייען צו געווינען פאר זייער פלאן אזוי פיל דעלעגאטען ווי מעגליך.

אויף מאָרגען בין איך ווידער געקומען.

פריהער פאר דעם צוזאמענפאָהר זיינען די מיטגלידער פון די צוויי לאגערען פערזענליך געווען פריינדליך צווישען זיך. זיי פלעגען זיך אָפט באגעגענען, אָפּהאלטען רוסישע מיטינגען צוזאמען. דיזע קאָנווענשאָן האט מען גערופען מיט׳ן צוועק זיי אין גאנצען צו פאראייניגען אלס ארויסגעבער פון איין צייטונג; און דער רעזולטאט איז געווען, אז דאָ ערשט האָבען זיך די צוויי לאגערען גענומען זידלען.

לואי מילער (אין 1892).

כמעט מיט יעדער מינוט, וואָס די דעבאַטען זיינען אָנגע־גאַנגען, איז שאַרפער געוואָרען די פאַרביסענקייט.

לואי מילער האָט גערעדט געגען דעם פאָרשלאַג, אַז מען זאָל אַרויסגעגעבען אַ געמיינשאַפטליכע צייטונג, און ר. לואיס און פרע־נער האָבען איהם ביטער אַטאַקירט דערפאַר. עס האָט זיך גע־ענדיגט מיט אַ ווילדער סצענע פון געגענזייטיגע באַשולדיגונגען און שאַרפע אויסדרוקען, און אין דיזער מישענינע איז דער צוזאַ־מענפאַחר צושפּרונגען געוואָרען.

דאָס, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ פאַראייניגונגס־קאָנפערענץ, האָט אין אמת'ן געדינט אַלס דער ערשטער ביטערער צוזאַמענ־שטויס פון מענשען וועלכע זיינען זיך געוואָרען בלוט־שונאים.

.2

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָנפערענצען. — מאָרים הילקאָ־וויץ. — איך ווער שטאַרק פאַראינטערעסירט.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיינען אַוועק אָפּהאַלטען אַ קאָנ־פערענץ וועגען אַרויסגעבען אַן אייגענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג, און, אויף זייער איינלאַדונג זיך צו באַטייליגען אין די באַראַטונגען, בין איך מיט זיי מיטגעגאַנגען. אייניגע פון אונ־זערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גענאָסען זיינען מיט אונז ניט מיט־געגאַנגען. זיי זיינען אַוועק צוזאַמען מיט די אַנאַרכיסטען, אַלס אָנהענגער פון אַן אונפּאַרטייאישער צייטונג (זאַמעטקין איז אַוועק מיט די „אונפּאַרטייאישע").

מיר זיינען אַוועק אין אַ פּריוואַט הויז, אין נאָרפאָלק סטריט, וואו עס האָט געוואוינט אַ פאַמיליע מיט'ן נאָמען וויינמאַן, אַן אַלמנה מיט עטליכע זיהן, פון וועלכע דריי זיינען געוועזען טעטיגע מיטגלידער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע. דאָרטען האָבען מיר פאַרבראַכט עטליכע שטונדען, באַטראַכטענדיג די אויסזיכטען פאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג און פאַר־שידענע מיטלען צוזאַמענצושטעלען דעם נויטיגען פאָנד. איך

בין פאראינטערעסירט געוואָרען און האָב אנטייל גענומען אין די ווייטערדיגע קאָנפערענצען אויך.

עס זיינען אָפּגעהאלטען געוואָרען פילע מיטינגען אזעלכע. מיר זיינען זיך צוזאמענגעקומען כמעט יעדען אָוונט.

עס איז באשטימט געוואָרען אז די צוקונפטיגע צייטונג זאָל הייסען „ארבייטער צייטונג״. מיר האָט זיך געוואָלט עפּעס אַן אָריגינעלערער נאָמען. אָבער אונטער די אומשטענדען, וואָס האָבען דאן עקזיסטירט, איז דיזער נאָמען באטראכט געוואָרען אלס דער בעסטער.

דער וויכטיגסטער מיטגליד פון דער גרופּע, אויסער מילער׳ן, איז געווען א גאנץ יונגער מאן, וועלכער איז געקומען קיין אמעריקא מיט צוויי יאָהר פריהער — דער אויבען־דערמאָנטער מאָריס הילקאָוויץ *). ער איז געווען א ריגער גימנאזיסט, א געבילדעטער, א פעהיגער, א קלוגער און אַן איידעלער. ער האָט גוט געקענט אי רוסיש, אי דייטש. אויף דיזע באראטונגען בין איך מיט איהם באקאנט געוואָרען צום ערשטען מאָל. מיר זיינען באפריינדעט געוואָרען און פלעגען זיך זעהן זעהר אָפט.

די ערשטע צייט האָב איך אנטייל גענומען ניט ווי איינער פון דער גרופּע, נאָר עפּעס ווי א ווייטער קרוב. מיין הויפּט־אמביציע האָט דאן געהאַט א שייכות צו דעם ענגלישען זשור־נאליזם און ניט צו דעם אידישען. די זונטאָג־רעדאקטאָרען פון דער „סאָן״, „סטאר״ און „פּרעס״ האָבען מיר פּאָראויסגעזאָגט א צוקונפט אלס ענגלישער זשורנאליסט, און עהנליכע קאָמפּלימענ־טען האָב איך באקומען פון די רעדאקטאָרען פון דעם „וואָירק־מען׳ס עדוואָקעיט״, בושע און לוסיען סעניעל. קיין באשטימטע שטרעבונג צו דער ענגלישער ליטעראטור האָב איך נאָך דאן ניט געהאט; אָבער אויף מיין אנטייל אין דער אמעריקאנער פּרעסע האָב איך געלעגט גרויסע האָפנונגען.

---

*) שפּעטער האָט ער דעם נאָמען הילקאָוויץ געענדערט אויף הילקוויט.

דאָך, די פראַגע ווי אַזוי צו פאַרשפּרייטען סאָציאַליזם און אַלגעמיינע קולטור צווישען אונזערע אידישע מאַסען, האָט מיר אימער אינטערעסירט. דעריבער האָט מיר איצט אינטערעסירט די צוקונפטיגע „אַרבייטער צייטונג" און מיך האָט געצויגען מיט־צוהעלפען אין איהר. צוערשט איז דאָס אָבער געווען ניט מעהר ווי אַן אינטערעס אין אַ צייטיגער זאַך, אַ „שבת'דיגער" אינטע־רעס אין אַן אונטערנעמונג פון אונזער פּאַרטיי.

איך האָב געהאַט אַ נאָהנטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם אידי־שען לעבען און ערפאַהרונגען מיט דעם אַמעריקאַנער זשורנאַליזם. איך האָב געהאַט אַ קלאָר־באַשטימטען באַגריף ווי אַזוי אַזאַ וואָכען־שריפט ווי די „אַרבייטער צייטונג" דאַרף אַרויסגעגעבען ווערען, און איך האָב מיינע איבערצייגונגען אויסגעדריקט אויף אונזערע קאָנפערענצען.

מילער און הילקאָוויץ זיינען צו מיינע ערקלערונגען געווען גלייכגילטיג. זיי זיינען מיט דעם ענין איינפאַך ניט געווען באַ־קאַנט. ערשטענס, האָבען זיי ניט באַקומען קיין עכט־אידישע ערציהונג און ניט געווען אַזוי באַקאַנט מיט דעם אידישען לעבען ווי איך. דער גייסט פון אונזערע מאַסען איז זיי געווען פרעמד. צווייטענס, זיינען זיי געווען אינגער און „גרינער" פון מיר. מילער איז געקומען מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער ווי הילקאָוויץ, אָבער ער איז נאָך אויך ניט געווען גוט באַקאַנט מיט דער ענג־לישער שפּראַך און נאָך ווייניגער מיט דעם זשורנאַליזם לויט די פאָדערונגען פון די אַמעריקאַנער אומשטענדען.

די באַציהונגען צווישען זיי און מיר האָבען געהאַט דעם פריינדליכסטען כאַראַקטער.

מילער'ס אַ שוועסטער, סאַשאַ, אַ זעלטען־שעהנע און סימ־פּאַטישע מיידעל, וועלכע פלעגט אָפט אַריינקומען צו אונז אין שטוב, איז קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען; און מילער, מיין פרוי און איך האָב פאַרבראַכט פילע שטונדען ביי איהר קראַנקען־בעט. מיר איז אויסגעקומען צו וואַכען איבער איהר, ווען די נשמה איז איהר אויסגעגאַנגען.

זינט דאַן פלעגען מיר זיך מיט מילער'ן אָפט זעהן. מיט

פארטיי־ענינים האט אונזער באקאנטשאפט צוערשט ניט געהאט צו טאָן; ווארים ער איז געווען פארטיפט אין דער אידישער און רוסישער באוועגונג (ער און סטאלעשניקאָוו האבען ארויסגעגעבען די רוסישע וואָכען־בלאט „זנאמיא”), ווערהענד איך האב מיין גאנצע פרייע צייט אָפּגעגעבען דער ענגלישער סעקשאָן און דעם ענגלישען אָרגאַן. איצט, אלזאָ, זיינען מיר זיך צוזאמענ־געקומען ניט נאָר אלס פערזענליכע פריינד, נאָר אויך אלס טעטיגע אנטייל־נעמער אין דער אידישער באוועגונג.

איך האב אויף איהם און אויף הילקאָוויץ'ן געקוקט ווי אויף אונערפאהרענע און וויינינג־אידישע מענשען, וואס ווילען ארויס־געבען א אידישע צייטונג. זיי, פון זייער זייט, ווידער, האבען אויף מיר געקוקט ווי אויף א גר, וואָס קומט אין זייער וועלטעלע מיט איינענע מיינונגען. די באציהונגען זיינען אָבער געווען אמת אנגענעהמע.

כמעט יעדען טאָג פלעג איך זיך באשליסען ביסלאכווייז זיך אונערפאהרענע און וויינינג־אידישע מענשען, וואס ווילען ארויס־בונגען. מיין אינטערעס פלעגט זיך אָבער ווידער צוברענען, הויפּטזעכליך צוליב דעם קאמף מיט די אנארכיסטען. און דורך דיזען קאמף זיינען די פארהעלטניסען צווישען מילער'ן, הילקאָ־וויץ'ן און מיר געוואָרען אלץ ווארימער. מיר פלעגען זיך אָפּט באזוכען, און ווען איך האב געהאט א שילער (א זוהן פון דעם אָדעסער חזן מינקאָווסקי), וועלכען איך האב געפערטיגט צו קאלעדזש, האט הילקאָוויץ, אלס געוועזענער גימנאזיסט און בריה אויף לאטיין, מיר ארויסגעהאָלפען מיט דעם, וואס ער האט איהם געגעבען ספעציעלע לעסאָנס אין דיזען געגענשטאנד.

עס זיינען אָפּגעהאלטען געוואָרען פילע מאס־מיטינגען, אויף וועלכע אונז סאָציאל־דעמאָקראטען איז אויסגעקומען צו פיהרען דיסקוסיעס מיט מענשען פון פובליקום, וואָס האבען סימפּא־טיזירט מיט דעם אנארכיסטישען געשריי וועגען אן אונפּארטייאי־שער צייטונג. איך בין געווען איינער פון די הויפּט־רעדנער אויף דיזע מיטינגען און דאָס האט מיר אין דעם קאמף ארייננעצויגען אלץ טיפער.

מאָריס הורקאָוויץ (הילקוויט). — פאָטאָגראַפירט אין 1901.

3.

פיליפ קראַנץ. — דער לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" און די צוקונפטיגע „אַרבייטער צייטונג" פון ניו יאָרק.

עס איז שוין געווען באַשטימט ווער עס זאָל זיין דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. דאָס איז געווען פיליפ קראַנץ, דער רעדאַקטאָר פון דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד". זיין אמת'ער נאָמען איז געווען יעקב ראָמבראָ; און אַזוי פלעגט ער זיך אונטערשרייבען אונטער די אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצען וואָס ער פלעגט שרייבען פאַר'ן „וואָסכאָד", דעם רוסישען מאָנאַטזשורנאַל פאַר אידישע אינטערעסען. מילער איז מיט איהם באַקאַנט געוואָרען דעם פאָריגען זומער, ווען זיי זיינען ביידע געווען אין פאַריז אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס, מילער אַלס דעלעגאַט פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יאָרק, און קראַנץ — אַלס דעלעגאַט פון דער אידישער באַוועגונג אין לאָנדאָן. קראַנץ האָט דאַן אָנגענומען מילער'ס פאָרשלאַג צו קומען קיין אַמעריקא רעדאַקטירען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידישע צייטונג. דאָס איז אַלזאָ פאָרגעקומען מיט עטליכע מאָנאַט איידער עס האָט זיך געעפענט דער אידישער צוזאַמענפאָהר אין ניו יאָרק.

די טענות פון די אַנאַרכיסטען וועגען אַן אונפּאַרטייאישער צייטונג האָבען געמאַכט אַן איינדרוק. דער וואָרט „אונפּאַרטייאיש" האָט אַ צויבער־קלאַנג. די ענטוויקעלטערע אַרבייטער האָבען פאַרשטאַנען, אַז די פאָדערונג האָט קיין זין ניט. די ברייטע מאַסען אָבער האָבען געוואוסט פון איין כּלל: אַז אונפּאַרטייאישקייט, איינינקייט, איז שעהנער ווי פּאַרטייאישקייט, צוטיילטקייט און רייסעריי (ביי אונז האָט מען די „אונפּאַרטייאישע" גערופען „פּאַרעווע לאָקשען"). אונטער דיזע אומשטענדען האָט קראַנץ פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטען געהאַט אַ ספּעציעלע באַדייטונג, וואָרים דער „אַרבייטער פריינד" פון לאָנדאָן איז געווען אַן אונפּאַרטייאישע צייטונג (ריכטיגער געזאָגט, אַ צוויי־פּאַרטיי־

אישע, ווארים די גרופּע וואָס האָט איהר ארויסגעגעבען איז באשטאנען פון סאָציאל־דעמאָקראטען און אנארכיסטען). עס האָט אלזאָ געהייסען, אז אפילו דער רעדאקטאָר פון יענער אונ־פּארטייאישער צייטונג איז .זיך פאר א פּארטייאישער צייטונג. · א נאָמען האָט קראַנץ געהאט א גוטען. די אידישע סאָ־ציאליסטען און אנארכיסטען פון לאָנדאָן האָבען איהם ליב געהאט. מען דאַרף באמערקען, אז די אנארכיסטען האָבען אין דער „אר־בייטער פריינד" גרופּע געהאט א מאיאָריטעט; און דאָך האָבען זיי איהם, דעם סאָציאל־דעמאָקראט, אנגענומען פאר זייער רע־דאקטאָר. דאָס אלץ האָט מען אין ניו יאָרק געוואוסט.

אחוץ דעם: דער לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד" איז געווען א הייליגטום ביי די אידישע אנארכיסטען און ביי די „אונפּארטיי־אישע" פון ניו יאָרק. אלץ וואָס איז ווייט איז צויבערליך. און אין יענער ווייטער וועלטעל, אין לאָנדאָן, איז קראַנץ געווען רעספּעקטירט פוןביידע פּארטייען. דעריבער האָט זיין נאָמען דאָ געהאט א מאגנעטיזם. אלזאָ, ווען מיר זאָלען קומען צום עולם און ערקלערען, אז אָט יענער קראַנץ, אָט דער וועלכען ביידע צדדים האָבען דאָרטען ערוועהלט צו פיהרען זייער אונפּארטיי־אישען „ארבייטער פריינד", וועט זיין אונזער רעדאקטאָר — וועט דאָס פאר דער ארבייטער צייטונג זיין א שטארקער אדווערטייז־מענט. אזוי האָבען די אידישע סאָציאל־דעמאָקראטען פון ניו יאָרק גערעכענט.

ווען איך בין מיט די אלע איינצעלהייטען באקאַנט געוואָ־רען, האָב איך זיך פאראינטערעסירט מיט דעם לאָנדאָנער „ארביי־טער פריינד". איך בין געווען נייגעריג צו זעהן וואָס פאר א צייטונג דאָס איז — ווי אזוי קראַנץ רעדאקטירט איהר. די וויינמאנס האָבען געהאט אַן איינגעבונדענעם יאהר־גאנג פון דעם „ארבייטער פריינד", און א געוויסען אָווענט האָב איך אין זייער פּארלאָר פארבראַכט לעזענדיג דעם דאָזיגען באנד. ווען איך בין פארטיג געוואָרען, און זיי האָבען ביי מיר געפרעגט מיין מיינונג, האָב איך געענטפערט, אז עס איז ניט געשריבען פּאָפּולער גענוג; אז אונזערע מאסען וועלען אזעלכע ארטיקלען ניט פארשטעהן און ניט אינטערעסירען זיך מיט זיי.

פון מיין מיינונג אַז די „אַרבייטער צייטונג" דאַרף זיין געשריבען אויף אַ גאַנץ איינפאַכען אידיש און אויף אַן עכט־אידישען שטייגער האָבען די ווייַנמאַנס שוין געוואוסט. האָב איך איצט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז ווען קראַנץ וועט קומען, וועט ער איינפאַרשטאַנען זיין מיט מיר. יעדענפאַלס, האָב איך באַמערקט, טאָר מען וועגען אַזעלכע זאַכען איצט ניט ריידען; מיר מוזען אַרויסווייזען פאָלשטענדיגע מיינונגס־איינינקייט.

„דער אַרבייטער פריינד" איז געווען אַ טרוקענע צייטונגעל. כמעט אַלע אַרטיקלען, אויסער די פעליטאָנען, זיינען געווען געשריבען אין אַ שפּראַך פון מענשען, וועמען דער עכטער גייסט פון דעם אידישען לשון איז פרעמד. קראַנץ (אַזוי ווי מילער און הילקאָוויץ) איז אין חדר געגאַנגען זעהר ווייניג. אידיש האָט ער געקענט גוט. זיין געשריבענע שפּראַך האָט געהאַט אַ קלאָרען איינפאַכען סטיל. עס האָט אָבער אין איהר געפעהלט דער עכט־אידישער אויסדרוק, די זאַפט פון אונזער לשון. דער איינציגער מיטאַרבייטער פון דעם „אַרבייטער פריינד", וועלכער איז געווען אַן אמת׳ער איד, איז געווען מאָריס ווינטשעווסקי (ער האָט נאָך דאַן געוואוינט אין לאָנדאָן). ער איז אַמאָל געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַ העברעאישער צייטונג, און צווישען לעזער פון לשון קודש איז ער געווען באַקאַנט אַלס אַן אויסגעצייכענטער שרייבער. אידיש האָט ער אויך געשריבען גלענצענד און ער האָט געהאַט אַ שעהנעם אידישען הומאָר, אָבער דאָס רוב פלעגט דיזער הומאָר זיינער אויך פאָדערען אַ געוויסען גראַד ענטוויקלונג ביי דעם לעזער. פאַר דִי גאַנץ איינפאַכע אידישע אַרבייטער איז זיין שפּראַך געווען אַ ביסעל צו הויך.

איך בין געווען טיף איבערצייגט, אַז ווען די „אַרבייטער צייטונג" זאָל אַרויסגעגעבען ווערען אויף דעם זעלבען אַרט ווי „דער אַרבייטער פריינד", וועט זי ניט האָבען קיין ערפאָלג. אַרום דעם „אַרבייטער פריינד" זיינען געשטאַנען איבערגעבענע, באַגייסטערטע אָנהענגער. זייער צאָל איז אָבער געווען קליין. מיין מיינונג איז געווען, אַז מיר דאַ אין אַמעריקא דאַרפען שאַפען אַ צייטונג, וואָס זאָל רעדען צו די הערצער און צו די מוחות פון גרויסע מאַסען.

עס איז לייכט געווען צו זעהן, אז קיין זשורנאליסט איז קראנץ ניט. איך האָב געוואוסט, אז ער איז אַ געבילדעטער מאַן, אָבער איך האָב פארשטאַנען (און שפּעטער איז מיין מיינונג באשטעטיגט געוואָרען פון מיין פּערזענליכער באקאנטשאפט מיט איהם), אז זיינע פעהיגקייטען פאסען זיך מעהר פאר אַ פּראָפע־סאָר, אַ געלעהרטען, ווי פאר אַ צייטונגס־מאַן; איך האָב אָבער געהאָפט אין שטאנד צו זיין איהם צו איבערצייגען, אז מען דארף די צייטונג פיהרען גאנץ אנדערש ווי דעם „ארבייטער פריינד". אונטער די אויבען־ערקלערטע אומשטענדען איז ער געווען די פאסענדסטע פּערזאָן צו זיין רעדאקטאָר. אלזאָ, האָב איך איהם אונטערשטיצט מיט אלע מיינע קרעפטען.

איך האָב דאן געגלויבט, אז איך וועל דער „ארבייטער צייטונג" אָפּגעבען נאָר אַ קורצע צייט, ביז זי וועט איינגעפונ־דעוועט ווערען. דערווייל אָבער האָב איך פאר דער אונטער־נעמונג געארבייט בוכשטעבליך טאָג און נאכט.

4.

„ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן". — דעבאַ־טען. — שטעך־ווערטער. — אַ קאָמיטע „פון פאָלק". — קאָפּענהיים. — דזשאָזעף בּאַראָנדעס. — פיליפּ קראַנץ.

אלע טעטיגע גענאָסען אונזערע, וואָס האָבען מיט אונז סימ־פּאטיזירט, האָבען זיך אָרגאניזירט אונטער'ן נאָמען „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן".

איך האָב אויפגעשריבען אַ ליפלעט, אין וועלכען עס איז ערקלערט געוואָרען דער צוועק פון דער צייטונג, און ער איז אָנ־גענומען געוואָרען פון דער אַסאָסיאיישאָן. מיר האָבען איהם אָפּגעדרוקט און פארטיילט מאסענווייז אויף די מיטינגען פון די אידישע יוניאָנס און אויף פארשידענע אנדערע פארזאמלונגען. די טעטיגסטע פון אונז, הויפּטזעכליך מילער, הילקאָוויץ און איך, זיינען אומגעגאנגען איבער די יוניאָנס האלטען רעדעס, אגיטירען פאר דער צוקונפטיגער צייטונג, בעטען אז מען זאָל ביישטייערען

צו א פאנד פאר איהר. מיר דריי און א פאר אנדערע האבען זיך מיט דעם באשעפטיגט יעדען אווענט. גלייך פון דער איוונינג סקוהל פלעג איך לויפען אויף די דאזיגע מיטינגען אדער אויף א קאנפערענץ פון א קאמיטע.

נאך אונז זיינען נאכגעגאנגען די רעדנער פון די אנאר־כיסטען. אויף יעדער פארזאמלונג, וואו מיר האבען גערעדט, האבען זיי גלייך נאך אונז גענומען דאס ווארט. זיי האבען אטאקירט אונזערע סאציאל־דעמאקראטישע ערקלערונגען, און הויפטזעכליך אונזער וואונש צו גרינדען א „פארטייאישע" צייטונג. זיי האבען געפאדערט שטיצע פאר זייער פלאן צו האבען א צייטונג, וואס זאל ארויסגעגעבען ווערען פון ביידע פארטייען צוזאמען.

עס איז ניט לייכט געווען פאנאנדערצוטרייבען דעם טומאן, וואס דער ווארט „אונפארטייאיש" האט אריינגעבראכט אין די מוחות. איך געדענק ווי איך פלעג טענה'ן: רעדע־פרייהייט? נאטירליך איז דאס א הייליגע זאך. מיט דעם מיינט מען אבער אז יעדע פארטיי דארף זיין פריי ארויסצוגעבען איהרע צייטונגען, זשורנאלען, שריפטען, פריי פארצושטעלען און צו פרעדיגען איהרע געדאנקען. דאס הייסט אבער ניט, אז צוויי געגענגעזעצטע פאר־טייען זאלען, ווי צוויי קעץ אין איין זאק, ארויסגעבען איין צייטונג, און דורך דעם זאל יעדע פון זיי זיין געשטערט אין איהר אגיטאציע. דאס וואלט גראד געווען געגען רעדע־פרייהייט.

אויף דעם האט אויף א געוויסען מיטינג אימיצער אויסגע־שריען צו מיר:

„אהא! איהר האט מורא טאמער וועט מען אייערע ארגו־מענטען צוקלאפען! אויב איהר זייט זיכער, אז איהר האט רעכט, דארפט איהר אליין וועלען ארויסגעבען א צייטונג צוזאמען מיט אייערע געגנער".

— זאלען די געגנער צוקלאפען אונזערע ארגומענטען אין זייער אייגענער צייטונג — האב איך געענטפערט.

— באזונדער! רק באזונדער! די ארבייטער דארפען זיין אינאיינעם, ניט באזונדער, — האט מען צו מיר געשריען.

— געוויס! אין די יוניאנס מוזען זיי זיין פאראייניגט,

און פאליטיש אויך. זיי דארפען אלע געבען זייערע שטימען פאר דיזעלבע קאנדידאטען, פאר זייערע אייגענע ארבייטער־קאנדידאטען.

— אהא, פאליטיק! שטימען! די שטים־קעסטעלע! נידער מיט איהר! נידער מיט די וואוטס! נידער מיט דער פאליטיק! עס לעבע די סאציאלע רעוואלוציע!

און דער זאל ווערט צוטיילט: אייניגע אפלאדירען די „באלדיגע רעוואלוציע"; אנדערע שרייען: „עס לעבע די סאציאל־דעמאקראטיע!"

אזעלכע סצענעס זיינען פארגעקומען אומעטום. עס זיינען אויך פארגעקומען פארמעלע דעבאטען פייערדיגע. עס האבען אויך ניט געפעהלט טשיקאווע פאסירונגען.

אט, צום ביישפיעל, זיצען מיר, מיטגלידער פון דער „ארבייטער צייטונג אססאסיאיישאן", אויף אונזערען א ביזנעס מיטינג, אין 126 ריווינגטאן סטריט. פלוצלונג הערט זיך א קלאפ אין טיר. דער „טיר־שטייער" עפענט אויף, און אין א מינוט ארום קומט ער צוריק מיט א באריכט: צוויי יונגע לייט פאדערען מען זאל זיי צולאזען אלס א קאמיטע.

— א קאמיטע פון וועמען? — פרעגט דער טשערמאן.

— פון פאלק, זאגען זיי, — ענטפערט מיט א שמייכעל דער „טיר־שטייער", — אזוי זאגען זיי: „מיר זיינען א קאמיטע פון פאלק".

מען בעט זיי אריינקומען. עס באווייזען זיך צוויי אנארכיסטען: טראפ און שטרוחל. אין זייערע רעדעס ערקלערען זיי, אז דאס פאלק איז אויפגעבראכט נעגען אונזער פלאן צו האבען א פארטייאישע צייטונג; אז דאס פאלק פאדערט איינינקייט נעגען דעם אלגעמיינעם שונא, קאפיטאל, אז דאס פאלק באפעהלט אונז ארויסצוגעבען אן „אונפארטייאישע" צייטונג מיט די אנארכיסטען צוזאמען.

דער קאמף איז געוואקסען, און איך בין אין איהם אריינגעצויגען געווארען אלץ טיפער און טיפער. זעהר אפט פלעגט

מיר אויסקומען צו באַזוכען עטליכע יוניאָנס אָדער פאַראיינען אין איין אָווענד, און אומעטום דעבאַטירען מיט די אַנאַרכיסטען און מיט אַנדערע „אונפּאַרטייאישע". אומעטום פלעג איך אַדוועטייזען דעם מאַקס, אַז אונזער רעדאַקטאָר וועט זיין פילים קראַנץ, דער רעדאַקטאָר פון דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד". איך פלעג מיט גרויס פּאַראַד ערקלערען, אַז הגם דער „אַרבייטער פריינד" איז אַן אונפּאַרטייאישע צייטונג, איז אָבער פילים קראַנץ איינפאַרשטאַנען מיט אונז, אַז סאָציאַליסטען קענען צוזאַמען מיט אַנאַרכיסטען ניט געהן.

מיר פלעגען מאַכען חוזק פון דעם אַנאַרכיזם, און די אַנאַרכיסטען פלעגען שרייען, אַז מיר פאַרהאַלטען די סאָציאַלע רעוואָלוציע. זיי פלעגען אַטאַקירען אונזער „פאַררעטערישען" פּאָליטישען קאַמף און די פּאַרלאַמענטען, אין וועלכע די סאָציאַל־דעמאָקראַטען באַטייליגען זיך. זיי פלעגען פאָדערען „איינינקייט", און מיר פלעגען ענטפערען, אַז מיט מענשען וואָס פערדינגען אונזין קענען מיר צוזאַמען ניט געהן.

„וויבאַלד מיר פאַרהאַלטען די רעוואָלוציע, און מיר זיינען פאַררעטער צו דעם אַרבייטער־קלאַס, טאָ ווי אַזוי קענט איהר זיך מיט אונז פאַראייניגען? — פלעגען מיר פרעגען מיט שפּאַס. דאָס ווייזט נאָר, אַז איהר מיינט ניט וואָס איהר רעדט".

עס פלעגען פליהען שטעך־ווערטער, שימוף־ווערטער.

אין די יוניאָנס האָבען מיר געהאַט די אויבער־האַנט. די וויכטיגסטע פאָרשטעהער פון די יוניאָנס זיינען געווען מיטגלידער פון אונזער אַססאָסיאיישאָן.

די „אַססאָסיאיישאָן" האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר ספּעציעלע מענשען צו געהן איבער די פאַרשידענע יוניאָנס נאָך געלט; הויפּטזעכליך האָט זיך מיט דעם באַשעפטיגט אַן אינטעליגענטער דייטשער איד מיט'ן נאָמען קאָפּענהיים. ער איז פאַר אונז זעהר וויכטיג געווען, וואָרים ער איז ניט נעגאַנגען בלויז צו די אידישע יוניאָנס, נאָר אויך צו די דייטשע, און אַזוי ווי די דייטשע יוניאָנס זיינען דאַן כמעט אַלע געווען סאָציאַליסטיש, איז ער פון קיינעם פון זיי מיט ליידיגען ניט אַוועקגעגאַנגען. מים

קאפענהיים׳ען צוזאמען פלעגט געהן אונזער טרעזשורער, זוסמאן, אָדער עפּעס אַן אנדער מיטגליד פון דער אססאָסיאיישאָן. אויב איך האָב קיין טעות נים, האָט מען אויף דיזען ארט צוזאמענ־געשטעלט א סומע פון איבער אכט הונדערט דאָלאר.

מיר האָבען אויך גענומען א טעאטער בענעפיט. עס איז באשלאָסען געוואָרען צו געהן איבער די שעפער פארקויפען טיקעטס. די גענאָסען האָבען אויסגעדריקט א פארלאנג, אז די ארבייט זאָל איך טאָן. אין דעם ענגען קרייז פון די אָרגאניזירטע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאניזאציעס פון דער איסט־סייד בין איך די לעצטע דריי־פיער יאָהר נים געווען טעטיג; אָבער ביי די ברייטע אידישע מאסען בין איך געווען גוט באקאנט.

איך האָב אָנגענומען דעם פאָרשלאג, און איך האָב געבעטען אז מען זאָל מיר צוגעבען א באגלייטער. אויף דעם האָט זיך אויסגערופען דזשאָזעף באראָנדעס, וועלכער איז דאַן נאָך געווען א קורצע צייט אין אמעריקא און איז נאָך געווען זעהר ווייניג באקאנט אין דער באוועגונג. ער האָט דאַן געארבייט ביי „דזשוירזים״ (געשטריקטע בלוזקעס אזעלכע).

דאָס איז געווען א קורצע צייט פאר פּורים, נאָהענט צו פריהלינג. פריהער איז געגאנגען א שניי און ער איז צוגאנגען; די גאסען זיינען געווען נאס, בלאָטיג. באראָנדעס איז געווען יונג, אונערפאהרען, און זיין באגריף וועגען דעם רעוואָלוציאָנערען קאמף האָט אָפּט באקומען זאָנדערבארע פאָרמען. אין די שעפּער, וואו מיר זיינען אריינגעקומען, פלעגט ער זיך פארמעסטען צו טרעטען איבער דָי דזשעקעטס מיט זיינע נאסע שיך, און אין איין פּלאַץ האָט ער ווירקליך אזוי געטאָן. דערביי האָט ער צו מיר פרעהליך צוגעוואונקען. איך האָב איהם ערקלערט, אז אויב ער וועט נים סטאָפּען, וועל איך געהן אליין. ער האָט מיר געענטפערט מיט א קינדערשען געלעכטער, אז די דזשעקעטס מיט די רעק זיינען דאָס אייגענטום פון קאפּיטאל, און אז דעריבער איז א מצוה צו טרעטען אויף זיי. איך האָב איהם גענומען

באווייזען, אז ניט דאס הייסט רעוואָלוציע, און איך האָב געוואונען די דעבאטע.

אין איניגע שעפּער האָבען זיך די באָסעס ענטזאגט אונז ארייגצולאָזען. אָבער דאָס זיינען געווען אויסנאהמען. דאָס רוב האָבען זיי זיך פארהאַלטען העפליך צו אונז. פילע פון די ארבייטער זיינען נאָך ניט געווען באקאנט מיט אונזער באוועגונג. אָבער א היבשע צאָל איז יאָ געווען באַקאנט, און זיי האָבען אונז אויפגענומען מיט פרייד, געקויפט טיקעטס ביי אונז און צוגעזאָגט צו מאכען קאָלעקשאָנס פאר אונזער פאָנד.

אזוי זיינען מיר געגאנגען פון שאפּ צו שאפּ. ווען מיר זיינען דורכגעגאנגען דורך קלינטאָן סטריט, האָבען מיר באגע־גענט בערנארד וויינשטיינ'ען, צוזאמען מיט א מאן פון א יאָהר 32, א פולען, א שעהן־געוואקסענעם, מיט ברייטע שולטערן, מיט א גרויסען געזונטען פּנים און דונקעל־בלאָנדע וואָנצעס. איך האָב פארשטאנען אז דאָס איז אונזער גאסט פיליפּ קראַנץ, ווארום יענעם טאָג האָט געדארפט אָנקומען זיין שיף, און איך האָב געוואוסט, אז וויינשטיין איז געגאנגען איהם אָפּנעמען. מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף איניגע מינוטען, און מיר זיינען באקאנט געוואָרען. שפּעטער נאכמיטאג האָבען מיר זיך ווידער געזעהן און פארבראכט א פּאָר שטונדען צוזאמען.

ער איז געווען אן איינפאכער, זעהר אנגענעמער מענש. ער האָט מיט אלעמען גערעדט מיט פריינדליכקייט. זיין שמייכעל און איבערהויפּט זיין פרעהליכקייט איז געווען צוציהענד. ווען מיר זיינען נעהנטער באקאנט געוואָרען, פלעגט ער אָפט א שטיף טאָן ווי א לוסטיגער אינגעל. אין זיינע פרעהליכע מאָמענטען פלעגט ער וועגען זיך אמאָל ריידען אלס „יאנקעלע חכם"*).

*) זיין אידישער נאָמען איז געווען יעקב. זיין מוטער'ס נאָמען איז געווען ביילע רייזע, און אין א שפּאסיגען טאָן פלעגט ער אויך ליב האָבען זיך צו רופען „יאָנקעל ביילע רייזעס", ווי מען פלעגט איהם רופען אין זיינע חדר־יאָהרען.

אין אן ערנסטען געשפרעך אָבער האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט וועגען זיך, קיינמאָל זיך ניט באַריהמט, ניט גערוקט זיין „איך״, ניט געזוכט קיין קאָמפּלימענטען.

ער איז געווען נאָר מיט אַ פּאָר יאָהר עלטער פאַר מיר, אָבער איך האָב אויסגעזעהען אינגער ווי מיינע יאָהרען; דעריבער האָט דער אונטערשיד געשיינט צו זיין גרעסער ווי אין אמת׳ן. צווישען זיך פלעגען מיר אימער ריידען רוסיש. ביי אונז זיינען שנעל ענטוויקעלט געוואָרען די וואַרימסטע באַציהונגען; אָבער אין דער פראַגע ווי אַזוי די ציַיטונג דאַרף אַרויסגעגעבען ווערען, איז צווישען אונז געווען אַ תהום. יעדעס מאָל ווען איך האָב פאַר איהם פאַרגעלייגט מיין מיינונג, האָט ער מיך אויסגעהערט פריינדליך, אָבער אַזוי ווי איך וואָלט ריידען וועגען אַן ענין אין וועלכען ער האָט קיין אינטערעס ניט. אפשר האָט ער ניט געוואָלט ליידען וואָס איך מיש זיך אין זיינע געשעפטען.

.5

צוגרייטונגען. — „די סדרה״. — אַן אַרטיקעל וועגען די ווילדע פון אפריקא.

די ציַיטונג האָט באַדאַרפט אַרויסקומען אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, אין דער וואָך פון פורים.

אין מיינע געשפּרעכען מיט מיללער׳ן, הילקאָוויץ׳ן און קראַנץ׳ן האָב איך, צווישען אַנדערע זאַכען, אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז די „אַרבייטער ציַיטונג״ מוז האָבען אַ ספּעציעלען סאָרט פעליעטאָן, אַזאַ וואָס זאָל האָבען אַן עכט־אידישען כאַראַקטער. אַזוי ווי זיי זיינען געווען ווייניג באַקאַנט מיט דעם אידישען גייסט, האָט מיין באַמערקונג אויף זיי קיין איינדרוק ניט געמאַכט. איך האָב אָבער ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען דעם, ביז איך בין געקומען צום פאָלגענדען געדאַנק: דער פעליעטאָן דאַרף ענטהאַלטען אַ הומאָריסטישען שמועס וועגען מאַגעס־פראַגען אין דער פאָרמע פון אַ וועכענט־ליכער דרשה, אַזוי ווי אַ מגיד דרשנ׳ט איבער דער סדרה פון דער וואָך. די פאָרמע גופא וואָלט אַרויסגערופען אַ פריינדליכען



פיליפ קראַנץ (אין 1891).

אידישען שמייכעל, און זי וואלט געצווינגען אויפמערקזאמקייט צו דער צייטונג. אלזא, איז מיר איינגעפאלען אין זינען, אז דער פעליעטאן זאל טאקע הייסען „די סדרה". דערצו האט זיך שוין אויך געפאסט אז דער אונטערשריפט זאל זיין „מגיד". אויף דיזען ארט איז ביי מיר געבארען געווארען דער נאמען „פראלעטארישקער מגיד".

איך האב זיך גלייך גענומען שרייבען אזא פעליעטאן. איך האב אויסגערעכענט, אז אין דער וואך, ווען עס וועט ערשיינען אונזער ערשטער נומער (די וואך פון פורים) וועט געהן „כי תשא"; האב איך גענומען א חומש, אויפגעמישט די סדרה „כי תשא" און אנגעשריבען א רעוואלוציאנערע „דרשה" אויף איהר.

ווען איך האב דאס פארגעלעזען פאר הילקאוויץ'ן, איז ער געווען ענטציקט. איצט האט ער פארשטאנען וואס איך האב געמיינט, און ווי ווענינ איד ער איז געווען, האט ער דאך אפגעשאצט די באדייטונג, וואס אזעלכע פעליעטאנען קענען האבען פאר אזא צייטונג ווי אונזערע. קראנץ'ן און מיללער'ן איז די סדרה אויך שטארק געפעלען געווארען.

יעדער נייער געדאנק, וואס איז מיר איינגעפאלען אין באצוג צו דער צייטונג, האט מיך אלץ טיפער ארייגעצויגען אין דער אונטערנעהמונג. איך האב זיך איבערגעגעבען צו איהר מיט דער גרעסטער ענערגיע. איך האב כמעט ווענגען קיין אנדער זאך ניט געקענט דענקען.

אין דעם „ווארקמענס עדוואקעיט" האב איך אין יענע טעג נאר געשריבען איין ארטיקעל — אן אויספיהרליכע ער־קלערונג וועגען דער קומענדער „ארבייטער צייטונג" און אונזער קאמף מיט די אנארכיסטען. דער רעדאקטאר האט מיך געבעטען זיך צו באטייליגען אזוי אפט ווי פריהער. איך האב דאס אבער אפגעלייגט. פאר דער „סאן" האב איך אויך ניט געשריבען.

די „ארבייטער צייטונג איז איצט געווען מיין הויפט אינטערעס. די לעהרעריי איז ביי מיר געווען א קוואל פון לעבענס־מיטלען. אבער יעדע פרייע מינוט האב איך אפגעגעבען צו דער אגיטאציע און צוגרייטונגען פאר דער נייער צייטונג.

איצט, מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר שפּעטער, קען איך זאָגען, אז דאָס איז געווען איינע פון די העכסטע באַגייסטערונגען אין מיין לעבען.

די „סדרה“ איז ניט געווען די איינציגע אפּטיילונג, וועגען וועלכער איך האָב געטראַכט און איבערגעטראַכט.

איך בין ניט געווען דער רעדאַקטאָר, און דאָך האָב איך טאָג און נאַכט געקלערט וועגען פאַרשידענע מיטלען ווי אזוי צו מאַכען די צייטונג וואָס לעבעדיגער, וואָס אינטערעסאַנטער, צו געבען איהר די מעגליכקייט צו האָבען אַן אמת'ען ערפאָלג. קראַנץ, דער רעדאַקטאָר, האָט זיך צו פילע פון מיינע פּלענער אַלץ פאַרהאַלטען נאָר העפליך; אָבער דאָס האָט מיר ניט אָפּגעקיהלט. פאַרקעהרט: עס האָט אין מיר נאָך מעהר צוברענט אַ קאַמף־לוסט, אַ וואונש צו באַווייזען, אז איך האָב רעכט. איך האָב געקלערט וועגען ערנסטע, אָבער לייכט־געשריבענע סאָציאַליסטישע אַרטיקלען, פּאָפּולערע וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען און אַנדערע „פּיטשורס“, וואָס זאָלען זיין פאַרשטענדליך און צוציהענד פאַר אונזערע אַרבייטער מאַסען. זיי האָבען ניט קיין בילדונג, זיי האָבען אָבער איינבילדונגס־קראַפט און פילע פון זיי זיינען פעהיג און האָבען אַ דורשט צו וויסען און פאַרשטעהן. דאָס אַלץ מוז מען האָבען אין זינען ביי אַזאַ צייטונג ווי אונזערע — האָב איך זיך געטראַכט — מען דאַרף זיי לערנען. מען דאַרף זיי באַקאַנט מאַכען מיט'ן וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם; מען דאַרף זיי אָבער אויך באַקאַנט מאַכען מיט אַלגעמיינע וויסענשאַפטען. אָבער טרוקענע וויסענשאַפט קען מען אַזעלכע לעזער ניט געבען. די „ביטערע פּיל“ מוז באַדעקט ווערען מיט צוקער. מען דאַרף זיי געבען אַרטיקלען, וועלכע זאָלען זיי זיין אינטערעסאַנט ווי אַ שפּאַנענדע מעשה, און וועלכע זאָלען זיי באַקאַנט מאַכען מיט אביסעל וויסענשאַפט, אָדער סתם מיט דער וועלט (מען דאַרף געדיינקען, אז אין יענע יאָהרען זיינען די אידישע פאָלקס־מאַסען געווען נאָך ווייניגער ענטוויקעלט, אַ סך ווייניגער, ווי היינט).

איך האָב אָנגעהויבען צו זוכען מאַטעריאַל פאַר אַזעלכע אַרטיקלען. איך בין אוועק אין אַסטאָר לייברערי, גענומען אַ

גאַנצען באַרג פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכע ביכער, רייזע־באַשריי־בונגען און אַנדערע פּאָפּולער־געשריבענע ווערק. איך האָב גע־בלעטערט, געלייענט און געמאַכט נאָטיצען. איך האָב אויך דורכגעקוקט די לעצטע נומערען פון עטליכע זשורנאַלען.

גראָד דאַן איז אין איינעם פון די גרויסע אַמעריקאַנער זשור־נאַלען („סקריבנער'ס מעגעזין") געווען אָפּגעדרוקט אַ שילדערונג, וועלכע האָט זיך פּונקט געפּאַסט צו מיין צוועק. דער אַרטיקעל איז געווען פון דעם באַריהמטען רייזענדער און פאָרשער סטענלי, וועמען דער „ניו יאָרק העראָלד" האָט אַוועקגעשיקט אין די ווילדע געגענדען פון אפריקא, זוכען אַ פאַרלאָרענעם רייזענדער. דאָרטען איז געווען באַשריבען אַ בלוטיגער יום־טוב ביי אַ געוויסען ווילדען שבט אין אפריקא. די הויפּט־צערעמאָניע פון דעם יום־טוב באַ־שטעהט אין דעם וואָס מען קוילעט אַ קנעכט.

דעם אונגליקליכען ציהט מען אויס אויף דער ערד אַ געבונ־דענעם, און זיינע פיס בינדט מען צו צו אַ פּלאָקען, וואָס איז אריינגעשלאָגען אין דער ערד. פון דער אַנדערער זייט, אַ ביסעל ווייטער פון זיין קאָפּ, שלאָגט מען אריין אַ צווייג פון אַ בוים. דעם צווייג בויגט מען צו צו דעם קנעכט'ס קאָפּ און מען בינדט זיינע האָר צום צום ברעג צווייג. דער צווייג ציהט די קאָפּ פון דעם קרבן און דורך דעם איז זיין האַלז אויסגעצויגען. דאַן פאַנגט זיך אָן די צערעמאָניע.

אַ שוחט, וועלכער טראָגט אויף זיך אַ קרוין פון פעדערין, האַלט אַ שווערען שאַרפען חלף אין האַנט. ער שפּרינגט און טאַנצט פאָכענדיג מיט'ן חלף איבער דעם נאַקעטען קרבן. ער איז געניט און פלינק אין זיין פאַך. ער וואַרט מיט אונגעדולד אויף דעם גרויסען מאָמענט. זיינע טענץ און זיין בלישטשענדער חלף וועקט אין דעם עולם אויף אַ בלוט־דורשטיגע באַגייסטערונג. ענדליך גיט דער שוחט אַ מאַך מיט דעם חלף איבער דעם אונגליקלי־כען'ס האַלז און מיט איין זעץ האַקט ער איהר איבער. דער צוגעבוי־גענער צווייג שפּרינגט אָפּ צוזאַמען מיט דער אָפּגעשניטענער קאָפּ. פון אימפּעט ווערט די קאָפּ אַרויפגעשליידערט אין דער לופטען און בלוט שפּריצט ווי פון אַ פאָנטאַן. דער יום־טוב'דיגער עולם גיט זיך אַ וואָרף ווי אַ מאַסע וואַהנזיניגע. עס ווערט אַ געלאַף און

א כאפעניש. מ׳כאפּט שטיקלעך פלייש, מ׳לעקט די בלוט. דערנאָך פאַנגט זיך אָן די סעודה.

איך האָב געפיהלט, אז דיזע געשיכטע וועט אונזערע לעזער שטאַרק פּאַראינטערעסירען און אז זי וועט זיין א גוטער אָנפאַנג זיי באַקאַנט צו מאַכען מיט דעם לעבען פון ווילדע פעלקער.

איך האָב זיך גלייך גענומען די סצענע צו באַשרייבען. מיין כלל איז אימער געווען, אז ווען מען שרייבט אידיש, דאַרף מען אויסמיידען אַלע יענע ווערטער און אויסדרוקען, וועלכע געבילדעטע מענשען געברויכען, אָבער וועלכע די געוועהנליכע אידישע לעזער—די וואָס זיינען אין סקול ניט געגאַנגען—פאַרשטעהען ניט. מען דאַרף שרייבען אויף דעם איינפאַכסטען אידיש, ווי די מאַסע רעדט, — פלעג איך שטענדיג טענה׳ן. און אויף דיזען אַרט האָב איך אויפגעשריבען דעם אַרטיקעל וועגען דעם בלוטיגען יום־טוב.

ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען, האָב איך איהם געוויזען די דריי דערמאָנטע גענאָסען. מיללער און הילקאָוויץ האָבען גלייך איינגעזעהן ווי וויכטיג עס איז צו האָבען אזא סאָרט לעזע־שטאָף. קראַנץ אָבער האָט קיין מיינונג ניט אויסגעדריקט און ער האָט מיר דעם אַרטיקעל אומגעקעהרט.

די געשיכטע האָט מיך זעהר געערגערט. איך האָב דאָס ניט ארויסגעוויזען. ביי זיך אין הארצען האָב איך אָבער באַשלאָסען קיין מיטאַרבייטער אין דער „אַרבייטער צייטונג״ ניט צו זיין. עס איז מיר אונמעגליך געווען צו זאָגען באַשטימט פאַרוואָס קראַנץ נעהמט ביי מיר ניט דעם אַרטיקעל — צי ווייל ער האַלט ניט פון איהם, צי ווייל איהם געפעהלט ניט וואָס איך נעהם א צוטעטיגען אַנטייל אין דער צייטונג. אפשר צוליב ביידע אורזאַכען. אין איין זאַך בין איך געווען איבערצייגט: קראַנץ פאַרשטעהט נים וואָס פאַר א באַדייטונג אזא אַרטיקעל סען האָבען פאַר דער „אַרבייטער צייטונג״. ער איז אבסאָלוט נים קיין זשורנאַליסט און עס איז אַן עבירה מיין אַרבייט.

מיללער׳ן און הילקאָוויץ׳ן האָט פאַרדראָסען פאַרוואָס קראַנץ נעהמט ביי מיר ניט דעם אַרטיקעל, און זיי האָבען פאַרשטאַנען

ווי איך פיהל וועגען דעם. זיי האָבען מיר געזוכט צו באַרוהיגען. קראַנץ, ווידער, איז געבליבען העכסט פריינדליך און נאָהענט צו מיר, אַזוי ווי צווישען אונז וואָלט גאַרניט פאָרגעקומען. און ווען קראַנץ איז מיט איינעם געווען אין אַזעלכע באַציהונגען, האָט ער אין זיך געהאַט אַ סך מאַגנעטיזם. אַלזאָ האָב איך מיינע געפיהלען און באַשלוס פון זיי אַלעמען ווייטער פאַרבאָרגען און בין פאָר־לויפיג אָנגעגאַנגען מיט די צוגרייטונגען.

וואָס נעהנטער מיר זיינען געקומען צו דער ערשיינונג פון דעם ערשטען נומער, אַלץ מעהר האָט מיללער און הילקאָוויץ זיך איבערצייגט, אַז מיינע מיינונגען זיינען ריכטיגע, און זיי האָבען מיר אַלץ מעהר געשטיצט. אונזערע באַציהונגען זיינען געוואָרען אַלץ ענגער, און טראָץ מיין איבערצייגונג אַז קראַנץ וועט קיין מאָל ניט זיין איינפאַרשטאַנען מיט מיינע זשורנאַליסטישע אידעען, און טראָץ מיין פעסטען באַשלוס ביסלעכווייז פון דער אונטער־נעהמונג זיך צו דערווייטערען, בין איך אין איהר אריינגעצויגען געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר.

פאַר דער רעדאַקציע און דעם אָפיס האָבען מיר געדונגען צוויי צימערען, אין נומער 31 הענרי סטריט, אויפ'ן סטופּ. די דרוקעריי איז געווען צום־יאַרד־צו און די רעדאַקציע מיט דעם ביזנעס־אָפיס צו דער סטריט. דאָס זיינען געווען צוויי גאַנץ געוועהנליכע וואוינונגס־צימערען. פון דעם קען מען זיך פאָרשטעלען ווי גרויס עס איז געווען דער גאַנצער געשעפט. אין דער דרוקעריי זיינען געשטאַנען עטליכע קאַסטענס שריפט (פון קיין זעץ־מאַשינען האָט מען נאָך דאַן ניט געוואוסט) און אַ טיש מיט אַ גרויסען פלאַכען שטיין, אויף וועלכען דער פאָרמאַן (ראָזענסאָן האָט ער געהייסען) פלעגט צוזאַמענשטעלען די פּיידזשעס.

אַלס ביזנעס־מענעדזשער איז עלעקטעד געוואָרען מאָריס הילקאָוויץ. ווי ער דערצעהלט איצט אַליין מיט אַ שמייכעל, איז זיין גאַנצער „אָפיס" געווען אין זיין בוזים־קעשענע. וואָרים פאַר דער בוכהאַלטעריי איז געווען גענוג אַ געוועהנליכער נאָטיץ־ביכעל. דער געהאַלט פון דעם רעדאַקטאָר איז געווען זיבען דאָלאַר

א וואָך און פון דעם מענערזשער — פינף דאָלאַר. עס איז געווען א דריטער אָנגעשטעלטער, אַן „עקספּעדיטאָר", וועלכער האָט זיך באַשעפטיגט מיט פאַנאַנדערשיקען די צייטונגען אויף די סטענדס און צו דער פּאָסט. דיזען אמט האָט פאַרנומען בערנאַרד וויינשטיין (דער דאַמאָלסדיגער סעקרעטער פון די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען"). דיזע דריי און דריי שריפטזעצער זיינען געווען די איינציגע באַצאָהלטע אָנגעשטעלטע. ווייטער האָט יעדער געטריים צו טאָן וואָס ער קען אָהן געצאָהלט.

ווען מען האָט אָנגעהויבען צו זעצען די צייטונג, האָבען פילע פון אונזערע גענאָסען געסטאָפּט פון זייער אַרבייט אין די שעפּער און גאַנצענע טעג זיינען זיי געלעגען אין 31 הענרי סטריט. זיי האָבען איבערגעטאָפּט יעדען בלייענעם בוכשטאַב און מיט פרומער נייגעריגקייט געקוקט ווי די זעצער, דער רעדאַקטאָר און מיר, זיינע מיטהעלפער, אַרבייטען.

די קאָפּ פון דער צייטונג — די ווערטער „אַרבייטער צייטונג" — האָט פאַר אונז געמאַכט דער אויבען דערמאָנטער קריסטליכער גענאָסע, דער רוסישער רעוואָלוציאָנער, סטאַלעשניקאָוו. ער איז געווען א טאַלאַנטפולער צייכנער. פריהער האָט ער געאַרבייט אַלס אַסיסטענט ביי די אַרכיטעקטען, וועלכע האָבען געבויט קאַרנעגי האָל. ווען ער האָט געבראַכט די איבערשריפט „אַרבייטער צייטונג", האָבען אַלע געקוואָלען. אָבער ניט איך. לויט מיין געשמאַק, זיינען די בוכשטאַבען געווען צו „דאַר". איך האָב גע'טענה'עט, אַז זיי האָבען ניט קיין אידישען כאַראַקטער. הילקאָוויץ האָט געלאַכט וואָס איך נעהם זיך דעם לעבען פון אַזא קלייניגקייט. איך האָב אָבער ניט געקענט רוהען. און איך האָב טאַקע אויסגעפיהרט; ניט גלייך, נאָר מיט עטליכע וואָכען שפּעטער.

די צוגרייטונגען זיינען געמאַכט געוואָרען פאַר א צייטונג פון פיר פּיידזשעס. ווען קראַנץ האָט גענומען אויסרעכענען זיין מאַטעריאַל, האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אַז מען דאַרף נאָך האָבען א פּאָר קאָלומס. דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אָן מיין אַרטיקעל וועגען די ווילדע פון אפריקא, און ער האָט ביי מיר געבעטען דעם

מאנוסקריפט — ניט ווייל ער האט פלוצלינג געענדערט זיין מיינונג וועגן איהם, נאר איינפאך ווייל איהם האט געפעהלט שטאף פאר צוויי אדער דריי קאלומס.

איך האב געענטפערט, אז איך האב איהם ניט ביי זיך און אז איך פויל זיך צו געהן אהיים נאך איהם. אבער מילער און הילקאוויץ זיינען צו מיר צוגעשטאנען, און נאך אייניגע מינוטען פון ארגומענטירען, בין איך אוועק און געבראכט דעם מאנו־סקריפט.

אין דעם אווענד, ווען מען האט „געבראכען" דעם זאץ צום ערשטען נומער (דאס הייסט, ווען מען האט צוזאמענגעשטעלט די פיידזשעס), איז אין 31 ‏העגרי סטריט געווען א יאריד. די צוויי צימערען זיינען געווען פול מיט געגאסען וואס זיינען געקומען זעהן ווי עס ווערט געבארען די לאנג־ערווארטעטע בייבי. ביי דעם גרויסען פלאכען שטיין האט געארבייט ראזענסאן דער פארמאן, צוויי שריפטזעצער און קראנץ. קראנץ האט אנגעוויזען וואו צו שטעלען דעם אדער יענעם ארטיקעל, און ער האט אביסעל געהאלפען ביים פאנאנדערשטאעלען דעם זאץ. מילער האט אויך צוגעהאלפען דערביי. ביידע האבען זיי אין יוראפ אביסעל געארבייט אין דרוקערייען — קראנץ אין פראנקרייך און מיללער אין דער שווייץ. זיי זיינען אלזא מיט דעם פאך געווען מעהר אדער ווייניגער באקאנט (היינט װאלט די שריפטזעצער יוניאן קיין זייטיגען מענשען צום שריפט ניט צוגעלאזען; דאן אבער איז זי אזוי שטרענג ניט געווען).

א חוץ די דערמאנטע צוויי ארטיקלען — „די סדרה" און דער ארטיקעל וועגען די ווילדע פון אפריקא — האב איך אויפ־געשריבען א קורצען פעליעטאן, הגם קיין אונטערשריפט האב איך אויף איהם ניט געשטעלט. דער פעליעטאן איז באשטאנען פון „פאראלעלען"—קורצע קאפיטלעך וואס זיינען געגאנגען פארוויז: סצענעס פון לוקסוס ביי די רייכע און סצענעס פון פראצע און עלענד ביי די ארימע.

דאס האט קראנץ גלייך אנגענומען ביי מיר (הויפטזעכליך צוליב דער זעלבער אורזאכע: עס האט איהם געפעהלט שטאף

אויסצופילען דעם נומער). איך האָב דעם פעליעטאָנטשיק א נאָמען געגעבען: „צוויי וועלטען אויף איין וועלט", און ער האָט די „קעפעל" געענדערט אויף: „צוויי וועלטען אויף דער וועלט". איך האָב געגלויבט, אז מיין „קעפעל" איז בעסער; כ'האָב אָבער נים געמאכט קיין שאלות. איך האָב ערוואַרט אז דער פעליעטאָן וועט געשטעלט ווערען אלס פעליעטאָן, אָבער ער האָט איהם געשטעלט אלס א שטיקעל נייעס אויף דער ערשטער פיידזש. די „קעפעל" האָט ער געהייסען מאכען קליין („פייקע") און ער האָט דאָס אוועקגעשטעלט אין מיטען פיידזש צווישען פארשידענע שטיקלעך נייעס.

איך האָב געקוועטשט מיט די פלייצעס. אָבער מילער, וועלכער איז פאָלשטענדיג איינפארשטאַנען געווען מיט מיר, האָט צו מיר געגעבען א וואונק, אז ער וועט אלץ פיקסען. און ער האָט דאָס ווירקליך „געפיקסט". אזוי ווי ער איז געשטאַנען ביים שטיין און געהאָלפען צוזאמענשטעלען די פיידזשעס, האָט ער זיך באַנוצט מיט א מינוט ווען קראַנץ איז געווען פארנומען ביי אן אנדער טייל פון דער צייטונג און האָט מיין פעליעטאָן ארויס־גענומען פון מיטען פיידזש און איהם אוועקגעשטעלט אויפ'ן סאמע אויבען, אלס דער אָנפאַנג פון א קאָלום. לאָזען אויפזעצען א גרע־סערע קאָפּ וואָלט שוין געווען צו פיל. מיר האָבען זיך געמוזט באַגנו־גענען מיט דער קליינער „קעפעל". און אזוי איז דער ארטיקעלע אָפּגעדרוקט אין דעם ערשטען נומער „ארבייטער צייטונג".

קראַנץ האָט וועגען דעם קיין מאָל ניט דערמאָנט, ניט פאַר מילער'ן, ניט פאר מיר.

ענדליך האָט מען די פיר פיידזשעס איינגעשלאָסען און מען האָט זיי אוועקגעפיהרט צום דרוקען. די פרעס־מאַשינען האָבען געהערט צו דער דרוקעריי פון אן ענגלישער צייטונג.

דער נומער האָט זיך געדרוקט דאָנערשטאָג ביי נאכט, דעם 6טען מערץ, 1890. איך און א היבשע צאָהל אנדערע גענאָסען האָבען זיך געפונען אין דער פרעס־רום און עטליכע האָבען געוואַרט פון דרויסען, כאָטש עס האָט געשנייט. ענדליך האָבען מיר דער־לעבט דעם לאַנג ערוואַרטעטען מאָמענט. דער רעש'דיגער, קראַ־

בענדער פּרעס־מאַשין האָט אַרויסגעוואָרפען א פּיר פּיידזשיגע בלאַט מיט דעם איבערשריפט „אַרבייטער צייטונג", און גלייך א צווייטען, א דריטען, א פערטען. אונזערע הערצער האָבען געטאַנצט פון שמחה; עס איז געוואָרען א כאַפּעריי און א געלאַף. מיר האָבען אַרויסגעטראָגען עטליכע קאָפּיעס פאַר די גענאָסען, וואָס האָבען געוואַרט פון דרויסען.

יענע נאַכט האָבען פילע פון אונז ניט געשלאָפען.

אין דער וואָך, ווען דיזע שורות ווערען געשריבען האָב איך פאַרבראַכט עטליכע אָווענטען בלעטערענדיג און לעזענדיג די ערשטע דריי יאָהר־גאַנגען „אַרבייטער צייטונג".

ווען איך האָב איבערגעקוקט די ערשטע עטליכע פּיר־פּיידזשיגע נומערען, האָבען זיי מיר עראינערט אַן די געפיהלען פון אַן אימיגראַנט, וואָס באַזוכט זיין געבורטס־שטעדטעל, נאַכדעם ווי ער האָט איהר פילע יאָהרען ניט געזעהן. דאָס וואָס האָט איהם אין זיינע קינדער יאָהרען אויסגעזעהן גרויס און מעכטיג, מאַכט איצט אויף איהם אַן איינדרוק פון קליינקייט און אָרימקייט. אָבער די אָרימע, קליינע אַלטע היים איז איהם טייער, צוליב די עראינערונגען, וועלכע זיי וועקען אין איהם אויף.

דער ערשטער נומער האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַן אַרטיקעל אונטער דעם נאָמען „אונזער פּראָגראַם". דאָס זיינען געווען די פּרינציפּען־ערקלערונגען פון דער צייטונג. אין אַן אָנגענעהמער ווירדיגער שפּראַך זיינען געווען אויסגעדריקט די גרונט־געדאַנקען פון סאָציאַליזם. דער אַרטיקעל האָט קיין אונטערשריפט ניט, וואָרים ער רעדט אין דעם נאָמען פון דער גאַנצער „אַרבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן". איך געדענק אָבער, אַז איהם האָט געשריבען דער רעדאַקטאָר, פיליפּ קראַנץ. ווייטער איז אויף דער ערשטער פּיידזש פאַראַן א ביסעל נייעס, געשריבען פון א סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט. איין קאָלום הויבט זיך אָן מיט דעם איבערן דערמאָנטען פּעליעטאָן „צוויי וועלטען אויף דער וועלט". אויף דער צווייטער פּיידזש געפינט זיך א לייט־אַרטיקעל, אונטערגעשריבען פון פיליפּ קראַנץ, און מיין סדרה „כי תשא", אונטערגעשריבען „דער פּראָלעטאַרישקער מגיד". דער

שפּאס פון דעם דאָזיגען פּעליעטאָן איז געווען פארבונדען מיט דעם „מחצית השקל", מיט דעם וואָס די תורה הייסט געבען האַלבע דאָלארס. דאָס ווערט אויסגעטייטשט אויף דער קאפּי־טאַליסטישער סיסטעם. פון יעדען דאָלאר וואָס דער ארבייטער פארדינט באַקומט ער נאָר פופציג סענט, און ווען ער קומט אהיים, רייסט דער לענדלאָרד אראָפּ מחצית השקל. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג רופט איך אָן „מחצית השקל סיסטעם".

דאַן ווערט דערמאָנט דער גרויסער וואָט וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּארטיי פון דייטשלאַנד האָט מיט א קורצער צייט צוריק באַקומען ביי די וואַהלען. דאָס איז געווען א גרויסער זיג געגען ביסמארק'ן, וועלכער האָט איינגעפיהרט דעם געזעץ צו אונטערדריקען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. דער דאָזיגער זיג ווערט ארויסגעבראַכט אַלס באַוויי, אז די ארבייטער הויבען אָן זיך צו פאראייניגען געגען דער „מחצית השקל סיסטעם".

אזוי ווי די צייטונג איז ארויס אין דער וואָך פון פּורים רעד איך אויך וועגען „המן־טאַשען".

צום שלום. געהט די „דרשה" איבער צו דעם דאמאָלסדיגען קיסר אַלעקסאַנדער דעם דריטען און די רוסישע רעוואָלוציאָנערען. עס ווערט אויסגעדריקט די האָפנונג, אז די פרייהייטס־קעמפּפער וועלען איהם מכבד זיין מיט א „המן טאַש" לכבוד פּורים, פּונקט ווי זיי האָבען מכבד געווען זיין פּאָטער, וועלכער איז גראד געטויט געוואָרען אין דעם טאָג פון דעם אידישען פּורים, אין 1881. דער פעליעטאָן ווערט געשלאָסען מיט די ווערטער: „ובא לרוסלאַנד גואל". דאַן קומט דער אונטערשריפט „דער פּראָלעטאַ־רישקער מגיד" (אין די ווייטערדיגע סדרות פלעג איך ענדיגען: „ובא לפּראָלעטאַרישקע גואל").

אויף דער דריטער פּיידזש איז געדרוקט דער אויבען דער־מאָנטער ארטיקעל וועגען דעם בלוטיגען יום טוב ביי דעם ווילדען שבט פון אפריקא. אונטער דיזען ארטיקעל האָב איך זיך אונטער־געשריבען „דוד בערנשטיין".

צווייטער קאפיטעל.

די „אַרבייטער צייטונג"

1.

דער ערפאָלג פון דעם ערשטען נומער. — די ווירקונג וואָס דאָס האָט געהאַט אויף מיין לעבען.

דער נומער האָט געהאט א פיל גרעסערען ערפאָלג ווי מיר האָבען ערוואַרט, און מיין סדרה האָט געמאכט א „היט". פון אַלע זייטען זיינען געקומען די פרעהליכסטע באַריכטען וועגען דער אויפנאַהמע, וואָס זי האָט באַקומען. דער אונטערשריפט „פּראָלעטאַרישקער מגיד" איז אויפ'ן שטעל פּאָפּולער געוואָרען.

אויך דער אַרטיקעל וועגען אפריקא און דער קליינער פעליעטאָן „צוויי וועלטען אויף דער וועלט" האָבען געהאַט א גרויסען סוקסעס. דער גאַנצער נומער איז אויפגענומען געוואָרען מיט ליבע און מיט פרייד. אָבער דיזע דריי אַרטיקלען האָבען באַזונדערס אַפּעלירט צום ברייטען עולם. זיי האָבען אין דער צייטונג אַריינגעגעבען די עלעקטריציטעט פון אינטערעס. די געשיכטע מיט דעם בלוטיגען יום טוב ביי די ווילדע אין אפריקא האָט געמאַכט א סענסאַציע. מען האָט דאָס איבערדערצעהלט איינער דעם אַנדערען, און דאָס איז געווען אַן אונגעהייערער אַדווערטייזמענט פאַר אונזער צייטונג. אויך איז די „סדרה" געווען א גוטער אַדווערטייזמענט. דער איינפאַל, דער עכט־אידישער טאָן און הומאָר, וועלכע האָבען איהם דורכגעדרונגען — דאָס אַלץ איז אויפגעכאַפּט געוואָרען מיט באַגייסטערונג.

דער ערשטער נומער פון דער צייטונג האָט אויפ'ן שטעל

נעמאכט א גרויסע ענדערונג אין מיין לע[illegible] באצוג צו דער רעדאקציע.

פון אלע זייטען האט מען געהערט די [illegible]ן דער סוקסעס פון דער „סדרה“ און פון דעם ארטיקעל [illegible] אפריקא זיינען די הויפט אורזאכען פון דעם ערפאָלג, [illegible] נומער האט געהאט. מיינע באגריפען וועגען דעם ווי [illegible] די צייטונג פיהרען זיינען פאָלשטענדיג באשטעטיגט [illegible] און איך האב גלייך באקומען א פרייע האנט צו שרייבע[illegible]ר „ארבייטער צייטונג“ וואָס איך וויל און ווי איך וויל. [illegible] וועגען דעם גאָרניט בעדאַרפט ריידען; עס איז געקומ[illegible]ר אליין, אלס רעזולטאט פון מיין ערפאָלג. מען וואָלט [illegible]קענט ערוואר־טען, אז דאָס וועט זיין א שטערונג אין [illegible]גען צווישען קראנץ׳ן און מיר. אין אמת׳ען אָבער האט [illegible]האט א פאר־קערטע ווירקונג. אונזערע באציהונגען [illegible]וואָרען נאָך בעסער ווי פריהער, און קראנץ פלעגט זיך [illegible]ען איך פלעג נאָר עפּעס אויפשרייבען.

איך האָב זיך אריינגעוואָרפען אין דע[illegible]טער צייטונג“ מיט אלע מיינע קרעפטען. ביי מיין פריוו[illegible]טיגונג האָב איך נאָר געארבייט קוים א לעבען צו מאכ[illegible] איבעריגע צייט האָב איך אין גאנצען אוועקגעגעבען דער צ[illegible] די מיטינגען, וועלכע זיינען געווען פארבונדען מיט אי[illegible] האָב א סך געשריבען און האָב געהאַלטען לעקטשורס א[illegible] כמעט יעדען אָווענד אין וואָך, און ניט זעלטען צוויי אין [illegible]ווענד.

אויב איך האָב פריהער געהאט אין זינ[illegible] מיין אנטייל אין דער „ארבייטער צייטונג“ איז נאָר א צייט[illegible], איז מיט׳ן ערשטען נומער דיזער געדאנק פארניכטעט גע[illegible] דער ערשטער נומער „ארבייטער צייטונג“ האָט געהאט [illegible]קטע ווירקונג אויף מיין לעבען אין די נעקסטע עטליכע יא[illegible] און איצט, מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר שפּעטער, קען אי[illegible] אז דאָס האָט באשטימט דעם גאנג פון מיין גאנצען ווייט[illegible] לעבען.

דער ערפאָלג פון דער „ארבייטער צייט[illegible] איז געווען אזוי

גרוים, אַז מיר [illegible] גלייך דערפיהלט אַ מעגליכקייט אַרויס־צוגעבען אַכט פּי[illegible] אָנשטאָט פיר. און דאָס איז געטאָן געוואָרען פון דעם [illegible] נומער אָן.

די „סדרה[illegible] [illegible]יך געשריבען יעדע וואָך. דאָס איז אָבער ניט געווען אַלץ [illegible] האָב יעדע וואָך געגעבען דער „אַרבייטער צייטונג". נאָ[illegible] [illegible]עם — ווייטער.

איך האָב ני[illegible] געהערט צו קלערען וועגען אַ נייער „קאָפּ" פאַר דער צייטונג [illegible] בין אָוועק צו אַ סופר און באַשטעלט ביי איהם אַן אַנדער אַ [illegible]שריפט „אַרבייטער צייטונג". זיינע בוכ־שטאַבען זיינע[illegible] [illegible]ער אויך ניט געפעלען געוואָרען. זיי זיינען געווען צו סופר'ד[illegible] [illegible] איך האָב ניט אַנדערש געוואָלט האָבען דעם שעהנעם קייל[illegible] [illegible] ווילנער שריפט". ענדליך האָב איך געפונען איינעם, וואָס האָט [illegible]געמאַכט פּונקט אַזעלכע בוכשטאַבען; און דאָס איז געווען [illegible] [illegible]קיין אַנדערער ווי דער אויבען דערמאָנטער שטרוהל, איינער פ[illegible] [illegible]י צוויי אַנאַרכיסטען, וואָס זיינען געקומען צו אונז אַלס אַ „ק[illegible]טע פון פאָלק". ער איז געווען אַ ליטאָגראַף און אַ גוטער צייכ[illegible] [illegible] פון בוכשטאַבען. ער האָט מיר אויפגע־שריבען „אַרבייטער צ[illegible]יטונג" פּונקט נאָך מיין געשמאַק נאָך. איך האָב געבראַכט זיין [illegible]כנונג, און מיינע חברים פון דער „אַרבייטער צייטונג" האָב[illegible] [illegible]געבען, אַז זי איז שעהנער ווי די פריהער־דיגע. אַזוי זיינע [illegible]י בוכשטאַבען פאַרבליבען (עטליכע יאָהר שפּעטער, ווען עס [illegible]יז געגרינדעט געוואָרען דער „פאָרווערטס", האָט דער זעלב[illegible] [illegible]רוהל פאַר אונז געמאַכט די גרויסע בוכשטאַ־בען „פאָרווערטס" וועלכע ווערען נאָך געברויכט עד היום).

מיר האָבען ע[illegible]אַרט אַ סוירקולײשאָן פון אונגעפעהר דריי טויזענט, און [illegible]אַבען אין אַ פּאָר וואָכען זיך אַרויפגעאַרבייט אויף זעקס אָ[illegible] [illegible]ען טויזענד. דאָס איז דאַן געווען באַטראַכט פאַר אַן אונגע[illegible] [illegible]ן ערפאָלג. מיר זיינען אַלע געווען באַרוישט פון אונזער [illegible] און אונזער באַגייסטערונג איז געוואַקסען און געוואַקסע[illegible] [illegible] מאָסען האָבען די „אַרבייטער צייטונג" גלייך צוגעטוליעט [illegible] [illegible]גרע הערצער. יעדער נומער פלעגט אין די אידישע קוואַ[illegible] [illegible] ערוואַרטעט ווערען מיט אונגעדולד.

קיין זאַך [illegible] ניט אַ מענשען אַזוי צו צו אַן אונטערנעהמונג

ווי דער ערפאָלג וואָס ער האָט אין איהר; און קיין זאַך בינדט ניט מענשען צוזאַמען אַזוי ענג ווי אַ געמיינשאַפטליכער ערפאָלג. אַלזאָ, זיינען מיר אַלע — קראַנץ, מיללער, הילקאָוויץ און איך — געוואָרען באַהעפט מיט די פעדים פון פריינדשאַפט.

מיר פיר און אַ פּאָר אַנדערע נאָהענטע גענאָסען פלעגען כמעט אימער זיין צוזאַמען. צו דיזען ענגען קרוזשאָק אונזערען האָט געהערט דער קריסט סטאַלעשניקאָוו, הגם אידיש האָט ער ניט פאַר־שטאַנען קיין וואָרט און די „אַרבייטער צייטונג" איז פאַר איהם גע־ווען אַזוי פרעמד ווי כינעזיש. אַזוי ווי ער איז געווען אַן אינטערע־סאַנטער מענש, און זיין אַנוועזענהייט האָט אונזערע צוזאַמענ־קונפטען צוגעגעבען קאָליר, וועל איך פרופען די לעזער באַקאַנט מאַכען מיט איהם.

ער איז געווען פון אַ פריצישער פאַמיליע און זייער מאַיאָנטיק (סטאַלעשניקי האָט דער פּלאַץ געהייסען) האָט זיך געפונען ניט ווייט פון פעטערסבורג. ער האָט שטודירט אין אוניווערסיטעט, און צוליב זיין באַטייליגונג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט ער געמוזט פאַרלאָזען רוסלאַנד.

אַ דינער, אַ בלאָנדער, מיט אַ קיילעכדיגער באָרד, האָט ער גע־האַט אַן עכט־רוסישען פּנים מיט אַן עכט־רוסישען כאַראַקטער, מיט אַן עכט־רוסישער גוטהערציגקייט. ער איז דאָס רוב געווען לוסטיג, און זיין לוסטיגקייט איז געווען אַן עכט־רוסישע.

ער האָט געהאַט פעהיגקייט צום צייכענען און ער האָט ליב געהאַט צו דעקלאַמירען פּאָעזיע. אַזוי ווי די נאַטור האָט איהם באַזאָרגט מיט אַ גלענצענדען זכרון, האָט ער געקענט אויף אויסווע־ניג אָהן אַ צאָהל געדיכטען. אויף אונזערע קאָנצערטען און „ווע־טשערינקעס" האָט זיין נאָמען זיך אימער געפונען אויף דער פּראָגראַם.

כ'האָב שוין דערצעהלט, אַז ער האָט געאַרבייט אַלס צייכנער ביי אַן אַרכיטעקט. פאַר יענע צייטען און לויט אונזערע דאַמאָלסדיגע באַגריפען, האָט ער באַקומען אַ גרוי־סען געהאַלט. אַ היבשע טייל דערפון פלעגט ער גלייך צובאָרגען. ער פלעגט פרענען צי דאַרף אימיצער געלט און איהם אָנבאָטען אַ הלואה. ער האָט איבערהויפּט ניט געקענט איינהאַלטען אַ גראָשען.

שבת נאָכמיטאָג, ווען ער פלעגט קומען מיט זיינע שכירות, פלעגט ער איינקויפען אַ סטאַק פון פלעשלעך ביער. אז ניט, וואָלט ער שוין דינסטאָג אָדער מיטוואָך ניט געהאַט מיט וואָס צו קויפען, און אָהן ביער איז איהם שווערער געווען אויסצוקומען ווי אָהן ברויט.

אמאָל פלעגט ער שבת בייטאָג אויך נעמען עטליכע זילבערנע דאָלארס (דאָן זיינען זיי געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע מטבע) און זיי ארומטערקייקלען אונטער׳ן בעט און אונטער דער סאָפאַ. מיטוואָך אָדער דאָנערשטאָג, ווען ער האָט שוין ניט געהאַט קיין סענט, פלעגט ער ארומקריכען אונטער׳ן בעט און אונטער דער סאָפאַ און אויפזוכען דעם אוצר.

2.

ארטיקלען פון קראַנץ׳ן, מילער׳ן, הילקאָוויץ׳ן און מיר אין דער „אַרבייטער צייטונג". — די קונסט פון פּאָפּולאריזירען.

די לייט־ארטיקלען זיינען געשריבען געוואָרען מייסטענס פון קראַנץ׳ן, אָבער זעהר אָפט פון מילער׳ן, הילקאָוויץ׳ן אָדער מיר. אַ חוץ דעם, האָט קראַנץ איבערזעצט אַ ראָמאַן פון פראַנצויזישען, אַ מעלאָדראַמאַטישע געהיימנים־מעשה פון די צייטען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דערנאָך האָט ער איבערזעצט אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן פון דעם באַריהמטען שרייבער גאַבאָריאָ.

פאַר בעסערע ליטעראַטור האָבען מיר צוערשט קיין פּלאַץ ניט אָפּגעגעבען. די ערשטע לִיטעראַרישע זאַך פון דיזען סאָרט איז ערשינען ערשט שפּעטער, אין דעם נומער 31 (אָקטאָבער דעם דריטען). דאָס איז געווען סיענקעוויטש׳ס אַן ערצעהלונג „זאַ כלעבאָם" (אַן ערצעהלונג וועגען פּוילישע פּויערים, וואָס פאָהרען קיין אמעריקאַ זוכען ברויט), וועלכע איך האָב איבערזעצט אונטער דעם נאָמען „פאַרוואָגעלט און פאַרלאָרען".

קראַנץ האָט אויך געדרוקט אַ קורצע געשיכטע פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע. הילקאָוויץ—אַ סעריע פון „געשיכטליכע בילדער". אויך האָט הילקאָוויץ פון צייט צו צייט געשריבען

איבער פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע פראַגען. אָפּט האָט אַזעלכע אַרטיקלען געשריבען מילער.

קראַנץ האָט כמעט אין יעדען נומער געהאַט אַן אַרטיקעל (דעם לייט־אַרטיקעל אָדער עפּעס אַן אַנדער זאַך), אַ חוץ דעם ראָמאַן, וואָס ער האָט איבערזעצט. מיללער און הילקאָוויץ האָבען אויך געהאַט אָפּטע אַרטיקלען (אַ חוץ דעם, האָט מיללער אַ געוויסע צייט געשריבען די נייעס, און ווי ביי אונז איז דאַן געווען דער שטייגער, האָט ער כמעט יעדע שטיקעל נייעס דורכגעוועבט מיט סאָציאַליסטישע באַמערקונגען).

מיר פיר — קראַנץ, מילער, הילקאָוויץ און איך — האָבען אָנגעפילט די צייטונג.

אַזוי ווי דאָ ווערט געגעבען מיין פּערזענליכע געשיכטע, וועל איך זיך ספּעציעל אָפּשטעלען אויף דעם חלק וואָס איך פלעג אַריינטראָגען אין דער „אַרבייטער צייטונג".

מיין פעדער איז געווען די טעטיגסטע. זעלטען ווען עס איז ערשינען אַ נומער, וואָס האָט ניט געהאַט ווייניגסטענס דריי אַרטיקלען פון מיר. אָפּט פלעגט אַ נומער ענטהאַלטען פיר, און אַמאָל זאָגאַר פינף. איך פלעג זיך אונטערשרייבען מיט פאַרשידענע נעמען. אַ חוץ מיין אייגענעם נאָמען, פלעג איך געברויכען די „פען־נעמען": „דוד בערנשטיין" (גלאַט אַ נאָמען וועלכער איז מיר איינגעפאַלען אין קאָפּ), „סאָציוס" און „דער פּראָלעטאַרישקער מגיד". אונטער איניגע אַרטיקלען האָב איך זיך גאָרניט אונטערגעשריבען.

צום ביישפּיל: אין דעם 18טען נומער פון דעם ערשטען אָהרגאַנג (דעם 4טען דזשולייי), געפינען זיך די פאָלגענדע אַרטיקלען מיינע.

1) דער לעבען פון גרינעוויצקי, דער רעוואָלוציאָנער פון וועמעס באָמבע עס איז געפאַלען אַלעקסאַנדער דער צווייטער (אונטערגעשריבען „דוד בערנשטיין").

2) „די סדרה", אַ דרשה וועגען 4טען דזשולייי (אונטער־געשריבען „דער פּראָלעטאַרישקער מגיד").

3) מאַנקים — ווי אזוי זיי לעבען (אונטערגעשריבען „אב. קאהאן").

4) פון וואנען שטאמט קאפיטאל ? — א פאפולאריזירטער ארטיקעל נאך קארל מארקס (אונטערגעשריבען „אב. קאהאן").

5) א סצענע פון וויקטאָר הוגאָ, איבערזעצט פון מיר אויף איינפאכע אידיש (אונטער דער איבערזעצונג איז קיין נאָמען ניטאָ).

כמעט אין יעדען נומער, מיט ווייניג אויסנאהמען, געפינט זיך מיינער אן ארטיקעל, אין וועלכען איך פאָפולאריזיר דעם סאָציאליזם. אין א לאנגער סעריע לייכטע ארטיקלען האָב איך זיך נעסטארעט איבערצוגעבען די מארקסיסטישע געדאנקען — די אפשטאמונג פון קאפיטאל, די ענטוויקלונג פון קאפיטאל, די מעהר־ווערט טעאָריע, דער קלאסען־קאמף און אזוי ווייטער און ווייטער. אין איין נומער, צום ביישפּיל, ערקלער איך דעם עיקר פון אלץ וואָס קארל מארקס האָט אויפגעטאָן אלס טעאָרע־טיקער. איך ווייז אָן אויף דעם אונטערשיד צווישען דעם סאָציאַ־ליזם, וואָס איז געווען פריהער און ווי ער האָט איהם אוועקגע־שטעלט אויף א וויסענשאפטליכען פונדאמענט. איין ארטיקעל מיינער, וועלכער טראָגט דעם איבערשריפט „צי קען דער סאָציאַ־ליזם מקוים ווערען ?" ענטהאלט אין א זעהר פאָפולערער פאָרמע מארקס'עס און ענגעלס'עס ארגומענטען, אז דער אונטערגאנג פון דעם קאפיטאליזם איז אונפארמיידליך.

צו דער זעלבער צייט האָב איך געשריבען א מאסע ארטיקלען וועגען דעם לעבען פון פארשידענע פעלקער, אָדער ארטיקלען איבער נאטור וויסענשאפט. אין אלע דיזע ארטיקלען מערקט זיך א באשטימטע סיסטעם, א קלאָהרער פּלאַן : געבען טשיקאווע זאכען, וואָס זאָלען פאר אונזערע מאסען זיין אינטערעסאנט צום לעזען און וואָס די טעמע גופא זאָל צוציהען דעם לעזער. צום ביישפּיל : אן ארטיקעל וועגען מוראשקעס, וועלכער ווייזט אז זיי האָבען סאָלדאטען, בויען פעסטונגען און פיהרען מלחמות צווישען זיך און אז זיי האָבען שקלאפען ; אָדער אן ארטיקעל וועגען די ווילדסטע מענשען אין אפריקא ; אָדער וועגען די קלענסטע מענ־שען, שווארצע קארליקעס אין אפריקא ; וועגען פייער־שפייענדע

בערג, וועגן קראָקאָדילען, אָדער וועגן די קליינע באַשעפענישען, וואָס שפּינען זייד.

א סעריע ארטיקלען האָב איך אויך געגעבן אונטער דעם נאָמען „ווער האָט גע׳הרג׳עט אלעקסאנדער דעם צווייטען?" די געשיכטע איז שוין דאַן אלט געווען ניין יאָהר. איך האָב אָבער געפיהלט, אז אונזערע מאסען זיינען מיט איהר ווייניג באקאנט.

אלע האָבען געוואוסט, אז רעוואָלוציאָנערען האָבען גע׳הרג׳עט אלעקסאנדער דעם צווייטען, אָבער ווי אזוי דאָס איז פאָרגעקומען, די געהיימניסען פון דער אונטערערדישער אָרגאניזאציע, וועלכע האָט דאָס דורכגעפיהרט — וועגן דעם האָט דער עולם ניט געהאט קיין קלאָהרען באגריף. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אז די איינצעלהייטען פון דיזער געשיכטע וועלען אלעמען פאראינטערע־סירען ווי א שפּאנענדער ראָמאן, און צו דער זעלבער צייט איז דאָס א היסטאָרישע פּאסירונג, מיט וועלכער דער עולם איז אלגע־מיין באקאנט, און וועלכע איז איהם צוליב דעם גופא אינטערע־סאנט. פון דעם שטאנדפּונקט פון אונזער פּראפּאגאנדא, ווידער, איז אזא טעמא וויכטיג אלס א טייל פון דער געשיכטע פון פרייהייטס־קאמף.

איך האָב זיך ניט גענארט. ווען דיזע סעריע האָט זיך געדרוקט, האָט מען זיך קוים דערוואַרט פון איין נומער אויפ׳ן צווייטען.

נאָכדעם האָב איך געגעבן אַן ארטיקעל וועגן א ניהיליסט, וועמען מען האָט פארשיקט אין סיביר — ווי אזוי ער איז פון דאָרטען אנטלאָפען. דיזע געשיכטע האָט זיך אויך געלעזען ווי א ראָמאן און האָט אויך געהאט א גרויסען ערפאָלג.

אָפט פלעג איך שרייבען אגיטאציאָנס־ארטיקלען. דיזע ארטיקלען זיינען דאָס רוב געווען אין א געהויבענעם טאָן, אָבער אלץ אין איינפאכע אידיש, אָהן „הויכע" ווערטער. אונטער אזעלכע ארטיקלען אָדער פעליעטאָנען פלעג איך זיך אונטער־שרייבען „סאָציוס".

די „סדרות" זיינען געווען וועגן טאגעס־פראגען, וועלכע איך פלעג צו־פּשט׳לען צו דער סדרה פון דער וואָך.

אין נומער 24, צום ביישפּיל, געפינט זיך א סדרה, וואו דער הויפּט ענין איז דער ערשטער פאַרברעכער, וועלכען מען האָט אין

אמעריקא געטויט אויף דעם עלעקטריש טשער (קעמלער איז געווען זיין נאָמען).

איך בין געווען פארטיפט אין דער קונסט פון פּאָפּולאריזירען, אויב מען מעג דאָס אזוי אָנרופען. ווי אזוי שרייבט מען וועגען וויסענשאפטליכע זאכען אויף אזא שטייגער, אז דער איינפאכסטער אידישער ארבייטער זאָל דאָס קענען לייכט פארשטעהן, און אז דאָס לעזען זאָל פאר איהם ניט זיין קיין ארבייט, נאָר א פארגע־ניגען ווען ער רוהט פון דער ארבייט? די דאָזיגע פראגע האָב איך געהאלטען פאר איינע פון די וויכטיגסטע, ווארים דער דייטשער, ענגלישער אָדער אמעריקאנער שרייבער האָט פאר זיך א מאסע, וואָס איז געגאנגען אין סקול, וועהרענד אונזער אימי־גראנטען־מאסע איז אין קיין סקול ניט געגאנגען. זיי האָבען ניט קיין באגריף וועגען די געוועהנליכע זאכען, וואָס מען לערענט מיט קינדער אין אמעריקא, דייטשלאנד אָדער ענגלאנד. דער אידישע ארבייטער איז געגאנגען אין חדר, אָבער קיין באַגריף וועגען געאָגראפיע אָדער היסטאָריע, צום ביישפּיל, האָט ער דאַרטען ניט באקומען.

פּאָפּולאריזירען איז א פיל שווערערע אויפגאבע ווי פילע מיינען. דער שרייבער אָדער לעהרער מוז האָבען איינבילדונגס־קראפט זיך פאָרצושטעלען ווי אזוי עס ארבייט דער מוח ביי זיין לעזער אָדער צוהערער. ער דארף וויסען וואָס יענער פארשטעהט ניט און וואָס ער פארשטעהט יאָ. פריהער פון אלץ איז נויטיג אז אלץ זאָל איבערגעגעבען ווערען מיט אזעלכע ווערטער און אויס־דרוקען, וועלכע דער לעזער קען לייכט באגרייפען. אבער דאָס איז נאָך ווייניג. מען מוז אויך געפינען ספּעציעלע מיטלען ווי אזוי דעם ענין איבערצוגעבען פאר א לעזער, וועמענס מוח עס איז ניט צוגעגרייט דערצו. אפט מוז מען דערצו האָבען א ספּע־ציעלען איינפאל. מען דארף צוקלעהרען עפּעס א פּלאן ווי אזוי צוצוקומען צום לעזער'ס מוח. אונגעהייער וויכטיג איז דערביי א משל. א מעשה'לע מאכט אָפט קלאָר און לייכט דעם שווער־סטען ענין. דורך א געראָטענעם משל זעהט דער לעזער אַ שכל ווי פאר די אויגען.

אָט אין דעם בין איך געווען פאראינטערעסירט. עס איז פאר

מיר געווען א ליבע ארבייט אין דעם העכסטען זין פון דעם אויסדרוק.

אונזער אויפגאבע איז געווען צו ערקלעהרען פאר דעם עולם די גרונט־פרינציפען פון קארל מארקס'עס לעהרע. קארל מארקס'עס ווערק זיינען געשריבען טיף־שכל'דיג און אפט איז דאס אזוי „שווער", אז ניט יעדער וואס האט געענדיגט אוניווערסיטעט אפילו קען דאס פארשטעהן. זאגאר אויבערפלעכליך איבערצוגעבען די הויפט געדאנקען פון קארל מארקס'ן פאר די מאסען, איז אויך אן אונגעהייערע אונטערנעהמונג. אט פאר דיזען „רזשאב" האב איך זיך גענומען. מיט משלים און מיט פארשידענע אנדערע מיטלען האב איך ערקלערט אלע וויכטיגע פונקטען פון דער מארקסיסטישער טעאָריע. דיזע ארטיקלען מיינע זיינען געגאנגען פון וואך צו וואך. אבער דאס איז געווען נאר א טייל פון מיין רעגעלמעסיגער ארבייט פאר דער צייטונג.

ווען איך לעז איצט מיינע פארשידענע סארטען ארטיקלען אין דער „ארבייטער צייטונג", בין איך ווייט ניט אימער צופרידען מיט זיי. אבער פילעס מאכט אויף מיר אן אנגענעהמען איינדרוק. נאר וועגען דעם — אין א ווייטערען קאפיטעל.

3.

די „ארבייטער צייטונג" און די ארבייטער באוועגונג. — די סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי.

די „ארבייטער צייטונג" האט אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג ארייגעבראכט א נייעס לעבען. יעדע צייטונג וואלט דאן געהאט א געוויסע ווירקונג, אפילו א טרוקענע, א שוואכע, מיט ווייניג לעזער. די „ארבייטער צייטונג" האט אבער אין זיך געהאט זאפט, און — לויט יענע צייטען — האט זי געהאט א סך לעזער. זי איז געווען פאפולער און האט געהאט א גרויסען איינפלוס.

א דאנק דער „ארבייטער צייטונג" האט אלץ פלוצלינג באקומען נאר אן אנדער פנים. די יוניאנס האבען גענומען וואקסען; און דאס ווידער האט אין אונז אלעמען פארגרעסערט דעם אינטערעס אין דער „ארבייטער צייטונג".

די „אַרבייטער צייטונג" איז געווען דער אָרגאַן פון די אידישע יוניאָנס. אָבער דאָס איז ניט אַלץ. מיר, די הויפּט־מענשען פון דער „אַרבייטער צייטונג", אַלס רעדנער, אַגיטאַטאָרס און אָרגאַניזאַטאָרס, זיינען געווען ענג פאַרבונדען מיט יעדער וויכטיגער פּאַסירונג אין דעם לעבען פון די אידישע יוניאָנס. מיר האָבען אנטייל גענומען אין יעדען סטרייק, און כמעט אין יעדען סעטעלמענט. מיר זיינען געווען אין דעם צענטער פון יעדער יוניאָן טעטיגקייט.

ווען איך בלעטער דורך דעם ערשטען און צווייטען יאָהרגאַנג „אַרבייטער צייטונג" דאַכט זיך מיר, אַז עס איז די זעלבע באַוועגונג ווי די וואָס מיר האָבען היינט, נאָר אין אַ קלענערער מאָס.

דאָ און דאָרטען געפינט איהר אויף דער ערשטער פּיידזש פון דער „אַרבייטער צייטונג" די פאָלגענדע אַנאָנסע:

„די וואָס ווייסען ניט ווי מען ווערט סיטיזענס, זאָלען קומען אין אָפיס פון דער „אַרבייטער צייטונג", לאַדלאָו סטריט."

פאַר עלעקשאָן געפינט איהר אויף דער ערשטער פּיידזש דעם גאַנצען „טיקעט" פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — די נעמען פון אַלע אונזערע קאַנדידאַטען, מיט ענגלישע בוכשטאַבען, אָדער איהר געפינט מיט גרויסע ווערטער דעם פאָלגענדען רוף:

„נאָך יוניאָן סקווער! נאָך יוניאָן סקווער! אַרבייטער, קומט אַלע און ברענגט אייערע פריינד צו דער דעמאָנסטראַציאָן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי!"

אין יענע יאָהרען איז דער יוניאָן־סקווער (דער קליינער פּאַרק וואָס ליגט צווישען בראָדוויי און פערטער עוועניו און צווישען 14טער און 17טער סטריט) געווען דער הויפּט־פּונקט, וואו אָפּען עער מאַס־מיטינגען פלעגען אָפּגעהאַלטען ווערען. די דאָרטיגע הילצערנע שטאָדט־געביידע האָט אַ פּלאַטפאָרמע צו דער 17טער סטריט צו, און פון דאָרטען פלעגט מען רעדען צום עולם. אהין פלעגט מען קומען, מאַרשירענדיג מיט מוזיק, פון די דייטשע, איירישע און אידישע קוואַרטאַלען. ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטען פלעגען מיינען, אַז מען רופט דאָס יוניאָן־סקוועד ווייל יוניאָן־לייט פלעגען דאָרטען אָפּהאַלטען זייערע פאַרזאַמלונגען. דאָס איז אַ

טעות. דער נאָמען האָט צו דער ארבייטער באַוועגונג קיין שייכות ניט. מיט דעם וואָרט „יוניאָן" (פאַראייניגונג) מיינט מען דאָ די פאַראייניגטע שטאַטען.

אין איינינע נומערן פון דעם ערשטען יאָהרגאַנג „ארבייטער צייטונג" געפינט זיך אַן אַנאָנסע: „די וואָס ווילען זיך קאָרעס־פּאָנדירען מיט דער היברו פעדערײשאָן אָוו לייבאָר פון די יונייטעד סטייטס און קענעדע זאָלען שרייבען אויף דעם אדרעס פון דער פעדערײשאָן". און אונטען איז אונטערגעשריבען: „אָרגאַניזאַטאָר אב. קאהאן; בריף און צוזענדונגען צו שיקען צום סעקרעטער, מאָרים הילקאָוויץ, 81 לאָדלאָו סטריט".

די מעלדונגען וועגען אונזערע יוניאָנס און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פלעגען אין דער „ארבייטער צייטונג" גערדוקט ווערען אונטער דעם נאָמען „פעראיינען און פערזאַמלונגען". די נייעס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אנדערע לענדער פלעגען מייסטענס געגעבען ווערען אונטער דעם איבערשריפט: „פון נאָהענט און פון ווייטען".

איינע פון די נאַכריכטען, וועלכע איך האָב געפונען אין דיזער אָפּטיילונג, דורכבלעטערענדיג די אַלטע נומערן „ארבייטער צייטונג", איז געווען דאָס פאָלגענדע:

„דער בעקאַנטער פראַנצויזישער דעפּוטאַט מילעראַן, דער טאַלאַנטפאָלער אדוואַקאַט, וואָס האָט פאַרטיידיגט די געגנאָסען לאַ־פאַרג (קאַרל מאַקס'עס איידעם) און קולין, אין דעם באַריהמ־טען פּראָצעס מכח די שיסעריי אין דער שטאָדט פורמי, איז דורך דיזען פּראָצעס אליין געוואָרען א סאָציאַליסט און מיטגליד פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי."

ווי טשיקאַווע דאָס קלינגט איצט! דיזע מעלדונג איז געווען געדרוקט אין דעם זומער פון 1891. זינט דאַן איז מילעראַן שוין געווען איינער פון די וויכטיגסטע מיטגלידער פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי און ער האָט שוין דעם גאַנצען סאָציאַליזם פאַר־וואָרפען; מיט פילע יאָהרען שפּעטער איז ער געווען פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק, און איינער פון די רעאַקציאָ־נערסטע פּאָליטיקער אין זיין לאַנד.

4.
קאמף מיט די אַנאַרכיסטען. — די „פרייע ארבייטער שטימע".

אונזער קאמף מיט די אנארכיסטען איז פיל פארשארפט געווארען. די אידישע אנארכיסטען פון זייער זייט האבען אויך באלד באקומען אַן אָרגאַן. צוערשט איז דאָס געווען אַ פריוואטע צייטונג מיט'ן נאָמען „מאָרגענשטערן", וועלכע איז ארויסגעגעבען געווארען פון דעם פאָטער פון מאיר לאָנדאָן, אונטער דער רעדאקציע פון דר. ברעסלאווסקי. דערנאָך האבען זיי געגרינדעט אַן אייגענע צייטונג — „די פרייע ארבייטער שטימע". זיי פלעגען אונז אטאקירען מיט שימפעריייען פארוואס מיר האלטען אָפּ די רעוואָלוציע. און מיר פלעגען אָפּלאכען פון זייערע פראזען און פון זייערע אונפארשטענדליכע, אָפּט אונזיניגע, דייטשע אידיש.

אַ ספּעציעלען פארגעניגען פלעגט פון דעם האבען פיליפּ קראנץ. דאָנערשטאָג אָוועגד, ווען עס פלעגט ארויסקומען זייער בלאט, פלעגט ער נעהמען אַ קאָפּיע, לעזען, אָנווייזען אויף אַ שורה אָדער אַ וואָרט, און לאכען ביז טרערען פלעגען זיך איהם שטעלען אין די אויגען. איך געדענק די פראזע „די זיך־ביז'ן הימעל הייבער", פון וועלכער קראנץ האָט זיך פארקייפט לאכענדיג.

דער רעדאקטאָר פון דער „פרייע ארבייטער שטימע" איז געווען אַ יונגערמאַן מיט'ן נאָמען פראנק (מעריסאָן), און ער פלעגט געברויכען די שווערסטע אידיש פון אלע. זיינע פראזען זיינען געווען לאנגע, פארפּלאָנטערטע, פול מיט דייטשע ווערטער, וועלכע זיינען ניט אימער געווען ריכטיג געברויכט. לעזען פרענק'ס אַן ארטיקעל אין דער הויף ביי אַ קאפּע טישעל און חוזק מאכען פון זיין שפּראך און פון זיין לאָגיק — דאָס איז געווען קראנץ'ס בעסטער צייט־פארטרייב. ארום איהם פלעגען דערביי געוועהנליך זיצען עטליכע פון אונזערע גענאָסען, און אמאָל אויך איינער פון די אַנאַרכיסטען. עס פלעגט זיך קעהרען וועלטען.

דאָס רוב פלעגען די דאָזיגע סצענקעס פאָרקומען אין אַ קליינעם קאפע אויף דעלענסי סטריט, לעבען קאָרנער לאָדלאָו, אַ

פאַר טריט פון אונזער רעראקציע. דעם קאפּע האָבען געהאלטען צוויי גענאָסען אונזערע, זוסמאן און גאָלדשטיין. די אנארכיסטען האָבען זיך געהאט זייער באזונדערען קאפּע אויף דיוויזשאָן סטריט לעבען פּאיק. איהרע בעלי־בתים זיינען געווען צוויי ברידער (זאקס האָבען זיי געהייסען), דער איינגערער פון וועלכע איז געווען אַן אנאַרכיסט. מיר פלעגען קומען אהין אויך, און אייניגע פון די אנאַרכיסטען, ווידער, פלעגען קומען אין אונזער קאפּע. די פּערזענליכע פאַרהעלטניסען צווישען די צוויי פּאַרטייען זיינען אייגענטליך געווען ניט קיין פיינדליכע. מען פלעגט אָפט פאַר־ברענגען צוזאמען, הגם לעזענדיג אונזערע צוויי צייטונגען וואָלט מען געקענט מיינען, אז מיר קענען זיך ניט געפינען איינער אין דעם אנדערענ'ס דלד אמות.

די גיפטיגסטע אטאַקעס אויף אונז זיינען אין דער „פרייער ארבייטער שטימע" געמאכט געווארען אין דער פאָרמע פון פעליע־טאָנען, פון איינעם מיט'ן נאָמען דוד אפּטייקער, וועלכער האָט געקענט זאָגען א וויץ. קיין מאָראַלישע קראַפט האָבען דיזע שפּאַסען זיינע ניט געקענט האָבען, צוליב דער פּערזענליכקייט פון דעם שרייבער, וועלכער איז צו דער זעלבער צייט כלומר'שט געווען אי אַ באַגייסטערטער אנאַרכיסט, אי אַ באַגייסטערטער תלמוד תורה מלמד. די אנאַרכיסטען גופא האָבען איהם ניט גענומען ערנסט.

דאָך אַ געראָטענער וויץ איז אַ געראָטענער וויץ, און ניט איינער פון אַפּטייקער'ס שטיפעריַיען האָט אונזערע גענאָסען געערגערט אָהן אַ שיעור.

די „ארבייטער צייטונג" האָט געהאט דריי מאָל אַזוי פיל לעזער ווי „די פרייע ארבייטער שטימע".

מיט אָפּלאַכען פון זייערע אונזיניגע דייטשע פראַזען האָבען מיר זיך נאַטירליך ניט באַנוגענט. די ערשטע צוויי יאָהר האָט די „ארבייטער צייטונג" געדרוקט אָהן אַ צאָהל טעאָרעטישע ארטיקלען געגען אנאַרכיזם. דיזע ארטיקלען זיינען געשריבען געווארען פון מיללער'ן, הילקאָוויץ'ן און מיר (הויפּטזעכליך פון מיללער'ן און מיר). פון צייט צו צייט פלעגט אויך קראַנץ שרייבען איבער אַזאַ

טעמע און אַמאָל אויך אַן אַנדערער. דער אויבּען דערמאָנטער י. פינן, פון באָסטאָן, האָט, צום ביישפּיל, געהאַט אַן אַרטיקעל אונ־טער דעם נאָמען „אַנאַרכיזם, קאָמוניזם און וואַרימע אייז־קרים". אַלע דיזע ערקלערונגען אונזערע האָבּען געשטרעבּט צו באַווייזען, אַז דער אַנאַרכיזם מיט זיין אידעאַל און מיט זיינע אַטאַקעס אויף אונזער פּראָגראַם האָט ניט קיין לאָגיק און קיין ממשות. אויף אַ שטרענג לאָגישען שטייגער, דורכגעוואָרפען מיט הומאָר, אָבּער אָהן שימפּעריייען פּלעגען מיר אַרויסשטעלען די ווידערשפּרוכען און אונזיניגקייטען פון דעם אַנאַרכיזם. מיר האָבּען פון איהם חוזק געמאַכט, און די אַנאַרכיסטען, פון זייער זייט, האָבּען געענטפערט מיט אַלגעמיינע פּרינציפּען, מיט שעהן קלינגענדע אָבּער ניט־ממשות'דיגע פראַזען און מיט שווערע באַשולדיגונגען און זידלע־רייען. די גיפטיגסטע אַטאַקעס האָט אויף זיי געמאַכט מיללער.

איך האָבּ דאָ געריעדט וועגען די אויספיהרליכע טעאָרעטישע אַרטיקלען, וואָס מיר האָבּען געשריבּען געגען דעם אַנאַרכיזם. די צייטונג איז אָבּער געווען פול מיט דיזען קאַמף אונזערען אין אַנדערע אַרטיקלען אויך. יעדער נומער האָט געטראָגען פילע צייכענס פון די צוזאַמענשטויסען צווישען די צוויי לאַגערען.

דורכבּלעטערענדיג די ערשטע צוויי יאָהרגאַנגען „אַרבּייטער צייטונג" (אַ קורצע צייט איידער דיזע שורות זיינען געשריבּען געוואָרען), האָבּ איך פאַרצייכענט איינינע סעמפּעלס, וועלכע וועלען דעם לעזער געבּען אַ בּילד פון די דאָזיגע „שלאַכטען" און פון דעם כאַראַקטער פון יענע צייטען אין אַלגעמיין.

אין נומער „אַרבּייטער צייטונג" פון ערשטען יאָהרגאַנג, געפינט זיך דער פאָלגענדער באַריכט פון פילאַדעלפיא, וועגען אַ מאַסמיטינג פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע „ריטער דער פריי־הייט", אויף וועלכען עס האָבּען גערעדט: יאָהאַן מאָסט, סטאַה־לער, ראַוויטש, לעדערער און פּרענער.

„פּרענער — מעלדעט דער באַריכט — האָט אונטער אַנדערע שימפּעריייען געזאַגט: די סאָציאַל דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען אין דייטשלאַנד טוען אַלעס מעגליכעס צו פערשיבּען (אָפּצולייגען) די סאָציאַלע רעוואָלוציע. זיי האָבּען מורא, אַז ווען עס וועט ענטשטעהן אַ רעוואָלוציע וועלען זיי פאַרלירען זייערע שעהנע

ווייכע זיצע אין דעם רייכסטאג". אונז האָט ער גערופען „שווינדלערישע לומפען". „די „ארבייטער צייטונג"—האָט ער אויסגערופען פאטעטיש, — ווערט ארויסגעגעבען פון א באנדע שווינדלער". סטאהלער האָט געשריען, אז ליעבקנעכט (דער סאָציאליסטישער פיהרער פון דייטשלאנד) האָט אמאָל ערקלערט קריג דער היינטינגער געזעלשאפט. היינט אָבער מוט ער דאָס שוין ניט מעהר, ווייל ער זיצט אין פארלאַמענט צוזאמען מיט אלע שווינדלער, און מען קען דאָך ניט אויפטרעטען געגען מענשען מיט וועמען מען זיצט צוזאמען."

אין א „שטימע אוים דעם פאָלק", פון סטיווען קופער, וועלכע איז אפּגעדרוקט אין דעם נומער 24 פון דעם ערשטען יאָהרגאנג, געפינען זיך די פאָלגענדע שורות:

„אין דעם לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד", נומער 29, שטעהט דאָס פאָלגענדע: דער „ארבייטער פריינד" איז סאָציאל-רעוואָלוציאָנער און די סאָציאל-רעוואָלוציאָנערען שטעלען מיט זיך פאר הויפּטזעכליך יענעם טייל סאָציאליסטען וואָס זאָגען, אז סאָציאל-דעמאָקראטען און אנארכיסטען קענען און דארפען געהן האנט אין האנט אין באקעמפען די איצטיגע געזעלשאפטליכע אָרדנונג. אביסעל ווייטער זאָגט גאלאָפּ (דער רעדאקטאָר פון'ם „ארבייטער פריינד"), אז סאָציאל רעוואָלוציאָנערען זיינען געגען אלע רעפארמען, געגען פארלאמענטארישע געזעצען, געגען וואהל-קאמף; בכלל רעוואָלוציאָן און רעוואָלוציאָן! מען מוז נאָר געהן מיט מאכט און אויפּהעצען דעם ארבייטער. דאָס וועט שוין ברענגען די גאולה. דאָס איז די זאגעכץ, וואס אנארכיסטען דרשנ'ען אויף אלע זייערע פארזאמלונגען. דאָס איז זייער ארגוּ־מענט געגען אונזער פראגראם און טאקטיק. אבער סאָציאל-דעמאָקראטען אנערקענען רעפאָרמען, פארלאמענטארישע טעטיגקייט און דעם פּאָליטישען קאמף אין אלגעמיין. היינט, ווי קענען מיר געהן האנט אין האנט? אדרבא, זאָל גענאָסע גאלאָפּ פאָרשלאָגען א לאָגישען פּלאַן."

אין נומער 29 פון ערשטען יאָהרְגאנג אין דער אָפּטיילונג „פון נאָהענט און פון ווייטען", אויף דער ערשטער פּיידזש, געפינען זיך די פאָלגענדע שורות:

„זיי, די אַנאַרכיסטען, זיינען געגען סטרייקס, געגען פּראָפּאַ־גאַנדע דורך וואהלען, געגען לייבאָר־דעי. זיי האַלטען נאָר פון גוואַלט־מיטלען. פאַרוואָס טוען זיי דאָס ניט? אויב די תליה און דער קאָורט זיינען די בעסטע פּלעצער פאַר סאָציאַליסטישע אַגי־טאַציעס, טאָ פאַרוואָס לאָזען זיי זיך ניט זעהן אין אַזעלכע פּלעצער?"

5.

אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. — דזשאָזעף באַראָנדעס. — סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען.—דער ערשטער־מאַי־פּאַראַד.

אונזער קאמף מיט די אנארכיסטען האָט זיך אין די ערשטע „ארבייטער צייטונג"־יאָהרען געלאָזט פיהלען אין די אידישע יוניאָנס, אָבער אין קיינער פון זיי ניט אזוי שטארק ווי אין דער קלאָוקמאכער יוניאָן. דאָרטען האָט זיך אייגענטליך געהאנדעלט וועגען דעם אויבען־דערמאָנטען דזשאָזעף באַראָנדעס; ריכטיגער געזאגט, וועגען דער פראגע, צו וועלכען צד באראָנדעס איז געוועזן פריינדליכער. ווארים עס האָט אזוי פּאסירט, אז א קורצע צייט פאר דער גרינדונג פון דער „ארבייטער צייטונג" איז ער געווארען דער מענעדזשער פון דער יוניאָן, האָט אין איהרי באקומען א גרויסע מאכט און איז דורך דעם פּלוצלינג צוגעקומען צו דעם אויבען־אָן פון עפענטליכען לעבען.

עס איז אזוי געוועזן:

די ארבייטער פון עטליכע קלאָוק־שעפּער האָבען געהאט סטרייקס, און זיי האָבען זיך געווענדעט צו די „פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען", אז זיי זאָלען זיי העלפען פיהרען דעם קאמף. די „געווערקשאפטען" האָבען צו דיזען צוועק אפּאָינטעד א קאָמיטע פון דריי: בערנארד וויינשטיין, איינעם א שאך, וועל־כער איז דאן געוועזן דער פיהרער פון די ניע־פּענטס מאכער, און דזשאָזעף באראָנדעס'ן, וועלכער איז אויך געוועזן א דעלעגאט פון די ניע־פּענטס מאכער צו די „געווערקשאפטען". די סטריי־

סערס האָבען געבעטען אז איינער פון די דריי זאָל ביי זיי בלייבען, און אזוי ווי באראָנדעס איז געווען דער איינציגער וואס האָט געהאט צייט דערצו, איז ער פארבליבען.

קלאָוק־מאכער סטרייקס זיינען ניט געווען קיין נאָווינע (אין די פריהערדיגע עטליכע יאָהר האָב איך מעהרערע מאָל אנטייל גענומען אין אזעלכע קאמפען). קיין וויכטיגע יוניאָן איז אָבער פון זיי ניט ארויסקומען. נאָך א זיגרייכען סטרייק פלעגט די יוניאָן געוועהנליך זיך צופאלען, און קיין גרויסע ארגאניזאציע איז אפילו אין דער צייט פון קאמף אויך ניט געווען. דיזער סטרייק אָבער האָט זיך פאנאנדערגעוואקסען און אונערווארטעטערהייט האָט זיך פון איהם פאנאדערגעבליהט אן ארגאניזאציע פון עטליכע טויזענט מיטגלידער — א גרויסע צאָהל פאר יענע צייטען — און זי האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א ממשות'דיגע, שטענדיגע זאך.

אין דער צייט פון דעם סטרייק האָט באראָנדעס פאר דער יוניאָן געארבייט בוכשטעבליך טאָג און נאכט, און ער האָט זיך ביי די מיטגלידער באליבט געמאכט. דער רעזולטאט איז געווען, אז מיר האָבען איהם פלוצלינג דערזעהן אלס איינפלוסרייכען פיהרער פון א גרויסער ארגאניזאציע.

די קלאָוקמאכער יוניאָן איז געווען די ערשטע אידישע יוניאָן איינצופיהרען א שעהנעם אָפיס. און אין דיזען גרויסען שעהן־מעבלירטען אָפיס איז באראָנדעס געווען די הערשענדע פיגור*). די קלאָוקמאכער האָבען איהם ארויסגעוויזען גרוים רעספעקט. זיין מאכט איז שנעל געוואקסען; ער האָט זיך אנגעהויבען צו קליידען שעהנער און צו האלטען זיך מיט מעהר זעלבסטווירדע. עס איז איהם ניט געווען צו דערקענען.

איך געדענק מיין איבערראשונג, ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל באזוכט אין זיין וואזשנעם אפיס.

---

*) לויט די „עראינערונגען פון די קלאָוקמאכער און זייערע יוניאָנס", פון א. ראָזענבערג, קומט אוים, אז דעם שעהנעם אָפיס, אויסגעפּוירנישט „ווי אַ באַנק", האָט די יוניאָן אַיינגעפיהרט מיט מאָנאַטען שפעטער, נאָך דעם גרויסען לאקאוט און סטרייק. ווי ווייט איך געדענק, איז דאָס געווען פאָר דעם לאקאוט, גלייך נאָך דעם קליינעם סטרייק.

איך זאָג אז ער האָט זיך ביי די קלאָוק־מאַכער באַליבט געמאַכט. די איבערגעגעבענהייט, מיט וועלכער ער האָט געאַרבייט פאַר זייער סטרייק, איז ניט געווען די איינציגע אורזאַכע דערצו. באַראָנדעס האָט א היבש ביסעל פּערזענליכען מאַגנעטיזם. ער איז א ווייכער גוט־הערציגער מענש. ס'איז גרינג אין איהם צו ערוועקען רחמנות, ארויסצורופען טרערען אין זיינע אויגען און צו באַקומען א טובה ביי איהם. דערצו נאָך איז ער געווען א שעהנער יונג, מיט א שעהנער פיגור, און מיט א שעהנער באַריטאָן שטימע, כמעט א באַסאָווע. די שטימע גופא האָט ארויסגערופען רעספּעקט. א רעדנער איז ער אויך געווען ניט קיין שלעכטער. און אריינוואַרפען א פסוק, אָדער א שטיקעל גמרא אין זיינער א רעדע האָט ער אויך געקענט. קורץ, פילע פון די קלאָוקמאַכער זיינען פון איהם געווען בוכשטעבליך באַצויבערט. זיי האָבען איהם ליב געהאַט און געציטערט פאַר איהם.

די אידישע ארבייטער זיינען אין יענע צייטען, אין אלגעמיין גענומען, געווען א סך וויינינגער ענטוויקעלט ווי היינט. צווישען די קלאָוק־אָפּערייטאָרס האָבען זיך אייגענטליך געפונען פילע יונגע לייט, וואָס האָבען „זיך פאַרשטאַנען אויף שוואַרצע פינטעלעך", וואָרים „אָפּערייטאָריי" האָט מען זיך אויסגעלערענט ערשט אין אמעריקא, און צו דעם האָבען זיך גענומען פילע ישיבה־בחורים און אינטעליגענטע אָדער האלב־אינטעליגענטע „באַלע־באַטישע" יונגע לייט. אָבער די שניידער פון דער יוניאָן זיינען געווען דאַמסקע שניידער פון דערהיים, און צווישען די פּרעסער — געזונטע שטאַרקע יונגען — האָט זיך געפונען א היבשע צאָל היימישע שמידען, בעל־עגלה'ס, טרעגער, דאָרף־מענשען. איינציגע פון זיי האָבען געקענט מאַכען א שנאַפּס. אין זיינע „עראינע־רונגען" שילדערט א. ראָזענבערג איינינגע פּרעסער אזעלכע, ווי זיי פלעגען, צום ביישפּיל, אויפברעכען די טיר פון דעם עקזעקוטיוו־צימער, און אַטאַקירען די מיטגלידער מיט טשערס. ער דער־צעהלט אויך ווי די עקזעקוטיוו פלעגט זיין געצוואונגען צו אנטלויפען דורך א פענסטער און אָפּצוהאַלטען איהרע מיטינגען אין געהיים ערגעץ־וואו. די עטליכע פּרעסער, וועלכע ראָזענ־

בערג באשרייבט, האָב איך געקענט פערזענליך — הויפּטזעכליך צוויי פון זיי — און איך קען זאָגען, אז זיינע שילדערונגען פון זיי זיינען ניט א האָר איבערטריבען. פילע פון דעם דאָזיגען טיפּ זיינען געווען צווישען די טרייסטע און באגייסטערסטע יוניאָן־לייט. זיי האָבען אָבער פון דער היים מיטגעבראכט גאנץ פּארצייטיגע באגריפען, לויט וועלכע עס איז, צום ביישפּיל, ניט געווען קיין אונגאטירליכע זאך, אז א וואזשנער מענש זאָל אן ארבייטער געבען א פּאטש. אלזאָ, פלעגט טרעפען, אז בראַנדעס זאָל צו זיך צורופען א ווילדען פּרעסער און איהם אָנפּאטשען; און דאָס פלעגט נאָך פארגרעסערען דעם פּרעסער'ס רעספּעקט צו איהם. איין פּרעסער אזעלכער האָט אמאָל צו מיר געזאָגט: „פאר מיר איז א כבוד ווען אזא מאַן ווי מיסטער בראַנדעס גיט מיר א פּאטש".

די דאָזיגע מלוכה, וועלכע איז צו איהם געקומען אזוי פּלוצ־לינג, האָט בראַנדעס'ען בארוישט; און אזוי ווי ער איז דאן געווען זעהר יונג, זעהר אונערפאהרען און זעהר לייכטזיניג, האָט זיך זיין בארוישונג מאנכע מאָל אויסגעדריקט אויף א קאָמישען שטייגער. זייטיגע מענשען פלעגען שמייכלען און געגנער פלעגען אין זייער קריטיק זיך פארגעסען אָן די טרייע אונערמידליכע אר־בייט, וואָס ער האָט געטאָן פאר דער יוניאָן.

געפינענדיג זיך אין זיין נייער ראָלע, האָט בראַנדעס אָנגעהויבען צו ווייכען פון אונזערע „ארבייטער צייטונג" מענשען, וועלכע זיינען ניט געווען געוואוינט איהם צו נעהמען ערנסט. און מיט דעם האָבען זיך באנוצט די אנארכיסטען. אום איהם אריבערצוגעווינען אויף זייער זייט, האָבען זיי איהם אָנגעהויבען צו שענקען אויפמערקזאמקייט. דער רעזולטאט איז געווען, אז בראַנדעס האָט גענומען ארויסווייזען נאָהענטקייט צו די אנאר־כיסטען.

דערביי האָט מיטגעווירקט א ספּעציעלער אומשטאנד: אין דער עקזעקוטיוו באָארד פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן האָבען זיך געפונען עטליכע מיטגלידער פון דעם אנארכיסטישען „פּאַרטביל־

רונגס־פּאַראיין“ *). דאָס זיינען געווען יונגע לייט, וואָס האָבען געקענט נעהמען דאָס וואָרט אויף אַ מיטינג און דאָס רוב האָבען זיי טאַקע געהאַט כאַראַקטער אויך. צופיל אַזעלכע מיט־גלידער האָט די יוניאָן ניט געהאַט; אַלזאָ האָבען זיי געשפּילט אַ ראָלע אין דער אָרגאַניזאַציע און מען האָט זיי ערוועהלט צו דער עקזעקוטיווע. טיילווייז דורך דעם וואָס זיי האָבען געהאַט די קאָנטראָלירענדע מאַכט אין דער יוניאָן און טיילווייז דורך דעם וואָס זיי פּלעגען פילע שטונדען זיך געפינען אין באַראָנדעס׳עס קאָמפּאַניע, האָבען זיי אויף איהם געהאַט אַ ווירקונג, און זיי האָבען דאָס אויסגענוצט אין די אינטערעסען פון זייער פּאַרטיי.

אמטעטיגסטען האָבען אין דיזער ריכטונג געאַרבייט צוויי מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע: אברהם ראָזענבערג, דער גרינ־דער פון דעם „פּאַרטבילדונגס־פּאַראיין“, און מ. ליעדער. ראָזענ־בערג און ליעדער זיינען געווען פּאַרביסענע געגנער פון דער „אַרבייטער צייטונג“ און פון יערען, וואָס איז מיט איהר געווען פּאַרבונדען **).

---

*) דעם נאָמען האָבען די אידישע אַנאַרכיסטען גענומען ביי זייערע דייטשע גענאָסען. ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרען אין פריהערדיגען באַנד, זיינען פילע פון די אויסדרוקען אין באַצוג צו דער באַוועגונג, ביי זיי אַזוי גוט ווי ביי אונז, גענומען געוואָרען פון דער דייטשער שפּראַך.

**) דער אברהם ראָזענבערג, וועגען וועלכען דאָ האַנדעלט זיך, איז דער זעלבער וועמעס „ערּאינערונגען“ איך האָב אויבען דערמאָנט. ער האָט זיי געשריבען אונגעפעהר מיט דרייסיג יאָהר שפּעטער. זיינע באַהויפּטונגען און מיינונגען זיינען אָפט באַאַרבײט מיט זיין פּאַרטייאישען שטאַנדפּונקט; און ער רעדט אייגענטליך אָפען אַלס פּאַרטיי־מענש. דיזער גייסט לאָזט זיך ביי איהם פיהלען, מעהר אָדער ווייניגער, כמעט דורך דעם גאַנצען בוך. טיילווייז דורך דעם און טיילווייז סתם דורך טעות׳ן, האָט זיין ווערק אַ סך פעהלערען. עס האָט אָבער אויך גרויסע מעלות.

געשריבען איז עס — טראָץ אַלע ניט־ריכטיגקייטען און רויחקויי־טען — זעהר אינטערעסאַנט. אין זיין הקדמה זאָגט ראָזענבערג, אַז ער שטעלט זיך ניט אַרויס פאַר קיין פּראָפעסיאָנעלען שרייבער. זיינע שילדע־רונגען זיינען אָבער אָפט אַזעלכע, אַז מאַנכע פּראָפעסיאָנעלע שרייבער וואָלטען איהם געדאַרפט מקנא זיין. פילע שטעלען זיינען פאַרבען־פול און בע׳טעם׳ט מיט הומאָר. ער גיט אונז לעבעדיגע פּאָרטרעטען און לעבע־

מיר, פון אונזער זייט, האָבען צוערשט זיך געסטאַרעט באַראַנדעס'ן צו דערנעהענטערען צו זיך. מיר האָבע איהם געצויגען צו זיך, און די אַנאַרכיסטען האָבען איהם געצויגען צו זיך, און דאָס האָט איהם גאָר פאַרדרעהט די קאָפּ.

צווישען די טעטיגע מיטגלידער פון דער יוניאָן זיינען געווען צוויי פראַקציעס — אַ סאָציאַליסטישע און אַן אַנאַרכיסטישע. עס פלעגען פאָרקומען הייסע גיפטיגע ויכוחים, ווילדע רייסערייען, און אמאָל פלעגט זאָגאַר קומען צו קלעפּ.

„אונזערע" פלעגען די אַנאַרכיסטען דערמאָנען די ערקלע־רונגען פון זייערע פיהרער, וועלכע האָבען גערעדט געגען יוניאָנס,

---

דיגע סצענעס. אין סך הכל, אַלס מאַטעריאַל פאַר אַ צוקונפטיגען היסטאָ־ריקער, איז דאָס אַ העכסט ווערטפאָלע ווערק.

דר. לואיס לעווין'ס ענגלישע געשיכטע פון די קלאָוק־מאַכער יוניאָנס, „די וואומענס גאַרמענט וואָירקערס", האָט די חסרונות פון ראָזענבערג'ס „ערינערונגען", אָהן זייערע מעלות. דר. לעווין האָט זיך בענוצט מיט ראָזענבערג'ס ווערק און האָט אויך אָנגעזאַמעלט פילע איינצעלהייטען פון פאַרשידענע צייטונגען און אַנדערע קוואַלען. זיין מאַטעריאַל איז אָבער צו אָפט פון אַן איין־זייטיגען כאַראַקטער, און מען קען זעהן אַז דער שרייבער איז מיט דעם געגענשטאַנד ניט גרינדליך באַקאַנט, אָדער אַז ער האָט מיספאַרשטענדניסען וועגען איהם. איניגע פון די וויכטיגסטע פונקטען זיינען ביי איהם דורכגעלאָזען, איינפאַך ווייל ער האָט ניט גע־וואוסט פון זיי. וועגען מאַנכע פון די פּאַסירונגען אָדער סיטואַציעס באַ־קומט דער לעזער פון זיין ווערק ענטוועדער גאָר קיין באַגריף ניט, אָדער א פאַלשען באַגריף. דאָך, מייסטע פון די פאַקטען־זיינען ביי איהם ריכטיג און דאַטומס און אַנדערע ציפער גיט ער אַ סך מעהר ווי ראָזענבערג, און אָפט, ווען ביידע גיבען אַ ציפער, איז לעווין'ס פּינקטליכער. דר. לעווין'ס אבזיכט איז געווען א גוטער. נאָר ער האָט פשוט ניט געהאַט גענוג פון דעם ריכטיגען מאַטעריאַל פאַר זיך.

וועגען די קלאָוק־מאַכער שרייבט אויך הערץ בורגין אין זיין „געשיכטע פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג". דיזע ווערק איז אַן אונפּאַרטייאישע. אַזוי ווי אָבער זי באַשעפטיגט זיך מיט אַלע יוניאָנס, קען זי די קלאָוק־מאַכער אָפּגעבען נאָר אַ באַשרענקטען פּלאַץ. אַלס הילף פאַר אַ היסטאָריקער פון דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן זיינען אַלע דריי ווערק נוצליך.

זיי אויסגעלאַכט אלס „פּאַליאַטיוועז״, און געשריהען, אז נאָר גוואַלט־טהאַטען זיינען ווירקזאַם. זיי פלעגען די אנאַרכיסטען אויפוואַרפען אז זייער אנטייל אין די יוניאָנס איז ניט קיין אויפריכטיגער, אז זיי שפּאַרען זיך אין זיי נאָר אום צו האָבען מאַכט. אויף דעם פלעגען די אנאַרכיסטען ענטפּערען: „מאַלע וואָס אונזערע פיהרער זאָגען! אנאַרכיסטען גלויבען ניט אין קיין פיהרער. ביי אונז איז יעדער מענש אַ פיהרער איבער זיך״.

איך האָב אמאָל בייגעוואוינט אזא דיסקוסיע. אַ סאָציאַ־ליסטישער קלאָוק מאַכער האָט געזאָגט איראָניש: „אייערע גענאָסען פלעגען דאָך עפּעס זאָגען אז אַ יוניאָן איז אַ פּאַליאַטיוו! איך האָב געמיינט, אז אַ יוניאָן איז ביי אייך אזוי טריף ווי דער פּאַרלאַמענט.״ דער ענטפּער איז געווען, אז אַ פּאַרלאַמענט איז טאַקע טריף, וואָרים דאָרטען זיצען קאַפּיטאַליסטישע דע־פּוטאַטען. אַ יוניאָן אָבער באַשטעהט דאָך דורכאויס פון אַרבייטער.

איידער די „אַרבייטער צייטונג״ איז ערשינען, פלעגען די אנאַרכיסטען זיך האַלטען ביי זייערע „פּאַליאַטיוו״־געשרייען געגען די יוניאָנס. דערנאָך אָבער האָבען זיי דאָס ביסלעכווייז אויפ־געגעבען.

הערץ בורגין דערמאָנט מיטינגען, אויף וועלכע ר. לואיס און מייקעל קאָהן, די צוויי וויכטיגסטע אידישע אנאַרכיסטען, האָבען אָפען ערקלערט, אז אַן אנאַרכיסטישער „פּאַרטבילדונגס־פעראיין״ איז וויכטיגער ווי אַ יוניאָן; אָדער זיי פלעגען ריידען וועגען צווייערליי יוניאָנס — „גוטע״ און „שלעכטע״. אַ גוטע יוניאָן האָט ביי זיי געהייסען אַ רעוואָלוציאָנערע יוניאָן. אין דעם זעלבען זין — דערצעהלט בורגין — פלעגט אין יענע צייטען אויך שרייבען ש. יאַנאָווסקי אין דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד״ (יאַנאָווסקי האָט דאַן געוואוינט אין לאָנדאָן און איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דיזער צייטונג).

מיר וועלען דערמאָנען דעם לעזער, אז דער יונגער אנאַר־כיסט פרענער, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין פילאַדעלפיא און איז געווען דער פּאָפּולערסטער רעדנער ביי די אנאַרכיסטען,

האָט אויף דעם צוזאַמענפאָר, פון וועלכען עס איז געבאָרען געוואָרען די „ארבייטער צייטונג", אָפען אויסגעשריען, אז ער פּאַרדאַמט די יוניאָנס אַלס פּאַליאַטיוועו. דאָס איז געווען דער שליסעל צו זייער יוניאָן־טאַקטיק אונגעפעהר ביז די „ארבייטער צייטונג" איז געגרינדעט געוואָרען. דערנאָך האָבען זיי זיך געפּלאָנטערט אין אַ מישעניגע פון „גוטע" יוניאָנס און „שלעכטע" יוניאָנס, ביז ענדליך האָבען זיי זייער גאַנצע פריהערדיגע יוניאָן־טאַקטיק ארויפגעטראָגען אויף'ן בוידעם. זיי האָבען גענומען זיין טעטיג אין די יוניאָנס און זאָגאר אין די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען". די סאָציאַליסטען זיינען אָבער אומעטום געווען די הויפּט־מאַכט (אויסער אין דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן, אַ געוויסע צייט). אין סך הכל איז אונזער פּאַרטיי געווען די הערשענדע קראַפט אין דער אידישער ארבייטער באַוועגונג, וועלכע זי האָט אייגענטליך אויפגעבויט.

אין אַלגעמיין גענומען האָבען די אַנאַרכיסטען אין די יוניאָנס קיין ממשות'דיגע באַדייטונג ניט געהאַט.

בורגין גלויבט, אַז זייער שוואַכקייט אין די יוניאָנס האָט געשטאַמט פון דעם אויבען־דערמאָהנטען ווידערשפּרוך אין זייער פּאַליסי: זיי זיינען געווען אי פאַר די יוניאָנס, אי געגען די יוניאָנס; אי זיי האָבען זיי פאַרדאַמט, אי זיי האָבען געוואָלט ארבייטען פאַר זיי. אַלזאָ, האָבען די ארבייטער זיי ניט געקענט נעמען ערנסט.

דאָס וואָלט ריכטיג געווען, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט נאָר וועגען אינטעליגענטערע ארבייטער. ווען מען רעדט אָבער וועגען דער גרויסער מאַסע קלאָוקמאַכער, שניידער אָדער ני־פּענטס־מאַכער, גלויב איך ניט, אַז מען קען דאָס אָנגעבען אַלס אַ וויכטיגע אורזאַכע. איך בין איבערצייגט, אַז די הויפּט־אורזאַכע איז באַשטאַנען אין די גוואַלט־טהאַטען, וועגען וועלכע זיי האָבען גערעדט פון דער פּלאַטפאָרמע, אין זייערע געשרייען וועגען אַ באַלדיגער רעוואָלוציע, אין דער „רעוואָלוציאָנערער" טאַקטיק, וועלכע זיי האָבען געפּאָדערט.

ווען דער רעדנער איז אַ גוטער (און גוטע רעדנער האָבען

זיי געהאַט) קען ער מיט דיזען סאָרט אַגיטאַציע אויף אַ געוויסער צייט פּאַראַינטערעסירען אַ געוויסען קלאַס יונגע לייט, אָבער ניט אַ ברייטען עולם, וועלכער ענטהאַלט אַ גרויסע צאָל פֿאָל־שטענדיג־ערוואַקסענע מענשען.

צווייטענס, איז זייער צייטונג געווען פול מיט הויכע ווערטער און מיט טרוקענע אַרטיקלען, וועלכע האָבען ניט געקענט אַפּעלירען צו די מאַסען.

די „אַרבייטער צייטונג" האָט געהאַט אַ סך מעהר לעזער ווי זייער „פרייע אַרבייטער שטימע" און אַ סך מעהר איינפלוס. זייער צייטונג האָט זיך געמאַטערט. זי האָט אָפּגעלעבט אַ קורצע צייט און זי האָט געסטאַפּט. דאַן האָט מען איהר צוריק געעפענט, אָבער לאַנג האָט זי אין יענע יאָהרען ניט עקזיסטירט. זי האָט געהאַט אַ קליינע סוירקולייישאָן, און די שטיצע וואָס זי האָט באַקומען פון סימפּאַטיזירער איז ניט געווען גענוג איהר אויפ־צוהאַלטען.

ווען מען לעזט אברהם ראָזענבערג'ס „עראינערונגען", קען מען באַקומען דעם איינדרוק, אַז די קאָנקורענץ צווישען די אַנאַרכיסטען און די סאָציאַליסטען אין דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג איז געווען אַ קאָנקורענץ צווישען גלייכע קרעפטען, אָדער זאָגאַר, אַז די אַנאַרכיסטען זיינען געווען שטאַרקער פאַר אונז. דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות. ווי געזאָגט, האָבען זיי אין סך הכל געהאַט אַ גאַנץ קליינע באַדייטונג. צווישען זיי איז געווען אַ היבשע צאָל איבערגעבענע באַגייסטערטע מענשען, און זייער פייער איז געווען דער הויפּט קוואַל פון דעם אינטערעס, וואָס זיי האָבען ערוועקט אין יונגע לייט. אָבער זייער טאַקטיק און אויך זייער טעאָריע איז געווען גענען זיי.

ווען מיר האָבען אָרגאַניזירט דעם ערשטען מאַי־פּאַראַד (מיר האַלטען אַלץ ביי דעם יאָהר 1890), האָבען אַלע אידישע יוניאָנס זיך אין איהם באַטייליגט, די קלאָוק־מאַכער יוניאָן אויך. אונטער דעם איינפלוס פון דער „אַרבייטער צייטונג" האָט דער אידישער קוואַרטאַל געגליהט מיט באַגייסטערונג פאַר דעם אַלוועלטליכען

ארבייטער יום־טוב, וועלכער איז באשטימט געוואָרען אויף דעם פאריזער אינטערנאציאָנאלען סאָציאליסטישען קאָנגרעס, אין 1889.

די פענסטער פון הונדערטער טענעמענט הייזער זיינען געווען דעקאָרירט מיט רויטע פאָהנען, און ווען די מארשירענדע ארבייטער, באגלייט מיט מוזיק, זיינען דורכגעגאנגען, האָט מען זיי אומעטום באגריסט מיט פאָכענדע פאָהנען, מיט הוררא־געשרייען און אפלאָדיסמענטען.

אינטערעסאנטע סצענעס זיינען פאָרגעקומען. א אידישע באלעבאָסטע דערהערט, צום ביישפיל, די מוזיק; זי האָט אָבער פארגעסען צוצוגרייטען א רויטע פאָהן; כאפט זי א רויטען טישטוך, בינדט איהם צו צו דעם שטעקען פון איהר ברום, און מיט דעם פאָכט זי פון איהר פענסטער א קבלת־פנים צו די מארשירענדע.

אין אן אנדער פּלאַץ האָט מען דערקענט, אז די רויטע פאָהן איז א רויטע וויסטעל, צוגעבונדען צו א שטעקען. דער בעל־הבית האָט באמערקט די קנעפּלעך.

די אידישע ארבייטער זיינען נאטירליך ניט געווען די איינציגע וואָס האָבען זיך באטייליגט אין דעם יום־טוב. אין ניו יאָרק זיינען דאן געווען פילע דייטשע יוניאָנס — גרעסערע און מעהר אין צאָל ווי די אידישע — און זיי האָבען אלע געמארשירט לכבוד דעם אינטערנאציאָנאלען ארבייטער פייער־טאָג. און אמעריקאנער יוניאָנס אויך, הגם זיי האָבען זיך מיט דעם סאָציאליסטישען זין פון דעם יום־טוב ניט אינטערעסירט. די גאנצע שטאָדט האָט געהילכט פון מארשירענדע ארבייטער און זייער מוזיק. אלע זיינען זיך צונויפגעקומען אויף יוניאָן־סקוועד, וואו עס זיינען געהאלטען געוואָרען רעדעס אויף ענגליש, דייטש און אידיש.

באלד נאָך דעם ערשטען מאי האָט ביי די קלאָוק־מאכער זיך ענטוויקעלט א לאנגע, וועלכע האָט אפילו זייערע אנארכיסטישע מיטגלידער געצוואונגען זיך צו ווענדען צו אונז. אלע אונזערע רעדנער האָבען זיך באטייליגט.

6.

דער ערשטער גרויסער קאמף אין דער קלאָוק-טרייד. — ווידער פראָפעסאָר גארסייד. — אַן אונפארגעסליכע פארזאמלונג.

די קלאָוק־מאנופעקטשורערס האָבען זיך פאראייניגט אין א „מאנופעקטשורערס אססאָסיאיישאָן" מיט דעם צוועק צו צוברעכען די יוניאָן. פריהער האָבען זיי די אָרגאניזאציע ניט גענומען ערנסט. איצטער אָבער, ווען זיי האָבען געזעהן אז זי האלט זיך, זיינען זיי געוואָרען אומרוהיג.

נאָך מיט א פאָר יאָהר פריהער האָב איך געהערט, אז די מאנופעקטשורערס ווילען די יוניאָנס לאנג ניט דולדען. א קלאָוק־שניידער מיט'ן נאָמען מאיאָווער, וועלכער איז געווען אונזערער א פארטיי גענאָסע, האָט אין א געשפרעך מיט מיר, אמאָל געזאָגט:

— פריהער־שפעטער ווילען די מאנופעקטשורערס זיך פאראייניגען און מאכען א לאָק־אוט.

זייער פאראייניגונג איז אַלזאָ איצט פארגעקומען. און עס האָט זיך גענומען הערען פון אלע זייטען, אז זיי סטראשען מיט א לאָק־אוט.

איך האָב שוין געזאָגט (אין דעם פריהערדיגען באנד), אז די קלאָוק־מאנופעקטשורערס, מיט זעהר ווייניג אויסנאמען, זיינען געווען דייטשע יהודים, וועהרענד די ארבייטער זיינען מייסטענס געווען אונזערע אידען פון רוסלאנד, פוילען, גאליציען, אָדער אידיש־ריידענדע אידען פון אונגארן. צווישען די קאטערס האָט זיך געפונען א היבשע צאָל בעהמיש־אידישע אָדער דייטש־אידישע אימיגראנטען. צווישען די שניידער, אפערייטאָרס און פרעסער אָבער איז אזא סאָרט איד געווען א זעלטענהייט. די רייכע יהודים האָבען אויף אונזערע אידען אימער געקוקט מיט פאראכטונג. זיי האָבען זיי באטראכט פאר א נידעריגערען פאָלק. און ווען דיזער „נידעריגערער" פאָלק האָט זיך גענומען אָרגאניזירען בּעגען זיי, איז פון דער פאראכטונג געוואָרען א ביטערער האַס.

ענדליך איז דער לאָק־אוט געקומען. עס האָט זיך אָנגע־פאַנגען פון א קליינינקייט. אין וואָס די קליינינקייט איז באַשטאַנען געדענק איך אליין ניט. אָבער ראָזענבערג דערצעהלט וועגען דעם דאָס פאָלגענדע:

„ביי דער קלאָוק פירמע גאָלדשמיט און פלאַט האָט געאַרבייט א געוויסער סעמפעל־שניידער מיט׳ן נאָמען האָפמאַן, וועלכער איז געווען א גוטער יוניאָן מאַן. דיזער האָפמאַן איז געווען א גרויסער וויצלער. ער פלעגט אין שאַפּ אָפּטאָן פאַרשידענע שפּיצלעך. איין מאָל האָט ער גענומען א שטאַרקען דינעם זייד און האָט איהם איבערגעצויגען איבער׳ן גאַנצען שאַפּ, פון איין וואַנט צו דער צווייטער. דאַרף זיך מאַכען, אז העגרי גאָלדשמיט, א מעמבער פון דער פירמע, איז שנעל געלאָפען איבער׳ן שאַפּ, און דער זייד האָט איהם איינגעשניטען דעם נאָז״.

האָפמאַנ׳ען האָט מען אוועקגעשיקט. און דערפאַר האָט די יוניאָן ארויסגערופען א סטרייק ביי דער פירמע.

די קלאָוק־קאַטערס האָבען דאַן געהאַט א באַזונדערע יוניאָן. זיי זיינען אָבער געווען פאַראייניגט מיט די קלאָוקמאַכער, און זיי זיינען ארויס אין א סימפּאַטיע־סטרייק נעגען דער פירמע. דאַן האָבען אַלע מאַנופעקטשורערס אויסגעשלאָסען זייערע קאַטערס.

דאָס איז געווען דער לאָק־אוט. און די יוניאָן האָט אויף איהם אָפּגעענטפערט מיט א סטרייק. זי האָט ארויסגערופען אַלע אינסייד און אוטסייד קלאָוק־מאַכער. עס האָט זיך צופלאַקערט דער קאַמף, דער ערשטער גרויסער צוזאַמענשטויס צווישען קאַ־פּיטאַל און ארבייט אין דער קלאָוק־טרייד, און מען האָט אונזערע רעדנער איינגעלאַדען צו אַדרעסירען פאַרזאַמלונגען.

ראָזענבערג זאָגט ביי דיזען פונקט („עראינערונגען״, פּיידזש 23):

„דורך דעם קלאָוק־מאַכער סטרייק האָבען אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטען געוואָלט קריגען דעם איינפלוס אויף אונזער יוניאָן, און זייערע בעסטע רעדנער, ווי די גענאָסען אב. קאַהאַן, זאַמעטקין, לואי מיללער און נאָך אַנדערע זיינען זעהר טעטיג געווען און געהאָלפען די סטרייקער מיט ראַטה און טהאַט״.

דאָס וואָלט געקענט מאַכען דעם איינדרוק, אז מיר זיינען

געקומען ניט־געבעטענערהייט, און דאָס וואָלט געווען אַ טעות. דער פאַקט איז, אַז ביי די „רענק ענד פייל" פון דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן איז די „אַרבייטער צייטונג" געווען זעהר פּאָפּולער און באַליבט, און דאָס זעלבע איז געווען מיט אונזערע רעדנער. צווישען די פיהרער פון דער יוניאָן זיינען די אַנאַרכיסטען געווען אַ סך בעסער פּאַרטראָטען ווי מיר, אָבער אפילו זיי זיינען געווען איינפאַרשטאַנען אַז מען דאַרף אונז איינלאַדען. אין דער צייט פון דעם סטרייק איז די שטימונג איבערהויפּט געווען אַ ברידערליכע. ביידע צדדים האָבען אַנטייל גענומען אויפ'ן פריידליכסטען שטייגער.

גלייך נאָך די פּאָר שורות, וועלכע איך האָב דאָ געבראַכט, זאָגט ראָזענבערג:

„מיט איינעם וואָרט, אַנאַרכיסטען אַזוי גוט ווי סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען געטאָן זייער בעסטעס דעם סטרייק צו געווינען". און דאָס איז גאַנץ ריכטיג.

איין מאָל, אַריינקומענדיג אין אָפיס פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, האָב איך דאָרטען געפונען דעם „פּראָפעסאָר" גאַרסייד, מיט וועמען מיר זיינען שוין באַקאַנט (זעה צווייטען באַנד, פיידזש 428). דער לעזער ווייס שוין פון דער געשיכטע מיט דער בריטווע, ווי אַזוי אונזער פּאַרטיי האָט גאַרסייד'ן משלח געווען אַלס אַ „פייקער". איך האָב איהם לאַנג ניט געזעהן און האָב שוין כמעט פאַרגעסען אָן איהם. איצט, ווען איך האָב איהם געפונען אין דעם אָפיס פון דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן, בין איך ערשטוינט געוואָרען.

— וואָס טוט דער חברה־מאַן דאָ? — האָב איך געפרעגט ביי אימעצען פון די פיהרער.

— ער וועט מיטהעלפען אין סטרייק, — האָט מען מיר געענטפערט, — מען דאַרף איהם האָבען אויף צו געבען די נייעס צו די ענגלישע רעפּאָרטערס.

ווען גאַרסייד האָט דערזעהן ווי איך שטעה און רייד מיט אַ גרופּע פון די קלאָוק־מאַכער, איז ער צו מיר צוגעקומען מיט

א שיינענדיגען פנים און מיך באגריסט, אזוי ווי מיר וואָלטען געווען די בעסטע פריינד.

גארסייד איז נאטירליך צו דעם סטרייק איינגעלאדען געוואָרען פון די אנארכיסטען, וואָרום זייער פארטיי האָט איהם די גאנצע צייט באשעפטיגט אלס אנארכיסטישען אגיטאטאָר *). ראָזענבערג דערמאָנט גארסייד'ען אלס „איינער פון די אנארכיסטישע רעדנער". ער זאָגט אָבער: „ווער ער איז געווען און פון וואנען ער איז געקומען, האָט קיינער ניט געוואוסט". דאָס ווייזט, אז די אידישע אנארכיסטען, וואָס האָבען געשפּילט א ראָלע אין דער קלאָוק־מאכער יוניאָן, זיינען ניט געווען באקאנט מיט דער געשיכטע ווי אזוי גארסייד איז פון די דייטשע אנארכיסטען אָנגעשטעלט געוואָרען אלס ענגלישער אגיטאטאָר.

איך האָב געפּרואווט זיי עפענען די אויגען און באווייזען, אז גארסייד איז ניט דער פּאסענדער מענש אנטייל צו נעמען אין זייער קאמף. זיי האָבען אָבער ניט געהערט. צוליב איהם האָב איך זיך געוואָלט צוריקציהען. אָבער אזא שטעלונג וואָלט געקענט שטערען דעם סטרייק. און אין די אינטערעסען פון איניגקייט האָב איך די גארסייד־פראגע פּאָרלויפיג איגנאָרירט.

וואָס ראָזענבערג דערצעהלט וועגען גארסייד'ען און זיין ראָלע אין דעם סטרייק איז וויכטיג, און איך וועל דאָס דאָ איבערדרוקען ווערטערליך. ער זאָגט, נעמליך (אויף דער זעלבער פּיידזש 23):

„צווישען די אנארכיסטישע רעדנער איז אויך געווען איינער א געוויסער גארסייד, אָדער פּראָפעסאָר גארסייד, ווי די קלאָוק־מאכער האָבען איהם גערופען. ווער ער איז געווען אָדער פון

*) אין צווייטען באנד איז שוין דערצעהלט געוואָרען, אַז ווען די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי האָט איהם „געסעקט" אַלס שווינדלער, איז ער אַוועק צו יאָהאַן מאסט'ען און זיך איהם פּאָרגעשטעלט אַלס קרבן פון אונזערע פאַרפאָלגונגען דערפאַר וואָס ער האָלט „רעוואָלוציאָנערע" רעדעס. די מעשה מיט דער ברימוועס האָט ער נאַטירליך געלייקענט. און מאסט איז געווען אַזוי וויליג ערפאַהרען אין פּראַקטישען לעבען, אַפּט אַזוי קינדעריש נאַאיוו, און זיין פּאַרטייאישער האַס האָט איהם אַזוי גע־ברענט, אַז ער האָט איהם געגלויבט.

וואנען ער איז געקומען האָט קיינער ניט געוואוסט. אייניגע האָבען געזאָגט, אַז ער איז אַ גלח אין אַ טשוירטש און אַז פאַר זיין אַנאַרכיזמוס האָט מען איהם ארויסגעוואָרפען; אַנדערע ווידער האָבען גאָר געמורמעלט, אַז ער איז אַ שפּיאָן פון די מאַנופעקטשורערס; נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, ער איז געווען אַן אויסגעצייכענטער רעדנער, און אין זיינע רעדעס פלעגט ער אימער שטאַרק קריטיקירען די פּאָליציי פאַר איהר ברוטאַליטעט געגענאיבער די סטרייקערס. אַזעלכע רעדעס האָבען אונזערע לייטע שטאַרק געגליכען, און ער איז גלייך געוואָרען דער גאַנצער לידער אין סטרייק, צוזאַמען מיט באַראָנדעס'ן.

„און אַזוי ווי באַראָנדעס איז נאָך געווען אַ גרינער און האָט זעהר ווענינ געקענט די ענגלישע שפּראַך, איז גאַרסייד איבעראַל געווען דער ערשטער. יעדען זונטאג פלעגט ער האַלטען ספּיטשעס אין די טשוירטשעס איבער דעם סטרייק און פלעגט ברענגען פון דאָרטען גאַנצע זעק מיט געלט פאַר די סטרייקערס. דורך זיין רעדען און שרייבען אין די ענגלישע צייטונגען איז די גאַנצע שטאָדט געווען אויף אונזער זייט".

אַז גאַרסייד האָט פאַר דעם סטרייק געטאָן אויסגעצייכענטע „פּאָבליסיטי" ארבייט, וועגען דעם קען קיין פראַגע ניט זיין. ער האָט געוואוסט ווי צוצוקומען צו די רעפּאָרטערס, און זאָגאר צו די רעדאַקטאָרען, און דורך זיי האָט ער אין די צייטונגען אריינגעבראַכט שילדערונגען פון דער שווערער פּראַצע און אונגליקליכען לעבען פון די קלאָוק־מאַכער. אַז די פּרעסע זאָל שטעהן אויף דער זייט פון סטרייקערס איז געווען אַ גאַנץ אונגעוועהנליכע זאַך. אָבער דער רייכער אַמעריקאַנער עולם האָט דיזען קאַמף באַטראַכט עפּעס אַזוי ווי אַ צוזאַמענשטוס צווישען צוויי קלאַסען אימיגראַנטען, פון וועלכע איינער באַראַבעוועט און מאַטערט דעם צווייטען (אַזוי ווי צווישען אַמעריקאַנער וואָלט אַזעלכעס קיינמאָל ניט געטראָפען!). אַלזאָ, האָבען די רייכע אַמעריקאַנער אויף דעם געקוקט ווי אויף אַ ווייטער פרעמדער זאַך, און זיי האָבען געהאַט רחמנות אויף די אונטערדריקטע אימיגראַנטען, נעבאַך. ווען די זעלבע אימיגראַנטען וואָלטען געפיהרט אַ סטרייק געגען אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען, וואָלט געווען אַ גאַנץ אַנדער מעשה.

צו סימפּאַטיזירען אָבער מיט די קלאָוק־מאַכער, וועלכע האָבען גע־סטרייקט געגען דייטשע יהודים, איז געוואָרען אַ פּאָפּולערע זאַך.

מען קען אויך ניט זאָגען, אַז גאַרסייד האָט זיך אַדווערטייזט מעהר ווי באַראָנדעס׳ן. ער האָט אומעטום געגעבען באַראָנדעס׳עס נאָמען און דערצעהלט וועגען דער ליבע וואָס די קלאָוק־מאַכער האָבען צו זייער פיהרער. די צייטונגען זיינען געווען פול מיט דזשאָזעף באַראָנדעס, און ביי זיי איז געוואָרען אַ מאָדע איהם צו רופען „דהי קינג אָוו דהי קלאָוק־מייקערס" (דער קעניג פון די קלאָוק־מאַכער).

אויב אין די פריהערדיגע עטליכע מאָנאַט איז באַראָנדעס געוואָרען באַקאַנט צווישען די אידישע יוניאָנס, איז ער איצט געוואָרען באַקאַנט איבער דער גאַנצער שטאָדט און זאָגאַר אין אַנדערע שטעדט אויך.

גאַרסייד האָט אין די צייטונגען געשפּילט אַזאַ ראָלע אַזוי ווי ער וואָלט אין דעם סטרייק אַנטייל גענומען נאָר ווי אַ כלל־טוער, ווי אַ פילאַנטראָפּ, וואָס האָט רחמנות אויף די ליידענדע אָרימע אויסלענדער, נעבעך. ער אַליין איז אַ זייטיגער מענש, הייסט עס. באַראָנדעס איז איינער פון זיי, פון די אויסלענדער, און ער, גאַרסייד, דער אַמעריקאַנער, זוכט פּאָבליסיטי פאַר דער יוניאָן און פאַר באַראָנדעס׳ן, פאַר דעם באַליבטען פיהרער פון דיזע אונטערדריקטע אימיגראַנטען.

וואָס אַנבאַטרעפט, אַלזאָ, די פּאָבליסיטי ארבייט, וואָס גאַרסייד האָט געטאָן פאַר דעם סטרייק, האָט מען צו איהם קיין טענות נעווים ניט געקענט האָבען. מען האָט געפרעגט שאלות וועגען די געלט, וואָס ער האָט געזאַמעלט פאַר די סטרייקערס, און וועגען די געלט, וואָס ער האָט געספּענט אויף רייכע לאָנטשעס און דינערס מיט פאָרשטעהער פון דער פּרעסע — איינקונפטען און אויסגאַבען, וועגען וועלכע עס איז ניט געווען קיין חשבון און קיין קאָנטראָל. אָבער די נוצען, וואָס ער האָט געבראַכט די סטרייקערס זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט דאָס אַלץ אוועקגעמאַכט מיט׳ן האַנד.

אַ גאַנצען זומער האָט מען אָפּגעסטרייקט. ענדליך האָבען די מאַנופעקטשורערס גענומען בעטען וועגען אַ פּשרה. עס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען קאָנפערענצען און מען איז געקומען צו אַ סעטלמענט. באַראָנדעס איז ביי דעם סעטלמענט ניט געווען אנוועזענד. די יוניאָן איז פארטראָטען געווען בלויז פון גאָרסייד'ען. ער האָט אונטערגעשריבען דעם אַגרימענט פאַר די קלאָוק־מאַכער און אַ פאָרשטעהער פון די קאָטערס האָט דעם אַגרימענט אונ־טערגעשריבען פאַר זייער צד. דאָס איז געווען דעם 16טען יולי, 1890.

ביי דיזען פּונקט זאָגט דר. לעווין אין זיין געשיכטע פון דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן:

„אַזוי ווי דער אַגרימענט איז געווען געשריבען אין ענגליש, האָט מען איהם אוועקגעטראָגען צו אַב. קאַהאַנ'ען, אום אויסצוגעפינען אין וואָס עס באַשטעהען די באַדינגונגען. קאַהאַן האָט ערקלערט די פאַרשידענע פּונקטען פון דעם אָפּמאַך און האָט ערקלערט, אַז דאָס איז דער ערגסטער אַגרימענט וואָס מען האָט געקענט מאַכען".

און ראָזענבערג אין זיינע „עראינערונגען" דערצעהלט:

„אויף מאָרגען האָט שטאַטגעפונען אַ מאַס־מיטינג פון אַלע סטרייקערס אין ניו־עווערעט האָל, 31 איסט פערטע סטריט, וועלכער איז דאַן געווען דער גרעסטער האָל אין ניו יאָרק*). נאָך דעם ווי גענאָסע קאַהאַן, דער יעצטיגער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", און יאָזעף באַראָנדעס האָבען ערקלערט די באַ־דייטונג פון דעם אַגרימענט, איז גענומען געוואָרען אַ וואוט דורך שטים־צעטלעך און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז בלויז 24 האָבען געשטימט פאַר געהן אַרבייטען און מעהר ווי צוויי טויזענט האָבען געשטימט פאַר וויטער סטרייקען".

---

*) דאָס איז אַ טעות. דער „מעדיסאָן סקווער גאַרדען" האָט שוין דאַן עקזיסטירט, און ער איז געווען פיל מאָל גרעסער. און אפילו קופּער יוניאָן, וועלכער האָט שוין אויך לאַנג עקזיסטירט, איז אויך אַ סך גרעסער. עס זיינען אויך געווען אַנדערע האָלס וואָס זיינען געווען גרעסער.

די פארזאמלונג, וועגען וועלכער דא האנדעלט זיך, איז איינע פון די מערקווירדיגסטע אין וועלכע איך האב ווען עס איז אנטייל גענומען. די סצענעס, וואס זיינען דארטען פארגעקומען, זיינען אונפארגעסליכע סצענעס. אט זיינען די איינצעלהייטען:

א קאמיטע פון דער יוניאן האט מיך געבעטען איבערלעזען דעם אגרימענט און איהר זאגען מיין מיינונג וועגען דעם. איך האב איבערגעלעזען, און מיין ענטפער איז געווען אונגעפעהר דאס פאלגענדע:

„קיין ערגערען אגרימענט קען מען זיך ניט פארשטעלען. עס איז זעהר טרויעריג, אז מען האט אפגעסטרייקט אזוי פיל וואכען, און אז דאס איז דער רעזולטאט. די עפענטליכע מיינונג איז געווען אויף דער זייט פון די סטרייקערס, און די מאנופעק־טשורערס האבען זיך געפיהלט געשלאגען. איך בין איבערצייגט, אז מען וואלט געקענט פון זיי באקומען פיל בעסערע באדינגונגען. אבער ערקלערען דאס פאר די ארבייטער וואלט הייסען זיי ראטהען ווייטער צו סטרייקען, און אזא פאראנטווארטליכקייט טאר אויף זיך קיינער ניט נעמען. ווער וויים וואס דער רעזולטאט וועט איצט זיין? די צייטונגען וועלען שוין מעהר די סטרייקערס ניט סאפארטען, און זיי, די סטרייקערס, זיינען אזוי אויסגע־הונגערט. מיין מיינונג איז דעריבער, אז די פראגע זאל מען איבערלאזען צו די סטרייקערס אליין. זאלען זיי באשליסען צי זיי זיינען בארייט ווייטער צו סטרייקען. און אום קיינער פון זיי זאל דערנאך ניט קענען זאגען, אז ער האט נעשטימט פאר א פארטזעצונג פון דעם סטרייק נאר ווייל ער האט זיך געשעמט צו שטימען פאר געהן ארבייטען, זאל די אפשטימונג פארקומען דורך א „ס י ק ר ע ט ב א ל א ט“.

איך בין מרוצה געווען אלע פונקטען פון דעם אגרימענט פארצולעזען אויף דעם מאסס־מיטינג אויף אידיש, אבער אהן אן אויסדרוק פון א מיינונג — איבערצולאזען אלץ צו דעם פאר־שטאנד און ווילען פון די ארבייטער.

די קאמיטע האט מיין פלאן הערצליך אנגענומען, און מיר זיינען אריבערגעגאנגען אין עווערעט האל, וועלכער איז געווען געפאקט מיט קלאוק־מאכער.

איך האָב דאַן אויפגעשריבען צוויי ווערטער פּאָר צוויי סיקרעט באַלאָטס: „סטרייקען" און „אַרבייטען", און מען האָט באַשטעלט ביי אַ פּרינטער אַ געוויסע צאָהל פון יעדען פון זיי.

דאַן בין איך אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע מיט דעם אַגרימענט אין האַנט. באַראַנדעס איז, דאַכט זיך, געווען דער פּאָרזיצענדער. יעדענפאַלס איז ער געווען אויף דער פּלאַטפאָרמע.

איך האָב פּאָרגעלעזען דעם אַגרימענט פּונקט פּאָר פּונקט, אויף אידיש, ערקלערענדיג דעם זין פון יעדער באַדינגונג, אָבער ניט אויסדריקענדיג קיין מיינונג. איך האָב די אַרבייטער געזאָגט, אַז זיי מוזען אַליין באַשטימען צי זיי געפעלט דער אַגרימענט צי ניט, צי זיי ווילען ווייטער סטרייקען צי ניט. אויך האָב איך זיי פאָרגעלייגט דעם פּלאַן וועגען דעם סיקרעט באַלאָט. זיי האָבען דעם פּלאַן אָנגענומען מיט באַגייסטערונג.

ווען די שטים־צעטלען זיינען פאַרטיג געוואָרען, בין איך און עטליכע פון דער קאָמיטע געגאַנגען צווישען דעם עולם און זיי צוטיילט. דערביי האָבען מיר יעדען מעמבער ערקלערט, אַז בשעת ער וועט באַשטימען זיין באַלאָט און איהם צונויפלייגען, זאָל קיינער ניט זעהן ווי אַזוי ער שטימט.

— וואוט אבסאָלוט געהיים, אבסאָלוט נאָך אייער אייגענעם ווילען, אבסאָלוט אונגעשטערט! — האָב איך געזאָגט צו יעדען קלאָוק־מאַכער, ווידערהאָלענדיג פּונקט דיזעלבע ווערטער, ביז זיי האָבען זיך ביי מיר אַרויסגערעדט מעכאַניש, פון זיך אַליין.

איינינגע מעמבערס זיינען זיך צוגאַנגען אין פאַרשידענע ווינקע־לעך, אום צוזאַמענצולייגען דעם באַלאָט אונגעשטערט פון זייטיגע אויגען און פילע זיינען צו דיזען צוועק אַרויס אויפ'ן גאַס. מייסטענס אָבער האָבען זיי די צעטעלעך צוזאַמענגעלייגט זיצענדיג אָדער שטעהענדיג אויף אָן אָרט, נאָר אַזוי אַז קיינער זאָל ניט זעהן.

מיר האָבען געגלויבט, אַז די מאַיאָריטעט וועט שטימען פאַר געהן צוריק צו דער אַרבייט, וואָרים זיי זיינען געווען אַזוי אויסגעמאַטערט פון דעם לאַנגען קאַמף און איצט האָבען די אויסזיכטען ניט געשיינט צו זיין אַזוי גוט ווי פריהער. ווען מען האָט איבערגעצעהלט די וואוטס, און עס האָט זיך אַרויס־געצייגט, אַז נאָר אַ הייפעלע וויל געהן אַרבייטען און אַז אַלע

אנדערע זיינען באַרייט ווייטער צו הונגערען און ווייטער צו קעמפען, זיינען ביי איינינע פון אונז געשטאַנען טרערען פון באוואונדערונג און ענטוזיאזם אין די אויגען.

וואָס אנבאטרעפט די ציפער פון דעם וואוט, זיינען זיי ביי דר. לעווינ׳ען ריכטינער ווי ביי ראָזענבערג׳ען. לויט דר. לעווינ׳ען, זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען 20 וואוטס פאר „ארבייטען״ און 1636 פאר „סטרייקען״. דאָס שטימט מיט די באַריכטען, וואָס זיינען געדרוקט געווען באַלד נאָך דער געשעהעניש, און מיט מיין עראינערונג וועגען איהר.

ווייטער געדענק איך אַ מהומה פון הייליגע באַגייסטערונג. מען האָט אפּלאָדירט, געשריען, געטאַנצט, איינינע האָבען געלאַכט היסטעריש. אנדערע האָבען זיך ארומגענומען און געקושט זיך. דערנאָך האָט מען גענומען זיך שפּארען צו דער פּלאַטפאָרמע מיט זיינערס, ריננען, אוירינגלעך, וועלכע מען האָט אראָפּגענומען פון זיך.

די פרעסע האָט זיך גלייך איבערגעקערט. אנשטאָט צו שטיצען די סטרייקערס, האָבען די אמעריקאַנער צייטונגען זיי גענומען אטאַקירען. די מאַנופעקטשורערס האָט דאָס אָבער קיין מוט ניט צוגענעבען. די ארבייט האָט געמוזט געמאַכט ווערען, און די סצענעס פון דעם ניו עווערעט האָל מיטינג האָבען זיי איבערגעשראָקען. זיי האָבען געבעטען אַ צווייטע קאָנפערענץ, און עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ נייע סעטלמענט מיט אַן אמת׳ען זיג פאר דער יוניאָן.

ראָזענבערג זאָגט („עראינערונגען״ פיידזש 29):

„בעפאָר דעם סטרייק האָבען די אנאַרכיסטען אין אונזער יוניאָן געהאַט די אויבערהאַנד. נאָר דורכ׳ן סטרייק האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זעהר פיל גוטע דינסטע געלייסטעט פאר אונזער יוניאָן. הויפּטזעכליך אָבער האָבען זיי זיך אויסגעצייכענט ביים סעטלמענט פון סטרייק. געג. אב. קאַהאַן האָט דאַן זעהר אַ טיכטיגען אנטייל גענומען און דער סענטימענט האָט זיך

גענומען ענדערען. פילע האָבען אָנגעפאַנגען צו סימפּאַטיזירען מיט דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי.

„אָבער גלייך נאָכ'ן סטרייק האָט באַראָנדעס אָנגעשטעלט אַלס אסיסטענט מענעדזשער דעם געוועזענעם אנארכיסט ר. לואיס, וועלכער איז איצט אין שיקאַגאָ אַ דעמאָקראַטישער פּאָליטישען, און דאָס האָט געווירקט ווי אויל אויפ'ן פייער“.

מיט די ווערטער „געוועזענער אנארכיסט“ מיינט ראָזענבערג, אז אין דער צייט ווען ער האָט געשריבען זיינע עראינערונגען איז ר. לואיס שוין ניט מעהר געווען קיין אנארכיסט. דאן אָבער, אין דער צייט פון דעם גרויסען קלאָוק-סטרייק פון 1890, איז ער נאָך געווען דער פיהרער פון די אנארכיסטען. דער פאקט אז באַראָנדעס געפינט זיך אזוי ווייט אונטער זייער איינפלוס, אז ער האָט זייער לידער געמאכט פאר זיין אסיסטענט, האָט אונז נאטירליך ערבימערט. דאָס איז ניט געווען די איינציגע אורזאכע, וועלכע האָט „געווירקט ווי אויל אויפ'ן פייער“. וועגען דעם אָבער אין אַ ווייטערען קאַפּיטעל.

וואָס אנבעטרעפט ראָזענבערג'ס באמערקונג, אז „איצט האָט זיך דער סענטימענט גענומען ענדערען. פילע האָבען אָנגעפאַנגען צו סימפּאַטיזירען מיט דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי“, געהט דאָס נאָר אויף אַ טייל פון די קלאָוק-מאכער, וואָרים אַ גרויסע טייל האָט פריהער אויך סימפּאַטיזירט מיט אונזער ריכטונג. ווי שוין געזאָגט: די „ארבייטער צייטונג“ האָט אין דער יוניאָן געהאַט אַ גרויסע צאָל איבערגעבענע לעזער. דאָך מוז מען אימער צוגעבען, אז באַראָנדעס'עס איינפלוס אויף די מיט-גלידער איז געווען זעהר גרויס, און זיין נייגונג צו די אנארכיסטען האָט געהאַט אַ דייטליכע ווירקונג.

אייגענטליך האָט באַראָנדעס אליין זיך גערעכענט פאַר אַ מיטגליד פון אונזער פּארטיי, און זאָגאר פון דער „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אססאָסיאיישאָן“. ער האָט קיינמאָל ניט רעזיגנירט. דאָס האָט געהייסען, אז טעאָרעטיש איז ער אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, נאָר אין באַצוג צו דער יוניאָן סימפּאַטיזירט ער מעהר מיט די אנארכיסטען.

.7

א מאַס־מיטינג אין קופּער יוניאָן. — גאַרסייד צום לעצטען מאָל. — ר. לואיס. — מיין דעבאַטע מיט לואיס'ן. — יאָהאַן מאָסט און עמאַ גאָלדמאַן.

פון א שטעלע, וועלכע איך האָב געבראַכט פון ראָזענבערג'ס „עראינערונגען", האָבען מיר געזעהן וואָס פאַר א קלאַנגען עס האָבען זיך ארומגעטראָגען וועגען גאַרסייד'ען — אַז לויט איין קלאַנג אַזעלכען, איז ער געוועזען א שפּיאָן פון די מאַנופעקטשורערס. יעדענפאַלס, נאָך דעם ווי זיין סעטלמענט האָט ארויסגערופען ענטריסטונג און איז צוריקגעשטויסען געוואָרען, וואָלט געוועזען נאַטירליך צו ערוואַרטען, אַז מעה״ וועט די קלאָוק־מאַכער יוניאָן מיט איהם ניט האָבען קיין עסק. דאָך, ווען איהר בלעטערט דורך די „ארבייטער צייטונג" פאַר יענעם יאָהר, זעהט איהר, אַז אויף א מאַסען־פאַרזאַמלונג פון דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן, וועלכע איז פאָרגעקומען אין קופּער יוניאָן, פרייטאָג, דעם 12טען סעפּטעמבער, פון יענעם יאָהר — אונגעפעהר צוויי וואָכען נאָך דעם ענדליכען סעטלמענט פון דעם גרויסען קלאָוק־סטרייק — איז ער געוועזען איינער פון די רעדנער. א באַריכט וועגען דיזער פאַרזאַמלונג געפינט זיך אין נומער 29 „ארבייטער צייטונג", ערשטער יאָהרגאַנג.

„פאָריגען פרייטאַג, דעם 12טען סעפּטעמבער, האָבען די קלאָוק־מאַכער געהאַט אין קופּער אינסטיטוט א מאַסען־פאַרזאַמלונג" — דערצעהלט דער באַריכט. — „עס זיינען אָנוועזענד געוועזען צוויי טויזענד פערזאָן. די פּלאַטפּאָרמע איז געוועזען באַפּוצט מיט רויטע פאָהנען. אַלס ערשטען רעדנער האָט מען פאָרגע־שטעלט אַלעקסאַנדער יאָנאַס'ן, נעקסט, ר. לואיס'ן (דעם פיהרער פון די אידישע אַנאַרכיסטען), וועלכער האָט געשריען, אַז די ארבייטער מוזען זיין באַוואַפנעט. דערנאָך האָט גערעדט פּראָ־פעסאָר גאַרסייד (ענגלישער אַנאַרכיסט). ער האָט גערעדט וועגען דינאַמיט. דערנאָך האָט גערעדט אַב. קאַהאַן".

דער באַריכט ענטהאַלט פאָלגענדען אויסצוג פון מיין רעדע:

„מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטען, — האָט גענאָסע קאַהאַן

אויסגעשריען מיט פייער, — זוכן צו טאָן דאָס וואָס מיר פּרעדיגען. די אנארכיסטען רעדען נאָר פון גרויסע אקטען, פון העלדען־טהאטען; אָבער מיט׳ן רעדען קומען זיי אָפּ. ווען מען שרייט פון וואפען, דאַרף מען קענען שמעקען פּולווער, און ניט אָפּקומען מיט פוסטע פראזען וועגען דינאמיט און ציבעלע מיט לאַקריץ, וואָס אונזערע פארביסענע געגנער (די אנארכיסטען) ווארפען אימער אין פּנים פון די אָרימע ארבייטער — די פארשקלאַפטע ארבייטער, וועלכע פארשטעהען ניט דעם רעטעניש פון דער ארבייטער פראגע. עס איז א פארברעכען ווען מען פארטומעלט דעם ארבייטער דעם קאָפּ מיט רעוואָלוציאָן, דינאַמיט א. ז. וו. פון שרייען „רעוואָלוציאָן" ווערט קיין רעוואָלוציאָן ניט."

עס ווערט אויך באריכטעט אז: „קאהאן האט לואיס׳ן מיט גארסייד׳ן ארויסגערופען אויף א דעבאטע, דעם ערשטען אויף ענגליש און דעם צווייטען אויף אידיש".

גארסייד האט אויף דער באטרעפענדער פארזאמלונג געשריען וועגען א באלדיגער רעוואָלוציע, אָפּגעלאכט פון שטים־קאַסטען און גערופען די ארבייטער צו געברויכען דינאמיט געגען קאפּיטאל. איך בין געוועזן אויפגעבראכט פון דעם וואָס ער העצט אידישע ארבייטער צו אידיאָטסקע גוואלט־טהאטען, וועלכע קענען זיי נאָר אריינברענגען אין אן אונגליק און העלפען נאָר די פאבריקאנטען. דאָס אלץ האָב איך אויסגעדריקט אין דער ענגלישער טייל פון מיין רעדע. און איך האָב גארסייד׳ען „געטשעלענדזשד" צו קומען אויף א דעבאטע מיט מיר.

דאָרטען, אין קופּער יוניאָן, האָט ער געזאָגט, אז ער נעהמט אָן, אָבער גלייך נאָכדעם איז ער פארשוואונדען פון ניו יאָרק, און מעהר האָט מען איהם ניט געזעהן. שפּעטער האָבען זיך ארומגעטראָגען קלאַנגען, אז ער דיענט ערגעץ וואו אלס דעטעקטיוו.

לואיס, וועמען איך האָב אויך ארויסגערופען, איז צו דער דעבאטע יאָ געקומען.

זי האָט שטאטגעפונען דעם 30טען סעפּטעמבער אין קלארענדאָן האָל, אויף דער 13טער סטריט (צווישען דריטער און פערטער

עוועניו). דער באריכט וועגען איהר איז אָפּגעדרוקט אין נומער 31 „ארבייטער צייטונג“ פון דעם ערשטען יאָהרגאנג. ער איז אונ־טערגעשריבען „ר“ (מיט אן ענגלישען בוכשטאב), און אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דער באריכט געשריבען געוואָרען פון פיליפּ קראנץ'ן, וועמעס אמת'ער נאָמען איז געווען ראָמבראָ.

דער באריכט זאָגט: „לואיס האָט קאהאנ'ען נאָכגעגעבען אלע פונקטען. עס איז געווען שווער צו זעהן אין וואָס ער גיט איהם ניט נאָך“. דערביי ווערט ערקלערט, אז אין די פונקטען, אין וועלכע לואיס איז מיט מיר כלומרשט ניט איינפארשטאנען, האָט ער זיך אזוי געפּלאָנטערט, אז עס איז שווער געווען צו פארשטעהן וואָס ער (לואיס) זאָגט. דאן באמערקט דער באריכט־שרייבער דאָס פאָלגענדע:

„עס איז אלזאָ קיין וואונדער ניט, דאָס געגנאָסע קאהאן האָט געזיגט אויף אלע פונקטען. קאהאן'ס שארפע קריטיק וואר איינגענטליך ניט נויטיג. עס האָט אויסגעזעהען ווי טויטען א פליג מיט א הארמאט“.

ביי דער טיר פון דעם זאל איז געשטאנען דער באריהמטער אנארכיסטישער פיהרער יאָהאן מאָסט. ער האָט געהערט א גרויסע טייל פון דער דעבאטע (ריידען אידיש האָט ער ניט געקענט, אָבער געפינענדיג זיך שטענדיג צווישען אידען, האָט ער אונזער לשון פארשטאנען. די שוועריגקייטען, וואָס ער האָט דערביי געהאט זיינען ספּעציעל פארגרינגערט געוואָרען דורך די פילע דייטשע ווערטער און אויסדרוקען, וואָס מיר פלעגען געברוי־כען אין אונזער באוועגונגס־שפּראך. א דעבאטע וועגען סאָציאליזם און אנארכיזם איז איהם געווים ניט שווער געווען צו פארשטעהן). לעבען מאָסט'ן, ביי דער טיר, איז געשטאנען עמא גאָלדמאן, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען באקאנט איבער דער גאנצער וועלט, און א פּאָר פון אונזערע געגנאָסען. אויף מאָרגען האָבען דיזע געגנאָסען איבערגעגעבען א קורצען געשפּרעך צווישען מאָסט'ן און מיסס גאָלדמאן, וועלכען זיי האָבען דאָרטען צוגעהערט אין דער צייט ווען איך האָב געהאט דאָס וואָרט.

— לעכערליך! אייזעל־רייד! — האָט מיסס גאָלדמאַן באַמערקט.

— ער איז שוין גאָרניט קיין אייזעל, — האָט מאָסט איהר געענטפערט. ער ווייס וואָס צו זאָגען און ער איז אַן אויסגע־צייכענטער דעבאַטאַנט *).

נאָך דער קאַהאַן־לואים דעבאַטע איז געוואָרען אַ שטיקעל מהומה צווישען די אַנאַרכיסטען. זיי האָבען זיך אָפּגעטרייסעלט פון די רעדעס, וואָס זייער פיהרער האָט געהאַלטען אויף דער דעבאַטע. זיי זיינען ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר איהם, האָבען זיי ערקלעהרט, „ווייל אַנאַרכיסטען גלויבען איבערהויפּט ניט, אַז איין מענש קען רעפּרעזענטירען אַנדערע מענשען״.

אין דעם 33טען נומער פון דעם ערשטען יאָהרגאַנג „אַרבייטער צייטונג״ איז פאַראַן אַ „שטימע אויס דעם פאָלק״, מיט דער אונטערשריפט פון מ. זאַמעטקין. דער בריף איז געווענדעט צו די אַנאַרכיסטען. אַ טייל פון דעם באַשטעהט פון די פאָלגענדע שורות:

„וואָס האָט איהר צו דעם געשלאָגענעם ר. לואיס׳ען? איז דען ניט גענוג וואָס ער האָט געבעך זיך ניט געקענט אויסדרעהען פון די אַלע פראַגען וואָס אב. קאַהאַן האָט איהם געשטעלט? קומט איהר נאָך צוגעהן און באַליידיגט איהם פאַר אַ גאַנצען פובליקום! איהר שרייבט אַז איהר, אַלס אַנאַרכיסטישע פּאַרטיי, פאַרלאָזט זיך ניט אויף אַ רעפּרעזענטאַנט אין קיינער הינזיכט... ווען קאַהאַן וואָלט דורכגעפאַלען אין דער לעצטער דעבאַטע, וואָלט איהר אויך געזאָגט, אַז איהר פאַרלאָזט זיך ניט אויף רעפּרעזענטאַנטען?״

אין דעמזעלבען נומער איז אָפּגעדרוקט מילער׳ס אַ טשעלענדזש

---

*) מיט יאָהרען שפּעטער, ווען איך האָב זיך מיט איהם געטראָפען אַ פּאָר מאָל אַלס פריינד, האָט ער מיר דערמאָנט וועגען יענער דעבאַטע. ער האָט מיין אידישע רעדע גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, האָט ער געזאָגט, און חגם ער איז דאַן אויף מיר געווען פלאַם־פייער, האָט ער דאָך, ניט ווילענדיג, צוגעגעבען, אַז איך האָב דעם ענין באַהאַנדעלט „אינטערע־סאַנט און פעהיג״ (אונזער געשפּרעך איז פאָרגעקומען אויף ענגליש).

צו די אנארכיסטען, אז זיי זאָלען אויסקלייבען אימעצען מיט איהם צו דעבאטירען. קיינער האָט זיך אָבער ניט אָפּגערופען.

א היבשע צייט איז ביי אונז אומגעגאנגען א שפּאָס־ווערטעל, וועלכען איך האָב צוזאמענגעשטעלט: „אנארכיסטען גלויבען ניט אין קיין דעבאטאנטען, ווייל זיי גלויבען ניט אין רעפּרעזענטאנטען״.

8.

יום־כפּור בעלער. — אַ שפּאָס פון יעקב מילך. — מייקעל שוואב.

אין דעם אויבען־דערמאָנטען נומער 29 פון דעם ערשטען יאָהרגאנג געפינט זיך אויך מיינע א „שטימע אויס דעם פאָלק״, וועלכע ווייזט ווי איך האָב זיך אין יענע יאָהרען פארהאַלטען צו אזעלכע אנטי־רעליגיעזע דעמאָנסטראציעס, ווי יום־כפּור בעלער. די דאָזיגע בעלער זיינען ביי אונזערע אנארכיסטען דאן געווען אין דער העכסטער מאָדע. אין דעם טאָג וועלכען אָרטאָדאָקסישע אידען האַלטען ספּעציעל הייליג, פּלעגען זיי טיילען אַן אנארכיסטישע „תפלה זכה״, וואו זיי האָבען חוזק געמאכט פון יום כפּור און געשימפּט דעם טאָג און דער אידישער רעליגיע אין אַלגעמיין. מיט די יום כפּור בעלער האָבען זיי געפיהרט „פּראָפּאגאנדע דער טהאט״. זיי האָבען געמיינט אז מיט דעם וואָס זיי לאָכען אָפּ פון דעם „פירכטערליכען טאָג״, קלערען זיי אויף דעם עולם; אז דאָס העלפט באפרייען איהם פון זיין אבערגלויבען. די לעצטע ווערטער פון דער „תפלה זכה״ זיינען געווען: „פּולווער און בליי מאכען דעם מענשען פריי״. אָנשטאָט צו געהן אין שוהל, דארף מען געהן אויף באריקאדען מאכען די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

די פאָלגענדע שורות נעם איך ארויס פון מיין אויבען דער־מאָנטער „שטימע אויס דעם פאָלק״.

„פון די שרייענדע „תפלה זכה׳ס״ און יום־כפּור בעלער האַלט איך, ווי פון דער חלב׳ענער ליכט, וואָס אן אפּיקורס האָט אמאָל געגעסען אום צו ווייזען, אז ער קען עסען טרפות. אויף דעם

צבועק ווירקט דאָס ניט און דעם ערנסט רעליגיעזען גיט דאָס נאָר יסורים און טרייבט איהם אַפּ פון אונז. אויפקלערען איהם וואָס אַ דונער איז, פון וואַנען עס נעמט זיך דער אונטערשיד צווישען טאָג און נאכט, דאָס איז אַ פיל בעסערע באַמבע געגען אבערגלויבען ווי די טראַסקעדיגע געשרייען פון תפלה־זכה־כוואַטעס.״

די ארגומענטען פון די אַנארכיסטען זיינען געווען פון דעם סאָרט מאַטעריאַל, וועלכען הומאָריסטען קלייבען אויס פאַר זייערע שטיפערייען; און מיר פלעגען דאָס אויסנוצען. הומאָר קען מען געפינען אפילו אין אונזערע סעריעזעסטע ארטיקלען וועגען דעם אַנארכיזם. די טעאָריע ווי זי פלעגט דאַן פאָרגעשטעלט ווערען פון איהרע אַנהענגער איז געווען אַזאַ, אַז ניט ווילענדיג האָט מען געמוזט לאַכען און מאַכען שפּאַס פון איהר.

מיר האָבען אָבער אויך געהאַט ספּעציעלע שפּאַסען. צום ביישפּיל: אין אַ געוויסען נומער „אַרבייטער צייטונג״ איז אָפּגעדרוקט אַן ארטיקעל פון יעקב מילך, אין וועלכען עס ווערט כלומרשט איבערגעגעבען אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישען אַן אַנאַר־כיסטישע קאָמיטע און דעם דייטשען קאַנאָנען־פאַבריקאַנט קרופּ. זיי פרעגען איהם אָן מכח הארמאַטען. אַזוי ווי זיי ווילען מאַכען די סאָציאַלע רעוואָלוציע אויפ׳ן שטעל און איהר ניט אָפּלייגען, ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטען טוען, פּארלאַנגען זיי צו וויסען אויב דער הער קרופּ האָט פאַרטיגע סחורה. און ער ענטפערט זיי אַז אין אַ געשעפטסמעסיגען טאָן, אַז ער האָט גראַד פאַרטיגע קאַנאָנען (ער האָט זיי צוגעגרייט צו אַ מלחמה מיט דעם רוסישען קיסר). ער מעלדעט זיי דעם פּרייז: עפּעס עטליכע ביליאָן דאַרף דאָס באַטרעפען.

ווען דער אַנארכיסטישער קאָמיטעט דערזעהט דעם ציפער, כאַפּט ער זיך אָן פאַר׳ן קאָפּ. אַזאַ סומע קען ער, נעבעך, ניט קריגען. אַלזאָ, מוז ער די רעוואָלוציע אָפּלייגען דערווייל.

•

אין די ערשטע נומערען פון דעם צווייטען יאָהרגאַנג „אַרביי־טער צייטונג״ געפינט זיך אַ מעלדונג, אַז מייקעל שוואַב (איינער פון די צוויי שיקאַגאָ׳ער אַנארכיסטען, וועמען מען האָט דעם

טויט־שטראָף פארביטען אויף לעבענס־לענגליכע געפענגנים) האָט פון פריזאָן געשריבען צו זיינע פריינד, אז ער האַלט פון שטים־קאסטען און פון פאָליטישער אגיטאציע.

דאָס איז ארויסגעשטעלט געווארען כדי צו ווייזען, אז אזא מארטירער, אזא אמת׳ער רעוואָלוציאָנער ווי מייקעל שוואב, גלויבט אין אונזער טעאָריע און ניט אין דער אנארכיסטישע. דיזען פאקט האָבען מיר דאן פיל אויסגענוצט אויף דער פלאַט־פאָרמע אויך.

לעזענדיג די אלטע „ארבייטער צייטונג" געפין איך איינינע טשיקאווע זאכען. צום ביישפיל: אין א באריכט פון שיקאגאָ, אונטער וועלכען עס איז אונטערגעשריבען פ. זיסמאן און א. רייכמאן, לעז איך אז די שיקאגא׳ער אידישע אנארכיסטען האָבען ארויסגערופען די דאָרטיגע אידישע סאָציאַליסטען אויף א דעבאטע און אז דערביי האָבען די אנארכיסטען געפאָדערט, אז דער טשערמאן זאָל זיין אן אנארכיסט; און ווען די סאָציאַליסטען האָבען ערקלערט, אז אויף א דעבאטע קלייבט מען געוועהנליך אוים אן אונפארטייאישען טשערמאן, האָבען די אנארכיסטען געענטפערט: „דער, וואָס איז ניט קיין אנארכיסט, קען ניט זיין קיין עהרליכער מאן. דעריבער מוז דער טשערמאן זיין אן אנארכיסט."

די שטענדיגע אטאקעס און צאנקערייען האָבען אונז ניט געשטערט הייליג צו האַלטען דעם עלפטען נאָוועמבער, דעם טאָג ווען מען האָט אין שיקאגא געהאנגען די פיר אנארכיסטען. אין דיזען טאָג פלעגען מיר יעדען יאָהר אָפּהאַלטען מיטינגען צו עהרען דעם אָנדענקען פון די מארטירער. אין נומער 37, צום ביישפיל, איז דער גאנצער ערשטער קאלום אויף דער ערשטער פיידזש פארנומען מיט אן ארטיקעל, וועלכער איז אין גאנצען געזעצט מיט גרעסערע בוכשטאבען ווי געוועהנליך, אונטער דעם איבערשריפט „דער עלפטער נאָוועמבער". דער ארטיקעל טראָגט דעם אונטערשריפט פון ל. מיללער.

מיר פלעגען די 11טע נאָוועמבער מיטינגען אפּהאַלטען ניט צוזאמען מיט די אנאַרכיסטען, נאָר באזונדער; און אברהם ראָזענבערג דערצעהלט וועגען די פּאיטס וואָס פלעגען פּאָרקומען אין דער קלאָוק־מאכער יוניאָן איבער דער פראגע, צו וועלכען פון די צוויי מיטינגען צו שיקען די פאָהן פון דער יוניאָן. געוועהנליך פלעגט מען שיקען צוביידע.

ד ר י ט ע ר   ק א פ י ט ע ל

קיין שיקאַגאָ און צוריק אין ניו יאָרק

1.

די רייזע. — מיין מיטרייזענדער.

די „ארבייטער צייטונג" איז געגרינדעט געווארען אין מערץ 1890. דעם נעקסטען ווינטער, נאָהענט צו קריסטמעס, האָב איך באקומען אן איינלאדונג צו קומען אין שיקאגא. מיט א קורצער צייט פריהער האָט זיך דאָרטען געגרינדעט א „אידישע סעקציאָן פון דער סאָציאליסטישער ארבייטער פארטיי". עס איז דאָרטען אויך געווען א אידישע קלאָוקמאכער יוניאָן. דער וואונש איז געווען, אז איך זאָל אין שיקאגאָ פארבלייבען צוויי־דריי וואָכען, האלטען עטליכע לעקטשורס, רעדען אויף מאס־מיטינגען און העלפען אָרגאניזירען די אידישע מענער שניידער.

איך בין נאָך פריהער קיינמאָל אין שיקאגא ניט געווען. זינט מיר האָבען געגרינדעט די „ארבייטער צייטונג" בין איך אָפט געווען אין פילאדעלפיע, באָסטאָן, וואָטערבערי, הארטפאָרד, ניו הייווען. אין אלע דיזע שטעדט האָבען מיר געהאט „סעקציאָנען" און איך פלעג אהין קומען אויף לעקטשורס. ווייטער „וועסט" אָבער בין איך נאָך קיינמאָל ניט געפאָהרען. שיקאגאָ איז דאן שוין געווען די צווייטע גרעסטע שטאָדט אין לאנד. איך בין נייגעריג געווען א קוק צו טאָן ווי זי זעהט אויס און איבערהויפּט בעקאנט צו ווערען מיט דער „מידל וועסט". אלזא, האָב איך די איינלאדונג אנגענומען מיט פרייד.

פון אזא לוקסוס ווי א סליפּינג קאר האָט מען נאָך דאן ביי אונז אין דער באוועגונג ניט געוואוסט. נאָך מעהר: אום עס

זאָל קאָסטען וואָס וויינינגער, האָב איך אויסגעקליבען די ביליגסטע און לאנגזאמסטע ליין, וואָס איז דאן געגאנגען פון ניו יאָרק קיין שיקאגא — די וועסט שאָר ליין, וועלכע געהט אָפּ פון האָבאָקען. די רייזע האָט געדויערט דרייסיג שטונדען. אין דיזע דרייסיג שטונדען האָב איך קיין אויג ניט צוגעמאכט.

דיזע רייזע איז ביי מיר געווען א גרויסע פּאסירונג. דעריבער געדענק איך איהר מיט אלערליי איינצעלהייטען. איך געדענק, למשל, א יונגען אמעריקאנער, וועלכער איז געזעסען לעבען מיר פון האָבאָקען ביז באָפאַלאָ. איך האָב מיט איהם פארצויגען א געשפּרעך. אָבער וועגען וואָס איך האָב מיט איהם ניט געפּרופט רעדען, האָט איהם ניט אינטערעסירט און וועגען וואָס ער האָט מיט מיר ניט געפּרופט רעדען האָט מיר ניט אינטערעסירט. ער האָט אלץ געשמועסט וועגען ביזנעס, הויפּטזעכליך וועגען לאָמבער. ענדליך האָב איך זיך ארומגעזעהן, אז עס דאַרף מיר יאָ אינטערעסירען. עס איז א שטיק לעבען און דאָס לעבען איז אימער אינטערעסאנט. דאן האָב איך זיך גענומען צוהערען מיט אויפמערקזאמקייט. אָבער דאָס רוב אמעריקאנער רעדען ניט קיין סך, סיידען איהר שטעלט זיי צוערשט פראגען. האָב איך איהם געמוזט שטעלען אזעלכע פראגען, אויף וועלכע ער זאָל קענען ענטפערען און וועלען ענטפערען. איך האָב איהם געפרעגט וועגען פארשידענע אָפּטיילונגען פון דער לאָמבער ביזנעס. אזוי האָבען מיר זיך צורעדט, און דאן איז שוין לייכטער געווען איבערצוגעהן צו אנדערע ענינים — צו דעם לעבען אין באָפאַלאָ, צום טעאטער, צו דעם אונטערשיד צווישען די באָפאַלאָ׳ער צייטונגען און די ניו יאָרקער צייטונגען. ער האָט ביי מיר געפרעגט וועגען רוסלאנד, אָבער ווידער וועגען לאָמבער — וואָס פאר א געהילץ וואקסט דאָרטען? און וואָס פאר א ביזנעס מאכט מען מיט דעם? זאָגען איהם, אז איך וויים ניט, און אז דאָס ביסעל וואס איך האָב וועגען רוסלאנד׳ס געהילץ געלערענט אין א ספּעציעלען לעהר־בוך איבער רוסישער געאָגראַפיע, אין דעם דריטען קלאַס פון דעם ווילנער אינסטיטוט, האָב איך אויך פארגעסען — דאָס מודה זיין האָב איך ניט געוואָלט. האָב איך געפּרופט דרעהען זיך. ענדליך, פון פארצווייפלונג, בין איך געפאלען אויף א פּלאן: דערצעהלען איהם

ווענען די געהיימניסען פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, ווענען דער אונטערערדדישער רוסלאַנד. דאָס דאַרף אַן אמעריקאנער ספּאָרט נעמען, האָב איך זיך געטראַכט. און איך האָב טאַקע געטראָפען. ער האָט זיך צוגעהערט ווי א פארגאַפטער.

מיר זיינען געוואָרען אזוי באפריינדעט, אז ער האָט זיך שוין אוועקגעלאָזען מיר דערצעהלען אינטימע זאכען ווענען זיין אייגענעם לעבען אויך.

פון אַנטיסעמיטיזם האָט ער קיין באגריף ניט געהאַט. ער האָט איבערהויפּט ניט געקענט קיין אידען. אין די קלענערע אמע־ריקאנער שטעדט איז אַ איד דאַן געווען א זעלטענהייט.

איך גערענק אויך דעם באָי, וואָס האָט אויף דער טריין פאר־קויפט אָראַנדזשעס, עפּעל און קענדי. איך געדענק זיין שטימע, איך געדענק זיין פיגור, אבער זיין געזיכט ניט.

איך געדענק דעם אַלגעמיינעם איינדרוק וואָס עס האָט אויף מיר געמאכט די קאַר מיט די דונקעל־רויטע פּלושענע סיטס, מיט די סצענעס, וואָס האָבען זיך געזעהן דורך די פענסטערלעך. איך געדענק די עלענדקייט, וואָס איך האָב געפיהלט, ווען איך האָב זיך געפּונען א היבשען וועג פון ניו יאָרק. איך געדענק ווי אַלץ האָט מיר אויסגעזעהן פרעמד; דיזע 30 שטונדען האָבען אויף מיר געמאכט כמעט אזא טיפען איינדרוק ווי מיין רייזע איבער׳ן ים ווען איך בין געפאָהרען קיין אמעריקא. אָפּגעווען אכט און א האַלב יאָהר אין אמעריקא, און פּלוצלינג זיך ווידער דערפיהלט ווי א גרינער. איך האָב געבענקט — ניט נאָך ווילנא, נאָר נאָך ניו יאָרק.

2.

ווי שיקאגא האָט דאַן אויסגעזעהן. — מיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ.

ווען איך בין געקומען קיין שיקאגא, האָט די שטאָדט אויף מיר געמאכט אַן אונאנגענעהמען איינדרוק.

א זעהר רויכיגע שטאָדט איז זי דאַן געווען. מען האָט געשלונגען רויך און געשפּיגען מיט רויך.

אין מיין זכרון איז פארבליבען א שטאָדט פון וואקזאלען, מיט בלאָטיקע טריין־יאַרדס, מיט אונצעהלבארע, רויך־שיסענדע טריינס, און גאסען אָהן אן ענד און אָהן א צאָהל, פארבוים דאָס רוב מיט הילצערנע הייזער און מיט הילצערנע סיידוואָקס. די סיידוואקס זיינען געווען הויך איבער דער סטריט. מען האָט די גאסען געדארפט ענדערען, האָט מען די סיידוואָקס דערצו געמוזט אויפהויבען. פון סטריט איז מען אויף זיי ארויף איבער צוויי אָדער דריי טרעפּעלעך. פון אונטער די דאָזיגע סיידוואקס פלעגען אפט ארויסקוקען גרויסע מייז אָדער ראטען. אזוי איז דאן געווען דער אידישער קווארטאל און אזוי איז געווען מעהר ווי דריי פערטעל פון שיקאגא.

די וויכטיגסטע טיילען פון שטאָדט, די „ביזנעס סעקשאָן", איז געווען גאנץ אנדערש. שיקאגא האָט שוין דאן געהאט עטליכע ריזיגע סקאַי־סקרייפּערס, און א פּאָר פון זיי זיינען געווען ווי די דאמאָלסדיגע העכסטע בילדינגס פון ניו יאָרק.

אין די דאָזיגע ביזנעס סטריטען איז דער געדראנג און סאָך געווען כמעט אזוי גרויס ווי אין ניו יאָרק. אָבער אפילו דאָרטען האָט שטארק געשמעקט מיט רויך. ווען איהר האָט אָנגעטאָן א ווייסען קראגען איז ער אין א שטונדע ארום שווארץ געוואָרען.

די שטאָדט איז געווען אונגעהייער גרויס — ניי און ריזיג גרויס. זי האָט זיך פארנומען אויף פילע מייל אין דער לענג און אין דער ברייט; און א גרויסע טייל פון דעם איז נאָך גאר ניט געווען פארבוים. ווען איהר זייט אוועק ווייטלעך פון צענטער, זייט איהר געפאָהרען אויף א קאר צעהנדליגער און צעהנדליגער בלאָק און קיין הייזער ניט געזעהן. אלץ איז געווען פאנאנדערגעטיילט אויף עוועניוס און סטריטען, מיט סטריט־נומערען אָדער סטריט נעמען אויף די קאָרנערס, אָבער זעלטען־וואו איז געשטאנען א הויז. נאָר סטריט סיינס מיט סטריט לאנטערנעס און ריעל עסטייט סיינס אָהן א שיעור.

א גרויסער טייל פון די פאראייניגטע שטאאטען האָט זיך דאן ערשט געהאלטען אין אויפבויען; און שיקאגאָ, הגם זי איז שוין געווען די צווייטע גרעסטע שטאָדט אין לאנד, איז געווען א מוסטער פון די דאמאָלסדיגע האלב־פארטיגע שטעדט. אמעריקא

איז געבויט געוואָרען האסטיג; צעהנדליגער גרויסע שטעדט זיינען אויסגעוואקסען כמעט איבער נאכט. דאָס איז איינע פון די זאַ־כען אין וועלכע אמעריקא איז גאנץ אנדערש ווי אייראָפּא; אין דיזער באציהונג האָב איך אין שיקאגאָ געפונען דעם עכטען אמעריקאנער גייסט, די ריזיגע אמעריקאנער בריה'שקייט.

שיקאגא האָט דאן געהאט א מיליאָן־מיט־צוויי־הונדערט־טויזענט איינוואוינער. ניו יאָרק האָט געהאט מעהר, אָבער ניט קיין סך מעהר. ברוקלין און די אנדערע טיילען פון לאָנג־איילענד און סטעטען איילענד זיינען נאָך דאן צו ניו יארק סיטי ניט געווען צוגערעכענט. וועגען א „גרעיטער ניו יאָרק" האָט מען נאָך דאן נאָר געטרוימט. דער אונטערשיד צווישען ניו יארק און שיקאגאָ, אין דער גרויס פון דער באפעלקערונג, איז דעריבער געווען א פיל קלענערער ווי איצט. די פּאָליטי־שענס פון שיקאגאָ האָבען געלאָזט וויסען דער וועלט, אז שיקאַ־גאָ איז אזוי גרויס ווי ניו יארק. זיי האָבען צוגעלייגט ציפער, כדי זייער באפעלקערונג זאָל אויסקומען גרעסער ווי אין אמת'ן. און וועגען דער צוקונפט זיינען זיי געווען זיכער (אזוי ווייניג־סטענס האָבען זיי געשריבען), אז שיקאגאָ וועט איבעריאָגען ניו יארק און וועט זיין די גרעסטע און וויכטיגסטע שטאָדט אין אמעריקא.

אין דער ערשטער קאָרעספּאָנדענץ, וואס איך האָב צוגעשיקט פון שיקאגא צו דער „ארבייטער צייטונג", האָב איך באשריבען ווי די שטאָדט ווייזט אויס. די קאָרעספּאָנדענץ געפינט זיך אין נומער 1 פון דעם צווייטען יאָהרגאנג (פון ערשטען יאנואר, 1891).

וועגען דעם אידישען קווארטאָל ענטהאלט יענע קאָרעס־פּאָנדענץ די פאָלגענדע שורות:

„די גאסען זיינען אזוי ברייט און אזוי דורכגעצייכענט מיט דעם סליאָד פון רעדער אין די בלאָטעס, אז זיי ווייזען אויס ווי די גרויסע וועגען, וואס ציהען זיך דורך א קליין שטעדטעל אין ליטא. קיין שטיינערנער ברוק איז ניטא, און די הילצער־נע פלאָסטערונג איז צוגערעקט מיט געדיכטע אויסגעקנאָטענע

בלאָטע. די סיידוואָקס זיינען גרויסע, ברייטע, הילצערנע, האַלב־צובראָכענע ווי אין אַ אויעזדנער רוסישער שטעדטעל. די הייזער, דאָס רוב הילצערנע, נידעריגע, ווייט איינע פון די אַנדערע און אין מיטען פון זומפּיגע בלאָטעס, אין וועלכע עס שטעהען זועגען אָהן פערד אדער פערד אָהן וועגען.

„אַט אַזוי קוקט אויס וויינינגסטענס פיר־פינפטעל פון דער משונה'דיגער שטאָדט. אָבער אָפט זעהט איהר ווי מען רייסט אַרונטער אַ נייע הילצערנע כאַלופּקע אום אויסצובויען אויף איהר אָרט אַ פינף־עטאַזשיגען מויער, אַזאַ ווי דער וואָס איז ניט לאַנג אויסגעבויט געוואָרען אויף דעם נעקסטען בלאָק...

„פּאָרלויפיג ווייזט די שטאָדט אויס ווי אַ לאַגער, אין וועלכען מען האָט אויף דערווייל צונויפגעקלאַפּט הילצערנע כאַ־לופּקעס, אויף צו וואוינען... און מיט דער צייט וועלען זיי דאָס אַלץ אַראָפּשליידערען און אוועקשטעלען גרויסע פּינס־טערע און ענגע טענעמענטס, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ גרויסער קאַפּיטאַליסטישער שטאָדט".

3.

פּיטער זיסמאַן און אברהם ביזנאָ און זייער גרופּע. — קלאָוק־מאַכער, שניידער, סאָציאַליסטען. — מאַס־מיטינגען, לעקטשורס.

היינט ווען אידישע סאָציאַליסטען לאַדען איין אַ רעדנער, גרייט מען פאַר איהם אָן אַ צימער אין אַ גוטען האָטעל, אָפט אין דעם בעסטען וואָס די שטאָדט פאַרמאָגט. אָבער ווען מען פאָהרט פון ניו יאָרק קיין שיקאַגאָ אָהן אַ סליפּינג־קאַר, קען שוין פון קיין טייערע האָטעלען קיין רייד ניט זיין. די גענאָסען האָבען פאַר מיר אָנגעגרייט אַ צימער ביי אַ יעליסאַוועטגראַדער פאַמיליע, וואו איינער פון אונזערע טעטיגע מעמבערס איז גע־ווען אַ באָרדער און אַ חתן. דער פאָטער פון דער פאַמיליע איז געווען אַ פידעל־שפּילער און די כלה פון אונזער גענאָסע האָט אויך געשפּילט פידעל. איהרער אַ ברודער און אַ שוועסטער

האבען געשפילט אויף אנדערע אינסטרומענטען. אין אווענט פלעגט די גאנצע משפחה שפילען צוזאמען אלס ארקעסטער.

די הויז האט זיך געפונען לעבען דעם קארנער פון וועסט 12טע און האלסטעד סטריט. דערביי איז געשטאנען א קליינע משוירטש; און עד היום, ווען איך דערמאן זיך אן יענעם שיקאגא'ער וויזיט מיינעם, קלינגען מיר אין די אויערען די גלאקען, וועלכע איך פלעג הערען יעדען אין דער פריה.

די פיהרער פון דער אידישער „סעקציאן" זיינען געווען פיטער זיסמאן און אברהם ביזנא. זיי און זייערע נאהענטע חברים זיינען געווען די וויכטיגסטע און טעטיגסטע מיטגלידער אי פון דער קלאוק מאכער יוניאן, אי פון דער סאציאליסטי־שער סעקציאן. מען דארף אבער צורעכענען אויך דעם נאמען גאלדשטיין. אזוי האט געהייסען א מיטגליד, וועלכער איז ניט געווען קיין קלאוקמאכער, נאר אן אינשורענס אגענט. ער איז געווען דער סעקרעטער פון דער סעקציאן.

די בולט'סטע פערזענליכקייט צווישען זיי איז געווען פיטער זיסמאן, א שעהנער יונגערמאן פון א יאהר 22, מיט שווארצע האר, מיט אינטעליגענטע אויגען, מיט אן אלגעמיינעם אויסזעהן פון אן אינטערעסאנטען יונגען איטאליענער. קיין איטאליענער איז ער ניט געווען, אבער אן אינטערעסאנטער מענש — יא. אין דער היים האט ער געלערענט גמרא און געלייענט לשון־קודש־דיגע און אויך רוסישע ביכער. ער איז געווען גוט באלעזען און ענטוויקעלט, און — דאס וויכטיגסטע — ער האט געהאט איבערצייגונגען. ווען ער האט עפעס געזאגט, איז געווען וואס צו הערען. ער איז געווען דער הויפט רעדנער און לעקטשורער אין שיקאגא. א גאנצען טאג האט ער שווער געארבייט אלס אפע־רייטאר ביי קלאוקס און אין אווענט איז ער געווען טעטיג אויף די מיטינגען.

ער און די אנדערע אינטעליגענטערע מעמבערס פון דער קלאוקמאכער יוניאן האבען דאס געגרינדעט די סאציאליסטישע סעקציאן. זיי זיינען אלזא געווען די פיהרער אין ביידע ארגא־

פיטער זיסמאַן (אין 1893).

ניזאציעס. די סאָציאַליסטישע אידישע סעקציאָן איז געווען
א מין גייסטיגער קלוב פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן.

אין דעם קלאָוק טרייד איז דאן ניט געווען „ביזי", פלעגט
זיסמאַן מיט מיר פאַרברענגען גאַנצענע טעג. ער איז מיר
זעהר געפעלען געוועז. דאָס איז געווען א פעהיגער יונגער־מאַן מיט
א פיינער לאָגיק, קלאָהר ווי קרישטאָל, און אן עהרליכער, א וואַרים־
הארציגער, אנגענעהמער מענש דערצו. קלוג, אָהן כיטרעקייט, אָהן
קונצען, אָהן היגטער־פיסלעך.

אָט איז דער באַריכט, וועלכער איז צוגעשיקט געוואָרען פון
אונזערע שיקאגאָ'ער גענאָסען צו דער „ארבייטער צייטונג" וועגען די מיטינגען, וואס איך האָב דאָרטען אדרעסירט, און וועלכער איז אָפּגעדרוקט געוואָרען דעם 2טען יאַנואַר, 1891:

„עס איז א נייער לעבען אריין אין אידישען קוואַרטאַל.
וואָס א מיטינג, אַלץ מעהר פּובליקום און אַלץ מעהר באַגייסטערונג. שיקאגאָ האָט נאָך אזעלכע אידישע פאַרזאַמלונגען ניט
געזעהן. די לעצטע פאַרזאַמלונג פון דער סעקציאָן האָט שטאָטגעפונען אין גרויסען זאַל פון מעטראָפּאָליטאַן האָל. העכער ווי
צוויי שטונדען האָט קאהאן געהאַלטען די גרויסע מאַסע
מענשען אין אונאויסדריקליכער באַגייסטערונג. דעם ענטוזיאַזם
איז ניט צו באַשרייבען. שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען און יובעלגעשרייען האָבען אלע ווייַלע פאַרהילכט דעם האָל. די פייערדיגע, וויציגע רעדע אויף דער טעמע „וואָס ווילען מיר?" האָט
אין די געדאַנקען און אין די הערצער פון די פאַרזאַמעלטע פאַרזייט פרוכטבאַרע סאָציאַליסטישע קערנער.

„אויסער דיזען מיטינג האַלט גענאָסע קאהאן וויסענשאַפטליכע פאָרטרעגע. פילע אינטעליגענטע מענשען באַזוכען די מיטינגען און דער אינטערעס אין סאָציאַליזם וואַקסט. נעקסטען
דינסטאַג וועט גענאָסע אב. קאהאן שפּרעכען איבער דער טעמע
„דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזמוס אלס א פילאָזאָפיע איבער
דער געשיכטע דער מענשהייט".

די שיקאגאָ'ער קלאָוק מאכער זיינען געווען גוט ארגאַני־

זירט. די דארטיגע שניידער האָב איך אָרגאניזירט אין פאר־לויף פון די צוויי־דריי וואכען, וואס איך האָב דארטען פאר־בראכט. די מיטינגען זיינען צוזאמענגערופען געווארען פון די סאָציאליסטען און פון די מעמבערס פון דער קלאוק מאכער יוניאן.

א חוץ די קאָרעספאָנדענציעס, וואָס איך האָב געשיקט פון שיקאגאָ פאר דער „ארבייטער צייטונג" האָב איך פון דארטען צוגעשיקט מיינע געוועהנליכע וועכענטליכע ארטיקלען: „די סדרה", די ארטיקלען וועגען פעלקער און אנדערע ארטיקלען.

.4

אינטעליגענטע רוסיש־אידישע פאמיליעס. — אן אינטערע־סאנטער קויהלען־מאן. — א ניי־יאָהר־באָל. — אמעריקאנער סאָציאליסטען. — מאָרגאן.

די אינטעליגענטע רוסיש־אידישע פאמיליעס האָבען אין שי־קאגאָ דאן געוואוינט אין א באזונדערען געגענד, ניט אין דעם גרויסען אידישען קווארטאל. אין מיין ערשטער שיקאגאָ'ער קאָ־רעספאָנדענץ געפינט זיך א באמערקונג, אז די מעמבערס פון דיזע פאמיליען ארבייטען ביי נעקטיים, וועלכע זיי מאכען ביי זיך אין דער היים, און אז זיי לעזען רוסישע ביכער, וועלכע זיי באקומען אין דער שטאָדט ביבליאָטעק. די פאָטערס האָבען געארבייט אין פעקטאָרים, אָדער גאָר קיין באשעפטיגונג ניט גע־האט. דאָס רוב האָט די פאמיליע געלעבט פון דעם, וואס די קינדער האָבען פארדינט.

פיטער זיסמאן האָט מיך באקאנט געמאכט מיט אייניגע פון דיזע פאמיליען, און ער האָט מיך גענומען אויף זייער „ניו־יאיר'ס באָל". דיזען באָל האָב איך באשריבען אין מיין צווייטען בריף פון שיקאגאָ צו דער „ארבייטער צייטונג".

„מיר, רוסישע אינטעליגענטען פון ניו יארק, האָבען גע־האָט פיל גרעסערע ניי־יאָהר בעלער. דערפאר אָבער איז דער שיקאגאָ'ער באָל געווען א מאסקאראד און צו אזא מדרגה זיינען מיר אין ניו יאָרק נאָך ניט דערגאנגען", — באמערק איך אין מיין קאָרעספאָנדענץ, האלב אין שפאס. די רוסישע קאָלאָ־

ניע פון שיקאגאָ איז געווען קלענער ווי אין ניו יאָרק; דעריבער האָבען איהרע מיטגלידער געלעבט נעהענטער איינער מיט דעם אנדערען.

די רענט איז אין שיקאגאָ דאַן געווען פיל ביליגער ווי אין ניו יאָרק. אלזאָ, האָבען זיי געהאַט מעהר רומס און גרעסערע. דאָס האָט געמאכט מעגליך אַ גרעסערע גאסט־פריינדליכקייט (אַזוי ווי אין אַ קליין שטעדטעל). דיזע גאסט־פריינדליכ־קייט איז איינער פון די שטריכען פון דעם דאַמאָלסדיגען שיקאַ־גאָ'ער לעבען, וואָס האָבען זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען.

פון מיינע וויזיטען ביי די רוסיש אידישע פאַמיליעס איז אין מיין זכרון בולט פאַרבליבען` די פאָלגענדע סצענע, וועלכע איז שייך צו מיר פערזענליך. איך און פיטער זיסמאַן און אַ פּאָר אנדערע פון די גענאָסען זיינען געווען צו גאַסט ביי איינעם אַ סאַלאָמאָן, אַן עלטערער מענש, אַ בעל־הבת'ישער איד פון דער היים, וועלכער האָט אין שיקאגאָ אויך געוואוינט ווי אַ היי־מישער בעל־הבית. עס איז געווען שבת־צו־נאַכט און מיר זיינען געזעסען, געטרונקען טהיי פון סאַמאָוואַר און געשמועסט פונקט ווי אין אַ מאָהילעוו אָדער אַ וויטעבסק. אין מיטען פון אונזער געשפּרעך קומט אריין דעם בעל־הבית'ס זוהן און זאָגט צו מיר:

„מיסטער קאַהאַן, דאָ איז פאַרהאַן איינער, אַ באַקאַנטער אונזערער, וואָס וואָלט מיט אייך זעהר וועלען זיך באַקענען. ער איז אַ גוטער העברעער, אַן אינטעליגענטער מענש, און ער לעזט די „ארבייטער צייטונג". ער וויל מיט אייך באַקאַנט ווערען. ער איז אָבער אַ קויהלען־מאַן און ער איז אינגאַנצען אויסגעשמירט אין קוילען און שמוץ, שעהמט ער זיך אריינצו־קומען".

איך האָב געבעטען מען זאָל דעם קויהלען־מאַן זאָגען, אַז ער זאָל זיך ניט שעהמען און אריינקומען.

אין אַ מינוט ארום האָט זיך באוויזען אַ איד אין די מי־טעלע יאָהרען, מיט אַ באָרד, אינגאַנצען אַן איינגעריכטער אין שוואַרצען אַזוי ווי אַ היימישער קוימען־קעהרער. ער האָט זיך אפּגעשטעלט אויפ'ן שוועל פון זאַל, מיט אַ שמייכעל מיך באַ־

קוקט פון קאָפּ ביז די פּיס און געזאָגט: „דאָס איז דאָס דער פּראָלעטארישקער מגיד? טפו, זאָל דאָס ווערן! איך האָב זיך פאָרגעשטעלט עפּעס א אידען, מיט א גרויסער, שוואַר־צער באָרד, מיט גרויסע, קיילעכדיגע, פארשייטע אויגען. ערשט גאָר א יונגער מאן, שיער ניט א באָיטשיק, עפּעס א גימנאַ־זיסטעל פון דער תיים. ווי געפעלט אייך אזא מגיד?" (איך בין שוין דאן אלט געווען איבער דרייסיג יאָהר. אָבער, ווי איך האָב שוין באמערקט, האָב איך אויסגעזעהן א סך אינגער).

מיר זיינען באקאנט געוואָרען. ער איז געווען א גאַנץ אינ־טערעסאנטער מענש.

אין שיקאגא האָב איך געהאלטען א פּאר ענגלישע לעקטשורס. אונזער פּארטיי האָט דאָרטען דאן געהאט א היבשען אמעריקאנער ברענטש. איהר פיהרער איז געווען א סאָציאליסט מיט'ן נאָמען טהאָמאס מאָרגאַן, איינער פון די באקאנטסטע פּערזענליכקייטען צווישען די שיקאגא'ער ראדיקאלען. ער איז געווען אן ענגלענדער, אָבער ניט מיט דעם געוועהנליכען ענגלישען טעמפּעראמענט. א פעהיגער פאָלקס־מענש מיט פעפערדיגען הומאָר אין זיינע רעדעס.

דער עולם פאר וועלכען איך האָב גערעדט איז באשטאנען הויפּטזעכליך פון עלטערע אמעריקאנער, מענער און פרויען. מיין ערשטע טעמא איז געווען „דארוויניזם און סאָציאליזם". דיזען ענין האָב איך אויסגעקליבען פאר פילע פון מיינע אמעריקאנישע לעקטשורס אין יענער צייט. די אורזאכע דערפון איז ערקלערט געוואָרען אין דעם צווייטען באנד. דער געוועהנליכער אמעריקאַ־נישער ארגומענט געגען סאָציאליזם איז באשטאנען אין דעם דאָס די נאטור איז פול מיט קאמף, און אז דער סאָציאליזם, וועלכער וויל אָפּשאפען קאָנקורענץ, קאמף, איז אן אוננאטירליכע זאך, געגען דעם דארוויניזם. פלעג איך אין די דאָזיגע לעקטשורס ערקלערען דעם עיקר פון דארוויניזם און מיט פילע ביישפּילען, מאקע פון דארווינ'ס ווערק, באווייזען אז דער קאמף פאר עקזיסטענץ איז אין דער נאטור אָפט פארבונדען מיט פאראיי־

ניגונג — אז איינינקייט איז איינע פון די וואפען אין דעם נאטירליכען קאמף. די לעקטשור האָט אין שיקאגא, אזוי ווי אין אנדערע שטעדט, געהאט א גרויסען ערפאָלג.

5.

ערשטער יאהרעס־פעסט פון דער „אַרבייטער צייטונג".

די פאָפולאריטעט פון דער „ארבייטער צייטונג" האָט זיך העל אויסגעדריקט ביי איהר ערשטען יאהרעס־פעסט, וועלכער איז פאָרגעקומען ארום זעקס וואָכען נאָך מיין קומען צוריק פון שיקאגאָ. דער יום טוב איז געווען אין קופער יוניאָן און דער קראוד איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט געצויגען די אויפמערק־זאמקייט פון דער אמעריקאנער פרעסע. אין דער „ניו יאָרק וואָירלד" איז אויף מאָרגען געווען אָפּגעדרוקט א לאנגער רעפּאָרט אין וועלכען עס ווערט באריכטעט, אז „וויינינגסטענס צעהן טויזענד מענשען האָבען געמוזט געהן צוריק, ווייל עס איז ניט געווען קיין פּלאץ אין דעם האָל".

די דריטע עווענינו ארום דעם האָל איז געווען שווארץ פון מענשען וואָס האָבען זיך געריסען אריינצוגעהן. פון דעם גע־דראנג אין קאמף אריינגעלאָזען צו ווערען זיינען צובראָכען געוואָ־רען א פּאָר פענסטער. אין יענע יאָהרען איז אזא גרויסע אידישע מאסע ביי א מיטינג און אזא זשעדנעקייט אריינצוקומען געווען א גאנץ אונגעוועהנליכע ערשיינונג. אינווענינ איז געווען פאר־נומען יעדער סיט, און ניט נאָר די „אילס" זיינען געווען געפּאקט מיט שטעהענדע, נאָר די פּלאטפאָרמע אויך. עס איז קוים געווען פּלאץ פאָרצושטעלען די רעדנער.

אין דעם באריכט, ווי ער איז אפּגעדרוקט אין דער „ארביי־טער צייטונג" (נומער 11, צווייטער יאָהרגאנג), ווערען אויסגע־רעכענט די פאָלגענדע רעדנער: יאָנאס, אב. קאהאן, זאמעטקין, סעניעל, הילקאָוויץ, מיללער און פרוי גראיע (א יונגע דייטשע רעדנערין, וועלכע פלעגט זעהר אָפט ארויסטרעטען אויף אונזערע אידישע פארזאמלונגען).

די באגייסטערונג פון די אנוועזענדע איז געווען אונבא־שרייבליך. מיללער איז געווען דער פארזיצענדער און ער איז אויפגענומען געווארען מיט אן אוואציע. ער האט גערעדט וועגען דעם ערפאלג פון דער צייטונג, און כמעט יעדערווארט זיינער איז געווארען באגריסט מיט הורא־געשרייען און מיט דונערענדע בראווא־פאטשעריי. אלס ערשטען רעדנער האט ער פארגעשטעלט דעם רעדאקטאר, פיליפ קראנץ. קראנץ איז באגריסט געווארען מיט ווארימע אפלאדיסמענטען (אין דעם רעדנער־צעטעל איז דורך א פארזעהן זיין נאמען ניטא). ער איז פאר א פובליקום כמעט קיין מאל ניט ארויסגעטראטען. ער איז ניט געווען געוואוינט צו דער פלאטפארמע, און איצט, אין דיזען קאך, איז ער אזוי צוטומעלט געווארען, אז עס איז איהם שווער געווען ארויס־צורייזען א ווארט. אלזא, האט מיללער איהם אונטערגעזאגט א קורצע רעדע; ווי א סופליאר, ווארט פאר ווארט, האט ער איהם אונטערגעזאגט; און ער, קראנץ, האט נאכגעזאגט.

די אנדערע רעדנער האט דער עולם אויך אויפגענומען מיט ענטוזיאזם. דער האל האט ניט אויפגעהערט צו דונערען פון אפלאדיסמענטען. עס איז געווען א זעלטענער יום טוב.

ווען עס איז געקומען צו מיר, האט מיללער געזאגט אונגע־פעהר דאס פאלגענדע:

— „איצט וועל איך אייך פארשטעלען דעם, וועמען מיר האבען הויפטזעכליך צו פארדאנקען דעם גרויסען ערפאלג פון דער „ארבייטער צייטונג“. עס איז אן אפענער סעקרעט, אז מעהר פון אלע איז אין דעם שולדיג גענאסע קאהאן.“

די הארציגקייט מיט וועלכער מען האט מיך אויפגענומען אויף דיזען יאהרעס־פעסט, איז פאר מיר געווען א ספעציעלער קוואל פון צופרידענהייט.

אין דעם באריכט פון דער „ארבייטער צייטונג“ ווערט דער־מאנט, אז „אב. קאהאן האט גראטולירט דעם פובליקום מיט דעם גרויסען זיג פון דעם שניידער סטרייק“. איך האב דאס געטאן מיט א משל:

דער טאג, ווען די רוסישע ארמעע האט אין דער רוסיש־טערקישער מלחמה גענומען פלעוונע, איז גראד געווען דעם קיסר׳ס

געבורטסטאָג. אלזאָ, האָט דער רוסישער קאָמאַנדיר די נאָכ־ריכט איהם צוגעשיקט אלס א בוירטהה־דעי פּרעזענט. דאָס האָט זיך גראַדע געפּאַסט צו אונזער יאהרעס־פעסט, וואָרים גראָד יענעם טאָג האָט זיך געענדיגט א שניידער סטרייק מיט א גרויסען זיג פאר דער יוניאָן. האָב איך דערצעהלט די מעשה מיט פּלעוונא און האָב אויסגערופען: „אלזאָ, האָב איך איצט דעם פאַרגעניגען — אלס בוירטהה־דעי פּרעזענט צו דעם געבורטסטאָג פון אייער „ארביי־טער צייטונג" — אייך, ארבייטער, אָפּצוגעבען א מזל טוב מיט דיזען גלענצענדען זיג אייערען!"

דער עפעקט איז געווען אן אונגעהייערער.

6.

די דזשעמייקא געשיכטע. — פרענק רייגנאָלד. — באַראָנ־דעס'עם טרייעל. — מיין באַזוך אין סינג־סינג.

אין דעם פריהלינג און זומער פון דעם יאָהר 1891 זיינען אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן פאָרגעקומען פּאַסירונגען, וועלכע האָבען אויפגעשטורעמט נים נאָר דיזע יוניאָן, נאָר די גאַנצע אידישע ארבייטער־באַוועגונג און צוליב וועלכע איך האָב ביי דער יוניאָן פארבראַכט פילע אָוונדען און אָפּט טאָג־און־נאַכט.

אויף א געוויסער צייט אין פאַרלויף פון דיזע מאָנאַטען האָט דער קאַמף צווישען די „באַראָנדעסיסטען" און אונז, „ארבייטער צייטונג" מענשען (מיינענדיג מיט דעם הויפּטזעכליך מיללער'ן און מיך), אויסגעבראָכען אין דער עפענטליכקייט און האָט אָנגע־נומען שאַרפע פאָרמען. וואָס אנבאַטרעפט דיזע צוזאַמענשטויסען, איז די געשיכטע אין ראָזענבערג'ס „ערינערונגען" שטאַרק באַ־פאַרבט מיט דעם קאָליר פון זיין דאַמאָלסדיגער פּאַרטייליכקייט, און דיזע קאַפּיטלעך זיינע ענטהאַלטען א היבש ביסעל נים־ריכטיגע שטעלען.

פינף־און־דרייסיג יאָהר זיינען פאַראיבער. די דאַמאָלסדיגע פּאַרטיי געפיהלען זיינען שוין לאַנג איינגעשטילט געוואָרען — וויינינגסטענס ביי דעם וואָס שרייבט דיזע שורות. היינט וואָלט

מען געקענט די גאַנצע געשיכטע דערצעהלען פון א ריין אונפּאַר־טייאישען שטאַנדפּונקט, אין דער ליכט פון דעם אונבאַפּאַרבטען אמת. אָבער איבערגעבען די דאָזיגע פּאַסירונגען מיט איינצעל־הייטען וואָלט פאַרנומען א סך מעהר פּלאַץ ווי מען קען פּאַר דעם צוועק געברויכען אין אזא ווערק ווי דיזע „בלעטער". דאָ ווערט דאָך ניט געגעבען א געשיכטע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. איך וועל דעריבער זיך באַנוגענען מיט א קורצען איבער־בליק פון יענע פּאַסירונגען.

מאָנטאָג אין דער פריה, דעם 13טען מערץ, 1891, איז א טייל פון דער פּיקעט קאָמיטע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן געקו־מען צו א קלאָוק־קאָנטראַקטאָר מיט'ן נאָמען גרינבערג, וועלכער האָט געהאַלטען א סקעב־שאָפּ אין דזשעמייקא, לאָנג איילענד. אין דעם צוזאַמענשטויס צווישען דער קאָמיטע און די סקעבס איז איבערגעקערט געוואָרען אן אייזערנער אייוועלע און עס האָבען זיך אויסגעשאָטען גליהענדע קוילען. דערביי איז ביי גרינבערג'ס א פיר־יאָהריגען קינד צוגעברענט געוואָרען א הענ־טעל, און — ווי גרינבערג האָט דערנאָך ערקלערט אין קאָורט — האָבען די פּיקעטס פילע פון זיינע ניט־געענדיגטע דזשעקעטס באַגאָסען מיט וויטריאָל.

אלס רעזולטאַט זיינען אַרעסטירט געוואָרען עטליכע מיטגלי־דער פון דער יוניאָן און אויך דער מענעדזשער, יאָזעף באַראָנדעס, וועמען מען האָט באַשולדיגט אין געבען די וויטריאָל צו די פּיקעטס.

איך בין אָנוועזענד געווען אויף דעם פאַרהער אין דעם דזשעמייקער קאָורט. באַראָנדעס'ן האָט מען אַרויסגעלאָזט אויף בעיל. אָבער גלייך אויפ'ן אָרט האָט איהם א דעטעקטיוו ווידער אַרעסטירט — אויף אן אנדער באַשולדיגונג וועלכע איז געקומען פון א ניו יאָרקער קלאָוק־פירמע, פּאַפּקין ענד מאַרקס.

ביי דיזער פירמע איז מיט א געוויסער צייט צוריק געווען א סטרייק און די יוניאָן האָט געוואונען. ביי דעם סעטלמענט האָט די פירמע געמוזט באַצאָהלען הונדערט דאָלאַר אלס ווייג־זשעס פאַר דער וואָך וואָס מען האָט געסטרייקט. די וואירקליכע ווייג־זשעס האָבען באַטראָפען א סך מעהר. פּאַפּקין

האָט אָבער אפּגעדונגען א פּאָר הונדערט דאָלאַר. אזוי ווי דער טשעק איז געווען אויף בּאַראָנדעס'עס נאָמען, האָט פּאָפּקין איצט אָנגעגעבּען א קלאַגע פאר „עקסטאָרשאָן" (דאָס הייסט, אז בּאַראָנדעס האָט ביי איהם אויסגעפּרעסט געלט, סטראַשענדיג פּאָרטצוזעצען דעם סטרייק). בּאַראָנדעס איז אפּגעזעסען עטליכע טעג און דאַן האָט מען פאר איהם ווידער געקראָגען בּעיל.

פאר די אנדערע ארעסטירטע האָט מען — מיט גרויסע שוועריגקייטען — אויך געקראָגען בּעיל. צוויי פון זיי, טורטשין און גאָלדשטיין, זיינען אָפּגעזעסען א היבשע צייט.

פון די אַלע ארעסטירטע פאר דער דזשעמייקא געשיכטע איז פאַראורטיילט געוואָרען נאָר איינער, א דארער, בּלאסער, ניט קיין הויכער יונגערמאַן מיט'ן נאָמען פרענק ריינגאָלד, וועמען מען האָט אוועקגעשיקט אויף פינף יאָהר מיט נייַן מאָנאטען אין דעם סטייט פּריזאָן פון סינג־סינג.

דערנאָך בּין איך אָנוועזענד געווען אויף בּאַראָנדעס'עס טרייעל (דעם 2טען מאַי, 1891) אין דער קרימינאַל אפּטיילונג פון דעם ניו יאָרקער סופּרים קאָורט. די דזשורי האָט איהם געפונען שולדיג, און דער דזשאָדזש — וועןבּראַנט האָט ער געהייסען — האָט איהם פאַראורטיילט אויף א יאָהר מיט נייַן מאָנאטען אין סינג־סינג. מען האָט אָנגעגעבּען אַן אפּיעל און מען האָט בּאַראָנדעס'ן דערווייל ארויסגעלאָזען אויף בּעיל.

דר. לעווין דערמאָנט א מאַס־מיטינג, וועלכען „די ניו יאָרקער פעדערייישאָן אָוו לייבּאָר האָט איינבערופען צו פּראָ־טעסטירען געגען דעם אורטייל. די פאַרזאַמלונג האָט שטאַטגע־פונען אין קופּער יוניאָן דעם 6טען מאַי, 1891, און טויזענטער מענשען זיינען געשטאַנען אין דרויסען, ווייל אינווייניג איז שוין ניט געווען קיין פּלאַץ". די רעדנער־ליסט, לויט דר. לעווינ'ען, האָט ענטהאַלטען די נעמען: סעמיועל גאָמפּערס, דזשאָרדזש מעס'ניעל און אב. קאַהאַן.

„גאָמפּערס, וועלכער איז געווען פאָרזיצענדער — זאָגט דר. לעווין ווייטער — האָט ערקלערט, אז ניט נאָר האָבּען די „סווע־טערס" זיך פאַראייניגט צו פאַרניכטען זייערע אָרגאַניזירטע אר־בּייטער, נאָר דער דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס פון דער וואשינג־

טאָנער רעגירונג האָט געדינט דיזע שענדליכע סוועטערס". ווייטער ברענגט דר. לעווין די פאָלגענדע ווערטער וואָס גאָמפּערס האָט געזאָגט וועגן דער דזשורי: „ווער זיינען די מענשען וואָס האָבען באַראָנדעס'ן פּראַאורטיילט? יעדער פון זיי געהערט צו דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. זיי זיינען פאַבריקאַנטען, סאַלון־קיפּערס, ביזנעס־לייט. קיין איינציגער קלאָוקמאַכער איז אין דער דזשורי ניט געווען."

איך פּערזענליך האָב וועגען דיזער אינטערעסאַנטער פּאַרזאַמלונג און וועגען דער רעדע וואָס איך האָב אויף איהר געהאַלטען א גאַנץ שוואַכע ערינערונג.

אין דער צייט וואָס באַראָנדעס איז געזעסען, האָט זיך צו מיר געווענדעט א קאָמיטע פון דער יוניאָן מיט א ביטע אז איך זאָל די יוניאָן אָפּט באַזוכען און אויפהאַלטען די אָרגאַניזאַציע ביז ער וועט באַפרייט ווערען. און אויף א מיטינג פון די פּאַר־איינינגטע אידישע געווערקשאַפטען איז אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע, אין וועלכער עס איז געווען אויסגעדריקט דער זעלבער וואונש. איך האָב די פליכט אויף זיך גענומען.

אין איינינגע פון די ווערק אין וועלכע עס ווערט דערצעהלט וועגען יענע וואָכען ווערט באַהויפּטעט, אז איך האָב פאַרנומען דעם פּלאַץ פון א „פּאַרלויפיגען מענעדזשער" פון דער יוניאָן. דאָס איז ניט ריכטיג. אין דער ביזנעס פון דער יוניאָן האָב איך זיך ניט געמישט. איך האָב זאָגאַר זעלטען באַזוכט דעם אָפּיס. מיין טעטיגקייט איז נאָר געווען פאַרבונדען מיט די פּאַרזאַמלונגען, אין גאָלדען רול האָל, 125 ריווינגטאָן סטריט. כמעט יעדען אָוענד, און אָפּט בייטאָג אויך, זיינען דאָן אָפּגעהאַלטען געוואָרען מיטינגען, יעדע אָפּטיילונג פון דער יוניאָן אויף א באַזונדערען פּלאַר. און איך פלעג געהן פון פּלאָר צו פּלאָר און האַלטען רעדעס — ערקלערען די לאַגע און ערמוטיגען די מעמבערס. קיין געהאַלט אַלס „פּאַרלויפיגער מענעדזשער" אָדער סתם פאַר דער ארבייט וואָס איך האָב געטאָן פאַר דער יוניאָן האָב איך נאַטירליך ניט גענומען. פאַר אַזא ארבייט האָט קיינער פון אונז קיין מאָל ניט גענומען קיין סענט.

דאַן האָט נאָך קיין אָפּענער קאַמף צווישען די באַראָנדעסים־טען און אונז ניט אויסגעבראָכען. די באַציהונגען צווישען באַראָנ־דעס'ן און מיר זיינען דאַמאָלס געווען גאַנץ פריינדליכע. אַלס באַווייז קען דינען דער פאַקט, אַז ווען ער איז אַרויס אויף בעיל האָט ער געבעטען, אַז איך זאָל מיט איהם פאַרברענגען דעם אָוענד. אום אויסצומיידען רעפּאָרטערס און צו קענען אונגעשטערט באַ־שפּרעכען די לאַגע, האָט ער געבעטען מיר זאָלען געהן אין אַ האָטעל. אַזוי האָבען מיר געטאָן, און אין דעם האָטעל האָבען מיר גענעכטיגט.

אויף די פאַרזאַמלונגען פון די קלאָוקמאַכער האָט מען מיר און אונזערע אַנדערע רעדנער (ל. מיללער'ן און זאַמעטקינ'ען, דאַכט זיך) אויפגענומען מיט די וואַרימסטע אַפּלאָדיסמענטען. די „אַרבייטער צייטונג" האָט דאַן געאַרבייט פאַר באַראָנדעס'ן, פאַר ריינגאָלד'ן און פאַר דער יוניאָן בכלל. ווען דיזע ווערטער ווערען געשריבען, ליגען פאַר מיר אויסצוגען פון אַרטיקלען וואָס זיינען אין איהר דאַן געדרוקט געווען וועגען דיזער אַנגעלעגענהייט. איין אַרטיקעל אַזעלכער, אונטער דעם נאָמען „אַ טעות" (דאָס הייסט, אַז די מאַנופעקטשורערס האָבען אַ טעות אויב זיי מיינען אַז מיט די אַרעסטען און טרייעלס וועלען זיי פאַרניכטען די יוניאָן) איז פון ל. מיללער. אויף דער זעלבער פּיידזש געפינט זיך מיין אויפרוף נאָך געלט (אויף לאָיערס, בעיל און א. וו.). פיליפּ קראַנץ ווערט אָנגערופען אַלס דער טרעזשו־רער פון דעם פאָנד. אויף דער זעלבער פּיידזש געפינט זיך אַ קורצע ליד פון דעם פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד, מיט דעם איבער־שריפט: „מוט! מוט!", וועלכע איך האָב איהם ספּעציעל געבע־טען אויפשרייבען פאַר יענעם נומער.

ווען באַראָנדעס איז געזעסען אין די טומס, האָט ער אין דער „אַרבייטער צייטונג" געדרוקט זיין „טאַגע־בוך פון דער געפּענגנים" און „בריף פון געפּענגנים", מיט אַ רוף צו די אַרבײ־טער צו זיין אייניג.

מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז דער גאַנצער טראָבעל איז אַרויסגעקומען צוליב די אַנאַרכיסטישע באַגריפען וועגען „רעוואָלוציאָנערע" מעטאָדען אין דעם היינטיגען קאַמף מיט קאַפּיטאַל. אין פּריוואַטע געשפּרעכען פלעגען מיר די יוניאָן פיהר־

רער ווארנען נענען דעם. אין דער עפענטליכקייט אבער האבען מיר דאס נאטירליך קיין מאל ניט דערמאנט.

עס איז נעווען א פראגע וועגען שטיצע פאר ריינגאלד'ס פרוי, ווארים צו די טרייעלס און אפיעלס אליין האבען זיך נעפאדערט גרויסע סומען און געלט איז ניט ארייננעקומען אזוי שנעל ווי עס האט זיך נעפאדערט. האב איך פאר דער עקזעקוטיוו באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן פארגעלייגט אזא פלאן: אפדרוקען סטעמפס מיט ריינגאלד'ס בילד און זיי פארקויפען צו צעהן סענט. די „ארבייטער צייטונג" וועט דרוקען א גרויסען בילד פון ריינגאלד'ן און אן אויפרוף אז מען זאל קויפען די סטעמפס. איך בין נעווען זיכער, אז אזעלכע סטעמפס וואלטען זיך פארקויפט מאסענוויין. און מיין פלאן איז אנגענומען געווארען. אימעצער האט פארגעשלאגען אז איך זאל פאהרען אין סינג־סינג זיך זעהן מיט ריינגאלד'ן, איהם פארזיכערען אז מען שטיצט זיין פרוי און אז מען הערט ניט אויף צו טראכטען און צו ארבייטען וועגען זיין באפרייאונג, און דערווייל צו זעהן אז מען זאל פארגרינגערען זיין לעבען אין סינג־סינג. איך האב דעם פארשלאג אנגענומען.

אין סינג־סינג בין איך געפאהרען מיט אן אמעריקאנער דייטש, וועלכער האט דארטען געהאט „פולל". דאס איז נעווען דער באלעבאס פון א מיטינג־האל געביידע, וועלכע האט זיך נעפונען אויף דער פערטער סטריט, צווישען דער צווייטער און דריטער עוועניו, אויף דעם זעלבען בלאק ווי „טוירן האל", נאר אויף דער אנדערער זייט פון דער סטריט. ביי איהם האבען געמיטעט פילע ראדיקאלע דייטשע ארגאניזאציעס, סאציאליסטישע יוניאנס און אנדערע פארטגעשריטענע געזעלשאפטען. צוזאמען מיט אונז איז אויך נעפאהרען א באקאנטער מיטגליד פון אונזער פארטיי, אויך אן אמעריקאנער דייטש, צוליב וועלכען דער האלקיפער איז מרוצה נעווארען צו מאכען די יאזדע.

ווען מען האט ריינגאלד'ן ארויסגעבראכט צו מיר אין זיינע פריזאן קליידער און ער האט מיר דערזעהן, זיינען זיינע אויגען אנגעפילט נעווארען מיט טרערן. איך האב איהם איבערגענעבען

א גרוס פון דער גאנצער יוניאן, איהם פארזיכערט, אז מען שטיצט זיין פרוי און אז מען וועט ארבייטען מיט אלע קרעפטען פאר זיין באפרייאונג. ער האט פאר מיר דערצעהלט וועגען זיין צרה'דיגען לעבען אין פריזאן.

נאכדעם ווי מיר האבען זיך מיט איהם געזעגענט און מען האט איהם צוריק אוועקגעפיהרט צו זיין פריזאן ארבייט, האט מען אונז געוויזען די פארשידענע אפטיילונגען פון דער גרויסער גע־פענגנים. צווישען די פריזאנערס וואס האבען געארבייט אין האספיטאל האב איך געזעהן דעם געוועזענעם אלדערמאן רזשייני, וועלכען מען האט פאראורטיילט פאר דער באריהמטער באבאר־געשיכטע פון 1884 (זעה צווייטען באנד, פיידזש 219—220).

ריינגאלד'ס בילד איז אפגעדרוקט געווארען אין דער „ארביי־טער צייטונג" דעם 5טען יוני, 1891*). די „ריינגאלד סטעמפס" האבען געזאלט געמאכט ווערען פון א קאמיטע. די אונטערנעה־מונג איז אבער פארנאכלעסיגט געווארען. די יוניאן איז געווען פארנומען מיט איהרע דאגות, און געוויסע אנארכיסטען האבען אויסגעלאכט און אטאקירט דעם גאנצען פלאן. שפעטער האבען די זעלבע אנארכיסטען מיר באשולדיגט אז איך האב דעם גאנצען באזוך אין סינג־סינג געמאכט נאר אין די אינטערעסען פון דער „ארבייטער צייטונג".

אימעצער האט צוגערעדט באראנדעס'ן אוועקצופאהרען אין קענעדע. דערנאך איז ער געקומען צוריק. און דאן האט די פער־זאן וואס האט פאר איהם געגעבען די בעיל דאס צוריקגעצווינגען, און מען האט איהם ארייגעזעצט אין די „טומס" פריזאן ביז עס וועט באשטימט ווערען דער אפיעל. דערנאך האט מען פאר איהם ווידער געקראגען בעיל.

מען האט גענומען סלייבען אונטערשריפטען אויף א ביטע

*) דאס איז ביי אונז געווען דער ערשטער העף־טאן בילד (א בילד וואס ווערט פאטאגראפירט אויף בליי דורך א סעטקע, אזוי אז עס קומט ארויס כמעט ווי א פאטאגראף). דאס איז נאך דאן געווען א נייע ערפינדונג.

צום גאָווערנאָר ער זאָל איהם באגנאדיגען. און ער איז באפרייט געוואָרען.

ריינגאָלד איז אויך אָפּגעזעסען נאָר א קורצע צייט (עטליכע מאָנאטען). איהם האָט אויך דער גאָווערנאָר באגנאדיגט.

דער קאמף צווישען די סאָציאַליסטען און די אנארכיסטען האָט זיך צובראָכען ערשט דאן, ווען בעראַנדעס איז שוין געווען פריי. צו דער בעראַנדעס פראגע איז צוגעקומען א פראגע וועגען א שריפטזעצער סטרייק אין דער אנארכיסטישער „פרייע ארבייטער שטימע”. פון דיזען סטרייק איז געבאָרען געוואָרען אן אנארכיסטישע שריפטזעצער יוניאָן אלס אָפּאָזיציע צו דער שריפטזעצער יוניאָן פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען. עס איז געוואָרען א סדרה פון אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס מיט אן אָפּאָזיציאָנעלע „פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען”.

אלס רעזולטאט פון דער דזשעמייקא געשיכטע מיט דעם בעראַנדעס פּראָצעס און פון דיזען ביטערען פּארטיי־קאמף איז די קלאָוקמאכער יוניאָן אָפּגעשוואכט געוואָרען און האָט אויף א היבשע צייט פארלאָרען איהר ממשות.

א וואָרט וועגען מיין טעטיגקייט אין די אנדערע יוניאָנס.

אין געווענליכע צייטען פלעג איך ביי די אנדערע אידישע ארבייטער־אָרגאניזאציעס זיין אזא אָפטער גאסט ווי ביי די קלאָוקמאכער. ביי די מענער־שניידער — נאָך עפטער.

ריידענדיג וועגען דער גרינדונג פון די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס”, דאָס הייסט, דער פארבאנד פון אלע שניידער יוניאָנס פון אמעריקא*), זאָגט הערץ בורגין אין זיין „געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג”, אז „אב. קאהאן איז געווען דער הויפּט רעדנער”. ביי דער ניו יאָרקער שניידער יוניאָן פלעג איך

*) שפּעטער האָט דעם פּלאַץ פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן פארנומען די „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס אָוו אַמעריקא”. די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן עקזיסטירט נאָך אייגענטליך, אָבער זי באַשטעהט אינגאַנצען פון אָוועראָלל מייקערס. די אמת'ע אינדוסטריע פון מענער קליידער איז אָרגאַניזירט פון די אַמאַלגאַמייטעד.

האַלטען סאָציאַליסטישע אגיטאַציאָנס־רעדעס די גאַנצע צייט זינט איך האָב געהאָלפען איהר גרינדען (זעה צווייטען באַנד, פּיידזש 227—228). אין די יאָהרען וואָס איך האָב זיך מיט דער אַמעריקאַנער ארבייטער־באַוועגונג אָפּגעגעבען אַ סך מעהר ווי מיט דער אידישער, פלעגט מען מיר אָפט רופען צו אַ אידישען יוניאָן מיטינג און איך פלעג אימער געהן. מעהר פון אַלץ פלעג איך אַזעלכע איינלאַדונגען דאַן באַקומען פון די מענער־שניידער, פון די קלאָוקמאַכער און די קעפּמאַכער.

דאָס אַלץ איז וועגען די עטליכע יאָהר איידער די „ארבייטער צייטונג" איז געגרינדעט געוואָרען. ווען זי איז געגרינדעט געוואָרען און איך האָב זיך אינגאַנצען אָפּגעגעבען צו דער אידישער ארבייטער באַוועגונג, האָב איך די מיטינגען פון אַלע אידישע יוניאָנס אַדרעסירט אַ סך אָפטער ווי פריהער.

פערטער קאפיטעל.

מיין ערשטע רייזע קיין אייראָפּא.

1.

אלס דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס. — אויפ'ן שיף.

אין די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאציעס און יוניאָנס איז אויפגענומען געוואָרען די פראגע וועגען שיקען א דעלעגאַט צו דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך געדאַרפט צוזאַמענקומען דעם נעקסטען אָוגוסט (1891) אין בריסעל, בעלגיען. דער רעזולטאַט איז געווען, אז די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און די אידישע בראַנטשעס פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי האָבען מיך ערוועהלט אַלס זייער דעלעגאַט (דאָ איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אז די קלאָוק־מאַכער יוניאָן איז געווען צווישען די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען צושטייער געגעבען אויף מיין רייזע).

ווען אונזערע אידישע גענאָסען פון ענגלאַנד האָבען זיך דערוואוסט דערפון, האָבען זיי מיך איינגעלאַדען זיי צו באַזוכען. זיי האָבען געבעטען אז איך זאָל ארויספאָהרען פריהער, כדי צו קענען ביי זיי פארבלייבען ביי דריי וואָכען פאַר דעם קאָנגרעס.

איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען און בין אָפּגעפאָהרען אין דזשולי.

פאָהרען מיט'ן צווייטען קלאַס איז נאָך ביי אונז דאַן געווען א לוקסוס (היינט ווער רעדט שוין וועגען ערשטען!). איך בין געפאָהרען סטירעדזש. אָבער פאַר אכט דאָלאַר האָט

דער סטואַרד מיר אָפּגעטראָטען זיין בעטעל, און די גאַנצע צייט מיר געבראַכט מאָהלצייטען פון צווייטען קלאַס.

פון דיעזר רייזע איז אין מיין זכרון איבערגעבליבען די רעליגיעזע געזאַנג, וואָס איך פלעג הערען אַלע אין דער פריה פון עטליכע שוועדישע פּאַסאַזשירען. פאַר ברעקפעסט, ווען איך פלעג נאָך ליגען אין מיין בעטעל, פלעגען זיי זיך זעצען ארום אַ טיש און זאָגען תהלים מיט אַ נגון (פון מיין ערשטער רייזע אויפ׳ן ים, קיין אַמעריקאַ, איז מיר איבערגע־בליבען אַ בילד פון שוועדישע פּאַסאַזשירען, ווי זיי טאַנצען אויבען אויפ׳ן דעק; און איצט גראָד ווידער אַ סצענע מיט שוועדען).

מיין שכן איז געווען אַ פּאָלים־קעפּטען פון קעמדען, ניו דזשוירזי, אַ הויכער, געזונטער, שעהנער יונג פון די מיטעלע יאָהרען. ער איז געפאָהרען אַזוי ווי איך, סטירעדזש, מיט אַ ספּעציעלען אָפּמאַך מיט׳ן סטואַרד. טאָמער מיין איך, חס וחלילה, אַז ער קען ניט אַפאָרדען צו פאָהרען מיט׳ן צווייטען קלאַס, האָט ער מיר פארזיכערט ווידער און ווידער, אַז ער טוט דאָס נאָר כדי עס זאָל איהם בלייבען וואָס מעהר געלד אויף צו ספּענדען אין איירָאפּא. ער איז געווען אַ פרעהליכער יונג, און ער האָט מיר דערצעהלט אינטערעסאַנטע מעשות פון דעם פּאָליציי לעבען.

די שיף איז אָנגעקומען אין ליווערפּול. מיר האָט זיך געוואָלט באַקוקען די שטאָדט און באַזוכען דעם פּלאַץ, וואו איך בין איינגעשטאַנען פאַר אַכט־יאָהרען, ווען איך בין גע־פאָהרען קיין אַמעריקאַ. דאָס איז אָבער געווען אונמעגליך. די טריין האָט געוואַרט אויף דער שיף און איך האָב איהר געמוזט נעמען.

מיט דער דאָזיגער טריין בין איך אַריבערגעפאָהרען קיין לאָנדאָן. ווען איך בין געקומען אויפ׳ן וואָקזאַל, האָב איך געפרעגט ביי איינעם פון די בעאַמטע ווי אַזוי מען באַקומט דעם באַגאַזש, האָט ער מיר געענטפערט אויף אַזאַ ענגליש, אַז איך האָב ניט פארשטאַנען וואָס ער זאָגט. דער איינפאַכער

לאָנדאָנער עולם רעדט מיט א צודרעהטער אויסשפּראך. עס איז אזוי ווי דער אונטערשיד צווישען די אידיש פון א פּוילישען און א ליטוואק. דאָ וואו א ליטוואק זאָגט „עי“ זאָגט דער פּוילישער „אי“. פּונקט אזוי זיינען ביי דעם לאָנדאָנער פאַר־דרעהט די ריכטיגע ענגלישע קלאַנגען. אָנשטאָט „פּעי“ זאָגט ער „פּאי“, אָנשטאָט „גרעיט“ — „גראיט“. א חוץ דעם זאָגט ער, למשל, אָנשטאָט „גאָו“ — „גיאו“.

מיינע לאָנדאָנער גענאָסען האָבען ניט געקענט וויסען די שטונדע ווען איך וועל קומען, און קיין טעלעגראַמע האָב איך פון ליווערפּול ניט געהאט קיין צייט צו שיקען (היינט שיקט מען פון שיף א דראָטלאָזע דעפּעשע; דענסמאָל אָבער האָט מען אזא זאך זיך פאַרגעשטעלט נאָר אין דער פאנטאזיע. און ווען עס וואָלט שוין יאָ געווען א דראָטלאָזער טעלעגראף, וואָלט דאָס ניט געווען פאַר אונזער קעשענע). אלזאָ, האָט מיך קיינער ניט אָפּגעוואַרט.

מען האָט פאַר מיר צוגעפּערטיגט א קוואַרטיר אין דער הויז פון א גענאָסע, מיט׳ן נאָמען אברהם גאָלד, איינער פון די טעטיגסטע מיטגלידער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע אין לאָנדאָן.

2.

די לאָנדאָנער גענאָסען. — גאָלד. — שייער. — ראָזבערי. — מאָרים ווינטשעווסקי.

ווען איך האָב זיך דאָרטען באַוויזען, איז געוואָרען א גאַסט־פריינדליכער גערודער. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען עטליכע אַנדערע גענאָסען. איך האָב דערהערט דיזעלבע ענגלישע אידיש ווי אונזערע, נאָר מיט אַן אַנדער אויסשפּראַכע. מיר פאַראידישען דעם ענגלישען וואָרט אויפ׳ן אַמעריקאַנער שטייגער, און זיי — אויפ׳ן ענגלישען. אין סך הכל האָב איך זיך דערפיהלט אזוי ווי איך וואָלט דאָ געקומען אויף א לעקטשור אין פילאַדעלפיא, אָדער אין האַרטפאָרד.

צווישען די טעטיגסטע מיטגלידער, אויסער גאָלד'ן, איז דאָן געווען אַ יונגער מאַן מיט'ן נאָמען שייער, אַ װאַרשעווער, מיט אַ חסידישער ווארימקייט, און אַ געלאַסענער יונגער מאַן מיט'ן נאָמען ראָזבערי, וועלכער איז געווען דער סעקרעטער פון דער גרופּע.

אַ פאַרהייראַטע סאָציאַליסטקע האָט פאַר מיר זיך באַריהמט מיט איהר ניט-גע'מל'טען אייניקעל. און מעהרערע מאָל האָט זי איהם געהאַלטען אַזוי, אַז איך זאָל זיך איבערצייגען אין דעם.

איך האָב שוין אויבען דערמאָנט, אַז די וויכטיגסטע קראַפט אַלס שרייבער איז אין לאָנדאָן דאַן געווען בענעדיקט, אָדער מאָררים ווינטשעווסקי, ווי ער איז שוין דאַן געווען באַקאַנט דורך דעם „ארבייטער פריינד“. זיין אמת'ער פאַמיליען־נאָמען איז אפילו בענעדיקט אויך ניט געווען. זיין פאָטער'ס פאַמיליען־נאָמען איז געווען נאָוואַכאָוויטש. און אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז דער יונגער נאָוואַכאָוויטש געווען באַקאַנט אַלס „בן־נץ“. בענעדיקט אָדער בן־ציון איז געווען זיין ערשטער נאָמען. די גענאָסען פלעגען איהם געוויינליך רופען „זיידע“ — צוליב זיינע פעליעטאָנען „די צושלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגענעם פילאָזאָף“, וואו ער פלעגט פאַרשטעלען ווי ער רעדט מיט זיין אייניקעל.

ער איז איבערהויפּט געווען די אָנגעזעהענסטע פיגור אין דער דאָרטיגער אידישער באַוועגונג, סיי ביי די אַנאַרכיסטען, סיי ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. ער האָט שוין געוואוינט אין לאָנדאָן עטליכע יאָהר, און ער האָט געהאַט אַ גוטע שטעלע אַלס בוקקיפּער אין אַן אָפיס פון איינעם פון די אַמעריקאַנער באַנקירען, די זעליגמאַנס. צווישען די טעטיגע סאָציאַליסטען איז ער געווען דער שעהנסטער בעל־הבית. אין לאָנ־דאָן איז פאַר אַן אימיגראַנט זיך צוצושלאָגען צו אַ נישקשה'דיגען פאַרדינסט געווען פיל שווערער ווי אין ניו יאָרק; און די רוסישע אינטעליגענץ, וואָס האָט דאָרטען דאַן געוואוינט, האָט אָפט צוגעהונגערט.

איך וועל דעם לעזער דערמאָנען, אַז הגם פערזענליך בין

איך מיט ווינטשעווסקי'ן באקאנט ניט געווען, האָב איך וועגען איהם א סך געהערט ניט נאָר אין ניו יאָרק, פון אידישע סאָציאַליסטען, נאָר אויך אין ווילנע. וואָרים אָסיפּ צילשטיין, מיט וועמען איך האָב צוזאמען געענדיגט דעם אינסטיטוט און געדינט אַלס לעהרער אין וועליזש, איז זיינער א קאָזין, און מיין רבי חאצקעל איז געווען צילשטיין'ס א שוואָגער.

אין איינעם פון די בריף, וואָס צילשטיין האָט פון איהם ערהאַלטען פון לאָנדאָן, ווען איך בין נאָך געווען אין וועליזש, האָט זיך געפונען אזא שטעלע: „ווען דו זאָלסט וויסען וואָס פאר א תענוג עס איז צו לעזען שעקספּיר אין אָריגינאַל!" דיזע ווערטער האָבען אויף מיר געמאכט א ספּעציעלען איינדרוק; און איצט, אז איך בין געקומען קיין לאָנדאָן און האָב זיך געריכט מיט ווינ־טשעווסקי'ן צו זעהן, האָבען זיי ניט אָפּגעטראָטען פון מיין מוח.

מיר זיינען באקאנט געוואָרען. מיר האָבען זיך אָפט געזעהן אויף מיטינגען, און צוויי מאָל האָב איך גענעכטיגט אין זיין וואוינונג — ריכטיגער געזאָגט, אויף־געווען א גאנצע נאכט, שמועסענדיג.

ווינטשעווסקי האָט זיך דאן נאָך ניט געהאט דייטליך אויסגעשפּראָכען צו וועלכער פּארטיי ער געהערט — צו דער אנארכיסטישער אָדער צו אונזערער. „אונזערע" האָבען מיר פאר־זיכערט, אז ער איז מעהר גענייגט צו דער סאָציאַליסטישער ריכ־טונג. אָבער אין דעם קאמף צווישען די צוויי צדדים האָט ער זיך געסטארעט צו האַלטען אונפּארטייאיש.

3.

ערשטע רעדעס אין לאָנדאָן. — א דעבאַטע מיט ש. יאַנאָווסקי'ן.

ווען מען האָט מיך פאָרגעשטעלט אויף מיין ערשטען לאָנדאָנער מיטינג, האָט דער עולם מיך וואָרים אויפגענומען. איינער האָט אויסגערופען: „טהרי טשירס פאר'ן פּראָלעטא־

מאָררים ווינטשעווסקי. — פאָטאָגראַפירט אין די אכציגער יאהרען.

רישקער!" און דער אויסרוף איז באַגריסט געוואָרען מיט רוישענדע אַפּלאָדיסמענטען און מיט פריינדליכע שמייכלען. דאָס איז פאר מיר געווען אַן אַנגענעמע איבערראשונג. איך האָב זיך גאָרניט געריכט, אַז אין לאָנדאָן זאָל דער נאָמען זיין אַזוי פּאָפּולער.

אין דעם נומער 34 פון דעם צווייטען יאָהרגאַנג „ארבייטער צייטונג" איז אָפּגעדרוקט ראָזבערי'ס קאָרעספּאָנדענץ וועגען די ערשטע פיער מיטינגען, וואָס איך האָב אדרעסירט אין לאָנדאָן און וועגען מיין דאמאָלסדיגען וויזיט אין אַלגעמיין. דער דאטום אויף דער קאָרעספּאָנדענץ איז: „לאָנדאָן, אוגוסט דעם דריטען, 1891". דער בריעף ענטהאלט, צווישען אַנדערע שורות, די פאָלגענדע:

„עס איז איצט אין דעם אידישען קווארטאַל פון לאָנדאָן ווי אין אַ קעסעל. וואו מען געהט און וואו מען שטעהט, הערט מען נאָר רעדען וועגען אב. קאַהאַן, דעם רעדנער פון ניו יאָרק, אָדער „מגיד" פון דער „ארבייטער צייטונג". דער איינדרוק, וואָס גענאָסע קאַהאַן האָט געמאַכט אויף די אידישע ארבייטער מיט זיינע ערשטע פיער רעדעס אין גאַנץ גרויסע האַלען, איז זעהר גרויס. „זייט לאָנדאָן איז לאָנדאָן האָבען מיר נאָך אַזעלכעס ניט געהערט" — האָב איך געהערט פון איינינע. „היינט איז מיר צוגעקומען פופציג יאָהר לעבען", — האָבען געזאָגט אַנדערע. וועלכע מענשליכע פעדער איז אימשטאַנד צו באַשרייבען דעם ענטוזיאַזם פון דער גרויסער מאַסע, די פארהילכענדע אַפּלאָדיסמענטען און לאַנגע הוראַס און בראַוואָס די גאַנצע צייט, וואָס גענאָסע קאַהאַן האָט געהאַלטען זיינע רעדעס!

„אַזוי ווי עס איז געווען ווייניג צייט, האָט מען צו די דעבאַטען געגעבען דאָס וואָרט נאָר אַנאַרכיסטען. אויף די רעדעס פון אכט אַנאַרכיסטישע קריטיקער האָט דער רעדנער געגעבען אַנטוואָרטען, וועלכע זיינען געווען אַזוי טרעפענד, וויציג, דייטליך און לאָגיש, און אָפט האָבען זיך ארויסגעריסען פון זיינע ליפּען אַזעלכע פלאַמענדע באַמערקונגען, דאָס פאַר־הילכענדע יובעל געשרייען האָבען אַלע ווײלע פארקלונגען דעם האַל. אַלע אינטעליגענטע סאָציאַליסטען דריקען אויס זייער

רעספעקט צו אונזער אמעריקאנער גענאָסע און זייער באוואונ־דערונג צו זיינע רעדעס און טעטיגקייט".

אין דער זעלבער קאָרעספאָנדענץ געפינט זיך אויך דאָס פאָלגענדע:

„א שטארקען איינדרוק האָט קאהאן געמאכט, ווען אין פארלויף פון דער דעבאטע האָט ער פאָרגעלעזען פון דעם פראָגראם פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פארטיי „נאַ־ראָדנאיא וואָליא". איך האָב מיט דעם געוויזען, אז דיזע גרויסע רעוואָלוציאָנערען, די מארטירער־העלדען, וועלכע זיינען געגאנגען אויף דער תליה, האָבען דוקא געגלויבט אין א פארלאמענט און פאָליטישע רעכט; אז זייערע טעראָריסטישע אטאקעס זיינען ביי זיי געווען א מיטעל צו באקומען א פארלאמענט און פאָליטישע מאכט פאר'ן פאָלק. דאָס איז ווירקליך געווען א שטארקער ארגומענט געגען די אנארכיסטען, וואָרים זיי פלעגען טענה'ן, אז אן אמת'ער רעוואָלוציאָנער וועט מיט אזעלכע זאכען ווי פארלאמענט און פאליטיק זיך ניט באשעפטיגען, און דערביי האָבען זיי געפּרעדיגט טעראָריזם און פארגעטערט די רוסישע טעראָריסטען אלס מוסטערען פון רעוואָלוציאָנערען.

אין דער זעלבער קאָרעספאָנדענץ ווערט געמעלדעט, אז ש. יאנאָווסקי האָט מיך ארויסגערופען אויף א דעבאטע און אז די דעבאטע וועט פארנעמען צוויי אָווענטען — איין אָווענט וועט דעבאטירט ווערען איבער דער אנארכיסטישער טעאָריע, און דעם צווייטען איבער דער אנארכיסטישער טאקטיק.

יאנאָווסקי האָט פריהער געוואוינט אין ניו יאָרק. דערנאָך האָט מען איהם אריבערגעבראכט קיין לאָנדאָן, צו זיין דער רעדאקטאָר פון דעם „ארבייטער פריינד", וועלכער איז איצט געווען א ריין־אנארכיסטישער אָרגאן. מיר זיינען געווען באקאנט פון אמעריקא; אלזאָ, האָט ער מיך באזוכט אויף מיין קוואַרטיר, ביי גאָלד'ן, און דאָרטען האָט ער מיך גערופען אויף דער דעבאטע.

אין די דעבאַטען, — „אָפּיציעלע“ און „ניט־אָפּיציעלע“ — וועלכע איך האָב אָפּט געהאַט מיט די אַנאַרכיסטען פון ניו יאָרק, פילאַדעלפיא, באָסטאָן, שיקאַגאָ און עטליכע אַנדערע שטעדט, פלעג איך געברויכען משלים, אום אַרויסצוברענגען די אונלאָ־גישקייט פון זייערע טענות. אין לאָנדאָן האָב איך צוגעטראַכט אַ גאַנץ נייעם „סעט“ משלים. די אַנאַרכיסטען פלעגען די דאָזיגע ביישפּילען דערמאָנען מיט כעס אָדער זאָגאַר מיט שימפּעריייען. הויפּטזעכליך האָט זיי געערגערט איינער פון דיזע משלים — אַ מעשה מיט אַ בריק, וועלכע איך האָב צום ערשטען מאָל געגעבען אין מיין דעבאַטע מיט ש. יאַנאָווסקי׳ן.

יאַנאָווסקי האָט פאָרגעשטעלט דעם אַנאַרכיסטישען פּרינציפּ געגען אָפּשטימונג, געגען הערשאַפט פון אַ מאַיאָריטעט איבער אַ מינאָריטעט. ער האָט לעבעדיג געשילדערט וואָס פאַר אַ טיראַניי דאָס איז, ווען אַ געוויסע צאָל מענשען איז געצוואונגען צו פיהרען זיך געגען זייער אייגענעם ווילען, נאָר דערפאַר וואָס אַ גרעסערע צאָל וויל אַזוי. אין דעם נאָמען פון פרייהייט און פון דער העכסטער גערעכטיגקייט, האָט ער געשריען, אַז מען דאַרף יעדען ערלויבען צו טאָן לויט זיין אייגענעם וואונש. זאָל די מאַיאָריטעט האַנדלען ווי זי וויל, און די מינאָריטעט — ווי זי וויל. קיין צוואַנג! אַזוי פאָדערט דער אידעאַל פון אַבסאָלוטע פרייהייט.

ווען מיר איז אויסגעקומען איהם צו ענטפערען, האָב איך געזאָגט אונגעפעהר אַזוי:

„לאָמיר זעהן ווי ווייט דיזער שעהן קלינגענדער אַבסטראַק־טער פּרינציפּ קען דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען. לאָמיר פּרוא־ווען זיך פאָרשטעלען די זאַך אויף אַ פּראַקטישען, ממשות׳דיגען שטייגער; ניט סתם מיט ווערטער, נאָר אויף אַ דייטליכען ביישפּיל. אום די זאַך לייכטער צו באַטראַכטען, לאָמיר נעמען אַ קליינע געזעלשאַפט, פון הונדערט מענשען. אַזוי וועט זיין בעקוועמער, כדי מיר זאָלען זיך ניט דאַרפען פּלאָנטערען מיט גרויסע חשבונות. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז דיזע הונדערט וואוינען אין אַ שטעדטעל, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ

קליינער וואסער. עס קומט פאר א פראגע: וואס זאל מען טאן מיט'ן וואסער? נו, זעכציג זאגען אז מען דארף איהם פארשיטען, ווייל ער איז ניט קיין געזונטער וואסער, און א חוץ דעם איז א סכנה: קינדער קענען דערטרונקען ווערען. די איבעריגע פערציג, ווידער, טענה'ן, אז איהם צו פארשיטען וואלט געווען א שאדען; זיי זיינען איבערצייגט, אז מען דארף איבער איהם בויען א בריק. לויט דעם סאציאל־דעמאקראטישען פרינציפ וואלט מען דאן אפגעשטימט, און די זעכציג וואלטען געוואונען. מען וואלט דעם וואסער פארשאטען, און מיט דעם וואלט זיך געענדיגט. לויט דעם אנארכיסטישען פרינציפ אבער דארף יעדער טאן לויט זיין ווילען. דאס הייסט, די זעכציג וואלטען דעם וואסער פארשאטען, און די פערציג וואלטען איבער דעם פארשאטענעם וואסער געבויט א בריק.

ווען איך האב ארויסגעבראכט דעם דאזיגען פונקט, האט אין האל אויסגעבראכען א פארטייבענדער אפלאדיסמענט מיט א געלעכטער. פון דעם אנארכיסטישען צד ווידער האבען זיך געהערט קולות: „דאס איז פאיאצעריי! דאס איז א קאמיקער, ניט קיין דעבאטאנט“.

ווען יאנאווסקי האט ווידער גענומען דאס ווארט, האט ער זיך אויף מיר ארויפגעווארפען פארוואס איך גיב אזא משל; זיין ארגומענט איז געווען, אז מענשען זיינען ניט משוגע און אז מען וואלט ווי עס איז דורכגעקומען. אויף דעם האב איך געענטפערט: „ווען מען קומט דורך, הייסט דאס אויף אונזער סאציאל־דעמאקראטישען לשון, אז עס איז „איינשטימיג אנגע־נומען געווארען“, אז עס איז ניטא קיין מיינונגס־פארשידענהייט. ווענגען אזא פאל איז ניטא וואס צו רעדען. מען רעדט ווענגען אזא פאל, וואו מען קען ניט דורכקומען. דאן פאדערט דער אנארכיסטישער פרינציפ, אז יעדער זאל טאן לויט זיין ווילען. נו, האב איך אייער מינאריטעט געגעבען א געלעגענהייט צו האנדלען לויט איהר ווילען. דער לעבען איז פול מיט אזעלכע פאלען, וואו מען קען ניט דורכקומען, און וואו יעדען צד נאכגעבען איז אונמעגליך. ווען איהר זאגט, אז מען וואלט ווי עס איז

דורכגעקומען, הײסט עס, אז איהר פארמאכט נאָר די אױגען צו דעם ארגומענט װאָס די װירקליכקײט גיט נעגען אײער פּרינציפּ".

דערבײ האָב איך געגעבען נאָך א פּאָר בײשפּילען, פון זײ געדענק איך אײנעם, װעלכען איך האָב שױן אײגענטליך דער־מאָנט אין צװײטען באנד. דרײ פּאסאזשירען זיצען לעבען א פענסטערעל אין א טרײן; אײנער װיל דעם פענסטערעל עפענען, װײל עס איז איהם דושנע; און די אנדערע פּאָרערען, אז דער פענסטערעל זאָל דוקא זײן פארמאכט. עס איז זײ צו קאלט. װעט איהר דעם פענסטערעל אי האלטען פארמאכט, אי עפענען?

װידער האָט זיך דער עולם צולאכט אױפ'ן קול און װידער זײנען די אנארכיסטען גװוען בײז.

אײדער איך ענדיג מיט דיזען ענין, װיל איך באמערקען, אז זינט דאן זײנען אין דער אנארכיסטישער טעאָריע און טאקטיק פאָרגעקומען ענדערונגען אין מײסטע פון די פּרינציפּען, איבער װעלכע מיר פלעגען זיך מיט זײ ארומרײסען. אָבער אין געװיסע באציהונגען האָבען מיר זיך אױך געביטען, אױך צוגעקומען נעהענ־טער צו דער װירקליכקײט.

זײענדיג אין לאָנדאָן האָב איך געהאלטען א רײהע לעק־טשורס און אגיטאציאָנס־רעדעס אױף גרעסערע און קלענערע פאר־זאמלונגען.

4.

סטעפּניאק. — מאדאם סטעפּניאק. — סערעבריאקאָװ.

אין לאָנדאָן האָבען דאן געװאױנט אײניגע פון די אלטע רוסישע רעװאָלוציאָנערען. צװישען זײ זײנען געװען א פּאָר פון אונזערע באריהמטע העלדען: פּרינץ קראפּאטקין, װעלכער איז אױף א װאונדערליכען שטײגער אנטלאָפען פון געפאנגענ־

שאפט; סטעפּניאַק (קראַווטשינסקי), דער פאַרפאַסער פון „אונ־טערערדישע רוסלאַנד", וועלכער האָט אין 1878 געשטאָכען גענע־ראַל מעזענצעוו'ן, דעם הויפּט־גענעראַל פון דער רוסישער זשאַנ־דאַרמעריע (זעה 2טען באַנד, פּיידזש 171); און נאָך אַ פּאָר.

סטעפּניאַק איז געווען דער ערשטער פון זיי, מיט וועלכען איך בין באַקאַנט געוואָרען. געהענדיג צו איהם, האָב איך זיך געפּרופט פאָרשטעלען ווי דיזער העלדישער, וועלט־באַריהמטער מענש זעהט אויס.

ווען איך בין געקומען אויף זיין קוואַרטיר, האָט מיך עמפּ־פאַנגען אַ מאַן מיט ברייטע שולטערען, מיט האַרטע, שוואַרצע, אביסעל געגרייזעלטע האָר און באָרד, מיט אַ קורצען, ברייט־לעכען נאָז. אויפ'ן ערשטען בליק האָט ער אויסגעזעהן ניט שעהן, אָבער ווען איך האָב זיין אויסזעהן אין מיין געדאַנקען צוזאַמענגעבונדען מיט זיין העלדישקייט, איז דער ניט־שעהנער פּנים געוואָרען זעלטען איינדרוקספול און אינטערעסאַנט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער זעהט אויס נאָך העלדישער ווי איך האָב איהם געשילדערט אין מיין איינבילדונג. „פּאַר אַזאַ מענשען פּאַסט זיך פּונקט אַזאַ געשטאַלט", האָב איך זיך געטראַכט.

זיין פרוי איז געווען אַ אידישע, אויך אַ רעוואָלוציאָנערקע — אַ שעהנע, אַן אינטערעסאַנטע, מיט שוואַרצע אויגען, מיט אַ אידישען אָנבליק.

דאָס איז ניט געווען מיין איינציגער וויזיט ביי זיי. איך האָב זיי באַזוכט נאָך עטליכע מאָל, און איין מאָל האָט סטעפּ־ניאַק מיך באַזוכט, ביי אונזערען אַ צוזאַמענקונפט אין דעם אידישען קוואַרטאַל. די געפיהלען, וואָס ער האָט אַרויסגערופען אין מיר זיינען געווען גאַנץ אַנדערע ווי די, וועלכע איך האָב געהאַט צו לעאָ האַרטמאַנ'ען. סטעפּניאַק איז געווען אַ פיל וויכ־טיגערער מענש, מיט מעהר ענטוויקלונג און מיט מעהר כאַראַק־טער. דורך אַ נאָהענטער באַקאַנטשאַפט האָט האַרטמאַן פאַר־לאָרען אין מיינע אויגען. סטעפּניאַק אָבער האָט דורך דעם גע־וואונען. אַ פּאָר מאָל האָבען די סטעפּניאַקס מיך איינגעלאַדען צו דינער. איך געדענק ווי ער פלעגט זיצען און רויכערען אַ

סיגאַרעט פון א ציגאַרען־שפּיץ, קוקען מיט אומעטיגע אויגען און שווייגען. ער איז געווען א מאַלאָראָס (אַן אוקראַינער), און דיזער פאַרטראַכטער שווייגען איז אַ מאַלאָרוסישער שטריך; איהם איז אָבער טאַקע געווען אומעטיג אויפ׳ן האַרצען.

איך גלויב ניט, אז ער האָט זיך אין אויסלאַנד געפיהלט ווי ביי זיך אין דער היים. א חוץ דעם איז דער קאַמף פאַר חיונה ביי איהם געווען ניט קיין לייכטער. ער האָט געלעבט פון פעדער, און קיין גרינגע ברויט איז דאָס ניט געווען.

מיט קראָפּאָטקין׳ען בין איך באַקאַנט געוואָרען אויף א ווייטערען וויזיט אין ענגלאַנד. דיזען מאָל האָב איך אויסער סטעפּניאַק׳ן באַגעגענט א רוסישען טעראָריסט מיט׳ן נאָמען סערעבריאַקאָוו. אין דער היים איז ער געווען אַן אָפיציר אין דער פלאָטע. און בשעת זשעליאַבאָוו, סאָפיא פּעראָווסקאַיא, וועראַ פיגנער און אַנדערע רעוואָלוציאָנערען פון דער „נאַראָד־נאַיא וואָליא", האָבען אין קראָנשטאַדט געגרינדעט א קרוזשאָק פון פלאָטסקע אָפיצירען, איז דיזער סערעבריאַקאָוו געווען איי־נער פון זיי. פאַר אַן אָפיציר אַנטייל צו נעהמען אין דער רע־וואָלוציע האָט געהייסען שטעלען זיין לעבען אין קאָן. דאָ וואו מען האָט א ציווילנעם פאַרשיקט אין סיביר, האָט מען אַן אָפי־ציר פאַראורטיילט צום טויט. צווישען דיזע פלאָטסקע אָפיצירען איז דער באַריהמטער סוכאַנאָוו געווען די הויפּט־פיגור, און ער האָט ווירקליך באַצאָהלט מיט זיין לעבען דער־פאַר. סערעבריאַקאָוו איז אַנטלאָפען.

איך בין מיט איהם באַקאַנט געוואָרען אין דער לאָנדאָנער ביבליאָטעק. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַזאַ גוטען, מילדען מענשען, אַז עס האָט זיך מיר פּשוט ניט געגלויבט, אַז ער איז געווען איינער פון יענע טעראָריסטען. ווען איך בין געווען אין לאָנדאָן האָט זיך סערעבריאַקאָוו זעהר געפּלאָגט. פילע פון די רוסישע אימיגראַנטען אין לאָנדאָן, פּאַריז, צוריך אָדער זשענעווא האָבען אָפט געהונגערט, און ער האָט אין דיזער הינ־זיכט צו די גליקליכערע ניט געהערט.

סערעבריאַקאָוו׳ס פרוי איז אויך געווען אַ אידישע, און קראָפּאָטקין׳ס אויך.

5.

סאָציאַליזם אין ענגלאַנד. — היינדמאַן. — קאַרל מאַרקס'עס טאָכטער און איהר מאַן.

צווישען די ענגלענדער איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַן געווען זעהר קליין. זיי האָבען שוין אָבער ארויסגעגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג („דזשאַסטיס“) און געהאַט ברענטשעס אין עטליכע שטעדט. דער גרינדער פון דער באַוועגונג איז געווען דער באַריהמטער היינדמאַן, אַ באַגייסטערטער מאַרקסיסט.

ער איז געווען אַ הויך־געבילדעטער מאַן און אין דער צייט, ווען ער איז באַקערט געוואָרען צום סאָציאַליזם, איז ער געווען אַ „בראָקער“ אויף דער לאָנדאָנער בערזע. אַ לאַנגע צייט האָט ער אויפגעהאַלטען די גאַנצע באַוועגונג. ער האָט אין איהר אריינגעלייגט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ווען איך בין געקומען קיין לאָנדאָן, איז ער שוין געווען אָרים און האָט געוואוינט אין אַ דירה פון צוויי קליינע צימערען. ער איז אָבער געווען געקליידט מעשה באַנקיר. אָהן אַ הויכען קאַפעלוש, אַ לאַנגען שוואַרצען ראָק און האנדשוה פלעגט ער ניט ארויסגעהן אויפ'ן גאַס. דאָס, צוזאַמען מיט זיין לאַנגער, ברייטער, שוואַרצער באָרד, האָט אויף מיר געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. עס איז מיר געווען שווער זיך צוצוגעוואוינען צום געדאַנק אַז דאָס איז מיינער אַ גענאָסע.

אין פריוואַטע געשפּרעכען פלעגט ער ארויסווייזען אַ שוואַכקייט, וועלכע האָט זיך פאַר אַ סאָציאַליסט ניט געפּאַסט. ער פלעגט, צום ביישפּיל, געבען אָנצוהערעניש אויף די אריסטאָקראַטען, מיט וועלכע ער איז באַפריינדעט. ער פלעגט זאָגען מיט אַ באַריהמערישען טאָן: „מיין פריינד לאָרד דער־און־דער האָט מיר דערצעהלט...“ אָדער: „ווען איך האָב געגעסען דינער ביי לאָרד דעם־און־דעם...“ ער איז אָבער פאָרט געווען אַן אמת איבערגעבענער סאָציאַליסט; און הגם אין זיינע געשפּרעכען און אין די פּאַרטיי־צאַנקערייען, אין וועלכע ער האָט אַנטייל גענומען, האָט ער ניט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קלוגען, טאַקטפולען מענשען, איז ער אָבער געווען אַ זעלטען פעהיגער

מאַן און אַ פיינער דענקער. ער איז געווען איינער פון די ווינטיגסטע און אינטערעסאַנטסטע פּערזענלינקייטען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אייראָפּא.

אין דעם צווייטען באַנד האָב איך דערמאָנט די טאָכטער פון קאַרל מאַרקס, עלעאַנאָרא מאַרקס־עוועלינג, און איהר מאַן, עדוואַרד עוועלינג, און די רעדעס, וואָס זיי האָבען געהאַלטען אויף זייער באַזוך אין ניו יאָרק. אין לאָנדאָן בין איך מיט זיי באַקאַנט געוואָרען און פלעג זיך מיט זיי זעהן זעהר אָפט. איך בין געווען אָן אָפטער איינגעהער ביי זיי אין שטוב און אַ פּאָר מאָל איז אונז אויסגעקומען צו רעדען אויף דער זעלבער פאַרזאַמלונג. זי איז געווען פול מיט לעבען און זעהר אינטע־רעסאַנט אין געזעלשאַפט. איין מאָל, שטעהענדיג מיט מיר פאַר אַ גרופּע פון אונזערע אידישע סאָציאַליסטען, האָט זי מיך אַרומגענומען מיט איין אָרים און געזאָגט: „מיר, אידען, האָבען ספּעציעלע פּליכטען צו אַרבייטען פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס“. ווי דער לעזער ווייס, איז איהר מוטער געווען אַ קריסטין, און אפילו איהר פאָטער איז אויך ערצויגען געוואָרען אַלס קריסט; וואָרים זיינע עלטערען האָבען זיך געטויפט ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד. זי האָט אָבער ליעב געהאַט צו ריידען וועגען זיך אַלס אַ אידיש קינד.

זי און איהר מאַן האָבען געמאַכט אַ לעבען פון שרייבען און איהר איז אויסגעקומען צו אַרבייטען זעהר שווער. אַזוי ווי זי האָט געקענט עטליכע שפּראַכען, האָט זי געמאַכט איבערזע־צונגען פון דייטש, פון פראַנצויזיש, פון איטאַליעניש און אַמאָל גאָר פון נאָרוועגיש. איינינע פון איבסענ׳ס ווערק האָט זי איבערזעצט פון דעם אָריגינאַל אויף ענגליש און דאָס איז אריין אין דער אַלגעמיין אָנגענומענער סעריע פון זיינע דראַמעס אויף דער ענגלישער שפּראַך. די ענגלישע איבערזעצונג פון דעם באַריהמטען רעאַליסטישען ראָמאַן „מאַדאַם באָוואַרי“, פון דעם פראַנצויזישען שרייבער פלאָבער, איז אויך איהרע.

מיט אַ מינע פון באַדויערען האָט זי מיר אַמאָל פאַרטרויט אַ סוד, אַז אָפט קומט איהר אויס צו שרייבען אָריגינעלע ווערק, אונטער וועלכע אַנדערע שרייבען אונטער זייערע נעמען. עס

זיינען פאראן אזעלכע מענשען, — מענשען מיט א סך מעהר געלט, ווי טאלאנט — וואס ווילען אויף אזא ארט באקומען א נאמען דורך פרעמדע ליטערארישע ארבייט; איז זי פון ארימקייט געצוואונגען געווען מענשען פון דיזען סארט צו פארקויפען ניט נאר איהר ארבייט, נאר אויך איהר נאמען אלס פארפאסערין.

איינמאל, ווען איך בין געקומען צו זיי, האט מיר מרס. עוועלינג צוגעפיהרט צו א קארב און געוויזען פינף יונגע קעצעלעך, וואס איהר קאץ האט געהאט מיט א פאר טעג פריהער. דער עלטסטער איז געווען א „רזשענטלמען". „און ווייסט איהר ווי איך האב איהם א נאמען געגעבען?" — האט זי געזאגט מיט א שמייכעל — „אייברעהעם! אייער נאמען האב איך איהם געגעבען."

מיט דריי־פיער טעג שפעטער, ווען איך בין ווידער געקומען, האט זי מיר געזאגט מיט א טרויעריגען שמייכעל, אז „אייברע־העם" איז געשטארבען.

ווען איך בין נעהענטער באקאנט געווארען מיט איהר מאן, איז ער מיר ניט געפעלען געווען. און פון די געגנאסען האב איך זיך דערוואוסט, אז אין דער באוועגונג האט מען צו איהם אויך ווייניג רעספעקט. איהר אבער האבען אלע געליבט און געשעצט.

שמועסענדיג מיט מיר, האבען זיי מיר אמאל דערצעהלט ווי אזוי זיי זיינען באקאנט געווארען. איידער עוועלינג איז אריין אין דער באוועגונג, האט ער זיך הויפטזעכליך באשעפטיגט מיט נאטור־וויסענשאפט. איינמאל האט ער געהאלטען א פאבליק לעקטשור וועגען פליגען. ווען ער האט געענדיגט זיין לעקטשור, איז צו איהם צוגעקומען א מאן מיט א גרויסער גרויער בארד, און האט צו איהם געזאגט: „יונגערמאן, אייך שטעהט פאר א גוטע קאריערע אלס וויסענשאפטס־מאן". ווען עוועלינג האט געפרעגט ווער ער איז, האט ער געענטפערט: „קארל מארקס".

„מיין פאטער פלעגט געפינען צייט צו באזוכען אלערליי וויסענשאפטליכע לעקטשורס — האט מיסעס עוועלינג באמערקט. — אלץ האט ער נאכגעפאלגט, אלץ האט איהם אינטערעסירט".

א געוויסע צייט נאך יענער לעקטשור, וואס עוועלינג האט

געהאַלטען, האָט ער און עלעאָנאָרא מארקס זיך געטראָפען אין דער ביבליאָטעק פון דעם בריטיש מוזעאום. ער האָט אָנגעפאנגען איהר צו שענקען אויפמערקזאמקייט. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז קארל מארקס'עס טאָכטער, האָט ער איהר דערצעהלט ווי אזוי ער איז באקאנט געוואָרען מיט איהר פָאטער. אויף דיזען אָרט איז ביסלעכווייז געשלאָסען געוואָרען צווישען זיי אַן אינטימע פריינדשאפט. ער איז דאַן געווען אַ פארהייראטער מאַן; אָבער ער האָט מיט זיין פרוי ניט געוואוינט.

אַ פּאָר מאָל האָבען זיי מיך גענומען אין טעאַטער. איך געדענק ניט וואָס פאַר אַ פארבינדונג ער האָט געהאַט מיט דער טעאַטער וועלט. ער פלעגט אָבער קריגען פרייע טיקעטס, אויף אַ גאַנצער באַקס זאָגאַר.

.6

איינדרוקען פון לאָנדאָן. — ניט אַמעריקא און ניט יוראָפּ. — אויף אַן ענגלישען מיטינג. — האָנטער־וואַטטס. — לעססנער.

דער לעבען פון די אידישע אימיגראַנטען אין לאָנדאָן איז געווען אי שטארק ענליך אי שטארק אונענליך צו דעם אידישען לעבען אין אַמעריקא. ביי אונז איז דער דאָלאַר דאַן נאָך ניט געווען אזוי פריי ווי ער איז געוואָרען שפּעטער, אָבער אין פארגלייך מיט דעם ענגלישען ארבייטער איז דער אַמעריקאַנער ארבייטער דאַן געווען „גוט אָפּ“. אַלץ איז אין ענגלאנד געווען אָרימער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָרטען קוקט איבערהויפּט יעדע זאַך אויס אַנדערש ווי אין אַמעריקא. צוליב די ווייכע סוילען, וואָס מען געברויכט דאָרטען, איז דער ריח פון לאָנדאָן דאַן געווען ענליכער צו דעם ריח פון שיקאַגאָ ווי פון ניו יאָרק. אָבער פון שיקאַגאָ איז לאָנדאָן געווען שטארק פארשידען אין אַנדערע פּרטים.

די לאָנדאָנער פאָגס (טומאַנעס) קומען אָן אין די שפּעטערע מאָנאַטען. ווען איך בין דאָרטען געווען, איז דער הימעל געווען קלאָר. אָבער די זון האָט ניט געשיינט אזוי גאָלד־ליכטיג ווי

אין ניו יאָרק, און דאָס האָט צוגעגעבען צו מיין איינדרוק, אַז אַלץ איז דאָרטען אָרימער און וואָכעדיגער ווי אין אַמעריקא.

דאָס וואָס מען רעדט אין ביידע לענדער דיזעלבע שפּראַך, האָט די אַנדערשקייט ניט פאַרקלענערט, נאָר אַזוי ווי פאַרגרע־סערט. דיזעלבע ענגליש, אָבער גאָר אַנאַנדער אויסשפּראַך! דאָס פיהלט זיך שאַרפער ווי אַנאַנדער לשון. ווען איך בין צום ערשטען מאָל געווען אין זיד־רוסלאַנד, האָט דער דאָרטיגער אידיש מיר געגרילצט אין די אויערען מעהר ווי אַ פרעמדע שפּראַך. אויף אַזאַ אונאַנגענעמען שטייגער האָט מיר געקלונגען די לאָנ־דאָנער ענגליש.

די מענשען אויף די לאָנדאָנער גאַסען זעהען אויס אַנדערש ווי די מענשען פון ניו יאָרק. אַנדערע פיגורען, אַן אַנדער אַלגעמיינער איינדרוק. און די גאַסען־סצענעס זיינען אויך אַנדערע. אָמניבוסען, געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירען פון אויבען. אַן ענדלאָזע קייט פון מענשען־בערג ציהט זיך און ציהט זיך אָהן אַ שיעור. דאָס איז אין מיין מוח געווען דער בולט'סטער שטריך פון אַלע קאָכעדיגע לאָנדאָנער סטריטען. און פון אַזעלכע בילדער האָבען מיר אין ניו יאָרק דאַן ניט געוואוסט. היינט האָבען מיר עטוואָס ענהליכעס אויף דער פינפטער עוועניו, אין די זומער מאָנאַטען. מיט דרייסיג יאָהר צוריק אָבער האָט מען דאָס אפילו אויף דער פינפטער עוועניו ניט געזעהן.

דער גאַנצער לעבען איז דאָרטען געווען אַנדערש ווי אין אַמעריקא.

אַז איך בין אין אייראָפּא, אין יענער טייל פון דער וועלט, וואו איך בין געבאָרען געוואָרען און אויפגעוואַקסען — דאָס האָב איך אין לאָנדאָן ניט געפיהלט. וואָרים ענגלאַנד איז גאַנץ אַנדערש ווי מיין געבורטס־לאַנד, גאַנץ אַנדערש ווי אַלע אַנדערע לענדער אין אייראָפּא. אין דעם צווייטען באַנד האָב איך דערצעהלט ווי משונה'דיג מיר האָט אויסגעזעהען ליווערפּול, ווען איך האָב די שטאָדט באַזוכט אויף מיין ערשטער רייזע קיין אַמעריקא. איצט איז מיר ענגלאַנד געווען אַ סך פאַרשטענדליכער און נעהענטער. אָבער אַ טייל פון דעם פאַר־ניין־יאָהריגען

איינדרוק איז פארבליבען. אז ענגלאנד געהערט צו דער זעלבער איירָאפּא ווי רוסלאנד, האָט זיך ניט געגלויבט. ניט אמעריקא און ניט איירָאפּא.

איך האָב אָפּט באזוכט די רעדאקציע פון „דזשאָסטיס“. היינדמאן, וועלכער האָט די צייטונג געגרינדעט און איז פריהער געווען איהר רעדאקטאָר, האָט די רעדאקציע מיט א פּאָר יאָהר פריהער איבערגעגעבען צו אן ענגלישען סאָציאליסט מיט׳ן נאָמען קוועלטש. פלעג איך אָפּט פארברענגען מיט איהם, מיט טיילאָר׳ן, דעם סעקרעטער פון דער פּארטיי, און מיט אנדערע ענגלישע גענאָסען.

ווען איך פלעג שמועסען מיט מיינע בעקאנטע ענגלענדער, פלעג איך כמעט פארגעסען, אז דער אקצענט איז ביי זיי אנדערש ווי אין אמעריקא. ווען איך פלעג דעם זעלבען אקצענט הערען פון אנדערע, פלעגט ער מיר קלינגען אונאנגענעם־קאָמיש.

די ענגלישע גענאָסען האָבען מיר איינגעלאַדען האלטען א לעקטשור. דער מיטינג איז פאָרגעקומען אין א זונטאָג אָוועגט, אין דעם זאַל פון דער פּארטיי אויפ׳ן „סטרענד“. מיין טעמא איז געווען וועגען דער ענטוויקלונג פון די טראָסטס אין אמעריקא — אן ענין, וועלכער איז נאָך דאן געווען כמעט ניי.

דער מיטינג איז געווען פונקט ווי אזעלכע מיטינגען פלעגען דאן זיין אין אמעריקא. דער זעלבער כאראקטער פון די פראגען און די דעבאטען נאָך דער לעקטשור, דערזעלבער אלגעמיינער איינדרוק.

איינער פון די, וואָס האָבען אנטייל גענומען אין דער דיסקוסיע איז געווען א דיקער מאן מיט א רויטען פּנים און בלאָנדע האָר. ער האָט גערעדט שלעכט ענגליש, מיט א שווערען דייטשען אקצענט, און עס איז לייכט געווען צו זעהן, אז ער האָט די שפּראך געלערענט אין די פאראייניגטע שטאטען אָדער קענעדע. עס איז געווען דייטליך, אז דאָס איז א דייטש, וואָס האָט עמיגרירט קיין אמעריקא. ער איז מיט מיין לעקטשור

געווען שטארק אונצופרידען. ער האָט פארטיידיגט די אמעריקאַ־נער קאַפּיטאַליסטען.

נאָך איהם האָט דאָס וואָרט גענומען אַן אינטעליגענטער אמעריקאַנער סאָציאַליסט מיט'ן נאָמען ווילשיר, וועלכער האָט זיך מיט אַ געוויסער צייט פריהער באַזעצט אין לאָנדאָן. ער האָט פארטיידיגט און געלויבט מיין לעקטשור און צוגעגעבען פאקטען, צו באווייזען אז אמעריקאַנער געשעפטען געהען איבער אין די הענט פון די טראָסטס.

איך האָב מיין לעקטשור געשלאָסען מיט אַן ערקלערונג, אז די טראָסטס גיבען אָנצוהערעניש, דאָס אמעריקא געהט צום סאָציאַליזם — אז עס ווערט אָפּגעשאַפט די קאָנקורענץ, אז די געשעפטען ווערען פאראייניגט. שלעכט זיינען ניט די טראָסטס, נאָר דאָס וואָס זיי געהערען צו קאַפּיטאַליסטען — האָב איך אויסגעפיהרט. מיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „באַזייטיגט זייערע איצטיגע באַלעבאַטים, זאָלען זיי ווערען דאָס אייגענטום פון פאָלק, און אַנשטאָט אַן אונגליק, וועלען זיי זיין אַ גליק!“

דער אמעריקאַנער, וואָס האָט זיך באַטייליגט אין דער דעבאַטע, האָט איבערגעזאָגט דיזע ווערטער מיינע און האָט באַמערקט, אז מען האָט זיי באַדאַרפט אויפהענגען אויף יעדען סטריט קאָרנער און אין יעדער סטריט קאַר. דער דייטש האָט גיפטיג געלאַכט פון איהם, און איהם אָפּט אונטערבראָכען. דער אמעריקאַנער האָט העפליך און גערולדיג געענטפערט אויף זיינע באַמערקונגען. עס האָט זיך ביי זיי ענטוויקעלט אַ צווישען־געשפּרעך. די ענגלענדער האָבען זיך צוגעהערט מיט שמייכלען. עס איז זיי געווען קאָמיש צו זעהען ווי דער אמת'ער אמעריקאַנער קריטיקירט אמעריקא און דער אימיגראַנט, וואָס רעדט אַ גע־בראָכענעם ענגליש, פארטיידיגט איהר. ענדליך האָט דער דייטש פארלאָרען די גערולד, און מיט אַ בייזען געשריי איז ער ארויס פון זאַל. עס האָט אויסגעזעצט אַ געלעכטער.

— מסתמא רייך געוואָרען אין אמעריקא, — האָט דער אמעריקאַנער דעבאַטאַנט דערנאָך באַמערקט אין אַ געשפּרעך

מיט מיר. — אפשר א סאַלון־קיפּער און א פּאָליטישען ערגעץ־וואו אין סיינט־לואיס אָדער סינסינעטי".

צווישען די סאָציאַליסטען, מיט וועלכע איך בין אין לאָנדאָן באַקאַנט געוואָרען, איז געווען אן אַלטער דייטש מיט א לאַנגער, ווייסער באָרד. לעססנער האָט ער געהייסען. ער איז געווען א שניידער, און מיט איניגע יאָהרען פריהער האָט ער געאַרבייט ביי זיין טרייד. איצט איז ער שוין געווען צו אַלט. זיין פרוי האָט געהאַלטען א באָרדינג הויז, און זיי האָט זיך געלעבט ניט שלעכט.

ווען קאַרל מאַרקס האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן און ער האָט דאָרטען געגרינדעט זיין דייטשען „קאָמוניסטישען קלוב", אין די פערציגער יאָהרען, איז לעססנער געווען איינער פון די מיטגלידער. איצט, אין די געשפּרעכען, וואָס איך פלעג האָבען מיט לעססנער'ן, פלעגט ער אויף זיין עהרליכען, נאַאיווען שטייגער זיך באַריהמען מיט דער פריינדשאַפט, וואָס האָט עקזיסטירט צווישען איהם און מאַרקס'ן. צום אנדענקען האָט דער באַריהמטער דענקער איהם געגעבען אן עקזעמפּלאַר פון זיין „דאַס קאַפּיטאַל". אַלזאָ, האָט לעססנער מיר צום אנדענקען געגעבען א פאָטאָגראַף, אויף וועלכען ער איז אַרונטערגענומען האַלטענדיג דעם דאָזיגען בוך אין האַנט.

ווען איך האָב איהם באַזוכט, האָט זיין פרוי מיר מכבד געווען מיט דייטשע מאכלים, און ער האָט מיר דערציילט וועגען קאַרל מאַרקס'ן און זיין לעבען אין לאָנדאָן. צעהנדליגע מעשה'לעך און אנעקדאָטען האָט ער מיר איבערגעגעבען — וועגען דעם פּראָפעסאָר פון „קאַפּיטאַל", וועגען פריעדריך ענגעלס'ן און וועגען אנדערע מיטגלידער פון זייער גרופּע.

מיין גרעסטער פאַרגעניגען אין יענע טעג פלעגט זיין אין דער פריה זיך אַרומצופּוצען אויף דער אויבערשטער טייל פון א באַס (אָמניבוס), פאָהרען ווייט, און אַזוי זיצענדיג אויפ'ן דאַך, קוקען אויף די גאַסען־סצענעס. איין טאָג פלעג איך פאָהרען מיט איין באַס, א צווייטען טאָג מיט אן אנדערען. איך האָב

אויך ליעב געהאט צו געהן שפּאַצירען איבער די פאַרשידענע געגענדען. אויף דיזען אַרט בין איך באַקאַנט געוואָרען מיט דער גרויסער שטאָדט לאָנדאָן.

איך פלעג אויך אָפט פאַרברענגען אַ פּאָר שטונדען אין דעם בריטיש מוזעאום, אָדער באַזוכען מיינע נייע באַקאַנטע, אידען אָדער ענגלענדער. אין אָווענד פלעגען זיך אָנפאַנגען די מיטינגען מיט די לעקטשורס, מיט די מאַסען־פאַרזאַמלונגען. כמעט יעדען אָווענד איז געווען עפּעס אַ נייעס: אַ מיטינג, אַ לעקטשור, אַ צוזאַמענשטויס מיט אַן אַנאַרכיסט, אַ צוזאַמענקונפט פון די גענאָסען אין אַ פּריוואַטע הויז.

7.

איך פאָהר קיין פּאַריז. — ערשטער איינדרוק. — דאַוויד גאָרדאָן.

נאָכדעם ווי איך בין אָפּגעווען אין לאָנדאָן אַ פּאָר וואָכען, בין איך אוועקגעפאָהרען קיין פּאַריז.

די קורצע רייזע איבער דעם ענגלישען קאַנאַל איז באַריהמט אַלס אַ שווערע רייזע. זעלטען וועלכער פּאַסאַזשיר עס מיידט דאָרטען אויס ים־קראַנקהייט. איך האָב געפיהלט געזונט און מונ־טער, ווי איך פיהל זיך אימער אויפ׳ן ים.

גלייך ווי מיר האָבען דערגרייכט דעם פראַנצויזישען ברעג, דעם ברעג פון דער אייראָפּעאישער הויפּט־לאַנד, האָט מיר דורכ־געדרונגען אַ באַוואוסטזיין, אַז אויף דיזער ערד בין איך געבאָרען געוואָרען. די ערד, אויף וועלכער איך האָב איצט אַרויפגעטראָטען, אַראָפּגעהענדיג פון שיף, איז פאַר מיר געווען אַ פאָרטזעצונג פון יענער ערד, אויף וועלכער עס שטעהט פּאָדברעזע און ווילנאַ. ווען דער צוג האָט גענומען געהן, האָב איך ניט ווילענדיג געהאַט אין זינען, אַז יעדע סעקונדע ברענגט מיר נעהענטער צו ווילנע. איך האָב דאָן ניט געהאַט קיין האָפנונג דאָרטען ווען עס איז צו זיין. דער געפיהל אָבער אַז איך בין אויף דער זעלבער ערד, און קום צו נעהענטער און נעהענטער, איז געווען אַ תענוג געפיהל.

פונקט צעהן יאָהר זיינען פאַראיבער זינט איך בין אוועק פון דער היים. אין יענע צייטען איז אמעריקא געווען א סך ווייטער פון רוסלאנד ווי היינט. פריהער פלעגט זיך מיר דוכטען, אז איך וועל צוריק אין אייראפא שוין קיינמאָל ניט זיין. און איצט, אז איך בין יאָ אין אייראפא, האָט זיך אין מיר אויפגע־וועקט א נייע בענקעניש נאָך מיין אלטער היים. זייענדיג אין לאָנדאָן האָב איך געבענקט נאָך ניו יאָרק. זיצענדיג אין דעם צוג, וואָס האָט מיר געפיהרט קיין פאריז, האָב איך געבענקט נאָך ווילנא.

אין פאריז בין איך אָנגעקומען פינף אזייגער אין דער פריה. איך בין ארויס פון וואגאָן מיט מיין רייזע־טאַש אין האנט. איך בין געווען הונגעריג און דורשטיג. איך בין אריין אין דער ערשטער קאפע וואָס איך האָב דערזעהן. ווען איך האָב געבעטען קאפע מיט קוכען (איך האָב געקענט אביסעל פלאפלען אויף פראנצויזיש; לעזען האָב איך געקענט א סך מעהר), האָט מען מיר דערלאנגט א שיסעל מיט קאפע און מיט א גרויסער לעפעל, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען זופ. עס איז מיר אויסגעקומען קאָמיש, אָבער אינטערעסאנט. די קאפע איז געווען שוואך, אָבער היים און געשמאַק און די באריהמטע פאריזער וויים־ברויט איז מיר געפעלען געווארען. עסענדיג האָב איך צו זיך געזאגט, אז איך בין אין פאריז, אין דער באריהמטער וועלט־שטאָדט, אין וועלכער עס זיינען פאָרגעקומען רעוואָלוציעס און וועלכע איז באשריבען אין ראָמאנען. אָבער דאָס איז נאָר געווען אין מוח. מיין הארץ האָט גערעדט וועגען אַן אנדער שטאָדט. זי האָט ניט אויפגע־הערט צו טענה'ן, אז איך געפין זיך אויף דער זעלבער ערד, אויף וועלכער עס שטעהט ווילנא.

ווען איך שרייב דיזע ווערטער, קומט דער געפיהל פון יענעם פריהמאָרגען צו מיר מיט א מערקווירדיגער דייטליכקייט.

איך האָב פארגעסען צו באמערקען, אז איידער איך בין אוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן, האָבען מיינע לאָנדאָנער גענאָסען באקומען א בריף פון פאריז פון די דאָרטיגע אידישע סאָציאליס־טען. זיי האָבען נעמליך געבעטען, אז פאָהרענדיג צום קאָנגרעס,

זאָל איך אין פּאריז זיך אָפּשטעלען און האַלטען א רעדע פאַר די דאָרטיגע אידישע ארבייטער. דער אדרעס וואוהין איך זאָל אריינ־פאָהרען, איז געווען פון איינעם דאוויד גאָרדאָן. אַלזאָ, נאָך ברעקפעסט, האָב איך גענומען א „פיאקר" און בין אוועקגעפאָהרען אויף יענעם אדרעס.

עס איז געווען א פיינער פריהמאָרגען. די זון האָט באלויכ־טען ווייסע געביידעס, גרויע געביידעס, גאָר ניט ווי די לאָנדאָנער מויערען. אין מיינע אויגען איז פּאריז געווען א סך עהנליכער צו ווילנא ווי צו לאָנדאָן. די פראנצויזען וואָס איך האָב געזעהן אויף די גאסען—די איזוואָשטשיקעס, די ארבייטער—זיינען געווען אביסעל אנדערש געקליידעט ווי אזעלכע מענשען קליידען זיך אין רוסלאנד. און דאָך האָבען זיי אויף מיר געמאכט אן איינדרוק אזוי ווי זיי וואָלטען געהאט א סך מעהר שייכות צו דער באַ־פעלקערונג פון מיין געבורטסלאנד ווי צו די איינוואוינער פון ענגלאנד.

אַלץ האָט באשטעטיגט מיין געפיהל, אז איך געפין זיך אויף דער זעלבער ערד, וואו איך בין געבאָרען געוואָרען. אזוי האָט זיך מיר געדוכט.

מיר זיינען אריבערגעפאָהרען איבער א בריק, איינער פון פילע בריקען, וועלכע האָבען זיך געזעהן אויף דעם סעין טייך. איבער'ן וואסער זיינען געגאנגען דאמף־שיפלעך — אייניגע מיט פאסאזשירען, אנדערע מיט פראכט. עס האָבען זיך געהערט די שטימען פון די, וואָס האָבען ביי די פאסאזשירען קאָלעקטירט דעם געצאָהלט פאר'ן פאָהרען. איבער'ן ברוק פון דער גאס, וואָס געהט פאזע ברעג, האָבען גערוישט דראשקעס און פראכט־וואָגענס. עס האָבען זיך געזעהן באלעבאָסטעס מיט קאָשיקעס. עס איז געווען פרעהליך. עס האָט זיך געפיהלט דער לעבען פון א גרויסער שטאָדט.

דער אדרעס וואָס איך האָב געהאט האָט מיר געבראכט צו א קליינעם מויער אויף א שטילער זייטיגער געסעל, ניט ווייט פון טייך. דאָרטען האָט מיר אויפגענומען דאוויד גאָרדאָן און זיין פרוי.

עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז ער איז א ווילנער, און אז איך געדענק איהם אלס גימנאזיסט.

ביי זיי בין איך איינגעשטאַנען די וואָך וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין פּאַריז אויף מיין וועג קיין בריסעל.

8.

די גאָרדאָנס. — גאָרדאָן׳ס שוועסטער. — קאַשינצעוו. — פּאַריז. — אנטאָן גנאַטאָווסקי. — שאַרל ראַפּאָפּאָרט. ג. — מיין לעקטשור.

דאַוויד גאָרדאָן איז געווען א וויציגער יונג, און זיין פרוי — א גוט־מוטיגע, א לעבעדיגע. ער האָט געאַרבייט אויף א שטאָל־פאַבריק, שווער געהאָרעוועט און ווייניג פאַרדינט. ביי זיי אין שטוב איז אָבער אימער געווען פרעהליך. ער האָט אלע ווייסע געזאַנגט א וויץ און זי האָט געלאַכט.

זיי האָבען געוואוינט אויף דעם אונטערשטען עטאַזש, אָהן טרעפּ, אויף א קליינעם הויף. אַזוי ווי עס איז געווען זומער, פלעגט זייער טיר דאָס רוב זיין אָפען, און דער הויפעלע איז געווען אַזוי ווי א טייל פון זייער דירה.

צו זיי פלעגט אָפט אריינקומען גאָרדאָן׳ס שוועסטער יעווא, וועלכע האָט געוואוינט אנדערשוואו. זי איז אויך געווען א לעבעדיגע, א לוסטיגע. זי האָט געהאַט א פיינע שטימע, און דאָס רוב פלעגט זי אריינקומען זינגענדיג.

ביי די גאָרדאָנס אויפ׳ן וואַנט, אין א ווינקעל, איז געהאַנגען א קליינע פאָטאָגראַפישע בילד פון א רוסישען רעוואָלוציאָנער, א קריסט מיט׳ן נאָמען קאַשינצעוו; האָט מיר מאַדאַם גאָרדאָן איינגעראַמט א סוד, אַז דאָס איז יעווא׳ס חתן, און אַז ער זיצט אין א פראַנצויזישער געפענגניש פאַר א טעראָריסטישער פאַר־שווערונג, וועלכע ער און נאָך עטליכע רוסען האָבען ארגאַניזירט אין פראַנקרייך געגען דער רוסישער רעגירונג. די באַציהונגען צווישען יעווא׳ן און קאַשינצעוו׳ן זיינען אָבער ניט געווען קיין סוד. זי אַליין האָט וועגען איהם גערעדט ווי וועגען איהר חתן. זי האָט מיר דערצעהלט ווי זי באַזוכט איהם אין געפענגנים, וואָס פאַר א סאָרט מענש ער איז, און ווען ער ערוואַרט צו זיין פריי.

זי האָט מיר געפיהרט ווייזען פאריז.

די פאריזער גאסען האָבען אויף מיר צוערשט קיין איינדרוק נים געמאכט. אין ניו יאָרק און אין לאָנדאָן זיינען די קראָודס געווען גרעסער און די סטאָרס האָבען אויסגעזעהן רייכער. אן איינדרוק האָבען אויף מיר געמאכט די גרויסע בלויזע, שעהן אויס־געפלאַסטערטע פלעצער, פרעכטיגע לאָנקעס און ריזיגע בלומען־בייטען, וועלכע האָבען זיך געצויגען דורכ'ן מיטען שטאָדט — ענדלאָזע הויפען, סקווערען, ברייטע אלעען, אָפענע פארקען־שטרעקעס. אין ניו יאָרק איז אזעלכעס ניטאָ; כמעט אלץ איז פארבויט. און דאָן איז ניו יאָרק געווען נאָר מאנהעטען — א שמאָלער פאס לאנד צווישען צוויי טייכען, און כמעט יעדער סטריט איז געווען פריוואטע אייגענטום, געשאצט לויט דעם פרייז פון „ריעל עסטייט“. לאָנדאָן האָט געהאט מעהר פרייע פלאץ, מעהר סקווערס. אָבער אזעלכע גרויסע פרייע שטח'ס, אלס א צירונג — דאָס האָט לאָנדאָן אויך ניט געהאט.

קיין שטאָדט איז ניט אזוי גוט אדווערטייזט ווי פאריז. צעהנדלינגער פון איהרע גאסען, און כמעט אלע איהרע סקווערס, מאָנומענטען, פארקען, מוזעאומס ווייס מען פון היסטאָריע און פון ראָמאנען. די פראנצויזישע געשיכטע און די פראנצויזישע ליטעראטור ווערט געלעזען און געלערענט אויף אלע שפראכען. א חוץ דעם, זיינען די פאריזער גאסען דערמאָנט אין דער בעלע־טריסטיק, וואָס ווערט געשריבען אין אנדערע לענדער. רייכע מענשען אָדער קינסטלער פאָהרען קיין פאריז. „העלדען“ און „העלדינען“ פון ראָמאנען באזוכען פאריז.

די נעמען זיינען מיר געווען גוט באקאנט. פילע פון די גאסען, סקווערס, מוזעאומס האָב איך אימער געגארט צו זעהן. איצט, אלזא, האָב איך געהאט די געלעגענהייט צו ערפילען מיין וואונש. איינינע פון זיי האָבען מיר ענטוישט; איינינע — נים. אין סך הכל האָט די שטאָדט מיר שטארק פאראינטערעסירט.

דער אינטערעס איז פארגרעסערט געווארען, ווען איך האָב די באריהמטע גרויסע בולווארען געזעהן אין אָוועגט. די פרעה־ליכע גרופען ביי די טישלעך וואָס שטעהען פון דרויסען אויף די טראָטואַרען און דער פרעהליכער עולם וואָס שטראָמט פארביי —

דאָס אַלץ איז פאַר מיר געווען אַ רייצענדע נייעס. עס האָט געשמעקט מיט זאָרגלאָזיגקייט, מיט אַ פרייען גייסט, וועלכער איז פרעמד אי אין ניו יאָרק, אי אין לאָנדאָן.

אין דעם לאַטיינישען קוואַרטאַל, דער געגענד פון סטודענטען, ליטעראַטען, קינסטלער, אינטעליגענטע אָרימע לייט אַלערליי, האָט יעווא גאָרדאָן מיר באַקאַנט געמאַכט מיט איניגע פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען דאַן געוואוינט אין פּאַריז. צווישען זיי האָב איך געפונען מיין ווילנער קרוזשאָק־חבר, דעם שעהנעם בלאָנדען פּאָליאַק אַנטאָן גנאַטאָווסקי. דאָ האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין 1887 האָט ער אַנטייל גענומען אין דער פאַרשווערונג געגען דעם רוסישען קיסר אַלעקסאַנדער דעם דריטען. די אַטאַקע איז געווען צוגעגרייט אויף דעם זעלבען שטייגער — מיט באָמבעס — און אין דעם זעלבען מאָנאַט און טאָג — דעם ערשטען מערץ — ווי דער באַפאַל אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. די פינף יונגע לייט, וואָס זיינען געשטאַנען געגרייט מיט די באָמבעס, האָט מען אָבער געכאַפּט איידער זיי האָבען זיי געקענט געברויכען (איינער פון זיי איז געווען אוליאַנאָוו, אַן עלטערער ברודער פון ניקאָלאַי לענין). זיי האָט מען געהאַנגען. גנאַטאָווסקי און אַ פּאָר אַנדערע רעוואָלוציאָנערען פון די, וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין די צוגרייטונגען, זיינען אַנטלאָפען.

אויפ'ן וועג צו גנאַטאָווסקי'ן האָט יעווא גאָרדאָן מיר דערצעהלט אַז ער וואוינט צוזאַמען מיט איינעם אַ שאַרל ראַפּאָפּאָרט, וועלכער האָט עטליכע יאָהר נאָך מיין אוועקפאָהרען געוואוינט אין ווילנא.

מיר האָבען זיי ביידען געפונען אין דער היים; נאָר ראַפּאָפּאָרט האָט זיך געהאַלטען אין וואַשען און אַנטאָן זיך.

אַנטאָן גנאַטאָווסקי האָט זיך אין די צעהן יאָהר ווייניג געענדערט. נאָר אביסעל פּאָלנער געוואָרען, — פּאָלנער און נאָך שעהנער. מיר זיינען געזעסען און געשמועסט וועגען וואָלאָדיא סאָקאָלאָוו'ן און אַנדערע געמיינשאַפטליכע באַקאַנטע. אַנטאָן האָט מיר דערצעהלט, אַז סאָקאָלאָוו האָט חתונה געהאַט מיט זיין (אַנטאָן'ס) שוועסטער, און אַז דער שעהנער מאַלאָראָס קוטשע־

רעווסקי האָט חתונה געהאט מיט א אידישער מיידעל מיט'ן נאָמען קרומהאלז (אין מיין צייט האָט מען איהר געהאלטען פאר דער שעהנסטער בארישניע אין שטאָדט). וועגען זיין איצטיגען מיט־קאוורטיראנט האָט אנטאָן מיר געזאָגט, אז ער איז א פעתי־גער מענש און א באלזוענער, און אז ער האָט ביי די ראדי־קאלע יונגע לייט פון ווילנא געשפילט א וויכטיגע ראָלע.

איך בין נייגעריג געווארען דעם דאָזיגען ראפּאָפּאָרט'ן צו זעהן. ענדליך איז ער אריינגעקומען. ניט קיין הויכער מאַן, מיט א באָרד, וועלכע איז אינגאנצען געוועןן ווייס פון מולינעס. פון דעם פנים און די האָר האָט ער די זייף אָפּגעשווענקט און אָפּגעווישט. אָן דער באָרד האָט ער זיך פארגעסען.

גנאטאָווסקי און מיין באגלייטערין האָבען זיך צולאכט אויפ'ן קול, און פאָרשטעלענדיג איהם, האָבען זיי מיר ערקלעהרט אז זיין צוטראָגענקייט איז א באריהמטע זאך.

מיר האָבען ווייטער גערעדט וועגען מיין אלטער היים. אויך וועגען אמעריקא, וועגען פאריז און וועגען דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. דעם שטארקסטען איינדרוק האָט אָבער אויף מיר געמאכט דאָס, וואס איך האָב געהערט וועגען ווילנא. מיר האָט זיך געדוכט, אז אין די צעהן יאהר האָט זיך אלץ געענדערט, אז עס איז א גאנץ אנדער שטאָדט מיט אנדערע מענשען. איך האָב קיין מאָל אזוי דייטליך ניט געפיהלט ווי דער לעבען שטראָמט פארביי. איך בין אוועק אין א שווערער שטימונג.

יעווא גאָרדאָן האָט מיך געפיהרט צו א רוסישען רעוואָלוציאָנער מיט'ן נאָמען ג. מיר זיינען אריין אין זעהר אַן אָרימער הויז, ארויפגעקלעטערט אויפ'ן פינפטען עטאזש און אריינגעקומען אין א קליין צימערל. מיר האָבען געפונען א יונגען ברונעט, א דארען, א בלאסען. דער הונגער איז איהם געלעגען אויפ'ן פנים. אויפ'ן בעטעל האָט זיך געפונען א צרה'דיגער מאטראץ, א דארער, אזוי ווי דער קווארטיראנט אליין. מיין באגלייטערין האָט ג.'ען געבעטען מאכען טהיי. יענער האָט געענטפערט מיט א בייז־פארשעהמטער מינע, אז ער האָט ניט קיין טהיי און קיין צוקער. דאן האָב איך זיך אָנגע־

באַטען צו געהן ברענגען טהיי מיט צוקער מיט געבעקס. אָבער ג. האָט מיך ניט געלאָזען. מיט אַן אויסדרוק פון בושה און פאַרבי־סענקייט האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזאָגט אַז „מען דאַרף ניט". וואָס מעהר איך האָב זיך ביי איהם געבעטען, אַלץ בייזער איז געוואָרען זיין פּנים. איך האָב איהם געמוזט פאָלגען.

אין פּאַריז האָט זיך דאַן געפונען אַ היבשע צאָל אַנטלאָפענע רוסישע רעוואָלוציאָנערען, און ג. איז ניט געווען דער איינציגער וואָס האָט אַזוי געהונגערט. די, וואָס פלעגען באַקומען געלט פון זייערע עלטערען, פלעגען זיך מייסטענס טיילען מיט די אַנדערע. די צאָל פון די, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין מיטלען, איז אָבער געווען צו גרויס.

ג.'ס אויסגעהונגערטען פּנים קען איך קיין מאָל ניט פאַר־געסען. אין אַמעריקאַ האָבען מיר פון קיין אינטעליגענטע רוסי־שע אימיגראַנטען וואָס זאָלען זיך געפינען אין אַזאַ צושטאַנד, ניט געוואוסט. כמעט יעדער פון אונז האָט געפונען אַרבייט אויף אַ פאַבריק. דאָרטען, ווידער, איז קיין אַרבייט ניט געווען, און צווייטענס, איז זעלטען וועמען פון די אינטעליגענטען איינגעפאַלען אין זינען צו געהן זוכען אַזאַ באַשעפטיגונג. אַז אַ געבילדעטער מענש זאָל זיך פאַרדינגען אויף אַ פאַבריק אַלס אַ פּראָסטער אַר־בייטער — צו אַזאַ געדאַנק איז מען אין יוראָפּ ניט געווען גע־וואוינט. דאַוויד גאָרדאָן איז געווען איינער פון אַ גאַנץ קליינער צאָל אויסנאַהמען אין דיזער באַציהונג. די ביסעל אידישע אַר־בייטער וואָס פּאַריז האָט פאַרמאָגט זיינען געווען בעל מלאכה'ס פון דער היים, מייסטענס היטעל־מאַכער.

מיין לעקטשור איז פאָרגעקומען אין אַ קעלער, אַ סקליעפּ. אין סך הכל האָבען געמוזט זיין ביי הונדערט און פופציג מענשען, אפשר נאָך וויינינגער; און די אַרבייטער זיינען געווען אַ מינאָ־ריטעט. די איבעריגע זיינען געווען סטודענטען, מייסטענס רעוואָלו־ציאָנערען פון רוסלאַנד.

צו אַזאַ עולם בין איך ניט געוואוינט געווען צו ריידען אויף אידיש. אין אַמעריקאַ און אין ענגלאַנד האָב איך אַדרעסירט מאַסען אידישע אַרבייטער, און דאָ איז די מאַיאָריטעט באַשטאַ־

נען פון געשטודירטע רוסישע אידען, וועלכע זיינען געווען אפגע־פרעמדט פון דער אידישער שפראך. איך האב פארשטאנען, אז דא דארף מען רעדען אויף רוסיש און נים אויף אידיש, און איך האב אזוי געוואלט טאן; נאר די פיהרער פון דעם פאראיין האבען געפאדערט, אז איך זאל דוקא ריידען אידיש. גלייך ווי איך האב אנגעפאנגען מיין רעדע, האב איך דערפיהלט, אז זי קלינגט מיינע צוהערער ווי א שפאס. דאס האט מיר געשטערט. מיר האט זיך געוואלט אוועקוארפען אין מיטען.

דער „בונד" איז נאך דאן נים געבארען געווארען, און פון א ספעציעל אידישער ארבייטער באוועגונג האט מען אין רוסלאנד נים געוואוסט. דא און דארטען האבען רעוואלוציאנערען אריינ־געצויגען קליינע גרופען אידישע בעל־מלאכה'ס און זיך געסטא־רעט זיי צו ענטוויקלען. אבער קיין באדייטונג האט דאס נים געהאט, און אפילו די דאזיגע אידישע בעל־מלאכה'ס האבען די רעוואלוציאנערען געפרופט ענטוויקלען אויף רוסיש.

מיין טעמא איז געווען די אידישע ארבייטער באוועגונג, וועלכע איז געשאפען געווארען אין אמעריקא און אין ענגלאנד. דאס איז געווען א נייעס, פון וועלכע רוסישע סאציאליסטען האבען קיין באגריף נים געהאט. דער ענין איז מיינע צוהערער געווען פרעמד און האט זיי ווייניג אינטערעסירט.

דאס אלץ האב איך געפיהלט און איך האב נים געערעדט אויף מיין געוועהנליכען שטייגער. מיין רעדע איז געווען נים קיין געראטענע.

אפלאדיסמענטען האב איך באקומען גענוג. זיי זיינען אבער פאר מיר געווען א קנאפע טרייסט. נאך דער לעקטשור האבען אייניגע פון די רעוואלוציאנערען אויסגעדריקט באוואונדערונג ווי אזוי מען קען נאר האלטען א רעדע אויף אידיש. זיי האבען מיר געפרעגט וועגען דער „ארבייטער צייטונג" און אונזערע אידישע יוניאנס און וועגען דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי פון אמעריקא. זיי האבען דאס געטאן אויף אזא שטייגער, ווי אן ערוואקסענער מענש פרעגט ביי א קינד וועגען זיין סקול, — אזוי ווי די איינציגע זאך וואס מען קען נעמען ערנסט וואלט געווען די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין רוסלאנד. נאר איין יונגער

מאַן האָט וועגען אונזער באוועגונג גערעדט מיט אַן אמת'ן אינ־טערעס. דאָס איז געווען אַ מיטגליד פון פּלעכאַנאָוו'ס רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, די פּארטיי, וועלכע איז געווען איבער־צייגט, אַז די אויסלייזונג פון רוסלאַנד קען נאָר קומען דורך דער אַרבייטער באַוועגונג.

9.

פּעטער לאַווראָוו.

אין פּאַריז האָט דאַן געוואוינט דער באַריהמטער פּעטער לאַווראָוו, דער עייסטיגער פיהרער פון די רוסישע פרייהייטס־קעמפּער. אין דעם צווייטען באַנד איז דערמאָנט געוואָרען דער אָפענער בריף (אַ גאַנצער בוך), וואָס פּלעכאַנאָוו האָט צו איהם געשריבען אונטער דעם טיטול „אונזערע מיינונגס־פאַרשידענהיי־טען". פּלעכאַנאָוו'ס איינפלוס איז זינט דאַן שטאַרק אויסגע־וואַקסען. דער רעספּעקט צו לאַווראָוו'ן איז אָבער אַלץ געווען גרויס. ראַדיקאַלע רוסען וואָס האָבען באַזוכט פּאַריז, פּלעגען צו איהם קומען ווי חסידים צו זייער רבי'ן.

איך האָב געוואוסט, אַז ביי איהם פאַרזאַמעלט מען זיך אַלע דאָנערשטאָג אָוונט און אַז אין אַנדערע טעג האָט ער קיין חשק ניט אויפצונעהמען געסט. איך האָב איהם אָבער דוקא געגאַרט צו זעהן ווען קיין אַנדערע מענשען זיינען ניטאָ דערביי. איך האָב געוואָלט מיט איהם האָבען אַן אונגעשטערטען געשפּרעך. אַלזאָ, האָב איך איהם געלאָזט וויסען, אַז אַ רוסישער סאָציאַליסט, וועל־כער פאָהרט אַלס דעלעגאַט פון אַמעריקאַנער אידישע אַרבייטער צו דעם בריסעלער קאָנגרעס, ווייל האָבען דעם פאַרגעניגען מיט איהם באַקאַנט צו ווערען און איהם צו אינטערוויוען; אַלס רעזולטאַט, האָט ער מיר געשריבען אַ בריוועל פול מיט וואַרימער גאַסט־פריינדליכקייט און געבעטען קומען צו איהם אין אַ געוויסען פריהמאָרגען.

ער האָט געוואוינט אויף אַ קליינער קוואַרטיר אויפ'ן דריטען אָדער פערטען עטאַזש, אין אַן אָרימער הויז אויף רי (גאָס) סאַן זשאַק. איך בין צו איהם געקומען אין אַ מאָנטאָג פאַרמיטאָג.

ווען איך האָב אָנגעקלונגען, האָט זיך די טיר געעפענט, און אויפ'ן שוועל איז געשטאַנען א הויכער, סטאַטנער גרויער מאַן, אין א לייווענטענעם שלאָף־ראָק — א פריץ פון קאָפּ ביז די פיס און א געלעהרטער פון קאָפּ ביז די פיס.

ער האָט מיר אריינגעפיהרט אין זאַל און געבעטען זיצען. די ווענט זיינען געווען פארדעקט מיט ביכער, און די פּאָר אנדערע צימערלעך, וועלכע האָבען זיך געזעהן פון דאָרטען, זיינען אויך געווען פול מיט ביכער.

מיר האָבען געהאַט א לאַנגען שמועס — וועגען רוסלאַנד און וועגען אמעריקא. אונזער אידישע באוועגונג האָט איהם אינטע־רעסירט. ער האָט מיר געשטעלט א פראַגע נאָך א פראַגע. די אידישע יוניאָנס, זייער ראדיקאַלער גייסט, אונזער אינטערעס אין דעם רוסישען קאַמף — דאָס אַלץ האָט פון איהם ארויסגערופען אויסדרוקען פון צופרידענהייט און סימפּאַטיע.

ביים זעגענען זיך האָט ער מיר געבעטען קומען אויף זיין „זשור פיקס" (א באַשטימטער טאָג אין וואָך, ווען מען נעמט אויף געסט), דאָנערשטאָג אָווענט, און איהם אויך צו באַזוכען נאָך אמאָל אין א פריהמאָרגען, ווען איך וועל פאָהרען צוריק פון קאַנגרעס.

אין דער מינוט, ווען ער האָט מיר באַגלייט ביי מיין אוועק־געהן, איז צו איהם געקומען א שעהנער, הויכער, פיין־געקליי־דעטער יונגערמאַן. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אז דאָס איז א פּלימעניק פון לאָרים מעליקאָוו, דער געוועזענער הויפּט־מיניסטער פון רוסלאַנד, וועלכער האָט בעאיינפלוסט אלעקסאַנדער דעם צווייטען, עטליכע טעג פאַר זיין (אלעקסאַנדער'ס) טויט, אונ־טערצושרייבען א קאָנסטיטוציע. דער וויזיט איז געווען א געהיימער. אויף אַן עהנליכען שטייגער פלעגען צו לאַווראָוו'ן קומען אנדערע ליבעראַל־געשטימטע פערזאָנען, וואָס האָבען געהאַט וויכטיגע פאַר־בינדונגען אין רוסלאַנד. אָפט פלעגט דער גאַסט איהם איבערלאָזען א גרעסערע אָדער קלענערע סומע פאַר רעוואָלוציאָנערע שריפטען.

ווען דער באריהמטער שריפטשטעלער טורגעניעוו האָט געלעבט (און ווי באַקאַנט האָט ער אויך געוואוינט אין פּאַריז), פלעגט ער זיך מיט לאַווראָוו'ן זעהן גאַנץ אָפט, אויך אויף א

געהיימען שטיינער; און דער איינפלוס פון דעם רעוואָלוציאָנערען דענקער מערקט זיך אין אַ פּאָר פון טורגעניעוו׳ס זאַכען.

אין דעם טאָג, ווען איך האָב באַזוכט לאַווראָוו׳ן, האָב איך זיך אויפ׳ן גאַס באַגעגענט מיט אַ יונגענמאַן, וועלכען איך האָב געקענט אין ווילנא. ווען איך בין געווען אין דער היים, איז ער גע־ווען אַ ישיבה־בחור. ער האָט זיך אָבער שטאַרק אינטערעסירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און איך האָב איהם עטליכע מאָל געזעהן אין סאָלאָמאָן מענאַקער׳ס הויז. איצט, אַלזאָ, אין פּאַריז, האָב איך זיך מיט איהם געטראָפען אויף איינער פון די נאַסען פון דעם לאַטיינישען קוואַרטאַל. ער האָט מיר אָפּגעשטעלט. איך גיב אַ קוק: אַ מאַן מיט אַ טיף־ברונעטען פּנים, מיט סאַרע אויגען — יענער ישיבה בחור, אבער אָהן דעם ישיבה־בחור׳שען געשטאַלט. אין די צעהן יאָהר האָט ער זיך געענדערט. אָנשטאָט דעם אמאָלי־גען „קלויזניק" האָב איך פאר זיך געזעהן אַ מאַן מיט אַן אָפּ־שפּיגלונג פון זעלבסט־ווירדע און אינטעליגענץ אויף דער דונקעלער געזיכט. איך האָב איהם גלייך דערקענט. אָבער זיין נאָמען האָב איך פארגעסען. ער האָט מיר דערמאָנט. שולמאַן האָט ער געהייסען.

עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז ער האָט שוין אַ פּאָר יאָהר פארבראַכט אין רוסישע טורמעס, און פינף יאָהר אין סיביר. אַרעסטירט האָט מען איהם אין ווילנא, וואו ער האָט געוואָלט אָוועקשיקען אַ קאַסטען מיט שריפט אויפ׳ן וואָקזאַל. דער קאַס־טען איז געווען צו שוואַך פאר דער משא, און די בלייענע אותיות האָבען זיך גענומען שיטען. ער האָט געפּרובט אַנטלויפען. מען האָט איהם אבער געכאַפּט.

דאָנערשטאָג אָווענט ווען איך בין געקומען צו לאַווראָוו׳ן האָב איך דאָרטען געפונען שולמאַנ׳ען. ער האָט דעם אַלטען געלערטען געהאָלפען אויפנעמען די געסט און ער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ מין פּריוואַט־סעקרעטאַר ביי איהם.

דער זאַל איז געווען אויפגעראַמט און באַלויכטען יום־טוב׳דיג און לאַווראָוו איז געווען אויסגעפּוצט. אַ חוץ איהם און

שולמאַנ'ען האָב איך געפונען צוויי רוסיש־אידישע מיידלעך. דערנאָך זיינען אָנגעקומען נאָך געסט — א פּאָר פרויען און א פּאָר מענער. שולמאן און איינע פון די מיידלעך האָבען ארומגע־פּאַדעט ארום דעם סאַמאָוואר און דערלאַנגט טהיי מיט געבעק.

לאַווראָוו'ס איינקונפט איז געווען זעהר א באַשרענקטער. אויף כיבוד, דאָנערשטאָג אָוונט, האָט אָבער געמוזט זיין, ווען עס וואָלט איהם אפילו אויסגעקומען עפּעס צו פארזעצען. ער איז געווען א געבאָרענער אריסטאָקראַט, און דיזער „זשור פיקס" איז איז ביי איהם געווען הייליג. ביי איינינע פון די רוסישע רעוואָ־לוציאָנערען וואָס האָבען געוואוינט אין פאריז איז דער אָוועגט אויך געווען הייליג. וואָרים צו לאַוואָוו'ן האָבען זיי געפיהלט דעם העכסטען רעספּעקט און ליבע. און עס זיינען אויך געווען אזעלכע וואָס פלעגען א גאַנצע וואָך ווארטען אויף די בולקעלעך מיט טהיי, מיט וועלכע ער וועט זיי מכבד זיין.

די דאמען האָט לאַווראָוו ניט אויפגעהערט צו שענקען אויפמערקזאמקייט. איך האָב נאָך פריהער געהערט אז ער איז א „גרויסער קאַוואַליער". איצט איז דאָס באַשטעטיגט געוואָרען. דער באַרישניע האָט ער געגעבען א קאָמפּלימענט, יענער האָט ער געזאָגט א קאַוואַליערישען וויץ. ער האָט אבער די מענער אויך ניט פאַרנאַכלעסיגט. זיין גאַסט־פריינדליכקייט איז געווען א שעהנע, אן איידעלע. דאכט זיך ער רעדט מיט איינעם וועגען א בוך, זיינע אויגען זעהען אבער צי דער האָט גענוג צוקער אין זיין טהיי, צי יענעם געפעלט די געבעק.

דער אָוועגט האָט אויף מיר איבערגעלאָזען א זעהר אנגענע־מען איינדרוק.

10.

איי לואוור. — די ווענערא פון מילאָס. — אין די קאַפּעס פון דעם לאַטיינישען קוואַרטאַל. — אן אינטערע־סאַנטער רוסישער דאָקטאָר.

מיר האָט אימער אינטערעסירט דער לואוור מוזעאום, און אויף דיזען וויזיט מיינעם אין פאריז האָב איך איהם באַזוכט

דריי מאָל. דעם ערשטען מאָל האָט מיר אהין געפיהרט גאָרדאָנ'ס שוועסטער. געהענדיג אהין האָב איך הויפּטזעכליך געהאט אין זינען די ווענערא פון מילאָס*).

איך האָב זיך אזוי פיל אָנגעהערט וועגען איהר מאַיעסטעטישער שעהנקייט. דעם שטאַרקסטען איינדרוק האָט אויף מיר געמאכט דער געפיהל וואס זי האָט ארויסגערופען אין היינריך היינע'ן, וועלכער איז געפאַלען צו איהרע פיס מיט טרעהרען פון באוואונדערונג און באגייסטערונג אין זיינע אויגען. איך האָב געגלויבט, אז דיזע ליעב־געזאנגען און מעשות זיינען א סך איבערטריבען אָדער צוגעפּוצט אויף א פּאָעטישען שטייגער; און אויב זי איז ווירקליך אזוי וואונדערבאר, דאַרף מען זיין א מבין אויף סקולפּטור־ארבייט אום איהר צו קענען אפּשעצען. דער געוועהנליכער מענש וואָס האָט געזעהן די ווענערא פון מילאָס, רעדט וועגען איהר מיט ענטציקונג, פּשוט ווייל אזוי איז די מאָדע. אַלע זאָגען אז זי איז זעלטען שעהן, — זאָגט מען נאָך. אזוי האָב איך זיך געקלערט.

געהענדיג צום לואוור האָב איך געזאגט צו מיין באגלייטערין מיט שפּאס: „מיין ערשטע פליכט איז נאַטירליך צו זעהן די ווענערא פון מילאָס. לאָמיר איהר באַקוקען, לאָמיר באגייסטערט ווערען און געהן ווייטער“.

די סטאַטוע געפינט זיך אין א באזונדערען צימער ביים ענד פון א לאַנגען קאָרידאָר אויף דעם אונטערשטען פלאָר. זי איז ארומגעצאַמט מיט א זיידענע שטריק און אויף דער ערד ליגען

*) ווענערא האָט ביי די פּאַרציוויטיגע רוימער געהייסען די געטין פון פרויען־שעהנקייט און פון ליבע. זי פלעגט פאָרגעשטעלט ווערען אין דער פאָרמע פון א שעהנער פרויען־פיגור, אויסגעשניצט פון מירמל־שטיין. עס זיינען איבערגעבליבען פאַרשידענע פיגורען אַזעלכע, און יעדע פון זיי טראָגט אַ בעזונדערען נאָמען, לויט דעם פּלאַץ וואו מען האָט איהר געפונען, אָדער וואו זי געפינט זיך היינט. די ווענערא פון מילאָס (אָדער מילאָ) האָט מען געפונען אויף דעם גריכישען אינזעל מילאָס, אונטער דער ערד, אין 1820. זי רעכענט זיך פאַר די שעהנסטע פון אַלע ווענערא פיגורען און פון אַלע מירמעל־שטיינערנע פיגורען איבערהויפּט. מען גלויבט, אַז זי איז געמאַכט געוואָרען אונגעפעהר ביי פיר הונדערט יאָהר פאַר דעם געבורט פון קריסטוס.

דערביי א פאָר מירמעל־שטיינערנע שטיקלעך וועלכע האָבען זיך אָפּ־געבראָכען פון דער פיגור (אזוי, וויינינגסטענס, גלויבט מען) איידער מען האָט איהר אויסגעגראָבען פון אונטער דער ערד.

מיר זיינען אהין אריין. איך האָב די פיגור באַקוקט און געזאגט: „נו, איך בין שוין ענטציקט; מיר קענען שוין געהן ווייטער". איך האָב ניט געזעהן פון וואָס מען מאכט דאָ אזא וועזען.

מיר זיינען ארויף אויף א העכערען עטאזש, וואו עס געפינען זיך אוצרות פון באריהמטע צירונגען, קרוינען, אלערליי אנדערע קאָסטבארע זעלטענהייטען; מיר זיינען געגאנגען דורך די לאנגע, לאנגע זאלען, וואו עס הענגען די בילדער פון די גרעסטע וועלט־באריהמטע מאהלער פון אלערליי צייטען און לענדער. אזוי געהענדיג און קוקענדיג אויף די ווענט, האָב איך געפיהלט, אז מיר ווילט דער ווענערא פון מילאָס זעהן נאָך אמאָל.

אין דעם לואוור דארף מען פארברענגען גאנצענע וואכען. יעדער זאל איז פול מיט וואונדערליכע זאכען, און זאלען אזעלכע זיינען פאראן אָהן א שיעור. און אויב מען וויל די בילדער ריכטיג באנעהמען, קען מען א געמעלעכץ מיט איין קוק ניט אָפּ׳פּטר׳ן.

אין איינעם פון די ריזינע בילדער־זאלען האָב איך זיך אוועק־געזעצט לעבען א מאַן, וואָס איז געזעסען אויף איינער פון די סאָפּעס, וואָס שטעהען אנטקעגנען די מאלערייען. ער האָט געהאל־טען אַן אָפענעם בוך אויף׳ן שויס, און עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דער בוך איז אַן ענגלישער. געקוקט האָט ער צוערשט ניט אין בוך, נאָר אויף דעם בילד וואָס איז געהאנגען אנטקעגען איהם. דער־נאָך האָט ער זיינע אויגען אריבערגעטראָגען צום בוך. עס איז ניט געוועזען קיין קאטאלאָג פון די בילדער, נאָר א ראָמאַן. איך האָב איהם געשטעלט א פראגע וועגען דער געמעלעכץ. מיר האָבען זיך צורעדט און ער האָט מיר ערקלערט:

„סתם א קוק טאָן און אַוועקגעהן האָט קיין זין ניט — האָט ער געזאָגט — איך טו אזוי: איך זיץ און קוק ביז מיין אויפ־מערקזאמקייט ווערט מיד. דאן לעז איך עטליכע פיידזשעס;

דערנאָך קוק איך ווידער אויפ׳ן בילד און אזוי ווייטער. אויף דיזען אָרט שטודיר איך דעם לוואוור.״

ער האָט גערעדט מיט אַן אַמעריקאַנער אַקצענט:

— און וויפיל וועט דאָס אייך נעהמען? — האָב איך איהם געפרעגט.

— איך בין שוין דאָ דעם פערטען מאָל, און יעדעס מאָל פארברענג איך דאָ צו עטליכע טעג, — האָט ער געענטפערט.

מיר האָט פאַרדראָסען פאַרוואָס איך קען אויך ניט טאָן ווי ער.

אַ גאַנץ אַנדערען איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט אַ צווייטער אַמעריקאַנער. איהם האָב איך דערזעהן אין איינעם פון די זאַלען וואו עס שטעהען פּאַרצייטיגע גריכישע וואַזעס. ווען איך בין געגאַנגען דורך יענעם זאַל, איז ער געווען כמעט אויסגעצויגען אויף דער ערד, מיט אַ נאָטיץ־ביכעל אין האַנט. ער איז געלעגען ביי דער נידעריגסטער פּאָליצע פון אַ גרויסען שראַנק, געקוקט אויף די וואַזעס און אין זיין קאַטאַלאָג און געשריבען ביי זיך אין ביכעלע. זיין קאָפּ און פיגור זיינען מיר אויסגעקומען זעהר בעקאַנט. דערנאָך האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז דאָס איז טאַקע מיינער אַ באַקאַנטער פון ניו יאָרק, אַן עכטער יענקי, מיט וועמען איך האָב זיך בעגעגענט צווישען די הענרי־דזשאָרדזשיסטען. ער האָט געמאַכט נאָטיצען אין זיין ביכעלע, כדי ער זאָל קענען נאָכהער אין אַמעריקא דערצעהלען וואָס ער האָט געזעהן. ער האָט אָבער דאָס געמאַכט אין איילעניש. ער האָט די וואַזעס באַקוקט נאָר פון יוצא וועגען. ער האָט נאָר פאַרשריבען וואָס פאַר אַ וואַזע, פון וועלכען יאָהרהונדערט און פון וועלכען פּלאַץ.

וואָס אַנבעטרעפט מיר, בין איך פון אייניגע בילדער ווירקליך ענטציקט געווען, אָבער נאָר פון אייניגע. ווייטער האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק די גאַנצע מאַסע בילדער און וואַזעס — אַלע אינאיינעם. דער פאַקט, אַז יעדער אָדער יעדע פון זיי רעכענט זיך פאַר אַ קונסט־ווערק, און אַז דיזע אַלע אַלטע אוצרות זיינען צוזאַמענגענומען אין דיזע זאַלען און קאָרידאָרען, האָט מיך איבערראַשט און אָנגעפילט מיט עהרפורכט. פילע פון די וואַזעס האָבען ווירקליך געהאַט אַ זעלטענעם

חן. איך האָב דאָס געקענט אָפּשאַצען און האָב זיי באַוואונדערט. דער עיקר איז אָבער ביי מיר געווען דער געדאַנק, אַז דיזע אַלע וואָזעס זיינען געמאַכט געוואָרען העכער ווי צוויי טויזענט יאָהר צוריק; געמאַכט געוואָרען פון יענע פּאַרצייטיגע גריכען, וועגען וועלכע איך האָב געלערנט און געלעזען. די אַלטע גריכענלאַנד איז דורך זיי פּלוצלונג געוואָרען אַ לעבעדיגע מדינה ביי מיר.

איך האָב געוואָלט אַלץ איינשלינגען. אָבער קיין צייט גוט צו באַטראַכטען די בילדער מיט די וואָזעס מיט די אַנדערע קונסט־זאַכען האָב איך ניט געהאַט.

איך האָב ספּעציעל באַקוקט די בילדער פון רובענס, פון רעמבראַנדט, פון וואַן־דייק, פון וועלאַסקעז און פון אַנדערע באַריהמטהייטען. די עטליכע בילדער פון ראַפאַעל, וואָס דער לואוור פאַרמאָגט, האָבען מיר צוטומעלט דעם מוח. איך האָב זיך געקלערט: עס איז, דאַכט זיך, ניטאָ פון וואָס נתפּעל צו ווערען. אָבער די וועלט האַלט איהם פאַר דעם גרעסטען מאַהלער, איז דאָס מסתמא וואונדערבאַר, נאָר איך פאַרשטעה ניט. אַלזאָ, האָב איך אָנגענומען דעם וואָרט פון דער וועלט. איך בין באַגייסטערט געוואָרען פון דעם פאַקט, אַז אַלע זיינען באַגייסטערט. איך האָב געברענט מיט דורשט צו פאַרשטעהן און צו וויסען.

אָבער איינינגע בילדער האָבען אויף מיר ווירקליך געמאַכט אַ טיפען איינדרוק.

געהענדיג צוריק, האָב איך ווידער באַזוכט די ווענערא פון מילאָס, און דיזען מאָל האָב איך דערפיהלט איהר געטליכע שעהנקייט. די הויכע פיגור איז דורכגעדרונגען מיט אַן ערהאַבענעם שטאָלץ; אין איהר מינע איז אויסגעדריקט אַ באַצויבערענדע דערוויטערטקייט און פרעמדקייט; אַ הייליגע רוהיגקייט.

אויף מאָרגען אין דער פריה בין איך ווידער געלאָפען אין לואוור. איך האָב ניט געהאַט קיין צייט צו זעהן די בילדער, אָבער די ווענערא האָב איך באַזוכט. אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך דאָרטען ווידער געווען, און דיזען מאָל האָב איך, אויסער דער ווענערא, באַקוקט פילע פון די אַנדערע סטאַטוען,

און האָב פאַרבראַכט אַ סך צייט אויף דעם אויבערשטען עטאַזש פון דעם לוואוור.

איך האָב אויך באַזוכט דעם מוזעאום קליני, אויף דעם בולוואר סען מישעל, וואו איך האָב געזעהן פאַרשידענע טשיקאַווע זאַכען פון דעם לעבען אין מיטעל־אַלטער.

אויך בין איך געגאַנגען זעהן נאַפּאָלעאָן'ס קבר, און האָב באַזוכט פּער לאַשעז — דעם בית־עולם, וואו עס ליגען די קרבנות פון דער קאָמונע פון 1871.

מיט מיינע באַקאַנטע, נייע אָדער אַלטע, פלעג איך זיך טרעפען אין דעם אָדער יענעם קאַפע, אויף דעם בולוואר סען מישעל, אָדער אויף אַ קליינעם סקווער דערביי, וועלכער געפינט זיך לעבען דעם אוניווערסיטעט (סאָרבאָן) און הייסט פּלאַס דע לאַ סאָרבאָן. דאָס איז דער מיטעל־פּונקט פון דעם לאַטיינישען קוואַרטאַל. די געמיטליכע אָדער פּרייליכע געשפּרעכען אַרום די טישלעך אויף די טראָטואַרען, און דער גאַנצער לעבען אַרום, האָבען מיך געצויגען צו זיך. אין איין קאַפע אַזעלכען בין איך באַקאַנט געוואָרען מיט אַ גרופּע אויסלענדער, וועלכע זיינען געווען דעלעגאַטען צו דעם זעלבען קאָנגרעס, צו וועלכען איך בין געפאָהרען. אַ פּאָר פון זיי זיינען געווען פון רומעניען. מיט עטליכע יאָהר פריהער האָבען זיי שטודירט אין פּאַריז, און איצט זיינען זיי געווען פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רומעניען. איינער פון זיי איז געווען נאַדעזשדאַ, וועלכער איז אַמאָל געווען איינער פון די גוט באַקאַנטע פּערזענ־ליכקייטען אין רומעניען.

אין דיזע קאַפעס בין איך אויך באַקאַנט געוואָרען מיט צוויי רוסישע אידען, דאָקטוירים, וועלכע האָבען פּראַקטיצירט מעדיצין אין זיד־רוסלאַנד. איינער פון זיי, אַ שטאָדט־דאָקטאָר אין דערהיים, איז אויף די זומער מאָנאַטען געפאָהרען באַקוקען די געזונדהייטס אָפּטיילונגען פון דער בערלינער, וויענער און פּאַריזער שטאָדט־רעגירונגען. איצט איז ער, אַלזאָ, געווען אין פּאַריז. ער איז געווען אַ רעדעווודיגער מענש מיט אַ גליהענדען טעמפּעראַמענט. ער האָט פּראָסט געברענט מיט דורשט נאָכ'ן

פאריזער לעבן, און פון זיינע לוסטיגע רייד האט געשפריצט מיט אינטערעסאנטע באמערקונגען.

דער גייסט פון דיזען קווארטאל, דער גייסט פון וויסענשאפט, קונסט און ליבע האט זיך דא געפיהלט אומעטום. די סאמע לופט האט דא געשריען, אז עס איז פאריז. איינמאל, ווען איך און דער טעמפעראמענטפולער דאקטאר זיינען געזעסען ביי א טישעל אויף דעם סארבאן סקווער, איז ביי א דערבייאיגען טישעל פארגעקומען אזא סצענע: א קאמפאניע יונגע פראנצויזישע סטודענטען האט פריילין געשמועסט און געזופט שווארצע קאפע. באלד האבען זיי דערזעהן ווי אין אן אפענער קארעטע פאהרט פארביי א שעהנע יונגע פרוי; זיי האבען אנגעהויבען צו איהר צו זינגען שטיפעריש. גלייך האט זי געהייסען דעם קוטשער פארקערעווען דעם פערד צו זיי. זי איז צוגעפאהרען און אראפגעשפרונגען פונקט אויפ'ן מיטען פון זייער טישעל, עס איז געווארען א הורראה געשריי, א לוסטיגער געפילדער, א מעהר־אדער־ווענינער אנשטענדיגע שטיפעריי. ענדליך האט זיך די פרוי אויך געזעצט און מען האט איהר דערלאנגט עפעס צו טרינקען.

— מיינט ניט, אז מעהר ווי הוליען קענען דיזע יונגע לייט ניט, — האט צו מיר געזאגט דער דאקטאר, וועלכער איז געווען גוט באקאנט מיט פאריז, — ווען זיי שטיפען, שטיפען זיי, און ווען זיי לערנען, זיינען אזעלכע פלייסיגע, שווער־ארבייטענדע סטודענטען אויף דער וועלט ניטא. דער אונגליק מיט אונז, רוסען, איז, וואס מיר זיינען איינזייטיג. אונזערער א סטודענט איז ענטוועדער צו סעריעז אדער אן אונאויפהערליכער פיאניצע און הולטאי.

.11

איך שרייב אהיים. — די גריגאריעווס.

איך האב געזאגט, אז זייענדיג אין פאריז, האב איך זיך דערפיהלט נעהנטער צו מיין געבורטס־שטאדט. עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז יעווא גארדאן, די ווילנערין, איז אין דערהיים

געווען א חבר'טע פון מיין קוזינע, רעוועקא, די עלטערע טאָכטער פון מיין מוהמע פייגע. זי האָט מיר דערצעהלט, אז נאכדעם ווי רעוועקא האָט געענדיגט שטודירען אין ווילנא, האָט זי פארבראכט עטליכע יאָהר אין זשענעווא, שווייץ, וואו זי איז געווען אין אוניווערסיטעט. פאר מיר איז דאָס געווען א נייעס. עס איז אזוי אויסגעקומען, אז איך האָב עטליכע יאָהר ניט געשריבען אהיים און פון דאָרטען קיין בריעף ניט באקומען.

מיין לעבען אין אמעריקא איז געווען אזוי פארשידען פון דעם לעבען פון מיינע עלטערן, אז שרייבען זיי וועגען מיינע ערפאהרונגען האָב איך ניט געקענט. געוועהנליך שרייבט מען נאָר פון יוצא וועגען, און מיר איז דאָס שווער צו טאָן. א חוץ דעם, האָט מען דאן וועגען אזעלכע טעטיגקייטען ווי מיינע קיין רוסלאנד שרייבען אָפען ניט געקענט. איז געווען א געוויסע צייט, ווען איך האָב קיין חשק ניט געהאט צו שרייבען. איך האָב אָפּגעלייגט פון וואָך צו וואָך. אזוי זיינען אוועק עטליכע מאָנאטן. און דאן האָב איך שוין באדארפט געפינען תרוצים פארוואָס איך האָב אזוי לאנג געשוויגען. פלעג איך ווידער אָפּלייגען, ווידער און ווידער. און וואָס מעהר צייט עס געהט אוועק, אלץ שווערער איז צו ערקלערען, און אלץ שווערער איז אנצוהויבען צו שרייבען.

איך בין צו מיינע עלטערען געווען שטארק צוגעבונדען. איך האָב אימער געבענקט נאָך זיי. איך האָב זיך באטראכט ווי א פארברעכער. איך האָב אָבער קיין מוט ניט געהאט זיך צו נעמען שרייבען א בריעף צו זיי.

אויף דיזען ארט קלייבט זיך א יאָהר צו א יאָהר, ביז מען ווערט צוגעוואוינט צו טראָגען דעם לאַסט פון געוויסענס־ביסע. עס איז ניט אנגענעהם צו דערמאָנען זיך, אז מען באגעהט אזא פארברעכען, סטארעט מען זיך ניט צו טראכטען וועגען דעם.

די פארבינדונגען צווישען די רוסישע אידען און די אמע־ריקאנישע זיינען דאן ניט געווען אזוי ענטוויקעלט ווי היינט. איך בין געווען זיכער, אז מיינע עלטערען הערען ניט פון מיר.

איך פלעג זיך פאָרשטעלען ווי מיין ברודעריל וואקסט אויף, און מיין מוטער מיינט, אז ער איז א בן־יחיד ביי איהר —

אז איך בין געשטאָרבען. אין אזעלכע מינוטען פלעג איך פיהלען די טיפסטע שמערצען פון זעלבסט־באשולדיגונג. איך פלעג זיך געבען א נדר, מאָרגען צו שרייבען אהיים; און מאָרגען פלעג איך דאָך ניט שרייבען *).

ווען זיי וואָלטען זיך געגוויטיגט אין מיין שטיצע, און איך וואָלט זיי שטיצע געקענט געבען, וואָלט געווען אנדערש. אויפ־געהאַלטען האָט זיי אָבער מיין רייכער פעטער, חיים־לייב, פון פעטערסבורג, און איך אליין האָב געלעבט פון האַנט אין מויל.

דער פאקט, אז איך ווייס אפילו ניט אז מיין קוזינע האָט עטליכע יאָהר פארבראכט אין דער שווייץ, האָט אויף מיר געמאכט אַן אונבאשרייבליכען איינדרוק. עס האָט מיר באוויזען, אויף אַן איבערראשענדען שטייגער, ווי ווייט איך בין אָפּגעפרעמדט פון דער היים. איך בין ערשטוינט געוואָרען. און דאָ איז פּאַריז! איך בין אזוי נאָהענט צו זיי — אזוי נאָהענט און אזוי פרעמד!

דעם זעלבען טאָג האָב איך זיך אוועקגעזעצט און אויפגע־שריבען א בריעף צו מיינע עלטערען און צו מיין מוהמע׳ן. מיין הויפּט אינטערעס אין שרייבען איז געווען א ריינער — די טיפסטע ליבע צו מיינע עלטערען, צו מיין ברודער, צו דער

---

* שפּעטער האָט מיין אינגערע קוזינע חוה׳לע מיר דערציהלט דאָס פאָלגענדע: ווען זי איז שוין געווען פאַרהייראַט און גע־וואוינט אין ריגא, פלעגט זי איין מאָל אַ יאָהר קומען אין ווילנא באַזו־כען איהרע עלטערען. און אין פאַרלויף פון יעדען וויזיט אַזעלכען פלעגט זי איין נאַכט וועניגסטענס נעכטיגען ביי דער „מוהמע שרה" (מיין מוטער). און יעדעס מאָל פלעגט מיין מוטער דאַן אַרויסנעהמען א פּעקעל בריעף פון קאַמאָד, פאַנאַנדערוויקלען און לעזען פאַר איהר. דאָס זיינען געווען די בריעף, וואָס זי האָט אַמאָל באַקומען פון מיר — פון וועליזש און פון אַמעריקא. לעזענדיג פלעגט זי זאָגען: „ווער ווייסט צי ער לעבט גאָר. אפשר זיינען אַפילו זיינע ביינדעלעך שוין אויף דער וועלט ניטאָ".

מיר איז דאָס געווען שרעקליך צו הערען. מיט אַ שמערצליכער איראָ־ניע האָב איך זיך געקלעהרט, אַז איך בין געווען אַזוי פאַרטיפט אין מיין סימפּאַטיע צו דער גאַנצער מענשהייט, אַז איך האָב געהאַנדעלט ווי א מערדער צו מיין אייגענער מוטער.

מוהמען, צום פעטער, צו זייערע קינדער. מיין האַרץ האָב איך אויסגעגאָסען פאַר זיי. אָבער אז איך האָב שוין געהאַלטען אין רעדען צו זיי, איז מיר אַנגענעהם געווען זיך צו באַריהמען פאַר זיי, אַז איך בין אין פּאַריז, אַז איך מאַך אַ גרויסע רייזע. איך האָב זיי געשיקט מיין לאָנדאָנער אַדרעס און ערקלערט, אַז פון פּאַריז פאָהר איך קיין בריכעל, און אַז אין אַ פּאָר וואָכען אַרום וועל איך זיין צוריק אין לאָנדאָן.

צווישען די באַקאַנטשאַפטען, וואָס איך האָב דיזען מאָל געמאַכט אין פּאַריז, איז געווען אַ פּאָר־פאָלק מיט׳ן נאָמען גריגאָריעוו. דער מאַן איז געווען אַ קריסט, אַ רוס. ער האָט אַנטייל גענומען אין דער קאָנספּיראַציע צו טויטען אַלעקסאַנדער דעם דריטען צוזאַמען מיט גנאַטאָווסקי׳ן און ער איז אויך אַנטלאָפען. דאָ אין פּאַריז האָט ער געהייראַט מיט אַ שעהנער געבילדעטער אידישער מיידעל מיט׳ן נאָמען טאַניאַ באַרשטש. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז זי איז אַ שטיף־טאָכטער פון טראָצקי׳ן, דעם עקאָנאָם פון דעם ווילנער אינסטיטוט (טראָצקי׳ס פרוי איז געשטאָרבען נאָכדעם, ווי איך בין אוועקגעפאָהרען פון דער היים און ער האָט דאַן חתונה געהאַט מיט טאַניאַ׳ס מוטער, וועלכע איז געווען אַן אַלמנה. דאָס אַלץ איז פאַר מיר געווען אַ נייעס. מיר האָט זיך געדוכט, אַז וואו איך גיב זיך אַ קעהר, באַגעגען איך צייכענס פון גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ווילנא אין די צעהן יאָהר פון מיין אָפּוועזענהייט. אַזעלכע זאַכען האָבען אויף מיר געמאַכט אַן אונגעהויערען איינדרוק. פריהער האָט אין ווילנא, דאַכט זיך, קיין זאַך זיך ניט געענדערט, און זינט איך האָב אָפּגערייזט, ווערט אַלץ פאַרשוואונדען. עס ווערט גאָר אַן אַנדער שטאָדט, מיט אַן אַנדער לעבען).

עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז מאַדאַם גריגאָריעווא איז מיט מיין קוזינע רעוועקאַ בייראַק צוזאַמען געגאַנגען אין דעם ווילנער „זשענסקי אינסטיטוט“ (אַ גימנאַזיע פאַר מיידלעך אויף טראָקער גאַס), און אַז זיי זיינען געווען נאָהענטע חבר׳טעס.

איך בין ביי די גריגאָריעווס געווען אַ פּאָר מאָל צוגאַסט. צו זיי פלעגט קומען טאַניאַ׳ס שעסטער, אַ דיקליכע אָבער חן׳עוודיגע

מיידעל, וועלכע האָט געשטודירט אין דעם פאריזער אוניווערסי־טעט. מיר האָבען געשמועסט וועגען טראָצקי׳ן וועגען רעוועקא׳ן, וועגען ווילנא אין אלגעמיין און וועגען דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג.

גריגאָריעוו (דאָס איז געווען זיין רעוואָלוציאָנערער נאָמען, זיין אמת׳ן נאָמען געדענק איך ניט) איז געווען פארליבט אין זיין פרוי, און זי אין איהם. זיי האָבען געלעבט ווי א פּאָר טייבעלעך. מען האָט אָבער געקענט זעהן, אז ער בענקט נאָך רוסלאנד זעהר שטארק.

איין מאָל האָב איך זיי איינגעלאדען אין דער אָפּערא. מען האָט געשפּילט מייערבער׳ס „ראָבערט דער טייפעל". ווען מיר זיינען געפאָהרען צוריק פון דער אָפּערא, האָט ער אויסגעזעהן אומעדיג. איך געדענק ווי איך האָב זיך געקלעהרט: אפשר האָט די מוזיק צורייצט זיין בענקשאפט נאָך רוסלאנד.

פינפטער קאפיטעל.

דער בריסעלער אינטערנאציאָנאַלער קאָנגרעס.

.1

פון פאַריז קיין בריסעל. — רובאַנאָוויטש. — א האָלענדי־שער לעהרער. — דאמעלא ניווענהויז. — סצענעס און פער זענליכקייטען ביי דער בריסעלער פאָלקס־הויז.

ענדליך איז געקומען די וואָך פון דעם בריסעלער קאָנגרעס. איך בין פון פאַריז אָפּגעפאָהרען מיט א טאָג פריהער.

אויפ'ן וואָקזאַל איז מיר געקומען באַגלייטען א גאַנצע גרופּע רוסישע רעוואָלוציאָנערען. ביי זיי איז דער קאָנגרעס געווען א גרויסע פּאַסירונג. פון רוסלאַנד גופא האָט מען קיין דעלעגאַט נאַטירליך ניט געקענט שיקען, און פון די רוסישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען זיך געפונען אין אויסלאַנד, האָט מען נאָך דאַן אויך קיין פאָרשטעהער ניט געשיקט. דער טיטול „דעלעגאַט" אין פאַרבינדונג מיט א אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַ־ליסטישען קאָנגרעס האָט אין זייערע אויערען געהאַט א צויי־בערליכען קלאַנג. און דערצו נאָך בין איך געווען א דעלעגאַט פון דער געהיימניספולער ווייטער אמעריקא. קורץ, אין יענעם פריהמאָרגען, בשעת איך בין געשטאַנען און געוואַרט אויף דעם בריסעלער צוג, בין איך ביי די רעוואָלוציאָנערען, וואָס זיינען געקומען מיך באַגלייטען, געווען א פערזענליכקייט, וועלכע מען דאַרף מקנא זיין.

איינער פון זיי איז מיט מיר זאָגאַר געפאָהרען קיין בריסעל, ניט אַלס דעלעגאַט, נאָר סתם אַלס צוזעהער. דאָס איז געווען

רובאנאָוויטש, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרען אַלס אַ וויכטיגע פיגור פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען — אַ הויכער, אַ שעהנער, מיט שוואַרצע האָר און מיט שוואַרצע שעהנע אינטעליגענטע אויגען, און מיט אַ קליינער שוואַרצער בערדעל. ער איז געווען אַן אַנגענעהמער מענש און דורך דיזער רייזע זיינען מיר באַפריינדעט געוואָרען.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום בעלגישען גרענעץ, האָבען זיך אין אונזער וואַגאָן גענומען באַווייזען האָלענדישע דעלעגאַטען. לעבען מיר איז געזעסען איינער פון די ענגלישע דעלעגאַטען, און איך האָב מיט איהם געשמועסט. האָט זיך צו אונז צוגע־בויגען אַ יונגער האָלענדער מיט אַ דאַרען האַלז, און אונז געבעטען רעדען שטילער. ער האָט גערעדט גוט ענגליש, נאָר מיט אַ שלעכטען אַקצענט.

— איהר קומט פון אַ פרייע לאַנד, ווייסט איהר ניט פון קיין געפאַהר, — האָט ער מיר אריינגעשושקעט אין אויער, — אונז אָבער, ווען מיר ווע‍לען קומען צוריק אין האָלאַנד, וועט מען אפשר פאַרפאָלגען. מיר מוזען זיין פאָרזיכטיג.

דערנאָך האָט ער מיר ווידער ערקלערט:

— איך דאַרף זיך ספּעציעל היטען; איך בין אַ שול לעהרער און איך קען מיין שטעלע פאַרלירען.

לעבען איהם איז געזעסען אַן עלטערער מענש, אַ הויכער, זעהר אַן אינטערעסאַנטער אויפ׳ן אויסזעהן, מיט לאַנגע געגריי־זעלטע האָר, מיט גוטע, גרויע אויגען. דאָס איז געווען דער פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין האָלאַנד, דאָמעלאַ ניווענ־הויז*). דער איינגערער מאַן האָט איהם באַדינט ווי אַן איבערגע־געבענער תלמיד באַדינט אַ באַליבטען רבי׳ן.

אין בריסעל זיינען מיר אָנגעקומען שבת נאָך מיטאָג. ביים וואָקזאַל האָט אונז אויפגענומען אַ קאָמיטע פון די דאָרטיגע

*) פריהער איז ער געווען אַ גלח אין דעם קעניגליכען הויף. אין שפּעטערע יאָהרען איז ער איבערגעגאַנגען פון די סאָציאַליסטען צו די אַנאַרכיסטען און איז געוואָרען זייער פיהרער.

י. רובאַנאָוויטש (אין 1891).

גענאָסען. דער טשערמאַן פון דער קאָמיטע איז געווען אַן עלטער־גאַנטער יונגערמאַן מיט'ן נאָמען וואַנדערוועלדע*). ער און די איבעריגע מיטגלידער פון דער קאָמיטע, וועלכע מיר האָבען דער־קענט נאָך די רויטע בעדזשעס וואָס זיי האָבען געטראָגען, האָבען אונז אוועקגעפיהרט אין א האָטעל.

בריסעל איז אן אלטע שטאָדט. איהרע וויכטיגסטע גאַסען זיינען ברייט און שעהן, און די קאַפעס מיט די טישלעך אויף די סייד־וואָקס עראינערען אָן פּאַריז. דאָס איז אָבער די נייערע טייל פון דער שטאָדט. אביסעל ווייטער זיינען די גאַסען שמאָל און גע־דרעהט און זיי גערען ארויף־בארג. עס שמעקט מיט פארצייטיגקייט.

אין בריסעל געפינען זיך איינינגע גאַנץ אלטע מאָנומענטען. דער ראטהויז (סיטי־האָל) שטעהט אויף א קליינעם סקוועער, וועלכער איז ארומגעצאַמט מיט געביידעס פון מיטעל־אלטער. ווען איך האָב זיך געפונען אויף דעם ראטהויז סקוועער, האָט זיך מיר גערוכט אַז איך בין אריינגעטראָגען געווארען אין דעם צוועלפטען אָדער דרייצעהנטען יאָהרהונדערט. דער פּלאַץ מאכט אַן אונפאר־געסליכען איינדרוק.

שפּעטער האָבען די דעלעגאַטען, וואָס זיינען שוין געקומען, זיך פארזאמעלט אין „מעזאָן דע פּעפּל" (פאָלקס הויז), דער צענטער פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג און פון דער קאָ־אָפּעראַטיווער באוועגונג אין בריסעל.

פאר דעם „מעזאָן דע פּעפּל" איז געווען א קליינער פּלאַץ, א סקווערל, גרויס ווי א הויף, מיט א פּאָר בענק און טישען. איך האָב זיך דאָרטען אנידערגעזעצט. באַלד האָבען גענומען אָנקומען די דייטשע דעלעגאַטען. אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג איז דייטשלאַנד געווען די וויכטיגסטע לאַנד. אזוי ווי פון ירושלים איז משה'ס תורה געגאַנגען צווישען די אידען איבער דער גאַנצער

*) ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, איז ער שוין א גרויסער מאַן. ער איז שוין לאַנג דער הויפּט־פיהרער פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און די לעצטע פּאָר יאָהר איז ער דער אויסלענדישער מיניסטער פון בעלגיען.

וועלט, אזוי איז די סאָציאַליסטישע תורה פון בערלין פאַרשפּרייט געוואָרען איבער אַלע אַנדערע לענדער. יעדע נייעס וואָס האָט פּאַסירט אין דער באַוועגונג פון דייטשלאַנד, איז באַטראַכט געווען אַלס אַ וויכטיגע נייעס פאַר אַלע סאָציאַליסטען. אוגוסט בעבעל, ווילהעלם ליבקנעכט און פּאָול זינגער זיינען ביי אונז געווען ניט נאָר די פיהרער פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, נאָר אויך די וויכטיגסטע פּערזענליכקייטען אין דער וועלט.

אויף דעם סקווערל ביי דער פּאָלקס־הויז איז געוואָרען אַ גערודער. מען האָט אַנאָנסירט אז די דייטשע דעלעגאַטען קומען. באַלד האָבען זיי זיך באַוויזען: הויכע, געזונטע מענער מיט ברייטע פּלייצעס, אַלע אין גרויסע שוואַרצע ווייכע העטס מיט ברייטע ראַמען (מיר פּלעגען דאָס רופען: „סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע העטס”). ליעבקנעכט'ן האָב איך געזעהן אין ניו יאָרק, האָב איך איהם דאָ גלייך דערקענט. מיט איהם צוזאַמען איז געקומען בעבעל און זינגער. די האַרץ האָט ביי מיר גענומען קלאַפּען. איך האָב זיך צוגעהערט צו זייערע שטימען, זיך צוגע־קוקט צו זייערע געזיכטער, צו זייערע קליידער. אַזוי פיהלט זיך אַ הייסער חסיד, ווען ער האָט ענדליך די זכיה צו זעהן דעם רבי'ן פאַר וועלכען ער איז יאָהרען־לאַנג באַגייסטערט.

דייטשע דעלאַגאַטען זיינען געווען אין אַ היבשער צאָהל. דערנאָך האָבען זיך באַוויזען דעלעגאַטען פון אַנדערע לענדער. דער סקווערל איז געוואָרען געפּאַקט. דעלעגאַטען זיינען אויך געזעסען אָדער געשטאַנען אַרום דעם „מעזאָן דע פּעפּל” גופא, אָדער אויף דער גאַס דערביי.

פון דאָרטען איז די גאַס געגאַנגען אַראָפּ־באַרג, און עס איז אויסגעקומען אזוי, אז דיזער שטיקעל געגענד איז געווען אָפּגעזונדערט. דער גאַנצער שטח, דער אָפּגעזונדערטער, איז איצט געווען פאַרנומען מיט דעלעגאַטען. עס האָט געהוזשעט ווי אין אַ ביהן־שטאָק. איך האָב געהערט אַרום זיך פאַרשידענע לשונות. איינער האָט אויסגעשריען צום אַנדערען אויף איטאַ־ליעניש, אויף רומעניש, אויף גריכיש, אויף אונגאַריש. מיר האָט זיך געדאַכט, אז איך זעה מיט די אויגען, הער מיט די אויערען און פיהל מיט אַלע מיינע חושים ווי די אַרבייטער פון דער גאַנצער

וועלט זיינען פאראייניגט. קארל מארקס'עס אויפרוף איז מקוים געוואָרען; אויף מיין הייסער איינדרוקבארער נאטור האָט די סצענע געהאט אן אויפרודערענדע ווירקונג.

איך וועל דאָ ברענגען איניגע שורות פון דער קאָרעספּאָנדענץ; וואָס איך האָב יענעם אָווענט אוועקגעשיקט צו דער „ארבייטער צייטונג". זיי שפּיגלען אָפּ די שטימונג, אין וועלכער איך האָב זי געשריבען. די קאָרעספּאָנדענץ איז אפּגעדרוקט אין נומער 36 פון דעם צווייטען יאָהרגאנג, אונטער דעם איבערשריפט: „דער ברי־סעלער סאָציאליסטישער אינטערנאַציאָנאלער ארבייטער קאָנגרעס. ערשטער בריף פון אונזער דעלעגאט, גענאָסע אב. קאהאן".

נאָך דעם דאטום — „בריסעל, שבת אָוועגט, 15טען אויגוסט, 1891" — געהען די פאָלגענדע שורות:

„דער אינטערנאַציאָנאל לעבט און בליהט! די רויטע פאָהן פון סאָציאַליזם פלאטערט איבער די פאראייניגטע ארבייטער פון דער גאנצער וועלט! קיין מויל קען ניט אויסריידען, קיין פעדער קען ניט אויסמאָהלען דעם צויבער־ביל"ד, וועלכען עס שטעלט איצט פאָר דער „מעזאָן דע פעפּל", די פאָלקס־הויז פון די בריסעלער סאָציאַליסטען, וואו דער אינטערנאַציאָנאלער ארבייטער קאָנגרעס האַלט זיינע ערשטע צוויי זיצונגען.

„די לופט איז דורכגעדרונגען מיט א געטליכען ענטוזיאזם, מיט א געפיהל פון ברידערליכקייט, פון מוט און דורשט צום פּרייהייטס־קאמף.

„די הוזשעריי און גערודער אין אלע שפּראכען, וואָס ווערען נאָר גערעדט אין דער ציוויליזירטער וועלט, מישט זיך צונויף אין א באגייסטערטען קלאנג, וועלכער צינדט אָן די הארץ מיט א רעוואָלוציאָנס־פייער, טרייבט יעדען נערוו צו דער הייליגער מלחמה און הילכט אָפּ ווי א קול מבשר וועגען דעם גיכען זיג, וועגען דער גן עדן צייט פון דעם ארבייטער'ס באפרייאונג.

„ליבע לעזער פון אונזער „ארבייטער צייטונג"! ליבע אונגליקליכע ארבייטער! אויב אין די לאנגע שווערע שטונדען פון מאטערניש און עלענד פאלט אייך אריין א דונקעלער געדאנק, אז ווער ווייסט, אפשר זיינען אייערע האָפנונגען אויפן סאָציאליזם א פוסטער חלום—אויב אייער טרייסט ווערט אמאָל פארשטערט

פון אזעלכע רעיונות, טראָגט איבער אייערע גערדאנקען צו דעם אינטערנאציאָנאלען ארבייטער קאָנגרעס. דאן וועלען אייערע צווייפלען צוזייט ווערען. די ליכטיגע צוקונפט וועט צו אייערע אויגען נעהנטער ווערען. און אייער נשמה, אזוי ווי מיין נשמה, וועט זיך רייסען עפּעס צו טאָן, בערג איבערצוקעהרען, נאָר צוזאַמען מיט דיזע בראווע חברים צו זיין און מיט זיי צוזאמען צו אונזער ערווארטעטע אויסלייזונג צו קומען.

„נאָר געגוג נאָכצוגעבען די הארץ און צו פּרופען אויסדריקען וואָס מיין שוואכע פעדער איז ניט אין שטאנד אויסצורעדען. איך וויל נאָר זאָגען, אז די גענאָסען, וואָס האָבען מיר די עהרע געגעבען זיי צו פארטרעטען, זיי דאנק איך פאר דעם הימעלשען פארגעניגען, פאר די גן־עדן מינוטען וואָס דער קאָנגרעס פאר־שאפט מיר.

„דעם שרייבער פון דיזע צייל̈ען האָט מען אלס דעלעגאט פון אמעריקא און הויפּטזעכליך אלס פאָרשטעהער פון אידישע ארבייטער אויפגענומען מיט באזונדערע ליבליכקייט.”

פון אמעריקא זיינען געווען זעקס דעלעגאטען. פיר פון זיי זיינען געווען פון אונזער סאָציאליסטישער ארבייטער פארטיי, און צוויי פון דער „סאָציאליסטישער ארבייטער פארטיי, סינסינעטער ריכטונג”, וועלכע האָט זיך אפּגעטיילט אין דער שפּאלטונג פון 1889 (זעה קאפּיטעל 13, אָפּטיילונג 5, באנד 2). אונזערע דעלעגאטען זיינען געווען: לוסיען סעניעל, מעקוויי, א יונגער דייטש פון דער וועסט און איך. מיט סעניעל'ן, דעם פראנצוי־זישען סאָציאליסט, וועלכער האָט רעדאקטירט דעם „וואָירקמענס עדוואָקעיט”, איז דער לעזער שוין באקאנט; מעקוויי איז געווען אן אייריש־אמעריקאנער. פון סאָציאליזם האָט ער ווייניג גע־וואוסט און איז זאָגאר ניט געווען קיין מיטגליד פון אונזער פארטיי. ער איז אָבער געווען דער פיהרער פון א דייטשער יוניאָן, וועלכע איז כמעט דורכאויס באשטאנען פון סאָציאליס־טען, און זיי האָבען איהם געשעצט אלס אן עהרליכען מאן און טרייען פאָרשטעהער; אלזא, האָבען זיי איהם געשיקט רעפּרע־זענטירען זייער יוניאָן אויף דעם בריסעלער קאָנגרעס. דער יונגער

דייטש (זיין נאָמען געדענק איך ניט), איז געווען א מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי. ער איז סיי־ווי־סיי געפּאהרען קיין אייראָפּא, האָט מען איהם געגעבען א קרעדענשעל.

פון די צוויי דעלעגאַטען פון דער „סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי סינסינעטער ריכטונג" איז נאָר אֵיינער ווירקליך געקומען פון אמעריקא. דאָס איז געווען האָעהן, דער פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג אין סט לואיס*). דער צווייטער איז געווען א פּראָפּסי דעלעגאַט. ער האָט געוואוינט אין וויען, און די פיהרער פון דער סינסינעטער גרופּע האָבען איהם צוגעשיקט א קרעדענשעל און געלט אויף הוצאות, מיט א ביטע זיי צו רעפּ־רעזענטירען. זיין נאָמען געדענק איך ניט.

די אנוועזענהייט פון דעלעגאַטען פון דער סינסינעטער פּראַקציע האָט סעניעל׳ען געערגערט. מיט זיין פראַנצויזישען טעמפּעראַמענט האָט ער ניט אויפגעהערט זיך צו קאָכען וועגען דעם. ער האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אויף דער מינוט, ווען עס וועט זיך עפענען דער קאָנגרעס. ווען יענע צוויי דעלעגאַטען גֶעלען אַנאָנסירען זייער פּארטיי, וועט ער פּראָטעסטירען. ער וועט ערקלערען, אז אין אמעריקא איז פאראַן איין פּארטיי, ניט צוויי; אַז זייער אָרגאַניזאַציע טוט נאָר שאַדען און אז אויב דער קאָנגרעס וועט איהר אָנערקענען, וועט עס דעמאָראַליזירען די אמעריקאנער באוועגונג.

איך האָב איהם געראַטען דאָס ניט צו טאָן. איך האָב אויסגעדריקט די מיינונג, אז אזא שריט וועט ניט זיין פּאפּולער; אז די דעלעגאַטען זיינען אין א הויכער שטימונג, און אז דער הערשענדער גייסט איז א גייסט פון ברידערליכקייט און ניט פון ברודער־קאַמף. ער האָט אָבער ניט געוואָלט הערען. מען מוז זיי ניט אנדערש ארויסטרייבען!

פערזענליך האָט ער געגען די צוויי דעלעגאַטען ניט געהאַט וואָס אויסצוזעצען. זיי זיינען ביידע געווען זעהר סימפּאַטישע

*) ער איז שוין לאַנג אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און דער רעדאַקטאָר פון די צוויי סאָציאַליסטישע וואָכען־בלעטער — אַן ענגלישער און אַ דייטשער — וואָס ערשיינען אין סט. לואיס.

מענשען. זייער ראָלע אבער אלס פאָרשטעהער פון א קאָנקורענץ פארטיי אין אמעריקא האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט אנער־קענען.

זיין קרינגערישער געמיט האָט אונטערבראָכען מיין גליקליכע שטימונג יענעם נאָכמיטאָג. מיר האָט זיך געוואָלט ארומנעמען אלע דעלעגאטען, אלע סאָציאליסטען, ניט קוקענדיג צו וועלכער פראקציע זיי געהערען. און ער האָט זיך אלץ געקאָכט און גערעדט פון פראָטעסטען. סעניעל איז אָבער געווען א זעהר ליבענסוויר־דיגער מענש, א נאָבעלער און א ווארים־הערציגער און איך האָב צו איהם געהאט דעם העכסטען רעספעקט.

2.

סאָציאַליסטישע פראַקציעס. — אַנאַרכיסטען. — מערלינא.

די אמת׳ע ארבייט פון דעם קאָנגרעס האָט זיך אָנגעפאנגען מאָנטאָג אין דער פריה. דער זאַל פון דעם „מעזאָן דע פעפל" איז געווען געפאקט מיט דעלעגאטען און מיט צוזעהער. די פלאט־פאָרמע איז געווען באפוצט מיט רויטע פאָהנען און אלע דעלע־גאטען האָבען געטראָגען רויטע בערזשעס. אז איך בין א דעלע־גאט האָב איך געפיהלט מיט יעדען שלאָג פון מיין דופק. און ווי איך האָב געקענט זעהן אויף׳ן פנים פון גענאָסע סעניעל, וועלכער האָט געקענט זיין מיין פאָטער, האָט ער געפיהלט אזוי ווי איך. ער איז געווען אזוי בעגייסטערט, אזוי צוטומעלט, אז צו מיר האָט ער גערעדט פראנצויזיש און צו פראנצויזען האָט ער גערעדט ענגליש. אין זיין געהויבענער שטימונג האָט ער אין די ערשטע מינוטען גאָר פארגעסען אָן די צוויי דעלעגאטען פון דער „סינסינעטער ריכטונג". באלד אָבער האָט ער זיך דער־מאָנט, און זיין פנים האָט זיך אָנגעצונדען מיט קאמף־דורשט. איך האָב צו איהם ווידער אפעלירט. ער איז אָבער געוואָרען בייז אויף מיר.

— וואו איז אייער טרייהייט צו אונזער פארטיי? — האָט ער געפרעגט מיט אויפרעגונג.

עס האָט זיך געעפענט די ערשטע זיצונג. די קאָמיטעס זיינען שוין אַלע געווען באַשטימט פון פריהער. אויף דער פּלאַט־פאָרמע איז געזעסען דער פּרעזידענט מיט זיינע סעקרעטאַרען און איבערזעצער. פון אַלע שפּראַכען זיינען אנערקענט געוואָרען דריי: דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. נאָר אויף דיזע דריי לשונות איז ערלויבט געוואָרען צו ריידען, און פון יעדען פון זיי האָט מען איבערזעצט אויף די אַנדערע צוויי. די וויכטיגסטע איבערזעצערין איז געווען קאַרל מאַרקס'עס טאָכטער, עלעאָנאָרא מאַרקס־עוועלינג. די אַלע דריי לשונות זיינען געווען איהרע מוטער־שפּראַכען.

מען האָט אויסגערופען די נעמען פון די לענדער און פון די דעלעגאַטען. ווען עס איז געקומען צו די פאַראייניגטע שטאַא־טען, האָט זיך סעניעל געשטעלט, און ריידענדיג אויף פראַנצויזיש, האָט ער, מיט אַ היציגער שטימע, פּראָטעסטירט געגען דער צולאָ־זונג פון די דעלעגאַטען פון דער סינסינעטער ריכטונג. מען האָט איהם אָבער באַלד אונטערבראָכען: „גענוג! גענוג! מיר ווילען ניט הערען אַזעלכע זאַכען!“ פון אַלע זייטען פון האַלל האָט מען געשריען, אַז ער זאָל זיך זעצען.

סעניעל איז געווען אַ קעמפער. ער האָט אַלעמען איבערגע־שריען. עס האָט איהם אָבער ניט געהאָלפען. עס איז כמעט איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען אַ פּאָרשלאַג, אַז מען זאָל די צוויי דעלעגאַטען אנערקענען; און עס איז ערקלערט געוואָרען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז מען וועט ניט ערלויבען אריינצו־ברענגען לאָקאַלע פּאַרטיי־צאַנקערייען; אַז עס זיינען ווילקאָמען דעלעגאַטען פון יעדער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון יעדער סאָ־ציאַליסטישער פראַקציע.

עס איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון אַנאַרכיסטען. זיי האָבען געפאָדערט מען זאָל זיי צולאָזען צום קאָנגרעס. זייער פיהרער איז געווען אַ קליינער, דאַרער איטאַליענער מיט בלויע אויגען. ווען ער האָט געהאַלטען זיין רעדע, האָט ער אַזש געפלאַמט. זיין נאָמען איז געווען מערלינא. ער האָט געמאַכט זעהר אַ גוטען

איינדרוק, אָבער צולאָזען אַן אַנאַרכיסטישע דעלעגאַציע וואָלט קיין זין ניט געהאַט. דאָס וואָס דער קאָנגרעס האָט צוגעלאָזען פאַרשידענע פראַקציעס פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז ניט געווען קיין ווידערשפּרוך. יענע זיינען אַלע געווען סאָציאַליסטען. זיי האָבען אַלע געהערט צו דער זעלבער באַוועגונג, אַנערקענט איהרע פּרינציפּען.

אויף דיזער זיצונג איז אונזער דעלעגאַט סעניעל געווען דער פּאָרזיצענדער. דער הויפּט־רעדנער געגען דער צולאָזונג פון די אַנאַ־כיסטען איז געווען אוגוסט בעבעל. זיי זיינען געגען די גרונד־פּרינ־ציפּען פון סאָציאַליזם, האָט ער געזאָגט. זייערע שטרעבונגען זיי־נען דער היפּוך פון אונזערע. אונזער אויפגאַבע איז צו בויען; זייערע — צו צושטערען. הייגט ווי אַזוי קענען מיר און זיי אַנטייל נעהמען אין דעם זעלבען קאָנגרעס?

וועגען מערלינא'ן פּערזענליך האָט ער אָבער אויסגעדריקט די העכסטע מיינונג, און ער האָט דערצעהלט, אַז מעהרערע מאָל, ווען מערלינא איז געווען אין געפאַהר פון דער פּאָליציי, האָבען דייטשע און עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען איהם באַהאַלטען און איהם געגעבען אַ מעגליכקייט צו רעטען זיך. אָבער צולאָזען איהם און זיינע גענאָסען צום קאָנגרעס — דאָס וואָלט ער גע־האַלטען פאַר אַן אונזין, האָט ער ערקלעהרט.

.3

איך שטעל די אידען־פראַגע אויפ'ן טאַגעס־אָרדנונג. — דער בריסעלער ראַבינער. — פּאָול זינגער. — וויקטאָר אדלער.

איידער איך בין אַוועקגעפאָהרען פון ניו יאָרק, האָב איך צו דער ביוראָ וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם קאָנגרעס צוגעשיקט אַ בריף, אין וועלכען איך האָב געפאָדערט אַז איינער פון די פּונקטען פון דער טאַגעס־אָרדנונג זאָל זיין:

„ווי זאָלען זיך די אָרגאַניזירטע ארבייטער פון אַלע לענדער פאַרהאַלטען צו דער אידען־פראַגע?“

די פראַגע איז געשטעלט געוואָרען אַלס פּונקט 4.

גלייך ווי איך בין געקומען קיין בריסעל, האָב איך געלאָזט דרוקען אַ קליינעם פלוג־שריפט, וועלכער האָט ענטהאַלטען אַלע וויכטיגע פאַקטען און ציפער וועגען דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג אין אַמעריקא, איהרע יוניאָנס, סטרייקס, זיגען; וועגען דעם באַגייכטערטען אַנטייל פון די אידישע אַרבייטער אין דער פייערונג פון ערשטען מאַי, און זייערע פאַרבינדונגען מיט דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער־פּאַרטיי. איך האָב דעם פלוג־שריפט פאַרטיילט צווישען די דעלעגאַטען, און ער האָט ביי זיי אַרויסגערופען אינטערעס. אייניגע פון זיי האָבען קיין באַגריף ניט געהאַט, אַז אַזאַ ערשיינונג ווי אידישע אַרבייטער־יוניאָנס איז גאָר מעגליך. זיי זיינען געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז אַ אידישער אַרבייטער איז איבערהויפּט אַ זעלטענהייט. עס האָבען זיך זאָגאַר געפונען אַזעלכע וואָס האָבען געמיינט, אַז אַלע אידען זיינען באַנקירען, פאַבריקאַנטען, סוחרים; אַז קיין אָרימע אידען זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. אייניגע פון די דעלעגאַטען זיינען צו מיר צוגעקומען מיט מיין פלוג־שריפט אין האַנט, האָבען אויסגעדריקט אַנגענעהמע איבעראַשונג מיט אונזער באַוועגונג, געשטעלט פראַגען וועגען אונזערע יוניאָנס, וועגען אַמעריקא אין אַלגעמיין.

וועגען דעם אידישען „פּונקט נומער 4“ און וועגען מיין פלוג־שריפט איז געווען געמעלדעט אין די בעלגישע און אַנדערע צייטונגען. עס זיינען צו מיר געקומען רעפּאָרטערס און צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטען. צווישען די לעצטע איז געווען אַ לאָנדאָנער זשורנאַליסט, אַ דיקלעכער, ניט קיין הויכער, מיט אַ שפּיציגע בערדעלע, אַ פיין־געקליידעטער, אַ פראַנט. ער איז געווען אַ איד און ער האָט אין דער פראַגע, וואָס איך האָב אַרויסגעשטעלט אויפ'ן טאַגעס־אָרדנונג, גענומען אַ באַזונדערען אינטערעס. ער האָט מיר אינטערוויוד. ווען איך בין געגאַנגען אין מיין האָטעל, האָט ער מיך באַגלייט. איך האָב געזעהן, אַז ער האָט עפּעס אַ ספּעציעלען מיין דערביי. און וואָס דאָס באַשטעהט אָבער האָב איך צוערשט ניט פאַרשטאַנען. ענדליך איז ער אַרויסגעקומען מיט אַן איינלאַדונג פון דעם בריסעלער ראַבינער אויף מיטאָג.

„ער פארלאנגט צו האבען די עהרע מיט אייך באקאנט צו ווערען“,
— האט ער געזאגט.

— מאַ זאָל ער קומען אין מיין האטעל! — האב איך שטאַלץ געענטפערט.

— ער איז אַ פאָרשטעהער פון דער בריסעלער אידישער קהלה, און איהר זיים אַ גאַסט — האט דער זשורנאַליסט גע־ענטפערט — לאָדעט ער אייך איין צו זיך. ער וויל איינפאַך אייך ארויסוויזען גאַסטפריינדליכקייט, און ער אינטערעסירט זיך מיט דעם פונקט, וואָס איהר האַט ארויפגעשטעלט אויף דער טאגעס־אָרדנונג פון דעם קאָנגרעס.

דער זשורנאַליסט האַט דאָס ערקלעהרט אַזוי ערנסט, מיט אַזאַ ווארימקייט, אַז איך האַב די איינלאַדונג אָנגענומען.

אין בריסעל האָבען דאַן געוואוינט וועניג אידען, און כמעט אַלע זיינע זיי געווען געשעפטס־לייט, אַ היבשע צאָל פון זיי רייכע. דער ראַבינער איז געווען פון די רעפאָרמירטע. אַן אינ־טעליגענטער היינטיגער „רעווערענד“. דרייפוס האַט ער געהייסען (שפעטער איז ער געוואָרען דער הויפּט־ראַבינער אין פאַריז). ער האַט געוואוינט אין אַ פיינע, רייך־מעבלירטע הויז; ער איז נאָך געווען אַ גאַנץ יונגער מאַן, מיט זעהר שווארצע גלאַנציגע האָר און אַ זעהר שווארצע באָרד.

אין פאַרלויף פון אונזער געשפרעך האַט דער לאָנדאָנער זשורנאַליסט געגעבען אָנצוהערענים דעם ראַבינער, אַז איך האָב צוגעגרייט אַ רעזאָלוציע, וועלכע איך וועל פאָרשלאָגען ביים קאָנ־גרעס, ווען עס וועט קומען צו דעם פונקט 4. צוערשט מיט האַלבע ווערטער, און דערנאָך אָפען, האַט דער ראַבינער מיר ערקלערט, אַז מיין רעזאָלוציע בעאונרוהיגט איהם. די אידען האָבען אַזוי פיל שונאים! און איצט, אַז מען הערט פון אַ סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג ביי אידען, וועט מיין רעזאָלוציע אויפרייצען די אַנטי־סעמיטען. אַלזאָ איז ווינשענסווערט, אַז איך זאָל האָבען אין זינען די געפאַהר, און אין מיין רעדע זאָל איך געברויכען די גרעסטע פאָרזיכטיגקייט.

מיר האָבען געהאַט אַ העפליכע דעבאַטע. איך האָב געזעהן, אַז ער איז אַבסאָלוט אונבאַקאַנט מיט אונזער שטאַנדפּונקט

זיין אונרוהיגקייט איז מיר אויסגעקומען קאָמיש. „ציטערען די אידישע באַנקירען פאַר זייער הויט?" — האָב איך דערנאָך געזאָגט צו רובאַנאָוויטש'ען, ווען איך האָב איהם דערצעהלט די געשיכטע.

איך האָב אויבען געזאָגט, אַז די דעלעגאַטען האָבען זיך פאַר־אינטערעסירט אין מיין פלוג־שריפט וועגען אונזערע אידישע יוניאָנס, זייערע סטרייקס און סאָציאַליסטישע באַגייסטערונג. וואָס אַנבאַטרעפט אָבער דעם פונקט 4 פון דער טאָגעס־אָרדנונג, האָט נאָר אַ קליינע צאָהל פון זיי אַרויסגעוויזען אַ פריינדליכען אינטערעס אין איהם. און אייניגע האָבען זאָגאַר אויסגעדריקט אונצופרידענהייט, פאַרוואָס מען האָט אַזאַ פונקט גאָר אַריינגע־שטעלט. צו וואָס האָב איך בעדאַרפט אַריינברענגען די אידען־פראַגע? ווער ווייס דאָס ניט, אַז ביי סאָציאַליסטען עקזיסטי־רען אַזעלכע פראַגען ניט? צווישען די, וואָס האָבען זיך אויסגע־שפּראָכען אין דיזען זין, זיינען געווען די פיהרער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און דאָס האָט געהייסען די פיהרער פון דעם קאָנגרעס. צווישען זיי איז געווען דער איד פּאָול זינגער, וועל־כער איז געווען פאָרזיצענדער אויף עטליכע פון דעם קאָנגרעס' זיצונגען. און אַן עהנליכע מיינונג האָט אַרויסגעזאָגט וויקטאָר אַדלער, אויך אַ איד, וועלכער איז געווען דער פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין עסטרייך און אויך איינער פון די וויכטיגסטע פּערזענליכקייטען אויפ'ן קאָנגרעס*). זיי האָבען געפּרעגט וואָס איך ערוואַרט אַז דער קאָנגרעס זאָל טאָן אין בעצוג צו דעם פונקט 4, און איך האָב זיי געוויזען די רעזאָלוציע, וועלכע איך האָב צוגעגרייט. מיין רעזאָלוציע האָט ערקלערט, אַז

---

*) בײדע האָבען זיי געהערט צו רייכע פאַמיליען און בײדע האָבען זיי זייערע אייגענסען דירעקט אָדער אינדירעקט אָפּגעגעבען דער פּאַרטיי. זינגער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ גרויסער מאַנטעל־פירמא אין בערלין, און אַדלער, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע ירושה פון זיינע פּראַגער עלטערען, האָט אין זיינע יונגע יאָהרען פּראַקטיצירט מעדיצין אין וויען. בײדע האָבען אָבער אויפגעגעבען זייערע פּריוואַטע באַשעפטיגונגען און זיך איינגאַנצען אָפּגעגעבען מיט דער באַוועגונג.

דער קאָנגרעס באַגריסט וואַרים די אָרגאַניזירטע אידישע אַר־בייטער פון אַמעריקא און אַז ער פאַרדאַמט דעם אַנטיסעמי־טיזם. אין די איינצעלהייטען זיינען געווען איינגעשלאָסען די הויפּט פאַקטען און ציפער פון מיין פלוגשריפט און אייניגע פאַקטען וועגען פאַרשידענע פאָרמען פון אידען־פאַרפאָלגונגען.

פּאָול זינגער און וויקטאָר אַדלער האָבען אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די גאַנצע געשיכטע וועט טאָן מעהר שאָדען ווי גוטס. איך בין אָבער מיט זיי ניט געווען איינפאַרשטאַנען און איך בין געבליבען ביי דאָס מייניגע.

אַדלער האָט מיך איינגעלאַדען אויף אַווענד־ברויט אין א רעסטאָראַן, און דאָרטען, ריידענדיג וועגען מיין פּונקט 4, האָט ער מיך שטאַרק געראַטען איהם צוריקצוציהען. ער איז גע־ווען א זעלטען־קלוגער און א זעלטען־ליבליכער מענש, און ריי־דענדיג צו מיר ווי א איד צו א אידען, אין א פריינדליכער, וויצי־גער דייטשער שפּראַך, האָט ער מיר געפּרופט ערקלעהרען פאַר וואָס ער האַלט מיין „פּונקט 4" פאַר א טאַקטלאָזיגקייט.

— טאַקטלאָזיגקייט — האָב איך געזאָגט מיט אַן איראָני־שען שמייכעל — דער בריסעלער ראַבינער זאָגט פּונקט דאָס־זעלבע, נאָר פון א גאַנץ אַנדער שטאַנדפּונקט.

פּאָול זינגער איז אויך צוגעקומען צו אונזער טיש (איך בין געווען כמעט איבערצייגט, אַז אַדלער האָט מיט איהם אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל זיך דאַן „גראָד" אויך געפינען אין יענעם רעסטאָראַן). מיר האָבען געשמועסט, דיסקוטירט. דער עיקר פון זייער ערקלעה־רונג איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען:

די שונאים פון סאָציאַליזם באַהויפּטען אַז דער סאָציאַליזם איז א אידישער פּראָדוקט; זיי ווייזען אָן אַז קאַרל מאַרקס איז געווען א איד, לאַסאַל איז געווען א איד, און אָט זיינען פּאָול זינגער און וויקטאָר אַדלער אויך אידען. די אַנטיסעמיטען זאָ־גען, אַז די גאַנצע באַוועגונג ווערט אויפגעהאַלטען פון אידישע געלט. אַלזאָ, ווען מען זאָל אָננעמען מיין רעזאָלוציע, וועלען די געגנער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען טייטלען אויף איהר מיט די פינגער: „אָט זעהט איהר דאָך! — וועלען זיי זאָגען —

עטליכע פון די דעלעגאַטען אויפ׳ן בריסעל׳ער קאָנגרעס: 1) דזשאָדזש מעקוועי (אַמעריקאַנער), 2) אן אַמעריקאַנער דעלעגאַט פון דער וועסט, 3) עדוואַרד עוועלינג, 4) עלעאָנאָרא מאַרקס־עוועלינג, 5) ריכאַרד פישער, 6) אַדאָלף לעססנער, 7) אַננאַ קולישאָווא (מאַדאַם טוראַטי), 8) טוראַטי, פיהרער פון דער איטאַליענישער באַוועגונג, 9) אַב. קאַהאַן, 10) וויקטאָר אַדלער.

דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס נעהמט די אידען אונטער זיין שוץ! עס איז אַ אידישע קלייזעל!"

— אין וויעזן זיינען די אנטיסעמיטען מעכטיג, און מיר, סאָציאַליסטען, זיינען די געפעהרליכסטע קראַפט געגען זיי — האָט געזאָגט אַדלער. — אַז מען זאָל אָננעמען אייער רעזאָלו־ציע, וועלען זיי אונז באַגעגענען מיט געשרייען, אַז זייערע באַ־הויפּטונגען זיינען באַשטעטיגט געוואָרען, אַז דער גאַנצער סאָ־ציאַליסטישער קאָנגרעס איז געווען ניט מעהר ווי אַ אידישער מארק. דאָס וואָרט „מארק" פלעגען די אנטיסעמיטען געברויכען ווענען אַלץ, וואָס איז שייך צו אידען — אַזוי ווי מיט אַלץ, וואָס אידען טוען, מיינען זיי האַנדעל, שאַכער־מאַכער, אָדער פּראָצענט־נעהמעריי.

איך האָב געענטפערט, אַז סאָציאַליסטען זיינען ניט גע־וואוינט זיך אָפּצושרעקען פאַר די ליגענס און בלבולים פון זייערע געגנער; אַז מיר דאַרפען ערפילען אונזערע פליכטען ניט קוי־קענדיג אויף קיינע שטערונגען. קורץ, איך האָב ניט נאָכגעגע־בען, און דער פּונקט 4 איז פארבליבען אויף דער טאַגעס־אָרדנונג.

ווען עס איז געקומען צו פּונקט 4 אויף די זיצונגען פון קאָנגרעס, האָט מען מיר, אַלס דעם פאַרפאַסער פון דעם פּונקט, דעם ערשטען געגעבען דאָס וואָרט.

אויסצוגען פון דער רעדע וואָס איך האָב דאַן געהאַלטען זיינען געווען געדרוקט אין בעלגישע, דייטשע און פראַנצויזישע צייטונגען. און אַ טייל פון זיי איז דערנאָך געווען איבערגע־דרוקט אויף רוסיש, אין דעם פערטען בוך פון פּלעכאַנאָוו'ס דריי־מאָנאַטליכען זשורנאַל „סאָציאַל־דעמאָקראַט". אין אַ נאָ־טיץ בעט מיך די רעדאַקציע פון דעם זשורנאַל איהר צוצושיקען די גאַנצע רעדע. איך געדענק ניט צי איך האָב אַזוי געטאָן. איך גלויב אַז יאָ, וואָרים צווישען מיינע פּאַפּירען איז פילע יאָהרען געלעגען אַ רוסישע איבערזעצונג פון דער רעדע, און דאָס איז, דאַכט זיך, געווען דער אָריגינאַל פון דעם עקזעמפּלאַר, וועלכען איך האָב אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע פון דעם

„סאָציאַל־דעמאָקראַט". דער זשורנאַל איז אָבער סיי־ווי־סיי מעהר ניט ערשינען.

פון מיין רעדע איז אין איהם געדרוקט נאָר אַ קורצער אויסצוג, און אין איהם זיינען אַ פּאָר פּלעצער אביסעל צו־פּלאָנטערט. מען קען זעהן אַז עס פעהלען ווערטער. פון די אַנדערע באַריכטען ווידער, וועלכע זיינען אַלע געווען געדרוקט אין טעגליכע צייטונגען, — האָב איך קיין איינעם ניט*).

די דאָזיגע רעדע איז אָבער פאַרבונדען מיט איינער פון די בולט'סטע איבערלעבונגען פון מיינע יאהרען, און איך געדענק איהר מיט אַלע איינצעלהייטען.

איך האָב גערעדט אויף ענגליש, און מיינע ווערטער זיינען איבערגעזעצט געוואָרען אויף פראַנצויזיש און אויף דייטש. אָט איז זייער עיקר־אינהאַלט:

„איך קום אהער ניט אַלס איד, נאָר אַלס אַרבייטער, — אַלס פאָרשטעהער פון אידיש־ריידענדע אַרבייטער. איך האָב די עהרע צו זיין אַ דעלעגאַט פון די פאַראייניגטע אידישע גע־ווערקשאַפטען פון ניו יאָרק. מען פרעגט ביי מיר צו וואס האָב איך אויף דער טאַגעס־אָרדנונג אַרויפגעשטעלט די אידען־פראַגע? איך וויים דאָך אַז ביי סאָציאַליסטען איז קיין אידען־פראַגע ניטאָ. ביי זיי זיינען דאָך אַלע פעלקער גלייך. ביי זיי איז נאָר פאַראַן אַן אונטערשיד פון קלאַסען, פון אַרבייטער און קאַפּיטאַליסטען, פון בארויבטע און זייערע רויבער. אויף דעם איז מיין ענטפער: איך וויים דאָס גאַנץ גוט. אויב ניט, וואָלט איך אהער ניט געקומען. אָבער ביי סאָציאַליסטען איז אויך ניטאָ קיין פראַגע וועגען מיליטאַריזם; מיר זיינען אַלע געגען דעם. און אַלע ווייסען דאָס אַזוי גוט ווי מען וויים אַז איהר זייט געגען אַנטיסע־מיטיזם. דאָך האָבען אומשטענדען אייך געצוואונגען צו דיסקו־

*) אין דער „אַרבייטער צייטונג" האָב איך דעם אינהאַלט פון מיין בריסעלער רעדע איבער די אידען־פראַגע ניט געשיקט. ווי דער לעזער וועט באַלד זעהן, האָט די געשיכטע גענומען אַזאַ ריכטונג, אַז אונטער די דאָמאָלסדיגע אומשטענדען האָב איך ניט געהאַלטען פאַר ראַטזאַם צו פאַר־עפענטליכען די איינצעלהייטען פון דער דעבאַטע.

טירען די מיליטאריסטישע פראגע. דאָס זעלבע קען מען זאָגען ווענגען דער אידען־פּראגע.

„איך פאָדער גלייכהייט פאר אלע וויכטיגע פראגען.

„די אידען ווערען פארפאָלגט. מען מאכט אויף זיי פּאָגראָמען. מען באַליידיגט זיי, מען אונטערדריקט זיי. מען מאכט פאר זיי אויסנאהמס־געזעצען. מען האָט זיי געמאכט פאר אן אָפּגעזונדערטען קלאַס פון רעכטלאָזע מענשען. אָט דיזע רעכט־לאָזע מענשען ווילען קעמפען צוזאמען מיט אלע אנדערע פּראָלע־טאריער און זיי בעטען אַ פּלאַץ אין די רייהען פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע. די אנטיסעמיטישע רוסישע פּרעסע אטאקירט די אידען און סטארעט זיך צו מאכען דעם איינדרוק, אז אלע האָבען אונז פיינט, אפילו ארבייטער. דעריבער פאָדער איך אז איהר זאָלט פאר דער וועלט ערקלעהרען אז דאָס איז אַ ליגען, — אז איהר זייט שונאים פון אלע עקספּלואטאטאָרס, קריסטליכע אזוי גוט ווי אידישע; אז אידישע ארבייטער זיינען אייך אזוי ליב ווי קריסטליכע.

„איך פארלאנג פון אייך ווערטער פון חבר׳שער באַגריסונג צו די אָרגאניזירטע אידישע ארבייטער פון אמעריקא, פון ענג־לאנד און פון דער גאנצער וועלט. שטויסט צוריק דעם אנטי־סעמיטיזם! ערקלעהרט פאר דער וועלט אז איהר פארדאמט יעדע פאָרמע פון אידען־פארפאָלגונג!

„גיט דעם געהעריגען ענטפער אויף די בלבולים וואָס אנטי־סעמיטישע צייטונגען פארשפּרייטען ווענגען אונז. מיט דעם וועט איהר אידען צוגעבען מוֹטה אנטייל צו נעמען אין דעם קאַמף פאר דער באַפרייאונג פון דעם פּראָלעטאריאט".

נאָך דער רעדע האָב איך פאָרגעלעזען מיין רעזאָלוציע. איך האָב איהר אָבער אויפגעשריבען ניט אין דער פאָרמע פון אַ רעזאָלוציע, נאָר אלס טייל פון מיין רעדע, און דעריבער איז זי צווישען די רעזאָלוציעס ניט אָפּגעדרוקט געוואָרען.

מיין רעדע איז עטליכע מאָל אונטערבראָכען געוואָרען פון אַפּלאָדיסמענטען. איך האָב דעריבער געהאָפט אז אלץ וועט אָפּגעהן גלאַט און מיין רעזאָלוציע וועט דורכגעהן. איך האָב אָבער אַ טעות געהאט.

4.

די רעזאָלוציע פון זשאַן וואַלדערס. —ווילהעלם ליבקנעכט. — אזשיריאַדעס. — דר. ראַניאַר. — „פילאַסעמיטיזם״. — פלעכאַנאָוו׳ס זשורנאַל „סאָציאַל־דעמאָקראַט״.

נאָך מיר האָט גענומען דאָס וואָרט דער פיהרער פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זשאַן וואַלדערס, אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג אָדער אפשר פערציג, מיט בלאָנדליכע האָר, ניט קיין דיקער, העכער פון מיטעלען וואוקס, מיט אַן עכט בעלגיש־האָלענדישען פּנים. נאָך אַ קורצער רעדע האָט ער פאָרגעשלאָגען אַ צווייטע רעזאָלוציע, און ווי מיר איז דערנאָך פאַרשטענדליך געוואָרען, איז דאָס אַלץ געוועזען דער רעזולטאַט פון אַ פּריוואַטער בעראַטונג מיט די פיהרענדע גייסטער פון דעם קאָנגרעס. פּאַול זינגער און וויקטאָר אַדלער האָבען אין דעם אַ לעבעדיגען אַנטייל גענומען. אַלס פאָרשלעגער פון דער רעזאָלוציע האָט מען אויסגעקליבען וואַלדערס׳ן צוליב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, אַלס דער פיהרער פון דער פּאַרטיי אין בעלגיען, וואו דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען, און וואו די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז שוין דאַן געוועזען זעהר גרויס, האָט ער געשפּילט אַ ספּעציעל וויכטיגע ראָלע. און צווייטענס, איז די צאָל אידען אין בעלגיען געוועזען קליין און דער אַנטיסעמיטיזם האָט דאָרטען ניט געשפּילט קיין ראָלע. אין באַצוג צו דער אידען־פראַגע איז בעלגיען אַלזאָ געוועזען אַן אונפּאַרטייאישע לאַנד, און דער שטאַנדפּונקט פון אַזאַ סאָציאַליסט ווי וואַלדערס האָט באַדאַרפט אָנגענומען ווערען פאַר אַ ריין פּרינציפּיעלען שטאַנדפּונקט.

„סימפּאַטיע מיט אונטערדריקטע אידען איז זעלבסטפאַרשטענדליך — האָט וואַלדערס געזאָגט (איך נעהם דעם באַריכט פון פלעכאַנאָוו׳ס „סאָציאַל־דעמאָקראַט״) — סאָציאַליסטען שטעלען זיך אימער איין פאַר אונטערדריקטע געגען אונטערדריקער, פאַר עקספּלואַטירטע געגען עקספּלואַטירער. די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע פון אַלע לענדער זיינען צווישען

זיך פאַרבונדען מיט דעם בונד פון ברידערליכקייט. דער צעמעל פון סאָציאַליסטישע מאַרטירער, וועלכע זיינען געפאַלען אין דעם פרייהייטס־קאַמף פון רוסלאַנד, ענטהאַלט צו פיל אידישע נעמען, אַז מען זאָל אונז קענען חושד זיין אין אומפריינדליכע באַציהונגען צו אידען.

„די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג ווערט אויפגעהאַלטען בלויז פון בורזשואזע פּאַרטייען, און זי שטאַמט, צווישען אַנדערע זאַכען, פון דער קנאה, וועלכע קריסטליכע עקספּלואַטאַטאָרס פיהלען צו אידישע עקספּלואַטאַטאָרס (אַפּלאָדיסמענטען). פאַר אונטערדריקטע אידען איז פאַראַן נאָר איין וועג: אַריינצוטרעטען אין די סאָציאַליסטישע מחנות".

אָט איז די רעזאָלוציע, וואס וואַלדערס האָט פאָרגעשלאָגען:

„נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט אַז אַרבייטער און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער האָבען אימער ערקלעהרט, אַז פאַר זיי עקזיסטירט ניט קיין פאָלקס־פיינדשאַפט און קיין נאַציאָנאַלע פיינדשאַפט און עס קען ניט זיין קיין אַנדער קאַמף ווי דער קלאַסען־קאַמף פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער געגען די קאַפּיטאַליסטען פון אַלע פעלקער;

„נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט, אַז דער איינציגער וועג צו דער באַפרייאונג פון די אידישע אַרבייטער איז זייער פאַראייניגונג מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די אַרבייטער פון די לענדער, אין וועלכע זיי וואוינען, —

„ערקלעהרט דער קאָנגרעס, אַז פאַרדאַמענדיג העצערייען געגען אידען אַלס אַ ביטרען מיטעל, וועלכען קאַפּיטאַליסטישע און רעאַקציאָנערע רעגירונגען געברויכען מיט דעם צוועק אַריינצוברענגען אַ שפּאַלטונג צווישען די אַרבייטער, און אַראָפּצושלעפּען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון איהר ריכטיגען ציל, —

„האַלט ער פאַר איבעריג צו באַטראַכטען די פראַגע, וועלכע איז אַריינגעבראַכט געוואָרען פון דעם פאָרשטעהער פון אידיש־ריידענדע גרופּען פון אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען, און געהט איבער צו די נעקסטע פראַגען פון דער טאַגעס־אָרדנונג".

ווען וואַלדערס האָט געענדיגט לעזען זיין רעזאָלוציע, איז

אין א געוויסען ווינקעל פון דער פראנצויזישער דעלעגאציע גע־וואָרען א מהומה. עטליכע דעלעגאטען האבען זיך געריסען צום וואָרט, און דער פאָרזיצענדער האט זיי קוים בארוהיגט מיט א פאָדערונג, אז זיי זאָלען צוערשט לאָזען איבערזעצען די רעזאָלו־ציע אויף דייטש און אויף ענגליש (וואָלדערס האט איהר פאָרגע־לעזען אויף פראנצויזיש).

נאָך דעם ווי די איבערזעצונגען זיינען געמאכט געוואָרען, האט זיך אויפגעשטעלט א הויכער, שווארץ־האָריגער און שווארץ־באָרדיגער מאן אין די מיטעלע יאָהרען, מיטברייטע פלייצעס, א גרויסער, א שטארקער ווי א דעמב. ער האט געהערט צו דער פראנצויזישער דעלעגאציע; אליין איז ער אָבער געווען א גרעק. זיין נאָמען איז געווען אזשיריאדעס. ער איז געווען אן אדוואָ־קאט אין פאריז.

ער האט גערעדט וועגען אידישע באנקירען, וועגען אידישע עקספלואטאטאָרס, און ער האט געשריען און געברומט אי געגען מיין פאָרשלאָג, אי געגען וואָלדערס׳עס.

— אויב עס זיינען פאראן אנטיסעמיטישע העצערייען, זיינען אָבער אויך דאָ פילאָסעמיטישע (אידען־פריינדליכע) העצערייען געגען אנדערע פעלקער, צו גונסטען פון אידען, — האט ער גע־טענה׳ט. נאָך איהם האט גערעדט א פראנצויז מיט׳ן נאָמען ראניאר. וועגען זיין רעדע געפינען מיר אין פלעכאנאָוו׳ס „סאָציאל־דעמאָ־קראט“ דאָס פאָלגענדע:

„פאַרדאמענדיג די פאָרפאָלגונגען, וועלכע זיינען געצילט געגען אידען, געפינט ער (ראניאר) אָבער, אז עס איז פאַרהאן א סעמי־טישע פראגע, וועלכע איז א טייל פון דער אלגעמיינער סאָציאלער פראגע. דאָ ברענגט דער „סאָציאל־דעמאָקראט“ ראַ־ניאר׳ס ווערטער: „איך מיין נעמליך די פראגע וועגען אידישע באנקען, א שארפע פראגע, וועלכע וועט סוף כל סוף אונז אלעמען אומברענגען.“

אנדערע דעלעגאטען האבען גערעדט. אייניגע אין דעם זין ווי אזשיריאדעס און ראניאר, אנדערע געגען זיי. איך האב ווידער גענומען דאָס וואָרט. ריידענדיג אין א טאָן פון ערשטוינונג און ענטריסטונג, האב איך געפרעגט:

אַ צווייטע גרופּע פון די דעלעגאַטען אויפ'ן בריסעל'ער קאָנגרעס: 1) לוסיען סעניעל, 2) דזשאָדזש מעקזוועי,
3) אב. קאַהאַן, 4) האָעהן (פון סט. לואיס), 5) אַזשיריאַדעס, 6) יאָאַן נאַדיעזשדאַ, פיהרער פון די רומענישע
סאָציאַליסטען.

— וואו האָט דער דעלעגאַט אזשיריאַדעס אויסגעגראָבען דאָס וואָרט „פילאָסעמיטיזם"? וואו האָט ער דאָס געזעהן אַז מען זאָל אונטערדריקען קריסטען אין די אינטערעסען פון אידען? וועט ער אפשר אונז דערצעהלען וועגען פּאָגראָמען וואָס אידען מאַכען אויף ניט־אידען? אָדער וועגען ספּעציעלע פּריווילעגיעס, וועלכע מען גיט אידען און וועלכע אַנדערע איינוואוינער האָבען ניט? און וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו דער פראַגע וועגען באַנקירען? אַ באַנקיר איז אַ באַנקיר צי ער איז אַ איד צי אַ קריסט. וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דער אידען־פראַגע?

— עס האָט שוין אַ סך צו טאָן! — האָט אזשיריאַדעס מיר אונטערבראָכען.

עס איז ווידער געוואָרען אַ מהומה. לעבען דער פּלאַטפאָרמע איז דאַן געשטאַנען רובאַנאָוויטש, און זיינע פריינדליכע ווערטער צו מיר האָבען מיר צוגעגעבען מוט. איך האָב אַפּעלירט צו דעם קאָנגרעס: אַזעלכע ניט־סאָציאַליסטישע מיינונגען ווי אזשיריאַדעס'עס און ראַניאַר'ס ניט צו שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט און אָנצונעהמען מיין רעזאָלוציע.

ווען איך האָב דערגרייכט מיין פּלאַץ ביי איינעם פון די גרויסע לאַנגע טישען, ביי וועלכע עס זיינען געזעסען די דעלעגאַטען, איז צו מיר צוגעלאָפען דער אַלטער דייטשער פיהרער, ווילהעלם ליבקנעכט, און ריידענדיג צו מיר אויף ענגליש, האָט ער געזאָגט מיט אויפרעגונג:

— מיט אייער קאָבען זיך טוט איהר שאָדען אפילו אייער איינגענעם פאָרשלאַג.

— און אַזעלכע מענשען ווי אזשיריאַדעס מעגען זיך יאָ קאָכען?

— קיינער נעהמט אַזעלכע רעדעס ווי זיינע ניט ערנסט. ווען איהר וואָלט ניט פאַרקאָכט די קאַשע, וואָלטען אַזעלכע מענשען ניט געהאַט קיין געלעגענהייט.

די דעבאַטע איז פאָרטגעזעצט געוואָרען. עס האָט זיך ווידער געטומעלט, און אַלס אַ קאָמפּראָמיס האָט מען ענדליך אָנגענומען וואָלדערס'עס רעזאָלוציע מיט אַן אַמענדמענט פון אזשיריאַדעס, דאָס הייסט, אַז דער קאָנגרעס פאַרדאַמט אַ י ד ע ם

אנטיסעמיטיזם אי דעם פילאסעמי־טיזם.

איך בין אפהענטיג געוואָרען. עס האָט זיך מיר פשוט ניט געגלויבט. איך בין געקומען מיט א הארץ פול מיט אינטערנא־ציאָנאַלער ליבע. ווען אימיצער וואָלט מיר פריהער געזאָגט, אז אויף אן אינטערנאציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס זאָל זיין פלאץ פאר אזעלכע רעדעס ווי אזשיריאדעס'עס און ראניאר'ס, וואָלט איך זיך צולאכט.

מען דארף אָבער באמערקען, אז די פראנצויזישע דעלעגאטען וואָס האָבען גערעדט מעהר אָדער ווייניגער אין א אנטיסעמיטישען זין, זיינען ניט געווען קיין פאַרשטעהער פון פאָלשטענדיגע סאָ־ציאַליסטישע פארטייען. די סאָציאַליסטישע באוועגונג פון פראנק־רייך איז דאַן געווען צוטיילט און צוברעקעלט, און פאָל־שטענדיגע סאָציאַליסטישע פארטייען זיינען געווען דריי, פון וועלכע נאָר איינע — די „פארטי אואווריע" (ארבייטער־פארטיי), די פארטיי פון זשול געד — איז געווען אן אמת'ע סאָציאַל־דעמאָקרא־טישע, ווי די דייטשע אָדער די עסטרייכישע. דעם נאָמען „סאָ־ציאַליסטען" האָבען אין פראנקרייך אויך געטראָגען (און טראָגען נאָך עד היום) ליבעראלע אָרגאַניזאציעס פון קליינע און מיטעלע געשעפטסלייט און פארמערס, וועלכע האָבען מיט'ן סאָציאַליזם ניט צו טאָן. עס איז אָפט שווער געווען צו דערגעהן א טאָלק ווער עס איז ווירקליך א סאָציאַליסט, און ווער עס טראָגט נאָר דעם נאָמען.

וועגען דעם דאָקטאָר ראניאר, וועלכער האָט גע־רעדט וועגען א „סעמיטישער פראגע", געפינען מיר אין דעם דערמאָנטען ארטיקעל פון פלעכאנאָוו'ס „סאָציאַל־דעמאָקראט" די פאָלגענדע אינטערעסאנטע באמערקונג:

„צו דער עהרע פון דעם פראנצויזישען פראָלעטאריאט דארף מען באמערקען, אז צו דער ארבייטער־פארטיי געהערט דר. רא־ניאר ניט. איהם האָט אויפ'ן קאָנגרעס געשיקט „א גרופע אויף צו שטודירען סאָציאַלע פראגען", און מען קען זעהן אז מיט דער טעאָריע פון דעם היינטיגען סאָציאַליזם איז די גרופע נאָך ווייניג באקאנט".

וואָס אנבאַטרעפט אזשיריאדעס'ן, איז ער אויך ניט געווען קיין דעלעגאט פון דער פראנצויזישער ארבייטער־פּארטיי. צי ער האָט געהערט צו איינער פון די אנדערע צוויי סאָציאליסטישע אָרגאניזאציעס (די „וואיאניסטען" און די „אלמאניסטען") געדענק איך ניט. אין זיי האָבען זיך אָבער יעדענפאלס געפונען גענוג טומעל־קעפּ, וועלכע האָבען דעם סאָציאליזם ווייניג פארשטאנען.

מיט „פילאָסעמיטיזם" האָט אזשיריאדעס און ראניאר געמיינט די פארבינדונג וואָס גרויסע אידישע באנקירען האָבען מיט רעגירונגען, וועלכע מאכען מיט זיי געשעפטען, אָדער אידישע אייזען־באהן קאָמפּאניעס, אָדער אנדערע קאָמפּאניעס וועלכע באַקומען קאָנצעסיעס. דאָס האָט ביי דיזע „אויך מיר סאָציאליסטען" געהייסען „א ספּעציעלע באוועגונג צו גונסטען פון דעם אידישען פאָלק". אָט דאָס האָבען זיי ארויסגעשטעלט אלס א געגענזאץ געגען פּאָגראָמען און אידישע רעכטלאָזיגקייט. ראַניאר'ס טענה איז געווען די אלטע אנטיסעמיטישע טענה, אז אידען ווילען ארייננכאפּען די וועלט אין זייערע הענט.

דער ארטיקעל אין פלעכאנאָוו'ס זשורנאל קריטיקירט די שטעלונג פון דעם קאָנגרעס צו „פּונקט 4" גאנץ שאַרף. ער שטעלט ארויס אינטערעסאנטע ארגומענטען ניט נאָר געגען אזשיריאדעס'עס אמענדמענט און דר. ראניאר'ס רעדע, נאָר אויך געגען וואָלדערס'עס רעזאָלוציע. ערשטענס, צוקלאַפּט ער די טענה, אז אזוי ווי סאָציאליסטען האָבען אימער פארדאמט ראַסען־האַס, דאַרף דער קאָנגרעס די אידען־פראגע מעהר ניט באטראכטען. סאָציאליסטען זיינען אויך אימער געווען פאר גלייכבארעכטיגונג פון דער פרוי — זאָגט דער ארטיקעל — דאָך האָט דאָס דעם קאָנגרעס ניט געשטערט אָנצונעהמען א רעזאָלוציע, וועלכע פאָדערט אויף די סאָציאליסטישע פּארטייען פון אלע לענדער אין זייערע פּראָגראמען ארייננצושטעלען א פאָדערונג וועגען פאָלשטענדיגע פּאָליטישע רעכט פאר פרויען.

דער ארטיקעל־שרייבער ברענגט די ווערטער וואָס פּאול זינ־

נער האט געזאגט ביי דיזען קאנגרעס, בשעת עס האט זיך גע־האנדעלט וועגען דער פרויען־פראגע:

„די דאזיגע פאדערונג — האט זינגער געזאגט — געפינט זיך שוין אין אונזער פראגראם; עס זיינען אבער פאראן לענדער וואו זי ווערט נאך ניט ארויסגעשטעלט. דעריבער איז אזא רע־זאלוציע א פאלשטענדיג געהעריגע זאך.״

אלזא באמערקט דער פארפאסער פון דעם ארטיקעל אין דעם רוסישען „סאציאל־דעמאקראט״ *):

„כמעט פונקט דאס זעלבע וואלט מען געקענט זאגען וועגען דער אידען־פראגע: הגם מיר סאציאליסטען זיינען אימער געווען פאר דער גלייכבארעכטיגונג פון אלע מענשען, עס מאכט ניט אויס צו וועלכען פאלק אדער רעליגיע זיי געהערען, דאך, אזוי ווי עס זיינען פאראן לענדער, וואו די פארטייען, וואס זיינען פיינדליך צו אונז, סטארען זיך ארויפצושטופען ארבייטער אויף דעם אנטיסעמיטישען וועג, דעריבער איז עס א געהעריגע זאך צו רעקאמענדירען אלע סאציאליסטישע פארטייען, אז זיי זאלען אין זייערע פראגראמען אונטערשטרייכען א פאדערונג אז מען זאל אלעמען געבען פאלשטענדיגע בירגער־רעכט און פאליטישע רעכט, עס מאכט ניט אויס צו וועלכען פאלק אדער רעליגיע מען זאל געהערען. און מיר, סאציאליסטען פון אלע לענדער, דארפען דאס טאן מיט א ספעציעלען אינטערעס, ווייל מיר ווייסען וויפיל די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע באוועגונג איז די אידען פארפליכטעט מיט איהרע ערפאלגען, און וואס פאר א נידעריגע אינטערעסען עס ווירקען אויף די רעגירונגען און פארטייען, וועל־כע העצען קריסטען געגען אידען״.

וועגען אזשיריאדעס׳עס „פילאסעמיטיזם״ זאגט דער זעלבער ארטיקעל, אז דאס צו שטעלען אויף דער זעלבער ליניע ווי דעם אנטיסעמיטיזם וואלט געהאט א זין נאר דאן, ווען עס וואלט עקזיסטירט אזא לאנד, וואו אידען, אלס אידען, וואלטען געהאט

*) דער ארטיקעל איז א טייל פון דער אפטיילונג „אינערליכער איבערבליק״, און געהט אין דעם נאמען פון דער רעדאקציע, אהן א אונטערשריפט.

זשאַן וואָלדערס אין 1893.

מעהר רעכט ווי קריסטען, און וואו קריסטען וואָלטען געווען אונ־טערדריקט און פאַרפאָלגט דערפאַר וואָס זיי זיינען קריסטען. וואָס אָנבאַטרעפט ראַניאַר׳ס שרעק טאָמער וועלען די אידישע באַנקען „אונז אַלעמען אומברענגען״, באַמערקט ,דער אַרטיקעל־שרייבער וועגען דעם: „אויב די באַנקען וועלען דאָס טאָן, וועלען זיי דאָס טאָן אַלס באַנקען און ניט אַלס באַנקען וועלכע געהערען צו אידען״ — אַז „די באַנק־פראַגע איז אַן עקאָנאָמישע פראַגע און ניט קיין נאַציאָנאַלע.״

אינטערעסאַנט און שאַרפזיניג זיינען אין דעם אַרטיקעל די פאָלגענדע שורות:

„פאָדערענדיג אַז פרויען זאָלען האָבען די זעלבע פּאָליטישע רעכט ווי מענער, האָט דער קאָנגרעס נאַטירליך אין זינען אידי־שע פרויען אַזוי גוט ווי אַנדערע. אויב אַזוי, טאָ וואָס פאַר אַ פּנים האָט דיזע פאָדערונג אין בעצוג צו רומעניען, צום ביישפּיל? עס קוקט אויס, אַז אין דער צייט ווען פאַר אידישע פרויען פון רו־מעניען פאָדערט דער קאָנגרעס פאָלשטענדיגע בירגער־רעכט, האַלט ער ניט פאַר נויטיג צו פּראָטעסטירען געגען דער רעכטלאָ־זיגקייט פון די אידישע מענער פון רומעניען. פאַרוואָס ווייזט דער קאָנגרעס אַרויס אַזאַ פּאַרטייאישקייט צו דעם שעהנעם געשלעכט?״

אײדער איך בין אוועקגעפאָהרען פון בריסעל, האָב איך ער־האַלטען צוויי בריף פון אידישע פאָרשטעהער — איינעם פון בודאַפּעסט און אַ צווייטען פון מינכען — און אַ דריטען בריף, איך געדענק ניט פון וואַנען, האָט מען מיר איבערגעשיקט קיין לאָנדאָן — אַלע וועגען מיין „פּונקט 4״. דער בודאַפּעסטער בריף איז געווען געשריבען אונגעפעהר אין דעם זעלבען גייסט ווי דער בריסעלער ראַבינער האָט גערעדט צו מיר. דער מינכענער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ פּלפּול געגען סאָציאַליזם, און דער דריטער בריף (פון דעם רעדאַקטאָר פון אַ יהודים׳שער וואָכענ־בלאַט) האָט געבעטען איך זאָל איהם צושיקען איינצעלהייטען פון דער קאָנגרעס־דעבאַטע איבער דער אידען־פראַגע.

מיין רעדע איז דערנאָך דיסקוטירט געוואָרען אין דער נאַציאָ־

נאַליסטיש אידישער פּרעסע אין פאַרשידענע שפּראַכען. אויך איז וועגען איהר גערעדט געוואָרען אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע.

דער קאָנגרעס איז אָנגעגאַנגען מיט זיין ארבייט. ווי גע־וועהנליך אויף אַזעלכע קאָנגרעסען, האָט מען יעדע פון די ערשטע רעזאָלוציעס דיסקוטירט פילע שטונדען, און אַ גאַנצער פּאַק מיט פראַגען איז געבליבען אויפ׳ן לעצטען טאָג. דיזע זיינען דערנאָך „רעילראָודעד“ געוואָרען (דורכגעשיקט געוואָרען אויפ׳ן שנעל־צוג), ווי מען דריקט זיך אויס אין אמעריקאַ.

.5

סטודענטקעס פון ווילנא. — איגלעזיאַס. — אין גהענט. — קארמאַניאָל. — איסאַק הורוויטש. — אַזוי ווי שיפען וואָס באַגעגענען זיך אויפ׳ן ים.

איין מאָל געהט צו מיר צו וואַנדערוועלדע, דער יונגער פאָר־זיצענדער פון דער ארעינדזשמענטס־קאָמיטע, און זאָגט צו מיר, אַז צוויי פריילינגס, סטודענטקעס, ווילען זיך זעהן מיט מיר. „זיי זאָגען, אַז זיי זיינען פון אייער שטאָדט, פון ווילנא“ — האָט ער מיר ערקלעהרט.

איך בין ארויסגעגאַנגען, און פאַר מיר האָבען זיך פאָרגע־שטעלט צוויי אידישע „באַרישניעס“, וועלכע האָבען דאָן שטודירט אין דעם בריסעלער אוניווערסיטעט. איינע פון זיי האָט געהייסען סעגאַל; זי איז געווען די טאָכטער פון אַ רייכער, גוט־באַקאַנטער ווילנער פאַמיליע. איהר פאָטער האָט געהאַלטען אַן אַפּטעקאַר־סקען מאַגאַזין (האָלסייל דראָג סטאָר). זיי האָבען זיך דער־וואוסט, אַז איך בין אַ ווילנער, און דער פאַקט, אַז זייערער אַ לאַנדסמאַן איז אַ דעלעגאַט, האָט אויף זיי געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק. עס איז געווען אַ גאַנצער יחוס ביי זיי. מיר זיינען באַקאַנט געוואָרען. איך האָב פאַר זיי פאָרגעשטעלט רובאַנאָ־וויטש׳ן און זיי האָבען אונז איינגעלאַדען אויף טהיי צו זיך.

מיר האָבען געשמועסט וועגען פאַרשידענע זאַכען. ווען איך האָב געפרופט מיט די סטודענטקעס ריידען וועגען ווילנא, האָט

זיך ארויסגעצייגט, אז מיר האָבען זעהר ווענינ געמיינשאַפטלי־כעס. קיין געמיינשאַפטליכע באַקאַנטע גאָרנים. טיילווייז איז דאָס אפשר געווען, ווייל זיי האָבען געהערט צו א רייכער פאַ־מיליע, צו אַן אַנדער געזעלשאַפטליכען קרייז ווי מיינער. אָבער נאָר טיילווייז. דער עיקר איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך בין פון ווילנא געווען צעהן יאָהר און זיי — נאָר איין יאָהר. ווידער האָב איך דערפיהלט ווי שנעל עס לויפט דער לעבענס־שטראָם. מיר האָט זיך געדוכט אז איך געהער צו אַן אַנדער דור.

איך האָב דערצעהלט וועגען אַמעריקא און דובאַנאָוויטש וועגען פּאַריז און דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זיין פרוי — א קריסטין — איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע קעמפּפערינס פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליא”, א מיטגליד פון דעם באַריהמטען „איספּאָלניטעלני קאָמיטעט”; און ער איז געווען נאָהענט באַקאַנט מיט אַלע אָנגעזעהענע נאַראָדאָוואָלצעס, וואָס האָבען זיך געפונען אין פּאַריז.

איינע פון די קאָנגרעס־סצענעס, וואָס האָבען אויף מיר גע־מאַכט א טיפען איינדרוק, איז געווען די פאָלגענדע: א שפּאַנישער דעלעגאַט מיט׳ן נאָמען פּאַבלאָ איגלעזיאַס שטעהט און רעדט פאַר׳ן קאָנגרעס אויף זיין מוטער־שפּראַך, און הגם כמעט קיינער פון די אַנדערע דעלעגאַטען פאַרשטעהט ניט א וואָרט, הערען זיי דאָך מיט א געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט, און אין דעם גרויסען זאַל הערשט א שטילקייט, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט באַגייסטערונג און באַצויבערטקייט.

איך האָב שוין ערקלעהרט, אז נאָר אויף איינער פון די דריי אָנגענומענע שפּראַכען — דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש— האָט מען געקענט האַלטען א רעדע פאַר׳ן קאָנגרעס (דיזע באַשרענ־קונג איז געווען א פּראַקטישע נויטווענדיגקייט, וואָרים די איי־בערזעצונג פון יעדער רעדע אויף צוויי שפּראַכען האָט אויך פאַר־נומען צופיל צייט). אָבער איגלעזיאַס איז געווען אַלגעמיין באַ־קאַנט און באַליבט, האָט מען געמאַכט אַן אויסנאַהם און איהם ערלויבט צו ריידען אויף שפּאַניש. ער איז געווען א בלאַסער, מיט בלאָנדע האָר, מיט א בלאָנדער באָרד און ליכטיגע בלויע

אויגען. ווען ער האט זיך צוו׳ערט, האבען די דאזיגע אויגען זיינע געשיינט מיט א זעלטענער שיין, און זיינע ציין האבען גע־בלישטשעט ווי ווייסע פלאמען. זיין בלייכער פנים האט גע־בלאנקט ווי ביי א באגייסטערטען מת; זיין שטימע האט געקלונגען מיט ניט־ערדישע טענער. ער האט גערעדט מיט ליידענשאפט.

ווען ער האט געענדיגט, האט אויסגעבראכען א הילכענדער אפלאדיסמענט, וועלכער איז ווידערהאלט געווארען ווידער און ווידער. דערנאך האט אימיצער איבערזעצט זיין רעדע אויף די אנגענומענע שפראכען. פון דיזער שטונדע אן איז איגלעזיאס געווארען איינער פון די בולט׳סטע פיגורען פון דעם קאנגרעס.

די געגאסען פון דער בעלגישער שטאדט גהענט (איינע פון די עלטסטע שטעדט אין איירא׳פא) האבען דעם גאנצען קאנגרעס איינגעלאדען צו זיך אויף א טאג. אין גהענט איז די סאציאלי־סטישע באוועגונג געוועזען שטארק, און די קאאפעראטיווע אנ־שטאלטען זיינען געוועזען גרויס. ווען מיר זיינען אראפ פון וואקזאל און האבען מארשירט צו דער גהענטער פאלקס־הויז, זיינען די טראטוארען געוועזען געפאקט מיט ארבייטער־פאמיליען, און פילע מויערען זיינען געוועזען אויסגעפוצט מיט פאהנען לכבוד אונז. לוסיען סעניעל איז געוועזען אין אזא געהויבענער שטימונג, אז ער האט אלע ווייל געדריקט מיין ארים צו זיך, און מארשי־רענדיג, האט ער זיך געהאלטען אין נייגען רעכטס און לינקס און געשריען צו די קראודס: „ל׳אמעריק וואו סאלי! ל׳אמעריק וואו סאלי!“ (אמעריקא גריסט אייך).

דאס איז געוועזען א טאג פון באנקעטען, קאנצערטען און רע־דעס. אויף דעם הויפט־באנקעט, בייטאג, האט איינער פון די דייטשע דעלעגאטען געהאלטען א צו־לאנגע און לאנגווייליגע רעדע.

„וואו איז איגלעזיאס? — האט דער דייטשער פיהרער, אוגוסט בעבעל, געפרעגט ביי די וואס זיינען געזעסען לעבען איהם — זאל ע ר ריידען. איהם פארשטעהט איך א סך בעסער“.

ווען מיר האבען זיך אומגעקערט קיין בריסעל, האט מען

אונז פאָטאָגראַפירט. אַ פּאָר הונדערט פון אונז האָבען זיך אויס־געשטעלט און אויסגעזעצט אויף די טרעפּ פון אַן אַלטער געריכטס־געביידע, ניט ווייט פון דעם „מעזאָן דע פּעפּל“, און מען האָט אונז אַרונטערגענומען צוויי מאָל. אין דעם מוזעאום פון מיין פּערזענ־ליכער געשיכטע זיינען די צוויי פאָטאָגראַפישע גרופּען צוויי טייערע דענקמאָלען.

די צוויי בילדער, וואָס זיינען דאָ געגעבען געוואָרען ביי פּיידזש 162 און ביי פּיידזש 169, זיינען אַרויסגענומען פון יענע צוויי גרויסע פאָטאָגראַפירטע גרופּען.

אַן אינטערעסאַנטער געדאַנקען־בילד איז ביי מיר פאַרבליבען פון דעם באַנקעט, וואָס מיר האָבען געהאַט אין בריסעל פאַר'ן אָוועקפאָהרען. מיט מיר צוזאַמען איז געזעסען איינער פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אַ דייטשער איד מיט'ן נאָמען וואורם. ער איז אַמאָל געוועזען אַ לעהרער פון דער דייטשער שפּראַך ביי אַ רוסישען גראַף. אַלזאָ האָט ער זיך אויסגעלערענט אַביסעל רוסיש און ער האָט איצט געמאַכט עטליכע פּראָבען צו ריידען מיט מיר אויף דיזער שפּראַך, אָבער אָהן ערפאָלג.

די רעלעגאַטען זיינען געוואָרען אָנגעוואָרימט, טיילווייז פון ווייַן און טיילווייז טאַקע פון גוטען געמיט. אַלע האָבען זיך געגנו־מען פאַר די הענט און האָבען גענומען טאַנצען דעם רעוואָלוציאָ־נערען „קאַרמאַניאָל“. וואורם האָט געטאַנצט און געזונגען מיט פייער. איך זעה, ראַכט זיך, ווי זיינע לאַנגע האָר טרייסלען זיך אין טאַקט צו זיינע באַוועגונגען.

אין דער שוועדישער רעלעגאַציע איז געוועזען אַ פרוי מיט'ן נאָמען זאַקס (ניט קיין אידישע). רייערענדיג צו מיר אויף דייטש האָט זי זיך נאָכגעפרעגט אויף איסאַק הורוויטש'ן („יצחק אייזיק“), מיט וועמען זי איז באַקאַנט געוואָרען אין די עטליכע וואָכען, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין שוועדען *). אַ באַמערקונג וואָס זי

*) ער איז געקומען קיין אַמעריקאַ אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי מיר האָבען געגרינדעט די „אַרביימער צייטונג“. ער איז געוועזען פון מינסק, וואו ער האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע צווישען די ראַדיקאַלען. אין מינסק האָט ער געענדיגט די גימנאַזיע. שפּעטער האָט ער שטודירט אין אוניווערסיטעט, ביז מען האָט איהם אַרעסטירט און פאַרשיקט אין סיביר.

האָט געמאַכט, זיצענדיג אַנטקעגען מיר ביים טיש, האָט זיך מיר איינגעקריצט אין מיין געדאַנקען.

„עס איז אַזוי ריהרענד — האָט זי געזאָגט מיט הארץ — ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אַט זיינען מיר אַלע צוזאַמען אַזוי ווי א פאַמיליע, און באַלד וועלען מיר זיך צופאָהרען און מעהר מסתמא זיך שוין קיינמאָל ניט זעהן. עס איז אַזוי טרויעריג".

אין מיין געדאַנקען איז איהר באַמערקונג דערנאָך צוזאַמענגעבונדען געוואָרען מיט אַן ענגלישען ראָמאַן „שיפּס דהאַט פּעסס אין די נאַיט" (שיפען וועלכע באַגעגענען זיך אויפ'ן ים ביינאַכט), פון ביטריס הארראַדען. די שיפען באַגעגענען זיך אויף א ווײַלע און געהען זיך ווידער פאַנאַנדער; מעהר זעהען זיי זיך קיינמאָל ניט. דער ראָמאַן שטעלט פאָר ווי א יונגער מאַן און א יונגע פרוי ווערען באַקאַנט אין א באָרדינג־הויז אין דער שווייץ. זיי ווערען געגענזייטיג פאַראינטערעסירט, אָבער זיי זיינען צוזאַמען נאָר א קורצע צייט; זיי צופאָהרען זיך און מעהר זעהען זיי זיך ניט.

דאָס שיידען זיך שאַפט אומעטיגע שטימונגען. א סצענע פון זעגענען זיך ווען עס געהט אָפּ א צוג אָדער א שיף, איז א טראַגישע סצענע.

ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער אויסגעשטודירט אויף אַדוואָקאַט און האָט אָנגעהויבען צו פּראַקטיצירען אין זיין געבורטס־שטאָדט. ער איז באַלד געוואָרען איינער פון די וויכטיגסטע אַדוואָקאַטען אין מינסק. ער איז אָבער ווידער פאַרמישט געוואָרען און איז געוועזן אין געפאַהר נאָך אַמאָל אַרעסטירט צו ווערען. דאַן איז ער אַנטלאָפען קיין שוועדען, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטען א געוויסע צייט, און דאַן איז די געזאָסין זאַקס מיט איהם בעקאַנט געוואָרען. פון שוועדען איז ער אַוועק קיין אַמעריקא. אין ניו יאָרק האָבען איהם די אינטעליגענטע אימיגראַנטען פון מינסק אויפגענומען ווי א טייערען גאַסט. זיי האָבען אונז דערצעהלט וועגען זיינע גרויסע פעהיגקייטען און די חויכע ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט צווישען די פאָרטגעשריטענע מענשען אין זייער געבורטס־שטאָדט. ער האָט גלייך גענומען שפּילען א וויכטיגע ראָלע אין דער רוסיש־יידישער קאָלאָניע פון ניו יאָרק.

6.

די ענגלענדער מאַכען אַ פאָרשלאַג און די פראַנצויזען נעה־מען ניט אָן. — אין וואַטערלו. — אַן אַלטער סאָלדאַט. — האָט ער געזעהן נאַפּאָלעאָן'ען?

פאַר'ן פאַנאַנדערפאָהרען זיך האָט אַן ענגלענדער געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז די ענגלישע און פראַנצויזישע דעלעגאַציעס זאָלען צוזאַמען באַזוכען וואָטערלו און דאָרטען זיך געבען די הענט. וואָטערלו איז דער פּלאַץ פון דער היסטאָרישער שלאַכט, וואו נאַ־פּאָלעאָן דער ערשטער האָט געהאַט זיין ענדליכע נידערלאַגע ביי די ענגלענדער און די דייטשען, הויפּטזעכליך ביי די ענגלענדער. די שטעדטעל געפינט זיך לעבען בריסעל — ביי אַ שטונדע רייזע פון דאָרטען. אַ סך ענגלענדער פאָהרען באַקוקען דעם פּלאַץ. זיי פאָהרען אַהין מיט אַ פּאַטריאָטישען אינטערעס — זעהן דעם אָרט וואו זייער נאַציאָן האָט געהאַט דעם היסטאָרישען זיג. אַלזאָ, האָט די ענגלישע דעלעגאַציע פאָרגעשלאָגען אַז די פאָרשטעהער פון די צוויי נאַציאָנען זאָלען אַהין אַריבערפאָהרען מיט אַ אינ־טערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען אינטערעס; אויף דעם פּלאַץ וואו זייערע זיידעס האָבען געהאַט זייער בלוטיגען צוזאַמענשטויס, זאָלען זיי זיך דריקען די הענט און מאַכען אַ דעמאָנסטראַציע פון פעלקער־ברידערשאַפט.

די פראַנצויזישע דעלעגאַטען האָבען אויף'ן פאָרשלאַג אָפּ־געענטפערט מיט אַ בייזען שטיל־שווייגען: זיי זאָלען צוזאַמען מיט ענגלענדער באַזוכען די פעלד, וואו זייער נאַציאָן איז באַזיגט געוואָרען פון די ענגלענדער! „וואָס פאַר אַ טאַקטלאָזער פאָר־שלאַג!" — האָב איך געהערט פון אַ פּאָר פון זיי.

דאָס איז געווען אַ צווייטע שמערצליכע איבערראַשונג פאַר מיר. דאַכט זיך, וואָס האָט געקענט זיין שענער און נאַטירלי־כער ווי דער פאָרשלאַג פון די ענגלישע גענאָסען? און דאָך האָבען די פראַנצויזישע דעלעגאַטען דאָס צוריקגעשטויסען. צי דען הייסט עס, אַז זיי זיינען פריהער פון אַלץ פראַנצויזען, און אַז דער פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערליכקייט איז ניט מעהר ווי אַ פּוסטער וואָרט ביי זיי?

דאָס, צוזאַמען מיט דעם דורכפאַל פון מיין אידישער רע־זאָלוציע, האָט זיך איינגעגראָבען אין מיין זכרון ווי צוויי פלעקען אויף דעם הערליכען קאָנגרעס.

די פראַנצויזישע דעלעגאַטען האָבען נאַטירליך מורא געהאַט פאַר דעם שלעכטען איינדרוק וואָס דער באריכט וואָלט געמאַכט אין פראַנקרייך. עס זיינען אָבער צווישען זיי געווען אַזעלכע, וואָס זייערע אייגענע געפיהלען, אַלס פראַנצויזען, זיינען אויך געווען נעגען דעם פאָרשלאָג.

ביי צעהן אָדער פופצעהן פון די ענגלישע דעלעגאַטען זיינען דאָן אַליין געפאָהרען קיין וואָטערלו, און איך בין מיט זיי מיט־געפאָהרען.

ווען מיר זיינען אַהין אָנגעקומען, האָבען זיך צו אונז נע־ווענדעט בעלגישע „גאַידס“. ווי איך האָב שוין באַמערקט, קומען אהין א סך ענגלענדער, און אייניגע פון די איינוואוינער מאַכען א לעבען פון זיי. אַלס רעזולטאַט האָבען זיך די בעלגיער פון דעם געגענד אויסגעלערענט ריידען ענגליש.

איך און דריי פון די ענגלישע דעלעגאַטען האָבען אַלס „גאַיד“ גענומען א הויכען מאַן מיט גרויסע שוואַרצע וואָנצעס. ער האָט גערעדט ענגליש זעהר פליסיג, אָבער מיר האָבען ניט געקענט פאַרשטעהן קיין וואָרט. זיין שטימע האָט געקלונגען ווי זי וואָלט געווען אָנגעשאָטען מיט זאַמד, און זיין אויסשפּראַך איז געווען אַזאַ מאָדנע, אַז ווען איך וואָלט ניט געוואוסט אַז ער רעדט ענגליש צו אונז, וואָלט איך געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַן אַנדער לשון.

שפּעטער אַביסעל האָט איהם אויסגעהאָלפען זיין טאָכטער. זי איז געבאָרען געוואָרען אין וואָטערלו און איז פון דאָרטען קיינמאָל ניט אַרויסגעפאָהרען, און דאָך האָט זי גערעדט ענגליש כמעט ווי א געבאָרענע ענגלענדערין. זי האָט זיך אימער געפונען צווישען די רייזענדע וואָס קומען פון ענגלאַנד זעהן דעם געגענד, וואו זייער לאַנד האָט געהאַט דעם גרויסען זיג איבער פראַנקרייך.

מיר האָבען געטרונקען מילך און געגעסען שוואַרץ ברויט אין אַ אַלטער הויז מיט צולעכערטע ווענט. מען האָט אונז געזאָגט, אַז אין דיזער הויז האָט גענעכטיגט נאַפּאָלעאָן. מען האָט אונז אָנגעוויזען אויף די לעכער אין די ווענט און ערקלערט, אַז דאָס איז פון די קוילען, וואָס זיינען געפלויגען פון די פיינד־ליכע אַרמעען.

איך בין ניט געווען זיכער, אַז אַלץ איז אמת. פילע זאַכען, וואָס די „גאַידס" האָבען דערצעהלט, זיינען יאָ געווען אמת; זיי האָבען זיי אָבער באַפּוצט מיט פאַנטאַזיע, כדי די געשיכטע זאָל אויסקומען אינטערעסאַנטער.

אַ זקן איז געשטאַנען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. ער האָט געטראָגען די קליידער פון אַ סאָלדאַט אין נאַפּאָלעאָן'ס אַרמעע. ער האָט אונז פאַרזיכערט, אַז ער איז איבער הונדערט יאָהר אַלט און אַז ער האָט אַנטייל גענומען אין דעם באַריהמטען שלאַכט. אַבסאָלוט אונמעגליך איז דאָס ניט געווען, וואָרים ער האָט אויסגעזעהן זעהר אַלט. דאָך האָב איך געצווייפעלט. מיינע ענגלישע בייגלייטער אָבער האָבען איהם גלייך געגלויבט. עס האָט זיך זיי געוואָלט איהם גלויבען. זיי האָט זיך געגלוסט צו קענען אין דער היים דערצעהלען, אַז זיי האָבען אין וואַטערלו געזעהן אַ מאַן, וואָס האָט אַנטייל גענומען אין נאַפּאָלעאָן'ס שלאַכט.

איינער פון די ענגלענדער איז געווען אַ שעהנער יונג פון אַ יאָהר 22. ווען מיר האָבען זיך געהאַלטען ביים זעגנען מיט די „גאַידס" צו פאָהרען קיין פאַריז, און פון דאָרטען קיין לאָנ־דאָן, האָט די בעלגישע מיידעל, וועלכע האָט גערעדט מיט אונז ענגליש, פאַרצווייגען מיט איהם אַ געשפּרעך. מיר זיינען געשטאַ־נען פון ווייטען און געוואַרט. מיר האָבען געזעהן ווי ביי ביידען שיינען די פּנים'ער. „אָ, ער וועט שוין מיט אונז היינט ניט פאָהרען!" — האָט זיך אָפּגערופען איינער פון די ענגלענדער. און ער האָט געטראָפען. אָנשטאָט מיטצופאָהרען מיט אונז, האָט אונזער יונגער גענאָסע מיט אונז זיך געזעגענט. ער איז פאַרבליבען אין וואַטערלו אויף אַ פּאָר טעג.

.7

די רייזע צוריק. — מיינע צוויי שכנים אויף'ן שיף. — אנדערע פאסאזשירען. — צוריק אין אמעריקא.

פון בריסעל בין איך געפאהרען צוריק קיין פאריז אויף א פאר טעג. און פון דארטען צוריק קיין לאנדאן. דארטען בין איך געקומען צו א גרויסען מאס־מיטינג, וועלכער איז פאר מיר גע־ווען צוגעגרייט — פון וואקזאל גלייך אויף'ן מיטינג.

אין לאנדאן האב איך געפונען א בריף פון מיינע עלטערען און מיין מוהמען, און אין איהם איז געווען א גרוס פון מיין ברודער.

די רייזע צוריק קיין אמעריקא האב איך שוין געמאכט מיט'ן צווייטען קלאס. איך האב געהאט א בעטעל אין א גרויסער קא־יוטע, וואו א חוץ מיר האבען זיך געפונען צוויי אנדערע פאסא־זשירען. איינער פון זיי איז געווען אן איירישמאן פון אכציג יאהר, א הויכער, קרעפטיגער זקן מיט מילך־ווייסע האר. ער איז געפאהרען צו א זוהן, מיט וועמען ער האט זיך שוין ניט געזעהן 45 יאהר. ער האט גערעדט זעהר ווייניג, אבער אפט געשמיי־כעלט, מיט א גוטען, קלוגען שמייכעל. מיין צווייטער שכן איז געווען א יונגער ענגלענדער, וועלכער האט געוואוינט אין ניו יארק און האט זיך איצט אומגעקערט פון א באזוך צו זיינע על־טערען. מיר זיינען אלע דריי באפריינדעט געווארען. דער ענג־לענדער און איך האבען דעם אכציג־יאהריגען מאן באדינט ווי א זיידען, און ער פלעגט אונז באדאנקען מיט זיין ליבליכען שמייכעל.

דעם יונגען מאן האב איך געפרופט מאכען פאר א סאציא־ליסט; ער האט זיך אבער ניט אינטערעסירט. מיר איז דאס אויסגעקומען זאנדערבאר. מיר האט זיך גע־אכט, אז יעדער מענש, וואס איז מיר סימפאטיש, דארף זיך אנכאפען פאר'ן סא־ציאליזם. איך האב אבער צו זיך געזאגט: ניט אלע מענשען

אינטערעסירען זיך מיט געזעלשאַפטליכע פראַגען. דיזער יונגער מאַן איז אַן עהרליכער גוטער מענש אין זיינע פּערזענליכע באַציהונגען צו אַנדערע מענשען; אָבער ווייטער ווי פּערזענליכע באַציהונגען געהט זיין מענשליכער אינטערעס ניט. און איך געדענק, ווי איך האָב זיך געטראַכט: דערפאַר׳ זיינען מסתמא פאַרהאַן אַ סך מענשען, וועלכע קענען זיך אינטערעסירען מיט קהל און ניט מיט דעם איינצעלנעם; זיי קענען אוועקגעבען זייער לעבען פאַר דער גאַנצער מענשהייט, און ווען איין מענש זאָל שטאַרבען פון הונגער, וועט דאָס אויף זיי אפשר ניט מאַכען קיין איינדרוק.

אויף דער זעלבער שיף זיינען געפאָהרען צוויי „טשעמ־פּיאָנס״: אַ „פּייטער״ און אַ „בייסיקל־ריידער״. דער פּייטער איז געווען אַ „פעדער־וועיט״ — אַ לייכטער, אַ קליינער, אַ דאַ־רינקער. ער איז געווען גרינג ווי אַ פעדער און שטייף און פלינק ווי אַ ספּרוזשינע. ער איז געווען דער טשעמפּיאָן פעדערוועיט פון ענגלאַנד; איצט איז ער געפאָהרען זיך פּייטען אין אַמעריקאַ. דער בייסיקל־ריידער איז געווען אַ הויכער, אַ „אַנגער, מיט רויטע האָר, מיט גרויסע זומער־שפּרינקעלעך אויף׳ן פּנים. די בייסיקלס מיט די קליינע רעדער האָבען נאָך דאַן ניט עקזיסטירט. אַ ביי־סיקל איז דאַן נאָך אַלץ באַשטאַנען פון איין גרויסע ראָד און אַ צווייטע אַ קליינינקע. פּראָפעסיאָנעלע בייסיקל־ריידערס פלע־גען האָבען אָפטע רייסעס. דער, וואָס איז מיט אונז געפאָהרען, האָט געוואונען אַלע רייסעס אין ענגלאַנד, און איצט איז ער געפאָהרען אויף אַ רייס, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרען אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, ניו יאָרק.

איך האָב זיך פאַראינטערעסירט אין זיין פּראָפעסיע, און איך האָב איהם גענומען פאַנאַנדערפרעגען. אויף דיזען אָרט זיינען מיר באַקאַנט געוואָרען. מיר פלעגען זיך איינע די אַנדערע מכבד זיין מיט ביער ביים באַר. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם פּאַיטער.

איך האָבביידען געפּרופט מאַכען פאַר סאָציאַליסטען, און ווידער אָהן ערפאָלג. עס האָט זיי ניט אינטערעסירט.

מיט זיי זיינען מיטגעפאָהרען נאָך ספּאָרטס פון ענגלאַנד. יעדער טשעמפּיאָן האָט מיט זיך געפיהרט א סוויטע א גאַנצע, און איך בין באַקאַנט געוואָרען מיט דער גאַנצער גרופּע.

אין אָווענד פלעגען זיי זיך אויסזעצען אויף'ן הוילען „דעק", דערצעהלען זיך מעשות און זינגען. איך און מיין שכן, דער יונגער ענגלענדער, פלעגען אָפט זיצען מיט זיי. איך האָב ליב געהאט זיך צוצוהערען צו זייערע מעשות. אונטער דעם איינפלוס פון דער נאַכט, פון דעם פלוסק פון די כוואַליעס און פון דעם גערויש פון דער שיף, פלעג איך זיך פיהלען ווי אין א חלום־וועלט. עד היום קלינגט מיר אמאָל אין די אויערען א ליד, וואָס זיי פלעגען זינגען: „סעילינג מעריל̇י האָום". זיי האָבען דאָס אויסגערעדט אויף דעם לאָנדאָנער שטייגער: „סאַילינג" אַנשטאָט „סעילינג". אונטער דער ווירקונג פון דעם ים און דער נאַכט האָב איך געפיהלט פּאָעזיע אין זייער זינגען.

דיזע רייזע צוריק פון ענגלאַנד קיין אמעריקא געדענק איך מיט א ספּעציעלער דייטליכקייט, מיט פילע איינצעלהייטען. א חוץ די פּאַסאַזשירען, וואָס זיינען דאָ דערמאָנט געוואָרען, קען איך אין מיין זכרון איבערצעהלען נאָך פינף — דריי מענער און צוויי פרויען — וועמעס געזיכטער שטעהען ווי לעבעדיגע אין מיין געדאַנק.

מיט א פּאָר טעג פריהער ווי די שיף האָט געדאַרפט אָנקו־מען קיין ניו יאָרק, האָט דער עולם זיך גענומען וועטען ווענגען דעם נומער פון דעם פּאַילאָט־באָוט, וואָס וועט ארויסקומען פון ניו יאָרק באַנגעגנען אונזער שיף. איינער האָט געשריען „7", א צווייטער „12", א דריטער „22". די געלט האָט מען איינגעלעגט ביי דעם „פּוירסער" פון שיף. עס איז געווען לעבעדיג. ענדליך האָט זיך באַוויזען א קליינע זעגעל־שיפעלע. אויף איהר זעגעל איז געווען אויפגעשריבען א גרויסע ציפער. עס איז געווען אַ „8".

מיר זיינען צוגעקומען נאָהענט צום ברעג. מען האָט שוין געקענט זעהן בוימער און גראָז.

דער טאָג איז דאַן געווען זעהר אַ שעהנער, דער הימעל איז געווען העל־בלוי, און דער ים קלאָהר און שעהן (אין דעם האָב איך, פאַרלויפיג אימער מזל — ווען איך קום צוריק פון יוראָפּ, איז דער וועטער שעהן). עס איז געווען אָנהויב הערבסט, די שעהנסטע צייט פון יאָהר אין ניו יאָרק. די הארץ האָט געזונגען פון פרייד. די פּאסאזשירען האָבען זיך גענומען גרייטען, פוצען. מען האָט אויסגעטאָן די רייזע־היטעלעך. מען איז ארויסגעקומען אויף'ן דעק אין העטס און פרישע קליידער.

אייראָפּא איז מיר זעהר געפעלען געווען; אָבער איצט, קו־מענדיג צוריק אין ניו יאָרק, האָב איך שטארק געפיהלט, אז ניו יאָרק איז מיין היים.

ווען איך וואָלט געפאָהרען אלס דעלעגאט צו דעם זעלבען קאָנגרעס איידער די „ארבייטער צייטונג" איז געגרינדעט געוואָ־רען, וואָלט מען וועגען דער רייזע גערעדט בלויז צווישען אַ קליי־נער צאָהל מענשען, אין דעם אינערליכען קרייז פון אונזער באַ־וועגונג. איצט אָבער, דורך דער „ארבייטער צייטונג", איז מיין רייזע געוואָרען אַ פּאסירונג, מיט וועלכער עס האָבען זיך אינטע־רעסירט גרויסע מאסען מענשען. מען האָט גע'שמועס'ט וועגען מיין פאָהרען; מען האָט געלעזען מיינע קאָרעספּאָנדענצען, מען האָט געלעזען די באריכטען. אלזאָ, ווען איך בין געקומען צוריק, בין איך געווען דער צענטער פון קהל'שען אינטערעס. ווען איך האָב זיך באוויזען אויף מיטינגען, האָט מען מיך באגריסט מיט אַ ספּעציעלער פריינדליכקייט.

זעקסטער קאַפּיטעל.

#ביים שרייב־טיש און אויף דער פּלאַטפאָרמע

.1

יעקב גאָרדין קומט קיין אַמעריקא. — זיין ערשטע פּיעסע און מיין ערשטע טעאַטער־קריטיק.

אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין איירָאפּא, איז אין ניו יאָרק געקומען יעקב גאָרדין. אין דעם זעלבען נומער, אין וועלכען עס איז געווען געדרוקט מיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ פון בריסעל, איז געווען געדרוקט א פעליעטאָן מיט'ן נאָמען „די אַבלאַווע", פון זיין פעדער. דאָס איז געווען דעם פערטען סעפּ־טעמבער, 1891. איך האָב דעם אַרטיקעל געזעהן אין לאָנדאָן, פאַר מיין אָפּפאָהרען אהיים.

ווער דער יעקב גאָרדין איז, האָב איך קיין באַגריף ניט גע־האַט. איך האָב זיך דערמאָנט אָן א יעקב גאָרדין, מיט וועלכען עס האָט זיך א געוויסע צייט גערודערט אין דער רוסיש־אידישער פּרעסע איידער איך בין אוועקגעפאָהרען פון רוסלאַנד. נאָך דעם פּראָגראָם האָט ער אין יעליסאַוועטגראַד געגרינדעט א „ביבלישע ברודערשאַפט", אַן אָרגאַניזאַציע פון אידען, וואָס אָנערקענען ניט דעם תלמוד, און האַלטען זיך בלויז ביי דער ביבעל. דער „רוסקי יעווריי", „ראַזסוויעט" און „וואָסכאָד" האָבען די באַוועגונג קריטיקירט. פון דער אַנדערער זייט האָט יענער גאָרדין געהאַט א גרופּע הייסע אָנהענגער. זייענדיג אין ווילנע (אָדער אפשר איז דאָס געווען אין די דריי וואָכען, וואָס איך האָב פאַר־בראַכט אין בראָד), האָב איך אין „רוסקי יעווריי" געלעזען

אַן אַרטיקעל וועגן איהם. קריטיקירענדיג די „ביבלישע ברודער־שאַפט", האָט דער שרייבער אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז אידען מוזען זיך האַלטען אין איינעם; אַז איצט, ווען מען פאַרפאָלגט זיי און מען פאַרגיסט זייער בלוט, טאָר מען זיך אודאי ניט אָפּ־זונדערען פון דעם אידישען פאָלק, ווי די קאַראַאימעס זיינען אָפּגע־זונדערט. אין ניו יאָרק, אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי איך האָב אימיגרירט, אין 1882, האָב איך ביינעוואוינט אַ דיסקוסיע וועגען דעם ענין צווישען אַ גאָרדיניסט און אַן אַנדער אימיגראַנט. דער גאָרדיניסט האָט גע'טענה'ט, אַז דער תלמוד האַלט די אידען אין דער פינסטערניש פון מיטעל־אַלטער און אַז דער ציל פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט" איז געווען זיי צו ברענגען נעהענטער צו דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. דעם גאָרדיניסט געדענק איך, ווייל ער האָט גערעדט מיט פייער און מיט אַ זאָנדערבאַרער אויסשפּראַך. וועגען דעם אַנטי־גאָרדיניסט, ווידער, און זיין רעדע איז אין מיין זכרון קיין אָפּדרוק ניט געבליבען.

דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט וועגען יענעם יעקב גאָרדין'ען. אַז ער איז אַ שרייבער, האָב איך ניט געהערט.

ווען איך בין געקומען פון ענגלאַנד צוריק אין ניו יאָרק, האָט זיך אַרויסגעצייגט אַז דאָס איז דער זעלבער יעקב גאָרדין פון יעליסאַוועטגראַד. מיר זיינען באַקאַנט געוואָרען. ער איז גע־ווען אַ היבשע ביסעל עלטער פאַר מיר — אַן אָסאָבנער מענש, אַ הויכער, מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, מיט אַ שטאָלצען גאַנג.

אין יעליסאַוועטגראַד איז ער געווען אַ פּריוואַטער לעהרער. צו דער זעלבער צייט פלעגט ער שרייבען פעליעטאָנען אין דער אָדעסער צייטונג „אָדעססקי ליסטאָק" און אויך אין דער פּעט־טערסבורגער וואָכען־בלאַט „נעדיעליאַ". אונטער די פעליעטאָנען אין „אָדעססקי ליסטאָק" פלעגט ער זיך אונטערשרייבען „איוואַן קאַליוטשי" (איוואַן דער שטעכיגער).

ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען אין דער „אַרבייטער צייי־טונג", אָבער די „אַרבייטער צייטונג" האָט קוים געקענט צאָהלען. און גאָרדין האָט געהאַט אַ פאַמיליע. האָט איהם פיליפּ קראַנץ נעגעבען אַ פּלאַן, אַז ער זאָל אויפשרייבען אַ פּיעסע פאַר דער

אידישער ביהנע. יעקב גארדין האט דעם פלאן אנגענומען און דער רעזולטאט איז געווען א דראמא, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען „סיביר".

דער אינהאלט איז באשטאנען אין פאלגענדען: א איד איז געווען פארשיקט אין סיביר פאר א פארברעכען, און איז פון דארטען אנטלאפען. אונטער א פאלשען נאמען וואוינט ער איצט אין א אידישער שטאדט. ער האט א גוטען געשעפט און ער פיהרט א פיינעם שטאט, מיט א שעהנער באלעבאטישער הויז, מיט שעהנע פריינד, מיט לעהרער פאר די קינדער. ער איז איצט אן עהרליכער מאן און ער לעבט אן עהרליכען סימפאטישען לעבען. אן אנדער אידעל, א קאנקורענט זיינער, דערוויסט זיך פון זיין סעקרעט און ער מסר'ט איהם. מען קומט איהם ארעס־טירען. דער אונגליקליכער זעגענט זיך מיט זיין פאמיליע און מיט זיינע פריינד. מען פיהרט איהם צוריק קיין סיביר.

די פיעסע האט אפגעקויפט דזשייקאב פ. אדלער און ער האט איהר אויפגעפיהרט.

אדלער איז מיט א געוויסער צייט פריהער געקומען קיין ניו יארק פון שיקאגא. אין ניו יארק האט ער דאן, צוזאמען מיט מאגולעסקא'ן און מיט אנדערע שוישפילער, אפגערונגען „פול'ס טעאטער", וועלכער איז געשטאנען אויף פערטער עוועניו, קארנער אכטער סטריט (וואו מען האט שפעטער אויפגעבויט די ריזיגע צווייטע געביידע פון וואנאמייקער'ס סטאר).

מיט דיזער פיעסע האט זיך אנגעהויבען א נייער קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער אידישער ביהנע.

אין דעם פריהערדיגען באנד האבען מיר געזעהן אויף וואס פאר א נידעריגען שטאפעל דער אידישער טעאטער איז געשטאנען אין יענער צייט. די „פראפעסאר"־הורוויץ־צייט איז דאס געווען, די הערשאפט פון עקעלהאפטער פאיאצעריי אונטער דעם טיטול „היסטארישע אפערא". דעם זעלבען סארט פיעסען, הגם מיט ווייניגער שארלאטאנסטווא, פלעגט אויך שרייבען יאזעף לי־טיינער.

הורוויץ האט געקענט דייטש, און ער איז זאגאר געווען באלעזען אין דער דייטשער ליטעראטור. זיין געשמאק האט זיך



יעקב גאָרדין. — פאָטאָגראַפירט אונגעפעהר אין 1890.

אבער געצויגען צו די ביליגסטע און ווילדסטע שונד־סצענעס. ליטיינער האט אויך געקענט דייטש. ער איז געווען א שטילערער מענש ווי הורוויץ. זיינע ליטעראַרישע געשמאַקען זיינען אבער געשטאַנען אויף דער זעלבער מדרגה.

יעקב גאָרדין האט געהערט צו א גאַנץ אַנדער טיפּ. ער איז געווען א אינטעליגענטער רוסישער איד און, ווי איך האָב שוין ערקלעהרט אין דעם צווייטען באַנד, האט די ליטעראַטור אין רוסלאַנד געשפּילט א פיל וויכטיגערע ראָלע און מען האט איהר דאָרט גענומען פיל ערנסטער, ווי אין אַנדערע לענדער. אין ענגלאַנד, אין אַמעריקאַ און זאָגאַר אין פראַנקרייך און אין דייטש־לאַנד, האָבען געבילדעטע מענשען זיך געקענט קווייקען מיט ביליגע מעלאָדראַמאַ. אין רוסלאַנד איז דאָס כמעט אונמעגליך געווען.

א חוץ דעם: אין רוסלאַנד איז די ליטעראַטור געווען פאַר־בונדען מיט די פאָרטגעשריטענע באַוועגונגען, מיט דעם קאַמף פאַר פּראָגרעס אין דעם נאָבעלסטען זין פון דעם וואָרט. אין אַנדערע לענדער האָט מען געהאַט מעהר אָדער ווייניגער רעדע־פרייהייט און דינען א נאָבעלער באַוועגונג האָט מען געקענט פריי דורך דעם, וואָס מען האָט פאַר איהר געשריבען, אָדער אַגי־טירט פון דעם פּלאַטפאָרם, אָדער אין פּאַרלאַמענט. אין רוסלאַנד איז ניט געווען קיין סימן פון פרייער פּרעסע און פון א פרייער פּלאַטפאָרמע. דעריבער האָבען די בעסטע שטרע־בונגען פון דער אינטעליגענץ געזוכט צו געפינען אויסדרוק אין בעלעטריסטיק וואו, אין דער פאָרמע פון א ראָמאַן, האָט מען געמאָלען דעם אמת'ן לעבען.

גאָרדין איז אין אַמעריקאַ געקומען מיט דיזען גייסט. דאָס האָט זיך געפיהלט אין זיין שרייבען. אגב האָט ער געהאַט א סך מעהר טאַלאַנט ווי הורוויץ אָדער ליטיינער. גאָר ניט צו פאַר־גלייכען.

ווען מען וואָלט זיין „סיביר" געשטעלט היינט, וואָלט די פּיעסע איינשטימיג ערקלערט געוואָרען פאַר א מעלאָדראַמאַ און פאַר א גאַנץ שוואַכע זאַך, הגם דראַמאַטיש איז זי זעהר. דאַן אָבער איז אַזאַ פּיעסע אויף דער אידישער ביהנע געווען א

נייעס. ווי שוואך זי איז, שטעהט זי אלץ ניט אין ערך העכער פאר די „היסטאָרישע אָפּעראס“ פון יענע יאָהרען.

נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „סיביר“, האָב איך אין דער „ארבייטער צייטונג“ געשריבען א קריטיק וועגען איהר און אן איבערבליק פון דעם אידישען טעאטער אין אלגעמיין. די דראמא איז געווען גארדין'ס ערשטע פיעסע, און די קריטיק אין דער „ארבייטער צייטונג“ איז געווען מיין ערשטע טעאטער־קריטיק.

איך האָב „סיביר“ פארגליכען צו ניט קיין פרומען אידען, וועלכער געפינט זיך צווישען גוים. ביי אידען וואלט מען איהם ניט געהאלטען פאר קיין אידען. צווישען קריסטען אָבער איז ער א איד. ווען מען זאל „סיביר“ מעסטען מיט דער זעלבער מאָס ווי די וויכטיגע ווערק פון דער וועלט־ביהנע, וואלט זי ניט גע־האט קיין באדייטונג; ווען מען פארגלייכט איהר אָבער מיט די פיעסען פון דער אידישער ביהנע, איז זי ליטעראטור און מען דארף איהר באגריסען.

דער ארטיקעל איז אָפּגעדרוקט אין נומער 42 און נומער 43 פון דעם צווייטען יאָהרגאנג „ארבייטער צייטונג“. ווען איך האָב איהם איצט איבערגעלעזען, גרייטענדיג זיך צו דיזע „בלעטער“, בין איך מיט איהם צופרידען געווען. ווען ער איז געשריבען געוואָרען, בין איך געווען מיט פינף־און־דרייסיג יאָהר אינגער, מיט פינף־און־דרייסיג יאָהר ווייניגער ענטוויקעלט. היינט וואָלט איך וועגען דער פיעסע געהאט מעהר וואָס צו זאָגען. און דאָס וואָס איך האָב געזאָגט אין יענעם ארטיקעל, וואָלט איך אפשר אויסגעדריקט אויף אן אנדער שטייגער. אין סך הכל אָבער קען איך זיך אונטער איהם היינט אויך אונטערשרייבען. און דאָס וואָס איך זאָג דאָרטען וועגען דראמען און וועגען שפי־לען אין אלגעמיין, שטימט אויך מיט מיינע היינטיגע איבער־צייגונגען.

דער עיקר נעהט אייגענטליך ניט נאָר אויף דראמאטישע ווערק, נאָר אויף ליטעראטור בכלל.

דער גאנצער ארטיקעל פארנעהמט זעקס קאָלומס, און איך

גלויב אַז ער איז איבהאַלטסרייך און מערקווירדיג קלאָהר. איך וועל פון איהם ברענגען אייניגע שורות, צו ווייזען די ריכטונג, אין וועלכער מיין געדאַנק איז דאַן געגאַנגען אין בעצוג צו דער ביהנע און קונסט בכלל.

איך שרייב דאָרטען:

„מענשען זאָגען צו מיר: „איהר ווילט, אַז דער אַקטיאָר זאָל שפּילען פּונקט ווי אין לעבען? טאָ צו וואָס דאַרפען מיר איהם? דעם לעבען האָבען מיר דאָך ביי זיך אין הויז אָדער אויפ'ן גאַס.” איך ענטפער זיי: „פאַרוואָס פאָדערט איהר פון אַ געמאָלענעם בילד, אַז ער זאָל זיין טריי צו דער נאַטור? די נאַטור האָט איהר דאָך אויך אַרום זיך. פאַרוואָס־זשע איז דאָס, אַז וואָס לעבעדיגער אַ בילד איז, אַלץ טייערער צאָהלט איהר פאַר איהם?”

אַן אַנדער שטעלע אין דעם זעלבען אַרטיקעל ענטהאַלט דאָס פאָלגענדע:

„אָך און וועה איז צום קאָמיקער, וועלכער מוז אָנקומען צו אַ וויץ, אַז דער וויץ זאָל פאַר איהם פרעהליך מאַכען דעם עולם. באַדויערען דאַרף מען דעם דראַמאַטיסט, וועלכער מוז אויסמאַטע־רען די נערוועו פון זיינע צוהערער אום צו געווינען מיטלייד צו דעם טיפּ, וועלכען ער שטעלט פאָר. מיט אַ וויץ אַרויסצוברענגען געלעכטער, אָדער מיט אַ משונה'דיגע אוואַיע אַרויסצורופען אַן אויסדרוק פון שוידער אָדער כעס — דערצו דאַרף מען ניט קיין מאָנולעסקאָ און קיין אַדלער.”

איך באַווייז, אַז דער איינדרוק דאַרף געמאַכט ווערען דורך דער לאַגע, וואָס ווערט פאָרגעשטעלט און דורך'ן שפּילען. אויב ניט, איז דאָס ניט קיין טאַלאַנטפולע דראַמאַ און קיין טאַלאַנט־פולע שוישפּילעריי.

מאַכענדיג אַ פאַרגלייך צווישען גאָרדין'ען און דראַמאַטורגען פון דעם הורוויץ־טיפּ, זאָג איך, אַז גאָרדין'ס פעהלערען זיינען „פגימות אויף אַ שטאָלענעם שווערד”, ווערהענד אויף די פּיעסען פון די אַנדערע אידישע שרייבער „קען מען ניט זוכען קיין פעה־לערען ווי מען קען ניט זוכען קיין פגימות אויף אַ הילצערנער שפּיל־שווערדעל.” איך זאָג, אַז גאָרדין האָט געגעבען אַדלער'ן

און מאדאם דיינע א געלעגנהייט צו שפילען. ער האָט זיי געגעבען ראָלען.

„צום ערשטען מאָל זינט מיר זעהען הערר אדלער'ן און מאדאַם דיינע אויף דער ביהנע, האָבען זיך ביי אונז ארויסגעריסען באגייסטערטע אויסרופען, אז אדלער איז א זעלטענער קינסטלער." און וועגען מאדאם דיינע באמערק איך: „איך האָב גאָר פריהער ניט געוואוסט, וואס פאר א טאלאנט זי האָט."

ווייטער ווערט געזאָגט:

„און דאָך האָט אדלער גערעדט מאמע־לשון אָהן א ברעקעל דייטש, און מיסעס דיינע האָט ניט געמאכט די גוואלדען, וועלכע מען הערט פון איהר אין אנדער̈ע פיעסען. און דאָס פובליקום, וועגען וועלכען מען וויל אונז איינריידען, אז ער פאָדערט קנאַ־קעריי און בראזנעריי אויף דער סצענע, האָט געוויינט די טרעה־רען און פרעהליך געלאכט, און דורכגעזעסען די פיעסע מיט איג־טערעס, הגם קיין „בלוט און דונער" ביזנעס איז ניט געווען. זאָל מען נאָר געבען דעם אמת'ן לעבען, זאָל מען נאָר ריידען די שפראך פון לעבעדיגע מענשען, זאָל מען נאָר פאָרשטעלען אמת'ע צרות, וועט די פ אָ ר ג ע ש ט ע ל ט ע ל אַ ג ע א ל י י ן אָנריהרען די איידעלסטע סטרונעס פון דעם איד'ס נשמה. דער אונגעבילדעטער איד וועט פארשטעהן. עס וועט ריידען צו זיין הארץ מיט מעכטיגערע ווערטער ווי די גוואלדיגסטע פאלשע סצענעס מיט די גוואלדיגסטע ,טייטש' ".

אלס א קלענערען ביישפיל ברענג איך פיינמאן'ען אין דער ניט־וויכטיגער ראָלע פון א הויז־לעהרער: „ער האָט ווייניג צו ריידען, דאָך האָט ער געשפילט בעסער ווי אין אלע פיעסען, וואו ער האָט הויפּט־ראָלען. און מאָגולעסקאָ (אויך אין א קליינער ראָלע) האָט כמעט אָהן וויץ, אָהן שפיצלעך, ארויסגעוויזען אזא געטליכען טאלאנט, אז יעדעס מאָל וואָס ער האָט געדארפט אוועק־געהן פון דער ביהנע, האָט זיך געוואָלט איהם פארהאלטען."

איך ווייז אָן אויף די פעהלערען אין דער פיעסע און איך ווייז אָן אויף די פעהלערען אין דעם שפילען. וועגען אדלער'ן, צום ביישפיל, זאָג איך: „אין איינינע ערטער כאפען זיך אריין

די אַלטע פּנימות, און ער הויבט אָן צו ריידען מיט דעם טאָן פון „אַטהעלאָ“, אַזוי ווי אויף גאַטען.“

דער אַרטיקעל רעדט וועגען דעם ווי דער ,קינסטלער נאַרט אָפּ די איינבילדונגס־קראַפט פון דעם לעזער אָדער צוזעהער. ער איז אין איינקלאַנג מיט מיין ענגלישען אַרטיקעל „רעאַליזם“, וועלכער איז געווען געדרוקט אין דעם „וואָירקמען׳ס עדוואָקעיט“ מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער.

קינסטלערישע אמת׳דיגקייט איז אַ קוואַל פון תענוג. ווען איהר דערקענט די זאַך אויף דעם מאַהלער׳ס פּאָרטרעט, אָדער אין דעם שרייבער׳ס ערצהעלונג, ווען דער בילד שטימט מיט דעם וואָס איהר ווייסט וועגען איהם, פאַרשאַפט דאָס אייך אַן עסטע־טישען פערגעניגען. דאָס איז דער גרונד־געדאַנק, און אין בעצוג צו דיזען געדאַנק האָט זיך מיין איבערצייגונג אין די עטליכע־און־דרייסיג יאָהר ניט געענדערט. דער תענוג פון דערקע־נען איז דער עיקר פון דעם תענוג, וועלכען מיר באַקומען פון אַ קונסט־ווערק — דאָס איז מיין מיינונג היינט אויך. דאָס הייסט אָבער, אַז דער אויפגעמאָלטער מענש אָדער בוים מוז אין זיך האָבען לעבען. אויב ניט, ענטהאַלט דער בילד ניט דעם אמת, און דאַן קען ניט זיין דער פערגעניגען פון דערקענען. אפילו אין אַ פּאָעטישער פאַנטאַזיע שפּילט דיזער עיקר אויך אַ וויכטיגע ראָלע. דער ענין איז אַ סך דעליקאַטער ווי מען קען מיינען. מען וואָלט פריהער פון אַלץ מוזען באַשטימען וואָס — אין אַ קינסטלערישען זין — הייסט לעבען, און ניט דאָ איז דער פּלאַץ זיך צו פאַרנעהמען מיט דעם.

דער אידישער טעאַטער איז דאַן גֿעווען ווייט ניט אַזוי „גוט אָפּ“ ווי ער איז געוואָרען אין שפּעטערע צייטען. די אידישע באַפעלקערונג איז נאָך געווען פאַרהעלטניסמעסיג קליין, און ביי אַ גרויסען טייל פון אונזער עולם איז טעאַטער געווען אַ לוקסוס. אונזער אַרבייטער האָט געלעבט אָרימער ווי היינט. און אין דער צייט, ווען גאָרדין איז געקומען, זיינען מאַסען מענשען אַרומגע־גאַנגען אָהן אַרבייט; די, וואָס האָבען יאָ געהאַט באַשעפטיגונג,

האָבען אין פארגלייך מיט זייער לעבען אין דער אלטער היים דאָ געלעבט באלעבאטיש. אָבער א סך צו כפענדען אויף טעאטער איז דער ארבייטער נאָך ניט געוועזען אימשטאנד.

„סיביר" האָט געהאט א קינסטלערישען ערפאָלג, אָבער ניט קיין פינאנציעלען. און גאָרדין האָט פון דער פיעסע גאנץ ווייניג באקומען. זיין נאָמען איז אָבער גלייך פעסטגעשטעלט געוואָרען. און זיין פערזענליכקייט האָט זיך גענומען שטארק פיהלען. די אנדערע דראמען־שרייבער זיינען געווען א טייל פון דער שוי־שפילער־וועלט. ער איז געשטאנען גאנץ באזונדער, און מיט זיין שטאָלצער, רעספעקט־פאָדערענדער נאטור, האָט ער די אקטיאָרען געהאלטען פון ווייטען, און זאָגאר אין פורכט.

.2

ווי איך פלעג שרייבען.—געשריבענע אידיש און די אידישע ליטעראטור פון יענע צייטען.—„געהן אין פאָלק"־שפראך.

אין דעם ווינטער פון 1924 האָב איך פילע אָוועגדען פאר־בראכט אין דער אידישער אָפטיילונג פון דער ניו יאָרקער לייברע־רי, לעזענדיג די ערשטע עטליכע יאָהרגאנגען „ארבייטער צייט־טונג". די פאפיר איז שוין געל און זאפטלאָז, און זי ברעכט זיך ווי שפענדלעך. די בלעטער ברעקלען זיך צווישען די פינגער. יעדעס מאָל, ווען איך פלעג זיך אויפהויבען פון מיין ארבייט, פלעג איך זיין באשאָטען ווי מיט שניי. נאָך א פאָר יאָהר און פון די „ארבייטער צייטונגס" וועט קיין שפור ניט בלייבען.

צו דער זעלבער צייט קען מען איהר היינט לעזען א צייטונג וואָס איז געדרוקט געווען אין וואשינגטאָן'ס צייטען, און כמעט ניט באמערקען אז זי איז אלט. די פאפיר איז גאנץ און בוינזאם און שטארק און דער דרוק איז קלאָהר. זינט מען האָט גענומען מאכען פאפיר פון האָלץ, האָט זי ווייניג ממשות. די אלטע צייטונגען וואָס זיינען היינט געדרוקט זיינען פאראורטיילט אויף פארניכטונג, סיידען מען ברויכט א ספעציעלען (און קאָסטבארען) מיטעל צו פארזיכערען די עקזיסטענץ פון איינעם אָדער צוויי עקזעמפלארען פון יעדען נומער.

עטליכע און דרייסיג יאהר איז ענטוועדער א קליינינקייט אדער אן אייביגקייט. עס ווענדט זיך מיט וואס פאר אן אויג איהר קוקט אויף דער פארגאנגענהייט. עס ווענדט זיך אויך אן דער שטימונג, אין וועלכער איהר געפינט זיך. יערענפאלס, האב איך, לעזענדיג די ארטיקלען, וואס איך האב געשריבען אין 1890, 1891 און 1892, געפיהלט אזוי ווי דער, וואס האט זיי געשריבען, וואלט געווען א גאנץ אנדער מענש. ער איז מיר גוט באקאנט, אבער ער איז אן אנדערער.

פילעס פון מיין דאמאלסדיגען שרייבען קומט מיר איצט אויס זאנדערבאר אדער קאמיש. פון איניגע שטעלען איז מיר זאגאר אונאנגענעם. אבער פילע פון די ארטיקלען שטעלען מיר צופריי־דען; און איניגע — פאלשטענדיג צופרידען.

אין די „סדרות" געפין איך א סך וואס איז ניט־געהובעלט, רוי, ביליג, נאאיוו. אבער פילע פון די „סדרות" ענטהאלטען אינטערעסאנטע איינפאלען. דא און דארטען, אן אריגינעלען געדאנק, א שעהנעם געפיהל, א שטיקעל פאעזיע. רעדאקטירען וואלט מען זיי היינט געמוזט דורכאויס.

אין מיינע ערנסטע ארטיקלען איז דער טאן א בעסערער, און די שפראך איז כמעט אין גאנצען פריי פון אונווירדיגע אויסדרוקען. פאראן א היבשע צאהל אגיטאציאנס־ארטיקלען מיינע, וואס זיינען געשריבען אין א הויכער סאציאליסטישער שטימונג. אין זיי איז די שפראך אין פילע פלעצער שעהן, פול מיט קאליר און סמנים פון איינבילדונגס־קראפט, און דער גאנצער פארנעהם פון דער שפראך איז פון א העכערען און שעהנערען סארט. פילע פון די ארטיקלען אדער פעליעטאנען וואלט איך, מיט קליינע ענדערונגען, געקענט איבערדרוקען היינט. אין די זעלבע נומערען, וואו עס געפינען זיך מיינע ארטיקלען מיט ביליגע שפאסען, געפינען זיך אויך מיינע ארטיקלען מיט שטעלען פול מיט ווירדע, מיט קראפט, אפט מיט שעהנקייט. זיי האבען אין יענער צייט געהאט ערפאלג ניט נאר ביי די מאסען, נאר אויך ביי אונזער אינטעליגענץ, און זיי זיינען מיר היינט אויך אנגענעהם צו לעזען.

א חוץ דעם: אויף ענגליש האב איך צו דער זעלבער צייט אין דער „ניו יארק סאן" אדער אין דעם „וואירקמענ'ס עדוואַ־

קייט" געשריבען אויף א גאנץ אנדער שטייגער ווי איך האָב געשריבען מאנכע טיילען פון די „סדרות". דאָרטען, אויף ענגליש, איז די שפּראך ביי מיר געווען א פּאָלירטע — דער ענגליש פון געבילדעטע מענשען.

אין די ארטיקלען און פעליעטאָנען וואָס איך האָב געדרוקט אין דער „ארבייטער צייטונג" פאר יענע צוויי יאָהר, זיינען, אלזאָ, פאראן צוויי גאנץ פארשידענע סאָרטען. צווישען זיי איז א תהום.

אום צו פארשטעהן ווי מיר האָבען געשריבען און פארוואָס מיר האָבען אזוי געשריבען, דארף מען פריהער פון אלץ האָבען אין זינען דעם אלגעמיינעם צושטאנד פון דעם געדרוקטען אידישען וואָרט אין יענער צייט.

די ליטעראַרישע פאָרמען פון אונזער לשון זיינען דאן געווען ווייניג ענטוויקעלט. די אידישע ליטעראטור האָט נאָך דאן אין דער ווירקליכקייט ניט עקזיסטירט.

מענדעלע מוכר ספרים האָט שוין פארעפענטליכט מייסטע פון די ווערק, מיט וועלכע ער איז באריהמט געוואָרען, און שלום־עליכם האָט שוין געדרוקט עטליכע ראָמאנען. געוועהנליך פאנגט מען אָן די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור פון מענדעלע מוכר ספרים. מיין מיינונג איז אן אנדערע. איך גלויב, אז מענדעלע'ס ווערק געהערען צו דער פרע־היסטאָרישער (פאר־היסטאָרישער) צייט, און דאָס געהט אויך אויף די ראָמאנען וואָס שלום עליכם האָט געשריבען אין יענע יאָהרען. די אידישע ליטע־ראטור האָט, לויט מיין איבערציינונג, זיך אָנגעפאנגען ערשט שפּעטער. דער אמת'ער אָנהויב איז געמאכט געוואָרען פון פּרץ'ן, פון שלום עליכם'ען אלס שרייבער פון הומאָריסטישע זאכען, און פון דער יונגער גרופּע וועלכע פּרץ האָט רעקאָמענדירט דער וועלט: שלום אש, רייזען, נאָמבערג. איך האָב שוין ביי מעהרערע געלעגענהייטען אויסגעדריקט די מיינונג, אז מענדעלע'ס באדייטונג פאר דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור באשטעהט נאָר אין דעם, וואָס ער איז געווען פיליייכט דער ערשטער, וואָס האָט גענומען שלייפען די שפּראך און איהר צופּאסען צו ליטעראַרישע מאניערען. וואָס אנבאטרעפט אָבער דעם אמת'ען ווערט פון זיינע זאכען, גלויב איך, אז פון א

ריכטיגער אָפּשאַצונג האָט מען זיך צוריקגעהאַלטען אוים רעס־פּעקט און דאַנקבאַרקייט צו איהם און אויך אוים נאַציאָנאַליס־טישען געפיהל. איך גלויב, אַז זיין „מסעות בנימין השלישי" און אפילו „פישקע דער קרומער" וואָלטען היינט געווען אונטער דער ווירדע פון אירגענד וועלכען מעהר־אָדער־וויינינגער אנערקענטען שריפטשטעלער.

וואָס אַנבאַטרעפט שלום עליכם'ען, האָט ער אַ ווירקליכען טאַלאַנט גענומען ארויסצייגען ערשט אין די קירצערע ערצעהלונגען, און ניט אין אַזעלכע ראָמאַנען ווי זיין „יאָסעלע סאָלאָוויי" און „סטעמפּעניו", וועלכע ער האָט געשריבען פריהער.

מענדעלע האָט אַלזאָ דער ערשטער אָנגעהויבען צו קולטי־ווירען די אידישע שפּראַך אלס א ליטעראַטור־שפּראַך. אָבער טאַקע נאָר אָנגעהויבען. אידיש האָט מען דאַן געשריבען אין אַ גאַנץ רויהער פאָרמע, און דאָס געהט אפילו אויף מענדעלע'ס שפּראַך אויך. איהם קומט אַ סך קרעדיט פאַר זיינע אויפטואונגען אין בעאַרבייטען דעם אידישען לשון, אין אויספּאָלירען איהם און מאַכען איהם פעהיג צו זיין אַן אינסטרומענט פאַר ליטעראַטור. איינינגע נאַטור־באַשרייבונגען זיינען ביי איהם שעהן, אָבער היינט זיינען אַזעלכע באַשרייבונגען פיעל שעהנער, מיט אַ סך מעהר אָריגינאַליטעט און מיט אַ רייכערען ווערטער־אויסוואהל. און נאָך אַ זאַך: מיט די אַלע פאַרהעלטניס־מעסיגע שעהנקייטען פון זיינע באַשרייבונגען קלינגט זיין שפּראַך געקינצעלט און פילע פון זיינע ליטעראַרישע חנ'דעלעך זיינען גאַנץ נאַאיוו. אין דיזער באַציהונג איז מיר שלום עליכם'ס אידיש אימער געווען אָנגענעהמער, וואָרים זי איז נאַטירליכער. מענדעלע דער ליטוואַק האָט זיך מיט קינסטליכע מיטלען צוזאַמענגעשטעלט אַ ליטעראַרישען וואָלינער אידיש, ווערהענד שלום עליכם איז אַליין אַ וואָלינער, און ער האָט אויף אַ נאַטירליכען שטייגער געשריבען אויף זיין מוטער־שפּראַך.

איך האָב דאָ אונטערגעשטראָכען די ווערטער „איינינגע נאַטור־באַשרייבונגען", ווייל אַ שעהנעם אידיש, און אַ נעטען סטיל איבערהויפּט, געפינט איהר אפילו ביי מענדעלע'ן נאָר אין געצעהלטע שטעלען. געוועהנליך איז אין זיין לשון ניטאָ קיינע

באזונדערע מעלות. זעהר אָפט איז ער גאנץ „ניט־ליטעראריש" און ערטערווייז דער היפוך פון שעהן.

מיר ריידען דאָ הויפּטזעכליך פון דער שפּראַך, אָבער די שפּראַך געהט דאָך האנט־אין־האנט מיט דער ליטעראַרישער מדרגה.

יעדע שפּראַך ענדערט זיך. לייענט א ענגלישע ווערק וואָס איז געשריבען געוואָרען מיט זיבעציג, אכציג יאָהר צוריק, וועט איהר סטיל זעהר אָפט אייך קלינגען זאָנדערבאר. היינט, וואָס קען מען שוין ערוואַרטען פון א אידיש, וועלכע איז געשריבען געאָרען איידער עס האָט זיך גענומען ענטוויקלען א אידישע ליטע־ראַטור? אידיש־שרייבען איז דאן געווען א גאנץ נייע, ווייניג־ענטוויקעלטע אונטערנעהמונג. דער לשון איז געווען אָרים. די צאָהל ווערטער און אויסדרוקען איז געווען קלענער ווי הייגט, און די, וואָס מען האָט געהאט, האָט מען געברויכט אויף א באשרענק־טען, און אָפט אויף א הילפלאָזען שטייגער.

א צווייטער וויכטיגער פונקט באשטעהט אין פאָלגענדען:

מיר האָבען געשריבען פאַר דער מאסע, און אונזער מאסע איז דאן געווען א סך רויהער ווי הייגט. א אידישער בעל־מלאכה איז געווען א בעל־מלאכה אין דעם פארצייטיגען זין פון דעם וואָרט. ער האָט גערעדט א בעל־מלאכה'שען לשון, און קיין אנדערען האָט ער כמעט ניט פארשטאַנען. א גרויסע טייל פון אונזער ארבייטער עולם האָט קוים געקענט לייענען אָהן נקודות. ניט נאָר האָבען מיר מיט אונזער שרייבען זיי געדאַרפט לערנען דענקען, נאָר מיר האָבען געמוזט זיי לערנען אונזער שרייבען איבערצולייענען.

די ערשטע רוסישע רעוואָלוציאָנערען זיינען „געגאַנגען אין פאָלק". זיי האָבען זיך געלערנט ריידען מיט דעם לשון פון אומוויסענדע מענשען, כדי צוצוקומען צו זייערע מוחות און הערצער. איך האָב מיין ארבייט אין אונזער אידישער באוועגונג הויפּטזעכליך באטראַכט אלס א „געהן־אין־פאָלק", און אין דעם האָב איך ניט געמאַכט קיין טעות.

איך קען ניט פארלאָזען דעם ענין פון אונזער דאמאָלסדיגען אידיש, איידער איך וועל זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען די דייטשע, ניט־אידישע, ווערטער וואָס פלעגען דאן געברויכט ווע־רען. אין דעם צווייטען באנד האָבען מיר געזעהן אז אידישע סאָ־ציאַליסטען אין אמעריקע האָבען זיך געפונען אונטער א שטאר־קען איינפלוס פון די דייטשע סאָציאַליסטען, און זיי האָבען ביי זיי איבערגענומען פילע ווערטער און אויסדרוקען, הויפּטזעכליך אזעלכע, וואָס זיינען שייך צו דער באוועגונג. די מוזיקאלישע שפּראך פון דער גאנצער וועלט באנוצט זיך מיט איטאליענישע אויסדרוקען; די שפּראך פון שיפס־לייט איז פול מיט ענגלישע אויסדרוקען. דאָס איז ווייל די ערשטע איז ענטוויקעלט געוואָרען אין איטאליען און די צווייטע אין ענגלאנד. אויף אן עהנליכען אופן איז אונזער באוועגונגס־שפּראך געווען פול מיט דייטשע ווערטער, וואָרים די אָרגאניזירטע סאָציאַליסטישע באוועגונג און די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור איז געבאָרען געוואָרען אין דייטשלאנד, און די סאָציאַליסטישע באוועגונג וואָס מיר האָבען געפונען אין אמעריקא, איז געווען אין דייטשע הענט.

אָבער ניט נאָר מיר, סאָציאַליסטען און טרייד־יוניאָניסטען, האָבען געברויכט א סך דייטשע ווערטער; אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען אין זייערע בלעטער געברויכט נאָך מעהר דייטש ווי מיר. אזוי ווי ביים שרייבען פאָדערט זיך אן איידעלערע שפּראך, האָט מען דאן געמיינט, אז אום צו זיין איידעל דארף מען ריידען דייטש; א אידישער דאָקטאָר פלעגט זיך שטענדיג „ברעכען" אויף דייטש; אז ניט וואָלט מען צו איהם ניט האָבען קיין רעספּעקט.

ווען איך פאַרגלייך אָבער מיינע ארטיקלען מיט די, וואָס זיינען אין יענע יאָהרען געשריבען געוואָרען פון אנדערע, געפין איך, אז איך האָב געברויכט א סך וועניגער דייטש ווי אלע. ביי אנדערע שרייבער געדענק איך, צום ביישפּיל, אזעלכע ווערטער ווי: „דאצו", „אונטערדעסען", „עס גיבט", זאָ" „וואר", „ערונ־גענשאפטען", „עראייגניסען". אויף טריט און שריט באגעגענט איהר אין דער „ארבייטער צייטונג" אזא פראזע, צום ביישפּיל: „פּאָרינען נומער וואר א ווארנונג", אָדער „ער האָט דאָס געטאָן

אבגלייך ער האָט ניט געוואלט". אין מיינע ארטיקלען געפינען זיך דיזע ווערטער קיין מאָל ניט.

מיר איז אפט אויסגעקומען צו שאפען נייע ווערטער אום אויסצודריקען מיינע געדאנקען אויף אידיש. ווייל איך האָב געוואָלט שרייבען מיט פאָלקס־ווערטער, און אין אונזער פאָלקס־שפראך זיינען קיין קולטורעלע אויסדרוקען ניט געווען. איך פלעג מוזען אויסשמידען אייגענע. אָנשטאָט דעם וואָרט „ערונגענשאפ־טען", צום ביישפיל, פלעג איך געברויכען מיין אייגענעם וואָרט „אויפ־טואונגען", און אָנשטאָט „עראייגניסען", האָב איך דאן אייגנע־פיהרט דעם וואָרט „פאסירונגען". אָנשטאָט דעם וואָרט „פאליא־טיווען" פלעג איך שרייבען „באבסקע רפואות". אייניגע פון דיזע ווערטער האָבען אנדערע שרייבער איבערגענומען און אזוי איז דאָס שוין געבליבען, ווי „פאסירונג", צום ביישפיל (זינט דאן איז אין דער אידישער ליטעראטור געשאפען געווארען דער וואָרט „געשע־העניש").

3.

אָן אגיטאציאָנס־ליד. — עטליכע סדרות.

איך גלויב, אז די ערגסטע זאך, וואָס איך האָב ווען עס איז אויפגעשריבען איז אַן אגיטאציאָנס־ליד. דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר דריי איידער עס איז ערשינען די „ארבייטער צייטונג". די ליד איז געווען ספּעציעל צוגעפּאסט צום זינגען ביי דער נעה־מאשין און צו דעם גייסטיגען צושטאנד פון דעם אידישען בעל מלאכה פון דעם אלטען טיפּ.

אליקום צונזער האָט אַ ליד מיט'ן נאָמען „די סאָכע", אין וועלכער ער באזינגט אידישע ערד־ארבייט; האָב איך אויף דעם זעלבען שטייגער, מיט דעם זעלבען ריטם, נאָר אין דעם גייסט פון דער דאמאָלסדיגער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאנדע צווישען אונ־זערע אימיגראנטען „אויפגעמייסטרעוועט" עטליכע פערזען וועגען דעם אַפּערייטאָר. אויבען, אונטער דער אויבערשריפט, איז געווען אַ שורה: „צו זינגען מיט דעם נגון פון דער „סאָכע". אידישע פּאָבלישערס (מיינע לאנדסלייט פּייגענזאָן און סאצענעלענבאָגען

פון 35 לאַדלאָו סטריט) האָבען דאָס אָפּגעדרוקט און פּעדלערס האָבען דאָס פארקויפט אויף די גאַסען. די ליד איז א היבשע צייט געווען זעהר פּאָפּולער. מען האָט איהר געזונגען אין אַלע שעפּער. איצט האָבען איינינע פון אונזערע גענאָסען מיר געראַטען איהר אָפּצודרוקען אין דער „ארבייטער צייטונג“, און־איך האָב זיך ניט געלאָזט בעטען.

אָט זיינען די ערשטע צוויי פערזען:

„דער אָפּערייטאָר
דעם גאַנצען לעבען נעהט ער,
איינגעבויגען אין דרייען איבער זיין מאשין;
די הענט אויסגעצויגען,
דער קארק איינגעבויגען,
עס נעהמט ארוים די אויגען,
ווי א שפּאָן ווערט ער דין.
עס דארט איהם דער מות,
ער לייגט אוועק זיין כח
אויפ׳ן גביר, אויפ׳ן רוצח
ווי א פּליג ביי א שפּין.

אין א רומקע ווי א נאָרע
שוויצען קיין עין הרע
צוויי מנינים מענשען אין היץ און אין שמוץ
פון 6 ביז 10 אָ׳קלאָק
א ראָק נאָך א ראָק,
א קלאָק נאָך א קלאָק,
און וואָס איז זיין נוץ?
ניט א סענט אין פּאקעט,
באָרוועס און נאַקעט,
שפּאַצירען אין „חזיר מאַקעט“,
דאָס איז גאָר זיין גוטס.“

איינע פון די זשורנאַליסטישע געוואוינהייטען, וועלכע איך האָב געהאַט, ווען איך פלעג שרייבען פאר דער „ארבייטער

ציימונג", און וועלכע זיינען ביי אונז שוין לאנג א זאך פון דער
פארגאנגענהיים, איז באשטאנען אין ארייניטוקעווען סאָציאַליס־
טישע פראפאגאנדע, צי עס האָט געפּאסט צי ניט. ווען איך לעז
אזעלכע שטעלען היינט, קומען זיי מיר אויס ערגער ווי נאאיוו.

צום ביישפּיל: אין א געוויסען ארטיקעל, וואו איך דארף זאָ־
גען „די פאראייניגטע שטאאטען", זאָג איך: „די דאָלאר־כאפּענדע
פאראייניגטע שטאאטען". דאָ און דאָרטען געפינט זיך א פראזע,
אין וועלכער די רעוואָלוציאָנערקייט איז אויסגעדריקט אויף אַן
עהנליכען וואולגארען שטייגער.

אין איין פלאץ זאָג איך: „די סאָציאַליסטען שיסען ניט
און די קאפּיטאליסטען ציטערען". איך בין ניט געוועזען דער איינ־
ציגער וואס פלעגט אזוי ריידען. מיר האָבען גוט געוואוסט, אז
די קאפּיטאליסטען ציטערען ניט פאר אונז. נאָר אזוי האָט
זיך געפּאסט צו אונזער דאמאָלסדיגען אגיטאטאָרישען „רומען".

אמאָל פלעגען מיר אזעלכע ווערטער טייל־ווייז געברויכען
אין א לייכטען, האלב־שפּאסיגען זין. אָבער געוועהנליך פלעגט
דאָס געזאָגט ווערען גאנץ סעריעז — מיט מעהר גיפט ווי אויס־
ריכטיגקייט.

א פּאָר יאָהר שפּעטער האָט אונזער סאָציאַליסטישע ארביי־
טער פּארטיי באקומען א פיהרער (מיר וועלען מיט איהם באקאנט
ווערען אויפ'ן געהעריגען פּלאץ), וועלכער האָט די דאָזיגע רע־
וואָלוציאָנערע קאָקעטסטוואָ געבראכט צו דער העכסטער און לע־
כערליכסטער מדרגה.

איך זאָג, אז אזעלכע געוואוינהייטען זיינען „ביי אונז שוין
לאנג א זאך פון דער פארגאנגענהייט". לײדער נאָך ניט אינ־
גאנצען. היינט אָבער זינדיגט מען ביי אונז סאָציאַליסטען אין
דיזער הינזיכט א סך ווייניגער און זעלטענער ווי ביי די היינ־
טיגע קאָמוניסטען. זיי געברויכען דעם ניט־אויפריכטיגען, האָ־
קעטיש־רעוואלוציאָנערען טאָן נאָך אין סיל ערגערע פאָרמען ווי
מיר פלעגען דאָס טאָן מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק*).

---

*) א געוויסע צייט נאָך דעם ווי דיזע שורות זיינען געשריבען געוואָ־
רען האָב איך געזעהן אַן ארטיקעל פון א קאָמוניסטישען וואָרט־פיהרער
וועגען דעם ניו יאָרקער פּאַריער־סטרייק פון 1910 ; און דאָרטען האָב איך

שרײבענדיג די „סדרות“ האָב איך אימער געהאַט אין זינען דעם רויהען הומאָר־געפיהל פון דעם זעלבען בעל־מלאכה פאַר װעלכען איך האָב אױפגעשריבען „דאָס ליד פון דעם אפּערײטאָר“, און זײער גרױסער ערפאָלג איז געװען א באװײז, אז איך פאַרשטעה אונזערע מאַסען און װײס װי צו זײ צוצוקומען.

אין מײנע ערנסטע אַרטיקלען איז דער טאָן געװען א װירדיגערער, אָבער די שפּראַך איז אימער געװען פּאָלקסטימליך און אײנפאַך. איך האָב אַלץ געהאַט אין זינען דעם אונענטװיקעלטען בעל־מלאכה. און דער ערפאָלג פון יענע אַרטיקלען װאו איך פלעג פּאָפּולאַריזירען װיסענשאַפט, אמאָל א טיפזיניגען ענין, האָט געװיזען, אז די מיטלען װעלכע איך געברויך בײ דיזען סאָרט ארבײט זײנען ריכטיגע און פּרוכטבאַרע.

איך האָב זיך געפיהלט גליקליך בײ דיזער ארבײט.

איך האָב אויבען באַמערקט, אז אפילו אין די סדרות געפין איך הײנט ניט װײניג גוטע מאַטעריאַל. ערטערװײז באַגעגען איך אין זײ א געראָטענעם הומאָר פון א בעסערען סאָרט; ערטערװײז א אינטערעסאַנטען אײנפאַל אָדער א פּאָעטישען בילדעל.

אזוי װי אונזער קאַמף מיט די אַנאַרכיסטען האָט דורכגעדרונגען כמעט יעדע אָפּטײלונג פון דער באַװעגונג, שפּיגעלט ער זיך אָפּט אָפּ אין א „סדרה“. אין דער װאָך, װען בײ אידען איז געגאַנגען די „תוכחה“, פלעג איך איהר פּאַרװאַנדלען אין א סאַטירע אויף די אַנאַרכיסטען מיט זײערע „גװאַלדיגע רײד און קײנע טאַטען“.

אָט זײנען די ערשטע שורות פון א סדרה פון דיזען סאָרט:

„די הײנטיגע סדרה איז אין כעס! הערט װי זי בײזערט זיך און שילט און קריצט מיט די צײהן! זי װעט „באַפּעלען

איבערגעלעזען, אז דער דאָזיגער סטרײק מיט זײן „רעװאָלוציאָנערקײט“ „װאַרפט אַרויף א שרעק אויף דער װאַשינגטאָנער רעגירונג.“ אויב מיט 35 יאָהר צוריק זײנען מיר געװען נאַאיװ, און אונזער גאַנצע אַגיטאַציע־שפּראַך איז נאָך געװען „גרין“, איז איצט אַזאַ תירוץ שוין אונמעגליך.

א שרעקעניש, זי וועט צושיקען אן אויסצערונג וואס וועט פאר־דארבען די אויגען". הקיצור, זי וועט, און זי וועט, און זי וועט... וואס פאר א ווערט קענען האבען די פוסטע סטראשונקעס פון א סדרה? עטליכע בלעטלעך חומש האבען זיך באהאלטען צווי־שען צוויי טאוולען און דארטען, אין באהעלטעניש, פאבריצירען זיי באמבעס פון קללות און צייהן־קריצעניש. נו, תוכחה גוטע, וואלט דען ניט בעסער געווען פאר גאט און פאר לייטען, אז דו וואלסט ווייניגער געשאלטען און מעהר געטאן? אט פאלג מיר, גאלד מיינע, קריך ארויס פון דיינע פארשטויבטע טאוולען, לופטער זיך אויס אביסעל, ווארף אוועק דיינע פוסטע קללות און הויב עפעס אן צו טאן אויף דער וועלט!

„נאר ווי קומט א תוכחה צו שכל... ניין, תוכחה, עס לוינט זיך ניט צו געבען מכות איינציגווייז. ווארט ביז דו וועסט אנ־קלייבען וויפיל מען דארף און דאן געבען מכות ניט געזשאלעוועט". (דאס האט געהייסען, אז אנשטאט דעם וואס די אנארכיסטען ריידען ווענען ווארפען איינציגע באמבעס, זאלען זיי בעסער אנ־טייל נעמען אין דער סאציאליסטישער אגיטאציע און העלפען צוגרייטען דאס פאלק צו אן אמת'ער רעוואלוציע).

דיזע סדרה איז געשריבען געווארען גלייך נאך דעם ווי ביס־מארק האט רעזיגנירט אלס הויפט־מיניסטער און דער יונגער קייזער ווילהעלם האט זיין רעזיגנאציע אנגענומען. דאס איז געווען די גרויסע וועלט־נייעס פון יענער וואך. אלזא, שטעל איך פאר ווי ביסמארק האט אלע פאליטיקער פון דער וועלט געפיהרט פאר די נעזער. ער האט יעדען פון זיי געהאלטען אויף א שטרי־קעל, וואס איז געווען צוגעבונדען צו זיין נאז. אלזא זיינען זיי אזוי צוגעוואוינט געווארען צו דעם, אז איצט טאפען זיי זיך די נעזער און וואונדערען זיך וואו די שטריקעל איז אהינגעקומען.

אין דער זעלבער סדרה געפינט זיך אויך אן אנצוהערע־ניש אויף דעם אפמאך צווישען אמעריקא און רוסלאנד ארויסצו־געבען רוסישע פארברעכער. דער דאזיגער אפמאך האט ארויס־גערופען אן אויפרעגונג אין דער רוסישער קאלאניע; און עס איז געגרינדעט געווארען א „רוסישע ליגע" איהם צו באקעמפען.

אין דיזער סדרה געפינט זיך א קינדערשער וואָרט־שפּיל. אנשטאָט „אלעקסאנדער", רופט איך דעם רוסישען צאַר „אלעקס־שינדער".

ווען אין חומש שטעהט, אז משה רבינו האָט דערלעבט אריינצופיהרען די אידען אין ארץ ישראל, און אז ער אליין האָט די הייליגע לאַנד געזעהן נאָר פון ווייטען, זאָגט דער פּראָלע־טארישקער מגיד:

„אָבער ווי א וואהרער פריינד פון פאָלק האָט משה אליץ מקבל באהבה געווען און געהייסען די אידען קעמפען מיט די פיינדליכע פעלקער, וועלכע שטעהען זיי אין וועג און שטערען זיי צוצוקומען צו זייער ציל... אזוי איז דער שיקזאל פון כמעט אלע גרויסע פאָלקס־פריינד. וויפיל פרייהייט־קעמפער מוזען זיך דאָס באנוגענען מיט א ווייטען בליק, נאָר מיט א געדאנקען־בילד פון זייער פארווירקליכטען אידעאל! וויפיל וועלען מוזען שטאַר־בען אין א ירדן פון בלוט, וועלכער ליגט צווישען די וויסטע קאפּיטאליסטישע וועלט און דעם גן־עדן פון סאָציאליזם!"

ווען אין דער תורה ווערט גערעדט וועגען זיבען שלאַנגען, טייטשט דאָס דער „פּראָלעטארישקער", אז מען מיינט דעם טראָן, דעם פאבריקאנט, דעם לענדלאָרד, דעם באנקיר, דעם אייזענבאהן מאגנאט, דעם סוחר און דעם „רעווערענד".

צו דיזער סדרה איז צוגעגעבען אַ הפטורה. צופּאסענדיג די תנך־ווערטער צו אונזער אגיטאציע, שרייבט דער פּראָלעטאַ־רישקער:

„לאָמיר זאָגען מיט ישעיה הנביא: נחמו, נחמו עמי! טרייסט, טרייסט דעם פארקנעכטעטען פאָלק! רעדט צו די הערצער פון די עלענדע. רופט צו זיי און זאָגט, אז זייערע צרות זיינען פארפאָל. דער קול פון פרייהייט רופט אין די פאבריקען און אין די מינען! מאכט א וועג! פארשיט די יאָמער־טאָלען, צו־וואָרפט די פעסטונגען, שליידערט ארונטער די תליות, פארניכטעט די טענעמענטס, צוברעכט די קרוינען! צורייסט די קייטען! מאכט א וואָרע פאר די ליכטיגע צייט, פאר די צייט פון פריי־הייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט!

„און די שטימע זאָגט: רוף, רוף! און איך פרעג: וואָס

זאָל איך רופען? און זי זאָגט צו מיר: רוף צו די ארבייטס־לייט און זאָג אז זיי זאָלען זיך נעמען צו די אָפגעקאָרמעטע און זיי אויסוואָרצלען ווי גראָז.

„געהט אויף די פּלאַטפאָרמעס און פּרעדיגט! געהט אויף די שפּיץ בערג און שרייט צו די ארבייטער אז די פרייהייט איז זייערע! לאָזט זיי וויסען, אז דער גרויסער טאָג קומט אָן, אז ער ברענגט שטראָף פאר די אונטערדריקער אין איין האַנט און גליק פאר די נעדריקטע אין דער אנדער האַנט. ובאָ לפּראָלעטאַ־רישאָק גואל. — דער פּראָלעטארישקער מגיד".

דאָ, וואו אין חומש ווערט דערצעהלט ווי משה האָט געטויט דעם מצרי, וועלכער האָט געשלאָגען א אידען ביי דער ארבייט, רוף איך משה רבינו'ן „גענאָסע משה". איך דערצעהל, אז ער האָט זיך אָנגענומען פאר א אידישען ארבייטער; „און ווען ער האָט געזעהן ווי איין איד שלאָגט א צווייטען, האָט ער צו איהם געזאָגט: „וואָס שלאָגסטו דיין ברודער?" ווארים משה האָט געהאַלטען פון אונזער מיינונג, אז ארבייטער דארפען זיך ניט קריגען, נאָר לעבען ווי ברידער; זיין פאראייניגט אין די יוניאָנס און צוזאמען באקעמפען די קאפּיטאַליסטישע פּרעה'ס".

דיזער סאָרט „סדרה" פלעגט זיין זעהר פּאָפּולער.

4.

פעליעטאָנען.—דער ערשטער בעקער־סטרייק.—אַ טהענקס־גיווינג פעליעטאָן.—פּאַטטי און פּראָפּאַגאַנדאַ.—סוירקולײשאָן.—טהעמאַס.

אמאָל פלעג איך שרייבען א פעליעטאָן אויף א פּאַסירונג פון אונזער באוועגונג אָדער פון דעם אמעריקאנער לעבען אין אלגעמיין. איין פעליעטאָן אזעלכען האָב איך צוגעפּערטיגט לכבוד דעם ערשטען גרויסען בעקער סטרייק. די בעקער יוניאָן האָט איינגעפיהרט א לייבעל, וועלכעו איז געווען ארויפגעקלעפּט אויף יעדער חלה, וואָס איז געבאַקען געוואָרען פון יוניאָן הענט. צוליב דיזען לייבעל זיינען פאָרגעקומען אינטערעסאנטע סצענעס. צום

ביישפּיל: א אידישע באַלעבאָסטע, די פרוי פון א סאָציאַליסט אָדער אזוי א יוניאָן־מאַן, קומט אריין אין א גראָסערי סטאָר, נעהמט אָן פארשידענע זאכען און צום ענד בעט זי א חלה. אָבער די חלה, וואָס מען גיט איהר, האָט ניט קיין לייבעל. לייגט די פרוי אַלץ אוועק: זי וועט דאָ קיין זאַך ניט קויפען. דער גראָסערי מאַן בעט זיך ביי איהר, אז זי זאָל נעהמען די אנדערע ארטיקלען; אָבער זי ענטפערט, אז זי האָט מורא צו קומען אהיים מיט פוטער אָדער קעראָסין פון א סטאָר, וואָס האָט ניט דעם יוניאָן לייבעל אויף זיינע געבעקס.

אויף דיזען ארט האָבען מיר געוואונען דעם סטרייק. און וועגען דעם דאָזיגען לייבעל האָב איך דאָס אויפגעשריבען דעם פעליעטאָן. ער איז געווען אין דער פאָרמע פון א דעבאטע צווישען א חלה און א געקוילעטער טשיקען.

איך שטעל פאָר א גראָסערי סטאָר, וואָס געפינט זיך נעקסט־דאָר צו א בוטשער שאַפּ. אויף א טישעל לעבען דער גראָסערי סטאָר ליגען חלות מיט יוניאָן־לייבעלס, און ביים טיר פון דעם בוטשער שאַפּ הענגען געקוילעטע טשיקענס מיט א פלאָמבע *). א חלה ווייזט מיט שטאָלץ אויף דעם „יוניאָן בעדזש", וואָס זי טראָגט אויף איהר ברוסט, און די טשיקען ענטפערט איהר. די טשיקען באַריהמט זיך מיט איהר „בלייענעם מעדאל".

דער לייבעל ווערט פאָרגעשטעלט אלס דער בעדזש פון יושר און ליכט, און די פלאָמבע אלס דער בעדזש פון פינסטערניש.

אין דער וואָך פון טהענקסגיווינג דעי, אין 1891, האָב איך נעדרוקט א פעליעטאָן וועגען די נשמות פון טוירקים, וועלכע מען האָט געקוילעט לכבוד דעם טאָג פון דאנק־זאָגונג. איך שטעל פאָר ווי די נשמות קומען אויף יענער וועלט.

אין דער הקדמה דערצעהל איך ווי אנגענעהם מיר איז

*) די פלאָמבעס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פון דעם רב הכולל, צו דינען אַלס אַ סימן אַז די הוהן איז כשר געקוילעט. די „אַרבייטער צייטונג" האָט דיזע סיסטעם שאַרף קריטיקירט, אַלס אַ פאַרזוך איינצו־פיהרען אַ קאָראָבקע (אַ „טאַקסע", אַן אָפּצאָהל) אין אַמעריקא.

געווען צו הערען דעם קלאנג פון הונדערטע גאפעל־מעסערס ביי די טוירקי מאהלצייטען, וועלכע רייכע אמעריקאנער מאכען יעדעם טאג פאר ארימע יתומים: „דער שעהנער קלאנג האט אפגעהילכט אין מיינע אויערען ווי גן־עדן מוזיק. פון זיסקייט איז מיין גוף אנשלאפען געווארען. מיין גייסט האט געשוועבט אין א וועלט פון שעהנע טענער. שוועבענדיג האט ער זיך געטראגען העכער און העכער, ביז ער איז געקומען צום העכסטען הימעל. דארטען האב איך געזעהן ווי דער רבונו של עולם זיצט מיט זיינע מלאכים ביי א גרויסען טיש.

עס קומט אריין די נשמה פון א געקוילעטען אינדיק.

— ווער ביזטו? — פרעגט א מלאך.

— אינדיק איז מיין נאמען און וואנדערבילט איז מיין האר — ענטפערט זי — מיין גוף האב איך איבערגעלאזען דאון־סטערז אויף א טעלער מיט קרענבערי סאאס. מיין האר דאנקט דיר, רבונו של עולם, פאר די מיליאנען וואס דו האסט איהם היינטיגען יאהר צוגעשיקט; פאר דעם פראצעס וואס ער האט געוואונען איבער די אלמנות פון די ארבייטער, וועלכע האבען פארלארען זייערע לעבענס אויף זיין אייזענבאהן.

— גוד גוירל! — האט אויסגעשריען דער הייליגער טשער־מאן — פיהר די נשמה גלייך אין גן־עדן אריין!

דערנאך קומט אריין די נשמה פון אן ארבייטער'ס טוירקי. מען פרעגט ביי איהר פארוואס זי דאנקט, און זי ענטפערט, אז זי דאנקט גאט פארוואס מען האט פון די קלאוק־מאכער ניט ארויפגענומען מעהר ווי צוויי דאלאר א וואך פון די ווידזשעס.

איין נשמה קומט פון דער טוירקי פון א ניוס־באי. מען פרעגט איהר פארוואס זי דאנקט. זאגט זי, אז זי דאנקט פאר די פייפערס, וואס דער באי פארקויפט ביינאכט. מען פרעגט ווער עס איז דער באי; ענטפערט זי, אז ער איז א יתום; אז זיין טאטע איז געווען איינער פון די ארבייטער, וואס איז דער'הרג'עט געווארען ביי וואנדערבילט'ן אויפ'ן באהן. דיזער נשמה זאגט מען, אז זי האט צופיל חוצפה. מען פאראורטיילט איהר צו זיין א גלגול אין דעם גוף פון א כפרה־הענדעלע אויף יום־כפור.

ביי דעם אָנהויב פון ערשטען יאָהר־גאַנג „ארבייטער צייטונג" געפין איך מיינע איינדרוקען פון דער וועלט־באַריהמטער זינגערין, פּאַטטי, אין דער אָפּערא „לוציא". די באַשרייבונג פון פּאַטטי'ס זינגען איז פאַרבען־רייך און האָט ארויסגערופען אַ סך קאָמפּלימענטען. דאָס איז אָבער ניט קיין איבערבליק איבער דער אָפּערא, נאָר אַ טייל פון אַ פעליעטאָן אונטער דעם נאָמען „צוויי וועלטען אויף דער וועלט"; דאָס הייסט — ווידער פּראָפּאַגאַנדע. איידער איך פאַנג אָן צו באַשרייבען פּאַטטי'ס זינגען, שטעל איך פאָר דעם לוקסוס אין דער אָפּערא און די רייכע דרעסעס פון די דאַמען, וואָס זיינען געזעסען אין די לאָזשען. אַלס אַ געגענזאַץ צו דעם און צו פּאַטי'ס געזאַנג, שטעל איך פאָר ווי אַ בעטלערקע זינגט אויף אַ יאַרד.

„איהרע צוריסענע טענער האָבען אין זיך געהאַט אַ מין קינדערשען קלאַנג — זאָג איך — און צייטענווייז פלעגט זי זיך צוציטערען מיט אַ האַרץ־רייסענדען טרעל, וועלכער האָט געמאַכט אַ טיפערען איינדרוק ווי פּאַטטי'ס קאָלאָראַטורען... איך האָב מיט דער אונגליקליכער פרוי גערעדט, און זי האָט מיר דערצעהלט, אַז איהר מאַן האָט פאַרלאָרען זיין לעבען ארבייטענדיג אין אַ קוילען־גרוב; אַז זי האָט דריי קינדער און אַז די קוילען־קאָמפּאַניע האָט איהר אָפּגע'פּטר'ט מיט עטליכע דאָלאַר"...

היינט וואָלט אפילו אַ זיבעצען־יאָהריגער סאָציאַליסט פאַרשטאַנען, אַז מען מעג שרייבען וועגען דער אָפּערא און איהר ניט צוזאַמענפּאָרען מיט דעם געזאַנג פון אַ בעטלערקע, פאַר פּראָפּאַגאַנדע צוועקען.

ווען איך קוק דורך די פאַרשידענע ארטיקלען, וועלכע איך האָב געשריבען אין די ערשטע צוויי יאָהר־גאַנגען „ארבייטער צייטונג", באַמערק איך אַז דער ענין איז כמעט אימער פון דעם סאָרט, וועלכער קען פאַראינטערעסירען אַ גרויסען עולם. און די „קעפּעל" איז אויפגעשריבען מיט'ן זעלבען צוועק — צו פאַראינטערעסירען אַ גרויסען עולם; צו ציהען אויפמערקזאַמקייט צו דער אינטערעסאַנטקייט פון דעם ארטיקעל. דאָס געהט אויף מיינע פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכע ארטיקלען, אַזוי גוט ווי אויף

אנדערע. איין ארטיקעל, צום ביישפיל, איז אויף דער טהעמע: „פון וואנען האָבען זיך גענומען די פארשידענע נאציאָנען?” אַן אנדערער טראָגט דעם איבערשריפט: „ווי אזוי פלאנצען מעהרען זיך; זייערע זכרים און נקבות. — ווי אזוי די פרוכט ווערט געבאָרען”. אמאָל באגעגען איך מיינע אַן איבערזעצונג פון א באקאנטען שרייבער, און דער אינהאלט איז ווידער אזעלכער, וואָס דארף פאראינטערעסירען דעם עולם. צום ביישפיל, אַן איבער־זעצונג פון וויקטאָר הוגאָ'ס שילדערונג ווי „א מענש איז דער־טרונקען געוואָרען אין זאמד”.

.5

ערשטע אינטערעסען אַלס בעלעטריסט.—אַ נייער אינטערעס אין מענשען.—אַ וויסענשאַפטליכער ענין.— מיין אַמביציע.

אין די ערשטע אכציג־ניינציג נומערען „ארבייטער צייטונג” געפינען זיך אויך די ערשטע שפּראָצונגען פון מיין ארבייט אַלס בעלעטריסט. זעהר א שוואכער אָנפאנג; עס לאָזט זיך אָבער מערקען די ריכטונג, אין וועלכער מיין אינטערעס האָט זיך גענומען ענטוויקלען.

אין א סדרה, וועלכע איז געדרוקט אין נומער 5 פון דעם צווייטען יאָהרגאנג, ווערט פאָרגעשטעלט א אידישער מלמד, און דיזע באשרייבונג ענטהאלט א סקיצע פון א סימפּאטישען אידישען טיפּ. נאָך דייטליכער זעהט זיך די דאָזיגע שטרעבונג אין דעם 23טען נומער פון דעם זעלבען יאָהרגאנג. אונטער דעם נאָמען „אנשטאָט א סדרה” גיב איך אַן ערצעהלונג מיט דעם איבערשריפט „מאָטקע ארבעל”. דאָס איז געגאנגען אין עטליכע נומערען. ווען איך לעז איצט דיזע ערצעהלונג, קומט זי מיר אוים קינדעריש. דער קינסטלערישער אינטערעס, וואָס זי ווייזט ארוים, איז א רויהער. עס איז אָבער פאָרט א. קינסטלערישער אינטערעס.

אין דעם 52טען נומער פון דעם צווייטען יאָהרגאנג געפינט זיך מיינע אַן איבערזעצונג פון טורגעניעוו'ס סקיצע „הענגט

איהם!" דאס האב איך צוגעפערטיגט, ווייל דער אינהאלט און דער איבערשריפט זיינען פון די, וואס מוזען פאראינטערעסירען דעם ברייטען עולם; אבער טיילווייז ווייל די ערצעהלונג מאכט א שטארקען איינדרוק אלס א ליטעראַרישע זאך. איך האב איהר באטראכט אלס א גוטען מיטעל אונזער עולם באקאנט צו מאכען מיט דעם סארט פארגעניגען, וואס מען באקומט פון א ליטע־ראַרישע ווערק.

פריהער איז מיין ליבע צו ליטעראַטור געווען די ליבע פון א אינטעליגענטען רוסישען לעזער, און ניט פון איינעם וואס פארמעסט זיך אליין צו שרייבען ערצעהלונגען. די רוסישע קריטיקער האב איך געשעצט הויך. אבער דאס איז כמעט געווען א טייל פון דער רוסישער קולטור. יעדער געשטודירטער אדער שטודירענדער יונגערמאן פון רוסלאנד האט פארגעטערט די רוסישע קריטיקער.

מיין פרוי האט אין יענע יאהרען געהאט מעהר אינטערעס אין ליטעראַטור ווי איך. וועגען טורגעניעוו'ן און פושקינ'ען האט זי אימער גערעדט מיט באגייסטערונג, און זי האט אפט געמאכט אינטערעסאנטע באמערקונגען וועגען זיי. און וועגען טאלסטאי'ען אלס פסיכאלאגישען קינסטלער, פלעגט זי אויסדריקען באוואונדערונג נאך מיט פיר־פינף יאהר פריהער. ארום דער צייט פון דעם בליזארד, אין 1888, געדענק איך, האט זי, לעזענדיג טאלסטאי'ס א ווערק, אנגעוויזען אויף שטעלען אין וועלכע עס האט זיך געזעהן די טיפקייט פון זיין בליק, די ריכטיגקייט און העלקייט מיט וועלכער ער שילדערט די מענשליכע נאטור.

אין מיר האט זיך אן ערנסטער ליטעראַרישער געפיהל ענטוויקעלט אביסעל שפעטער און טאקע דורך מיין מיטארביי־טערשאפט אין דער „ארבייטער צייטונג". שרייבענדיג די סדרות און אנדערע פעליעטאנען, האב איך ביסלעכווייז דערפיהלט א חשק פארצושטעלען סצענעס און טיפען, דעם גאנג פון מענש־ליכע געדאנקען און געפיהלען. און דיזער סארט אינטערעס ברענגט שוין מיט א נייעם אינטערעס אין די מענשען, וועלכע איהר זעהט ארום זיך.

איך פלעג אָפט הערען אַ קאָמפּלימענט, אַז איך בין אַ מבין אויף מענשען. אויב דאָס איז אמת, האָב איך דיזע מבינות פריהער אין מיין שרייבען ווייניג אויסגענוצט. מיינע בעאָבאַכ־טונגען זיינען געווען אַ זייטיגע זאַך. איצט אָבער האָט דער אינטערעס אין מענשען און זייערע פּערזענליכקייטען צווישען זיך גענומען וואַקסען אין מיר.

ווען מען הויבט אָן דורשטען צו שאַפען עטוואָס בעלעטריס־טישעס, הויבט מען אָן צו קוקען אויף יעדען מענשען מיט אַ ספּעציעלער נייגעריגקייט. מען בעאָבאַכטעט איהם מיט גאָר אַנאַנדער סאָרט אויפמערקזאַמקייט. דער זעלבער משה אָדער טשאַרלז ווערט גאָר ביי אייך אַן אַנדערער. איהר דרינגט דורך זיין שמייכעל, איהר לעזט אין זיינע אויגען אַ נייע שפּראַך. איהר האַלט שטענדיג אין שטודירען די וועלט.

קיין באַשטימטע ליטעראַרישע פּלענער האָב איך אָבער נאָך דאַן ניט געהאַט. מיין אַמביציע אַלס שרייבער האָט גאָר געהאַט אַ שייכות צו אַ וויסענשאַפטליכען ענין, און זי האָט זיך ביי מיר ענטוויקעלט דורך די לעקטשורס, וואָס איך פלעג האַלטען און דורך די פּאָפּולערע אַרטיקלען, וואָס איך פלעג שרייבען. איך האָב גענלויבט, אַז איך האָב אַן אָריגינעלען געדאַנק, פון וועלכען עס קאָן אַרויסקומען אַ וויכטיגע ווערק.

אַ טייל פון דעם פּלאַן איז באַשטאַנען אין ערקלעהרען מיט וויסענשאַפטליכער גרינדליכקייט און מיט מאַסען וויסענ־שאַפטליכע באַווייזע דעם ענין, וועלכען איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל דערמאָנט, די שייכות צווישען סאָציאַליזם און דאַרוויניזם.

עס איז דאַן געווען אַ דייטשע בראָשורע וועגען דער פראַגע; איך האָב אָבער פון איהר ווענייג געהאַלטען. איך בין געווען איבער־צייגט, אַז מיין אַרגומענט איז פיל טיפער און ברייטער, און אַז ער איז פאַלשטענדיג איבערצייגענד. די פראַגע האָט געפאָדערט אַ סך צייט אויף לעזען און אונטערזוכונגס־אַרבייט.

איך האָב זיך גענומען צום דאַרוויניזם. איך האָב גרינדליך

איבערגעלייענט ניט נאָר דארווין׳ס הויפּט ווערק „די ענטוויקלונג פון די מינים״ און „די אָפּשטאַמונג פון דעם מענשען״; איך האָב אויך דורכגעשטודירט די באריהמטע ווערק פון אַלפרעד וואַללאס און אַ גאַנצע רייהע אַנדערע ביכער, וואָס האָבען אַ דירעקטע אָדער אינדירעקטע שייכות צום דארוויניזם.

צו דער זעלבער צייט האָב איך גענומען שטודירען דעם לעבען פון דעם מענשען ווען ער איז נאָך געווען האַלב־ווילד, און פון די פעלקער, וואָס געפינען זיך אין אַ האַלב־ווילדען צושטאַנד אין אונזער צייט. דיזער ענין איז געווען ענג פאַר־בונדען מיט מיין ארגומענט וועגען סאָציאַליזם און דארוויניזם. דער קאָמוניסטישער שטייגער, אויף וועלכען האַלב־ווילדע שבטים פלעגען זיך פיהרען אין פאַר־היסטאָרישע צייטען, און די סליאַדען דערפון, וואָס זיינען איבערגעבליבען ביז היינט — דאָס איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע פונקטען.

פון מיינע לעצטע סענטען האָב איך געקויפט אַלע ווערק פון׳ם ענגלישען פאָרשער און דענקער מעין איבער דיזען געגענשטאַנד; אויך אַלע ווערק פון דעם ענגלישען געלעהרטען טאַילער איבער דער זעלבער וויסענשאַפט, און מאָרגאַן׳ס „נאָר־פּאַרצייטיגע געזעלשאַפט״. איך האָב אויך צוזאַמענגעשטעלט אַ צעטעל פון אַנדערע ווערק (מייסטענס פון רייזענדער) וועגען דעם לעבען פון האַלב־ווילדע פעלקער אין אַפריקא, זיד־אַמעריקא און אויסטראַ־ליען, וועלכע איך האָב געפונען אין דעם קאַטאַלאָג פון אַסטאָר לייברערי און אין די קאַטאַלאָגען פון די נייעסטע ווערק, וואָס זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען פון אַמעריקאַנער און ענגלישע פּאָבלישערס.

אַ וויכטיגע ווערק צו מיין ציעל איז געווען הערבערט ספּענסער׳ס סאָציאָלאָגיע (אין צוויי דיקע בענדער) און זיינע גרויסע סאָציאָלאָגישע טאַבעלען. אָבער מאָרגאַן׳ס בוך האָב איך געשטעלט העכער. ביי ספּענסער׳ן געפינט מען אַ סך מעהר פאַקטען; אָבער מאָרגאַן גיט אַ שליסעל צו דער גאַנצער פראַגע, אַ צענטראַלען געדאַנק, וועלכען פרידריך ענגעלס האָט ארייגגענומען אין דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. מיט דעם הויפּט געדאַנק פון מאָרגאַן׳ס ערקלעהרונג אין ענגעלס׳עס באַ־

לייכטונג בין איך באַקאַנט געוואָרען דורך ענגעלס'עס ווערק „די פרוי, די פאַמיליע און דער שטאַאט". איך האָב אָבער איבער־געלעזען מאָרגאַן'ס בוך גופא. עס איז אַ טרוקענע ווערק. איך האָב איהר אָבער דורכגעשטודירט מיט התמדה.

דעם עיקר־געדאַנק פון מיין אַרגומענט פלעג איך אויס־דריקען אויף לעקטשורס אין ענגליש און אידיש, און זיי האָבען אומעטום געהאַט ערפאָלג. אָבער נאָר דעם עיקר פלעג איך אַרויסברענגען פאַר אַן עולם. פילע פון די איינצעלהייטען זיינען נאָך מיר אַליין ניט קלאָר געווען. וועגען איינינע פּונקטען האָט מיר געפעלט באַווייזען, וועגען אַנדערע האָב איך געהאַט צווייפלען. פאַרשידענע פראַגען זיינען מיר געשטאַנען אין וועג.

איינינע ביכער האָב איך אין דער אַסטאָר לייברערי ניט געקענט געפינען. די באָסטאָנער לייברערי איז דאַן געווען גרעסער און רייכער; האָב איך זיך געקליבען דאָרטען צו פאַרברענגען אַ געוויסע צייט מיט דעם צוועק דורכצוזוכען דעם דאָרטינגען קאַטאַלאָג און צו שטודירען די ווערק, אין וועלכע איך בין געווען פאַראינטערעסירט, און וועלכע די דאָרטינע ביב־ליאָטעק האָט ענטהאַלטען.

פון צייט צו צייט קאָב איך געלעזען איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע. צום ביישפּיל: עס איז אָנגענומען אַז דער פונ־דאַמענט פון קאַרל מאַרקס'עס „וועלט־טעאָריע" ליגט אין דעם ווערק פון דעם ענגלישען עקאָנאָמיסט, דעם אידען, ריקאַרדאָ; האָב איך גרינדליך שטודירט ריקאַרדאָ'ס שריפטען (דעם בוך האָבען מיר צוגעשיקט די אידישע גענאָסען פון לאָנדאָן אַלס מתנה).

יענעם פריהלינג (1892) האָב איך געלעזען קאַרל מאַרקס'עס דעבאַטע מיט דעם פאָטער פון דעם פראַנצויזישען אַנאַרכיזם, פּרודהאָן, אויך מאַרקס'עס ווערק „צו דער קריטיק פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע" און אַנדערע באַריהמטע בראָשורען זיינע (אַלץ אין אַ רוסישער איבערזעצונג, וועלכע פּלעכאַנאָוו'ס רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע האָט אַרויסגעגעבען אין דער שווייץ).

6.

רעדן עס. — אַיינבילדונגס־קראַפט. — אַ מעלה און אַ חסרון. — שילדערונגען. — אַנטוואָרטען אויף פראַגען פון אַנאַרכיסטען.

אין יענע צוויי יאָהר און אין די נעקסטע צוויי האָב איך זיך געפונען אויף דעם העכסטען שטאַפּעל פון מיין טעטיגקייט אַלס רעדנער. פּאַרשידענע באַריכטען און קאָרעספּאָנדענצען אין דער „אַרבייטער צייטונג" דערמאָנען מיר אָן מאַסען איינצעלהייטען פון דיזער טעטיגקייט — פון די אַגיטאַציאָנס־רעדעס און לעק־טשורס וואָס איך פלעג האַלטען, און פון די דעבאַטען אין וועלכע איך פלעג זיך באַטייליגען. וואָס אַנבאַטרעפט די איינדריקע — גינסטיגע און אונגינסטיגע, — וועלכע מיינע רעדעס פלעגען מאַכען, איז מיין איצטיגער באַגריף וועגען זיי געגרינדעט אויף די דאַמאָלסדיגע מיינונגען פון פריינד און פיינד, אויף דעם וואָס מענשען געדענקען און אויף דעם וואָס איך געדענק אַליין, און אויף געוויסע נאָטיצען און בריעף וואָס זיינען ביי מיר פאַרבליבען.

קיין אָראַטאָר בין איך קיינמאָל ניט געוועהן. אָראַטאָרס רעדען כמעט דורכאויס אין אַ געהויבענעם טאָן און מיט באַרע־כענטע, געשליפענע זאַצען, און זייערע אַ רעדע איז אַזוי צוזאַמענ־געשטעלט, אַז זי זאָל שטייגען פון געלאַסענע געפיהלען צו העכערע שטאַפּלען פון באַגייסטערונג, ביז עס ווערט דערגרייכט דער העכסטער פונקט. אַלץ איז אויסגערעכענט אַזוי, אַז די באַגייסטערונג פון די צוהערער זאָל אויך שטייגען פון שטאַפּעל צו שטאַפּעל, און ענדליך, ביי דעם העכסטען פונקט, זאָל זי אויסזעצען אין אַ שטורעמדיגען אַפּלאָדיסמענט. דאַס רוב קומט אַן אָראַטאָר צו דער פּלאַטפאָרמע מיט אַ צוגעפּערטיגטער רעדע, און ער געדענקט איהר פון אָנהויב ביז'ן סוף. און אויב ניט, ווערט זי ביי איהם אויף דער פּלאַטפאָרמע גופא אָרגאַניזירט אויף דעם דאָזיגען שטייגער.

צו אַזאַ סאָרט רעדען האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט קיין פעהיגקייט. דערצו דאַרף מען זיין אַ געלאַסענערער מענש ווי איך בין; מ'דאַרף זיך קענען בעסער קאָנטראָלירען. איך האָב אַ פּאָר מאָל געפּרופט האַלטען אַ צוגעפּערטיגטע רעדע, און ביידע מאָל

האָב איך געהאט אַ נידערלאַגע. איך האָב זיך געדארפט דערמאָנען די ווערטער, וואָס איך האָב גענאָלט געברויכען. דאָס האָט נעפענטעט מיין גאַנצען „איך". דער רעזולטאט איז געווען, אַז איך האָב זיך געפּלאָנטערט ווי אַ אינגעל, וואָס האָט זיין לעסאָן אויסגעלערנט אויף אויסווייניג און געדענקט איהם ניט גוט. מיינע געדאנקען, געפיהלען און איינבילדונגס־קראַפט מוזען זיין פריי. ווען איך דארף זיך דערמאָנען פונקטען אָדער ווערטער, ווער איך אַ צוטומעלטער. מיינע בעסטע רעדעס זיינען אימער געווען די, וואָס איך האָב געהאלען „עקספּראָמט", אָהן שום צוגרייטונג. די שטאַרקסטע שטעלען און פונקטען פלעגען זיך ארויסרייסען אויפ'ן אָרט. אָפט פלעג איך דיזעלבע רעדע איבערזאָגען אין עטליכע פלעצער. אָבער נאָר איהר אַלגעמיינעם אינהאלט, די הויפּט־געדאַנקען מיט די משלים אפשר, אָבער ניט די ווערטער און פראַזען, ניט די אויסערליכע פאָרמע. און אפילו אין דעם אינהאלט פלעגען אויך יעדעס מאָל ארויסקומען גרויסע ענדערונגען.

איינבילדונגס־קראַפט איז דער קוואַל פון מיין מעלה אַלס רעדנער, אָבער אויך פון מיין גרעסטען חסרון. זעהר אָפט, רעדענדיג פון דער פּלאַטפּאָרמע, שטעל איך זיך פאָר אַ בילד אזוי דייטליך, אַז די איינצעלהייטען שטערען מיין אויפמערקזאמקייט צו דעם הויפט ענין. זיי פארשלעפען מיך אָפט אָן אַ זייט. איך לאָז זיך אריין צו טיף אין אַ סצענע, וואָס האָט ניט קיין וויכטיגע שייכות צום ענין, און פארליר די פּראָפּאָרציע, אָדער איך פארגעס אָן דעם עיקר. דאָס, צוזאַמען מיט מיין היציגער נאַטור, מאכט אַ צוזאַמענגעשטעלטע רעדע אונמעגליך פאַר מיר.

טיילען אָבער פון מיינע רעדעס פלעגען זיין הויך־אַראַטאָריש, אין דעם בעסטען זין פון דעם אויסדרוק; גייסטרייך, פארבענרייך, שעהן, שטאַרק, איינדרוקספול. זיי פלעגען פון זיך אליין אזוי ארויסקומען. איך פלעג ריידען מיט אויפריכטיגער באַגייסטערונג, מיט אַ פייער וואָס האָט ארויסגעפלאַמט פון מיין הארצען. ליידענשאַפט און איינבילדונגס־קראַפט האָט מיר קיינמאָל ניט געפעלט. און דאָס האָט זיך ביי מיר געלאָזט פיהלען אויף

דער פלאַטפאָרמע — ניט נאָר אין מיינע אגיטאציאָנס־רעדעס אָדער פעסט־רעדעס, נאָר אויך אין מיינע לעקטשורס.

אַן אויסשפּראך האָב איך אַ קלאָרע, און אַ שטימע אַ הויכע, אַ קלינגענדע. מיך האָט מען געקענט הערען אין יעדען ווינקעל פון דעם גרעסטען זאַל, און ווען איך פלעג ריידען אונטער'ן פרייען הימעל, האָבען מיינע ווערטער געהילכט מיט דייטליכקייט ווייט אַרום.

אומעטום פלעגט קומען אַ גרויסער עולם און ער פלעגט זיצען אָדער שטעהן ווי אַ געשפּאַנטער.

אין מיינע רעדעס פלעג איך מאָלען בילדער. איך האָב אַלץ געזעהן ווי פאַר די אויגען, און איך האָב זיך יעדע זאַך פאָרגעשטעלט אַזוי דייטליך, אַז די צוהערער האָבען איהר אויך געזעהן ווי פאַר די אויגען. און עס פלעגען זיך אַרויסרייסען בולט'ע העלע שילדערונגען, קרעפטיגע אויסדרוקען, אָפט אַ שטיק הומאָר אָדער שפּאַס, וועלכער פלעגט אַרויסרופען אַן אויסברוך פון געלעכטער.

עס זיינען אָבער אויך געווען געוויסע ביליגע שטעלען, קללות זאָגאַר.

מיט ווערטער פלעג איך זיך ניט באַנוגענען. ניט ווילענדיג, פלעג איך מיט האַוואַיעס און מיט באַוועגונגען פון די הענט, צוגעבען שטריכען צו דעם בילד. צום ביישפּיל: אין אַ רעדע געגען דער סוועטינג סיסטעם שטעל איך פאַר ווי אַן אַרבייטער נעכטיגט אין אַ סוועט־שאַפּ, ווייל ער אַרבייט ביז שפּעט אין דער נאַכט און מוז אויף מאָרגען פאַרטאָג ווידער קומען צו דער אַרבייט. דערביי ווייז איך ווי ער ליגט אויף די באַנדלעך; מיט אַ מינע דריק איך אויס ווי שמוציג דער שאַפּ איז, ווי פון שמוץ און ענגשאַפט קומען אַרויס קראַנקהייטען, ווי דער אַרבייטער הוסט, ווי אין איהם ווערט ענטוויקעלט שווינדזוכט.

אָדער, ערקלערענדיג די גרונט־געדאַנקען פון דער דאַר־ווינישער טעאָריע, נעהם איך אַלס ביישפּיל אַ זשיראַף און ערקלער ווי די לאַנגע האַלז און הויכע פאָדערשטע פיס זיינען איהר נויטיג צו דערגרייכען די בלעטער פון ביימער, מיט וועלכע זי שפּייזט זיך ,און ווי דורך דעם איז אַרויסגעקומען אַ מין

באשעפעניש, וואס האט זעהר א לאנגע האלז מיט זעהר הויכע פאדערשטע פיס. אלזא, ווען איך פלעג דאס אלץ ערקלערען, פלעגען זיך ביי מיר ניט ווילענדיג אויפהויבען די הענט און די קאפ, און מיט א פאר באוועגונגען פלעג איך ווייזען ווי א זשיראף דערגרייכט די בלעטער פון א בוים.

איך האב געהאלטען צעהנדליגע פארשידענע רעדעס אויף פארשידענע טהעמעס מיט פארשידענע געדאנקען, בילדער, משלים, איינפעלע. איך וועל דא געבען דעם עיקר פון א פאר פון די רעדעס, וועלכע פלעגען דאן האבען א גרויסען ערפאלג.

איך שטעל פאר ווי אין ניו יארק קומט א פרעמדער, וואס האט קיין באגריף ניט וועגען א רעפובליק. איך זאג איהם, אז די פאראייניגטע שטאאטען זיינען א רעפובליק. ער פרעגט ביי מיר וואס דאס איז אזוינס; און איך ערקלער איהם, אז דאס איז א מדינה אהן א קיסר; אלע זיינען גלייכע בירגער; זיי ערוועהלען א פרעזידענט אויף א געוויסע צייט און דערנאך ערוועהלען זיי אן אנדערען. דאס גאנצע פאלק איז דער בעל־הבית איבער דער רעגירונג. וועגען אלץ פרעגט מען ביי איהם א דעה. איך פיהר דעם גאסט איבער'ן שטאדט.

— דאס איז אונזער פאליציי־געביידע — זאג איך צו איהם, אנווייזענדיג אויף די פאלים העדקוואדערס.

דאן פיהר איך איהם צו צו אנאנדער מויער און זאג: „דאס איז אונזער ראטהויז, אונזער „סיטי האל". און דאן צו א דריטע הויז, וועלכע איך שטעל פאר פאר איהם אלס „אונזער פאסט".

מיר געהען ווייטער. דער גאסט זעהט זעהר א גרויסע שעהנע סטאר.

— און דאס וואס איז? — פרעגט ער.

— וואנאמייקער'ס סטאר, — זאג איך.

— ווער איז דער וואנאמייקער?

— איינער פון אונזערע בירגער. ס'איז זיין געשעפט.

דער פרעמדער פרעגט: „אויף יענע געביידעס האט איהר

אַלץ גענאָגט „אונזער“ און אויף דעם זאָגט איהר „זיין“. פאַרוואָס?

איך ערקלער איהם, אז יענע זיינען קהל'שע געביידעס, און דיזע ניט. יענע געהערען צו דער רעפּובליק; דיזע, ווידער, איז אַ פּריוואַטע בילדינג; דער גאַנצער געשעפט איז אַ פּריוואַ־טער — מיסטער וואַנאַמייקער'ס.

מיר שפּאַצירען ווייטער. איך ווייז איהם אַ גרויסע מאַשין־פאַבריק און זאָג איהם, אז דאָס געהערט צו מיסטער דזשאָנס'ן. דאַן געהען מיר פאַרביי אַ באַנק; איך רוף אָן דעם נאָמען פון מיסטער מעקעלווי, און זאָג, אז ער איז דער בעל הבית.

מיר געהען ווייטער און ווייטער. מיר שטעלען זיך אָפּ ביי אַ גרויסען וואָקזאַל און איך זאָג, אז דער אייזענבאַהן איז מיסטער וואַנדערבילט'ס. ווען מיר דערזעהען אַ טעלעגראַף־אָפיס, זאָג איך איהם, אז דער באַלעבאָס הייסט מיסטער גולד.

— זיינען די דאָזיגע געשעפטען רעפּובליקען? — פרעגט דער פרעמדער — איך מיין די מאַשין־פאַבריק, די סטאָר, דער וואָקזאַל, דער טעלעגראַף, דער באַנק. זיינען זיי אַלע רעפּובליקען? ערוועהלט מען פאַר זיי אַ פּרעזידענט אויף אַ געוויסע צייט? איז דאָס גאַנצע פאָלק אַ באַלעבאָס איבער זיי? פרעגט מען ביי איהם אַ דעה ווי דאָס אַלץ צו פיהרען?

— ניין, — ענטפער איך — דאָס זיינען אַלץ פּריוואַטע זאַכען. יעדער געשעפט געהערט צו איין בירגער אָדער צו אַ גרופּע בירגער, וועלכע מען רופט קאָמפּאַניע. זיי זיינען די באַלעבאַטים. זיי קענען טאָן מיט דעם וואָס זיי ווילען. קיין אַנדערער קען זיך ניט מישען.

דער גאַסט איז אַ איד, וואָס האָט ליעב צו פרעגען קשיות, און ער פרעגט:

— הייסט עס, אז מיסטער דזשאָנס איז אַ קיסר איבער דער פאַבריק, וואָס איהר האָט מיר געוויזען?

איך מוז מודה זיין אז יאָ.

— הייסט עס, אַלזאָ, — פרעגט ער ווייטער — אז די פאַבריק איז ניט קיין רעפּובליק, נאָר אַ מאָנאַרכיע?

איך האָב קיין ברירה ניט; איך מוז זאָגען „יאָ“.

— און מיסטער וואנאמייקער איז א קיסר איבער יענער סטאָר? — פרעגט ער ווייטער — און מיסטער מעקעלווי איז א קיסר איבער'ן באנק, און מיסטער וואנדערבילט איז א קיסר איבער דעם אייזענבאהן?

איך האלט אין איין שאָקלען מיט'ן קאָפּ און זאָגען „יאָ". איך האָף אז דער קשיה־פרעגער וועט ענדליך מיעד ווערען פרעגענדיג. איך האָב אָבער א טעות. ער האָט ווידער א קשיה, א שפּאָגעל־נייע:

— איהר זאָגט, אז די פּאָסט געהערט צו אייער רעפּובליק, און די פאבריק צו מיסטער דזשאָונס'ן. לאָמיר זעהן: וויפיל צייט פארברענגט אייערער א בירגער אויף דער פּאָסט? אפשר עטליכע מינוט אין א מאָנאט. ער כאפּט זיך אריין אוועקצושיקען א בריף אָדער קויפען מארקעס. און אין אייער ראטהויז פאר־ברענגט ער מסתמא נאָך וועניגער. אין מיסטער דזשאָונס'עס פאבריק אָבער פארברענגען די ארבייטער א גאנצען טאָג. און דאָסזעלבע איז מיט די פּריקאשטשיקעס, וואָס ארבייטען ביי מיסטער וואנאמייקער'ן אין סטאָר. ניט אמת?

— אמת, אָבער וואָס ווילט איהר מיט דעם אויספיהרען?

— איך וויל אויספיהרען, אז דער ארבייטער געפינט זיך א גאנצען טאָג אין א מאָנארכיע, ער איז אַן אונטערטאַן ביי א קיסר, און בלויז אייניגע מינוטען האט ער צו טאָן מיט דער רעפּובליק, וואו ער איז א בירגער און האָט א דעה.

— אָבער ניט אימער ארבייט מען דאָך, — ענטפער איך איהם אויף זיין ארגומענט, — ווען מען קומט פון דער פאבריק אהיים, לעבט מען דאָך אין א רעפּובליק.

— אמת, — מוז דער קשיא־איד צוגעבען, — אָבער ביי זיבען שטונדען שלאָפט מען דאָך, און דאן מאכט דאָך ניט אויס צי עס חלום'ט זיך א רעפּובליק צי א מאָנארכיע. און ווען עס איז ניטאָ קיין ארבייט, איז אויך קיין אונטערשיד ניט צי מען הונגערט ביי א פּרעזידענט, צי ביי א צאר. ווען מען האָט יאָ ארבייט, און קיין נאכט־ארבייט איז ניטאָ, בלייבט אלזאָ איבער נאָר ביי דריי־פיער שעה ווען מען לעבט אין א רעפּובליק, אין פארגלייך מיט די צעהן שעה ווען מען איז ביי א צאר. די

גרעסטע טייל פון לעבען, די וויכטיגסטע שטונדען, פארברענגט דער ארבייטער, אלזא, אהן שום בירגער־רעכט. הייגט פארוואס זאגט איהר, אז אייער אמעריקא איז א רעפובליק?

דער אויספיהר איז, אז אן אמת'ע רעפובליק וועט מען האבען ערשט דאן, ווען דער ארבייטער וועט זיין א בירגער אויף דער פאבריק אדער אין דער מינע, אויף'ן באהן אדער אויף דער שיף; ווען די פאבריקען, די באהנען, די מינעס, די שיפען וועלען גע־הערען ניט צו דעם אדער צו יענעם, נאר צו אלעמען, אזוי ווי דער פאסט־אפיס איז היינט.

דערביי פלעג איך שטעלען די פראגע: די וואסער פון שטאדט געהערט צו גאנץ קהל. די קוילען־מינען אבער זיינען פריוואט־אייגענטום. פארוואס זאל זיין אזא אונטערשיד? דאר־פען מיר דען ניט האבען פייער אזוי גוט ווי וואסער? און וואס איז מיט ברויט? אויב מען קען שיקען אייער בריף דורך א קהל'שער — דאס הייסט דורך א סאציאליסטישער — פאסט, און אויב מען קען אייך באזארגען מיט וואסער אויף א סאציא־ליסטישען שטייגער, טא פארוואס זאל מען אייך ניט באזארגען מיט אלע אנדערע נויטיגע זאכען אויף'ן זעלבען שטייגער? און אויב דער פאסט־באאמטער איז אנגעשטעלט פון קהל, ניט פון א קיסר, פארוואס זאל דאס זעלבע ניט זיין מיט אלע ארבייטער?

דאס איז נאר דער עיקר געדאנק. איך פלעג די טעמא ענט־וויקלען מיט איינצעלהייטען, מיט בילדער.

אין אן אנדער רעדע פלעג איך פארשטעלען ווי מיט הונ־דערט יאהר צוריק זאגט איינער פאראויס דעם טעלעפאן. ער זאגט נביאות, אז עס וועט קומען א צייט, ווען א מענש וואס געפינט זיך אין ניו יארק און א מענש וואס געפינט זיך אין שיקאגא וועלען שמועסען צווישען זיך אזוי ווי זיי וואלטען געזע־סען ביי איין טיש. איך פלעג אויך פארשטעלען ווי פאר־הונ־דערט־יאהרען האט אויך איינער פאראויסגעזאגט דעם פאנאגראף. ער זאגט אז עס וועט קומען א צייט, ווען א מענשען'ס רייד וועט מען קענען באהאלטען ווי מען באהאלט געלט אדער פאפירען,

און שפעטער, אין א מאנאט אדער אין א יאהר, אדער זאגאר אין הונדערט יאהר ארום, וועט מען זיי קענען ארויסנעהמען און ווידער הערען; די זעלבע ווערטער פון דעם זעלבען מענשען װעלען הילכען, אזוי ווי ער אליין וואלט דאס גערעדט, הגם ער איז שוין אפשר לאנג טויט*).

ווען אימעצער וואלט אזא זאך פאראויסגעזאגט אין דעם זיעבצעהנטען אדער אכצעהנטען יאהר־הונדערט, וואלט מען איהם גערופען טרוימער און אויסגעלאכט. מען איז דאן געווען איי־בערצייגט אז דאס איז אונמעגליך. עס איז געגען דער נאטור פון דער וועלט, און די וועלט איבערמאכען קען מען ניט, וואלט מען ערקלעהרט.

אבער היינט רעדט מען פון ניו יארק ביז שיקאגא פונקט ווי ביי איין טיש; און היינט האבען מיר אזא זאך, אין וועלכער מען קען באהאלטען דעם מענשען'ס שטימע און זיינע ווערטער, און דערנאך קען מען זיי ווידער הערען, כאטש ער איז גאר דערביי ניטא, אדער ער איז שוין לאנג טויט.

עס הייסט אלזא, אז אין בעצוג צו די דאזיגע צוויי זאכען האט מען די וועלט יא איבערגעמאכט.

און וואס זאגען סאציאליסטען פאר? אז עס וועט קומען א צייט, ווען יעדער וועט זיין זיכער מיט זיין ברויט און מיט זיין דירה, ווען קיינער וועט ניט זיין געצוואונגען צו ארבייטען ביי א צווייטען; ווען די וואס שאפען כל טוב וועלען ניט לעבען אין נויט, און כל טוב וועט ניט געהערען צו די וואס שאפען גאר ניט.

אין פארגלייך מיט דער ערפינדונג, וועלכע מאכט מעגליך צו ריידען פאר הונדערטע מיילען, אדער צו הערען דעם מענשען'ס שטימע נאך זיין טויט, איז דאך דאס א קלייניגקייט. דאך זאגט מען אונז, אז וואס מיר זאגען פאר קען ניט פארווירקליכט ווערען; אז די וועלט קען מען ניט איבערמאכען.

דא פלעג איך ערקלעהרען ווי די וועלט פלעגט זיך פיהרען

---

*) דער פאנאגראף איז נאך דאן געווען כמעט א נייע זאך, און אזוי פאלקאם ווי ער איז געווארען מיט א יאהר פופצעהן שפעטער, איז ער נאך דאן ניט געווען.

אמאָל און ווי זי פיהרט זיך איצט; ווי פריהער זיינען די פּריצים געווען די הערשער און היינט זיינען דאָס די קאפּיטאליסטען. און מיין שלום איז געווען: ניט נאָר קען מען איבערמאכען די וועלט, נאָר זי ווערט איבערגעמאכט.

אויף דיזען ארט פלעג איך מיינע צוהערער געבען צו פאַרשטעהן דעם עיקר פון דער מארקסיסטישער פילאָזאָפיע.

— אלזאָ, וועט מען די וועלט איבערמאכען, — פלעג איך אויספיהרען, — די קאפּיטאַליסטען וועלען אראָפּ פון זייער טראָן, פונקט ווי די פּריצים זיינען אראָפּ. דער ארבייטער וועט ווערען דער הערשער. אלע וועלען זיין ארבייטער, יעדער אין זיין פאַך, און אלע וועלען זיין בעלי־בתים, אלע צוזאמען.

איך פלעג קיינמאָל ניט פארפעהלען צו ערקלעהרען, אז פון זיך אליין וועט דער סאָציאליזם ניט קומען; אז ער קען דערגרייכט ווערען נאָר דורך קאמף, דורך דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען קלאסען־קאמף פון די ארבייטער געגען די קאפּיטאליסטען. אויך פלעג איך ערקלעהרען אז דער משל איז ניט מעהר ווי א משל; אז די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פיהרונגען פון דער מענשהייט קענען דורך אַן ערפינדונג ניט געענדערט ווערען; אז די ענדערונג קומט פון די אומשטענדען, פון ענטוויקלונג. פון ענטוויקלונג, אָבער ניט אָהן קאמף.

איין רעדע מיינע איז געווען פארבונדען מיט דער פראגע פון גליק און מיט דער פראגע פון רעליגיעזע געפיהלען. איך האָב איהר צוערשט געהאלטען אויף ענגליש און דערנאָך אויף אידיש. זי איז באשטאנען פון די פאָלגענדע געדאנקען:

פּריוואט־אייגענטום פארדארבט די מענשליכע נאטור. ווען א געזעלשאפט איז געגרינדעט אויף „מיינע" און „דיינע", ענטוויקעלט זי עגאָאיזם און רואינירט פריינדשאפט. ווען איינער פון צוויי פריינד ווערט רייך און דער אנדערער בלייבט אָרים, וואקסט צווישען זיי אויס א וואנט. אפילו צוויי ברידער ווערען אָפּגעפרעמדט דורך אזא אורזאכע.

דורך פּריוואט־אייגענטום ענטוויקעלט זיך אין מענשען א

באגעהר אוועקצונעהמען, בארויבען, צו האבען א סך מעהר ווי יענער.

דער רייכער האט הנאה ניט נאר פון זיין לוקסוס, נאר אויך פון דעם באוואוסטזיין, אז דאס איז א זעלטענע זאך. ער האט תענוג ניט נאר פון זיין גוטער שפייז און פון זיין ווארימען פוטער, נאר אויך פון דעם פאקט אז אנדערע האבען ניט און ער האט יא; פון דעם פאקט, אז בשעת ער עסט געשמאקע מאכלים און טראגט שעהנע ווארימע קליידער, געהען טויזענטער אנדערע מענשען אום הונגעריג און נאקעט.

ברענגט פריוואט־איינענטום אמת'ען גליק? ניין! גליק געפינט מען אין פריינדשאפט, ניט אין עגאאיזם. אויב ניט, טא פארוואס איז אן איינזאמער מענש עלענד? פארוואס בענקט ער נאך א חבר? און אמת'ע פריינדשאפט איז אין א „מיינע־דיינע" געזעלשאפט אונמעגליך. יעדער ציהט צו זיך. ניטא קיין טרייהייט. מען איז כיטרע, פאלש. אלזא איז ניטא קיין גליק.

ווייל עס איז ניטא קיין גליק אויף דער ערד, זוכט מען איהר אין הימעל! מיר זעהען ווי מענשען, וועלכע גלויבען ניט אין גאט, געהען אין קירכע. פילע טוען דאס צוליב ביזנעס אדער ווייל צו געהן אין קירכע איז א „בכבוד'ע" זאך. אבער ניט אלע. פארהאן אזעלכע, וואס געהען אין קירכע ווייל זייער הארץ זוכט אן אפרוה פון דעם גראבען עגאאיזם, וועלכער פילט אן זייער אלטעגליכען לעבען. זיי גלויבען ניט אין גאט; זיי שטעלען זיך איהם נאר פאר, אזוי ווי א פאעט שטעלט זיך פאר א בילד. זיי סטארען זיך צו שילדערען א הויכען, נאבעלען גייסט, און זיי פארברענגען א פאר שעה אין אן עהרליכער, ניט־עגאאיסטישער שייכות מיט איהם. קיין ביזנעס טוען זיי מיט איהם ניט. קיין ניט־פערגינערייען פיהלען זיי צו איהם ניט. קיין מורא האבען זיי ניט פאר איהם. האבען זיי ליב מיט איהם זיך צו חבר'ען. זיי מוזען זוכען א חבר אין הימעל, ווייל זיי קענען איהם ניט געפינען אויף דער ערד. זיי מוזען זוכען גליקליכע מינוטען ביי גאט, ווייל זיי קענען זיי ניט געפינען ביי מענשען.

דער סאציאליזם ווייזט זיי אבער ווי צו זיין גליקליך אויף דער ערד. זאל אפגעשאפט ווערען די „מיינע און דיינע", די גע־

דונגענע אַרבײַט און די קאָנקורענץ; זאָל דער פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט זײַן גלײַכהײט און ברידערליכקײט, און אָנשטאָט ניט־פאַרגינערײַ און רױבערײַ װעט ענטװיקעלט װערען פרײַנד־שאַפט; און דאָס איז גליק.

װען איך האָב געהאַלטען בײַ דעם פונקט װעגען דעם עגאָ־איזם פון „מײַנע“ און „דײַנע“, פלעג איך פאָרשטעלען אַ בילד װי צװײ מענשען זיצען, יעדער מיט אַ לעבעל ברױט צוגעטוליעט צום האַרצען. אויף יעדען׳ס פּנים ליגט אַן אױסדרוק פון חשד, פון בײַזװיליגקײט. „עס איז מײַנע! סמײַע ניט אָנצוריהרען!“ דאָס איז אַ בילד פון אָפּגעזונדערטקײט, פון שנאה, עס שמעקט מיט די חיות פ׳ װאַלד...

דעם סאָציאַליזם װידער האָב איך פאָרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פון צװײ חברים װאָס עסען פון דעם זעלבען לעבעל ברױט. זײ טײלען זיך מיט׳ן ביסען. אויף זײערע געזיכטער שײַנט אַן אױסדרוק פון צוטרױ, פון געגענזײַטיגער גאַסט־פרײַנד־ליכקײט, פון אמת׳ער מענשען־ליבע.

פון דעם ערשטען בילד געהט אַ קעלט. דער צװײטער װאַ־רימט דאָס האַרץ.

פאַר די װאַהלען פלעגט אונז אױסקומען צו רײדען געגען די װאָס פאַרקױפען זײער שטימע פאַר אַ פּאָר דאָלאַר. דאָס האָב איך אין אײניגע שטעדט פאָרגעשטעלט אויף דעם פאָל־גענדען אופן:

אין רוסלאַנד האָבען די אידען ניט קײן בירגער־רעכט. שטעלט אײַך פאָר, אַז מען זאָגט אין בערדיטשעװ, װאַרשאַ אָדער װילנא, אַז מען װעט אידען געבען בירגער־רעכט. אײן מאָל אַ יאָהר װעלען פאָרקומען װאַהלען. די אײנװאױנער װעלען זײַן סיטיזענס און דער איד װעט האָבען די זעלבע „פּראַװעס“ װי דער קריסט; אַלע אידען װעלען װאָטען װעגען רעגירונגס־פראַ־גען; מען װעט בײַ זײ פרעגען אַ דעה װי אַזױ מען זאָל פיהרען די מלוכה. זאָגט אונזערע ברידער פון דער אַלטער הײם, אַז עס װעט באַלד קומען אַזאַ צײַט, װעלען זײ אײַך צוהערען מיט אַ זשערנעם בליק אין די אױגען. װי דערלעבט מען שױן דאָס?—

וועלען זיי זאָגען מיט א זיפץ. גלייכע מענשען־רעכט ווערט דאָרט באטראכט אלס אן אוצר. שטים־רעכט איז א היילינגטום.

און מיר? מיר קומען אהער אין אמעריקא, און דאָס וואָס איז דאָרט א באגעהר, א טרוים א טייערער, איז ביי אונז א ווירקליכקייט. מיר האָבען די זעלבע רעכט ווי אלע, מיר האָבען שטים־רעכט. היינט שטעלט אייך פאָר, אז דאָרטען, אין אונזער אלטער היים, פרעגט מען: „ווי אזוי פיהרען זיך אונזערע ברידער אין אמעריקע? וואָס טהוען זיי מיט זייער שטים־רעכט?"

שטעלט אייך פאָר, אז מען דערצעהלט זיי:

„אונזערע לאנדסלייט דאָרטען אין אמעריקא פארקויפען זייער שטים־רעכט פאר א פאָר דאָלאר".

איך פלעג פאָרשטעלען וואָס פאר א שרעקליכען איינדרוק דאָס וואָלט געמאכט: די היילינגסטע זאך פארקויפט מען פאר א טאָפּ לינזען!

כמעט אלע משלים, וואָס איך פלעג געבען נעגען דעם אנאר־כיזם, פלעגען צו מיר קומען אויף'ן אָרט, אין דעם רעכטען פלאַב פון אן ענטפער אויף אן ארגומענט, וואָס אן אנארכיסט פלעגט ארויסשטעלען נעגען מיר אין דער פרייער דיסקוסיע, נאָך מיין לעקטשור.

אלס סעמפעל וועל איך דאָ ברענגען דעם פאָלגענדען פאל:

איך דעבאטיר אויף א מיטינג אין פילאדעלפיא מיט נאָר־דאָן'ען, איינער פון די וויכטיגסטע רעדנער ביי די אנארכיסטען. מיט ברענענדיגע ווערטער שטעלט ער פאָר וואָס פאר א שאנדע עס איז פאר ארבייטער־פאָרשטעהער צו זיצען אין איין פארלאַ־מענט מיט די פאָרשטעהער פון קאפּיטאליסטישע רויבער. אין מיין ענטפער ערקלעהר איך, אז סאָציאליסטישע דעפּוטאטען גע־העז אין פארלאמענט מיט דעם צוועק אויפצודעקען די רויבעריי פון קאפּיטאל — אז יעדע רעדע פון א סאָציאליסטישען דעפּו־טאט לאָזט דעם עולם וויסען אז דער ארבייטער ווערט בא'גנב'עט און אונטערדריקט.

„אונזערע דעפּוטאטען געהען אין פארלאמענט שרייען „כאַפּט א גנב!" — זאָג איך — „מיר שרייען דאָס אין אונזערע רעדעס

פאַר די וואַהלען, און אונזערע אויסערוועהלטע טוען דאָס אין די רעדעס וואָס זיי האַלטען אין פּאַרלאַמענט. און איהר אַנאַר־כיסטען? איהר זאָגט, אַז מען טאָר ניט אַגיטירען פאַר די וואַה־לען, ווייל דאָס הייסט פּאָליטיק, און פּאָליטיק איז טריף. און איהר ווילט ניט געהן אין פּאַרלאַמענט כאַפּען די גנבים, ווייל עס פּאַסט אייך ניט צו זיצען אונטער איין דאַך מיט די פּאָליטי־שענס. איהר קומט אָפּ מיט ווערטער וועגען רעוואָלוציע."

דאָ האָב איך גענומען שילדערען אַ סצענע ווי אין מיטען נאַכט וועקט אַ פרוי איהר מאַן און זאָגט איהם, אַז עס איז דאָ אַ גנב אין שטוב. דער מאַן פוילט זיך אָבער אויפצושטעהן.

„גאָז מיך צורוה — זאָגט ער פאַרשלאָפענערהייט — מיט קיין גנב פּאַסט מיר ניט צו האָבען אַן עסק".

דאָס האָט אַרויסגערופען אַ שטורם פון געלעכטער.

איך האָב די סצענע געשילדערט אַזוי ווי אַ סצענע אין אַ קאָמעדיע. דעם פאַרשלאָפענעם מאַן האָב איך גערופען מיט אַ נאָמען — „זלמן". די פרוי וועקט איהם און זאָגט איהם אויפ'ן אויער: „זלמן! זלמן! עס איז דאָ אַ גנב אין שטוב." אָבער זלמן פוילט זיך אויפצושטעהן.

די ווערטער: „זלמן, עס איז דאָ אַ גנב אין שטוב", און זלמן'ס ענטפער: „מיט גנבים שטעהט מיר ניט אָן צו האָבען אַן עסק" האָט מען דערנאָך געהערט אומעטום, וואו אונזערע גענאָסען האָבען „געקיבעצט" אַנאַרכיסטען.

ביי דער סאַמע פּלאַטפאָרמע, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף איהר מיט ביידע הענט, איז געזעסען אַ יונגער אַנאַרכיסט. זיינע אויגען האָבען געקוקט אַרויף צו מיין פּנים צו. ווען דער עולם האָט זיך צולאַכט אויפ'ן קול, און איך בין געשטאַנען מיט אַ שמייכעל און געוואַרט ביז דער ליאַרם וועט איבערגעהן, האָט ער צו מיר אויס־געשריען מיט אַ ווילדען כעס: „מאָגולעסקאָ! מאָגולעסקאָ!" (דאָס הייסט, אַז איך בין ניט קיין דעבאַטאַנט, נאָר אַ קאָמיקער).

ווען איך בין געווען אין אַ קאַמף שטימונג, אָדער ווען איך פלעג זיך אָנוואַרימען ערקלעהרענדיג אַ געדאַנק, פלעגט זיך אַרויסרייסען אַ שטראָם פון פלאַמענדע, אָפט אינטערעסאַנטע ווערטער, העלע בילדער, וואַרימע אויסרופען. פאַרקעהרט, ווען איך

בין ניט געווען אין דער שטימונג, האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען און די רעדע פלעגט זיין ניט קיין געראָטענע.

ווען איך פלעג זיך צוריידען וועגען דער צייט ווען דער סאָ־ציאַליזם וועט פאַרווירקליכט ווערען, אָדער ווען רוסלאַנד וועט אָראָפּוואַרפען פון זיך איהרע טיראַנען, פלעגט מיין פאַנטאַזיע זיך צושפּילען. מיט אַ געהויבענער שפּראַך, מיט פאַרבענפולע סצענעס, פלעג איך דאַן מאָלען „די ליכטיגע צייט“. אין איין רעדע אַזעלכער, אין ניו־אוירווינג האָל, אויף'ן קאָרנער ברום און עססעקס סטריט, האָב איך געשילדערט ווי די קומענדע דורות וועלען פייערען אַ יאָהרעס־פּעסט צום אָנדענקען פון אַלע פריי־הייטס־מאַרטירער: אַ ריזיגער באַנקעט־זאַל, באַצירט מיט די סטאַטועס פון די געפאַלענע קעמפער, געפיהלפולע רעדעס, כאָרען, אָרקעסטערס, רויטע פאָהנען, בלומען, צעהנדליגע טויזענטער באַ־גייסטערטע געזיכטער — דער הערליכסטער און הייליגסטער יום־טוב, וואָס די מענשהייט האָט ווען עס איז געפייערט.

דער עולם איז אריינגעקומען אין אַזא ענטוזיאַזם, אַז אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט, אַפּלאָדירענדיג לכבוד דער גרויסער שמחה פון דער צוקונפט.

7.

פּיליפּ קראַנץ. — „די צוקונפט“. — מאָרים הילקאָוויץ. — לואי מילער. — זאַמעטקין. — ב. פייגענבוים. — מאָרים ראָזענפעלד. — ג. זעליקאָוויטש.

פּיליפּ קראַנץ איז אוועקגעפאָהרען קיין שיקאַגאָ, און איך בין געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער צייטונג“. דערנאָך איז קראַנץ געקומען צוריק און ער האָט גענומען שטודי־רען כעמיע. אין דער „אַרבייטער צייטונג“ האָט ער צוביסלעך אַנטייל גענומען. און ווען איך פלעג אוועקפאָהרען פון ניו יאָרק, פלעגט ער פאַרנעהמען מיין פּלאַץ.

מיר האָבען געגרינדעט דעם מאָנאַטליכען זשורנאַל „צו־קונפט“, און קראַנץ איז געווען דער רעדאַקטאָר.

מאָרים הילקאָוויץ האָט געענדיגט שטודירען לאָא און ענדע־רענדיג זיין נאָמען אויף הילקוויט, האָט ער אָנגעפאנגען צו פּראַק־טיצירען. ער האָט געהייראַט און האָט זיך פון דער אידישער באַוועגונג צוריק־געצויגען. דערנאָך האָט ער גענומען אַ טעטיגען אנטייל אין דער אַמעריקאַנער טייל פון אונזער באַוועגונג, און, ווי מיר וועלען זעהן, האָט ער שנעל דערגרייכט אין איהר אַ הויי־כען פּלאַץ.

לואי מיללער איז געבליבען טעטיג אי מיט דעם געשפּראָ־כענעם וואָרט, אי מיט דעם געשריבענעם; ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אי אין דער „ארבייטער צייטונג", אי אין דער באַ־וועגונג, מיט וועלכער זי איז געווען פאַרבונדען. אין דער צייטונג פלעגט ער ביישטייערען סעריעזע פּאָליטישע באַטראַכטונגען, און האָט זיך הויפּטזעכליך אויסגעצייכענט מיט בייסענדע פּאָליטישע אַרטיקלען. אַ גרויסען ערפאָלג האָט ער אויך געהאַט אויף דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט זיך מעהר געקענט קאָנטראָלירען ווי איך, זיך האַלטען ביי די פּראָויסבאַטראַכטע פּונקטען און זאַצען. גלענצענדע איינפאַלען האָט ער געהאַט גענוג, און טעמפּעראַמענט האָט איהם אויך ניט געפעהלט. ער איז געווען אַ גלענצענדער רעדנער. מיר האָבען געהערט צו צוויי גאַנץ פאַרשידענע טיפּען אַגיטאַטאָרס.

דאָס איז אויך געווען די העכסטע צייט פון זאַמעטקין'ס ערפאָלגען אַלס רעדנער. און ער האָט געהערט שוין צו גאָר אַן אַנדער טיפּ. געשריבען האָט ער ווענינ.

אין דער „ארבייטער צייטונג" האָט אין יענע פּאָר יאָהר אויך געאַרבייט געציל זעליקאָוויטש. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין סאָציאַליסט. ער פלעגט אָבער פאַר אונז שרייבען פעליע־טאָנען.

אין דער צייט, וואָס איך בין געווען אין לאָנדאָן, איז פון לאָנדאָן אָנגעקומען קיין ניו יאָרק ב. פייגענבוים. מיר האָבען איהם אַראָפּגעבראַכט אַלס שטענדיגען מיטאַרבייטער פון דער „ארביימער צייטונג". ער איז אַ וואַרשאַווער. ער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט ביי דער גמרא אין אַ חסיד'ישער וועלט.

שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין אַנטווערפּען, וואו ער האָט גע־וואוינט אַ געוויסע צייט. דאָרטען איז ער באַקאַנט געוואָרען מיט די סאָציאַליסטישע אידעען. דערנאָך איז ער געקומען קיין לאָנדאָן און איז געוואָרען אַ מיטאַרבייטער אין דעם „אַרבייטער פריינד“. איצט, אַלזאָ, איז ער אַראָפּגעקומען פון דאָרטען צו אונז, און איז געוואָרען אַ וויכטיגע קראַפט פון דער „אַרבייטער צייטונג“ און אויך פון אונזער פּלאַטפאָרמע.

ער איז געווען אַן אויסגעצייכענטער רעדנער, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ מענש מיט גלענצענדע פעהיגקייטען — מיט אַ גוטען זכרון און שאַרפען קאָפּ — איז ער גלייך געוואָרען אַ וויכטיגע קראַפט ביי אונז. ער האָט אימער געהאַט וואָס צו זאָ־גען, אימער אַ אינטערעסאַנטען איינפאַל, און ער פלעגט זיינע געדאַנקען אויך אַרויסברענגען מיט משלים. דער גמרא־גייסט האָט זיך שטאַרק געפיהלט אין זיינע רעדעס, און אויך אין זיין שרייבען.

אין יענער צייט האָט פאַר דער „אַרבייטער צייטונג“ גע־שריבען דער פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד. ווען איך בלעטער דורך די ערשטע צוויי יאָהר־גאַנגען, געפין איך דאָרטען פילע געדיכטען זיינע.

ב. פייגענבוים אין 1892.

זיבעטער קאַפּיטעל

אַ אינהאַלטס־רייכער זומער

1.

אין באָסטאָן. — מיסעס מעררימיעלד. — ספּיריטואַליזם. — עטליכע קוואַרטיראַנטען.

אַנפאַנג זומער, 1892, האָב איך זיך באַזעצט אין באָסטאָן אויף אַ געוויסער צייט. איינע פון די אורזאַכען דערצו איז געווען אַ וואונש צו ארבייטען אין דער רייכער באָסטאָנער ביבליאָטעק, אויף מיין נעפּלאַנעוועטער ווערק וועגען דאַרוויניזים און סאָציאַליזם. אויך האָב איך געוואָלט גענויער בעקאַנט ווערען מיט דער עכט־אַמעריקאַנישער טייל פון אונזער באַוועגונג. וואָרים באָסטאָן איז דאַן נאָך געווען די הויפּט־שטאָדט פון דער אַמעריקאַנער קולטור, די הויפּט־שטאָדט פון „יענקי־לאַנד"; און אונזער פּאַרטיי האָט דאָרט געהאַט אַ היבשען אַמעריקאַנישען ברענטש. מיין וויכטיגסטע ארבייט פאַר דער „ארבייטער צייטונג" האָט געקענט געטאָן ווערען פון דאָרטען אַזוי גוט ווי אין ניו יאָרק. וואָס אָנבאַטרעפט פּרנסה, איז אין די זומער מאָנאַטען די איוונינג סקול סיי־ווי־סיי צוגעמאַכט און פּריוואַטע לעסאָנס האָט מען מיר פאַרשפּראָכען אין באָסטאָן.

איך האָב גענומען אַ צימער אין אַ צוויי־עטאַזשיגער הילצערנער הויז, אַ פּאָר טריט פון וואַשינגטאָן סטריט, די וויכטיגסטע גאַס אין באָסטאָן. די הויז האָט געהאַלטען אויף אַ „ליעס" אַ מיסעס מעררימיעלד, אַן עלטערע אַמעריקאַנישע פרוי, וועלכע איז געווען איינע פון די בעסטע רעדנערינס אין אונזער פּאַרטיי. זי האָט פאַרדונגען פוירנישד רומס. האָב איך ביי איהר געדונגען אַ

גרויסען צימער מיט צוויי פענסטער און האָב זיך דאַרטען באזעצט. איינער פון אונזערע ניו יאָרקער גענאָסען, א קארפענטער, האָט מיט א קורצע צייט פריהער פאר מיר געמאכט א שראַנק פאר מיינע ביכער, אלס מתנה, האָב איך דעם שראנק אריבערגעבראכט קיין באָסטאָן צוזאמען מיט מיינע ביכער און האָב זיך איינ־געאָרדענט.

די שעהנע געביידע פון דער באָסטאָנער ביבליאָטעק, וועלכע געפינט זיך איצט אויף קאפלי סקווער, איז נאָך דאן ניט געווען אויף דער וועלט. די באָסטאָנער ביבליאָטעק האָט זיך דאן געפונען אויף באָילסטאָן סטריט, לעבען טרימאָנט. דאָס איז געווען ביי אכט אָדער צעהן מינוט גאנג פון מיין וואוינונג. איך פלעג דאָרטען פארברענגען פילע שטונדען א טאָג. א היבשע צאָל ביכער האָב איך דאָרטען איבערגעלעזען און גאנצע בערג מיט אויסצוגען האָב איך פון זיי פארשריבען.

לעסאָנס האָב איך געהאט גענוג. זיי פלעגען זיך געוועהנליך אָנפאנגען שפעט נאָכמיטאָג און זיך ענדיגען שפעט אין אָווענט, אויסער שבת־צו־נאכט און זונטאָג אָווענט, וועלכע איז האָב איבערגעלאָזען פאר מיטינגען. אין א פאר פלעצער האָב איך געהאט גאנצע קלאסען, צו עטליכע שילער אין א קלאס.

מיין הויפט שפייז איז דאן באשטאנען פון באָסטאָן בייקד בינס, וועלכע האָבען מיר עראינערט אָן א ווילנער טשאָלענט פון בעבלעך. איך האָב גענעסען באָסטאָן בינס דריי מאָל א טאָג. שבת־צו־נאכט אָדער זונטאג אין דער פריה איז ביי די יענקים פון ניו־ענגלאנד אָן אלטער מנהג צו עסען בייקד בינס מיט ברוינעם ווייכען ברויט, א מין לעקעך. פלעגט מרס. מעררריפיעלד מיר מכבד זיין מיט דעם.

זי איז געווען אָן עהרליכע, גוטע פרוי, מיסעס מעררריפיעלד, מיט א נאטור וואָס האָט געשטרעבט צו אידעאלען, און מיט א שעהנער מיטעל־יאָהריגער געזיכט, וועלכע איז געווען איינגעפאסט אין שעהנע זילבער־ווייסע האָר. געבילדעט איז זי ניט געווען. אָן עכטער אמעריקאנער אָדער אמעריקאנערין פון די ניו־ענג־לאנד שטאאטען, וואָס איז קיינמאָל ניט געגאנגען אין סקול

און קען ניט אויפשרייבען אפילו אן אדרעס, איז א גרויסע זעלטענ־הייט. מיסעס מעררי‏פיעלד איז געווען אזא זעלטענהייט. אָבער דעם סאָציאַליזם אין זיינע הויפּט־פּרינציפּען האָט זי פארשטאַנען.

איהר רעדנער־קראַפט איז געווען א געבאָרענע פעהיגקייט ביי איהר. זי האָט גערעדט א סך גלאַטער און גראַמאַטיקאַלישער ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען לויט איהר אונגעבילדעטקייט. אמת, עס זיינען געווען „הויכע״ ווערטער, וועלכע זי פלעגט ניט אימער אריינשטעלען וואו זיי האָבען זיך געפּאַסט, און אזעלכע ווערטער פלעגט זי דוקא ליב האָבען צו געברויכען. אין סך הכל האָט זיך דאָס אָבער ניט שטארק געלאָזט מערקען.

איהרע רעדעס פלעגען ביי איהר געהן פון הארצען. מען האָט געקענט זעהן אז זי גלויבט אין זיי. און דער איינפאַכער עולם פון באָסטאָן האָט איהר ליב געהאַט צו הערען. ווען זי פלעגט שטעהן אויף דער באָסטאָן קאָממאָן*) און ריידען מיט איהר קלינגענדער שטימע און איהרע ווייסע האָר האָבען געבלישטשעט אויף דער זון, פלעגט זיין אנגענעם פאר׳ן אויער און פאר אויג.

באָסטאָן איז דאַן געווען א צענטער פון בילדונג, ליטעראַטור און גייסטיגע באוועגונגען אלערליי, רעליגיעזע און געזעלשאַפט־ליכע, שׂעהנע און משוגע׳נע. אין קיין אמעריקאַנער שטאָדט האָט מען אזוי ניט געשעצט אן אידעאַליסט אָדער א „קרענק״ מיט עפּעס א טעאָריע ווי אין באָסטאָן. צו מיסעס מערריפיעלד׳ס סאָציאַליזם האָבען זיך איהרע קוואַרטיראַנטען פארהאַלטען מיט רעספּעקט (הגם דאָס פלעגט אייניגע פון זיי ניט שטערען צו פארשווינדען ניט באצאָהלענדיג די עטליכע דאָלאַר וואָס זיי זיינען איהר שולדיג געווען).

אין אן אַמעריקאַנער פּוירנישד רום הויז זיינען די „רומערס״ דאָס רוב פרעמד איינער פון דעם אנדערען. מען קען אָפּוואוינען

*) אַ פּאַרק אין רעכטען מיטען שטאָדט אויף צו שפּאַצירען און צו האַלטען רעדעס. אַזאַ פּאַרק געפינט זיך כמעט אין יעדער שטאָדט פון די ניו־ענגלאַנד סטייטס. אין אייניגע פּלעצער רופט מען דאָס „דהי קאָממאָן״, אין אַנדערע — „דהי גרין״.

יאָהרען אונטער איין דאך און ניט אויסריידען א וואָרט איינער צום צווייטען. מיסעס מעררריפיעלד׳ס „רומערס״ זיינען געוועהנליך געווען ווי איין פאמיליע. דאָס האָט מען געהאט צו פארדאנקען איהר לעבעדיגען, פריינדליכען, געזעלשאפטליכען כאראקטער.

צוויי פון די „רומערס״ זיינען געווען הייסע ספיריטואַ־ליסטקעס. און מיסעס מעררריפיעלד איז אויך געווען א ספיריטואַ־ליסטקע. זונטאָג אין דער פריה, און אמאָל אין אָוועגט, פלעגען זיי געהן אויף א מיטינג וואו מען האָט גערעדט וועגען דעם ווי די נשמות פון געשטאָרבענע באזוכען זייערע לעבעדיגע קרובים אָדער פריינד, אָדער וואו די „טויטע גייסטער האָבען גערעדט צו די אנוועזענדע״.

א „מידיום״ איז אזא פערזאָן, וואָס האָט אין זיך א „כח ארויסצורופען די שטימען פון טויטע גייסטער״. און א „מאטיריע־ליזינג מידיום״ איז א פערזאָן, וועלכע קען ארויסרופען דעם גייסט אין גאנצען, אזוי אז „מען זעהט איהם״ ווי ער שוועבט דורך א פינסטערען צימער. אז די דאָזיגע „מידיומס״ זיינען שווינדלער און שווינדלערקעס, איז שוין דאן באוויזען געוואָרען צעהנדליגער מאָל. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. יעדען זונטאָג זיינען אין באָסטאָן דאָס רוב מיטינג־האָלס געווען פארנומען מיט ספיריטו־אליסטישע פארזאמלונגען, און צווישען די גלויביגע זיינען געווען מאנכע מענשען מיט הויכער בילדונג, אייניגע באריהמטע געלערטע זאָגאר. אזוי איז געווען אין אמעריקא און אין ענגלאנד, און אזוי איז דאָס נאָך טיילווייז היינט אויך. דאן אָבער איז באָסטאָן געווען בוכשטעבליך פול מיט ספיריטואליסטען. אין באצוג צו דיזען משוגענעם אבערגלויבען און שווינדעל איז באָסטאָן דאן געווען א וועלט־צענטער.

איין מאָל אין א זונטאָג, ווען מיסעס מעררריפיעלד האָט זיך אויסגעפוצט צו געהן אויף א „מאטיריעליזינג סעאנס״, האָב איך איהר געבעטען מיר מיטצונעמען.

— איך וואָלט דאָס געטאָן מיט פארגעניגען, ווען איהר וואָלט געגלויבט אין דעם — האָט זי מיר געענטפערט.

— נעמט מיך מיט; אויב איך וועל זעהן, אז אלץ איז אמת, וועל איך גלויבען — האָב איך ערקלערט.

— אום צו זעהן, מוז מען צוערשט גלויבען — האָט זיך זיך אָפּגערופען גאַנץ ערנסט — דער וואָס גלויבט ניט, קען דעם גייסט ניט זעהן.

ווען איך פלעג מיט איהר טענה'ן וועגען די פילע שווינדלער וואָס מען האָט געכאַפּט אין דעם ספּיריטואַליסטישען ביזנעס, פלעגט זי האָבען איין ענטפער: אז עס זיינען פאַראַן איינינגע שווינדלער, דאַרף מען דעריבער ניט גלויבען אין די עהרליכע „מידיומס״? אויף איין פאַלשען „מידיום״ וואָס מען כאַפּט, זיינען פאַראַן צעהן עהרליכע „מידיומס״. זיי כאַפּט מען ניט, ווייל זיי רופען ווירקליך ארויס גייסטער.

איינער פון די „רומערס״ איז געווען א גרויסער שכור. ער האָט ביי מיסעס מעררימיעלד געוואוינט מיט זיין פרוי. ביידע זיינען געווען יונג און ביידע שעהן און ביידע אָרענטליך. ער איז געווען א גוטער פאַרדינער, אָבער זיין שוואַכקייט איז געווען א גרויסע שטערונג צו זיין געשעפט. פלעגט ער פון צייט צו צייט אוועקגעהן אין א סאַניטאַריום, וואו מען פּרופט שכורים אָפּגעוואוינען פון זייער פעהלער. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען.

די פרוי פלעגט ריידען וועגען זיין געוואוינהייט אזוי ווי עס וואָלט געווען א פּשוט'ע קראַנקהייט. זיי האָבען געלעבט ווי א פּאָר טייבעלעך, זיך קיין מאָל ניט צו־ווערטעלט. און ווען ער פלעגט נעמען טרינקען און קומען אהיים טויט־שכור, פלעגט זי איהם צערטלען.

צו זיי פלעגט ארייננעהן זייערער א באַקאַנטער, א יונגער ענגלענדער, אויך א שעהנער יונג. ער איז אימער געווען שעהן געקליידט, און ער פלעגט דערצעהלען אינטערעסאַנטע געשיכטעס, אַנעקדאָטען. דעם שכור'ס פרוי פלעגט מיט איהם אָפּט אָפּזיצען א גאַנצען נאָכמיטאָג אָדער א גאַנצען אָוונט, מייסטענס אין א לופטינען האָל וואָס איז ארויסגעקומען מיט די פענסטער צו דער גאַס — א מין צוגעמאַכטע ווערענדע.

מיסעס מעררימיעלד האָט זיך ניט געמישט. אָבער ענדליך האָט זי מיט דער יונגער פרוי געהאַט א געשפּרעך וועגען דעם. ווען דער יונגערמאַן וואָס איז געווען פאַרשקלאַפּט צום ביטערען

טראָפּען האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער מיסעם מערריפיעלד פארזיכערט, אז ער קען זיין פרוי געטרויען און אז ער איז זייער יונגען פריינד דאנקבאר פארוואָס ער אונטערהאלט איהר. ענדליך האָט מיסעם מערריפיעלד געמאכט א פשרה: דער פריינד זאָל מיט דעם שכור'ס פרוי פארברענגען א סך וויינינגער ווי פריהער, נאָר א טאָג איבער א טאָג, און ניט מעהר ווי א פּאָר שעה אויף א מאָל.

אין מיסעם מערריפיעלד'ס הויז האָט דאן געוואוינט די פרוי פון אן אמעריקאנער סאָציאליסט, אויך א שעהנע, הגם זעהר א דיקע. איהר מאן האָט געוואוינט אנדערשוואו. ער פלעגט איהר אָבער אָפּט באזוכען. זי איז געווען פיל אינגער פאר איהם. מיט א יאָהר אָדער צוויי פריהער האָבען זיי געוואוינט צוזאמען, אויך ביי מיסעם מערריפיעלד. איין מאָל האָט זיך אין דער זעלבער הויז אָפּגעשטעלט א רייזענדער סאָציאַליסטישער אגיטאטאָר. עס האָט זיך פארקניפּט א ראָמאן און די דיקע יונגע פרוי איז מיט דעם אגיטאטאָר אוועקגעפאָהרען. איהר מאן האָט שרעקליך געליטען דערפון. ער האָט די פארליבטע פּאָר אָבער רעגעלמעסיג געשיקט געלט און ער האָט וועגען איהר קיין מאָל קיין בייז וואָרט ניט אויסגערעדט. שפּעטער האָט זיך די דיקע פרוי אומגעקעהרט, אָבער צו לעבען מיט איהר מאן האָט זי זיך ענטזאגט. האָט ער ארויסגעמופּט און איהר אָפּגעטראָטען דעם צימער, וועלכען זיי פלעגען פריהער פארנעהמען. איצט אלזאָ האָט ער איהר אויפגעהאלטען און פלעגט איהר אָפּט באזוכען. ער פלעגט זיצען און קוקען אויף איהר ווי א נידערגעשלאָגענער פארליבטער, און זי פלעגט זיך פארהאלטען צו איהם ווי א טאָכטער צו א פּאָטער.

איינער פון די „רומערס" — א מיטעל־יעהריגער מאן פון קענעדע, איז געווען זעהר א פרומער, און ער פלעגט אויף אלץ ברענגען א פסוק פון דער ביבעל. ער האָט דעם אלטען און דעם נייעם טעסטאמענט געקענט אויף אויסווענינ. דער סאָציאליזם, פלעגט ער זאָגען, איז א פיינע אידעע; א סימן האָט איהר, אז די ביבעל נעהמט איהם אָן. און ער פלעגט זיך אוועקלאָזען פארלעזען פסוקים, וועלכע באשטעטיגען, לויט זיין מיינונג, אלץ וואָס מיר, סאָציאליסטען, שטעלען ארויס אין אונזער פּראָגראַם.

מיסעס מעריפיעלד פלעגט איהם ערקלעהרען, אז דאָס וואָס ער זאָגט איז „ניט־וויסענשאַפטליך". זי גלויבט אין דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, הגם איהר באַגריף וואָס דאָס איז אַזוינס איז געווען אַ גאַנץ נעבעלדיגער. דאָך, ווי געזאָגט, די הויפּט פּונקטען פון דעם סאָציאַליזם האָט זי פאַרשטאַנען.

2.

סיימאָן ווינג. — מיסעס אייווערי. — אויף דער קאָממאָן. — פּאַטנעם. — קעססאָן. — אַן ענטוישונג. — ראָוד. — י. פינן.

אין מיסעס מעריפיעלד'ס הויז פלעגען אריינקומען פאַרשידענע אַמעריקאַנער גענאָסען, וועלכע האָבען ביי איהר ניט געוואוינט. און מיט דריי פון זיי בין איך נאָהענט באַפריינדעט געוואָרען.

איינער פון דיזע יענקים איז געווען אַ הויכער, דאַרער מאַן מיט אַ גרויער באָרד — אַ לעבעדיגער בילד פון אָנקעל סעם. זיין נאָמען איז געווען סיימאָן ווינג. ער האָט געהאַנדעלט מיט ארטיקלען, וואָס ווערען געברויכט ביים פאָטאָגראַפירען, און ער האָט ערפונדען אַ נייעם סאָרט קאַמערא. דעם סאָציאַליזם איז ער געווען איבערגעגעבען מיט'ן גאַנצען הארצען, און ווען איך פלעג איהם ערקלערען די מאַרקסיסטישע טעאָריע, פלעגט ער זיך צוהערען ווי אַ פרומער יענקי הערט זיך צו צו אַ דרשה פון זיין גלח.

עס האָט זיך געגרינדעט אַ קלאָס פאַר פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און איך בין געווען דער לעהרער. סיימאָן ווינג איז געווען איינער פון מיינע תלמידים. ער פלעגט צו די לעקטשורס קומען אין די גרעסטע היצען און אין שלאָגס־רעגענס. אַ מאָל פלעגט דער קלאָס זיך פאַרזאַמלען ביי איהם אין אָפיס, אַ מאָל ביי מיר אין צימער, און אַ מאָל אין דער הויז פון אַן אנדער אַמעריקאַנער גענאָסע.

איין מאָל האָב איך אויסגעדריקט באַוואונדערונג וואָס ער היט אַזוי אָפּ אונזערע לעססאָנס.

— איך בין שוין אן אלטער מאן — האט ער מיר געענט־פערט מיט זיין עכט־יענקישער אויספראך, דורך'ן נאז — מיר איז ווייניג צייט איבערגעבליבען זיך צו לערנען. יונגע לייט קענען אפלייגען. איך מוז זיך באנוצען מיט יעדען טאג.

ביי דעם ענד פון יענעם זומער, האט אונזער פארטיי איהם נאמינירט אלס איהר קאנדידאט פאר פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס זי האט ארויסגעשטעלט אן אייגענעם פרעזידענט־קאנדידאט. אלס וויים־פרעזידענט איז נאמינירט געווארען משארלס מעטשעט, אן עלעקטריקער פון ברוקלין, אויך א יענקי.

די צאהל פון אמת'ע אמעריקאנער איז אין אונזער פארטיי דאן אין אמעריקא געווען זעהר קליין, און פאר דיזע צוויי פלעצער האבען מיר געוואלט האבען עכטע אמעריקאנער.

א ליץ האט דעם נאמען פון אונזער פרעזידענט־קאנדידאט איבערזעצט אויף אידיש, און עס איז ארויסגעקומען „שמשון פליגעל". און דעם שפאס האט מען אויפגעכאפט. דער פשט איז געווען, אז עס גלויבט זיך גארניט, אז עס איז פאראן א סאציאליסט מיט אן עכט־אמעריקאנישען נאמען; אז מסתמא איז דאס גאר א איד.

צווישען די פרויען־מיטגלידער פון דער אמעריקאנער סעקשאן פון באסטאן איז געווען א מיסעס אייווערי (איהר פולער נאמען איז געווען מארטהא מור אייווערי, און אזוי פלעגט זי זיך מייסטענס רופען). זי איז געווען א רעדנערין, און אזוי ווי זי האט געהאט מעהר בילדונג און א סך מעהר אמביציע ווי מיסעס מערריפיעלד, האט זי ביסלעכווייז אנגעהויבען צו שפילען א גרעסערע ראלע ווי זי.

זי איז געווען אינגער ווי די סאציאליסטקע, ביי וועלכער איך האב געוואוינט. זי האט געהאט טונקעל־ברוינע האר, מיט א געזונטער פיגור און מיט א געזונטען ניט־קיין־מיאוס'ען אמעריקאנישען פנים.

זי פלעגט ריידען מיט צערעמאניע און מיט אראטארישע

סיימאָן ווינג.

מאַניערען, און זי האָט גענומען קריגען אַ שם פאַר אַ וואַזשנער רעדנערקע. דער ערשטער איינדרוק וואָס זי פלעגט מאַכען איז געווען, אַז זי איז אַ געבילדעטע דאַמע פון דער העכערער אַמע־ריקאַנישער געזעלשאַפט, אַ פעהיגע, אַן ענטוויקעלטע, מיט אַ שעהנעם רעדנער־טאַלאַנט. ווען מען האָט איהר אָבער געהערט אַ צווייטען און אַ דריטען מאָל, פלעגט מען זיך אָרומזעהן, אַז דאָס אַלץ איז אַ טעות. מען פלעגט זיך ערקונדיגען, אַז זי איז אַ געוועהנליכע פרוי פון מיטעל־קלאַס, מיט ווייניג ענטוויקלונג און מיט ווייניג פעהיגקייט, און אַז זי האָט אייגענטליך ניט וואָס צו זאָגען. מיר זיינען איהרע רעדעס געווען זעהר לאַנגווייליג, און איהרע אַראַטאָרישע אוואַיעס און אַראַטאָריש־צוצויגענע טענער פלעגען מיר זיין צו־לאַסט.

קיין נאַר איז זי אָבער ניט געווען. און אַזוי ווי אונזער באַוועגונג איז געווען אָרים אין קרעפטען, הויפּטזעכליך אין אַמעריקאַנישע, און פאַר אַ פרעמדען עולם פלעגט זי פון דער פּלאַטפאָרמע מאַכען אַן איינדרוק, איז איהר ראָלע געוואַקסען. איהרע געזעלשאַפטליכע פאַרבינדונגען האָב איך צוערשט איבער־טריבען. איין מאָל אין אַ געשפּרעך מיט מיר האָט זי נגעבען אָנצוהערעניש אויף איהרע קרובים, אַזוי ווי זיי וואָלטען געהערט צו די ווינכטיגסטע פאַמיליען; האָב איך געמיינט, אַז זי איז ווירקליך פון די הויכע פענסטער.

אין דעם זעלבע געשפּרעך אונזערען איז געקומען צו רייד וועגען די אידען, און — איך געדענק ניט ווי דאָס איז אָרויס־געקומען — איך האָב באַמערקט:

— די אָנגעזעהענע אַמעריקאַנער פאַמיליען שטעלען דעם אידען מסתמא נעקסט־דאָאָר צו נעגערס.

— עס איז כמעט אַזוי, — האָט זי געענטפערט מיט אַ פאַרשעהמטער מינע, אַזוי ווי זי וואָלט געווען איינע פון די אָנ־געזעהענסטע פאַמיליען און זי מוז מודה זיין דעם אמת*).

*) זי איז אין אונזער באַוועגונג אָפּגעווען עטליכע יאָהר. דערנאָך איז זי געוואָרען אַ פּראָפעסיאָנעלע רעדנערקע געגען דעם סאָציאַליזם. בּאָך זייענדיג אַ סאָציאַליסטקע, האָט זי אַ געוויסע צייט זיך געפונען

די „קאממאן“ איז זונטאג פארנומען מיט פארשידענע אפען־ער מיטינגען. אלערליי רעליגיעזע פארזאמלונגען ווערען דארטען אפגעהאלטען; מען דרשנ'ט, מען איז מתפלל. אבער ניט נאר רעליגיעזע מיטינגען ווערען דארטען אפגעהאלטען. עס קומען אויך פאר פאליטישע, האלב־פאליטישע און אלערליי אנדערע פארזאמלונגען. יעדער „קרענק“ וואס וויל ריידען פאר אן עולם. שטעלט זיך אנידער און דרשנ'ט. און ווען ער באזארגט זיך מיט א גוטען פלאץ פון אנהויב זומער, קען ער איהם האבען יעדען זונטאג. אין רעכטען מיטען פון דעם פארק שפילט אן ארקעס־טער. דער פארק איז צימליך גרויס, און דאן איז ער נאך געווען אביסעל גרעסער ווי היינט. אין זיינע פארשידענע טיילען קליי־בען זיך צונויף פארשידענע גרופען, יעדע ארום איהר רעדנער.

עס פארשטעהט זיך, אז אונזערע סאציאליסטען האבען ניט פארפעהלט צו פארזארגען זיך מיט א פלאץ אויף דער קאממאן פאר אונזער אגיטאציע. קיין אידישע אדער דייטשע רעדעס האט מען דארטען נים געהאלטען. דורכאויס ענגלישע. יענעם זומער בין איך ביי די אמעריקאנער גענאסען פון באסטאן געווען. דער טעטינגסטער אגיטאטאר אויף דער קאממאן. איך פלעג דארטען ערקלעהרען דעם סאציאליזם אויף א פראקטישען שטייגער, צופאסענדיג זיך צו דעם אמעריקאנער ארט דענקען. מיט משלים, מיט ערקלעהרונגען, מיט שפאסען פון דעם טעג־ליכען אמעריקאנער לעבען פלעג איך טרייען איבערצייגעבען

אונטער דעם איינפלוס פון אן אמעריקאנער געבארענעם אידען, א ציגאר־מאכער מיט'ן נאמען גאלדשטיין. גאלדשטיין איז געווען א בעסערער רעדנער ווי זי. ווען ער איז געווען א סאציאליסט, איז ער געווען אויפ־ריכטיג און טריי דער באוועגונג. שפעטער האט ער זיך גע'שמד'ט אויף דער קאטוילישער רעליגיע, און זי האט אויך אזוי געטאן. דאן זיינען זיי ביידע געווארען אפיציעלע פראפאגאנדיסטען פאר דער קאטוילישער קירכע און געגען דער סאציאליסטישער באוועגונג. זיי זיינען ארומגע־פאהרען פון שטאדט צו שטאדט, ארויסגערופען סאציאליסטען אויף דעבאטען, אדער אזוי געהאלטען רעדעס, און יעדעס מאל אטאקירט אונזערע אידעען און אונזער פארטיי אויפ'ן ביטערסטען אופן. דאס איז געווען זייער איינציגע באשעפטיגונג און פרנסה.

אונזערע אידעען אַזוי, אַז דעם אַמעריקאַנער זאָל דאָס זײַן קלאָהר און אינטערעסאַנט. די רעדעס האָבען געהאַט ערפאָלג. עס פלעגט זיך צוזאַמענקלײַבען אַ גרויסער עולם, פּילײַכט דער גרעסטער פון אַלע פּאַרזאַמלונגען אויף דער קאַממאַן. די גענאָסען פלעגען זיך באַריהמען אַז מײַנע רעדעס ציהען אָפּ דעם פּובליקום פון דער מוזיק און אַז מײַן שטימע שרײַט איבער דעם אָרקעסטער. נאָך דער לעקטשור פלעג איך דעם עולם אײַנלאַדען צו שטעלען פראַגען אָדער פיהרען מיט מיר אַ דעבאַטע. און דאַן פלעגט זיך אָנפאַנגען דער לעבעדיגסטער אינטערעס. ווען איך פלעג אַ דע־באַטאַנט מכבד זײַן מיט אַ געראָטענעם משל אָדער וויץ, פלעגט קראַכען מיט אַפּלאָדיסמענטען און מיט פרעהליכע געלעכטערס. און דאָס פלעגט צוציהען נײַע מענשען. איך בין אויף דער קאַממאַן געוואָרען אַ פּאָפּולערע פיגור.

איינער פון אונזערע יענקי גענאָסען, סקווייר פּאָטנעם, אַן אר־בײַטער אין אַ מאַשין־שאָפּ, וועלכער האָט געוואוינט אין סאָמערוויל (לעבען באָסטאָן), האָט אויסגעקלעהרט אַ „פּעטענט" — אַ בענקעל וואָס פלעגט זיך צוזאַמענלײַגען אַזוי, אַז מען פלעגט איהם קענען טראָגען ׳אונטער׳ן אָרעם. ווען מען פלעגט איהם אויפשטעלען, פלעגט ארויסקומען אַ „פּלאַטפּאָרמע". אָט אויף דער דאָזיגער „פּלאַטפּאָרמע" פלעג איך האַלטען מײַנע זונטאָג־דיגע רעדעס.

פּאָטנעם איז געווען אַן איבערגעגעבענער סאָציאַליסט. פון זײַן קריסטליכער רעליגיע האָט ער זיך ניט ענטזאַגט. ער פלעגט געהן אין טשוירטש. זײַן באַגײַסטערונג פאַר אונזער אידעאַל איז געווען אַ גרעסערע ווי זײַן רעליגיעזע באַגײַסטערונג. אין גאָט האָט ער אָבער געגלויבט און פאַר יענער וועלט האָט ער מורא געהאַט.

עטליכע מאָל האָט ער מיך זונטאָג אײַנגעלאַדען צו זיך אויף דינער. נאָך דינער פלעגט ער נעהמען זײַן „פּעטענט" און מיר פלעגען אַוועקפאָהרען אין דער קאַממאַן.

מיר זײַנען געוואָרען אַזוי נאָהענט באַקאַנט, אַז ער האָט מיר פאַרטרויט די אינטימסטע זאַכען פון זײַן לעבען.

זיין פרוי איז געשטאָרבען, ער איז געבליבען אַן אלמן, מיט קליינע קינדער; האָט ער אריינגענומען אין שטוב די טאָכטער פון אַן אָרימען גלח. אלזאָ, האָט ער מיר דערצעהלט וועגען זיינע געפיהלען צו איהר. שפּעטער האָט ער מיט איהר חתונה געהאַט און זי איז טאַקע געווען אַ גוטע פרוי צו איהם און אַ טרייע מוטער צו זיינע קינדער.

דער גלח פון זיין טשוירטש האָט איהם אַמאָל געפּרובט מוסר'ן פאַרוואָס ער גיט זיך אָפּ מיט'ן סאָציאַליזם, האָט ער איהם געסטאָפּט.

— וועגען דיזע פראַגען וועל איך אייך בעטען ניט צו דעבאַ־טירען מיט מיר — האָט ער צו איהם געזאָגט — רעדט מיט מיר וועגען רעליגיאָן, אָבער ניט וועגען פּאָליטישע און סאָציאַלע ענינים.

שפּעטער איז פּאָטנעם געווען אונזער קאַנדידאַט פאַר גאָ־ווערנאָר פון מאַססאַטשוסעטס.

זיינע געשעפטען האָבען זיך פאַרבעסערט. ער האָט גע־עפענט אַן אייגענעם שאָפּ. זיין טעטיגקייט אין דער באַוועגונג איז אָבער קיינמאָל ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען. ער איז גע־שטאָרבען אַן איבערגעגעבענער סאָציאַליסט.

צווישען די אַמעריקאַנער גענאָסען, מיט וועלכע איך בין דאָן באַקאַנט געוואָרען, איז געווען אַ יונגער גלח מיט'ן נאָמען הערבערט קעססאָן. ער האָט געפּרעדיגט אין עטליכע שטעדט־לעך אַרום באָסטאָן. קיין שטענדיגע קירכע האָט ער ניט געהאַט; האָט ער געהאַלטען זיינע רעליגיעזע דרשות וואו עס פלעגט זיך מאַכען. ער איז געווען זעהר אָרים און ער האָט געוואוינט ווי אַ פרוש, אין אַ ביידעל, אין אַ ווילדען געגענד ערגעץ־וואו, „אַלס אַ קינד פון דער נאַטור", הייסט עס. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרומפאָהרען און האַלטען סאָציאַליסטישע לעקטשורס. איין מאָל האָט ער גערעדט אויף אונזער זונטאָג־מיטינג אויף דער קאָממאָן. די רעדע איז געווען אַ גלענצענדע, אָבער זיין סאָציאַליזם האָט מיר געקלונגען ווי אַ געמיש פון אַלערליי מינים.

סקווייר פּאָטנעם.

ער איז געווען אַ דאַרער יונגער מאַן, מיט קלוגע בלויע אויגען און מיט אַ דאַרען בלאַסען פּנים. ער האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק פון אַן אויסגעהונגערטען הייליגען מאַן *).

יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אָן יענעם זומער מיט די רעדעס, וואָס איך פלעג האַלטען אויף דער קאַממאַן, קומט מיר אויף'ן געדאַנק ארויף די פאָלגענדע געשיכטעלע: איך בין געגאַנגען איבער וואַשינגטאָן סטריט. איך האָב געדאַרפט אָפּבייטען אַ פינף־דאָלאַר ביל, און צו דיזען צוועק בין איך אַריין אין איינעם פון די דאָרטיגע סטאָרס.

— איך וועל דאָס טאָן פאַר אייך מיט ספּעציעלען פאַרגע־ניגען, מיסטער קאָהאַן, — זאָגט דער סטאָר־קיפּער, אַן אַמע־ריקאַנער.

איך פרעג איהם פון וואַנען איך האָב די עהרע איהם צו זיין באַקאַנט, און ער ענטפערט:

— אָ, איך בין איינער פון אייערע זונטאָגדיגע צוהערער אויף דער קאַממאַן.

עס איז ביי מיר קיין ספק ניט געווען, אַז ער איז אַ סאָציאַליסט. אַלזאָ האָב איך איהם געפרעגט וואָס ער וועט קענען טאָן פאַר אונזער קעמפּיין.

— איהר נעהמט דאָס דען ערנסט? — פרעגט דער סטאָר־קיפּער מיט אַ פרעהליכען שמייכעל.

— וואָס מיינט איהר? — פרעג איך.

— צי דען נעהמט איהר דאָס טאַקע ערנסט? — האָט ער זיך צולאַכט.

קורץ, דער גאַנצער סאָציאַליזם איז ביי איהם געווען ניט

---

*) שפּעטער האָט ער זיך גענומען חערען אַלס זשורנאַליסט. ער איז געוואָרען אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער פון דער זונטאָג עדישאָן פון דער „ניו־יאָרק וואָירלד", וואו ער האָט געשריבען סענסאַציאָנעלע, ניט־געשטויגענע, ניט געפלויגענע מעשות. זיין סאָציאַליזם איז אַוועק מיט'ן רויך. איך האָב איהם אַמאָל באַגעגענט אַ גוט געקליידעטען מיט אַ צופרידענעם פּנים. ווען מיר האָבען גערעדט וועגען אונזער באַוועגונג, האָט אין זיינע בלויע אויגען געבלישטשעט אַ ציניש'ער בליק.

מעהר ווי א שפאס. עס איז איהם סתם אינטערעסאנט געווען צו הערען אונזערע רעדעס. וואָוטען פאר אזא זאך און נאָך ארבייטען דערפאר — דאָס איז איהם אויסגעקומען שוין צו קאָמיש.

איך האָב אויך געהאט געגוג אנדערע באווייזען ווי ווייט דער געוועהנליכער אמעריקאנער איז פון אונזערע געדאנקען און פּאָליטישע אינטערעסען. אָבער אין יענע צייטען פלעגען אזעלכע באווייזען אויף מיר מאכען א קנאפּען איינדרוק. איך האָב זיי אי יאָ באמערקט, אי ניט באמערקט.

די רייד פון דעם וואשינגטאָן־סטריטער סטאָר־קיפּער האָט מיך אזוי ווי מיט קאַלטע וואסער אָפּגעגאָסען. אָבער לאנג איז דער געפיהל ניט געבליבען. איך האָב מיט זיך געגומען טענה'ען, אז מיסעס מעררדיפיעלד און סיימאָן ווינג, און סקוויער פּאָטנעם, און מיסעס אייוועריי, און דער מאן, וועמענס פרוי איז אוועק מיט'ן אגיטאטאָר, און ביי דרייסיג־פערציג אנדערע מיט־גלידער פון דער באָסטאָנער סעקשאָן פון אונזער פארטיי זיינען אויך עכטע אמעריקאנער. אלזא איז אן אָנהויב שוין געמאכט געוואָרען און וואָס ווייטער וועט די צאָהל אמעריקאנער סאָציאַ־ליסטען אלץ גרעסער ווערען.

איך פלעג זיך אָפט זעהן מיט י. פינן'ען. ער האָט נאָך אלץ געארבייט ביי זיין נעה־מאשין אלס ראָק־אפּערייטאָר. ביי דער ארבייט פלעגט זיין מוח אָפט אויסוועבען אינטערעסאנטע געדאנקען, וועלכע ער פלעגט דערנאָך אויסדריקען פון דער פּלאַט־פאָרם אָדער אין אן ארטיקעל פאר דער „ארבייטער צייטונג".

צווישען די אידישע סאָציאַליסטען פון באָסטאָן האָט ראָן א חוץ פינן'ען א פּראָמינענטען פּלאַץ פארנומען א יונגער מאן מיט'ן נאָמען מאָרים ראָוד, אויך א אינטערעסאנטער מענש, הגם פון א גאנץ אנדער טיפּ.

פינן האָט זיין אפּערייטאָריי זיך אויסגעלערענט אין אמע־ריקא. אין דער היים איז ער געזעסען ביי דער גמרא, און די גמרא איז ביי איהם געווען אָפּגעזיגעלט אויפ'ן פנים. ראָוד, ווי־דער, איז געווען א שניידער פון דער היים — א דאָרף־שניידער.

ער איז געקומען קיין אַמעריקאַ אַן עם־הארץ. שרייבען האָט ער ניט געקענט אפילו קיין אידיש. אונטער דעם איינפלוס פון דער באַוועגונג האָט ער זיך אָבער שנעל אַנטוויקעלט, זיך אויסגע־לערענט לעזען ענגליש און איז געוואָרען אַ באַלעזענער מענש.

אין 1892, ווען איך האָב פאַרבראַכט די עטליכע מאָנאַט אין באָסטאָן, איז ער שוין אין שטאַנד געווען צו פאַרשטעהן אַ וויסענשאַפטליכען בוך. פון גראַמאַטיק האָט ער אָבער נאָך גע־וואוסט ווייניג, און אויף שרייבען איז ער אויך ניט געווען קיין גרויסער בריה.

ער האָט ביי מיר גענומען לעססאָנס, און איז געווען מיין וויכטיגסטער שילער. מיט איהם צו לערנען איז געווען אַ פאַר־געניגען. אַלץ וואָס האָט געפאָדערט פאַרשטאַנד פלעגט ער באַנעהמען זעהר לייכט. נאָר מיט'ן שרייבען איז אַלץ געווען צרות. „מעהר ווי צו שניידערריי טויגען מיינע פינגער ניט", פלעגט ער זאָגען מיט אַ שמייכעל. ער האָט זיך קוים אויסגעלע־רענט אויפשרייבען זיין נאָמען.

ער איז געווען אַ גוטער, איידעלער מענש פון דער נאַטור, און דער באַוועגונג איז ער געווען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען.

3.

האָומסטעד. — פריק. — אַלעקסאַנדער בערקמאַנ'ס שאָס.

אין יענעם יאָהר זיינען אין אַמעריקאַ פאָרגעקומען גרויסע קאַמפען צווישען אַרבייטער און קאַפּיטאַליסטען. אין דעם זומער פון 1892, ווען איך האָב פאַרבראַכט אין באָסטאָן, האָט זיך איבער'ן גאַנצען לאַנד געקאָכט מיט דעם האָומסטעד סטרייק. האָומסטעד איז אַ שטעדטעל לעבען פּיטסבורג. זי איז אויפגע־בויט געוואָרען פון דעם שטאָל קעניג קאַרנעגי און איז אין גאַנצען געווען באַזעצט מיט פּאָליאַקען, אונגאַרן און טשעכען, וועלכע האָבען געאַרבייט אויף דעם דאָרטיגען שטאָל „מילל". די קאָמ־פּאַניע האָט געמאַכט אַ לאַקאַוט און די אַרבייטער זיינען געווען

אָרגאַניזירט צום קאַמף. די קאַפּיטאַליסטען האָבען די פּעקטאָרי אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכען פּאַרקאַן און אַריבערגעבראַכט פון שיקאַגאָ און פון ניו יאָרק עטליכע הונדערט דעטעקטיווס פון דער פּינקערטאָן דעטעקטיוו ביוראָ. די אַרבייטער האָבען זיי באַגעגענט מיט שטיינער און מיט פּיסטאָלעטען. עס איז פאָרגעקומען אַן אמת'ע שלאַכט, אין וועלכער עס זיינען געפאַלען צוועלף פּערזאָן. דאַן איז דער האָמסטעד ערקלערט געוואָרען אין אַ מיליטערישען צושטאַנד. דער גאָווערנאָר פון פּענסילווייניאַ האָט אַרויסגערופען מיליץ און די שטעדטעל איז געשטעלט געוואָרען אונטער אַ גרויסער וואַך. די ציימונגען פון גאַנצען לאַנד זיינען געווען פול מיט דער געשיכטע. צו דער זעלבער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסער ביטערער קאַמף צווישען סטרייקערס און די פאָרשטעהער פון די קאַפּיטאַליסטען אין קער־דאַלען, איידאַהאָ, דער סטייט פון זילבער־מינען און בליי־מינען.

דער פאַרוואַלטער פון קאַרנעגי'ס שטאָל מילען איז געווען איינער מיט'ן נאָמען פריק. ער האָט דאָס אָנגעפיהרט דעם קאַמף געגען די סטרייקער. ער האָט זיך באַריהמט געמאַכט אַלס אַ באַרמלאָזער שקלאַפען־טרייבער און זיין נאָמען איז ביי די אַרבייטער געווען פאַרהאַסט. דורך דעם בלוטיגען צוזאַמענשטויס צווישען זיינע „פּינקערטאָנס" און די האָמסטעד'ער סטרייקערס איז דער צאָרן פון די אַרבייטער געגען איהם נאָך שאַרפער געוואָרען.

אין אַ געוויסען נאָכמיטאָג קלאַפּט מען האַסטיג אָן ביי מיר אין טיר. אויף מיין „קאַם אין" פליהט אַריין מרם. מעררעפיעלד, אַ שיינענדיגע, אַ צופלאַמטע, און שרייט אויס: „פריק איז שאָט! פריק איז שאָט!" (מען האָט דערשאָסען פריק'ען, מען האָט דער־שאָסען פריק'ען!).

עס האָט זיך אַרויסגעצייגט אַז די אַטאַקע אויף איהם האָט געמאַכט אַלעקסאַנדער בערקמאַן, אַ יונגער אידישער אַנאַרכיסט, וועלכען איך האָב אַ פּאָר מאָל געזעהן אויף אידישע מיטינגען אין ניו יאָרק (ביידע מאָל האָב איך איהם געזעהן אין דער קאָמ־פּאַניע פון עמאַ גאָלדמאַן). ער האָט פריק'ן נאָר פאַרוואונדעט.

מאָרים ראָוד.

זיין שאָס און דערנאָך דער טרייעל איבער איהם זיינען געווען צווישען די גרעסטע סענסאציעס פון יענע פאָר יאָהר.

4.

עדוואַרד בעלאַמי. — זיינע „נאַציאָנאַליסטישע קלאָבס". — די זילבער פראגע. — פּיפּעלס פּארטי.

ניט ווייט פון באָסטאָן האָט דאן געוואוינט עדוואַרד בעלאַמי, דער פארפאסער פון דעם וועלט־באַריהמטען ראָמאַן „לוקינג בעקוואַרד" (א בליק צוריק), וואו עס ווערט געשילדערט דאָס לעבען אין א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אָפט פלעגט ער זיך אריבער־כאַפּען אין באָסטאָן און דאָרטען בין איך מיט איהם בעקאַנט געוואָרען. אונזער באַגעגעניש איז פארגעקומען אונטער די פאָל־גענדע אומשטענדען:

אונטער דעם איינפלוס פון זיין ראָמאַן איז געגרינדעט געוואָרען א גאַנצע באַוועגונג, וועלכע ער, בעלאַמי, האָט א נאָמען געגעבען „נאַציאָנאַליסטישע". דער וואָרט האָט דאָ ניט זיין געוועהנליכע באַדייטונג. צו דער פראַגע וועגען א מענשען'ס טריי־הייט צו זיין נאַציע האָט ער קיין שייכות ניט. מיט „נאַציאָנאַליזם" האָט בעלאַמי געמיינט אזא געזעלשאַפטליכע סיסטעם, וואו אַלע פאַבריקען, מינען, באַהנען, טעלעגראַפען, שיפען, קראָמען, געהערען ניט צו פּריוואַט מענשען, נאָר צו דער גאַנצער נ א צ י ע, דאָס הייסט, צו קהל. איינפאַכער גערעדט, מיט נאַציאָנאַליזם האָט ער געמיינט סאָציאַליזם. דער וואָרט „סאָציאַליזם" ווערט גענומען פון דעם וואָרט „געזעלשאַפט", און ער האָט פאַר דעם זעלבען געדאַנק גענומען דעם וואָרט „נאַציאָן". אָבער ניט נאָר מיט די נעמען האָבען זיך די צוויי באַוועגונגען אונטערשיידעט. בעלאַמי האָט ניט געגלויבט אין קיין קלאַסען־קאַמף און זיין פּראָגראַם האָט ניט געהאַט קיין שייכות צו דער ארבייטער באַוועגונג, וועהרענד ביי אונז סאָציאַליסטען איז דער קלאַסען־קאַמף, די טרייד־יוניאָנס, דער עיקר.

זיין נאַציאָנאַליזם איז געווען א פּרידליכע אַגיטאַציע, אין וועלכער עס האָבען געזאָלט אַנטייל נעמען אַלע קלאַסען, קאַפּי־

טאַליסטען אַזוי גוט ווי אַרבייטער ; קאַפּיטאַליסטען נאָך מעהר, וואָרים זיי האָבען דאָך מעהר מאַכט און מעהר מיטלען ; אַלזאָ, קאָנען זיי מעהר אויפטאָן פאַר׳ן נאַציאָנאַליזם.

דאָס מאַכט דעם אונטערשיד צווישען זיין באַוועגונג און אונזערע גאַנץ גרויס. דער ענדליכער ציעל אָבער איז דער זעלבער : אַ געזעלשאַפט וואו עס איז ניטאָ קיין מעגליכקייט פאַר פּריוואַט אייגענטום אין פאַבריקאַציע, טראַנספּאָרט און אַזוי ווייטער.

דער וואָס האָט געלעזען בעלאַמי׳ס בוך ווייס פון די שעהנע זאַכען, וואָס ער מאָהלט אַלס אַ טייל פון דעם לעבען אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. פאַרבייגעהענדיג וויל איך באַמערקען, אַז געוויסע טיילען פון זיין פאַנטאַזיע זיינען שוין מקוים געוואָרען. צום ביישפּיל : ער שילדערט ווי אַ בירגער ניט אַ קוק אין זיין צייטונג וואָס פאַר אַ אָפּעראַ מען שפּילט יענעם אָוונד, ווי ער געהט צו צום וואַנט און עפענט אויף עפּעס אַ טירעל, און ניט אַרויסגעהענדיג פון שטוב, הערט ער די אָפּעראַ. דער בוך איז געשריבען געוואָרען אין 1888, ווען די וואונדערען פון אונזער היינטיגער „ראַדיאָ״ זיינען געווען אונבאַקאַנט. בעלאַמי האָט זיך דאָס סתם פאַרגעשטעלט.

ווען בעלאַמי האָט אָנגעהויבען צו שרייבען זיין ראָמאַן, איז די סאָציאַליסטישע אָרדנונג איהם אפילו אין זינען ניט געלעגען. ער האָט פון סאָציאַליזם גאַנץ ווייניג געוואוסט. ער האָט אַזוי זיך געשריבען אַ פאַנטאַזיע, ווי מענשען לעבען אין אַ גליקליכער וועלט. אָבער דאָס שרייבען גופא האָט איהם פאַראינטערעסירט אין דער אידעע. און וואָס מעהרער ער האָט אַריינגעדרונגען אין דעם ראָמאַן, אַלץ נעהנטער איז ער צוגעקומען צו אַ סאָציאַליסטישען בילד. ווען ער האָט געענדיגט זיין בוך, האָט ער אַליין ניט געפיהלט זיין באַדייטונג. און ווען דער בוך האָט געהאַט אַן אונגעהייערען ערפאָלג, איז ער איבעררראַשט געוואָרען. פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע האָט ער אפילו דאַן אויך כמעט ניט געוואוסט.

„לוקינג בעקוואַרד״ האָט מען גלייך איבערזעצט אויף אַלע שפּראַכען, און אין אַלע לענדער איז ער זיך צוגאַנגען אין

הונדערטע טויזענדער עקזעמפּלארען. דיזער ערפאָלג גופא האָט איהם געמאכט פאר א סאָציאליסט. און אזוי ווי דער נאָמען סאָציאליסט איז געווען אונפּאָפּולער, האָט ער אויסגעקלערט א „בכבוד'ערען" נאָמען.

א חוץ דעם: אלס אמעריקאנער האָט ער דעם סאָציאַליסטישען געדאנק גלייך גענומען אויף א פּראקטישען שטייגער, באזייטיגענדיג די גאנצע סאָציאליסטישע טעאָריע. זיין געדאנק איז געגאנגען אויפ'ן פאָלגענדען שטייגער: מען דארף איינפיהרען, אז אלץ זאָל געטאָן ווערען ניט פון פּריוואטע מענשען, נאָר פון קהל; אלזאָ, האָט יעדער שריט, וואָס ווערט היינט געמאכט פון קהל, א שייכות מיט דיזען געדאנק. צום ביישפּיל: א שטעדטעל באקומט וואסער פון א פּריוואטער קאָמפּאני; זי באשליסט אָבער איינצופיהרען אייגענע וואסער־רעהרען. אלזאָ, איז דאָס א וויכטיגער סאָציאליסטישער פאקט ביי בעלאמי'ן.

די סאָציאליסטען שטרייכען אונטער יעדע שטיקעל נייעס וואָס איז שייך צו דעם קלאסען־קאמף, ווייל זיי גלויבען, אז דורך דיזען קאמף וועט קומען דעם ארבייטער'ס באפרייאונג פון קאפּיטאל; בעלאמי'ן אינטערעסירען אזעלכע פּאסירונגען אבסאָלוט ניט. דערפאר אָבער אינטערעסירט ער זיך מיט אזא נייעס ווי, צום ביישפּיל, אז די און די שטעדטעל האָט איינגעפיהרט קהל'שע באלייכטונג; אָדער אז דאָרטען און דאָרטען געהט אָן א באוועגונג צו האָבען קהל'שע סטריט־קארס.

א העכסט וויכטיגער ענין איז ביי בעלאמי'ן געווען די פראגע וועגען „טראָסטס", ווארים צו זיין נאציאָנאליזם, אזוי גוט ווי צו אונזער סאָציאליזם, איז וויכטיג געווען אז עס זאָל אָפּגעשאפט ווערען די קאָנקורענץ, און די טראָסטס שאפען דאָך אָפּ די קאָנקורענץ.

וואָס הייסט א טראָסט? — קאָמפּאניעס וואָס קאָנקורירען צווישען זיך, קומען צום שלום, אז דער קאמף לוינט זיך זיי ניט; אז איינינקייט איז בעסער. די טראָסטס וואקסען. אלזאָ, הייסט עס, אז מען קומט צו אלץ נעהנטער צום „נאציאָנאליזם" — אזוי האָט ער ארגומענטירט.

ער האט גענומען ארויסגעבען א וואכען־בלאט מיט'ן נאמען „דער נייער נאציאנאליסט”, און דארטען האט מען געפונען אלערליי מעלדונגען וועגען דעם וואוקס פון די טראסטס און וועגען נייע קהל'שע אונטערנעמונגען.

די צייטונג איז געווען טאלאנטפול רעדאקטירט. זי איז געווען אינטערעסאנט און אינהאלטסרייך.

אונז, סאציאליסטען, פלעגט זי אויסקומען זאנדערבאר; אינטערעסאנט איז זי אונז אבער געווען. וועגען ארבייטער און זייער קאמף איז דארטען געווען זעהר ווייניג. די צייטונג האט זיך מעהר אינטערעסירט מיט דעם וואס קויפט די סחורה, ווי מיט דעם וואס מאכט איהר. דער עולם איז ביי איהם הויפטזעכ־ליך געווען אן עולם פון קאנסומערס. אלס קאנסומער צאהלט ער צו גרויסע פרייזען, ווייל די פריוואטע קאמפאניס מאכען גרויסע פראפיטען — האט בעלאמי גע'טענה'ט. — ווען די שטאדט אדער די גאנצע לאנד זאל אליין פיהרען די אינ־דוסטריע, וועט אלץ זיין ביליגער און בעסער. אלזא, דארף מען די איצטיגע סיסטעם אפשאפען און איינפיהרען נאציאנאליזם. אין דעם איז באשטאנען דער עיקר פון דעם געדאנק, צו וועלכען ער איז צוגעקומען שרייבענדיג זיין ראמאן.

דורך זיין בוך, צייטונג און איינפלוס האבען זיך גענומען ארגאניזירען „נאציאנאליסטישע” קלובען. דער ערשטער קלוב אזעלכער איז געגרינדעט געווארען אין באסטאן, און זיינע מיטגלידער זיינען געווען פון די „הויכע פענסטער”. צו איהם האבען געהערט איינינע פון די באקאנטסטע און רייכסטע פער־זאנען אין באסטאן, פארשטעהער פון די עלטסטע פאמיליען. דער פרעזידענט פון דעם קלוב איז געווען עדוארד עווערעט הייל, אן אריסטאקראטישער גלח, וועלכער איז געווען באריהמט איבער'ן לאנד אלס רעדנער און שריפטשטעלער.

צו די מיטינגען פלעגט מען קומען אויסגעפוצט ווי צו א באנקעט, אדער א באל — די דאמען דעקאלטירט און די מענער אין „פול איוונינג דרעס”.

— ווי געפעלט אייך אזא סאָרט סאָציאַליסטישע באַוועגונג? — פלעגען מיר זיך פרעגען אין שפּאַס. אין הארצען אָבער האָבען מיר זיך מיט דיזען „סילק סטאַקינג״ סאָציאַליזם געפרעהט. מיר האָבען אין איהם געזעהען אַ גוטען צייכען פון דער צייט. יעדענפאלס האָבען מיר געהאָפט, אז די נאַציאָנאַליסטישע קלובען וועלען אראָפּנעמען דעם חרם וואָס איז געלעגען אויף דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; אז זיי וועלען דינען אלס אַן אדווערטייזמענט פאר אונזער פּאַרטיי.

נאָך דעם ערשטען קלוב איז אין באָסטאָן געגרינדעט געוואָרען אַ צווייטער און אַ דריטער. עס זיינען אויך אויסגעוואַקסען נאַציאָנאַליסטישע קלובען אין וואשינגטאָן, אין ניו יאָרק און אין אייניגע אנדערע אמעריקאַנער שטעדט.

די גאַנצע באַוועגונג האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען — אונגעפעהר ביי צוויי יאָהר. עס איז געווען בלויז אַ מאָדע זאַך. איינער פון די נאַציאָנאַליסטישע קלובען אין ניו יאָרק איז איינגענטליך באַשטאַנען פון אונזערע סאָציאַליסטען גופא און פון עטליכע ליבעראַלען, וואָס פלעגען קומען צו אונזערע לעקטשורס. אריינטרעטען אין אונזער פּאַרטיי האָבען זיי ניט געוואָלט. די נאַציאָנאַליסטישע קלובען אָבער זיינען געווען „בכבוד״. זיי האָבען זאָגאַר געשמעקט מיט „די אויבערשטע פון שטויסעל״ — האָבען זיי זיך פאַרשריבען. און מיר, ווידער, האָבען זיך פאַרשריבען אין די אינטערעסען פון אונזער פּאַרטיי. מיר פלעגען אויך באַזוכען די מיטינגען פון די אנדערע נאַציאָנאַליסטישע קלובען און אַנטייל נעמען אין די דעבאַטען אָדער זאָגאַר האַלטען לעקטשורס.

אין דעם זומער פון 1892, ווען איך האָב געוואוינט אין באָסטאָן, איז דיזע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג געווען אין איהר רעכטען בליהען. איינמאָל האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג צו האַלטען אַ לעקטשור אין דעם נאַציאָנאַליסטישען קלוב נומער דריי, און דערנאָך אין נומער צוויי. דער סעקרעטער פון דעם קלוב נומער דריי האָט געהערט מיינע אַ לעקטשור אויף אַ סאָציאַליסטישען מיטינג און זי האָט איהם פאַראינטערעסירט.

פון דעם האָבן דאָס געשטאַמט די איינלאַדונגען וואָס מען האָט מיר געשיקט.

די געלט פראַגע איז דאַן געווען אויף דער טאָגעס־אָרדנונג. עס האָט זיך גערודערט מיט דעם ענין וועגען גאָלד־געלט און זילבער־געלט (צי מען זאָל די ווערטה פון אַ סחורה מעסטען נאָר אויף גאָלד צי אויף זילבער אויך. מיט אַנדערע ווערטער: צי נאָר גאָלדענע מטבעות זאָלען אַנערקענט ווערען אַלס די אמת'ע, צי זילבערנע אויך). געוויסע עקאָנאָמיסטען, פּאָליטישע רעפאָרמערס, האָבען געפּרעדיגט אַז זילבער־געלד זאָל האָבען פּונקט אַזאַ באַדייטונג ווי גאָלד־געלד. און זיי האָבען געהאַט אַ מאַסע אָנהענגער. דאָ איז ניט דער פּלאַץ גענוי צו ערקלערען אין וואָס דיזער געדאַנק איז באַשטאַנען. איך וועל זיך באַנוגענען מיט דאָס פאָלגענדע:

די „זילבער מענשען" האָבען גע'טענה'ט, אַז די „גאָלד־סיסטעם" איז אַ קוואַל פון גרויסע עקאָנאָמישע צרות. גאָלד איז אויף דער וועלט פאַראַן ווייניג, און אַזוי ווי נאָר גאָלד איז געלד (זילבערנע מטבעות זיינען ניט מעהר ווי טשעקס אויף גילדערנע), הייסט עס, אַז עס איז פאַראַן צו ווייניג געלד.

ווייטער: ווען עס איז פאַראַן צו ווייניג פון אַ געוויסער סחורה, איז אויף דער דאָזיגער סחורה אַ יקרות. הייסט עס, אַלזאָ, אַז גאָלד איז צו טייער.

דאָס, ווידער, הייסט, אַז געלד איז צו טייער; און פאַרקערט ריידענדיג—יעדע אַנדערע סחורה איז צו ביליג: מען גיט פאַר איהר צו ווייניג געלד. דער פאַרמער מוז זיינע פּראָדוקטען פאַרקויפען פאַר אַ קליינעם פּרייז. צווייטענס, גיט דאָס די געלד־הענדלער (די באַנקירען) אַ מעגליכקייט צו שינדען די הויט ביי די וואָס מוזען באָרגען געלד (פאַרמערס, קרעמער).

אַזוי האָבען גע'טענה'ט די „זילבער מענשען". זיי האָבען דעריבער געפאָדערט, אַז זילבער זאָל אויך אַנערקענט ווערען פאַר אמת'ע געלד און ניט נאָר אַלס טשעקס. זיי האָבען געפאָדערט, אַז יעדער וואָס האָט אַ שטיקעל זילבער זאָל קענען, לויט דער וואָג, פאַר דעם באַקומען אַ זילבערנע מטבע; די רעגירונג זאָל איהם פריי אויסשמידען אַ דאָלאַר אָדער אַ האַלבען דאָלאַר

דערפון. דורך דעם וועט שוין זיין גענוג געלד, וועט געלד ווערען ביליגער און יעדע סחורה וועט ווערען טייערער. דער פּאַרמער וועט באַקומען אַ בעסערען פּרייז פאַר זיינע גרינסען, היהנער אָדער מילך. און נאָך אַ זאַך: אויב דער פּאַרמער איז שולדיג געלט אויף אַ מאָרטגיידזש, וועט ער דאָס קענען לייכטער אָפּצאָהלען, וואָרים דער זילבערנער דאָלאַר וועט האָבען וויינינער ווערט. אויב ער איז שולדיג טויזענט דאָלאַר, למשל, וועט דאָס הייסען נאָר 700.

עס האָט זיך הויפּטזעכליך געהאַנדעלט וועגען די אינטערעסען פון פּאַרמערס; וואָרים ערשטענס, האָבען פילע פון זיי געהאַט שווערע מאָרטגיידזשעס אויף זייערע פּאַרמס און, צווייטענס, האָבען זיי זיך באַקלאָגט, אַז דער מאַרקעט פּרייז אויף זייערע פּראָדוקטען איז אַ צו קליינער. אַלזאָ, האָט די זילבער באַוועגונג זיך פאַרשפּרייט אין די גרויסע פּאַרם געגענדען אין דער מידעל וועסט און וועסט.

אַזוי ווי מען האָט געפאָדערט, אַז זילבער זאָל פריי פאַר־וואַנדעלט ווערען אין זילבערנע מטבעות, האָט מען די געפאָדערטע סיסטעם גערופען „פריי־זילבער“. אייגענטימער פון זילבער מינען זיינען מיט דער באַוועגונג נאַטירליך געווען צופרידען.

עס האָבען זיך באַוויזען פאַרשידענע ביכער און בראָשורען איבער דעם ענין. און הונדערטע עם הארצים מיט גלאַטע צינגלעך האָבען געהאַלטען רעדעס וועגען „פריי־זילבער“.

פון דיזער זילבער באַוועגונג איז ארויסגעוואַקסען אַ פּאָלי־טישע פּאַרטיי וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי איז ראַדי־קאַל. זי האָט געהייסען „פּיפּעלס פּאַרטי“, אָדער „פּאָפּוליסטישע“ פּאַרטיי. איהר פונדאַמענט איז געווען דער פאַקט, אַז דער פּאַרמער האָט פאַר זיין ווייץ באַקומען נאָר פערציג סענט אַ בושעל. ווען געלד זאָל ביליגער ווערען, וואָלט ער באַקומען אַ העכערען פּרייז. אַי דער העכערער פּרייז וואָלט געהאַט אַ קלענערען ווערט, האָט מען דאָס ניט געוואָלט פאַרשטעהן. איין זאַך האָט אָבער יאָ געהאַט אַ ממשות: מיט דעם ווערטה פון 700 דאָלאַר וואָלט אַ פּאַרמער געקענט אָפּצאָהלען אַ מאָרטגיידזש פון טויזענט.

אזוי ווי די „פיפעלס פארטיי" האָט אטאקירט די באנקירען פון וואָל סטריט מיט די אייזענבאהן קאָמפּאַניס, האָט זי אויף פילע ראדיקאַל־געשטימטע מענשען געמאכט דעם איינדרוק, אַז זי איז כמעט א סאָציאַליסטישע פארטיי. און אזוי ווי פון דעם אונפּאָפּולערען נאָמען „סאָציאַליסטישע" איז די פּאָפּוליסטישע פארטיי געווען פריי, איז זי א געוויסע צייט געווען זעהר פּאָפּולער.

:

וועגען דער זילבער־פראַגע האָב איך געהאַלטען א לעקטשור אויף ענגליש, אויף א פאַרזאַמלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איך האָב ערקלערט די אַלגעמיינע געלד־פראַגע לויט קאַרל מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל", און איך האָב צוגלידערט א בוך פון פּראָפעסאָר טאוסיג, וועלכען מען האָט דאַן געהאַלטען פאַר אַן אויטאָריטעט איבער דער זילבער פראַגע. איך האָב אָנגעוויזען ווי לעכערליך דער זילבער פּלאַן איז אַלס א „גאולה".

אָט דורך דיזער לעקטשור מיינער איז דער סעקרעטער פון נֶעשאָנאַליסט קלוב נומער דריי געוואָרען פאַראינטערעסירט אין מיר. ער האָט איהר אטענדעט, און נאָך דעם מיטינג האָט ער זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט, און מיר זיינען באַקאַנט געוואָרען. דאָס איז געווען א מאַן מיט ברייטע פּלייצעס, מיט גרויסע שוואַרצע באַקען־בערד. ער האָט שטאַרק געהונקען אויף א פוס און ער איז געגאַנגען אויף א קוליע. זיין נאָמען געדענק איך ניט.

ער האָט מיך איינגעלאַדען אַן עהנליכע לעקטשור צו האַלטען אין זיין קלוב, און דערנאָך האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג צו דעם קלוב נומער צוויי.

דער דאָזיגער „נעשאָנאַליסט" איז געווען נאָהענט צו בע־לאַמי'ן, און אויף זיין פּאָרשלאַג האָט דער פאַרפאַסער פון „לוקינג בעקוואַרד" מיך איינגעלאַדען אויף דינער. איך האָב געפונען ניט קיין הויכען, ניט קיין דיקען בלאָנד־האָריגען מאַן פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג אָדער פערציג, מיט א בלייכען, גע־צערטעלטען, כמעט ווייבערשען פּנים און מיט דער שפּראַך און מאַ־ניערען פון א שעמעוודיגען מענשען. מיר האָבען גערעדט וועגען דער באַוועגונג, וועגען אונזער סאָציאַליזם און וועגען זיין „נאַציאָנאַ־

עדוואַרד בעללאמי.

ליזם". ער האָט מיר אָפּען ערקלערט, אז ער איז מיט'ן סאָציאַליזם באקאנט געוואָרען ערשט נאכדעם ווי ער האָט שוין זיין „לוקינג בעקווארד" כמעט אויפגעשריבען, און אז ער גלויבט ניט, אז אין אמעריקא וועט אונזער באוועגונג קענען האָבען ערפאָלג.

דער סאָציאַליזם איז אַן אידעאַל פון אייביגען פֿרידען; אַלזאָ, מוז מען צו איהם צוקומען אויך מיט פרידען, — אזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט. איך האָב אָפּגעענטפערט, אז ניט אַלעמאָל קאָן מען מיט פרידען קומען צום פרידען, ווייל מאכט־האָבענדע גיבען זייער מאכט מיט גוטען ניט אָפּ און דיזע מאכט־האָבענדע צושטערען דעם פרידען.

אונזער דעבאַטע איז געוועזען געפיהרט אין א העכסט־פריינדליכען טאָן. טיילווייז האָט זי געהאַט די פאָרמע פון שפּאַס. זי איז אָבער געוועזען א גאַנץ ערנסטע. מיר האָבען באשפּראָכען פארשידענע פראַגען, און איך האָב ביי איהם פארבראַכט עטליכע שטונדען.

מעהר האָב איך איהם ניט געזעהן. מיט עטליכע יאָהר שפּעטער האָט ער ארויסגעגעבען א ווערק מיט'ן נאָמען „איקוואַליטי" (גלייכהייט), וועלכע איז אייגענטליך א פאָרטזעצונג פון זיין „לוקינג בעקווארד". לעזענדיג דיזען בוך, האָב איך געזעהן אז ווען ער האָט איהם געשריבען, איז ער מיט דער סאָציאַליסטישער טעאָריע שוין געוועזען א סך בעסער באקאַנט ווי אין דער צייט פון אונזער געשפּרעך. „איקוואַליטי" איז פיל גרינדליכער און ערנסטער ווי „לוקינג בעקווארד". און דערפאַר טאַקע איז זיין ערפאָלג ניט געוועזען קיין גרויסער.

5.

א אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ אין פיטסבורג. — אין האָומסטעד.

עטליכע טעג נאָך מיין באזוך ביי בעלאַמי'ן, האָב איך פון ב. וויינשטיינ'ען, דעם סעקרעטער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יאָרק, ערהאַלטען אַן אָפיציעלע מעלדונג, אַז איך בין ערוועהלט געוואָרען אַלס דעלעגאַט צו א אינטער־

נאציאָנאלער ארבייטער קאָנפערענץ אין פיטסבורג. די מעלדונג איז פאר מיר געווען א נייעס, און די גאנצע קאָנפערענץ איז פאר מיר געווען א נייעס.

דער פּלאַן איז געווען לוסיען סעניעל'ס. ער איז באשטאנען אין פאָלגענדען: אמעריקא איז א לאנד פון אימיגראציע. אהער קומען ארבייטער פון אלע איירָאָפּעאישע לענדער. אלזאָ, דארף מען גרינדען א אינטערנאציאָנאלע ביוראָ, וועלכע זאָל דינען אלס א פארבינדונגס־פונקט צווישען די דאָזיגע איינוואנ־דערער און דער ארבייטער באוועגונג אין זייער אלטער היים. ווען א פראנצויזישער אימיגראנט, צום ביישפּיל, וועט אין אמעריקא ניט געהערען צו דער יוניאָן פון זיין טרייד, וועט די ביוראָ אויף איהם פּרואווען ווירקען מיט דער הילף פון זיינע היימישע פריינד און גענאָסען. פארקעהרט: ווען אן איירָאָ־פּעאישע אינטערנאציאָנאלע ביוראָ וועט א דאָרטיגען אויסוואנ־דערער געבען א בריעף צו דער אמעריקאנער ביוראָ, זאָל מען איהם דאָ אריינברענגען אין דער יוניאָן פון זיין טרייד, איהם ווייזען פריינדליכקייט און האָבען אויף איהם איינפלוס אין די אינטערעסען פון דער סאָציאליסטישער ארבייטער באוועגונג.

דער פּלאַן האָט אויף מיר ניט געמאכט קיין איינדרוק. איך האָב ניט געגלויבט אז מען קען פון איהם ערווארטען פּראקטישע רעזולטאטען. דאָך, ווען די פּיטסבורגער קאָנפערענץ וואָלט אונז געבראכט אין בעריהרונג מיט פאָרשטעהער פון די גרויסע יוניאָנס, וואָלט דאָס גופא געווען נוצליך. זאָלען זיי הערען אונזערע רעדעס. זאָלען זיי זיך דערוויסען וועגען דעם סאָציאליסטישען כאראקטער פון דער איירָאָפּעאישער ארבייטער באוועגונג און וועגען אונזערע פארבינדונגען מיט איהר. אין דיזען זין האָב איך גערעדט אויף א קליינער פארזאמלונג פון די אמעריקאנער גענאָסען אין באָסטאָן, — אן אבשידס־מיטינג פאר מיין אָפּפאָהרען קיין ניו יאָרק.

דעם טאָג, ווען איך בין געקומען קיין ניו יאָרק, איז אויף דעם אדרעס פון דער „ארבייטער צייטונג" פאר מיר ערהאלטען געוואָרען א בריעף פון די אידישע גענאָסען פון לאָנדאָן. דער

בריעף האָט ענטהאַלטען אַן איינלאַדונג זיי ווידער צו באַזוכען, דיזען מאָל אויף אַ ספּעציעלען וויזיט צו זיי מיט אַ פּראָגראַם פון אַגיטאַציאָנס־רעדעס און לעקטשורס אויף אַ מאָנאַט צייט. ווידער צו זיין אין לאָנדאָן איז מיר געווען אינטערעסאַנט. אַ חוץ דעם וואונש זיך צו זעהן מיט מיינע ניי־ערוואָרבענע פריינד און באַקאַנטע, האָט מיך געצויגען דער בריטיש מוזעאום מיט זיין וועלט־באַריהמטער ביבליאָטעק. איך האָב געהאָפּט דאָרטען צו געפינען וויכטיגע מאַטעריאַלען פאַר מיין ארבייט איבער סאָציאַליזם און דאַרוויניזם. איך האָב די איינלאַדונג אַלזאָ אָנגענומען, און איידער מיר זיינען געפאָהרען קיין פּיטסבורג, האָב איך זיך באַזאָרגט מיט אַ צווייטע קלאַס שיפס־קאַרטע קיין ענגלאַנד.

קיין פּיטסבורג איז, אויסער מיר, געפאָהרען לוסיען סעניעל, ערנסט באָום, וואַלדינגער און אַ פּאָר אַנדערע דעלעגאַטען, און צוזאַמען מיט אונז — ס. זוסמאַן, דער ביז־אַהעריגער פיהרער פון אונזערע ניו יאָרקער שוירט־מאַכער און אַ טעטיגער מיטגליד פון דער „ארבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן". ער איז איצט געפאָהרען זיך באַזעצען, אין פּיטסבורג.

מיר זיינען געפאָהרען בייטאָג. פילע שטונדען האָבען מיר זיך געשלעפּט אין אַן אונערטרעגליכער היץ, מאַטערענדיג זיך אין שטויב און שוויים.

זיצענדיג אין וואַגאָן האָב איך מיט סעניעל'ן ווידער און ווידער דיסקוטירט די פראַגע פון דער קאָנפערענץ. איך האָב איהם געפּרופט באַווייזען, אַז מען קען פון איהר ניט ערוואַרטען קיין וויכטיגע רעזולטאַטען.

— דענקסט איהר ווירקליך, געפרעגט סעניעל, אַז אַ סקעבישער אימיגראַנט וועט זיך דערשרעקען ווען איהר וועט איהם פאַר־מסר'ען פאַר זיינע לאַנדסלייט אין דער היים? — האָב איך געפרעגט.

און ער האָט מיר אָפּגעענטפערט אויף זיין באַגייסטערטען שטייגער. ריידענדיג מיט זיין פראַנצויזישען אַקצענט, האָט ער מיר געפּרואווט באַווייזען, אַז איך קוק אויף דער זאַך דורך צו שתקעלע ברילען.

וואס מעהר איך בין מיט איהם באקאנט געווען, אלץ מעהר האב איך זיך איבערצייגט, אז ער איז א גרויסער „אוטאָ־פיסט", א טרוימער. איך האב זיך אָבער אויך אלץ מעהר איבערצייגט וואס פאר א טייערער מענש ער איז, וואס פאר א אי־דעאליסטישער פייער עס פלאמט אין זיין הארצען און ווי בערייט ער איז פאר זיינע אידעאלען זיך צו אָפּפערען.

שמועסענדיג אין דעם וואגאָן, וועלכער האט אונז געפיהרט קיין פיטסבורג, האט ער מיר דערצעהלט אייניגע אינטערעסאנטע איינצעלהייטען פון זיין לעבענס־געשיכטע. ער איז געבאָרען גע־וואָרען אין פאריז און זיין פאטער האט אנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציע פון 1848. ער — לוסיען סעניעל — איז דאן געווען א באָי פון דרייצעהן יאָהר, און ער איז געקראָכען אויף די בארי־קאדען, שפּילענדיג זיך אין רעוואָלוציע, אָבער נעהמענדיג דאס גאנץ ערנסט. עטליכע יאָהר שפּעטער האט ער שטודירט אין דעם פאריזער פאָליטעכניקום, וואו איינער פון זיינע לעהרער איז געווען א ברודער פון דעם פילאָזאָף אָוגוסט קאָנט. דער לעהרער איז צו דעם יונגען סעניעל'ן צוגעבונדען געוואָרען. ער האט איהם איינגעלאדען צו זיך און דאָרטען האט ער איהם פאָרגעשטעלט פאר זיין בעריהמטען ברודער. סעניעל איז מיט איהם גוט בא־קאנט געוואָרען און איז באגייסטערט געוואָרען פאר זיין „רעלי־גיע פון דער מענשהייט".

שפּעטער, ווען אין אמעריקא האט געפלאקערט די מלחמה צווישען נאָרטה און סאוטה, איז סעניעל געווען א מיטארבייטער אין דער פאריזער צייטונג „טאן", וועלכע איז דאן געווען פריי געזאָנענער ווי זי איז היינט, און די רעדאקציע האט איהם גע־שיקט קיין אמעריקא צו האבען אן אינטערוויו מיט פרעזידענט ליג־קאָלן. דערביי האט ער אויך געהאט א געהיימע שליחות פון די פאריזער ראדיקאלען, וועלכע האבען געוואָלט ארונטערוואַרפען נאפּאָלעאָן'ס פּלימעניק, נאפּאָלעאָן דעם דריטען, פון דעם פראנ־צויזישען טראָהן, און גרינדען א רעפּובליק. די שליחות איז בא־שטאנען אין דעם, אז סעניעל זאָל געוואָר ווערען ביי לינקאָלן'ען, אויב ער וואָלט געשטיצט אזא באוועגונג און אנערקענט די פראנ־צויזישע רעפּובליק.

וואָס לינקאָלן האָט איהם געענטפערט געדענק איך ניט.

צוריק קיין פראַנקרייך איז סעניעל שוין ניט געפאָהרען. ער איז פארבליבען אין אמעריקא, וואו ער האָט געהייראַט מיט אַן אמעריקאַנערין און געהאַט מיט איהר עטליכע קינדער. זיין ערשטער וויזיט אין פאַריז, זינט ער האָט עמיגריִרט, איז, דאכט זיך, געוועזען דאַן, ווען מיר זיינען ביידע דורך פאַריז געפאָהרען קיין בריסעל.

מיר זיינען געקומען קיין פיטסבורג. די פאררויכערטע שטאָדט מיט איהרע בערגיגע געסלעך האָט אויף מיר געמאַכט א שלעכטען איינדרוק.

אויף דער קאָנפערענץ זיינען זיך צוזאַמענגעפאָהרען דעלע־גאַטען פון פארשידענע יוניאָנס, פון פארשידענע טיילען פון לאַנד, מייסטענס אמעריקאַנער אָדער דייטשען. איך געדענק הויפּטזעכליך איינעם פון זיי: א מיינער מיט׳ן נאָמען מעקברייד. די ווייסלען פון ביידע אויגען זיינען ביי איהם געוועזען באשפריצט מיט די בלויע פלעקען, וועלכע מען זעהט אָפט ביי די וואָס ארבייטען אין די מינען.

ווען סעניעל האָט פאָרגעבראַכט זיין פּלאַן, האָט דיזער מעקברייד, צוהערענדיג זיך, אָפט געשמייכעלט מיט א גיפטיגען שמייכעל. עס איז לייכט געוועזען צו זעהן אז סעניעל׳ס ער־קלערונגען און די גאַנצע סאָציאַליסטישע רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען, קומען איהם אוים קאָמיש. וואס אנבעטרעפט די אנדערע אמעריקאַנער דעלעגאַטען, האָבען זיי זיך געהאַלטען אזוי ווי סעניעל וואָלט צו זיי גערעדט כינעזיש. אייניגע האָבען געקוקט אויף איהם מיט נייגעריגקייט, אנדערע זיינען געזעסען אזוי ווי מען זיצט אין טשוירטש בשעת דער גלח האַלט א שווערע דרשה.

ווען סעניעל האָט געענדיגט, האָט מעקברייד גענומען דאָס וואָרט. ער האָט דעם פּלאַן אויסגעלאַכט. דערנאָך האָב איך נערערט. איך האָב אויף מעקברייד׳ס רעדע געפּרופט אָפּענט־פערען מיט שארפע ווערטער, אָבער יענער האָט זיך זאָגאר ניט

צוגעהערט. עס זיינען געווען אנדערע רעדעס. סעניעל האט געענטפערט אויף אלע געגנערישע ארגומענטען.

פון דעם פלאן איז גארנישט געווארען. דורך דער הילף פון די סאציאליסטישע דעלעגאטען איז יא אנגענומען געווארען א באשלוס וועגען א ביורא, אבער ווייטער פון דעם פראטאקאל איז דאס ניט געגאנגען.

אזוי ווי האומסטעד איז נאר צוועלף אמעריקאנער מייל פון פיטסבורג, בין איך אריבערגעפאהרען אהין.

איך האב דארטען נאך געפונען די מיליץ. איך האב געהאט א געשפרעך מיט א פאר פון די סאלדאטען, וואס האבען באוואכט די שטאדט — צוויי יונגע באים באוואפענטע מיט ביקסען און פיסטאלעטען. זיי האבען אבער זאגאר קלאר ניט פארשטאנען וועגען וואס דא האנדעלט זיך, און פארוואס מען האט זיי אריבערגעבראכט צו באוואכען די שטעדטעל געגען די ארבייטער. אלץ וואס זיי האבען געוואוסט, אז עס איז א סטרייק. זיי אליין האבען סימפאטיזירט מיט די סטרייקער.

— מיר זיינען אליין ארבייטער, — האבען זיי מיר גע־זאגט, — ווען אונזער טרייד זאל רופען א סטרייק, וועלען מיר נאטירליך ניט סקעבען, — האט איינער פון זיי באמערקט. אבער דא זיינען מיר מיטגלידער פון דער מיליץ און מיר האבען געשווארען צו זיין טריי; מוזען מיר האלטען אונזער שבועה.

איך בין געגאנגען דורך די געסלאך וואו די סטרייקער האבען געוואוינט. מייסטע פון די איינוואוינער זיינען געווען פון סלאווישע פעלקער און מיט איינינגע פון זיי האב איך זיך געקענט צוזאמענרעדען אויף רוסיש. זייער נויט און נידערגע־שלאקסענקייט איז געווען הארץ־רייסענד.

אין פיטסבורג איז שוין דאן געווען א אידישער קוואַרטאל פון שוירט־מאכער, שערוט־מאכער, אייזען ארבייטער, פעדלער. ס'איז דאן געווען א סטרייק ביי די שערוט־מאכער, האב איך פאר זיי געהאלטען א רעדע וועגען דעם סטרייק. ס. זוסמאן האט גע־גרינדעט א אידישע סעקציע פון דער סאציאליסטישער ארבייטער־

פּאַרטיי און איך האָב דאָרטען געהאַלטען א רעדע. איך האָב אויך געהאַלטען א רעדע אויף א פאַרזאַמלונג פון אמעריקאַנער אַרבייטער.

6.

ווידער אין לאָנדאָן. — אין מאַנטשעסטער. — ביי די עווּעלינגס.

באַלד נאָכדעם ווי איך האָב זיך אומגעקערט פון פּיטסבורג קיין ניו יאָרק, האָב איך זיך געזעצט אויף א שיף, וועלכע האָט מיך אוועקגעפיהרט קיין ליווערפּול, און פון דאָרטען בין איך מיט'ן באַהן אַריבערגעפאָהרען קיין לאָנדאָן.

איך האָב דאָרטען ווידער געהאַלטען לעקטשורס און רעדעס און ווידער געפיהרט א דעבאַטע מיט אן אַנאַרכיסט. דיזען מאָל האָט מיך אַרויסגערופען א קריסט, אן ענגלענדער מיט'ן נאָמען מאָוברי, וועלכער איז דאַן געווען דער פיהרער פון די ענגלישע אַנאַרכיסטען. די דעבאַטע איז, אַלזאָ, פאָרגעקומען אויף ענגליש, און דער פּובליקום איז באַשטאַנען פון ענגלענדער און פון רוסישע אידען. איך האָב איהם געגעבען אונגעפעהר דיזעלבע אַרגומענטען, ווי די וואָס איך האָב געגעבען ש. יאַנאָווסקי'ן, מיט דעם זעלבען מיטעל וועגען דעם בריק, און מיט א פּאָר נייע אַרגומענטען און ביישפּילען.

איך האָב אויך באַזוכט ליעדס און מאַנטשעסטער. אומעטום פלעגען אַנאַרכיסטען נאָך דער רעדע שטעלען פראַגען, אָדער נעהמען דאָס וואָרט צו רעדען געגען דער לעקטשור; דערנאָך פלעג איך אַלעמען ענטפערען.

אין מאַנטשעסטער איז נאָך מיינע אַנטוואָרטען צו דער פּלאַטפאָרמע צוגעלאָפען א יונגער מאַן, מיר געגעבען א פּאַטש און איז אַנטלאָפען. עס איז געוואָרען א מהומה. די סאָציאַליסטען האָבען אין דער געשיכטע באַשולדיגט אַלע אַנאַרכיסטען, און יענע האָבען געענטפערט, אַז ביי אַנאַרכיסטען איז דער איינ־צעלנער אַליין פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע טהאַטען. דער יונגער מאַן האָט מיך אַטאַקירט, ניט ווייל איך האָב איהם מיט עפּעס אָנגעגריפען, וואָרים איך האָב אפילו ניט געוואוסט ווער ער איז. אויך האָב איך ניט באַליידיגט זיין פּאַרטיי. דאָס ערנסטע

וואָס איך פלעג איהר טאָן איז צו געבען א משל, וועלכער האָט געוויזען ווי לעכערליך איהר טעאָריע איז. פון מיין רעדע האָט זיך אין איהם צובראָכען זיין פּאַרטיי־גאַל און קיין אנדער אויסדרוק ווי א פיזישע באַליידיגונג האָט ער ניט געפונען *).

אין ענגלאנד איז א מאָדע, אז די צייטונגען גיבען ארויס אפישען מיט גרויסע ווערטער צו אדווערטייזען די ארטיקלען אין דעם נייעסטען נומער. אזעלכע אפישען פלעגט ארויסלאָזען דער „ארבייטער פריינד" יעדע וואָך. ווען איך בין געקומען פון מאנטשעסטער צוריק קיין לאָנדאָן, האָב איך אין דעם אידישען קווארטאַל ביי א צייטונגס־פעדלער דערזעהן אן אפישע, אויף וועלכער די גרעסטע שורה איז געווען: „אב. קאהאן געפּאַטשט פון אן ארבייטער".

איך האָב אָפט באזוכט די סטעפּניאַקס און די עוועלינגס. ביי די עוועלינגס בין איך עטליכע מאָל געווען צו דינער אָדער סאַפּער און איין מאָל זיינען מיר געגאַנגען אין טעאַטער. מיסעס עוועלינג פלעגט מיר דערציילען פון איהר פאָטער. זי האָט, צום ביישפּיל, פאַר מיר פאָרגעשטעלט ווי קאַרל מאַרקס איז געווען זעהר פּאָפּולער ביי די באָיס פון דעם געגענד, אין וועלכען זיי האָבען געוואוינט אין לאָנדאָן.

„ווי ער פלעגט זיך נאָר באווייזען אויף א באַנק אין פּאַרק לעבען אונזער הויז, פלעגען פון אַלע זייטען צו איהם קומען באָיס. מיר פלעגען זיך וואונדערען פון וואַנען זיי נעהמען זיך. און מיין פאָטער פלעגט זיצען און שמועסען מיט זיי. זיי פלעגען איהם ווייזען מעסערלעך און אנדערע זאַכען, און ער

---

*) מיט צוויי און דרייסיג יאָהר שפּעטער, אין דעטראָיט, מישיגען, האָט א מיטעל־יעהריגער מאַן ביי אַ באַנקעט מיר ערקלעהרט, אז ער איז דאָס געווען דער אַנאַרכיסט, וועלכער האָט מיר באַליידיגט אין מאַנטשעס־טער. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אז שוין לאַנג ווי ער דורשט נאָך אַ געלע־גענהייט זיך צו ענטשולדיגען פאַר מיר. ער איז רייך; שוין לאַנג קיין אַנאַרכיסט ניט, און קיין אַנדער „איסט" אויך ניט.

פלעגט אריינגעהן אין זייערע אינטערעסען, אזוי ווי ער וואָלט אַליין געווען א באַי״.

7.
׳אַן אָוועגט ביי פרידריך ענגעלס׳ן.

איך האָב געהאט אין זינען איבערצוזעצען דעם קאָמוניסטישען מאניפעסט פון קארל מארקס און פרידריך ענגעלס אויף אידיש, און מיין וואונש איז געווען צו באקומען פון ענגעלס׳ן א פאָררעדע צו מיין איבערזעצונג. ווען מיסעס עוועלינג האָט דאָס געהערט, האָט זי פאָרגעשלאָגען מיך פאָרצושטעלען פאר איהם.

ער האָט געוואוינט אין זיין אייגענער הויז, און אין א געוויסען אָווענד זיינען מיר (זי, איהר מאַן און איך) אהין אריבערגעפאָהרען.

אין דעם ארטיקעל, וואָס איך האָב וועגען דיזען באזוך דערנאָך געשריבען אין דער „ארבייטער צייטונג״, געפינען זיך די פאָלגענדע שורות:

„א גאנץ הויכער, נאָך גאנץ געזונטער מונטערער מאַן, מיט א קלוגען ענערגישען און כוואטסקען אויסדרוק אויפ׳ן געזיכט...״

איך האָב באוואונדערט זיין לעבעדיגקייט און פלינקייט. אלע ווייַלע האָט ער א שפרונג געטאָן אין א צווייטען צימער, דאָ נאָך כיבוד, דאָ נאָך א בוך אָדער עפּעס א צייטונג, און שטעהענדיג אָדער זיצענדיג, האָט ער גערעדט מיט א פרעהליכער שטימע, אָפט מיט א גלייכווערטעל. עס איז שווער געווען צו גלויבען אז דאָס איז א מאַן פון איבער זיבעציג. דער צימער, וואו מיר זיינען געזעסען, און דער נעקסטער, זיינען געווען פארנומען מיט ביכער און מיט צייטונגען אויף אלערליי לשונות. ער האָט געקענט פילע שפּראכען. אלע סאָציאליסטישע און טרייד־יוניאָניסטישע צייטונגען פון אלע לענדער פלעגט ער באקומען און לעזען און אלע וואָס ער האָט געלעזען האָט ער

געדענקט. ער האָט פאַר מיר געלעזען רוסיש און אידיש — אַ פּאָר שורות אין אונזער „ארבייטער צייטונג".

„איהר מיינט איך קען ניט לעזען לשון הקודש?" האָט ער צו מיר געזאָגט, אויסרעדענדיג די ווערטער „לשון הקודש" מיט דער אויסשפּראַך פון אַ דייטשען יהודי. „ניט אומזיסט זאָגען קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, אַז איך בין אויך אַ איד".

אין מיין פּאַקעט האָב איך גראָד דאַן געהאַט באַקונין׳ס געשיכטע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, אויף רוסיש, אַ בוך וועלכען איך האָב געקויפט אין אַ אידישען בוך סטאָר אין לאָנדאָן. ווען ער האָט געהערט וועגען דעם, האָט ער מיך געבעטען איך זאָל איהם ווייזען דעם בוך. איך האָב איהם געוויזען און ער האָט איבערגעלעזען דעם פאָדער־בלאַט.

דערביי האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל אויך געהאַט דעם בוך, נאָר ער איז פארשוואונדען געוואָרען.

אויף אַ טישעל איז געלעגען אַ שעהנער, רייך־געבונדענער אַלבום. האָט מיסעס עוועלינג איהם געעפענט פאַר מיר. דער אַלבום האָט ענטהאַלטען די פאָטאָגראַפיעס פון אַלע סאָציאַליס־טישע מיטגלידער פון דעם רייכסטאַג — אַ מתנה וואָס ענגעלס האָט באַקומען פון די גענאָסען פון רייכסטאַג צו זיין זיבעציג־יאָהריגען געבורטס־טאָג.

אין אַ ווינקעל איז געשטאַנען אַ גרויסער אַלטער לעדערנער שטול, אַ ווייכער פאָטעל. פּלוצלונג גיט מיר מאַדאַם עוועלינג אַ שטופּ און איך פאַל אריין אין דער לעדערנער קישעלע. זי האָט זיך צולאַכט און ענגעלס האָט פרעהליך געשמייכעלט.

— אין דיזען שטול איז מיין פאָטער געשטאָרבען, — האָט זי מיר ערקלערט.

ענגעלס איז אין יענע יאָהרען געווען פארנומען מיט זיין ארבייט איבער דעם דריטען באַנד פון קאַרל מאַרקס׳עס „קאַפּיטאַל", פון וועלכען דער מאַנוסקריפּט איז געבליבען אין ניט קיין פאָלשטענדיג פארענדיגטען צושטאַנד. דאָס איז געווען אַ גרויסע אונטערנעמונג און דערצו נאָך האָט ער געמוזט פיהרען אַ

קאָרעספּאָנדענץ מיט צעהנדליגע גענאָסען פון פאַרשידענע לענדער. ער איז געווען באשעפטיגט פילע שטונדען יעדען טאָג, און די ארבייט פאר דעם דריטען באנד איז געגאנגען לאנגזאמער ווי ער האָט געוואונשען. ווען ענגעלס האָט בייא איהם געפרעגט ווי עס געהט די ארבייט, האָט ער געמאכט א מינע פון אונצופרידענהייט מיט זיך, כמעט פון פארצווייפלונג.

ענגעלס האָט צו איהם געזאָגט „דו", און איבערהויפּט צו איהם גערעדט ווי צו א פאָטער, און ער האָט איהר באהאנדעלט ווי א טאָכטער. ער האָט געבראכט פלעשער מיט ביער און מיר האָבען געטרונקען א טאָסט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון דער וועלט. ער האָט מיר אָנגעגאָסען א צווייטע גלאָז. איך האָב זיך ענטזאגט.

— איהר ווייסט דאָך, גענאָסע ענגעלס, אז די אידען זיינען ניט קיין טרינקער, — האָב איך באמערקט.

— יאָ, דאָס איז טאקע א שאָד, — האָט ער געענטפערט מיט א שמייכעל, — ווען די אידען וואָלטען געטרונקען אביסעל מעהר, וואָלטען זיי געווען נאָך בעסער.

איך האָב מיט איהם גערעדט וועגען דער הקדמה צו מיין איבערזעצונג פון דעם קאָמוניסטישען מאניפעסט. ער האָט גלייך פארשפּראָכען דאָס אויפצושרייבען און צוצושיקען אזוי שנעל ווי ער וועט נאָר האָבען צייט. דערביי האָט ער גערעדט וועגען דעם קאָמוניסטישען מאניפעסט אזוי ווי קארל מארקס אליין וואָלט עס געשריבען, אָהן זיין, ענגעלס'עס, מיטארבייטערשאַפט.

ביים זעגענען זיך, האָט ער ארויסגענומען זעקס פאָטאָגראַפיעס פון קארל מארקס און זיי מיר געגעבען אַלס מתנה פאר מיר און די נאָהענטסטע גענאָסען אין אמעריקא.

פון די ענגלישע גענאָסען בין איך אם נאָהענטסטען באַפריינדעט געוואָרען מיט האָנטער וואטטס'ן, איינער פון די טעטיגסטע מיטגלידער פון היינדמאַן'ס „סאָשעל דעמאָקראטיק פעדערײשאָן". איהם האָב איך אויך אָפט באזוכט. ער האָט דאן געוואוינט עטליכע טריט פון דער גרויסער איינדרוקספולער פארלאַמענט געביידע. די דירה איז געווען מעבלירט און געפיהרט

אויפ'ן ענגלישען באלעבאטישען שטייגער, מיט בעקוועמליכ־קייטען און מיט דינסטען. ער איז געווען א קאמיסיאנער אדער מעקלער, און ער פלעגט קויפען און פארקויפען וואס עס פלעגט זיך איהם מאכען. א גאנצען טאג פלעגט ער טראגען א הויכען האפעלויש, ווי דאן פלעגט טראגען כמעט יעדער ענגלישער ביזנעסמאן. אין אווענד פלעגט ער איהם אויסטאן, אנטאן א געוועהנליכע דוירבי העט און פארברענגען כמעט זיין גאנצע צייט אויף מיטינגען.

אין זיין הויז פלעג איך זיך אויך פיהלען ווי ביי זיך אין דער היים. זיין מישפחה איז באשטאנען פון איהם, זיין פרוי, איהר ניט פארהייראטע שוועסטער און זיינע צוויי קליינע קינדער. ער האט געהאט א מיידעלע און א אינגעלע. דער אינגעלע איז געווען א יאהר דריי אלט, איינער פון די שעהנסטע קינדער, וואס איך האב ווען עס איז געזעהן. זיין נאמען איז געווען דזשעק און ווען ער פלעגט אריינקומען זיך מיט מיר באגריסען, פלעגט ער אויסשטעלען די האנט און זאגען „גוד איווונינג, מיסטער קנאהאן“. די „ק“ מיט דעם „נ“ פארען זיך ניט אין דער ענגלישער שפראך, אבער אנדערש פלעגט ער מיין נאמען ניט קענען ארויסריידען.

פאר מיין פארלאזען לאנדאן האב איך באזוכט דעם בעריהמ־טען פאעט וויליאם מארריס, וועלכער איז געווען א „רעוואלוציא־נערער סאציאליסט“, דאס הייסט כמעט אן אנארכיסט, און האט רעדאקטירט די וואכענבלאט „קאממאנוועלטה“. מיט א געוויסער צייט פריהער האב איך געהערט, אז ער האט געענדערט זיין מיינונג אין בעצוג צו פארלאמענטען און וואהלען — אז ער איז שוין פאר באטייליגען זיך אין דעם פאליטישען קאמף.

ווען איך בין צו איהם געקומען און איהם דערזעהן, בין איך אין זיין געזיכט ענטוישט געווארען: זיין רויטלעכער פנים מיט דער ווייסער בארד האט קיין פאעזיע ניט אפגעשפיגעלט. ער האט ניבער אויסגעזעהן ווי א ביזנעס־מאן, ווי א מעהלער אדער אפשר א הענדלער מיט געהילץ. מיט זיין ריידען האט ער אויף מיר געמאכט א פיל בעסערען איינדרוק.

ער האָט מיר מכבד געווען מיט וויין; אַליין האָט ער נאָר־רויכערט אַ ליולקע, און מיט זיין גאַסטפריינדליכקייט האָט ער מיר באַלד געמאַכט פילן אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען גאַנץ נאָהענטע בעקאַנטע. איך האָט געוואָלט וואָס שנעלער צוקומען צו דער וואַהלען־פֿראַגע, כדי צו קענען מעלדען אין דער „אַרבייטער צייטונג", אַז וויליאַם מאָררים האַלט שוין אויך מיט אונז (אַ קלאָפּ פֿאַר די אַנאַרכיסטען!); איך האָב אָבער ניט געהאַט קיין מוט. איך האָב זיך גערודעוועט און געשפּאַנטעוועט. ער האָט אָבער גלייך פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ איז און ער האָט מיר אַרויסגעהאָלפֿען;

— יאָ, איך האָב געענדערט מיין מיינונג וועגען דעם — האָט ער געזאָגט — איך גלויב, אַז עס שאַדט ניט, אַז סאָציאַליסטען זאָלען זיך אין די וואַהלען באַטייליגען.

איך האָב שווער זיך גיט אַ וואָרף געטאָן איהם קושען.

איך געדענק, ווי איך בין געפֿאָהר'ען אַהיים: אַ גליקליכער, פֿאַרשטעלענדיג זיך דעם עפֿעקט וואָס דאָס וועט האָבען, ווען איך וועל דעם אינטערוויו מעלדען אין דער „אַרבייטער צייטונג".

פֿון ענגלאַנד בין איך דיזען מאָל אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער ניט געפֿאָהרען. ווען עס האָט זיך געענדיגט מיין באַשטימטע צייט, האָב איך זיך אומגעקעהרט קיין ניו יאָרק.

אכטער קאפיטעל.

פון אָקטאָבער 1892 ביז דזשולײַ 1893

1.

מײַן ברודער. — אונזער באגעגעניש.

אין ניו יאָרק האָב איך געפונען אַן אנגענעהמען סורפּריז. בײַם שיף האָט מען מיר אָנגעזאגט, אז אין דער צײַט וואָס איך בין געוועזן אין לאָנדאָן איז צו מיר געקומען מײַן ברודער איציק. צום שיף האָט מען איהם ניט געבראַכט, כדי די באגעגעניש מיט די נענאָסען זאָל ניט שטערען די אינטימע סצענע פון מײַן באגעגעניש מיט איהם. ווען איך בין אוועקגעפאָהרען פון דער היים אין 1881, איז ער געוועזן א קינד פון זעקס, זיבען יאָהר. איך בין צו איהם געוועזן שטארק צוגעבונדען. אין מײַן זכרון האָבען געלעבט פאַר־שידענע עראינערונגען וועגען איהם, מאָמענטען פון מײַן שפּילען זיך מיט איהם, היימישע סצענעס אין וועלכע ער איז געוועזן דער צענטער. אין מײַנע געדאנקען האָט געקלונגען זײַן קינדערשער קול׳כעל, זײַנע רייד. איך האָב געזעהן ווי פאר די אויגען זײַנע האַוואַיעס, זײַן ליכטיגען לעבענספולען שמייכעל. ער האָט געהאַט רויטע האָר („געלע״ זאָגט מען אין ווילנא), אזוי ווי אונזער מוטער, און ער איז אין גאנצען געוועזן עהנליך צו איהר. ער איז געוועזן א שעהנער באָי און זײַן שמייכעל איז געוועזן א הארציגער, פול מיט זונען־שײַן.

ווען ער איז געקומען, האָט ב. ווײַנשטיין איהם אָפּגענומען פון שיף און זיך געזארגט וועגען איהם.

די הויפּט־קוואַרטיר פון אונזער אידישער באוועגונג איז

איזידאָר קאַהאַן (מיין ברודער).

געווען אין דעם אידישען „לייבאָר לייסעאום", א צוויי־עטאזשיגע הויז אין 96 דילענסי סטריט. דאָרטען איז געווען די רעדאקציע און דרוקעריי פון דער „ארבייטער צייטונג". אויפ'ן גראונד פלאָר איז געווען א קאפע, דאָס אייגענטום פון דעם אידישען ברענטש פון דער סאָציאליסטישער ארבייטער פארטיי, און אויפ'ן ערשטען פלאָר איז געווען א זאל פאר פארזאמלונגען. אין דיזען פאר־זאמלונגס־זאל האָט אויף מיר געוואַרט מיין ברודער. מיט איהם צוזאמען זיינען דאָרטען געזעסען צוויי פון אונזערע גענאָסען. ווען איך בין אריינגעקומען, זיינען זיי ארוים. מיר זיינען געבליבען אליין. מיר האָבען זיך צוקושט.

איך האָב א גוטען זכרון אויף פּנים'ער. אבער מיין ברודער'ס פנים האָט זיך שטארק געביטען, און איך האָב איהם ניט דער־קענט. די רויטע האָר זיינען געווען די זעלבע און דער בלאָנדער קאָליר און די אלגעמיינע שטריכען פון זיין געשטאַלט זיינען אויך געווען די זעלבע, אבער דער אויסדרוק, דער עיקר פון דעם אָנבליק, האָט זיך געענדערט. אָבער דאָס איז ניט די הויפּט־זאַך: איהר לאָזט איבער א אינגעלע פון זעקס־זיבען יאָהר, און צו אייך קומט א בחור פון זיבעצעהן־אכצעהן. אָנשטאָט א קינד האָט איהר פאר זיך א פאלשטענדיגען מענשען. עס איז גאר אן אנדער וועזען. עס איז אייך אונמעגליך צו פיהלען, אז עס איז דער זעלבער. די גאנצע עלף יאָהר האָב איך אין מיין זכרון געהאט יענעם אינגעלע, און יענער אינגעלע איז ניטאָ. דער וואָס שטעהט פאר מיר איז מיר אונבעקאנט. איך מוז זיך איינריידען אז דאָס איז דער זעלבער, און איך קען ניט.

וואָס אנבעטרעפט מיין ברודער'ס זכרון וועגען מיר, האָט ער מיין פנים אינגאנצען פארגעסען. נאָר א טומאן איז איהם געבליבען.

פון אויפרעגונג איז ער געווען בלאָס. זיין צושראָקענער, פארשעמטער שמייכעל האָט מיר אויסגעקוקט פרעמד. ביי מיר האָט שטארק געקלאַפּט דאָס הארץ. מיר האָבען זיך ביידע געשעמט.

— דערקענסט מיך? — האָב איך ביי איהם געפרעגט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, זעהר שעמעוודיג.

איך האָב זיך געמאַכט הארץ, גענומען ריידען צו איהם ווי צו א ברודער, גענומען פרעגען וועגען אינזער פאָטער, אונזער מוטער. איך האָב אָבער ניט געקענט ריידען. טרעהרען האָבען מיך געשטיקט.

אייניגע מינוטען שפּעטער בין איך מיט איהם ארויסגע־גאנגען אויפ'ן גאס, כדי מען זאָל אונז ניט שטערען. אזוי זיינען מיר ארומגעגאנגען ביי א האלבע שטונדע און גערעדט וועגען דער היים.

אזוי ווי געהענדיג דאַרף מען זיך ניט קוקען אין די אויגען, איז אונז גרינגער געווען צו ריידען. ווען מיר זיינען געקומען צוריק, איז מיין הארץ געווען פול מיט ליבע צו איהם, אזוי ווי איך וואָלט מיט איהם אימער געווען צוזאמען.

עס איז איהם געווען שווער מיר צו זאָגען „דו“. איך האָב איהם געצוואונגען, און צו דעם האָט ער זיך צוגעוואוינט. רופען מיך אָבער מיט מיין נאָמען האָט ער אימער אויסגעמידען. איך גלויב, אז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס אין דער היים האָט מען מיך גערופען מיט מיין סגולה־נאָמען „אלטער“, און דאָ האָט מיך קיינער אזוי ניט גערופען.

איך האָב איהם גענומען רופען „איסאאַק“, אויפ'ן רוסישען שטייגער, און אזוי איז דאָס ביי אונז געבליבען.

פון די בריעף, וואָס מיר האָבען ערהאַלטען פון דער היים, באַלד נאָך זיין קומען, געדענק איך נאָר מיין מוהמע פּייגע'ס. זי האָט פאַרגליכען אונזער באגעגעניש מיט דער באגעגעניש פון יוסף'ן מיט בנימינ'ען.

אונזערע עלטערען זיינען געווען אָרים, און קיין בילדונג האָבען זיי איהם ניט געגעבען. איך האָב געלערנט אביסעל גמרא און פון דער גמרא בין איך אליין איבערגעגאנגען צו „רוסישע ביכלעך“. ער אָבער האָט קיין גמרא ניט געלערנט. און פאַר רוסישע ביכלעך האָבען זיי אין באצוג צו איהם מורא גע־האַט טאָמער ברענגען זיי איהם צו דעמזעלבען „אומגליק“ ווי מיר. ער איז געגאנגען אין חדר, און האָט געלערנט אביסעל רוסיש. צו צוועלף יאָהר האָט מען איהם גענומען באזאָרגען מיט א

תכלית. א געוויסע צייט האָט ער זיך געלערנט ביי א יואוועליר, און דערנאָך איז ער געווען אין א געשעפט פון צוקער און טהיי ביי אונזערען א רייכען קרוב.

דעם ערשטען יאָהר האָב איך איהם ניט געלאָזען געהן ארבייטען, הגם ער האָט זיך געריסען צו „מאכען א לעבען”. איך האָב געוואָלט ער זאָל זיך צוערשט אויסלערנען גוט ענגליש; און איך אליין בין געווען זיין לעהרער. ווען ער פלעגט אויסריידען אן ענגלישען וואָרט ניט ריכטיג, אָדער פארגעסען עפּעס, פלעג איך פארלירען מיין געדולד; אָבער גלייך פלעגט דאָס מיר פארדריסען און איך פלעג איהם נעהמען גלעטען. ער האָט געהאט א בויגיגע אויסשפּראך און ער האָט זיך גיך אויסגעלערנט לעזען, ריידען און שרייבען ענגליש. ווען ער איז אָפּגעווען אין אמעריקא עטליכע מאָנאט, האָט ער גערעדט ענגליש א סך פליסיגער ווי רוסיש.

ער איז געווען א לעבעדיגער יונג און א ווארים־הארציגער. ער איז מיר געוואָרען אלץ טייערער. איך בין צו איהם צוגע־בונדען געוואָרען. ער איז געווען מוזיקאליש און געהאט א גוטען מוזיקאלישען זכרון. אמאָל פלעגען מיר צוזאמען זינגען אונזער פאָטער׳ס נגונים — אזעלכע וואָס מיר האָבען ביידע געהערט פון איהם. דיזע נגונים פלעגען אונז ביידען אריינ־ברענגען אין א שטימונג פון בענקעניש. מיר פלעגט אויסקומען זאָנדערבאר וואָס ער קען דיזעלבע מעלאָדיען. ער האָט זיי געהערט פון מיין טאטען, פון דעם זעלבען טאטען. די דאָזיגע נגונים פלעגען אין אונז פארשארפען דעם געפיהל, אז מיר זיינען ברידער.

2.

די אַנאַרכיסטען פאַרלירען צוויי פון זייערע פיהרער. — ר. לואיס און גירזשדאַנסקי ערקלערען זיך פאַר סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

א פּאָר וואָכען נאכדעם ווי איך בין געקומען פון ענגלאַנד און זיך באַגעגענט מיט מיין ברודער, האָב איך געהאט א צווייטען

סורפריז, הגם פון א גאנץ אנדער סארט: ר. לואיס, דער הויפט פיהרער פון די אידישע אנארכיסטען, האט זיך ערקלערט פאר אויס אנארכיסט און פאר א סאציאל־דעמאקראט. ער האט דאס געטאן עפענטליך, אין א לעקטשור אויף רוסיש, און אויך אין אן אפענעם בריעף אין דער „ארבייטער צייטונג“. ער האט זיך אינגאנצען ענטזאגט פון זיין פריהערדיגען גלויבען און זיך ערקלערט איבערצייגט, אז אונזער שטאנדפונקט אין דער ריכטיגער.

די נייעס איז אין דער וועלטעל פון אונזער באוועגונג געוועזען א סענסאציע. לואיס'עס ערקלערונג איז געוועזען א טויט־קלאפ פאר דער אידישער אנארכיסטישער באוועגונג. איך מוז אבער דא זאגען דעם אמת: צווישען זיך, אין דעם אינערליכען קרייז פון אונזער פארטיי, האבען מיר מיט זיין איבערקערעניש זיך ווייניג געפרעהט. מיר האבען איהם ערנסט קיין מאל ניט גענומען. אין פערזענליכע באציהונגען איז ער געוועזען אן אנגע־נעהמער מענש. ער האט אבער קיינמאל ניט געמאכט דעם איינדרוק פון איינעם וואס קען האבען איבערצייגונגען. זיין אנארכיסטישער פייער פלעגט אונז אויסקומען קאמיש. איך פערזענליך האב אימער געגלויבט, אז ער איז פארקאכט אין דער אנארכיסטישער באוועגונג אלס א ספארט־זאך און דורך דעם איינפלוס פון פערזענליכע פארבינדונגען. אין די אנארכיס־טישע גרופען האבען זיך געפונען גענוג ערנסטע און באגייסטערטע מענשען, וועלכע האבען אמת געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון אבסאלוטער פרייהייט און פון א באלדיגער רעוואלוציע. ר. לואיס, זייער לידער, איז אבער ניט געוועזען איינער פון זיי. דאס וואס ער איז איצט געווארען א סאציאל־דעמאקראט האט געהאט א מין ווידער־טעם. אבער מלחמה איז מלחמה. אזוי ווי דאס איז געוועזען א קלאפ פאר'ן שונא, האבען מיר פון דעם געמאכט א גרויסען וועזען. מיר האבען צוגעגרייט א גרויסע אידישע פארזאמלונג, אויף וועלכער ער איז ארויסגעטראטען אלס א מיטגליד פון אונזער פארטיי. איך וויל דא אויך באמערקען, אז אין די שפעטערע יאהרען האט ער די גאנצע ראדיקאלע באוועגונג אוועקגעווארפען, און, ווי מיר האבען אויבען געזעהן

אין א. ראָזענבערג'ס „עראינערונגען", איז ער געװארען א גאנץ־ביליגער דעמאָקראטישער פּאָליטישען אין שיקאגאָ*).

א געװיסע צייט שפּעטער האָט א צװייטער אנארכיסטישער פיהרער, איינער מיט'ן נאָמען גירזשדאנסקי, זיך אויך ערקלעהרט פאר א סאָציאַל־דעמאָקראט. גירזשדאנסקי איז געװען דער בעסטער אנארכיסטישער רעדנער אין ניו יארק, און הגם ער איז ניט געװען אזוי טעטיג װי לואיס, איז זיין איבערקוליען זיך אויך געװען א גרויסער קלאפּ פאר די אנארכיסטען (ער איז אויך אין שפּעטערע יאָהרען איבערגעגאנגען אין זעהר קאָנסערװאטיװע רייהען). און פון פילאדעלפיא האָט זיך גענומען הערען, אז ביי פּרענער'ן, דעם ליבלינג פון די דאָרטיגע אנארכיסטען, איז אויך שטארק אָפּגעקילט געװארען דער רעװאָלוציאָנערער פייער.

בורגין דריקט אויס די מיינונג, אז דיזע אַלע פאלען פון אויסניכטערונג זיינען געװען דער דירעקטער רעזולטאט פון בערקמאן'ס שאָס. בערקמאן האָט געהאט דעם מוט און די אָפּפערװיליגקייט צו טאָן דאָס װאָס ער האָט געפּרעדיגט, און דאן איז דייטליך געװאָרען װי נאריש עס איז די אנארכיסטישע „פּראָפּאָגאנדא דער טהאט" (פּראָפּאָגאנדא דורך געװאלט־טהאטען); און אז מען האָט שוין געעפענט די אויגען און געזעהן װי דום עס איז די אנארכיסטישע טאקטיק, האָט מען שוין אויך דערזעהן װי דום עס איז די אנארכיסטישע טעאָריע.

עס זיינען נאָך, נאטירליך, געבליבען אנארכיסטען. צװישען די פיהרער איז געבליבען זאָלאָטאראָװ, מייקעל קאָהן, י. מעריסאָן (אַלע דריי זיינען דערנאָך געװאָרען דאָקטוירים); און פון דעם „רענק ענד פאיל" איז אויך געבליבען א געװיסע צאָהל. אלס א באװעגונג אָבער האָט דער אנארכיזם אין אידישען קװארטאַל דאן פארלאָרען יעדע ממשות. און די אנארכיסטען, װאס זיינען געבליבען טריי זייערע אידעאַלען, האָבען אין זייער פּראָגראם געמאכט גרויסע ענדערונגען. פון זייער פריהערדיגען

*) אין דעצעמבער 1918 איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

„דינאמיט אנארכיזם“ איז געוואָרען אַן אונשולדיגע אבסטראַקטע טעאָריע. איך רייד דאָ דורכאויס וועגען דעם אַנאַרכיזם פון די אידישע קווארטאלען. צו יאָהאַן מאָסט'ן און עמאַ גאָלדמאַן, צום ביישפּיל, האָט דאָס ניט קיין שייכות.

3.

י. ל. פּרץ. — יוניוואוירסיטי סעטלמענט. — סעטה לאָו. — ראָבינסאָן. — 146 פאָרסייט סטריט. — פּאלדינג, סטאָווער. עדוארד קינג. — גודדעיל.

איך האָב ווידער גענומען רעדאַקטירען די „ארבייטער צייטונג“. ארום יענער צייט האָב איך אָנגעהויבען צו דרוקען סקיצען פון י. ל. פּרץ, אונטער דעם אונטערשריפט „פּלאי“. זיי זיינען געגאַנגען אונטער אַן אַלגעמיינעם קעפּעל „קליינע מעשה'לעך פאר גרויסע קינדער“, וועלכע ער אליין האָט ארויפגעשטעלט.

פּרץ איז אין ווארשא געווען באפריינדעט מיט פייגענבוים'ס א שוואָגער, און דורך איהם זיינען דאָס אָנגעקומען די מאַנוסקריפּטען. אין א רעדאַקציאָנעלען נאָטיץ, וואָס איך האָב געשריבען וועגען דיזע מעשה'לעך, האָב איך זיי אַנאָנסירט אלס „אמת'ע פּערלען, וועלכע וואָלטען שיינען אין דער ליטעראַרישער קרוין פון יעדער שפּראַך“.

א ספּעציעל שטאַרקען איינדרוק האָט געמאַכט זיין ערצעהלונג „פון וואַנען נעהמט זיך דאָס ווערטעל, ער שפּילט פאר'ן טייוועל'.“ שפּעטער האָבען מיר געדרוקט לענגערע ווערק זיינע. איך פּלעג זיינע זאַכען פאַרלעזען פאר די גענאָסען און אָנווייזען אויף דעם הויכען טאַלאַנט, וואָס אין זיי שטעקט.

צוליב דיזע ערצעהלונגען האָב איך א געוויסע צייט געפיהרט א קאָרעספּאָנדענץ מיט פּרץ'ן. מיר האָבען זיך דורכגעשריבען אויף רוסיש. ער האָט רוסיש געקענט גוט, נאָר אין א פּאָר ערטער, געדענק איך, האָט ער ארייננגעשטעלט פּוילישע ווערטער אַנשטאָט רוסישע. אַנשטאָט דעם וואָרט „ווירעזקא“ (אויסשניט), צום ביישפּיל, האָט ער געשריבען „וויעמקא“. אין איינעם פון

זײנע בריעף האָט ער זיך געבײזערט פּאַרוואָס מען האָט איהם פאַרשפּעטיגט צו שיקען זײן האָנאָראַר. „אײערע קאָמפּלימענטען זײנען מיר אנגענעהם, — האָט ער מיר געשריבען, — מיט קאָמפּלימענטען אַלײן קען איך אָבער ניט לעבען".

אז מיר האָבען אין דער „ארבײטער צײטונג" געארבײט כמעט אומזיסט, אָדער דורכאויס אומזיסט, מיט דעם איז ער װאַרשײנליך ניט געװען באַקאַנט. אמעריקא האָט זיך אונזערע לאַנדסלײט פון דער אַלטער הײם אימער פאָרגעשטעלט אַלס א לאַנד װאו דאָלאַרס װאַלגערען זיך איבער די גאַסען. אין אמעריקא איז פאַראַן א אידישע צײטונג, שמידט זי מסתמא גאָלד.

די ערשטע ערצעהלונגען, װאָס מיר האָבען באַקומען פון פּרץ'ן, דערמאָנען מיר אָן א סימפּאַטישער גרופּע אינטעליגענטע אמעריקאַנער, װעלכע האָבען זיך באַזעצט אין דעם אידישען קװאַרטאַל און מיט װעלכע איך בין באַפרײנדעט געװאָרען. איך האָב איבערגעזעצט א פּאָר פון די קירצערע זאַכען פּרץ'ס, אום פאָר זײ דאָס פאָרצולעזען. אײנער פון זײ, א אינטערעסאַנטער אמעריקאַנער מיט'ן נאָמען דזשײמס ק. פּאָלדינג, האָט געהאַט א פײנעם ליטעראַרישען געשמאַק. און איהם האָב איך ספּעציעל געהאַט אין זינען. איך האָב איהם געװאָלט װײזען װאָס פאַר א טאַלאַנטען עס װײזען זיך אין אונזער שפּראַך.

פּאָלדינג, אײנער טשאַרלס ב. סטאָװער און מײן אַלטער פרײנד עדוואַרד קינג. האָבען זיך באַזעצט אין 146 פאָרסײט סטריט, און צו זײ פלעגען אָפט אַרײנקומען עטליכע אַנדערע אמעריקאַנער יונגע לײט. די גרופּע איז געװען פאַראינטערעסירט אין דער יוניװאַרסיטי סעטלמענט באַװעגונג, װעלכע איז נאָך דאַן געװען א צימליך נײע זאַך*).

*) געבילדעטע אוניװערסיטעט־געענדיגטע אַמעריקאַנער באַזעצען זיך אין אַן אָרימען קװאַרטאַל מיט דעם צװעק אַײנצופלאַנצען אַ אינ־טעליגענטען, אײדעלען לעבען אין די קינדער, צו געבען זײ אַ פּלאַץ װאו צו פאַרברײנגען די צײט אויף אַן אַנשטענדיגען שטײגער און דורך דעם זײ אויסהיטען פון שלעכטער קאָמפּאַניע. אַנשטאָט אַרומצולויפען

די ערשטע יוניווערסיטי סעטלמענט איז געווען געגרינדעט אין דעם אידישען קווארטאל (26 דילענסי סטריט, לעבען קריסטי). איך וויל צוערשט זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען מיין באקאנטשאפט מיט דיזען אנשטאלט, און דאן וועלען מיר איבערגעהן צו דער דערמאָנטער גרופּע.

דער געגענד איז שוין דאן געווען אַ אידישער; עס האָט דאָרטען אָבער נאָך געוואוינט א היבשע צאָל איירישע און דייטשע פאמיליען (איצט וואוינען דאָרטען אידען און איטאליענער). איך האָב אמאָל נעפרעגט דעם דירעקטאָר אָדער העד־וואָירקער — הערמאן ראבינסאָן האָט ער געהייסען — פאר וואָס מען האָט גראָד אויסגעקליבען דעם אידישען קווארטאל, איז זיין ענטפער געווען:

— איין אורזאכע איז, ווייל די אידישע קינדער זיינען אינטערעסאנטע. זיי האָבען גייסטיגע אינטערעסען. צווישען זיי צו ארבייטען איז א פארגעניגען.

דער פּרעזידענט פון דער סעטלמענט איז געווען סעטה לאָו, דער דאמאָלסדיגער פּרעזידענט פון קאָלאָמביא קאלעדזש, איינער פון די אָנגעזעהענסטע בירגער פון ניו יאָרק און ברוקלין (אליין האָט ער געוואוינט אין ברוקלין). ער האָט געהאט א שם פאר אַן איידעלען, אינטעליגענטען און ליבעראלען מענשען. ער איז געווען א פיהרער פון דער „סיטיזענס יוניאָן" — א ניו יאָרקער געזעלשאפט וועלכע ערקלערט אלס איהר אויפגאבע צו זאָרגען זיך וועגען אַן עהרליכע ריינע שטאָדט־רעגירונג, און צו באקעמפען קאָרופּטע פּאָליטישענס. שפּעטער, ווען ברוקלין, קווינס און סטעטען־איילענד זיינען פאראייניגט געוואָרען מיט ניו יאָרק, איז

איבער'ן גאַס און זיך צו חבר'ען מיט פאַרדאָרבענע קינדער, פּיליצײט מיט פאַרברעכער, האָבען זיי די געזעלשאַפט פון אַנשטענדיגע געבילדעטע מענשען, וועלכע געוואוינען זיי צו צו לעזען גוטע ביכער, דיסקוטירען אינטערעסאַנטע ענינים, און צו האָבען ספּאָרטס און אַנדערע צייט־פער־טרייב אויף אַן אַנשטענדיגען אופן. די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען אין ענגלאַנד, און פון דאָרטען איז זי געקומען קיין אַמעריקא. איניגע פון די יונגע אַמעריקאַנער וואָס האָבען זיך אין איהר בעטייליגט זיינען געווען ראַדיקאַל־געשטימט פון פריהער, אָדער זיי זיינען דאָס געוואָרען דורך זייער סעטלמענט אַרבייט גופא.

ער עלעקטעד געוואָרען אַלס דער ערשטער מעיאָר פון „גרייטער ניו יאָרק״.

אין דער יוניווערסיטי סעטלמענט פון דילענסי סטריט בין איך צוויי מאָל געווען איינגעלאַדען צו האַלטען אַ פּאָרטראג (אויף ענגליש). איין מאָל האָט מען מיך געבעטען ריידען וועגען דעם עיקר פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע. סעטה לאָו איז געווען אַנוועזענד, און נאָך דער לעקטשור האָט ער מיר געשטעלט אייניגע פראגען. צו דער צווייטער לעקטשור האָב איך אַלס טהעמא פאָרגעשלאָגען דעם פרייהייטס־קאַמף אין רוסלאנד, און זי איז אָנגענומען געוואָרען. איך האָב געמאכט אַ פארגלייך צווישען די יוניווערסיטי סעטלמענט טוער אין אַמעריקא און די ערשטע רוסישע רעוואָלוציאָנערען, די „נאראָדניקעס״, וועלכע זיינען „געגאַנגען אין פאָלק״. די „נאראָדניקעס״ זיינען געווען געבילדעטע פריצישע קינדער, וועלכע האָבען זיך באַזעצט צווישען אָרימע אונוויסענדע מענשען מיט׳ן צוועק זיי צו ענטוויקלען, און דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען די יונגע לייט און פרויען פון די יוניווערסיטי סעטלמענטס. אָבער דאָ הערט די עהנ־ליכקייט אויף. יענע זיינען געווען סאָציאַליסטען און רעוואָ־ציאָנערען. זיי האָבען געקעמפט פאר פרייהייט, און אין דיזען קאַמף האָבען זיי געשטעלט אין קאָן זייערע לעבענס. דאָ אין אַמעריקא זיינען די אומשטענדען גאַנץ אַנדערע. צו פיהרען אַזאַ קאַמף, ווי עס איז דאַן געפיהרט געוואָרען אין רוסלאנד, איז ניט געווען נויטיג. דאָך, ווען די סעטלמענטס וואָלטען געווען סאָציאַליסטישע, וואָלט· אין זיי געטאָן געוואָרען גאַנץ אַנדערע ארבייט. די רוסישע „פאָלק־געהער״ האָבען געפּרעדיגט געגען די רייכע אַזוי גוט ווי געגען קיסר; וועהרענד די „יוניווערסיטי סעטלמענטס״ ווערען אַליין אויפגעהאַלטען פון רייכע. זיי ווילען די וועלט ניט איבערמאַכען. זיי זיינען מיט איהרע אונ־גלייכהייטען און אונגערעכטיגקייטען צופרידען.

איך האָב דעם אונטערשיד ארויסגעבראַכט אויף אַ העפליכען, פריינדליכען, אָבער דייטליכען אופן. איך האָב די סעטלמענטס קריטיקירט אָפען; און די אינטעליגענטע אַמעריקאנער האָבען מיך אויסגעהערט אויפמערקזאַם און אויך פריינדליך. וואָס איך

האָב זיי דערצעהלט וועגען די רוסישע פאָלק־געהער האָט זיי פאַראינטערעסירט אָהן א ברעג.

נאָך דעם מיטינג האָט מיך ארומגערינגעלט א גרויסע גרופּע זייערע און ווידער האָבען זיך אָנגעהויבען פראגען און ענטפערס.

איך האָב זיי באזוכט נאָך א פּאָר מאָל, געשמועסט מיט זיי, באקוקט די פארשידענע „קלאָבס", וואָס זיי האָבען געפיהרט, זיך צוגעקוקט צו די קינדער, וואָס האָבען דאָרטען פארבראכט די פרייע צייט.

אין איינעם פון מיינע געשפרעכען מיט מיסטער ראבינסאָנ'ען, דעם העד־וואָירקער, האָב איך איהם געפרעגט וועגען דעם אונטערשיד צווישען באָים פון די פארשידענע נאציאָנאליטעטען, וואָס קומען אריין אין זיין סעטלמענט, און זיין ענטפער איז געוועזען:

— ווען עס קומט אריין אַן איירישער באָי, נעמט ער זיך גלייך צו באקסינג־גלאָווס. א אידישער באָי ווידער פאנגט גלייך אָן א דעבאטע מיט ווער עס איז.

סאָציאַליסטען האָבען הויפּטזעכליך געזעהן די קאָמישע זייט פון דער באוועגונג: פאבריקאנטען אָדער באנקירען גיבען געלט מיט דעם צוועק אז ארבייטער, פון וועמעס פּראצע זיי ווערען רייך, זאָלען אין זייער אָרימקייט זיך פיהרען „צירליך־מאנירליך". איך האָב אָבער גלייך איינגעזעהען, אז דורך דעם יוניווערסיטי סעטלמענט ווערט אויפגעטאָן א געוויסער סאָרט גוטע ארבייט, אז צווישען די טוער געפינען זיך דענקענדע און פאָרטגעשריטענע מענשען, און אז דורך זייער באריהרונג מיט די מאסען קומען איינינע פון זיי צו צום סאָציאליזם.

די עטליכע געבילדעטע אמעריקאנער, וואָס האָבען געוואוינט אין 146 פאָרסייט סטריט, האָבען מיט דער יוניווערסיטי סעטלמענט פון דעלענסי סטריט קיין פארבינדונג ניט געהאט. זיי האָבען איהר קריטיקירט. זיי האָבען געטאָן זעלבסטשטענדיגע סעטלמענט ארבייט, און מען קען זאָגען, אז זיי זיינען געווען די אמת'ע גרינדער פון דער באוועגונג אין די אידישע קווארטאלען.

דער אויבען דערמאָנטער פאָלדינג איז אַן אייניקעל פון

דעם אמעריקאנער שריפטשטעלער פּאָלדינג, װעלכער איז געװען א ליטעראַרישער שותּף צו װאשינגטאָן אירװינג, און האָט מיט איהם צוזאמען פארפאסט אײניגע װערק. פּאָלדינג, דער אײניקעל (ער האָט זײַן זײדען׳ס ערשטען און מיטעלסטען נאָמען — דזשײמס קירקאָפּ) האָט געגרינדעט א אוניװערסיטעט אין אמע־ריקא און אויך אין דײטשלאנד. ער האָט געקענט דײטש און פראנצויזיש, איז געװען באלעזען אין די בעסטע װערק און האָט געהאט א טיפע ליבע צו ליטעראַטור און קונסט. אין אמעריקא באגעגענט מען אזא טיפּ ניט אויף טריט און שריט אפילו הײַנט. אין יענע יאָהרען איז ער געװען נאָך זעלטענער. זײַן פאָטער איז אויך געװען א געבילדעטער מאן. זײער פאמיליע שטאמט פון די האָלענדישע אימיגראנטען, װעלכע האָבען גע־גרינדעט די שטאָדט ניו יאָרק.

146 פּאַרסײַט סטריט איז א געװעהנליכע אָרימע טענעמענט הויז אין רעכטען מיטען פון דעם אידישען קװאַרטאַל. אויף דעם טאָפּ פלאָר פון דיזען הויז האָט פּאָלדינג געהאט א װאוינונג פון עטליכע צימערען. אויף די פלאָרס זײַנען בײַ איהם ניט געװען קײן קאַרפּעטס; און די מעבעל איז געװען אָן אײנפאכע. אליץ האָט אָבער געשפּיגעלט מיט רײנקײט און מיט דעם חן און געשמאַק פון אן אינטעליגענטען, אײדעלען לעבען.

אין דיזע צימערען זײַנע פלעגען קומען באָים פון אָרימע אידישע פאמיליעס און פּאָלדינג פלעגט מיט זײ לעזען און ערקלערען זײ ליטעראַרישע ענינים. און טאקע דאָ פלעגען דיזע באָים מאכען זײער „האָום װאָירק“, לערנען זײערע לעסאָנס פון סקול (אײניגע פון זײ זײַנען שפּעטער געװאָרען באקאנטע פּערזענליכקײטען, װי צום בײַשפּיל: דער איצט־באריהמטער סקולפּטאָר עפּשטײן, װעלכער געפינט זיך אין ענגלאנד, און דר. הענרי מאָשקאָװיטש, װעלכער איז גוט באװאוסט אין ניו יאָרק אלס כלל־טוער. װען זײ זײַנען נאָך געװען באָיס, פלעג איך זײ זעהן אין פּאָלדינג׳ס צימערען).

איך בין מיט פּאָלדינג׳ען באפרײנדעט געװאָרען און פלעג איהם אָפט באזוכען. מיר פלעגען שמועסען װעגען דער רוסישער ליטעראַטור, מיט װעלכער ער איז באקאנט געװאָרען דורך

דייטשע אָדער פראַנצויזישע איבערזעצונגען. אויך פלעגען מיר ריידען וועגן דער סאָציאַלער פראַגע. דער סאָציאַליזם האָט צו איהם שטאַרק אַפּעלירט, הגם ניט די טעאָרעטישע מאַרק־סיסטישע זייט.

סטאָווער און קינג האָבען געוואוינט אויפ'ן „סקוואַר". סטאָווער איז געווען ענערגישער און טעטיגער ווי פאָלדינג; דערפאַר אָבער האָט ער זיך ווייניגער אינטערעסירט מיט ליטעראַטור און קונסט.

אויף די אַנדערע פלאָרס האָבען געוואוינט אידישע פאַמי־ליעס, און זייערע קינדער פלעגען אָפט באַזוכען דעם גראַונד־פלאָר אָדער דעם טאָפּ־פלאָר, וואו זיי זיינען אימער געווען ווילקאָמען.

אַרום פאָלדינג'ען און סטאָווער'ן האָבען זיך אַרומגעקלעפּט עטליכע אַנדערע געבילדעטע אַמעריקאַנער יונגע לייט. איינער פון זיי האָט געהייסען גודדעיל, אַ הויכער, אַ שעהנער יונגער יענקי. ער האָט זיך באַזעצט אין אַ טענעמענט הויז אויף דער אַכטער סטריט, מיט דעם זעלבען צוועק, מיט וועלכען פאָלדינג און סטאָווער האָבען געוואוינט אויף פאָרסייט סטריט.

4.

בעלאַמי'ס קלוב אין ניו יאָרק. — דעניעל דע־ליאָן.

מיט אַמעריקאַנער ראַדיקאַלען פלעג איך זיך אויך זעהן אין אונזער אַמעריקאַנער לייבאָר לייסעאום, אין 64 איסט 4טע סטריט און אין איינעם פון בעלאַמי'ס ניו יאָרקער קלובען. דאָס איז געווען „נעשאָנאַליסט קלאָב נומער דריי", אָבער קיין נעשאָ־נעליסט קלאָבס „נומער 1" און „נומער 2" איז אין ניו יאָרק שוין אייגענטליך ניט געווען. ווען זיי האָבען זיך געגרינדעט, זיינען זיי באַשטאַנען פון רייכע מענשען פון די הויכע פענסטער, אַזוי ווי אין באָסטאָן. ביי זיי איז דאָס אויך געווען אַ מאָדע־זאַך. און די מאָדע האָט זיך אין ניו יאָרק געהאַלטען נאָך ווייניגער ווי אין באָסטאָן. פון די צוויי קלאָבס איז גאָרניט געוואָרען. דער „קלאָב נומער 3" אָבער איז באַשטאַנען פון

גאַנץ געװעהנליכע מענשען, װאָס האָבען ליעב געהאַט צו הערען א ראַדיקאַלען װאָרט. די לעקטשורס, װעלכע פלעגען אָפּגע־האַלטען װערען זונטאָג נאָכמיטאָג אין א פּאַרזאַמלונגס־לאָקאַל אויף װעסט 23טע סטריט, זײַנען אימער געװען גוט באַזוכט. א היבשער טײל פון דעם עולם איז דאָ פון אָנהױב אָן באַשטאַנען פון ענגליש־רײדענדע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבײטער פּאַרטײ, און די לעקטשורערס זײַנען דאָס רוב אויך געװען אונזערע (איך פלעג דאָ לעקטשורען גאַנץ אָפט). א היבשע צאָל פון די קלוב־מיטגלידער זײַנען טאַקע געװען מיטגלידער פון אונזער פּאַרטײ. צום קלוב האָבען געהערט אַנדערע אַמע־ריקאַנער אויך, און מײסטע פון די קלוב מיטגלידער, װאָס האָבען צוערשט צו אונזער פּאַרטײ ניט געהערט, זײַנען דערנאָך אין איהר אַרײַנגעטראָטען. ביסלעכװײַז איז געקומען א צײַט װען דער „נעשאָנעליסט קלאָב נומער 3" איז נאָר אין נאָמען געװען א „נעשאָנעליסט" קלוב. אין דער װירקליכקײט איז ער געװען א ברענטש פון אונזער באַװעגונג. און ענדליך האָט ער דעם נאָמען אויך אויפגעהערט צו געברויכען. ער איז אָפיציעל געװאָרען א ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער אַרבײטער פּאַרטײ.

צװישען די, װאָס פלעגען אָפט באַזוכען די זונטאַגדיגע לעקטשורס פון דעם „נעשאָנעליסט קלאָב נומער 3", איז געװען דעניעל דעליאָן, מיט װעמען מיר זײַנען באַקאַנט געװאָרען אין דעם צװײטען באַנד. דאָרטען האָבען מיר איהם געזעהן אַלס מיטגליד פון דער הענרי ־דזשאָרדזש באַװעגונג. שפּעטער האָבען מיר איהם באַגעגענט אין דער רעדאַקציע פון דעם „װאָירקמען'ס עדװאָקעיט", װען לוסיען סעניעל איז געװען דער רעדאַקטאָר. שוין דאַן האָט ער אַרויסגעװיזען א אינטערעס אין דער סאָציאַ־ליסטישער באַװעגונג. איצט, אין 1892, האָט דיזער אינטערעס זיך אין איהם געמערקט נאָך דײַטליכער. אין די קורצע רעדעס, װאָס ער האָט געהאַלטען, אַנטײל נעמענדיג אין די דעבאַטען נאָך די לעקטשורס פון דעם „נעשאָנעליסט קלאָב נומער 3", האָט ער ביסלעכװײַז זיך גענומען אויסשפּרעכען אַלס א פאָל־שטענדיגער סאָציאַליסט. און װען מען האָט איהם אײַנגעלאַדען

צו האלטען א לעקטשור, איז די לעקטשור געווען אן אויסגע־צייכענטער סאָציאליסטישער פאָרטראג.

ער איז איבערהויפט געווען א גלענצענדער רעדנער און לעקטשורער. ער איז געווען א הויך־געבילדעטער און פעהיגער מענש, מיט א שטארקער רעדנער־קראפט, און זיינער א פאָרטראג איז אימער געווען אינהאלטסרייך, קלאָר ווי קרישטאָל, שטרענג לאָגיש און אינטערעסאנט. אויפ'ן אויסזעהן איז ער געווען א שעהנער מאן, מיט א שעהנער שווארצער באָרד און שעהנע שווארצע האָר, נאָר עטוואָס באשפריצט מיט גרויקייט, מיט א אינטערעסאנטען פנים און א זעהר אינטערעסאנטע קאָפּ.

אין די פאראייניגטע שטאאטען איז ער געווען אן אויס־לענדער (ער איז געווען פון ווענעזועלא, זיד־אמעריקא), און ער האָט גערעדט ענגליש אביסעל מיט אן אקצענט, נאָר דעם „ה" פלעגט ער אָפט אויסריידען אויף א שפאנישען שטייגער — ווי א „ח". ער איז אבער געווען א פאלשטענדיגער מייסטער פון דער ענגלישער שפראך, און צוהערענדיג זיך צו זיינער א לעקטשור, פלעגט מען זיך גאָר פארגעסען, אז ער איז ניט קיין געבאָרענער אמעריקאנער אָדער ענגלענדער.

איך געדענק ניט צי ער איז איבערגעגאנגען צו דער סאָציאליסטישער ארבייטער פארטיי צוזאמען מיט דעם גאנצען „נעשאָנאליסט קלאָב נומער 3", אָדער אביסעל פריהער. ער איז יעדענפאלס געוואָרען א מיטגליד, און פאר אונז איז ער געווען א גרויסער געווינס. אין אונזער באוועגונג האָבען מיר זינט שעוויטש'ן אזא וויכטיגע קראפט ניט געהאט. און אויב שעוויטש איז געווען פיל טאלאנטפולער אלס אגיטאטאָר און רעדנער ביי גרויסע פייערליכע געלעגענהייטען, מיט מעהר איינ־בילדונגס־קראפט, מיט פראכט און פאָעזיע אין זיין שפראך, איז דעליאָן געווען וויכטיגער אלס לעקטשורער.

זיין ערשטע לעקטשור פאר דעם אמעריקאנער ברענטש פון אונזער פארטיי איז פאָרגעקומען אין דעם גרויסען זאל פון אונזער לייבאָר לייסעאום, אויף 64 איסט 4טע סטריט. זיין

טעמא איז געװען די „מארקס טעאָריע". ער האָט מארקס'עס הויפּט װערק „דאָס קאַפּיטאל" מיט אײניגע טעג צוריק איבער־געלעזען צום ערשטען מאָל, און די דאָזיגע לעקטשור זײנע איז אין א געװיסען זין געװען זײן עקזאמען אלס לעקטשורער װעגען דעם טעאָרעטישען סאָציאליזם.

דאָס איז װארשײנליך געװען דער בעסטער פּאָרטראג איבער די מארקסיסטישע אידעען, װאָס ניו יאָרק האָט װען עס איז פריהער געהערט. אלע זײנען געװען ענטציקט.

אויף דיזען מיטינג איז פּאָרגעקומען א קלײניגקײט, װעגען װעלכער איך פּלעג זיך שפּעטער אָפּט דערמאָנען.

נאָך דער לעקטשור האָט מען, װי געװעהנליך, „געעפענט דעם פלאָר" פאר די צוהערער, װאָס האָבען זיך געװאָלט מעלדען צום װאָרט, און צום שלוס האָט דער לעקטשורער זײ געענטפערט. דערבײ האָט דעליאָן דעם נאָמען פון אײנעם פון די דעבאטאנטען איבערגעדרעהט: אנשטאָט גאָלדענשטיק האָט ער דעם דעבא־טאנט אָנגערופען גאָלדענשטינק. אן אלטער אמעריקאנער, װעל־כער איז געװען אײנער פון די צוהערער, האָט געמײנט, אז ער האָט אײנפאך א טעות און ער האָט איהם פאררעכט. דאן האָט דעליאָן א לאַך געטאָן און דעם זעלבען נאָמען װידער איבערגעדרעהט, אויף אן אנדער שטײגער.

די פּאסירונג האָט געמאכט אן אונאנגענעהמען אײנדרוק. עס האָט זיך פּראָסט ניט געגלויבט, אז א מאן אין די מיטעלע יאָהרען און אזא געבילדעטער און ענטװיקעלטער, זאָל אָפּטאָן אזא קינדערישען שפּיצעל. אָבער אזוי װי די בעסטע און װיכ־טיגסטע מענשען האָבען פעהלערען און באגעהן אמאָל א נארישקײט, האָט מען דערפון קײן װעזען ניט געמאכט. אויף מײן באגײסטערונג פאר דעליאָנ'ען האָט דאָס קײן װירקונג ניט געהאט.

איך האָב איהם געפיהרט אויף אונזערע אידישע מיטינגען, און אומעטום איהם פאָרגעשטעלט אלס אונזער נײעם רעדנער און לעקטשורער, אלס א הויך־געבילדעטען און באגאבטען מענשען.

איך געדענק װי איך האָב איהם געפיהרט פון מיטינג צו מיטינג בײ דער קלאָוק־מאכער יוניאָן. די אָרגאניזאציע האָט

פארנומען אלע פלאָרס פון 125 ריווינגטאָן סטריט. יעדע אָפּטיילונג אויף א באזונדער פלאָר. מיר זיינען, אלזאָ, געגאנגען פון פלאָר צו פלאָר; אומעטום האָב איך איהם פאָרגעשטעלט, און ער האָט געהאלטען א קורצע רעדע. איך האָב געהערט, אז ער קומט פון א רייכער פאמיליע, און איך פלעג דעם פאקט דערמאָנען, אום צו ווייזען, אז ער האָט געקענט האָבען א רייכע קאריערע, אָבער אז ער גיט זיך אָפּ צו דער ארבייטער באוועגונג. איך געדענק, ווי פאר איינעם פון דיזע אידישע מיטינגען, אין 125 ריווינגטאָן סטריט, האָב איך איהם געפרעגט וועגען זיינע עלטערען, און זיין ענטפער איז געווען, אז עטליכע מיטגלידער פון זיין משפחה זיינען ריכטער.

אין דעם ווינטער פון 1892—1893 האָט ער געהאלטען לעקטשורס אין ניו יאָרק און אין אנדערע שטעדט, אלע אויף פארזאמלונגען פון דער סאָציאליסטישער ארבייטער פארטיי. זיין פּאָפּולאריטעט איז שנעל געוואקסען. ער האָט אויך אטענדעט אלע געשעפטס־פארזאמלונגען פון זיין ברענטש און די אלגעמיינע מיטינגען פון אלע ניו יאָרקער ברענטשעס. אומעטום האָט ער זיך באטייליגט אין די דיסקוסיעס. צוזאמען מיט זיין פּאָפּולאריטעט אלס רעדנער און לעקטשורער איז געשטיגען זיין ראָלע און איינפלוס אין דער פארטיי גופא.

5.

אין פילע שטעדט. — הענפאָרד. — אַ אידישער פּאָליסמאַן. — אַ פּאָר שטונדען הינטער גראַטעס. — דר. קראָוסקאָפּף. — וואָלטער ווראָמען. — גודדעיל'ס אָנקעל. — פייגענבוים'ס טריינעל

יענעם ווינטער האָב איך אויך באזוכט פילאדעלפיא, באָסטאָן, הארטפאָרד, ניו־בריטיין, ניו־הייווען, ראָטשעסטער, סיראקיוז, נוארק, עליזאבעטפּאָרט, באלטימאָר און שיקאגאָ. איך האָב מייסטענס גערעדט און געלעקטשורט אויף אידיש, אָבער אין איניגע ערטער אויף ענגליש אויך. אין פילאדעלפיא, צום ביישפיל, אין א זונטאג נאכמיטאג, האָב איך געהאלטען א

לעקטשור ביי דער דאָרטיגער סענטראל לייבאָר יוניאָן. אין די דעבאטען האָט זיך באטייליגט א אינטעליגענטער אמעריקא־נער ארבייטער מיט'ן נאָמען „בען“ הענפאָרד. דאָס איז דער זעלבער הענפאָרד, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין אונזער פּארטיי. און ווען ער איז שוין געווען באריהמט אלס סאָציאליסטישער רעדנער, האָט ער ביי פילע געלעגענהייטען עפענטליך דערמאָנט יענע פילאדעלפיער לעקטשור מיינע. ער פלעגט ערקלעהרען, אז מיט די ענטפערס, וואָס איך האָב יענעם זונטאג געגעבען אויף די ארגומענטען, וועלכע ער האָט ארויסגעשטעלט געגען אונזערע אידעען, האָב איך איהם באקעהרט צום סאָציאליזם.

דורך א לעקטשור, וואָס איך האָב יענעם ווינטער געהאלטען פאר דער עטהיקעל קאלטשור סאָסייעטי פון פילאדעלפיא, איז צום סאָציאליזם באקעהרט געוואָרען די הויפּט־פיהרערין פון יענער געזעלשאפט, מיסעס וועער.

יענעם ווינטער האָב איך אויך געהאלטען א לעקטשור פאר דער עטהיקעל קאלטשור סאָסייעטי פון ראָטשעסטער. איינגעשטאנען בין איך דאָרטען ביי דעם אידישען סאָציאליסט מאָריס בערמאַן, וועלכער איז איצט אויך זעהר טעטיג אין אונזער פּארטיי. אין באצוג צו יענעם מיטינג ביי דער ראָטשעסטערער עטהיקעל קאָלטשור סאָסייעטי דערצעהלט גענאָסע בערמאַן, ווי דער הויפּט פיהרער פון דער סאָסייעטי, א רייכער יהודי מיט'ן נאָמען סאלאמאָן, האָט צוגעפּערטיגט א רייהע ארגומענטען געגען מיר. ער האָט זיי אויפגעשריבען אין דער פאָרמע פון פראגען אויף מיין פאָרטראג. ווען איך בין פארטיג געוואָרען, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט און זיי פאָרגעלעזען. איך האָב ביי איהם געפרעגט, ווי אזוי ער האָט פאָראויס געקענט וויסען, וואָס איך וועל זאָגען, און איך האָב געוויזען, אז דאָס רוב פון די „קשיות“, וואָס ער האָט פאָראויס צוגעגרייט, פּאסען זיך גאָר ניט צו מיין פאָרטראג.

סאלאמאָן האָט צוגעגעבען, אז ער האָט געמאכט א מיסטייק, און ער האָט אויך צוגעגעבען, אז דער סאָציאליזם איז א טיפערער ענין ווי ער האָט געמיינט.

שיקאגא האב איך יענעם ווינטער באזוכט אין פעברואר. דעם נעקסטען מאנאט, ענדע מערץ, ווען איך בין געווען אין פילאדעלפיא, האט מען מיך ארעסטירט.

אין פילאדעלפיא האט זיך דאן געפונען א אידישער פאליס־מאן, אן אונוויסענדער יונג פון אונגארן, מיט דעם נאמען קאספער, א ברייטער, א שטארקער, מיט שווארצע האר און א געשטור־פעלטען פנים. מיט א פאר יאהר פריהער האט ער אויף א מיטינג ארעסטירט דעם פיהרער פון די אנארכיסטען, פרענער'ן, און איינעם פון אונזערע טעטיגסטע גענאסען פון פילאדעלפיא, מאיר גיללים. די באשולדיגונג געגען זיי איז געווען, אז פרענער האט גערופען דעם עולם צו א רעוואלוציע און אז גיללים האט איהם אונטערשטיצט און געמאכט א קאלעקשאן פאר דער רעוואלוציע. מען האט זיי פאראורטיילט צו פריזאן און זיי זיינען אפגעזעסען אכט מאנאט.

מיך האט קאספער ארעסטירט נאכדעם ווי איך האב געהאלטען א רעדע אויף א מיטינג ביי די פילאדעלפיער שוירט־מאכער אין דער צייט פון א סטרייק. די גאנצע געשיכטע איז געווען לעכערליך. אויף דעם מיטינג איז ניט אויסגעקומען אפילו צו דערמאנען דעם ווארט „רעוואלוציע“; מיין רעדע איז באשטאנען אין א געוועהנליכער ערקלערונג ווי וויכטיג עס איז פאר די ארבייטער צו האלטען זיך פעסט און צו בלייבען טריי זייער איינינקייט.

די פארזאמלונג האט זיך געענדיגט. איך בין ארויסגע־גאנגען פון האל, און באגלייט מיט עטליכע גענאסען און יוניאן־לייט, האב איך זיך פארנומען אין דער ריכטונג פון דעם וואקזאל. ווען איך בין אפגעגאנגען עטליכע טרים, איז קאספער אויף מיר ארויפגעפאלען און האט מיר נעגעבען א כאפ מיטביידע לאפעס, אזוי ווי איך וואלט געווען א געפעהרליכער פארברעכער. צוזאמען מיט מיר האט מען אויך ארעסטירט צוויי פון די פיהרער פון דער שוירט מאכער יוניאן, לעווין און סולאנסקי.

מען האט אונז געבראכט אין א סטיישאן־הויז און פאר־

שפּאָרט אין סעלם. אָבער באלד האָט מען אונז ארויסגענומען אויף בעיל.

אויף מאָרגען האָט מען מיך פאָרגעבראַכט פאר א פּאָליציי־ריכטער מיט׳ן נאָמען דעוולין.

— וואָס איז די באשולדיגונג? — האָט ער געפרעגט.

— דיזער מאן האָט געהעצט סטרייקער צו מאכען א ראיאָט — האָט קאספּער געענטפערט.

איך האָב געפּרופט ערקלעהרען ווי לעכערליך דאָס איז. דער דזשאַדזש האָט מיר אָבער ניט געלאָזען. מיין אונשולד וועל איך קענען באווייזען אויף׳ן טריעל, האָט ער געזאָגט, און ער האָט מיך געשטעלט אונטער פינף הונדערט דאָלאר בעיל. די געשיכטע האָט געמאכט א גערודער אין פילאדעלפיא. אויף קאספּער׳ן האָבען די אידען דאן געקוקט ווי אויף א מין פּאגראָמשטשיק.

ווער עס האָט קאספּער׳ן געהייסען אָדער „צוגערעדט“ צו ארעסטירען סאָציאליסטען, איז קיינמאָל קלאָהר ניט באוויזען געוואָרען. מען האָט דאן געזאָגט, אז אידישע מאנופעקטשורערס האָבען דאָס געטאָן אום צו באזייטיגען די פיהרער און רעדנער פון די אידישע יוניאָנס. עס איז אויך געווען א מיינונג, אז ער האָט זיין סאָציאליסטען־פּרעסעריי אָנגעפיהרט אין די אינטערעסע פון די רעפּובליקאנישע פּאָליטישענס פון דעם אידישען קווארטאל.

די אָנשטענדיגע אידישע באפעלקערונג פון דעם אידישען קווארטאל, שוין ניט ריידענדיג פון די אָרגאניזירטע ארבייטער, האָבען דעם בויאנסקען אידישען פּאָליסמאן געהאסט. ער האָט דעם געגענט טעראָריזירט. ווען די געשיכטע פון מיין ארעסט איז באקאנט געוואָרען צווישען די אמעריקאנער און דייטשע יהודים, האָט דאָס אויף זיי אויך געמאכט א שלעכטען איינדרוק.

דער דאמאָלסדיגער רעפאָרמירטער הויפּט־ראבינער פון פילאדעלפיא, דר. קראוסקאָפּף, האָט אויסגעשפּראָכען א מיינונג, אז קאספּער׳ן דארף מען מופען פון דעם אידישען קווארטאל אין אן אנדער געגענד; אז עס איז א שאנדע וואָס מען ערלויבט אזא נפש צו שטערען די רעדע־פרייהייט. דר. קראוסקאָפּף האָט זיך זאָגאר גענומען עפּעס טאָן וועגען דעם.

מיין אלטער באקאנטער, וואלטער וורומען, וועלכער איז אין דעם צווייטען באנד פון דיזען ווערק דערמאנט געווארען אלס א סאציאליסטישער „באי ארעיטאר", איז איצט געווען דער „העד וואירקער" פון דער יוניווערסיטי סעטעלמענטס אין פילאדעל־פיא. ווען ער האט זיך דערוואוסט פון דער געשיכטע, האט ער נעארבייט מעשים. די געזעלשאפט וואס האט אויפגעהאלטען זיין „סעטלמענט" איז באשטאנען פון אינטעליגענטע ליבעראל־געשטימטע אמעריקאנער, און אייניגע פון זיי זיינע געווען באַ־קאנטע איינפלוסרייכע מענשען אין שטאדט. אלזא, האט ער נעהאפט מיט זייער הילף דעם אידישען קווארטאל צו באפרייען פון קאספער'ן.

אין דער געשיכטע האט זיך ספעציעל פאראינטערעסירט איינער א גודדעיל, אן אינטעליגענטער אמעריקאנער איינוואוינער פון פילאדעלפיא, אן אנקעל פון דעם יונגען גודדעיל פון דער אמעריקאנער גרופע, פון 146 פארסייטה סטריט, ניו יארק. ווען דער יונגער גודדעיל האט געהערט וועגען מיין ארעסט און פון דעם קאספער־טעראר, האט ער די גאנצע געשיכטע מיט ענטריס־טונג באשריבען אין א בריף צו זיין אנקעל, דער עלטערער גודדעיל איז דאן אריינגעגאנגען צו דעם ריכטער דעוולין און האט איהם געוויזען זיין פלימעניק'ס בריף.

„קאהאן איז א פארשטעהער פון סימפאטישע באוועגונגען אין ניו יארק — האט ער געזאגט — מיר דארפען זיין שטאלץ מיט אזעלכע מענשען. צום סוף, ווען ער קומט אין פילאדעלפיא האלטען א רעדע, ארעסטירט מען איהם גאר. דער פאליסמאן קאספער טעראריזירט דעם אידישען קווארטאל. אזעלכע פאלים־לייט זיינען א שאנדע פאר פילאדעלפיא."

דער פילאדעלפיער גודדעיל האט מיט פאליטיקס ניט געהאט קיין שייכות; ער איז אבער געווען פיין געקליידעט און געהאט אן אינטערעסאנטען וואזשנעם אויסזעהן; אלזא האבען זיינע ווערטער און דער בריף פון זיין ניו יארקער פלימעניק געמאכט אן איינדרוק אויף'ן פאלים־דזשאדזש. דער רעזולטאט איז געווען, אז דער פאלים־דזשאדזש האט די קיים נעגען מיר און די צוויי יוניאן־פיהרער „געקוואשט" (פארניכטעט).

מיר האָבען ערוואַרטעט אַז דער פּאָליס־דזשאָדזש וועט זעהן אַז די העכערע פּאָליציי־בעאַמטע זאָלען אונטערזוכען די קאַספּער־פראַגע און קאַספּער'ן משלח זיין. דאָס איז אָבער ניט געשעהן. און דר. קראַוסקאָפּף'ס און וורומען'ס אָנשטרענגונגען האָבען זיך אויך אויסגעלאָזען מיט גאָרניט.

די פּאָליטיקס פון פילאַדעלפיא איז צו קאָרופּט, און די וואָס זיינען געשטאַנען הינטער קאַספּער'ן האָבען געהאַט אַ צו שטאַרקען צד אין טיש. אָנשטאַט באַשטראָפט צו ווערען, איז קאַספּער גע־וואָרען נאָך מעהר תקיף ביי זיך. ווען ער האָט געהערט וואָס מען קלייבט זיך צו טאָן נעגען איהם, האָט ער זיך אויסגעלאַכט. „איך וועל אויסראָטען יעדען סאָציאַליסט פון פילאַדעלפיא — האָט ער זיך באַריהמט פאַר אַ אידישען רעסטאָראַן־קיפּער — איך וועל ניט רוהען ביז איך וועל זיי שיקען אויף דער תליה."

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער ארעסטירט נאָך איינעם פון אונזערע ניו יאָרקער רעדנער, ב. פייגענבוים'ען.

פייגענבוים'ען האָט ער באַשולדיגט, אַז ער האָט זיך פאַר־מאָסטען מיט אַ שטעקען אויף איהם.

דיזע קייס איז געקומען צו אַ טריעל, און עס איז באַוויזען געוואָרען ווי לעכערליך קאַספּער'ס באַשולדיגונג איז. דאָס האָט איינגענטליך די דזשורי געקענט אליין זעהן, פאַרגלייכענדיג דעם ברייטען, געזונטען בויאַן קאַספּער, מיט דעם שוואַכען אינטעלי־גענטען מענשען אויף וועמען ער האָט זיך באַקלאָגט אַז ער האָט איהם געוואָלט שלאָגען. פייגענבוים איז באַפרייט געוואָרען. דער קאַספּער־טעראָר איז אָבער פאָרטגעזעצט געוואָרען, ביז דער אידישער פּאָליסמאַן איז אליין אריינגעפאַלען אין טראָבעל.

6.

די שוויץ־סיסטעם. — די לאַגע פון אידישע אַרבייטער. — וואוינונגען. — אונזער דאָפּעלטע ארבייט.

אַמעריקא האָט דאַן דורכגעלעבט שווערע עקאָנאָמישע ציי־טען. עס איז געווען אַ היבשע ביסעל ארבייטסלאָזיגקייט. אָבער אפילו פריהער, ווען עס איז געווען גענוג באַשעפטיגונג, האָט דע־

אידישער ארבייטער אין אמעריקא אויך געוואוינט אין ארימקייט און דחקות. די גרויסע ווײַדזשעס, די שעהנע וואוינונגען און די גוטע קליידער, וועלכע פילע פון אונזערע ארבייטער געניסען היינט, האבען זיך גענומען באוויזען ערשט אין שפּעטערע יאהרען. אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האלטען דא, וואלט דער דורכ־שניטליכער ארבייטער אזעלכע זאכען באטראכט אלס לוקסוס. ווי איך האב שוין באמערקט אין דעם פריהערדיגען באנד: אין פארגלייך מיט דעם לעבען פון א בעל־מלאכה אין אונזערע אלטע היימען האבען אונזערע היגע ארבייטער געלעבט ברייט, אבער ווען מען האט דאס געמאסטען אויף דער היינטיגער אמעריקאנער מאס, איז זייער עקזיסטענץ געווען א גאנץ קלעגליכע.

די ניו יארקער טענעמענט־הייזער זיינען געווען צרה׳דיג געבויט, איינע הארט ביי דער צווייטער. לופט און ליכט האבען געהאט נאר די צימערען וואס זיינען ארויסגעקומען צו דער סטריט אדער צום יארד. פילע פון די רומס זיינען געווען אבסאלוט פינסטער. זומער אין די היצען איז אין זיי געווען אונמעגליך צו אטעמען, און טויזענדער מענשען פלעגען מוזען נעכטיגען אויף די רופס.

דער לעזער האט זיך אודאי אנגעהערט וועגען דער סוועטינג־סיסטעם, וואס האט דאן געהערשט אין די אידישע נאדעל־טריידס, — ווי מען האט געארבייט ביי א קאנטראקטאר, אין די זעלבע רומס וואו דער קאנטראקטאר האט געוואוינט מיט זיין פאמיליע, אין שרעקליכער ענגשאפט, אין א שטיקענדער לופט און אין שמוץ — אין א נעסט פון קראנקהייטען. דאס אלץ איז ניט איבערטריבען אויף א האר.

און דיזער לעבען האט זיך אפגעשפיגעלט אויף דעם כא־ראקטער פון אונזערע יוניאנס און פון אונזער גאנצער באוועגונג.

איינע פון די וויכטיגסטע פראגען איז אפט געווען ניט ווי גרויס די ווײַדזשעס זיינען, נאר צי וועט דער ארבייטער גאר בא־קומען ווײַדזשעס. צו הערען וועגען א קאנטראקטאר, וואס איז ענדע וואך אנטלאפען מיט ווײַדזשעס פון זיינע ארבייטער, איז געווען א גאנץ געוועהנליכע זאך. דעריבער איז אויך געווען א גאנץ געוועהנליכע זאך צו הערען וועגען ארבייטער פון א שאפ,

וואָס האָבען גענכאַפּט די באַנדעלס וואָרע פאַר די ווײדזשעס וואָס זיי האָט געקומט, און וועגען קאָנטראַקטאָרס (אָדער מאַנו־פעקטשורערס, פאַר וועלכע זיי האָבען געמאַכט די ארבייט), וואָס זיינען געגאַנגען אין קאָורט, פאָדערען אז מען זאָל זיי אומקעהרען זייער אייגענטום.

היינט, ווען א יוניאָן סעטעלט א סטרייק און מאַכט מיט דעם מאַנופעקטשורער אַן אַגרימענט, ווערט דער אַגרימענט גע־האַלטען. אין יענע יאָהרען האָט מען מייסטענס געהאַט צו טאָן מיט קאָנטראַקטאָרלעך אָדער קליינע מאַנופעקטשורערס, מענשען אָהן פינאַנציעלע פאַראַנטוואָרטליכקייטען. זיי זיינען געווען באַרייט אונטערצושרייבען וועלכען אַגרימענט איהר ווילט. וואָרים ס'איז ביי זיי ניט געווען וואָס צו נעהמען. דער דאָקומענט איז ניט ווערט געווען די פּאַפּיר אויף וועלכער ער איז געווען געשריבען.

נאָך א זאַך: קליינע שעפּער איז פאַר א יוניאָן אונמעגליך צו קאָנטראָלירען. זי מעג באַשליסען אז מען זאָל ניט ארבייטען מעהר ווי צעהן שטונדען, וועט מען ארבייטען צוועלף אָדער פערצעהן, און א האָהן וועט ניט קריהען. ארבייטער וואָס זיינען באַרייט צו ברעכען די כללים פון דער יוניאָן זיינען אימער געווען גענוג. אַלזאָ איז אונמעגליך געווען אכטונג צו געבען.

די נעה־מאַשינען זיינען געטריבען געוואָרען מיט „פוט־פּאַוער", איינפאַכער גערעדט, מיט די פיס, און אַן אָפּערייטאָר מיט קראַנקע פיס איז געווען אַזא געוועהנליכע זאַך, ווי א באָס וואָס איז אַנטלאָפען מיט די ווײדזשעס.

דער אָפּערייטאָר האָט געמוזט האָבען זיין אייגענע מאַשין. ווען ער איז איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדער שאָפּ, פלעגט ער מיטנעהמען זיין מאַשין. אויף שפּאָס פלעגט מען די נעה־מאַשין רופען די „קאַטערינקע", און איינער פון די ווערטלעך, וועלכע מען פלעגט אָפט הערען אויף אונזערע אַגיטאַציאָנס־מיטינגען, איז געווען וועגען דעם ווי דער אָפּערייטאָר „טראָגט זיך מיט זיין קאַטערינקע פון שאָפּ צו שאָפּ".

ווען דער קאָנטראַקטאָר האָט געהאַט נעה־מאַשינען, פלעגט דער אָפּערייטאָר איהם מוזען צאָהלען רענט פאַר דער מאַשין. צווישען די פונקטען, וואָס מען פלעגט אַרויסשטעלען ביי די

סטרייקס, איז געווען א פאָדערונג, אז די באָסעס זאָלען געבען די ארבייטער מאשינען און ניט נעהמען קיין רענט פאר זיי.

אין די גרויסע סטרייקס פלעגט מען פאָדערען אז די מאנו־פעקטשורערס זאָלען זיין פאראנטוואָרטליך פאר די ווײדזשעס פון זייערע קאָנטראקטאָרס.

פילע קלאגעס פון די ארבייטער נעגען די קאָנטראקטאָרס האָבען זיך באצויגען אויף דעם אָרט ווי דער באָס אָדער זיין פרוי באהאנדעלט זיי. צום ביישפיל: ביי דעם סעטלמענט פון א סטרייק פון די ניע־פענטס מייקערס יוניאָן, וועלכען איך האָב אמאָל בייגעוואוינט אין דעם אונטערשטען האָל פון דער מיטינג־געביידע וואָס האָט זיך דאן געפונען אין 165 איסט בראָדוויי, האָט א פינישערין אויסגעשריען צו דער קאָמיטע:

— זאָל מען אריינשרייבען אז די מיסעס זאָל זיך ניט שלאָ־גען מיט'ן ברום!

און אין אן אנדער פלאץ האָט מען געפאָדערט אז „די מי־סעס“ זאָל די פינישערינס ניט צווינגען צו העלפען איהר מאכען שבת.

אין דער אלטער היים האָט אין יענע יאָהרען דער באלעבאָס פון א וואָרשטאט אן ארבייטער באהאנדעלט ווי א „יונג“ און אן ארבייטער־מיידעל ווי א „דינסט“; און אזוי ווי דער שניי־דער־שאָפ אין אמעריקא איז דאָס רוב אויך געווען דעם באָס'עס דירה, האָבען זיך די קאָנטראקטאָרס אָפט דאָ געפיהרט אויף'ן אלטען היימישען שטייגער.

פון צייט צו צייט האָב איך געהאט א קאָנטראקטאָר אלס שילער, און איך פלעג איהם געבען זיינע לעססאָנס ביי איהם אין הויז, דאָס הייסט אין שאָפ. אויף ד'יזען אָרט בין איך באקאנט געווען מיט א צעהנדליג שעפער און מיט די שרעקליכע אומ־שטענדען אונטער וועלכע די ארבייט איז פאָרגעקומען. אין א קליינעם צימער אָרום א גליהענדען אייזערנעם אויוועלע, אין וועלכען עס האָבען שטענדיג זיך „געבראָטען“ די פרעס־אייזענס, צווישען בערג מיט באָנדעלס וואָרע, אין א שווערער לופט, האָט געפראצעוועט א גרופע מענשען, צעהן, צוועלף, אָדער זאָגאר מעהר שטונדען נאָכאנאנד, און אָפט פלעגען אייניגע פון

זיי דאָ בלייבען נעכטיגען — שלאָפען אויף די באָנדעלס. און אין א נעקסטען צימער, וועלכער איז אויך געווען פול מיט וואַרע, מיט מאַשינען און מיט ארבייטער, איז געווען די קיטשען, און עס האָבען זיך ארומגעדרעהט דעם קאָנטראַקטאָר׳ס קינדערלעך.

מען דערצעהלט אָפט ווי אונזער באַוועגונג האָט פארניכטעט דיזע שוויץ־סיסטעם. דאָס איז אמת. עס זיינען אָבער פאַרהאַן איינינע מיספארשטענדניסען דערביי.

צום ביישפּיל: עס וואָלט געווען א טעות צו מיינען אז אלע ארבייטער, אָדער אפילו א מיאָריטעט פון זיי, האָבען געוואָלט באפרייט ווערען פון דיזער סיסטעם. דער פאַקט איז אז א גרויסע, גרויסע צאָהל פון זיי איז זי ליבער געווען ווי גרויסע גראַמע ליכטיגע פעקטאָרים מיט עלעקטריש־געטריבענע מאַשינען, מיט גוטער געזונטער לופט.

ערשטענס, האָט מען אין אזא פאַבריק געדאַרפט ארבייטען שבת, און דאָס האָט א גרויסע צאָהל פון אונזערע ארבייטער ניט געוואָלט טאָן. צווייטענס, וואָלט מען אין אזא פאַבריק געדאַרפט זיין געקליידט ציכטיג און היינטיג, מיט א ווייסען קראַגען מיט א שניפּס, מיט געפּוצטע שיך, און צו דעם זיינען די מיטעל־יעהריגע און עלטערע אידישע אימיגראַנטען־ארבייטער דאַן ניט געווען געוואוינט. און די בעסערע בעל־מלאכה׳ס, די שניידער פון דער היים, זיינען מייסטענס געווען פון דיזען קלאַס.

מיר האָבען אויבען געזעהן ווי דער שוויץ־שאַפּ איז געווען פארבונדען מיט די געוואוינהייטען פון דעם אלטמאָדישען בעל־מלאכה פון רוסלאַנד, ליטא, פּוילען, גאַליציען און רומעניען. דער שניידער וואָס איז פון דיזע געגענדען אריבערגעקומען קיין אמע־ריקא, האָט זיך אין דער היים אייגענטליך אויסגעהאָדעוועט אין א שוויץ־שאַפּ. פון קינדוויז אויף האָט ער טאָג און נאַכט געארבייט אין א ווארשטאַט וואָס איז צו דער זעלבער צייט געווען דעם באַלעבאָס׳ דירה.

„געוואוינהייט ברעכט אייזען“. א גרויסע צאָהל פון אונזערע ארבייטער האָבען זיך פאַר א מאָדערנעם שאַפּ געשראָקען.

אין דעם קאַמף געגען דער שוויץ־סיסטעם זיינען די מאַנופעק־

טיטשוערס און זייערע קאנטראקטארס אליין ניט געווען די איינציגע וועלכע מען האט געהאט צו באקעמפען. עס איז געווען נאך א געפעהרליכער שונא: די חיטישע געוואוינהייטען פון די ארבייטער גופא. וועהרענד געגען די ערשטע האט די יוניאן געקעמפט מיט סטרייקס אדער מיט דער געפאהר פון א סטרייק, האט זי געגען דעם „אינערליכען שונא“ געקעמפט מיט דער אויפקלעהרונגס־ארבייט, ערציהונגס־ארבייט וואס זי האט געטאן מיט אונזער הילף. א דאנק אונזער טעטיגקייט איז די יוניאן געווען ניט נאר א קאמפס־ארגאניזאציע, נאר אויך א קולטור־פארשפרייטענדער צענטער. די רעדעס און די לעקציאנס וואס מיר פלעגען האלטען פאר די ארבייטער, די „ארבייטער צייטונג“ וועלכע מיר האבען פאר זיי ארויסגעגעבען, די פערזענליכע באקאנטשאפט וואס די ווייניגער ענטוויקעלטע ארבייטער האבען דורך דער יוניאן געמאכט מיט מעהר ענטוויקעלטע ארבייטער, די סאציאליסטישע ארבייטער יום טובים וועלכע מיר פלעגען פאר זיי מאכען, און — אלגעמיין רעדענדיג — די וועלט פון פארגעשריטענע געדאנקען, אין וועלכער מיר האבען זיי אריינגעפיהרט — דאס אלץ האט מיליאנען פון זיי פערזענליך ציוויליזירט, געבילדעט, פאר מאדערנע מענשען געמאכט.

די צאהל פון די וואס האבען זיך געניטיגט אין בעסערע שעפער, אין בעסערע ארבייטס־באדינגונגען, איז געווארען אלץ גרעסער. די שוויץ־סיסטעם האט ביסלעכווייז פארלארען איהר קראפט. מיר האבען איהר פארניכטעט מיט אונזער ערציהונגס־ארבייט אזוי גוט ווי מיט דעם יוניאן שאפ, וואס מיר האבען געהאלטען ארגאניזירט.

אין דער צייט, פון וועלכער מיר האלטען אין דיזען קאפיטעל, אין די יאהרען 1890 און 1891, האט די ארטאדאקסישע „טאגעבלאט“ נאך אלץ געהאט מעהר לעזער ווי די „ארבייטער צייטונג“. פילע פון די שניידער וואס פלעגען קומען הערען מיללער'ן, הילקאוויץ'ן, זאמעטקין'ען אדער מיך, פלעגען אויס'ן מיטינג קומען מיט א „טאגעבלאט“ אין פאקעט. און אונזערע יוניאנס וואלטען נאך אלץ ניט געהאט קיין פעסטען כאראקטער. אבער די ווירקונג פון אונזער טעטיגקייט — און מיט „אונ־

זער״ מײן איך דא ניט נאר מײן פארטײ, נאר אויך אלע אנדערע אימיגראנטען וואס האבען געהאלפען ארגאניזירען און בויען די אי־דישע ארבײטער־באװעגונג — די װירקונג פון אונזער טעטיגקײט האט זיך נעפיהלט גאנץ שטארק.

מאקס פײן, װעלכער איז דאן געװען דער פיהרער פון דער ניע־פענטס מאכער יוניאן, און אײנער פון די טעטיגסטע מענשען אין אונזער סאציאליסטישער באװעגונג, געדענקט א באמערקונג וואס איך האב וועגען דיזען ענין געמאכט אין פארלויף פון א רעדע, װעלכע איך האב געהאלטען װען איך האב זיך אומגעקעהרט פון לאנדאן אין הערבסט 1892.

„אונזערע יוניאנס זײנען שװאך — האב איך געזאגט — זײ האלטען זיך ניט לאנג. דא װאקסט א יוניאן אויף און װערט גרויס און שטארק, און דא װערט זי אפגעשװאכט, און מען דארף איהר װידער בויען. אבער װען אײן יוניאן װערט אפגעשװאכט, װערט א צװײטע שטארק. אונזער ארבײטער־מאסע האט אין זיך אן אינערליכע קראפט, א געבארענע ענערגיע, װעלכע ארבײט כסדר. עס פאדערט זיך נאר ענערגישע סאציאליסטישע ערצי־הונגס־ארבײט״.

נײנטער קאפּיטעל.

מײן דריטע רײזע קײן אײראָפּא

1.

דער רײזע־פּלאַן. — פאָלדינג. — אין לאָנדאָן. — בּאַראַנאָװ.— אין בּריסעל. — װאָלדערס.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן זײנען דאַן פאָרגעקומען אַלע צװײ יאָהר. דער נעקסטער קאָנגרעס איז אַלזאָ בּאַשטימט געװאָרען זיך צוזאַמענצוקומען אין אױגוסט פון 1893, און אַלס קאָנגרעס־פּלאַץ האָט מען אױסגעקליבּען צוריך, שװײץ. די פאַראײניגטע אידישע געװערקשאַפטען האָבּען מיך װידער ערװעהלט אַלס דעלעגאַט. אױך האָט די נאַציאָנאַל־עקזעקוטיװ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ מיר געגעבּען אַ מאַנדאַט.

דעם 19טען מאַי איז פאָרגעקומען אַן אָפּשידס־מאַס־מיטינג, װאו אַ חוץ מיר, האָבּען גערעדט: מיללער, זאַמעטקין, פײגענבּױם און דער געװעזענער אַנאַרכיסטישער פיהרער, ר. לואיס.

איך האָבּ זיך בּאַשלאָסען אױף דיזער רײזע מײנער זיך צו זעהן מיט מײנע עלטערן. אַזױ װי פאָהרען קײן רוסלאַנד איז פאַר מיר געװען אונמעגליך, האָבּען מיר אָפּגעמאַכט זיך צו בּאַ־געגענען אין װיען, װאו עס האָט דאַן געװאױנט מײן מוהמע פײ־גע׳ס עלטערע טאָכטער, רעװעקאַ (זי איז געװען פאַרהײראַט, און איהר מאַן, מאַקס ראָמם, האָט דאָרטען געהאַט אַ פוטער־געשעפט). גראָד איז װיען אױסגעקומען אױף דעם װעג װאָס איך האָבּ זיך געהאַט אָנגעצײכענט פאַר מײן רײזע צום קאָנגרעס: לאָנדאָן, פּאַריז, בּריסעל, בּערלין, מינכען, װיען, צוריך.

דזשיימס ק. פּאָלדינג אין 1893.

דער פּלאַן איז געווען, אַז אַהין זאָלען קומען מיינע עלטערן, רעוועקאַ'ס עלטערן, רעוועקאַ'ס אינגערע שוועסטער און איך.

ווען מיין אַמעריקאַנער פריינד, דזשיימס ס. פּאָלדינג, פון 146 פּאָרסייטה סטריט, האָט געהערט אַז איך פּאָהר אויף דעם צוריכער קאָנגרעס, האָט ער באַשלאָסען מיט מיר מיטצופּאָהרען. ער האָט געוואָלט זעהן דעם סאָציאַליסטישען קאָנגרעס און פּאַר איין גאַנג אויך באַזוכען פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּאַ, וואו ער האָט שוין פריהער פאַרבראַכט אַ היבשע צייט. מיר האָבען אַלזאָ די רייזע געמאַכט צוזאַמען.

קומענדיג קיין לאָנדאָן פון ניו יאָרק, האָב איך ווידער גע־האַלטען עטליכע רעדעס און לעקטשורס.

די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען פון לאָנדאָן האָבען דאַן גע־האַט אַ קלוב מיט אַ מיטינג־האָל. שבת־צו־נאַכט פלעגען יונגע לייט קומען אַהין טאַנצען, און דאָס איז געווען אַ קוואַל פון איינ־קונפט פאַר דעם קלוב. די פרעמדע באַזוכער האָבען זיך כלומר'שט פאַרשריבען אַלס מעמבערס; וואָרים לויט דעם געזעץ איז אַ קלוב געווען אָפען נאָר פאַר מיטגלידער. איך בין אַ פּאָר מאָל געזעסען לעבען דעם קעשיר ביים טיר און בעאָבאַכטעט די סצענעס ביים אריינגאַנג. עס קומט, צום ביישפּיל, אריין אַ מיידעל. זי גיט אַ וואָרף צוויי קופּערנע מטבעות, רופט אויס „דזשאַיקאָבס!" און לאָזט זיך אין זאַל אריין. דאָס הייסט, אַז איהר נאָמען איז דזשעיקאָבס*) און זי פאַרשרייבט זיך כלומר'שט אַלס מעמבער. די יונגע לייט און די מיידלעך זיינען געווען אָרימער געקליידעט ווי אַן ענגלישער עולם אין ניו יאָרק, און געהאַלטען האָבען זיי זיך אויך אַ ביסעל אַנדערש: פּראָסטער, מיט ווייניגער פּרעטענזיע.

אויף דיזען באַזוך מיינעם בין איך נעהענטער באַקאַנט געוואָ־רען מיט מ. באַראַנאָוו'ן. איך האָב זיך מיט איהם געטראָפען אויף מיין פּאָריגען וויזיט, און אין מיין זכרון איז ער געווען

---

*) ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרען אויבען, ווערט ביי די לאָנדאָנער מאַסען דער „עי" זעהר אָפט אויסגעשפּראָכען „אַי".

פארצייכענט אלס „דער שווייגענדער רוסישער רעוואָלוציאָנער“. ער פלעגט זיצען אין א ווינקעל מיט א ליולקע אין מויל, רויכערען און שווייגען. איך האָב געוואוסט אז ער איז פון זיד־רוסלאנד און אז ער האָט אנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער רוסישער באוועגונג. דיזען מאָל האָב איך זיך ערקונדיגט, אז אויסער רויכערען א ליולקע קען ער אויך אויסדריקען א מיינונג און זאָגען א שארפען וויץ; אז ער איז א באַלעזענער מענש און קען שרייבען.

אונזערע אידישע גענאָסען, די סאָציאַל־דעמאָקראטען, פון לאָנדאָן האָבען באשלאָסען ארויסצוגעבען אן אייגענע וואָכען־בלאַט. דער „ארבייטער פריינד“, וועלכער איז אונטער פיליפ קראַנץ’ס רעדאקציע געוועזען אן אינפּאַרטייאישע צייטונג, איז שוין לאַנג געוואָרען א ריין אנאַרכיסטישער אָרגאַן (מיט ש. יאַנאָווסקי’ן אלס רעדאַקטאָר). אלזאָ, האָבען אונזערע גענאָסען זיך געקליבען צו גרינדען א ריין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע וואָכען־שריפט. זיי האָבען מיך איינגעלאַדען צו זייערע קאָנפערענצען וועגען דיזען ענין. און איך האָב זיך באטייליגט אין אלע זייערע בעראַטונגען. באראַנאָוו איז אויסערוועהלט געוואָרען צו זיין דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

פון לאָנדאָן בין איך מיט פאָלדינג’ן געפאָהרען קיין פאַריז. דאָרטען האָב איך איצט פארבראַכט נאָר א פּאָר טעג. פון פאַריז זיינען מיר אוועק קיין בערלין. מיר זיינען געפאָהרען דורך בריסעל, וואו מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף א פּאָר טעג. איך האָב באזוכט דעם „מעזאָן דע פּעפּל“, וואו מיט צוויי יאָהר פריהער איז פאָרגעקומען דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס; דעם וואונדערבארען מיטעל־אַלטערליכען סקווער, וואו עס געפינט זיך די ראטה־הויז, און אנדערע ערטער וואָס איך האָב דאָ באזוכט אין 1891. איך האָב אין דיזער שטאָדט פארבראַכט נאָר איין וואָך פון מיין לעבען, און דאָך האָט זי איצט אין מיר ארויסגערופען א געפיהל פון בענקעניש. אפשר בין איך צו סענטימענטאל אין דיזע זאַכען און אפשר פיהלען אלע אזוי. ערטער, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט אייער פארגאַנגענהייט, זיינען סברים פון אייערע אָפּגעשטאָרבענע יאָהרען. די הויפּט־זאַך איז געווען דער פאַקט,

אז פאַר־צוויי־יאָהרען האָב איך דאָ איבערגעלעבט איינע פון די שטאַרקסטע ערפאַהרונגען פון מיין לעבען. אַם־שאַרפסטען האָב איך די בענקעניש געפיהלט ביי דעם „מעזאָן דע פעפּל”, וואו עס איז פאָרגעקומען דער בריסעלער קאָנגרעס. פאַר־צוויי־יאָהרען האָט דאָ געקאָכט מיט דעלעגאַטען און צוקוקער, געפּלאַמט מיט פּאַרטיי־לעבען, מיט דעבאַטען, מיט באַגייסטערונג. איצט האָט דער אָרט אויסגעזעהען פּוסט, עלענד, פאַרלאָזען.

איך און פּאָלדינג האָבען באַזוכט דזשאָהן וואָלדערס׳ן, דעם פיהרער פון די בעלגישע סאָציאַליסטען, וועלכער האָט אויף דעם פאַר־צוויי־יאָהריגען קאָנגרעס פאָרגעלייגט די רעזאָלוציע וועגען דער אידישער פראַגע. ער האָט אונז אויפגענומען מיט אַן אויפריכטיגער וואַרים־האַרציגקייט. איך האָב איהם פאָרגעשטעלט מיין אַמעריקאַנער מיטרייזענדען, און ווען איך האָב איהם געזאָגט אז ער שטאַמט פון די ערשטע האָלענדישע אימיגראַנטען, וואָס האָבען זיך באַזעצט אין ניו יאָרק, האָט ער זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. די איינוואוינער פון פלאַנדערן, וועלכע איז אַ גרויסע טייל פון בעלגיען, געהערען צו דעם זעלבען פאָלק ווי די האָלענדער אוןריידען דיזעלבע שפּראַך. וואָלדערס איז געווען אַ פלאַנדרערער; אַלזאָ, איז אויסגעקומען אַז ער און פּאָלדינג געהערען צו דעם זעלבען פאָלק. ער האָט ערקלעהרט אַז פּאָלדינג האָט אַן עכט־האָלענדישע געזיכט.

שפּעט אין אָוועגד זיינען מיר אַוועק צום צוג וואָס איז גע־גאַנגען קיין בערלין. וואָלדערס האָט אונז באַגלייט און מיר האָבען זיך וואַרים געזעגענט מיט איהם.

2.

אין בערלין. — ביי בעבעל׳ן. — ביי זינגער׳ן. — אין רייכס־טאַג. — וואָלמאַר. — בעבעל׳ס רעדע. — דייטשע פאַרזאַמ־לונגען. — קלאַרא צעטקין. — רוסישע סטודענטען.

לויט אַ בריף וואָס איך האָב אין בערלין ערהאַלטען פון מיין קוזינע רעוועקאַ, איז נאָך געווען עטליכע טעג צו מיינע עלטערען׳ס אָנקומען קיין ווין, און איך האָב די עטליכע טעג פאַרבראַכט

אין בערלין. אי האָב באַזוכט אויגוסט בעבעל'ן, פאול זינגער'ן און ווילהעלם ליבקנעכט'ן, די דריי הויפּט־פיהרער פון דער סאָ־ציאַליסטישער וועלט, מיט וועלכע איך בין באַקאַנט געוואָרען אויף דעם בריסעלער קאָנגרעס. איך האָב מיט יעדען פון זיי געהאַט אינטערוויוס פאַר אונזער ציימונג און צווישען אַנדערע זאַכען האָב איך מיט זיי גערעדט וועגען דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג, וועלכע איז דאָ אין דייטשלאַנד געווען שטאַרק אָרגאַ־ניזירט אונטער דער לייטונג פון שטעקער'ן און אַלוואַרט'ן. אין בעבעלס הויז האָב איך זיך געטראָפען און געהאַט אַ געשפּרעך מיט ריעץ'ן, דעם פאַרלעגער פון סאָציאַליסטישע ווערק און רייכס־טאַגס־דעפּוטאַט.

זינגער האָט מיך איינגעלאַדען צו זיך אויף מיטאָג־עסען. ער האָט מיך באַזאָרגט מיט אַ בילעט צו דעם רייכסטאַג און פאָרגעשטעלט פאַר אַנדערע פון די סאָציאַליסטישע פיהרער. דער דייטשער פּאַרלאַמענט איז נאָך דאַן געווען אין דער אַלטער גע־ביידע — אויף לייפּציגער שטראַססע.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין רייכסטאַג ביי אַ וויכטיגער דעבאַטע. ביסמאַרק האָט דאַן פאָרגעבראַכט אַ געזעץ־פּלאַן וועגען פאַרגרעסערען די אַרמעע, און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט דאָס שטאַרק באַקעמפט. אַראָפּקוקענדיג פון דער גאַלעריע, האָב איך געזעהן ווי די דעפּוטאַטען זיינען אויסגעזעצט לויט זייערע פּאַרטייען, יעדע פּאַרטיי אַ פאָרשטעהערין פון אַ באַזונדער קלאַס. איך האָב זיך געטראַכט, אַז דיזע גרופּען שטולען און טישלעך זיינען אַזוי ווי אַ לאַנד־קאַרטע פון די פאַרשידענע עקאָ־נאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסען אין דייטשלאַנד.

איך געדענק די פיגור פון דעם באַקאַנטען סאָציאַליסט וואָל־מאַר מיט די קוליעס, אַ פאָרשטעהער פון מינכען, וועלכער איז געוועזען אַן אָפיציר און איז פאַרוואונדעט געוואָרען אין דער פּריי־סיש־פראַנצויזישער מלחמה פון 1870. איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ פרייד און עהרפורכט איך האָב באַקוקט בעבעל'ן, ליב־קנעכט'ן און זינגער'ן ווען זיי זיינען אריינגעקומען.

בעבעל האָט געהאַלטען די וויכטיגסטע רעדע יענעם טאָג.

פאול זינגער.

פון צייט צו צייט האָבען קאַפּיטאַליסטישע דעפּוטאַטען איהם אונטערבראָכען, און ער האָט יעדען פון זיי אָפּגעענטפערט שאַרף און וויציג, געראָטען און שטאַרק.

לעבען מיר אויף דער גאַלעריע איז געזעסען אַ קאָמפּאַניע רייך־געקליידעטע דייטשען. איינער פון זיי איז געווען זעהר אַ דיקער, רויטער מאַן.

„שלאַג־פערטיג איסט דער קערל יעדענפאלס" — האָט ער געזאָגט צו מיינע פריינד ווען בעבעל האָט מיט אַ גיפטיגען וויץ אָפּגעענטפערט איינעם פון די וואָס האָבען איהם אונטערבראָכען.

אין בערלין האָב איך געהאַט בריף צו אַ רוסישען סטודענט מיט'ן נאָמען בוכהאָלץ. זיינע אַ שוועסטער, אַ רוסישע סטודענט־קע, איז געווען פאַרהייראַט פאַר דר. קאָניקאָוו'ן, אַ אידישער סאָ־ציאַליסט אין באָסטאָן. מאַדאַם קאָניקאָוו און איהר ברודער זיינען געווען די קינדער פון אַ קריסטליכען פאָטער און אַ אידי־שער מוטער — דייטשען וואָס האָבען זיך באַזעצט אין רוסלאַנד. דורך בוכהאָלץ'ן בין איך באַקאַנט געוואָרען מיט אַ גרופּע רוסישע סטודענטען, און צוזאַמען מיט זיי בין איך געגאַנגען אויף סאָציאַ־ליסטישע פאַרזאַמלונגען.

מען קומט אַריין אין אַ גרויסער, גרויסער ביער־האַלע, מען זעצט זיך אַנידער ביי אַ טישעל, מען באַשטעלט ביער און מען הערט זיך צו צום רעדנער. לעבען דעם פאָרזיצענדען זיצט אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר און איידער מען הויבט אָן צו ריידען, מוז מען שרייען: „האָך" פאַר'ן קייזער.

די סאָציאַליסטישע רעדעס האָבען מיר געקלונגען צו קאַלט. איך האָב געוואָלט מען זאָל ריידען מיט מעהר פייער, מיט שענע־רע ווערטער. אָבער דיזען סאָרט רעדנעריי האָבען שוין די דייטשע געזאָסען לאַנג דורכגעמאַכט. אַ חוץ דעם: אַ דייטש ווערט ניט אַזוי גיך באַגייסטערט ווי אַ איד אָדער אַ רוס. די דייטשע רעדעס זיינען געווען צום פּונקט, מיט פאַקטען און מיט לאָגישע שלוסען. איין מאָל, ווען איין רעדע אַזעלכע איז מיר שטאַרק געפעלען געוואָרען און איך האָב גענומען שטאַרק אַפּלאָ־דירען, האָט מיין רוסישער באַגלייטער מיך צוריקגעהאַלטען.

— אייך איז גוט, איהר זייט אַן אַמעריקאַנער. מיר אָבער זיינען דאָ ווי איינגעבעטענע. אייערע אַפּלאָדיסמענטען וועלען ציהען אויפמערקזאַמקייט צו אונזער גרופּע און מען וועט אונז אַרויסשיקען פון בערלין.

די דייטשע פּאָליציי האָט דאַן פליייסיג געהאָלפען דער רוסישער פּאָליציי און פאַר רוסישע רעוואָלוציאָנערען איז אין בערלין געווען כמעט אַזוי אונזיכער צו וואוינען ווי אין פּעטערסבורג.

איינער פון די מיטינגען, וועלכע איך האָב דאַן באַזוכט, איז פאַרגעקומען זונטאָג נאָכמיטאָג. ער איז אַררעסירט געוואָרען פון קלאַרא צעטקין. אַ בלאָנדע, דאַרע, ניט קיין הויכע, מיט אַ סימפּאַטישען פּנים און מיט אַ סימפּאַטישער שטימע. איהר מאַן, וועלכער איז דאַן שוין געווען טויט, איז געווען אַ רוסישער איד, אַ רעוואָלוציאָנער. נאָך דעם מיטינג בין איך מיט איהר באַקאַנט געוואָרען פערזענליך. איך האָב איהר דערנאָך באַזוכט און זי האָט מיר געגעבען איהר בילד פאַר אונזער זשורנאַל „צוקונפט“. אויך בעבעל, ליבקנעכט און זינגער האָבען מיר געגעבען זייערע בילדער פאַר דער „צוקונפט“ און זיי זיינען אַלע דערנאָך ערשינען אין דעם זשורנאַל.

אין אַ שבת־צו־נאַכט האָט איינער פון בוכהאָלץ'ס חברים מיך גענומען אויף אַ מיטינג פון רוסישע סטודענטען — אַ גאַנץ אונשולדיגע גרופּע, אַ רוסישע ביבליאָטעק־געזעלשאַפט.

איינינע זאַכען זיינען אויף דיזען מיטינג מיר אויסגעקומען קאָמיש. צום ביישפּיל: עס שטעלט זיך אנידער אַ שעהנער יונגער מאַן מיט אַ פיינער שוואַרצער בערדעל, און מיט ערנסטע מאַניערען, און אין אַ שעהנעם רוסיש האַלט ער אַ רעדע. ער קוסט וואַזשנע אויף'ן טיש, באַקוקט זיינע נעגעל, הויבט אויף די אויגען צום פאָרזיצענדען, און רעדט מיט אַ וויכטיגען טאָן ווי אַן אַדוואָקאַט וואָס טענה'ט פאַר אַ ריכטער. און וועגען וואָס רעדט ער? אַ מיטגליד האָט געבאָרגט אַ בוך פון דער ביבליאָטעק און עס איז שוין העכער אַ מאָנאַט ווי ער האָט דעם בוך ניט

אומגעקעהרט. ביי א צוואנציג מינוט האָט די דאָזיגע רעדע געדויערט.

די צערעמאָניע גופא פון האַלטען א רעדע האָט זיי פארשאפט פערגעניגען. אין רוסלאנד האָט מען אפילו וגעגען א ביבליאָטעק ניט געטאָרט האַלטען קיין מיטינג.

אַלע טאָג פלעג איך געהן אויף דער פּאָסט זעהן צי עס איז ניטאָ א בריף פון מיין קוזינע. ענדליך האָב איך דאָרטען געפונען א פּאָסט־קארד: מיינע עלטערען, מיין מוהמע מיט איהר אינגע־רער טאָכטער זיינען שוין אָנגעקומען אין וויען.

מיין הארץ האָט מיר גענומען האסטיג קלאפּען.

3.

איך זעה זיך מיט מיינע עלטערען.— אין וויען.— רעוועקאַ'ס מאַן. — די באגעגעניש. — מיין מוטער. — מיין פאָטער. — מיין מוהמע. — רעוועקא. — חוה'לע.

דעם זעלבען אָוענט בין איך אוועקגעפאָהרען. פאָלדינג האָט מיך באגלייט צום וואָקזאַל. ער אַליין איז געבליבען אויף נאָך א טאָג. אויף מאָרגען האָט ער געזאָלט פאָהרען קיין פּראג. ער איז געוועזען א גרויסער ליבהאָבער פון וואגנער׳ס מוזיק און אין פּראג האָט זיך דאַן געפונען א באריהמטער וואגנער דיריגענט מיט זיין אָרקעסטער. זיין פּלאַן איז געוועזען פון פּראג צו פאָהרען קיין צוריך. אום מיר זאָלען אין צוריך זיך קענען באגעגענען און איינשטעהן אויף איין קווארטיר, האָב איך איהם געגעבען דעם אדרעס פון דעם באקאנטען רוסישען רעוואָלוציאָנער פּאול אקסעל־ראָד, וועלכער האָט דאַן דאָרטען געוואוינט און וועמענס קווארטיר איז געוועזען מיין צוריכער מיטעלפּונקט.

איך בין ארויסגעפאָהרען אָוענד אין א געוועהנליכען וואגאָן פון צווייטען קלאַס. שלאָף־וואַגאָנען זיינען דאַן אין איירָאפּא געוועזען א זעלטענע זאַך. איך בין אָנגעקומען אין וויען אין דער פריה, אויף א וואָקזאַל וועלכער געפינט זיך ניט ווייט פון לעאָפּאָלד־שטאַט, וואו דער אידישער געגענד איז.

איך בין געווען צומראגען. איך האָב זיך געצוואונגען צו זיין רוהיג; עס איז אָבער געווען א פאבריצירטע, א נערוועזע רוהיגקייט.

איך האָב זיך געוואָלט באווייזען פאר מיין מוטער אין מיין שעהנסטען קאָסטיום. און דערצו בין איך געווען צוגעגרייט פון פריהער. איך האָב דיזע באגעגעניש געהאט אין זינען זייענדיג אין לאָנדאָן און נאכהער אין בערלין, און איןביידע דיזע שטעדט האָב איך זיך געלאָזען מאכען סוטס. דער לאָנדאָנער קאָסטיום איז געווען א ברוינער און דער בערלינער א גרויער. דער ברוינער איז געווען צו שווער, צו ווארים. ער איז אָבער געווען דער שעה־נערער, האָב איך איהם אויסגעקליבען.

אויף די אייראָפּעאישע וואָקזאַלען זיינען פאראהאן ספּעציעלע צימערלעך וואו מען קען זיך ארומוואשען און איבערטאָן. האָב איך געדונגען אזא צימערעל. איך האָב זיך אָנגעטאָן אָהן איילע־ניש, מיט לאנגזאמע באוועגונגען, אומישנע כדי איך זאָל זיין געלאסען.

ווען איך בין פארטיג געוואָרען, האָב איך איבערגעלאָזען מיין באגאזש אויף'ן וואָקזאַל און בין אוועק נאָך דעם אדרעס נאָך. מיר איז אויסגעקומען צו געהן א מינוט צעהן. אויף'ן וועג האָב איך באגעגענט א הויכען מאן, מיט שעהנע שווארצע באקען־בערד, וועלכען איך האָב געקענט פון ניו יאָרק. ער איז געווען א וויענער; ער האָט אָבער געוואוינט אין אמעריקא, ארום דער צווייטער עווענױ, וואו ער איז געווען א „מאכער" אין לאדזשען פון „ברית אברהם" (די ערשטע אידישע לאדזשען זיינען אין אמעריקא גע־ווען געגרינדעט פון דייטשע, עסטרייכישע און אונגארישע יהודים). איך פלעג איהם אמאָל באגעגענען אין די קאפעס אויף דער צווייטער עוועניו און איין מאָל האָב איך מיט איהם געהאט א צוזאמענשטויס און א דעבאטע איבער דער פראגע פארוואָס ביים אריינטרעטען אין א לאדזש מוז מען ערקלעהרען אז מען גלויבט אין גאָט. ער איז איצט אין וויען מסתמא געווען אויף א באזוך. ער האָט מיך ניט באמערקט און אפשר זיך געמאכט אז ער בא־מערקט מיך ניט. איך האָב זיך דערפרעהט וואָס מיר קומט ניט

קלאַרא צעטקין (אין 1893).

אוים זיך אָפּצושטעלען, מיין גאַנצער וועזען איז געווען פאַרנומען מיט דער באַגעגעניש, וואָס איך וועל באַלד האָבען.

איך בין געגאַנגען דורך אַ גרויסער, ברייטער, לעבעדיגער גאַס, און דערנאָך דורך אַ קלענערער און שטילערער געסעל.

איך האָב דערגרייכט דעם נומער וואָס איז געווען אָנגעצייכענט אין מיין אדרעס־ביכעל. איך בין אריין אין טויער און ארויסגעגאַנגען אוים׳ן צווייטען פלאָר, זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ טיר און געגעבען אַ ציה פאַר׳ן גלעקעל.

די טיר האָט זיך אַ ביסעלע אויסגעעפענט, נאָר אַ שפּאַלט. איך האָב דערזעהן אַ יונגען פּנים. דאָס איז געווען מאַקס ראָמס, רעוועקאַ׳ס מאַן.

— אַלטער! — האָט ער שטילערהייט מיך אָנגערופען מיט אַ פריינדליכען שמייכעל. ער איז אויך געווען אַ ווילנער, און ער האָט מיך געקענט.

ער האָט גערעדט צו מיר אויף רוסיש, און אַלץ זעהר שטיל:

— זיי האָבען זיך צוגעלייגט שלאָפען. זיי זיינען זעהר מיד פון וועג. מ׳דאַרף זיי ניט וועקען. די איבעררוישונג וועט זיין צו גרויס. דאָס בעסטע וועט זיין, אַז איהר וועט ארויסגעהן אויף אַ ווייל, ביז זיי וועלען זיך אויסכאַפּען, און איך וועל זיי צוגרייטען.

איך בין ארונטער. פון דער שמאָלער גאַס בין איך אריין אין אַ ברייטער מיט בוימער. דאָרט בין איך אריין אין אַ קאַפע און באַשטעלט פריהשטיק. איך געדענק ווי מען האָט מיר אוועקגעלייגט צייטונגען, אויף דעם וויענער שטייגער. איך געדענק דעם טעם פון דעם קאַלטען גלאָז וואַסער, וואָס מען האָט מיר געבראַכט מיט דער קאַפע. קיין אַפּעטיט האָב איך ניט געהאַט. איך האָב זיך אָבער געצוואונגען צו עסען און די קאַפע האָט מיר גוט געשמעקט. איך האָב געבלעטערט די דייטשע צייטונגען, אַ ביסעל געלעזען, ניט וויסענדיג וואָס איך לעז, און ווייטער געבלעטערט. אַ קעלנער־איינגעל האָט מיר צוגעטראָגען אַ פרישע גלאָז וואַסער איידער איך בין נאָך פאַרטיג געוואָרען מיט דער ערשטער גלאָז. אזוי פיהרט זיך אין די וויענער

קאפעס. און איך געדענק ווי דאס האט געצויגען מיין אויפ־מערקזאמקייט.

עס איז אוועק א מינוט צוואנציג און איך האב זיך גע־צוואונגען צו זיצען מעהר ווי מען האט בעדארפט. איך מוז זיך קאנטראלירען — האב איך זיך מושטירט — איך טאר ניט זיין אויפגערעגט ווען איך וועל ארויפגעהן צו זיי.

ענדליך בין איך אוועק צוריק. ווידער ארויפגעגאנגען אויף די טרעפ, ווידער א ציה געטאן פאר'ן גלעקעל, און ווידער האט זיך באוויזען מאקס ראמס. דיזען מאל האט ער די מיר אויפ־געעפענט אינגאנצען. איך האב געהערט א גערודער.

באלד האט זיך באוויזען אן אלטע פרוי, ניט קיין הויכע. אויפ'ן ערשטען בליק האט זי מיר אויסגעזעהן אונבאקאנט; איך האב אבער גלייך דערזעהן אז דאס איז מיין מאמע. איך האב זיך געגעבען א ווארף צו איהר און זי צו מיר.

— מיין זוהן, איך דערקען דיך ניט! — האט זי אויס־געשריען מיט א יאמער־קול, אהן טרעהרען.

אן מיין באשלוס צו זיין געלאסען האב איך זיך פארגעסען. איך בין געווען צוטומעלט און נערוועז.

— עס איז ניט קיין אנדערער! איך נאר דיך ניט אפ! עס איז דער זעלבער! — האב איך געשריען כלומר'שט מיט כעס.

אין הינטערגרונד איז געשטאנען א הויכער איד מיט א גרויסער גרויער בארד, מיט צושראקענע שווארצע אויגען — מיין טאטע. און גלייך לעבען איהם איז געשטאנען א פרוי, א ביסעל אינגער אויף'ן אויסזעהן ווי מיין מוטער, א דיקליכע מיט פארוויינטע אויגען. דאס איז געווען די מוהמע פייגע. נאכדעם ווי איך האב זיך מיט זיי צוקושט און ארומגענומען, בין איך אריין אין דעם צווייטען צימער.

אין א בעט איז געלעגען רעוועקא מיט א בייבי, א וואך. אלט. אנגעלעהנט אויף א סאפא צווישען צוויי פענסטער צום נאס צו איז געזעסען א יונגינקע דאמעלע. ווען איך האב איהר דערזעהן, האב איך זיך צולאכט אויפ'ן קול:

— ווי געפעלט זי דיר? חאוועקא!

דאס איז מיין מומע'ס אינגערע טאכטער. ווען איך בין

אוועקגעפּאָהרען פון דער היים, איז רעוועקא אַלט געווען א יאָהר פערצעהן און חוה'לע א יאָהר עלף. אין זיי איז קיין שום ענדערונג ניט פּאָרגעקומען — אזוי האָט זיך מיר געדוכט.ביידע שוועסטער זיינען פון קליינע מיידעלעך געוואָרען פאַר־הייראַטע דאַמען און איינע פון זיי איז שוין א מ׳אַמע; מיר אָבער האָבען זיי אויסגעזעהן פּונקט ווי איך האָב זיי איבערגעלאָזען. עס האָט זיך מיר ניט געגלויבט. צו זעהן חוה'לען אַלס א פאַרהייראַטע דאַמע איז מיר אויסגעקומען זעהר קאָמיש. איך האָב זיך צולאַכט מיט א איבערטריבענעם, נערוועזען געלעכטער.

מיין פאָטער, מיין מוטער און מיין מומע זיינען שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרען אין די צוועלף יאָהר. איך בין געווען שמערצליך איבערראַשט. איך האָב אויף זיי געקוקט ווידער און ווידער. און זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו קוקען אויף מיר. די מאַמע האָט זיך געטוליעט צו מיר, געשטעלט מיר פראַגען.

אין צעהן מינוט צייט זיינען מיר צוגעוואוינט געוואָרען איינע צו די אנדערע, — מיט דער אויסנאַהמע פון מיין פאָטער. ער האָט זיך אַלץ אזוי ווי געשעמט פאַר מיר; אזוי ווי עס וואָלט איהם שווער געווען אין מיר צו דערקענען זיין זוהן, זיין „אַלטער׳ן".

איך האָב גענומען א צימער אין א האָטעל ניט ווייט דערביי (האָטעל „דאַנאו") פאַר מיין פאָטער און פאַר מיר אויף צו נעכטיגען. געגעסען האָבען מיר אַלע צוזאַמען אויף רעוועקאַ'ס קווארטיר, און אַלע איבעריגע פון אונזער גרופּע האָבען דאָרטען גענעכטיגט אויך. ביי טאָג פלעגען מיר פילע שטונדען פאַר־ברענגען צוזאַמען, און איך האָב באַזוכט די וויענער סאָציאַ־ליסטען. שפּעט אין אָוונט פלעג איך קומען צום טאַטען אין האָטעל.

די ערשטע אָווענדען האָבען מיר — איך און דער טאַטע — ווייניג געשלאָפען. איך פלעג פון מיין בעט אריבערגעהן צו איהם, און אזוי פלעגען מיר ליגען און ריידען. דער געפיהל, אז איך ליג לעבען מיין טאַטען, ווי אין די צייטען ווען איך

בין געווען א קינד און מיר האָבען געוואוינט אין שבח זשיר־מונסקי׳ס הויף, האָט מיר פארשאפט א באזונדערען פארגעניגען.

איך האָב איהם ניט אויפגעהערט צו שטעלען פראגען, הויפטזעכליך וועגען זיין פארגאנגענהייט, וועגען זיינע קינדער־יאָהרען, וועגען זיין פאָטער, זיין מוטער, זיינע שוועסטער און ברידער, וועגען אלץ וואָס האָט נאָך געהאט א שייכות צו איהם און צו זיין משפחה. ער האָט מיר אויף מיינע פראגען געענטפערט מיט אינטערעס, אָבער שעמעוודיג. די ערשטע פּאָר אָווענטען, וואָס מיר האָבען פארבראכט צוזאמען, האָט ער זיך געהאלטען אזוי ווי איך וואָלט געווען א פרעמדער — ווי א פרעמדער וואָס געהערט צו א העכערע, מעכטיגערע וועלט ווי זיינע. ביסלעכווייז אָבער איז ער צו מיר צוגעוואוינט געווארען, הגם אלץ ניט פאָלשטענדיג.

איידער איך בין אוועקגעפאָהרען פון ווילנא, האָב איך זעלטען זיך אינטערעסירט מיט מיין פאָטער׳ס אינערליכען לעבען און מיט זיין פארגאנגענהייט. איך גלויב, אז אין די אינגערע יאָהרען זיינען אלע זיהן און טעכטער אזוי. מען האָט ליב די עלטערען, מען איז צוגעבונדען צו זיי, אָבער מען אינטערעסירט זיך ניט מיט זיי. איצט אָבער, אז איך בין שוין געווען דריי־און־דרייסיג יאָהר אלט און האָב די וועלט און זיך אליין פארשטאנען א סך בעסער, און האָב זיך אינטערעסירט מיט מענשען איבערהויפּט, — איצט האָט מיין פאָטער ארויסגערופען א ליידענשאפטליכע נייגעריגקייט אין מיר.

4.

עלף טעג צוזאמען. — וויקטאָר אדלער. — ביי די עסטרייכישע גענאָסען. — דר. עלענבאָגען. — איך זעגען זיך מיט מיינע עלטערען.

מיין מוטער האָט באלד געפיהלט אזוי ווי מיר וואָלטען נאָך קיינמאָל ניט געווען צושיידט. זי האָט מיך גערופען „אלטער״, אזוי ווי איך וואָלט נאָך געגאנגען אין חדר. מיט איהר האָב איך אויך געהאט אינטימע געשפרעכען; מיר זיינען אָבער זעלטען

געווען אליין. איינמאָל בין איך מיט איהר ספּעציעל געגאנגען שפּאצירען, כדי מיר זאָלען זיין אויג אויף אויג. דער באריהמטער וויענער גאָרטען, פּראטער, געפינט זיך ניט ווייט פון יענעם געגענד, האָב איך איהר גענומען אהין. די צייט איז אָבער ביי אונז אוועק מעהר אין שטומע אויסדרוקען פון ליבע און בענקע־ניש נאָך די פארגאנגענע צוועלף יאָהר. זי האָט פּשוט ניט געוואוכט וואָס פריהער צו זאָגען. זי האָט זיך געדריקט צו מיר, געגלעט מיך, געמאכט שפּאס; געפרעגט וועגען מיין לעבען אין אמעריקא, מיר פארזאָגט איך זאָל היטען מיין געזונט; אלע ווײלע מיר פארזאָגט איך זאָל זיין א טאטע צו מיין ברודער.

אָפּט פלעג איך זיצען מיט דער מאמען און דער מומען צוזאמען. גאנצע שטונדען פלעגען מיר אזוי פארברענגען. די מומע איז געווען א פרעהליכערע און א וועלטליכערע, פלעגט זי מאכען מעהר שפּאס, דערצעהלען וועגען ווילנא, דערמאָנען זיך אָן די יאָהרען, ווען איך בין נאָך געווען א קינד.

איינמאָל, אויף רעוועקא׳ס קווארטיר, בין איך געזעסען און געשריבען א קאָרעספּאָנדענץ פאר דער „ארבייטער צייטונג״. דער עיקר פון דעם אינהאלט איז באשטאנען אין א געשפּרעך, וואָס איך האָב אין בערלין געהאט מיט פּאול זינגער׳ן און מיט אוגוסט בעבעל׳ן וועגען דעם אנטיסעמיטיזם. מיין פאָטער איז געזעסען לעבען מיר און געקוקט ווי איך שרייב. ווען עס זיינען פארטיג געווארען א פּאָר פּיידזשעס, האָט ער געפרעגט: „מעג איך א קוק טאָן?״ „פארוואָס ניט?״ האָב איך געענטפערט, און איך האָב איהם דערלאנגט דעם מאנוסקריפּט. איך האָב פאָראויס געוואוסט, אז פאר איהם וועט דאָס זיין טערקיש. מיין שפּראך איז דאן געווען פּונקט אזא איינפאכע „אידישע אידיש״ ווי היינט. אָבער ניט וועגען דעם ארט שרייבען האָט זיך דאָ געהאנדעלט. דער ענין איז איהם געווען פרעמד. דער ארטיקעל האָט ענטהאלטען איניגע אויסדרוקען, וועלכע זיינען געווען גוט באקאנט יעדען אמעריקאנער אידישען ארבייטער, וואָס האָט געלעזען די „ארבייטער צייטונג״, אָבער מיט א פארצייטיגען

אידען ווי מיין פאטער. היינט וואלט שוין אפילו אזא איד אזעלכע אויסדרוקען פארשטאנען. דאן אבער ניט.

איך בין כלומרשט געווען פארנומען מיט מיין שרייבען; אין אמת'ן האט זיך מיין פעדער ניט גערירט. איך האב געוואַרט צו זעהן וואס דא וועט זיין.

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, איך פארשטעה ניט, — האט מיין פאטער געזאגט מיט א שמייכעל, אומקערענדיג מיר דעם מאנוסקריפט.

— לאז מ י ר איבערלייענען, — זאגט מיין מומע, — איך'ל זעהן צי איך'ל פארשטעהן.

— לייענט, לייענט, מומע! איהר וועט שוין אודאי ניט פארשטעהן, — האב איך גענטפערט, לאכענדיג.

זי האט געפרופט לעזען און — זי האט געהאט א סך ווייניגער ערפאלג ווי מיין פאטער.

דאן האב איך דעם טאטען ערקלערט וועגען וואס דא האנדעלט זיך און פארטייטשט איהם די עטליכע ווערטער, מיט וועלכע ער איז ניט געווען באקאנט, ווי „קלאסען־קאמף“, „עקאנאמישע אינטערעסען“, „קאנקורענץ געפיהל“... דאן האט ער שוין אלץ פארשטאנען. ער האט געזעהן אז איך בין געגען די שונאים פון אידען, און דאס איז איהם, נאטירליך, געפעלען געווארען. אן אנגענעהמע איבערראשונג איז דאס פאר איהם געווען; ווארים לויט דעם באגריף פון אזעלכע אידען אין יענע צייטען, איז יעדער אפיקורס א שטיקעל שונא ישראל.

מיינע געשפרעכען מיט מיינע צוויי קוזינעס און מיט רעוועקא'ס מאן האבען געהאט א גאנץ אנדער כאראקטער. רעוועקא האט געענדיגט גימנאזיע אין ווילנא און זי האט עטליכע יאהר פארבראכט אין דעם זשענעווער אוניווערסיטעט. חוה'לע האט ווייניגער שטודירט, אבער זי איז געווען קלוג אויף א היינטיגען שטייגער און אינטעליגענט. רוסיש האט זי גערעדט אויסגעצייכענט. און דאס זעלבע געהט אויך אויף מאקס ראמם'ען. ער איז א פאלשטענדיג אינטעליגענטער

מענש, און אַ סימפּאַטישער אויך. זייער געזעלשאַפט איז פאַר מיר געווען אַ תענוג.

רעוועקאַ און חוה'לע האָבען זיך געהאַדעוועט אויף מיינע הענט, ווי דער אויסדרוק איז. איך האָב אין זייער מוטער'ס הויז פאַרבראַכט כמעט ניט ווייניגער ווי אין מיין מוטער'ס הויז. זיי זיינען געוואַקסען פאַר מיינע אויגען, און זיי זיינען ביי מיר געווען ווי שוועסטער. אַלזאָ, פלעגט טרעפען אַז אין רעכטען מיטען פון אַ ערנסטען געשפּרעך מיט זיי פלעגט זיך מיר ווען צולאַכען. מיט וועמען רעד איך דאָ וועגען אַזעלכע וויכטיגע ענינים? מיר האָט זיך געדוכט אַז זיי זיינען נאָך קינדער.

אַ פּאָר מאָל בין איך מיט זיי געגאַנגען שפּאַצירען אין דעם פּראַטער — מיט יערער באַזונדער. מיר האָבען גערעדט וועגען זייער לעבען, וועגען מיין לעבען, וועגען אַמעריקאַ, וועגען ווילנאַ, וועגען ריגאַ (וואו חוה'לע האָט געוואוינט).

ניט ווייט פון אונזער קוואַרטיר איז געווען אַ קליינער פּאַרק, מיט אַ ביר־האַלע און אַ קאַפע. דאָרטען פלעגען מיר נאָך מיטאָג אַלע פאַרברענגען אַ פּאָר שטונדען, זיך צוזעצען ביי איינעם פון די טישען אונטער'ן אָפענעם הימעל, באַשטעלען ביער אָדער קאַפע, זיצען און שמועסן. איך האָב זיך געפיהלט אין דעם רעכטען בוזים פון מיין אַמאָליגען היימישען לעבען.

אַזוי ווי מיין פאָטער האָט יעדען פריהמאָרגען געדאַרפט געהן דאַווענען, האָב איך געדונגען אַן אונטער־שמש פון אַ גאַליציאַנער שוהל, און ער פלעגט איהם קומען נעהמען אַהין. די גרויסע פּרעמדע שטאָדט האָט איהם געשראָקען און ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער פאַרבלאָנזשען.

איינמאָל האָב איך זיי אַלעמען געפיהרט ווייזען די צוויי באַריהמטע מוזעאומס פון וויען: די בילדער־גאַלעריע און דעם מוזעאום פון נאַטור־וויסענשאַפט (איך אַליין האָב זיי שוין פריהער באַזוכט). די צוויי גרויסע, שעהנע געביידעס זיינען

צווילינג־געביידעס. זיי זיינען געבויט אויף דעם זעלבען שטייגער, און זיי שטעהען איינע אנטקעגען דער אנדערער אין א שעהנעם פארק אין רעכטען מיטען שטאָדט.

מיין פאָטער איז אומגעגאנגען איבער די גרויסע פרעכטיגע זאלען, געקוקט אויף די בילדער דורכ׳ן פויסט און פון באוואונדערונג האָט ער געצמאָטשקעט מיט די ליפען. ביי די בילדער פון נאקעטע פרויען פלעגט ער זיך פארשעמען, אראָפּלאָזען די אויגען און קוקען ווייטער, אָדער ער פלעגט זיך פארקרימען און אויסשפייען. מיין מוטער און די מומע האָבען זיך גע׳חדוש׳ט און קריטיקירט אויף זייער ווייבערשען שטייגער.

ווי מיר זיינען אזוי געגאנגען פון איין זאל אין דעם אנדערען, הער איך ווי די מאמע זאָגט צו דער מומען הינטער מיר:

„ער פיהרט אונז ארום, אזוי ווי ער וואָלט אין וויען געוואוינט. אלץ ווייס ער, אלץ פארשטעהט ער, און אלץ פון זיך אליין! ער האָט דאָך אונז קיין גראָשען ניט געקאָסט!"

איך האָב די שטאָדט באקוקט איידער איך האָב זיי געפיהרט ווייזען די מוזעאומס. איך האָב באזוכט די וויענער סאָציאליסטען, און טיילווייז, מיט זייער הילף און טיילוויז אליין האָב איך דורכגעשפאצירט די וויכטיגסטע גאסען און געזעהן די וויכטיגסטע געביידעס, קאפעס, קראָמען און די צוויי וועלט־באריהמטע וויענער קירכען.

וויען האָט אויף מיר א שטארקען איינדרוק געמאכט. די באריהמטע רינג שטראסע, וועלכע געהט געבויגען ווי א רינג, מיט די איינדרוקספולע פאלאצען, וואָס שטעהען אויף איהר אָדער לעבען איהר, האָב איך אין מיין געדאנק פארצייכענט צווישען די מערקווירדיגסטע זאכען, וואָס איך האָב געזעהן אין אייראָפּא. איך האָב ביי זיך ניט געקענט באשליסען, וועלכע שטאָדט ס׳איז שעהנער — פאריז אָדער וויען. „די הויכע, שלאנקע אָפיצירען מיט זייערע גאָלד־בלויע אָדער גאָלד־רויטע יוניפאָרמס און די חנ׳עוודיגע, שעהן־געקליידעטע וויענערינען ניבען אין די לעבעדיגע גאסען אריין א חן און א פיקאנטקייט,

וויקטאָר אַדלער.

וועלכען די בולווארען פון פאריז פארמאָגען ניט" — אזוי אונגע־פעהר איז געווען מיין איינדרוק.

וויקטאָר אדלער, מיט וועמען איך בין באקאנט געווארען אויף דעם בריסעלער קאָנגרעס, האָט מיך אויפגענומען זעהר פריינדליך. איך האָב שוין געזאָגט, אז ער איז געווען דער גרינ־דער פון דער עסטרייכישער סאָציאַליסטישער באוועגונג. איך וויל צולייגען, אז ער איז געווען איהר קאָפּ און איהר הארץ.

ער האָט מיט מיר גלייך גענומען ריידען וועגען דעם „פּונקט 4" פון דעם בריסעלער טאָגעס־אָרדנונג. ווידער מיר געפּרופט באווייזען, אז מען דארף די פראגע ניט אויפהויבען. און טאָמער האָב איך זיך געקליבען איהר ארייננצוברייננגען אין די דיסקוסיאָנען פון דעם צוריכער קאָנגרעס, האָט ער מיך פארזיכערט, אז עס איז ניטאָ קיין האָפנונג אז מען זאָל דאָס צולאָזען.

ער האָט מיר געגעבען איינעם פון די וויענער וויכטיגע געגאָסען אָלס באגלייטער און יענער האָט מיר געוויזען די שטאָדט און פארשידענע מיטעל־פּונקטען פון דער ארבייטער באוועגונג.

איך האָב באזוכט א פּאָר סאָציאַליסטישע מאַס־מיטינגען. זייער אלגעמיינער כאראקטער איז געווען דער זעלבער ווי אין בערלין: טישלעך, ביי וועלכע די ארבייטער זיינען געזעסען מיט גלעזער ביער אָדער עפּעס צו עסען. אויף א פּלאטפּאָרמע — א פּאָרזיצענדער און א פּאָליציי־קאָמיסאר און א רעדנער. צווישען פּובליקום געהען אום קעלנערס, נעהמען אָן באשטעלונגען און ברענגען וואָס מען פּאָדערט. אלץ ווי אין בערלין, נאָר די ארבייטער האָבען אויסגעזעהן אָרימער. אין פארגלייך מיט אמעריקאנער ארבייטער האָבען זיי אויסגעקוקט שוין גאָר אָרים. פילע פון זיי זיינען ביי דעם מיטינג געזעסען אין גרינע לייד־וועגטעלע רעקלאך, אָהן ווייסע קראָגענס — ווי ביי דער ארבייט.

אויף איינער פון די וויענער פארזאמלונגען האָט זיך אין די דעבאטען באטייליגט אן אנארכיסט. ער האָט גערעדט

פארשטעלטערהייט און דעם רעדנער'ס ענטפערס זיינען אויך געווען פארשטעלטע. אָבער אַלע האָבען פארשטאַנען. איבע־ריגענס, איז די פראגע געווען אַ טעאָרעטישע. מיט דעם פּאָלי־טישען לעבען פון עסטרייך האָט זי ניט געהאט צו טאָן. מיר האָט זיך זעהר געוואלט נעמען דאָס וואָרט. אַ דעבאַטע מיט אַן אנארכיסט — דאָס איז ביי אונז אין ניו יאָרק געווען אַ טעגליכער ספּאָרט, און איך האָב זיך געפיהלט אַלס ספּעציאַליסט אויף דעם. אָבער דאָ דאַרף מען דאָך קענען גוט דייטש. אַ חוץ דעם: פאַר אַן אויסלענדער זיך צו באטייליגען אין אַ סאָציאַ־ליסטישען מיטינג אין עסטרייך איז דאן געווען פּונקט אַזוי אונזיכער ווי אין דייטשלאַנד. די פּאָליציי האָט קוים געדולדעט די „אייגענע צרה“.

אויף דעם ערשטען פון די צוויי מיטינגען איז דער הויפּט רעדנער געווען דר. עלענבאָגען, אַן עסטרייכיש־אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ בלאָנדער יונגער מאַן, ניט קיין הויכער. מיט איהם בין איך אויך באקאנט געווארען אין בריסעל און מיר האָבען זיך דאָ אויפ'ן מיטינג באגריסט און געשמועסט אַ ווײַלע.

איידער איך פלעג אוועקגעהן אין אָווענד, פלעג איך זאָגען מיין פאָטער, אַז איך וועל קומען אין האָטעל שפּעט און ער זאָל אויף מיר ניט ווארטען מיט'ן שלאָפען. נאָך דער פארזאמלונג בין איך געווענליך אוועק אין אַ סאָציאַליסטישער קאפּע און דאָרטען האָב איך פארבראכט אַ היבשע צייט. איך פלעג קומען צוריק אין האָטעל זעהר שפּעט (ווי דער שטיינער איז געווען אין וויען, ווען מען איז נעקומען אהיים נאָך צעהן אוהר, פלעג איך מוזען דעם הויז־מאַן באצאָהלען צעהן קרייצער „שליסעל־געלט“ פארוואָס ער האָט פאַר מיר געעפענט דעם טויער). איך פלעג אימער מיין פאָטער געפינען ווארטענדיג אויף מיר. ער פלעגט מיך פרעגען וועגען די מיטינגען. ער האָט זיך שוין געפיהלט היימישער און פרייער מיט מיר, הגם אַלץ ניט אַזוי היימיש און פריי ווי די מאַמע אָדער די מומע. איך פלעג איהם וועגען די מיטינגען ערקלערען אַלץ וואָס האָט זיך נאָר

געלאָזט ערקלערען. איינמאָל, נאָך אַזאַ געשפּרעך, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת: דאָס וואָס דו טהוסט געפעלט מיר ניט. אַז שוין יאָ אַראָפּ פון אידישען וועג, איז שוין אַ דאָקטאָר אַ סך שעהנער.

ער האָט ניט געקענט באַנעהמען וואָס דאָס הייסט צו זיין אַ אידישער צייטונגס־שרייבער און אַ רעדנער. אויף העברעאיש שרייבען — דאָס האָט ביי איהם געהאַט אַ טעם; ער איז דאָך עפּעס געווען אַ לעזער פון דעם „המגיד". אָבער שרייבען אין אַ אידישער צייטונג — דאָס איז איהם אויסגעקומען מאָדנע. דאָס זעלבע איז געווען מיט מיין רעדנעריי. אַז מען זאָל שטעהן און האַלטען אַ „דרשה" אויף אידיש, ריידען צו אַרבייטער און אין דעם נאָך זיין „פּאַרקאָכט" — דאָס האָט זיך איהם ניט געלייגט אויפ'ן שכל. אַז איך בין אַ רעדנער האָט ער געהערט נאָך אין ווילנא, און לויט ווי מען האָט מיר דערצעהלט, האָט ער זיך געהאַלטען גרויס מיט דעם נאָמען וואָס איך האָב. ער האָט זיך אָבער געשעהמט מיט דעם אויך.

מיין מוטער האָט זיך אויך געקרימט אויף מיין באַשעפטיגונג. איינמאָל זאָגט זי צו מיר מיט איהר קלוגען שמייכעל:

— אין אַמעריקאַ איז דאָך שוין קיין קיסר ניטאָ; ביזטו נאָך אַלץ ניט צופרידען? וואָס נאָך ווילסטו?

— איך וויל עס זאָל ניט זיין קיין אָרימע לייט אויף דער וועלט — האָב איך געענטפערט, צודריקענדיג איהר צו מיין הארצען.

—מאַלע וואָס מען וויל! — האָט זי ווייטער געשמייכעלט.

מיר האָבען צוזאַמען פאַרבראַכט עלף טעג. ענדליך איז געקומען די צייט פון שיידען זיך. מיר האָבען זיך אַלע געפונען אויפ'ן וואָקזאַל.

עס איז געווען אין מיטען טאָג. דער צוג, אין וועלכען זיי האָבען אַלע באַדאַרפט אָפּרייזען — מיינע עלטערען, מיין מומע און חוה'לע — איז געווען פאַרטיג. עס איז איבערגעבליבען נאָר אַ פּאָר מינוטען. מיר זיינען געשטאַנען און גערעדט. די

מאמע האָט פון מיר ניט אָפּגעטראָטען. זי האָט מיך אַלץ געהאַלטען פאַר אַ האַנט, געגלעט און געקוקט מיר אין די אויגען.

ענדליך האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל, אַז מען מוז שוין אריינגעהן אין די וואַגאָנעס. מיין מוטער האָט זיך צוגעדריקט צו מיר און גענומען שרייען:

— מיין קינד, איך וועל דאָך דיר מעהר קיינמאָל ניט זעהן!

זי האָט שטיל געוויינט און מיך ניט אָפּגעלאָזען. ארום און ארום האָט געהערשט אַ נערוועזע איילעניש, אַ געפּילדער, און זי האָט מיך אַלץ ניט אָפּגעלאָזען.

מען האָט אונז קוים פאַנאַנדערגעריסען. איך האָב זיך געזעגענט מיט מיין פאָטער, מיט מיין מומען און מיט חוה'לען.

דער צוג איז אוועקגעגאַנגען.

איך, רעוועקאַ און איהר מאַן זיינען אוועק צוריק אויף זייער קוואַרטיר. רעוועקאַ איז איבערגעבליבען מיט אַ שאַרפען געפיהל פון עלענד. און דאָס זעלבע איז געווען ביי מיר אויפ'ן הארצען.

וויען איז מיר פּלוצלונג געוואָרען צו־לאַסט. פונקט ווי פריהער האָט די שטאָדט מיך באַצויבערט, אזוי איז זי איצט מיר געוואָרען אַ קוואַל פון אנגסט. מיר האָט זיך געגלוסט וואָס גיכער פארגעסען אָן איהר.

5.

איך פאָהר קיין ציוריך. — אין ציוריך. — פּאול אקסעלראָד. — מאָרים ווינטשעווסקי. — פּלעכאַנאָוו. — ווערא זאסוליטש. — אידישער הומאָר.

דעם זעלבען אָווענד בין איך אוועקגעפאָהרען קיין ציוריך. איך האָב נאָך פריהער באַשטעלט אַ בעט אין אַ שלאָף־וואַגאָן. דאָס איז געווען מיין ערשטער שלאָף־וואַגאָן אין אייראָפּא. אין אַמעריקא בין איך אין אַ סליפּינג־קאַר שוין געפאָהרען פיר מאָל, דאכט זיך: צוויי מאָל קיין באָסטאָן און צוויי מאָל אויף מיין צווייטער רייזע קיין שיקאַגאָ און צוריק פון דאָרטען. די בעטען זיינען אין עסטרייך געווען צוזאַמענגעשטעלט אויף אַ

זאָנדערבאַרען שטייגער, אַזוי ווי אַ ניט־בעל־מלאכה קלאַפּט צונויף אַ סוכה.

אין דער פריה זיינען מיר אָנגעקומען אין מינכען. איך בין דאָרטען פאַרבליבען נאָר אַ פּאָר שטונדען. איך בין אַרוים פון וואָקזאַל, און האָב באַקוקט די שטאָדט; צוגעביסען אין אַ קאַפע און זיך אומגעקערט אויפ'ן וואָקזאַל.

די ווייטערדיגע רייזע איז געגאַנגען דורך די בייערשע און שווייצאַרישע אַלפּען־בערג. מיר זיינען געקומען אויף פלעצער, וואו אונטער אונז זיינען געהאַנגען וואָלקענס. איבער בערג און טאָלען זיינען זיי געהאַנגען. דערנאָך האָבען מיר דערגרייכט די באַריהמטע אָזערע באָדען־זעע. די נאַטור האָט מיר דאָ אויס־געזעהן רייצענד און געהיימניספול.

דער קאָנדוקטאָר פון דעם צוג, וואָס האָט מיר געפיהרט פון דעם שווייצאַרישען גרענעץ, איז געווען אַ קליין־געוויקסיגער, האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז דאָס איז נאַטירליך. די לאַנד איז אַ קליינינקע, אַלזאָ, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז איהרע איינ־וואוינער מוזען אויך זיין קליינינקע — אַ מין שפּילצייג מדינה'לע מיט אַ באַפעלקערונג פון לעבעדיגע לאַלקעלעך. אַזוי האָט מיין פאַנטאַזיע מיר דאָס געמאָלען.

ענדליך בין איך אָנגעקומען אין צוריך.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז אין צוריך האָט דאַן געוואוינט דער באַריהמטער רוסישער רעוואָלוציאָנער פּאָול אַקסעלראָד. ער האָט דאָרטען געהאַט אַ קעפיר געשעפט. ער האָט זיך אָבער מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי באַשעפטיגט מעהר ווי מיט זיין קעפיר. זיין הויז איז געווען דער צענטער פון אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערען, און אַזוי ווי איצט האָט מען אין צוריך זיך געקליבען צו האָבען אַ סאָציאַליסטישען קאָנגרעס, איז ביי איהם געווען אַ גאַנצער יריד. אַקסעלראָד'ס נעהנטסטע פּאַרטיי־פריינד זיינען געווען פּלעכאַנאָוו און וועראַ זאַסוליטש*).

*)פּלעכאַנאָוו, זאַסוליטש ,לעוו דייטש און פּאָול אַקסעלראָד האָבען געגרינדעט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

זיי האָבען איצט אויך גוואוינט אין דער שווייץ, אָבער אין אַן אַנדער געגענד. אַלזאָ, האָבען זיי אויף דער וואָך פון דעם קאָנגרעס זיך אויפגעהאַלטען ביי אַקסעלראָד'ן. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז מיין אַמעריקאַנער מיטרייזענדער, פּאָלדינג, איז אין צוריך אָנגעקומען מיט אַ פּאָר טעג פריהער ווי איך. אַקסעלראָד האָט איהם גלייך באַזאָרגט מיט אַ צימער אין אַ פּאַנסיאָן (באָ־דינג־הויז) פאַר אונז ביידען. אַלזאָ, האָט אַקסעל־ראָד מיר געגעבען דעם אַדרעס פון דעם פּאַנסיאָן.

א גרויסע טייל פון צוריך ליגט אויף בערג, און אין יענע געגענדען — אויף אוניווערסיטעט שטראַסע — האָט זיך געפונען אונזער קוואַרטיר. די טאָן האַלע, וועלכע מען האָט גענומען פאַר'ן קאָנגרעס, איז ביי אַ פּערטעל שטונדע גאַנג פון דאָרטען.

די באָרדינג־הויז איז געווען מייסטענס פאַרנומען מיט סטודענטען פון טעסין, די איטאַליענישע טייל פון דער שווייץ. זיי האָבען אָבער גערעדט גוט דייטש און פּאָלדינג האָט אויך נישקשה'דיג גערעדט דייטש; פלעגען מיר ביים טיש שמועסען אויף דיזער שפּראַך.

צווישען די דעלעגאַטען פון ענגלאַנד האָט זיך געפונען מאָררים ווינטשעווסקי, אַלס פאָרשטעהער פון דער דאָרטיגער אידישער באַוועגונג. זיין קוואַרטיר איז געווען ניט ווייט פון אונזערער. מיר האָבען זיך אָפט געזעהן און פלעגען געהן צום קאָנגרעס צוזאַמען.

איך האָב געזאָגט, אַז ביי די אַקסעלראָדס איז געווען אַ יריד. דער יריד איז אָבער געווען צו גרויס פאַר זייער קוואַרטיר. לכבוד דעם קאָנגרעס איז זיך אין צוריך צונויפגעפאָהרען אַ היבשע צאָל רוסישע סטודענטען, מייסטענס אידישע, פון שווייצארישע שטעדט — פון בערן, פון זשענעווא — און איניגע זיינען זאָגאַר געקומען פון דייטשלאַנד און פון פראַנקרייך; און אין צוריך גופא האָט אויך שטודירט אַ היבשע צאָל רוסישע אידען. אַלע האָבען זיי זיך געצויגען צו די אַקסעלראָדס און אַלעמען איינלאַדען איז זיי אונמעגליך געווען.



פאול אקסעלראד.

די וויכטיגסטע געסט זיינען ביי זיי, נאַטירליך, געווען פּלעכאַנאָוו און וויערא זאסוליטש. עס איז דאָרטען אָבער שטענדיג געווען ביי א צעהנדליג אַנדערע רעוואָלוציאָנערען אויך. און די דירה איז ניט געווען קיין גרויסע. איז אימער געווען ענג. מיר האָט אַקסעלראָד ארויסגעוויזען אַ ווארימע גאַסטפריינדליכקייט. ערשטענס, בין איך געווען ניט „אַבי ווער", נאָר אַ ד ע ל ע ג אַ ט — אַ וואָרט וועלכער האָט ביי די רוסישע סטודענטען געקלונגען ווי אַ הויכער טיטול; צווייטענס, בין איך געווען אַ זעלטענער סאָרט דעלעגאַט, אַ שליח פון צעהנדליגע טויזענדער אידישע ארבייטער פון דער ווייטער אמעריקא; און אַקסעלראָד איז פון אידען קיינמאָל ניט אָפּגעפרעמדט געוואָרען; דריטענס, בין איך ביי איהם געווען דער קאַהאַן, וואָס האָט אריינגעבראַכט די אידען־פראַגע אויף דעם ברוסעלער קאָנגרעס. איהם האָט שטארק פאַרדראָסען, פאַרוואָס יענער קאָנגרעס האָט צו מיין פאָרשלאַג זיך פארהאַלטען אַזוי ניט־פריינדליך. קורץ, ער האָט מיר אימער הערצליך געבעטען איהם אָפט צו באַזוכען, און יעדעס מאָל האָט ער מיך אויפגענומען ווי אַ גוטען גאַסט.

די אָנגעפאָהרענע רוסישע רעוואָלוציאָנערען האָבען מיר און ווינטשעווסקי'ן מקנא געווען. דער קאָנגרעס איז ביי זיי געווען אַ גרויסער יום־טוב. אין רוסלאַנד פלעגט אַ פאַרזאַמלונג פון עטליכע מענשען זיין אַן אונטער־ערדישע זאַך, און דאָ קומען זיך צוזאַמען דעלעגאַטען פון דער גאַנצער וועלט, און אַלץ איז אָפען, פראַנק און פריי, און מיר ביידען זיינען מחותנים, דעלעגאַטען מיט אַלע דעלעגאַטען גלייך.

פון דער רוסישער באַוועגונג זיינען צו דיזען קאָנגרעס אויך געקומען עטליכע דעלעגאַטען (פּלעכאַנאָוו פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען און דריי פאָרשטעהער פון די פּוילישע סאָציאַלי־סטען: מענדעלסאָן, זיין קריסטליכע פרוי, דעמבסקי, און יאָדקאָ). זיי האָבען אָבער סיי ווי סיי געוואוינט אין אויסלאַנד, און עלעק־טעד האָט מען זיי אין געהיים.

קיין „אמת'ע" דעלעגאַטען זיינען פון רוסלאַנד ניט געווען. איך און ווינטשעווסקי זיינען געווען „אמת'ע" דעלעגאַטען, און

רוסישע זיינען מיר אויך, האָט מען אונז מקנא געווען און ארויסגעוויזען אויפמערקזאמקייט.

א פּאָר אָווענדען האָב איך ביי אַקסעלראָד'ען פאַרבראַכט צוזאמען מיט פּלעכאַנאָוו'ן, וויערא זאסוליטש און אנדערע רוסישע רעוואָלוציאָנערען. מיין באַגעגעניש מיט די ערשטע צוויי איז ביי מיר געווען א גרויסע פּאַסירונג. וויערא זאסוליטש האָט אין 1878 אויפגעשטורעמט רוסלאַנד מיט איהר שאָס אויף דעם פּעטערסבורגער שטאָדט־הערשער טרעפּאָוו'ען. זי איז געווען איינע פון די באַריהמטסטע פרויען אין אייראָפּא, און דער אינטעליגענטער יונגער דור פון רוסלאַנד האָט איהר פאַרגעטערט. וואָס אנבאַטרעפט פּלעכאַנאָוו'ן, איז ער אויך שוין לאַנג באַקאַנט געווען אין רעוואָלוציאָנערע רוסישע קרייזען. ער האָט דער ערשטער געהאַלטען א רעוואָלוציאָנערע רעדע אין מיטען גאַס (אין פּעטערסבורג).

אין 1879, ווען עס איז פאָרגעקומען א געהיימער צוזאמענפאָהר פון די וויכטיגסטע רוסישע רעוואָלוציאָנערען און זייער פּאַרטיי איז געשפּאָלטען געוואָרען, איז ער געווען איינער פון די דעלעגאַטען. ווען ער האָט געהערט, אז מען רעדט ווענען פּאָליטיק און ווענען גוואַלט־טהאַטען מיט פּאָליטישע צוועקען, האָט ער זיך מיט צאָרן צוריקגעצויגען. ער איז דאַן געווען אַנאַרכיסטיש געשטימט און איז געווען געגען פּאָליטישער טעטיגקייט, און ער איז דאַן געווען איינער פון די גרינדער פון דער פּאַרטיי „טשאָרני פּערעדיעל”, וועלכע איז דערמאָנט אין ערשטען באַנד (פּיירזש 394). שפּעטער האָט ער זיינע מיינונגען ווענען פּאָליטיק געענדערט, און די לעצטע עטליכע יאָהר איז ער געוואַקסען אלס דענקער און פיהרער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ריכטונג אין דער ראַדיקאַלער רוסישער וועלט.

אין צווייטען באַנד (פּיירזש 291־292), האָב איך דערמאָנט זיין בוך, „אונזערע מיינונגס־פאַרשידענהייטען”, וועלכען ער האָט געשריבען אלס אָפּענעם בריף צו פּעטער לאַווראָוו'ן. זינט דאַן האָט ער פאַרנומען לאַווראָוו'ס פּלאַץ אלס גייסטיגער פיהרער פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

וויערא זאסוליטש איז דאן געווען אין די אינגערע מיטעלע יאָהרען. זי איז געווען זעהר אָרים געקליידעט און האָט זיך געהאלטען מיט א מערקווירדיגער איינפאכקייט. זי איז געווען ניט קיין שעהנע, אָבער גוטסקייט און אידעאליזם זיינען געווען אויסגעגאָסען אויף איהר פּנים. ריידענדיג האָט זי אָפט געגעבען א שמייכעל. דערביי פלעגט דער נאָז ביי איהר פארקאָרטשעט ווערען. אָבער דאן פלעגט איהר ליבליכקייט נאָך העלער לייכטען.

יענעם אָוועגד איז פּלעכאנאָוו געזעסען לעבען איהר, און איינמאָל, ווען זי האָט זיך פאררעדט און פארטראכט, האָט ער אויף שפּאס אויפגעגעסען איהר איינגעמאכץ, אום צו ווייזען אז זי איז צוטראָגען און באמערקט קיין זאך ניט.

עס איז געקומען צו־רייד וועגען אידישען הומאָר. פּלעכאנאָוו האָט באמערקט, אז אין אונזערע וויצען געפינט ער קיין טעם ניט; אז ווען מען גיט איהם איבער א אידישען וויץ, זעהט ער ניט פון וואס עס איז דאָ צו לאכען (פארבייגעהענדיג וויל איך באמערקען, אז זיין פרוי איז געווען א אידישע און אז זיינע בעסטע און נאָהענטסטע פריינד זיינען געווען אידישע רעוואָלוציאָנערען). אימיצער פון די אידישע סטודענטען — דאכט זיך אז אקסעלראָד׳ס שוואָגער — האָט דאן זיך געווענדעט צו מיר, אז איך, אלס א פאָרשטעהער פון אידישע סאָציאליסטען, זאָל ראטעווען דעם נאָמען פון אידישען הומאָר.

איך האָב געמאכט די געווינשטע פּראָבע: איך האָב דערצעהלט צוויי באקאנטע אידישע אנעקדאָטען. איין אנעקדאָט באשטעהט אין פאָלגענדען: א רב פלעגט אין באָד אָנטאָן די סקארפּעטקעס אויפ׳ן לינקען זייט. ווי דער שטייגער איז, פלעגט די רביצין איהם זיי מיטגעבען אויפ׳ן לינקען זייט, ערוואַרטענדיג אז פאר׳ן אָנטאָן וועט ער זיי איבערקעהרען אויפ׳ן רעכטען זייט; פלעגט ער דאָס אָבער אימער פארגעסען. און די רביצין פלעגט זיך באקלאָגען אויף דעם. ענדליך האָט זי פאר זיין אוועקגעהן אין באָד שוין אליין איבערגעקעהרט זיינע סקארפּעטקעס; דארף זיך גראָד טרעפען, אז דיזען מאָל האָט

דער רב זיך דערמאָנט און ער האָט די סקאָרפּעטקעס אויסגע־קעהרט. ווען ער איז געקומען אַהיים און די ווייב האָט דערזעהן אַז ער טראָגט זיי אויף דער לינקער זייט, האָט זי אויסגעשריען: „איך האָב שוין איבערגעקעהרט און עס איז נאָך אַלץ אויפ'ן לינקען זייט!“ אויף דעם האָט דער רב געענטפערט מיט ערשטוינונג: „זעה נאַר, דו האָסט איבערגעקעהרט און איך האָב איבערגעקעהרט און עס איז נאָך אַלץ אויפ'ן לינקען זייט!“

איך האָב דאָס דערצעהלט פאַר פּלעכאַנאָוו'ן (אויף רוסיש, נאַטירליך) און ער האָט געקייכט פון געלעכטער. די אידען, וואָס האָבען זיך געפונען דערביי, זיינען געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל.

דער צווייטער אַנעקדאָט איז געווען וועגען אַ צוטראָגענעם מלמד, וועמען די ווייב האָט געשיקט צו אַ שכנה באָרגען צוויי רויהע אייער. די שכנה האָט געהאַט צוויי אייער, אָבער שוין אָהן די שאָלעכץ. „אין וואָס וועט איהר דאָס נעהמען?“ — פרעגט זי. נעהמט דער צוטראָגענער מלמד אַראָפּ די יאַרמולקע פון קאָפּ, מאַכט אַ גריבעלע אין איהר און זי גיסט אַריין אַן איי. „און די אַנדערע וואו וועט איהר האַלטען?“ — פרעגט זי. קעהרט ער איבער די יאַרמולקע און זי טוט אַריין די צווייטע איי. אַזוי טראָגענדיג די יאַרמולקע מיט דער איי, קומט דער מלמד אַהיים. זאָגט די ווייב צו איהם: „שלימזלניק! איך האָב דאָך דיר געזאָגט זאָלסט מיר ברענגען צוויי.“ זאָגט ער: „אָט איז נאָך איינע!“ און דערביי דרעהט ער איבער די יאַרמולקע מיט'ן אויבען אַראָפּ, אַזוי אַז די צווייטע איי ווערט אויך אויסגעגאָסען.

איך האָב דעם אַנעקדאָט פאַרגעשטעלט מיט אַ ווייכען הוט אַנשטאָט אַ יאַרמולקע. פּלעכאַנאָוו האָט זיך אַזוי צולאַכט, אַז ער האָט קוים געקענט קומען צו זיך. קיין נאַציאָנאַליסטען זיינען אין דעם צימער ניט געווען. דאָך האָט מען מיך אויפ־גענומען מיט אַזעלכע אַפּלאָדיסמענטען, אַז עס האָט אויסגעזעהן ווי אַן אָוואַציע צו אַ מענשען וואָס האָט געראַטעוועט דעם אידישען כבוד.

געאָרג פּלעכאַנאָוו. — פֿאָטאָגראַפֿירט אין 1893.

6.

אויפ׳ן קאָנגרעס. — אמעריקאנער דעלעגאטען. — ווידער מערלינא. — איך באקום דאָס וואָרט. — דע־ליאָן. — בערנארד שאָא. — די „יונגע“.

דער טאָן זאַל, וואו דער קאָנגרעס האָט געהאַט זיינע זיצונגען, איז געווען אַ גרויסער און אַ שעהנער. די פּלאטפּאָרמע איז געווען דעקאָרירט מיט רויטע פאָהנען און ביוסטען פון קארל מארקס, פרידריך ענגעלס, פערדינאנד לאַסאַל און אַ באריהמטער שווייצארישער פּערזענליכקייט. די גאַלעריע איז געווען געפּאקט מיט רוסישע סטודענטען און מיט שווייצארישע ארבייטער.

אין אַלגעמיין האָט דער קאָנגרעס געהאַט דעם זעלבען כאראקטער ווי דער בריסעלער. עס זיינען געווען פארטראָטען ארום צוואנציג נאציאָנאַליטעטען; אָבער ריידען פון דער פּלאַט־פּאָרמע האָט מען ערלויבט נאָר אויף דריי שפּראַכען: דייטש, פראנצויזיש און ענגליש. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען ווידער געשפּיעלט די הויפּט ראָלע; און אויף דער פּלאַטפאָרמע איז די טאָכטער פון קארל מארקס, עלעאָנאָרא עוועלינג, ווידער געווען איינע פון די הויפּט־פיגורען.

פון אמעריקא זיינען דאָן געווען פיער דעלעגאטען: סעניעל, דעליאָן, האָען פון סט. לואיס, וועלכער איז איצט שוין געקומען אַלס דעלעגאט פון אונזער פּארטיי, און איך. מיר זיינען געזעסען ביי איין טיש מיט די דעלעגאטען פון ענגלאנד.

ווידער האָבען זיך געמעלדעט דעלעגאטען פון דער אנאר־כיסטישער באַוועגונג; ווידער מערלינא און עטליכע גענאָסען זיינע. עס האָט זיך אָנגעפאנגען דיזעלבע דעבאטע, וועלכע מען האָט שוין דורכגעמאכט אויף דעם פּאריזער קאָנגרעס פון 1889 און אויף דעם בריסעלער פון 1891: זאָל מען זיי צולאָזען אָדער ניט? מען האָט זיי געגעבען דאָס וואָרט. און דער פּלאַמענדער מערלינא האָט ווידער געהאַלטען אַ רעדע.

פאר זייער צולאָזונג האָבען זיך אויסגעשפראָכען א פּאָר דייטשע דעלעגאטען פון א גרופּע, וועלכע איז דאן געווען באקאנט מיט דעם נאָמען „די יונגע“. זיי האָבען זיך באטראכט אלס פּיעל „רעוואָלוציאָנערער“ ווי די פיהרער פון דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פּארטיי. זייער הויפּט פיהרער איז געווען א בלאָסער, דארער, הויכער אידישער יונגער מאן מיט'ן נאָמען לאנדאו. ער און א פּאָר אנדערע האָבען געהאלטען פייערדיגע רעדעס צו גונסטען פון די אנארכיסטען; אָבער א מאיאָריטעט פון די רעדנער האָט זיך ערקלערט געגען זייער צולאָזונג. מען האָט ווידער אויסגעדריקט רעספּעקט צו מערלינאָ'ן פּערזענליך און ווידער אָנגעוויזען, אז זיין פּארטיי איז דער היפּוך פון דער סאָציאל־דעמאָקראטישער באוועגונג און אז דעריבער וואָלט געווען אן אונזין זיי ארייננצונעהמען אין א סאָציאל־דעמאָקראטישען קאָנגרעס. אין דיזען זין האָט גערעדט איין דעלעגאט נאָך דעם אנדערען.

מען האָט אויסגערופען מיין נאָמען. איך בין ארויף אויף דער פּלאטפּאָרמע און געהאלטען א רעדע אויף ענגליש. איך האָב געזאָגט אונגעפעהר דאָס פאָלגענדע: מען קען ניט דערגעהן קיין טאָלק וואָס די אנארכיסטען ווילען; מען קען נאָר פאר־שטעהן וואָס זיי ווילען נ י ט. און דאָס דייטליכסטע אין דיזער הינזיכט זיינען צוויי פּונקטען: זיי זיינען געגען אָפּשטימונג און געגען פּאָרשטעהערשאפט. זיי זיינען געגען דעלעגאטען. זיי גלויבען ניט אז אימיצער קען רעפּרעזענטירען אימיצען אויסער זיך אליין. דאָס זיינען די איינציגע צוויי זאכען, וועלכע מען קען פארשטעהן אין דעם אנארכיזם. וואָס זשע זעהען מיר דאָ? אנארכיסטען, דאָס הייסט מענשען, וואָס זיינען געגען יעדער פּאָרשטעהער־סיסטעם, פּאָדערען אז מען זאָל זיי צולאָזען אלס פּאָרשטעהער פון זייער אנטי־פּאָרשטעהער פּארטיי. א געוויסער אידישער גענאָסע אונזערער אין אמעריקא (איך האָב געמיינט י. פינן פון באָסטאָן) האָט אין אן ארטיקעל באוויזען, אז דער „קאָמוניסטישער אנארכיזם“ איז אן אונזין, ווייל קאָמוניזם איז דער היפּוך פון אנארכיזם. אלזאָ, האָט ער געזאָגט, איז קאָמוניסטישער אנארכיזם אזא ווידערשפּרוך ווי

וואַרימע אייז־קרים. דער משל פּאַסט זיך נאָך בעסער צו דער פראַגע, וועלכע מיר באַטראַכטען איצט: וואַרים דער וואָרט אַנאַרכיזם שליסט אויס יעדען באַגריף וועגען קאָנגרעסען און דעלעגאַטען. יאָ, דער וואונש פון די אַנאַרכיסטען אַנטייל צו נעהמען אין דיזען קאָנגרעס איז וואַרימע׳ אייז־קרים.

די ענגלענדער האָבען זיך צולאַכט. ענגלישע דעלעגאַטען איז ניט געווען קיין סך. דייטשען איז אָבער אויפ׳ן קאָנגרעס געווען אַ גרויסע מחנה, און ווען אַ דייטשער דעלעגאַט מיט׳ן נאָמען מאָטעלע האָט מיין רעדע איבערזעצט אויף זיין שפּראַך, האָט אויסגעשאָסען אַ געלעכטער, וועלכער האָט פאַרהילכט דעם האָל. עלעאָנאָרא מאַרקס־עוועלינג האָט דאַן מיין רעדע איבערזעצט אויף פראַנצויזיש, און ווידער האָט דער האָל געקראַכט פון געלעכטער.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט צו מיין סיט, האָט דעליאָן ביי מיר געפרעגט מיט אַ קאַלטען טאָן:

— ווען האָט איהר אַריינגעגעבען אַ צעטעלע אַז איהר בעט דאָס וואָרט?

ער האָט חושד געווען, אַז איך האָב גאָר קיין צעטעלע ניט אַריינגעגעבען און אַז איך האָב „פּולל“ אויף דער פּלאַטפאָרמע.

— איך האָב אַריינגעגעבען — האָב איך איהם געענטפערט פּונקט אַזוי קאַלט ווי ער האָט געפרעגט.

דער אמת איז, אַז איך האָב שריפטליך טאַקע מיין נאָמען ניט צוגעשיקט. אויך איז געווען אמת אַז איך האָב געהאַט אַ „צד אין טיש“ — עלעאָנאָרא מאַרקס־עוועלינג. איך האָב פון ווייטען געגעבען מאַדאַם עוועלינג אַ צייכען, אַז איך וויל האָבען דאָס וואָרט, און גלייך ווי דער דעלעגאַט, וואָס איז דאַן געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט געענדיגט, האָט מען מיך אויפגערופען. דעליאָן האָט זיין נאָמען צוגעשיקט שריפטליך. אַזוי האָבען אָבער געטאָן פילע אַנדערע אויך, און יעדער האָט געמוזט וואַרטען אויף זיין רייהע. קיינער האָט דעליאָנ׳ען נאָך דאַן אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען ניט געקענט, און איידער ער האָט זיך דערוואַרט איז שוין געווען „שלום“. אַלזאָ, האָט איהם

פארדראָסען פארוואָס איך האָב געהאט דאָס וואָרט און געצויגען אויפמערקזאַמקייט און ער ניט.

אונזערע באציהונגען זיינען דורך דעם געוואָרען אָנגע־שטרענגט. געוועהנליך פלעגט ער זיין לוסטיג און אָפט זאָגען א וויץ, אמאָל זאָגאר אַן אונאנשטענדיגען. איצט האָבען מיר כמעט ניט גערעדט. אָבער איינרייסען מיט מיר האָט ער ניט געוואָלט, וואָרים אין אמעריקא איז ער אין דער באוועגונג נאָך געווען ניי. זיין נאָמען און זיין מאכט האָבען ערשט גענומען וואקסען. קורץ: אויף מאָרגען האָט ער צו מיר גענומען ריידען אין א שפּאסיגען טאָן, און די פאַרהעלטניסען צווישען אונז זיינען ווידער געוואָרען ווי געוועהנליך.

איינער פון די ענגלישע דעלעגאטען איז געווען א הויכער מאן מיט א רויטער באָרד. דאָס איז געווען בערנארד שאָא. ער איז נאָך דאַן באריהמט ניט געווען: אפילו אין ענגלאנד האָט מען פון איהם ווייניג געוואוסט — כמעט נאָר אין סאָציאַליסטישע קרייזען, און זיי זיינען דאָרטען נאָך געווען קליין. ער איז געווען איינער פון די גרינדער און פיהרער פון דער נים־רעוואָלוציאָנערער, ניט־מארקסיסטישער סאָציאַליסטי־שער געזעלשאפט „די פייביען סאָסייעטי", וועלכע עקזיסטירט נאָך היינט. אלס שרייבער האָט ער דאַן אנטייל גענומען אין א וואָכען־בלאט, וואו ער פלעגט דרוקען קריטישע איבערבליקען איבער מוזיק. אז ער וועט ווערען א וועלט־באריהמטהייט אלס סאטירייקער און דראמאטורג האָט זיך דאַן נאָך קיינעם ניט געחלום׳ט.

א קורצע צייט פאר דעם צוריכער קאָנגרעס איז ער געוואָרען איינער פון די רעדאקטאָרען פון א נייער טעגליכער צייטונג אין לאָנדאָן, אַן אָוועגד־בלאט מיט׳ן נאָמען „סטאר", וועלכע האָט זיך געדרוקט אויף רויטע פאפיר. צוויי טעג נאָך דעם ווי עס איז פאָרגעקומען די דעבאטע וועגען די אנארכיסטען, געהט ער צו מיר צו מיט א פעקעל פון זיינע רויטע צייטונגען און גיט מיר איינע. איך גיב א קוק: ער האָט דאָרטען א באריכט פון דער דעבאטע, און מיין רעדע גיט ער איבער אין א שפּאסיגען

טאָן. ער זאָגט דאָרטען, אַז דער טאָג איז געווען אזא לאַנג־ווייליגער, אַז אפילו אזא ניט־געראָטענער ווייץ ווי „געקאָכטע אייז־קרים" האָט אויך ארויסגערופען געלעכטער. דערנאָך האָט ער מיט מיר גערעדט וועגען זיין באריכט און געמאַכט שפּאַס פון זיין אייגענע שפּאַס־מאַכעריי.

דער אויבען־דערמאָנטער איגלעזיאַס, דער שפּאַנישער דעלע־גאַט, וועלכער האָט זיך אַזוי באַליבט געמאַכט ביי דעם בריסעלער קאָנגרעס, איז אין צוריך אויך געווען אנוועזענד. ער האָט דאָס וואָרט ניט געבעטען. דעליאָן אָבער האָט איהם פאָרגעשלאָגען, אַז ער זאָל יאָ האַלטען אַ רעדע, און אַז ער, דעליאָן, זאָל איהר איבערזעצען (איך וויל דערמאָנען דעם לעזער, אַז דעליאָן איז געווען פון ווענעזועלאַ; אַלזאָ, איז זיין מוטער־שפּראַך געווען שפּאַניש). איגלעזיאַס האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען. ער האָט גערעדט פיליכט פינף מינוט. דעליאָן'ס איבערזעצונג אָבער האָט געדויערט ביי צוואַנציג מינוט. ער וואָלט אפשר גערעדט ווייטער, אָבער די דייטשע דעלעגאַטען האָבען איהם אונטערבראָכען.

— דאָס איז שוין איינמאָל אַן איבערזעצונג! — האָט איינער פון זיי אויסגעשריען מיט אַ באַסאָוועט געלעכטער. אַנדערע האָבען דאָס אויפגעכאַפּט, און דעליאָן האָט געמוזט סטאָפּען.

איך האָב דערמאָנט „די יונגע" און לאַנדאַו'ן, זייער פיהרער. אונזערע אַנאַרכיסטען אין אַמעריקאַ פּלעגען אָנווייזען אויף די אַטאַקעס, וואָס לאַנדאַו מאַכט אין דייטשלאַנד אויף ליעבקנעכט'ן און בעבעל'ן פאַר זייער „ניט רעוואָלוציאָנערע" טאַקטיק. אַלזאָ, האָב איך איצט, זייענדיג אין צוריך, וועגען דעם ענין געהאַט אַ געשפּרעך מיט בעבעל'ן.

דער עיקר פון בעבעל'ס ענטפער אויף מיין פראַגע איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען:

די טענות פון „די יונגע" זיינען נאַטירליך קינדערשע; אין זיי איז פאַראַן אַ סך מעהר פייער ווי זין; אָבער ביי זיין אויף זיי דאַרף מען ניט. פאַרקעהרט, זייער זידלעריי איז

נוצליך. ווען עס זאָל ניט זיין קיין קריטיק, וואָלטען מיר אנטשלאָפען געוואָרען. ווען אלע וואָלטען געווען איינפארשטאַנען, וואָלט די באַוועגונג פארגליווערט געוואָרען. מיט זייערע אטאַקעס רופען זיי אַרויס אינטערעסאַנטע דעבאַטען. און דאָס ברענגט נוצען.

דער ענטפער איז פאַר מיר געווען אַן איבערראַשונג. איך האָב אבער איינגעזעהן זיין ריכטיגקייט, און ער האָט פאַר מיר באַשטעטיגט בעבעל׳ס נאָמען אלס אַ קלוגער מענש.

7.

סערגעי שעוויטש. — זיין קלאַגע. — דער באַשלוס.

איינמאָל, געהענדיג איבער אוניווערסיטעט שטראַסע אין אַ זונען־טאָג, האָב איך זיך געטראָפען געזיכט צו געזיכט מיט אונזער פיל־געאַכטעטען, טייערען סערגעי שעוויטש, וועלכער איז מיט דריי יאָהר צוריק אַוועקגעפאָהרען פון אַמעריקאַ. די באַגעגעניש איז פאַר מיר געווען אַ העכסט אַנגענעהמע איבערראַשונג.

זיין הויכע, שטאַרקע פיגור, זיין שעהנער, אינטערעסאַנטער פּנים זיינען געווען די זעלבע; נאָר די שוואַרצע האָר און די שוואַרצע באָרד זיינען שוין געווען גרויליך. זיין אַנצוג איז אויך געווען אַ גרויער. מיין באַגריסונג האָט געהילכט מיט דעם טיפען רעספּעקט און ליבע, וועלכע איך און אלע אונזערע רוסישע חברים אין אַמעריקאַ האָבען געפיהלט צו דיזען באַגאַבטען אינטערעסאַנטען מאַן. און ער האָט זיך אויך דערפרעהט מיט אונזער באַגעגעניש. נאָך מעהר ווי איך האָב ערוואַרט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז טיילווייז איז ער געקומען קיין צוריך (פון מינכען) טאַקע ווייל ער האָט געלעזען, אַז איך בין איינער פון די דעלעגאַטען. און ער האָט באַלד ערקלערט וואָס ער מיינט: ער איז געקומען פאָדערען פון דעם פאָרשטאַנד (עקזעקוטיוו קאָמיטע) פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער

פּארטיי, אז איהר הויפּט אָרגאַן, דער בערלינער „פאָרווערטס“, זאָל צוריקציהען דעם בלבול, וואָס ער האָט געמאַכט אויף איהם.

עס איז געווען אַזאַ געשיכטע: מיט אַ יאָהר פריהער איז אין דעם בערלינער „פאָרווערטס“ ערשינען אַ נאָטיץ וועגען שעוויטש'ן, אין וועלכען מען האָט איהם באַשולדיגט, אז ער איז אַ שפּיאָן פון דער רוסישער רעגירונג. געגרינדעט איז דיזע באַשולדיגונג געווען אויף דעם פאַקט, אז ער, שעוויטש, האָט אָפען באַזוכט רוסלאַנד און מען האָט איהם דאָרטען ניט ארעסטירט. שעוויטש האָט צו דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס“ צוגעשיקט אַן ערקלערונג, אָבער זיין בריעף איז ניט געדרוקט געוואָרען. די ניו יאָרקער „פאָלקס-צייטונג“, דער דייטשער אָרגאַן פון די ניו יאָרקער סאָציאַליסטען, האָט געמאַכט חוזק פון דער באַשולדיגונג, און גערעדט מיט הויכען רעספּעקט וועגען שעוויטש'ן. די רעדאַקציע פון דעם בערלינער „פאָרווערטס“ האָט די ניו יאָרקער „פאָלקס-צייטונג“ באַקומען. זי האָט דיזען ארטיקעל געוויס געזעהן, אָבער דאָס האָט אויף איהר ניט געווירקט. די באַשולדיגונג געגען שעוויטש'ן האָט זי צוריק ניט געצויגען. אַלזאָ, איז איצטער שעוויטש ספּעציעל געקומען קיין צוריך, וואו עס זיינען געווען פאַרזאַמעלט אַלע פיהרער פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּארטיי, מיט דעם צוועק צו פאָדערען גערעכטיגקייט. דאָס וואָלט ער אייגענטליך געקענט טאָן אין בערלין; אָבער דאָ אין צוריך, האָט ער געוואוסט, וועלען זיין דעלעגאַטען פון ניו יאָרק, וואו ער האָט געפיהרט זיין סאָציאַליסטישע טעטיגקייט און וואו מען האָט איהם גוט געקענט אַלס מענש, אַזוי גוט ווי אַלס סאָציאַליסט. פאַר איהם איז וויכטיג געווען לוסיען סעניעל, אַלס איינער פון די עלטערע ניו יאָרקער סאָציאַליסטען, אָבער פאַר איהם איז ספּעציעל וויכטיג געווען דער אמעריקאַנער דעלעגאַט, וועלכער איז אַליין אַ רוסישער, איז פאַראינטערעסירט אין דער רעוואָלוציאָנערער רוסישער באַוועגונג, און איז גוט באַקאַנט מיט שעוויטש'עס באַציהונגען צו די רוסישע רעוואָלוציאָנערע גרופּען פון אמעריקא.

שעוויטש'עס קיים איז אויפגענומען געוואָרען אין אַ מיטען-

טאָג, צווישען דער מאָרגענדיגער און נאכמיטאגדיגער זיצונג פון דעם קאָנגרעס. די פאַרזאמלונג איז פאָרגעקומען אויף א קליינער פלאטפאָרמע, וועלכע איז געווען ארומגערינגעלט מיט גרינע פאָרהאנגען. געוועהנליך האָט מען דאָס געברויכט אלס איינעם פון די קאָמיטע רומס. איצט אָבער, ווען אלע אנדערע דעלעגאטען זיינען אוועק מיטאָג־עסען, איז דאָ פאָרהאנדעלט געוואָרען שעוויטש'עס קלאגע. צו דיזען צוועק האָבען זיך דאָ פאַרזאמעלט די מיטגלידער פון דעם „פאָרשטאנד", אָדער עקזע־קוטיוו קאָמיטע, פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פאַר־טיי, שעוויטש און די אמעריקאנער דעלעגאטען. ווילהעלם ליב־קנעכט איז געווען אָנוועזענד אלס מיטגליד פון „פאָרשטאנד", און אלס הויפּט־רעדאקטאָר פון „פאָרווערטס".

דער סעקרעטער פון דעם „פאָרשטאנד" איז דאַן געווען ריכארד פישער (זיין בילד געפינט זיך אין דער דעלעגאטען־גרופּע ביי פּיידזש 162). ער האָט גערופען דעם מיטינג צו אָרדער. שעוויטש האָט ערקלעהרט זיין טענה. ריידענדיג מיט זעלבסט־ווירדע, קורץ און קלאָהר, האָט ער געפאָדערט, אז מען זאָל אויס־הערען די אמעריקאנער דעלעגאטען. ער האָט געזאָגט דאָס פאָל־גענדע אונגעפעהר:

— די נענאָסען אין דייטשלאנד האָבען פון מיין סאָציא־ליסטישער טעטיגקייט גאנץ ווייניג געוואוסט. מיין טעטיגקייט איז געווען אין אמעריקא. ווען די רעדאקציע פון „פאָרווערטס" האָט געהערט עפּעס נעגען מיר, האָט די איינפאכע אנשטענ־דיגקייט געפאָדערט, אז זי זאָל צוערשט אָנפרעגען ביי די גענאָסען אין ניו יאָרק, און ניט גלייך ארויסקומען מיט אַן עקעלהאפטער באשולדיגונג אויף א גענאָסע, ניט האָבענדיג אבסאָלוט קיין גרונד דערצו. אָט זיינען די פאָרשטעהער פון דער אמעריקאנער באוועגונג — גענאָסע סעניעל און גענאָסע קאהאן — מיט וועלכע איך האָב געארבייט צוזאמען פילע יאָהרען. איך באציהה זיך ספּעציעל אויף גענאָסע קאהאנ'ען, ווייל ער איז אליין א רוסישער רעוואָלוציאָנער און ער ווייס וואָס די רוסישע קאָלאָניע פון ניו יאָרק דענקט וועגען דיזער אנגעלעגענהייט.

איך און סעניעל האָבען געזאָגט, אַז די באַשולדיגונג, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געמאַכט געגען שעוויטש'ן איז לעכערליך און סקאַנדאַליעז. סעניעל האָט גערעדט וועגען שעוויטש'עס הויכע פאַרדינסטען אין דער אַמעריקאַנער באַוועגונג, און דעליאָן, וועלכער איז מיט שעוויטש'ן באַקאַנט געוואָרען אין דער צייט פון דעם העברי דזשאָרדזש קעמפּיין, האָט גערעדט אין דעם זעלבען טאָן.

איך האָב פאָרגעשטעלט ווי הויך שעוויטש ווערט געשעצט אין דער רוסישער קאָלאָניע פון ניו יאָרק, און איך האָב ערקלערט, אַז איהם איז מעגליך געווען צו באַקומען אַ רוסישען פּאַספּאָרט אויף אַן אַנשטענדיגען אופן.

שעוויטש'עס משפּחה האָט פאַרנומען אַ הויכען פּלאַץ אין רוסלאַנד (דאָס איז געווען אַ באַראָנען־פאַמיליע פון דעם ריגער געגענד, און שעוויטש'עס ברודער איז געווען אַ גובערנאַטאָר). אין רוסלאַנד גופא האָט שעוויטש אין דער באַוועגונג קיין אַנטייל ניט גענומען. ער האָט דאָרטען איבערהויפּט זעהר ווייניג צייט פאַרבראַכט. אַלזאָ, איז פאַר זיינע קרובים, דורך זייערע פריינד פון די הויכע פענסטער, נים שווער געווען צו באַקומען אַ פּאַספּאָרט פאַר איהם. שעוויטש איז געפאָהרען קיין רוסלאַנד אין די אינטערעסען פון זיין ירושה, און די רוסישע רעגירונג האָט דאָס געוואוסט. וועגען דער ריינקייט פון זיין סאָציאַליסטישער טעטיגקייט האָט קיין פראַגע ניט געקענט זיין. דאָס אַלץ האָב איך ערקלערט פאַר דעם „פאָרשטאַנד".

דאַן האָט גענומען דאָס וואָרט ווילהעלם ליעבקנעכט, דער רעדאַקטאָר פון דעם בערלינער „פאָרווערטס". ער איז געווען אַ היציגער מענש און אָפּט האָט זיין כעס איבערגעוואויגען זיין פּראַקטישען שכל. ער איז געווען אַ געבילדעטער מאַן און אַ טאַלאַנטפולער און ער איז מיט לייב און לעבען געווען אָפּגעגעבען צו דעם קאַמף פון דעם אַרבייטער קלאַס. אָבער אין וועלטליכע זאַכען האָט ער אָפט אַרויסגעוויזען מעהר טעמפּעראַמענט ווי טאַקט. ביי דיזער געלעגענהייט האָט ער גערעדט ווי אַ קאַפּריזנע קינד: „דאָס וואָס איז געווען געשריבען אין „פאָרווערטס", וועט ער צוריק ניט ציהען, — האָט ער ערקלעהרט מיט כעס, —

עס איז ניטאָ קיין גרונד דערצו; ניטאָ גענוג באווייזע, אז שעוויטש איז אונשולדיג". אזוי האָט ער געענדיגט און ער האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט א בייזער מינע אויפ'ן פנים.

ווען ליעבקנעכט האָט געענדיגט, האָט אויגוסט בעבעל גענומען דאָס וואָרט. איך געדענק ווי ער האָט אָנגעפאנגען:

„נון בין איך דער מיינונג"...

ער האָט גלייך ערקלערט, אז ער איז מיט ליעבקנעכט'ן ניט איינפארשטאנען. איך האָב געגעבען א קוק אויף ליעבקנעכט'ן און איך האָב געזעהן ווי דער וואָלקען אויף זיין פנים צוגעהט זיך.

בעבעל'ס ערקלערונג איז באשטאנען אין פאָלגענדען: „מיר אין דייטשלאנד ווייסען פון שעוויטש'עס טעטיגקייט ניט; דיזע טעטיגקייט האָט ער אָנגעפיהרט אין אמעריקא. דאָרטען איז מען מיט איהם געווען פארבונדען אין פארלויף פון יאָהרען. דאָ האָבען מיר איצט אמעריקאנער גענאָסען און זיי זאָגען, אז די באשולדיגונגען געגען איהם האָבען קיין גרונד ניט. אונזער פליכט איז, אלזאָ, אָנצונעמען די מיינונג פון די אמעריקאנער גענאָסען. מיר האָבען ניט קיין שום רעכט איבערצולאָזען א פלעק אויף גענאָסע שעוויטש'ן. איך גלויב אָבער, אז גענאָסע שעוויטש וועט זיך צופרידענשטעלען, ווען מיר וועלען איהם ארויסגעבען אַן אָפיציעלען שריפט מיט אַן ערקלערונג, אז די באשולדיגונג געגען איהם, וואָס איז געווען געדרוקט אין „פאָר־ווערטס", איז אונבאגרינדעט און אז מיר נעהמען אָן די מיינונג פון אונזערע אמעריקאנער גענאָסען וועגען איהם. עס זיינען שוין אריבער א פאָר יאָהר, און איך גלויב ניט, אז פאר איהם איז נויטיג אז די ערקלערונג זאָל דוקא געמאכט ווערען אין דעם „פאָרווערטס". טאָמער געפינט ער אמאָל פאר וויכטיג דיזען שריפט אונזערען צו פארעפענטליכען, קען ער דאָס טאָן צו יעדער צייט".

— איך בין פאָלשטענדיג צופרידען, — האָט שעוויטש געזאָגט, — איך בעט נאָר, אז מען זאָל א קאָפּיע פון דער

אוגוסט בעבעל (אין 1893).

ערקלערונג צוגרייטען פאר גענאָסע קאהאנ׳ען, כדי די רוסישע גענאָסען פון אמעריקא זאָלען דאָס קענען זעהן.

עס איז באשלאָסען געוואָרען צוצופערטיגען דריי קאָפּיעס, איינע פאר שעוויטש׳ן, א צווייטע פאר׳ן „פאָרשטאנד” און א דריטע פאר מיר. אלע זאָלען אונטערגעשריבען ווערען פון פּאָול זינגער, אלס פּארזיצענדער פון דעם „פאָרשטאנד”, און פון פישער, אלס סעקרעטער.

— פערטיגט שוין אויך צו א פערטע קאָפּיע פאר מיר—האָט זיך אָפּגערופען דעליאָן, און זיין וואונש איז אויך ערפילט געוואָרען. מען האָט אָפּגעמאכט, אז זינגער, פישער, שעוויטש, דעליאָן און איך זאָלען יענעם אָוועגד זיך טרעפען אין א געוויסען קאפע צו סאָפּער און דאָרטען זאָל מען אויפשרייבען און קאָפּירען דעם דאָקומענט.

אין דעם קאפע האָב איך, א חוץ די דערמאָנטע גענאָסען, געפונען א פּאָר אנדערע גענאָסען. ספּעציעל געדענק איך די אנוועזענהייט פון וויקטאָר אדלער. ער האָט דאָרטען מיט מיר לאנג געשמועסט וועגען דער אידישער באוועגונג אין אמעריקא. ער האָט מיר געפּרופט באווייזען אז ער קען ריידען אידיש, און באוויזען האָט ער אז ער קען ניט.

8.

א קבלת־פּנים פאַר ענגעלס׳ן. — די פראַנצויזישע דעלע־גאטען. — איך האלט א פארטראג אין צוריך. — זשיטלאָווסקי. — „פאָרוואוּס”.

דער קאָנגרעס האָט געדויערט א וואָך. די לעצטע פּאָר טעג האָט זיך גענומען הערען אז מען ערוואַרט פרידריך ענגעלס׳ן. ער איז דאן גראָד געווען אין דער שווייץ אויף זומער קוואַרטיר; האָבען די דייטשע גענאָסען איהם געפּרופט צוריידען צו באזוכען דעם קאָנגרעס. צוערשט האָט ער זיך פעסט ענטזאגט. ער האָט ניט געוואָלט האָבען די אָוואציעס, וואָס מען האָט זיך

געקליבען איהם צו מאכען. די דייטשע דעלעגאטען האָבען איהם אָבער געשיקט א שליח נאָך א שליח, ביז ער האָט ענדליך איינגעוויליגט צו קומען דעם לעצטען טאָג פון דעם קאָנגרעס, ווען די ארבייט וועט שוין זיין פארענדיגט.

דעם לעצטען טאָג, אין מיטען פון דער פארמיטאָגדיגער זיצונג, ווען איך בין געשטאנען מיט אימיצען אין א ווינקעל פון דעם זאל און שטיל געשמועסט, האָבען מיר דערהערט א הווישעריי און א גערודער; און באלד האָט אויסגעבראָכען א שטורמדיגער הורא־געשריי. איך גיב א קוק — איך זעה: דער אלטער גרייזער ענגעלס, מיט זיין הויכער פיגור, מיט זיין ווייסער באָרד און מיליטערישע וואָנצעס, שטעהט אין מיטען פלאטפאָרמע. אלע דעלעגאטען האָבען זיך געשטעלט, און מייסטע האָבען געשריען און אפּלאָדירט. איך זאָג „מייסטע”, ווארים די פראנצויזישע דעלעגאטען זיינען געבליבען שטיל; זיי האָבען זיך געשטעלט נים־ווילענדיג און זיי זיינען געשטאנען און געקוקט מיט קאלטע, אונצופרידענע בליקען.

איך האָב אפּלאָדירט און געשריען הורא מיט אלע כחות און פון גאנצען הארצען.

ווען דער הורא האָט אויפגעהערט, האָט ענגעלס געהאלטען א קורצע רעדע אויף דייטש, וועלכע ער האָט דערנאָך אליין איבערזעצט אויף פראנצויזיש און אויף ענגליש.

„די באוועגונג, וועלכע דיזער קאָנגרעס רעפּרעזענטירט, איז א נאטירליכער רעזולטאט פון עקאָנאָמישער און היסטאָרישער ענטוויקלונג, — האָט ער געזאָגט, — מענשען קענען אזא זאך נים שאפען; נאָר אויב עס איז יאָ געווען איין מאן, וואָס האָט געהאָלפען דאָס אלץ אין לעבען צו ברענגען, איז דאָס ע ר!”

דערביי האָט ער מיט׳ן האנט אָנגעוויזען אויף דעם ביוסט פון קארל מארקס.

עס איז ווידער געוואָרען א שטורם פון אפּלאָדיסמענטען.

די פראנצויזען זיינען פון דער גאנצער געשיכטע געווען

אױפגערעגט. װאָרום מאַכט מען גראָד אַן אָװאַציע פאַר פרידריך ענגעלס׳ן, דעם דײטש? זײ האָבן געהאַט אין זינען דעם אײנדרוק, װאָס דאָס װעט מאַכען אין פראַנקרײך. מען װעט דאָרטען זאָגען, אַז דער קאָנגרעס איז אַ דײטשער און אַז די סאָציאַליסטישע באַװעגונג איז אַ דײטשע.

די האַלטונג פון די פראַנצױזען האָט אױף מיר געמאַכט אַ שלעכטען אײנדרוק. עס האָט מיר עראינערט אָן דעם שיקזאַל פון מײַן אידישער רעזאָלוציע אױף דעם בריסעלער קאָנגרעס און אָן דעם שיקזאַל פון דעם ענגלישען פאָרשלאַג, אַז ענגלענדער און פראַנצױזען זאָלען צוזאַמען פאָהרען אױף די שלאַכט־פעלדער פון װאָטערלו. אזעלכע געפיהלען אױף אינטערנאַ־ציאָנאַלע קאָנגרעסען!

דער צוריכער קאָנגרעס האָט זיך געענדיגט מיט אַ באַנקעט. אין מיטען פון אײנעם פון די טישען איז געזעסען ענגעלס, און לעבען איהם עלעאָנאָרא מאַרקס־עװעלינג מיט איהר מאַן, פון אײן זײט און פאָול זינגער, בעבעל און מרס. ליעבקנעכט, דאַכט זיך, פון דער אַנדערער זײט. איך בין צוגעגאַנגען באַגריסען ענגעלס׳ן, מיט׳ן צװעק איהם צו דערמאָנען װעגען דער הקדמה צו מײַן אידישער איבערזעצונג פון דעם קאָמוניסטישען מאַני־פעסט, װעלכע ער האָט מיר צוגעזאָגט מיט צװײ יאָהר צוריק. ער האָט מיך גלײך דערקענט. ער האָט געפרעגט װעגען די אידישע ארבײטער פון אַמעריקאַ. אין דעם מאָמענט אָבער, װען איך האָב זיך געקליבען צו דערמאָנען איהם אָן זײן צוזאָג, האָט בעבעל זיך צו איהם געװענדעט מיט עפּעס אַ באַמערקונג. ער איז פאַרטיפט געװאָרען אין אַ געשפּרעך און שפּאַס מיט בעבעל׳ן און מיט אַנדערע דעלעגאַטען. איך האָב ניט געװאָלט שטערען און „קריכען אין די אױגען״! און מעהר קײן געלעגענהײט מיט איהם צו רײדען האָב איך שױן ניט געהאַט. אזױ האָב איך פון איהם די הקדמה צו דעם קאָמוניסטישען מאַניפעסט קײנמאָל ניט געקראָגען. די איבערזעצונג האָב איך געמאַכט, און זי איז געדרוקט געװאָרען אָהן אַ פאָררעדע.

פרידריך ענגעלס האָט זיך אָפּט קאָרעספּאָנדירט מיט דעם באַקאַנטען דייטשען סאָציאַליסט זאָרגע, וועלכער האָט פילע יאָהרען פאַרבראַכט אין אַמעריקא (ער האָט געוואוינט אין האָבאָקען, ניו דזשוירזי, וואו ער האָט געגעבען לעסאָנס אויף מוזיק. ער איז געווען אַ נאָהענטער פריינד פון קאַרל מאַרקס'ן, און איהם האָט מאַרקס איבערגעגעבען די לייטונג פון דעם ערשטען אינטערנאַציאָנאַל, אין די זעכציגסטע יאָהרען). אין איינעם פון זיינע בריף צו זאָרגע'ן האָט ענגעלס געשריבען וועגען דעם איינדרוק, וואָס איך האָב אויף איהם געמאַכט. נאָך ענגעלס'עס טויט האָט מען אַלע זיינע בריף צו זאָרגע'ן אָפּגעדרוקט אין אַ בוך, און דאָרטען געפינט זיך אויך דער דאָזיגער בריף. עס איז מיר געווען אַנגענעהם צו זעהן, אַז די מיינונג וואָס ער האָט אויסגעדריקט וועגען מיר איז זעהר אַ גינסטיגע.

ווען עס האָט זיך געענדיגט דער קאָנגרעס, בין איך גלייך צוריק ניט געפאָהרען. איך האָב אין צוריך פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג מיט די רוסישע סטודענטען, און מען האָט מיך איינגעלאַדען צו האַלטען אַ לעקטשור (אויף רוסיש) וועגען אונזער באַוועגונג אין אַמעריקא. אויפ'ן מיטינג זיינען געווען אַנוועזענד אַ סך סטודענטען און אויך אייניגע באַקאַנטע רוסישע רעוואָלוציאָנערען. איינער פון די אַנוועזענדע איז געווען וולאַדימיר בורצעוו, וועלכער איז נאָכהער געוואָרען באַריהמט אַלס היסטאָריקער פון דער רוסישער רעוואָלוציע און אויך אַלס „דעטעקטיוו" געגען די רוסישע שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרס.

ווי בורצעוו האָט מיר געזאָגט מיט יאָהרען שפּעטער, איז צווישען די צוהערער פון יענער לעקטשור מיינער אויך אַנוועזענד געווען אַזעוו. די וועלט האָט נאָך דאַן פון איהם ניט געהערט. ווארשיינליך האָבען די רעוואָלוציאָנערען פון איהם נאָך אויך גאַנץ ווייניג געוואוסט. אַז ער וועט באַקומען אַ פאַרשאָלטען־באַריהמטען נאָמען אַלס הויפּט פיהרער פון טעראָריסטען, וועלכער איז צו דער זעלבער צייט אויך געווען דער גרעסטער שפּיאָן געגען זיי — דאָס איז נאָך דאַן געווען איינגעהילט אין די טומאַנען פון דער צוקונפט.

אויף דיזען מיטינג בין איך אויך באקאנט געוואָרען מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי'ן. ווען מיר האָבען זיך צורעדט, האָט זיך ארויסגעצייגט, אז זיין פרוי איז ניט קיין אנדערע ווי די פריצישע טאָכטער, וויערא לאָכאָווא, פון סיוועז, דעם מאַיאָנטעק, וועלכען איך פלעג באזוכען בשעת איך האָב געוואוינט אין וועליזש. זי איז מיט איהם באקאנט געוואָרען אין דעם וויטעב־סקער קרוזשאָק, וואו ער איז געוועזען א פיהרער. דאָס איז געוועזען עטליכע יאָהר נאָך מיין אוועקפאָהרען פון וועליזש. איצט האָבען די זשיטלאָווסקים געוואוינט אין בערן, די הויפּט־שטאָדט פון דער שווייץ. איך האָב מיט איהם אָפּגעמאכט, אז איך וועל אריבערפאָהרען אויף א באזוך צו זיי. זשיטלאָווסקי האָט זיך געלאָזט הערען אלס הויך־געבילדעטער און באלעזענער יונגער מאַן, און מען האָט מיר געזאָגט, אז געוויסע טיילען פון די רוסישע יונגע לייט, וואָס שטודירען אין דער שווייץ, אנערקענען זיין פיהרערשאפט.

אויף יענעם מיטינג האָב איך אויך געמאכט די באקאנטשאפט פון א רוסיש־אידישען רעוואָלוציאָנער מיט'ן נאָמען העלפאנט, א דיקער, שטארק־געבויטער יונגער מאַן, וועלכער האָט געצויגען אויפמערקזאמקייט מיט זיינע פעהיגקייטען אלס דענקער און שרייבער. אונטער דעם נאָמען „פּארוואוס" האָט ער ארויסגע־געבען שריפטען אויף דייטש, דורך וועלכע ער האָט זיך ערוואָרבען א נאָמען אין דער דייטשער באוועגונג.

זשיטלאָווסקי און העלפאנט האָבען ביי מיר געפרעגט וועגען אונזער באוועגונג, און מיר האָבען געהאט א שטיקעל ויכוח וועגען דעם ווי די „ארבייטער צייטונג" ווערט ארויסגעגעבען. זשיטלאָווסקי'ן זיינען מיינע סדרות זעהר ניט געפעלען געוואָרען. עס האָט זיך ענטוויקעלט א שארפע, הגם פריינדליכע, דעבאטע וועגען דעם אייראָפּעאישען זשורנאליזם און דעם אמעריקאנישען. איך האָב אויסגעדריקט די מיינונג, אז די אייראָפּעאישע סאָציא־ליסטישע פּרעסע איז צו „שווער" און צו טרוקען פאר די ארבייטער מאסען, און זיי האָבען אטאקירט דעם אמעריקאנער זשורנאליזם.

9.

בורצעוו. — איך פאָחר אויף „ריגי קולם“. — א וואונדערבארע נאטור־סצענע. — די רייזע קיין פאריז. — א צופעליגע באקאנטשאפט.

א גרופע רוסישע סטודענטען און סטודענטינעס האָבען זיך געקליבען צו פאָהרען אויף „ריגי קולם“ (דאָס הייסט אויס׳ן שפּיץ פון דעם בעריהמטען הויכען שווייצארישען בארג ריגי), פון וואנען מען זעהט א פּרעכטיגען זון־אויפגאנג. מען קלעטערט ארויף אָדער מען פאָהרט ארויף צו דעם העכסטען פּונקט. גאנץ פריה, ווען די זון הויבט זיך אָן צו באווייזען, זעהט מען דאָרטען א וואונדערליכע נאטור־סצענע. דאָס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע בילדער, וואָס רייזענדע זעהען אין דער צווייבערליכער שווייצאריען. די קאָמפּאניע האָט מיך איינגעלאַדען מיטצופאָהרען, און איך האָב די איינלאדונג אָנגענומען מיט פארגעניגען.

צוערשט האָט מען באַדארפט פאָהרען מיט׳ן באהן ביז דער אַלטער שטאָדט לוצערן. ווען מיר זיינען שוין געזעסען אין דעם וואגאָן, און איינינע פון אונזער גרופּע האָבען זיך דורך די אָפענע פענסטער געזעגענט מיט פריינד, האָב איך זיך דערמאָנט אָן א וויכטיגען בריף, וועלכען איך האָב פארגעסען אוועקצושיקען. איך האָב דעם בריף ארויסגענומען פון קעשענע און איהם געהאַלטען אין האנט.

— גיט דאָס מיר, איך וועל אוועקשיקען, — האָט צו מיר געזאָגט א יונגער רוס, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע, לעבען מיין פענסטער. ער איז געווען א בלאָנדער, מיט א קוים שפּראָצענדער בערדעלע, און ער האָט געטראָגען א ווייסע מאַלאָרוסיש־אויסגענעהטע העמדעל.

איך האָב איהם איבערגעגעבען דעם בריף און איהם באַדאנקט. דערביי האָט איינער אונז פאָרגעשטעלט:

— דאָס איז וואָלאָדימיר בורצעוו און דאָס איז אבראם קאהאן, פון אמעריקא.

דעם וואָרט „טאָוואַרישטש“ האָט מען נאָך אויף רוסיש אין דעם זין פון גענאָסע אָדער „חבר“ ניט געברויכט. ריכטיגער געזאָגט, ער האָט ערשט אין יענע פּאָר יאָהר גענומען אַריינקומען אין דער מאָדע. ווען איך האָב דיזען וואָרט געזעהן צום ערשטען מאָל (אין פּלעכאַנאָוו'ס אויבען־דערמאָנטען זשורנאַל „סאָציאַל־רעמאָקראַט“, וואו מען האָט מיר דערמאָנט אַלס „טאָוואַרישטש סאַהאַן“), האָט דאָס מיר געקלונגען ווי ניט קיין געראָטענע איבער־זעצונג פון דייטש.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין לוצערן, האָבען מיר גענומען אַ לאָדקע מיט אַ לאָדאָטשניק, און מיר האָבען זיך אַריבער־געשיפט איבער איינע פון די עטליכע אָזערעס, וועלכע געפינען זיך אין יענעם געגענד. דערנאָך זיינען מיר געגאַנגען צו־פוס אַ פּאָר שטונדען. מיר האָבען שפּאַצירט איבער אינטערעסאַנטע היסטאָרישע פּלעצער. ענדליך זיינען מיר געקומען צו דעם באַרג ריגי. צו־פוס געהן ביז'ן שפּיץ דאַרף געדויערען ביי זיבען, אַכט שטונדען, און אַלע האָבען זיך צוגעגרייט צו דעם שפּאַציר. די רייזע קען מען אָבער אויך מאַכען אויף אַ ספּע־ציעלען אייזענבאַהן. די רעדער פון די וואַגאָנעס זיינען געמאַכט מיט ציינער און די רעלסען זיינען אויך מיט ציינער. אַזאַ באַהן איז דאָן געוועזען אַ זעלטענהייט (היינט זיינען אין דעם זעלבען געגענד שוין פאַראַן דריי אַזעלכע, אויף דריי ריזיגע בערג), און די רייזע גופא מיט דער באַהן האָט געהאַט אַ שם; אַלזאָ, האָב איך געוואָלט דורכמאַכען די ערפאַהרונג. איך האָב זיך געזעגענט מיט דער קאָמפּאַניע און מיר האָבען אָפּגעמאַכט אויף מאָרגען פאַרטאָג זיך צו באַגעגענען אויבען אויפ'ן „קולם“.

דער באַהן איז געגאַנגען פּאַזע אַ טיפען אָפּגרונד. ווען מען פּרופט אַרונטערקוקען, הויבט אָן צו שווינדלען אין קאָפּ. די פּאַסאַזשירען זיינען געוועזען פון פאַרשידענע לענדער און אין מיין וואַגאָן האָבען זיך געהערט פאַרשידענע שפּראַכען.

די רייזע האָט געדויערט אַ פּאָר שטונדען. גאָר אויבען, אויפ'ן „קולם“, געפינט זיך אַ גרויסער האָטעל און דאָרטען האָב איך איבערגענעכטיגט.

ארום פיער אזייגער אין דער פריה האָט מיך אויפגעוועקט א גלאָק. דאָס האָט מען גערופען צו דעם זון־אויפגאנג. א נאָטיץ אויפ'ן וואגט האָט מיר געוואָרענט, אז איך זאָל זיך גוט איינטוליען אין קאָלדרעס, ווייל אויף דרויסען איז אין דער פריה זעהר קאלט. איך האָב אזוי געטאָן, און איך בין ארויס־געלאָפען. אויף דעם העכסטען פונקט איז געשטאנען א פלאַט־פאָרמע. פון דארטען קוקט מען דאָס אויף דעם זון־אויפגאנג. גלייך דערביי איז געשטאנען די קאָמפּאניע, מיט וועלכער איך האָב זיך געזעגענט דעם פאָריגען אָוועגד. זיי זיינען געגאנגען א גאנצע נאכט און זיי האָבען אָקאָרשט דערגרייכט דעם שפּיץ.

עס האָבען זיך אָנגעקליבען נאָך מענשען, אייניגע וואָס האָבען איבערגענעכטיגט אין דעם האָטעל, אזוי ווי איך, און אנדערע וואָס זיינען געקומען צו־פוס, אזוי ווי מיינע פריינד.

עס איז נאָך געווען פינסטער, אָבער באלד האָט זיך גענומען באווייזען א בליאסק אויף טאָג. מיר האָבען געקוקט אראָפּ. אין א גרויסען, גרויסען אָפּגרונד זיינען געלעגען אויסגעשפּרייט עטליכע אָזערעס.

דער ריזיגער טאָל איז ביסלעכווייז אָנגעפילט געוואָרען מיט קאָלירען, אזוי ווי מיט מילך, וואָס איז ערטערווייז באפארבט און ערטערווייז ווי מולינעס. די קאָלירען האָבען זיך געענדערט. עס איז פאָרגעקומען א פארבען־שפּיל, וועלכער האָט ערשטוינט מיין איינבילדונגס־קראפט. אזא מין פראכט, אזא מין גרויסארטיגקייט וואָלט איך זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלען.

די פּאנאָראמא האָט זיך געביטען און געביטען. איך בין געשטאנען ווי א פארגאפטער. ארום מיר האָבען געהילכט אויסגעשרייען פון באוואונדערונג אויף עטליכע שפראכען מיט אמאָל.

פּלוצלונג, פון א ווינקעל פון איינעם פון די ארומיגע בערג, האָט זיך באוויזען די זון. אזוי ווי ארויסגעשפּרונגען איז זי. דער אויסדרוק „צויבער־בילד” ווערט געברויכט אזוי אָפט, אז ער האָט מיר געקלונגען צו וואָכעדיג פאר דיזער סצענע.

צוריק זיינען מיר אַלע געגאַנגען צו־פוס. דיזער שפּאַציר האָט אויך געדויערט ביי אַ דריי שטונדען. אויפ'ן וועג, אויפ'ן מיטען באַרג, האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פּאַרמער און באַשטעלט שוואַרץ־ברויט מיט מילך. קיין אַפּעטיט האָט אונז ניט געפעהלט.

איך האָב זיך געקליבען אַריבערצופאָהרען קיין בערן, אום זיך צו זעהן מיט מאַדאַם זשיטלאָווסקי. איך האָב אָבער ערהאַלטען אַ טעלעגראַמע, אַז איך מוז זיך צוזאַמען מיט מיין קומען קיין פּאַריז און לאָנדאָן, און איך האָב געמוזט גלייך פאָהרען צוריק קיין פּאַריז. פאָלדינג האָט אהין נאָך פריהער אָפּגערייזט.

אויפ'ן צוג האָב איך צווישען די פּאַסאַזשירען דער־הערט אַ רוסישען געשפּרעך. אַ רוסישע דאַמע האָט גע־שמועסט מיט אַ מאַן, וועלכער האָט גערעדט רוסיש מיט אַן אַרמענישען אַקצענט. מיר זיינען באַקאַנט געוואָרען. ווען דער אַרמענער איז אַרויס אין קאָרידאָר, האָט די דאַמע צו מיר געזאָגט:

— איך האָב געהערט ווי איהר האָט זיך געזעגענט מיט אייערע פריינד ביים צוג. פון זייערע ווערטער האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז איהר זייט געווען אַ דעלעגאַט צו דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס. דאָס איז מיר אַנגענעהם געווען צו הערען. איהר פאָהרט קיין פּאַריז און איך פאָהר אויך אהין. אפשר קענט איהר מיך דאָרטען באַקאַנט מאַכען מיט לאַווראָוו'ן?

איהרע ווערטער האָבען מיך צוערשט איבערראַשט, וואָרים זי איז געפאָהרען פון רוסלאַנד (פון טיפליס) און זי האָט דערנאָך באַדאַרפט פאָהרען צוריק קיין רוסלאַנד. וואָרום־זשע זאָגט זי אַ גאַנץ אונבאַקאַנטען מענשען וועגען איהר וואונש צו זעהן זיך מיט לאַווראָוו'ן? אַזאַ אונפאָרזיכטיגקייט איז געווען אַ גאַנץ אונגעוועהנליכע זאַך. איך האָב אָבער געפיהלט, אַז די פרוי איז אַבסאָלוט עהרליך; אַז זי איז פשוט ניט קיין פאָרזיכטיגע.

פילע רוסען זיינען אזוי. צווייטענס, ווייס זי ראָך אז איך בין א קאָנגרעס־דעלעגאַט; אלזאָ, איז זי איבערצייגט אז מען קען מיר געטרויען.

— יאָ, איך בין מיט צוויי יאָהר צוריק מיט איהם באַקאַנט געוואָרען, — האָב איך איהר געענטפערט.

— קענט איהר מיך ארויספיהרען צו איהם? איך האָב צו איהם א בריף פון טיפליס.

באַלד איז צוריק אריין דער ארמענער און זי האָט מיר געגעבען א צייכען, אז פאר איהם דאַרף מען וועגען אזעלכע זאַכען ניט ריידען. ווען ער איז צוריק ארויס אויף א ווײַלע, האָט זי מיר געזאָגט, אז איהר פאָהרען מיט איהם צוזאַמען איז ניט מעהר ווי א צופאַל, הגם אזוי זיך איז ער א גאַנץ עהרליכער מאַן.

ווען מיר זיינען געקומען קיין פאריז, האָבען מיר זיך אַלע דריי אָפּגעשטעלט אין דעם זעלבען האָטעל — אויף „פּלאַס דע לאַ סאָרבאָנן" — ווערכער איז מיר געווען באַקאַנט.

דעם זעלבען טאָג האָב איך איהר אוועקגעפיהרט צו לאַווראָוו'ן. מיט דעם בריף, וואָס זי האָט איהם געבראַכט, האָט ער זיך זעהר דערפרעהט.

10.

ווידער אין פאריז. — לאַווראָוו. — גנאַטאָווסקי. — אין אַטאַמאַביל. — א קליינינגקייט. — אין לאָנדאָן. — א דעבאַטע. — איך פאָהר צוריק אין אמעריקא

איך האָב זיך ווידער געזעהן מיט מיינע ווילנער פריינד: לאַווראָוו'ן באַזוכט צוויי אָדער דריי מאָל. ער האָט מיר ווידער געהייסען קומען ווען מיר איז בעקוועמער, און ניט דווקא דאָנערש־טאָג אָוועגד, זיין באַשטימטע „גאַסט־צייט".

מיט א קורצער צייט פריהער זיינען ערשינען די ערשטע בענדער פון זיין ווערק „אָפּיט איסטאָריאי מיסלי" (א פּראָבע צו שרייבען די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון געדאַנקען).

דאָס איז געווען זיין גרעסטע ווערק, און די בענדער וואָס זיינען דאָן ערשינען, זיינען געווען נאָר אַן אָנהויב. ער האָט געהאַט אין זינען צו שרייבען נאָך עטליכע. ער האָט מיר די געדרוקטע בענדער (צוויי, דאַכט זיך) געגעבען אַ מתנה.

איך האָב זיך ווידער געזעהן מיט מיינע ווילנער פריינד: אַנטאָן גנאַטאָווסקי, שאַרל ראַפּאָפּאָרט, דאַוויד גאָרדאָן (זיין שוועסטער יעווא איז שוין דאַן געווען אין אַמעריקא, וואו זי האָט געהייראַט פיליפּ קראַנץ'ן) און די אַנדערע רוסישע סאָציאַליסטען, מיט וועלכע איך בין אין פּאַריז באַקאַנט געוואָרען מיט צוויי יאָהר פריהער.

אויף דיזען באַזוך מיינעם אין פּאַריז האָב איך צום ערשטען מאָל געזעהן אַן אָטאָמאָביל. דאָס איז געווען אַ גרויסער, פּאַרמאַכטער פּראַכט־וואָגען. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ וואַגאָן. דעם וואָרט „אָטאָמאָביל" האָט מען דאַן אויף ענגליש נאָך ניט געברויכט. אין אַמעריקא זיינען נאָך דאַן קיין אָטאָמאָבילען איבערהויפּט ניט געווען. מען האָט געשריבען וועגען דעם אַלס אַ פראַנצויזישע ערפינדונג, און ווען מען האָט זיי גענומען איינפיהרען, אַ יאָהר שפּעטער, האָט מען זיי צוערשט גערופען „האָרסלעסס קערריעדזשעס" (וועגען אָהן פערד). קינדער פלעגען לאַכען פון זיי און שרייען צום שאָפער: געט ע האָרס! געט ע האָרס! (פּאַרוואָס דינגסטו ניט קיין פערד?)

איינע פון די קלייניגקייטען, וועלכע קומען מיר אַרויף אויפ'ן געדאַנק, ווען איך דערמאָן זיך אָן דיזען וויזיט מיינעם אין פּאַריז, איז פאַרבונדען מיט אַ רוסיש־אידישען רעסטאָראַן אויף אַ געסעל, וועלכע הייסט די פּלאַטערל, לעבען בולוואַר פּאָר ראָיאַל. איך בין אַמאָל אהין געגאַנגען עסען אַ אידישען מאָל־צייט. דער עולם איז באַשטאַנען פון אידישע סטודענטען, און דער גאַנצער גייסט פון דעם פּלאַץ איז געווען אַ אינטעליגענט־אידישער, ניט אויף דעם ניו יאָרקער שטייגער, נאָר אויף דעם היימישען. און אַלץ, וואָס האָט געהאַט דעם טעם פון מיין אַלטער היים, האָט אויף מיר געהאַט אַ מאַגנעטישע ווירקונג.

א אידישע סטודענטקע איז אין דיזען רעסטאָראַן געזעסען און גערעדט צו אַנאַנדער אידישער סטודענטקע, אַ אינגערע פון איהר.

— איהר זייט ניט קיין גוטע, — האָט זי צו איהר געזאָגט, לאַנגזאַם באַוועגענדיג די קאָפּ אַהין און אַהער. דערביי האָט זי די אויגען געהאַלטען האַלב־צוגעמאַכט, מיט אַן אויס־דרוק פון האַלב־שפּאַסיגע, האַלב־ערנסטע מוסר־זאָגעריי.

זי האָט אויף מיר ניט געמאַכט קיין גוטען איינדרוק, אָבער דער גאַנצער טיפּ איהרער איז אַזוי געוועזען דורכגעדרונגען מיט היים, אַז דאָס בילד איז ביי מיר פאַרבליבען אין מוח — איינער פון די טויזענדער ווירקליכקייטס־סקיצען וואָס קלייבען זיך אָן אין אַ זכרון.

מיט גנאַטאָווסקי'ן האָב איך פאַרבראַכט פילע שטונדען.

איך בין אוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן. ווידער רעדעס און לעקטשורס. אויף דיזען באַזוך, אויף מיין רייזע צוריק קיין אַמעריקאַ, האָב איך געהאַט מיין דריטע לאָנדאָנער דעבאַטע מיט אַן אַנאַרכיסט. דיזען מאָל איז מיין געגנער געווען אַן ענגלישער איד מיט'ן נאָמען סעמיועלס, וועלכער האָט פאַרנומען מאָוברי'ס פּלאַץ אַלס די נשמה פון דער דאָרטיגער אַנאַרכיסטי־שער גרופּע. אויף דיזער דעבאַטע איז אַנוועזענד געווען מאַדאַם סטעפּניאַק און דער רוסישער פּאָעט מינסקי, וועלכער איז דאַן געווען אין לאָנדאָן צו־גאַסט און האָט געוואוינט ביי די סטעפּניאַקס.

פאָלדינג איז געקומען. מיר זיינען אוועקגעפאָהרען צוריק קיין אַמעריקאַ. די רייזע האָבען מיר געמאַכט אין צווייטען קלאַס פון אַ דאַמפּפער, וועלכער האָט געהייסען „מאַדזשעסטיק" און איז דאַן געווען דער שנעלסטער אין דער וועלט. ער האָט געהערט צו דער „ווהייט סטאַר ליין", וועלכע האָט איצט אַ שיף מיט דעם זעלבען נאָמען, אָבער אַ פיל גרעסערע.

פאָלדינג איז געווען אַ באַלעזענער מענש און האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט גוטער בעלעטריסטיק און פּאָעזיע.

ער האָט אליין אויפגעשריבען א פּאָר שעהנע ערצעהלונגען. אין מיר איז אין יענער צייט אויך געוואקסען א ספּעציעלער אינטע־רעס פאר ליטעראטור. אלזאָ, האָבען מיר אויפ׳ן שיף א סך גערעדט וועגען דעם ענין. איך האָב איהם געזאָגט וועגען א פּאָר טעמעס, וואָס איך האָב געהאט פאר ערצעהלונגען, און ער האָט מיר געראטען די ערצעהלונגען אויפצושרייבען אויף ענגליש און זיי פּרואווען געבען אן אמעריקאנער זשורנאל.

איך געדענק די שטימונג, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען פאָהרענדיג אהיים. איך האָב זיך געפיהלט גליקליך מיט מיין עפענטליכער ראָלע און גליקליך מיט מיין באגעגעניש מיט די עלטערן. איך האָב זיך גע׳מוסר׳ט: דו דארפסט וויסען ווי צו שעצען דיין גליק. דארפסט זיך האלטען מיט טאקט, האלט איין דיין כעס. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי דיזער גליקליכער לעבען מיינער ווערט פאָרטגעזעצט. אָט וועל איך קומען אהיים אין ניו יאָרק. די גענאָסען וועלען מיך אויפנעמען מיט דער הארציגער פריינדליכקייט, וועלכע זיי ווייזען אימער ארויס צו מיר. איך וועל זיך ווייטער ארייננווארפען אין דער „ארבייטער צייטונג" און אין מיין טעטיגקייט אלס רעדנער און לעקטשורער. די גענאָסען זיינען אזוי גוט צו מיר. אומעטום באגעגענט מען מיך מיט פרייד. וואָס פעהלט מיר?

אָט אין דיזען גייסטיגען צושטאנד האָט מיך די שיף געבראכט קיין ניו יאָרק.

צעהנטער קאַפּיטעל.

אין די יאָהרען פון'ם אַמעריקאַנער קריזיס

1.

רעליעף. — אטאקעס פון אנארכיסטען. — א געשלעג. — אַ קאַמיטע ביים מעיאָר. — קאקסי'ס „ארמיי".

איך האָב זיך אומגעקערט קיין ניו יאָרק אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער. עס איז געווען אַ שעהנער טאָג. אַ היבשע צאָל גענאָסען האָבען מיך ערווארט אויפ'ן „פּיער". נאכדעם ווי מיר האָבען זיך אַלע באגריסט און צוקושט, זאָגט צו מיר אַ גענאָסע מיט'ן נאָמען סטיווען סופער, וועלכער האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם פארוואלטונגס־ראַט פון דער „ארבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאַן": „ביי אונז איז טראָבעל. עס איז פאָרגעקומען אַ צוזאמענשטויס אינווייניג אין אונזער באוועגונג גופא".

אין די דריי־און־א־האלב יאָהר, וואָס די „ארבייטער צייטונג" האָט עקזיסטירט, איז אונזער אינערליכע איינינקייט קיינמאָל ניט געשטערט געוואָרען. די בעסטע געפיהלען האָבען די גענאָסען געהאט איינער צום אנדערען. און פּלוצלונג, נאָר אַ צוזאמענשטויס!

ווענען וואָס עס האָט זיך געהאנדעלט וועלען מיר זעהן שפּעטער. פאָרלויפיג וויל איך נאָר זאָגען, אַז אין דיזען מאָמענט האָב איך די געשיכטע באטראַכט אַלס אַ קליינינקייט. איך האָב געמיינט, אַז עס איז נאָר אַ צייטווייליגע מיספארשטענדניס.

.1893 אב. קאַהאַן אין

פונדעסטוועגען האָב איך געפיהלט אזוי ווי אויף דער זונען־שיין פון מיין שטימונג וואָלט זיך באוויזען א וואָלקען.

דער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער האָט זיך גענומען פיהלען נאָך איידער איך בין אָפּגעפאָהרען קיין יוראָפּ, האָט זיך אין די עטליכע מאָנאט שטארק פארגרעסערט. איך האָב געפונען א שרעקליכע ארבייטסלאָזיגקייט און נויט. די „ארבייטער צייטונג" האָט געדרוקט אויפרופען מיט אזעלכע קעפּלעך ווי „הונגער מהומות אין אידישען קווארטאל; העלפּט! העלפּט!" און ארטיקלען אין וועלכע דער קריזיס איז ערקלערט געוואָרען פון א מארקסיסטישען שטאנדפּונקט.

ווען מיר האָבען געהאלטען ביי דעם גרויסען האָמסטעד סטרייק פון 1892, האָב איך דערמאָנט פּינקערטאָן'ס דעטעקטייוס. איצט, אין 1893, האָט דיזער פּינקערטאָן אין אַן עפענטליכען סטייטמענט דערצעהלט, אַז זיין פירמע איז צוליב דעם קריזיס זעהר ביזי; אַז פילע קאפּיטאליסטען ווענדען זיך צו איהם נאָך דעטעקטיווס זיי צו באשיצען געגען די הונגעריגע. רייכע מענשען זיינען געווען אונרוהיג, נערוועז.

עס פארשטעהט זיך, דאָס איז געווען אַן אדווערטייזמענט. מיט דעם האָט ער געוואָלט איבערשרעקען די רייכע, כדי זיי זאָלען זיך צו איהם ווענדען נאָך דעטעקטיווס. וואָס ער האָט אין דיזער ערקלעהרונג דערצעהלט איז אָבער געווען אמת.

איינציגע פון די מיליאָנערען האָבען ביינעשטייערט צו די הילפס־פאָנדען. קארנעגי, צום ביישפּיל, דער קעניג פון די שטאָל־מאגנאטען, האָט פארשפּראָכען צו געבען אזוי פיל וויפיל אַלע אנדערע פּיטסבורגער קאפּיטאליסטען צוזאַמען יועלען געבען, מיט דער באדינגונג, אַז איהם זאָל ניט קאָסטען מעהר ווי א האַלבע מיליאָן דאָלאר.

די לערזשיסלייטשור פון דעם סטייט ניו יאָרק האָט אָנגע־נומען א באשלוס אַז די רעגירונג זאָל געבען א פערטעל מיליאָן דאָלאר פאר די ארבייטסלאָזע. און די לערזשיסלייטשורס פון אַנדערע סטייטס האָבען געטאָן דאָס זעלבע.

די „פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען“ האָט אָרגאַני־זירט א הילפס־קאָמיטע מיט א הויפט קוואַרטיר, אָדער „רעליעף סטיישאָן“ אין אונזער לייבאָר לייסעאום, 91 דילענסי סטריט, וואו עס האָט זיך געפונען די רעדאקציע פון דער „ארבייטער צייטונג“. דער פּלאַץ איז שטענדיג געווען פול מיט נויט־באדערפטיגע. מען האָט געטיילט שפּייז, אָנגענומען נדבות און אָרגאַניזירט הילפס־ארבייט אין די טענעמענט הייזער.

דער סעקרעטער פון די געווערקשאפטען איז דאן געווען יעקב מילך (פריהער איז געווען בערנארד וויינשטיין), און ער איז געווען דער פּארוואַלטער פון דער רעליעף סטיישאָן. אין דיזער ארבייט האָבען זיך צוזאַמען מיט די געווערקשאפטען באטייליגט די סאָציאליסטישע סעקציעס.

די אנארכיסטען האָבען אָפּגעהאלטען א מאסען־פארזאמלונג, וואו זיי האָבען פארדאמט אונזער גאַנצע רעליעף ארבייט. זיי האָבען געפאָדערט מען זאָל רופען די ארבייטער צו אַן אויפ־שטאַנד. מיט זייער מאסען־פארזאמלונג האָבען זיי זיך ניט באַנוגענט. זיי האָבען אויך ארויסגעלאָזען פּראָקלאָמאציעס מיט ביטערע אטאַקעס אויף אונז.

אין זיין „געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג“ ברענגט הערץ בורגין דעם פאָלגענדען אויסצוג פון דעם שריפט, וואָס די אידישע אנארכיסטען האָבען דאן ארויסגעלאָזען צו די ארבייטסלאָזע פון ניו יאָרק:

„מיר ווילען אין דיזען פלוג־שריפט ניט ריידען פון די קאפּיטאליסטען... מיר ווילען דאָ פארדאמען אונזערע זאָגענאַנטע אמת’ע פריינד, די פאָרשטעהער פון פאָלק, די פּריסטער פון פרייהייט, וואָס האָבען זייער בית המקדש אין 91 דילענסי סטריט; מיר מיינען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען...

„מיר דארפען זיי פארדאמען... מיר מוזען אראָפּרייסען פון זיי די שעהנע מאַסקע, אין וועלכער זיי ציינען זיך פאַר אונז און פאַר דער וועלט... אוועק מיט אזעלכע שווינדלערייען פון דעם סאָציאַלען קאמפּס־פּלאַץ!

„נידער מיט שווינדלער און בודלעריי!“

די אנארכיסטען האָבען געפּרופּט שטערען די מיטינגען, וואָס מען האָט איינבערופען אין די אינטערעסען פון די ארבייטסלאָזע. אויף דעם גרעסטען מיטינג אזעלכען איז צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די אנארכיסטען ארויסגעקומען א געשלעג. אונזערע האָבען אָנגעהויבען צו פּראָטעסטירען געגען זייערען א רעדנער און פון דעם האָט זיך דאָס אָנגעפאַנגען.

דאָס איז געווען דעם 9טען פעברואר, 1894. א גאַנצען טאָג איז געווען א גרויסע דעמאָנסטראַציע פון ארבייטסלאָזע דורך די רייכע גאַסען, און צום ענד פון דער דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען דער מאַס־מיטינג. די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי און די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען זיך באַטייליגט צוזאַמען מיט דער סענטראַל לייבאָר יוניאָן. די פאָלגענדע רעדנער זיינען געווען אַנאָנסירט: פּרעזידענט פון דער אמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, סעמיועל גאָמפּערס, פּרעזידענט פון קאָלאָמביא קאַלעדזש, סעטה לאָו, דעניעל דעליאָן, אב. קאהאן, סטענלי קאָיט און הענרי ווייסמאַן.

דער צוזאַמענשטויס איז ארויסגעקומען איבער הענרי ווייס־מאַנ'ען, א דייטש־אמעריקאַנישער ארבייטער פיהרער, וועלכער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון א רעוואָלוציאָנערען אנארכיסט און פון א רעאַקציאָנערען יוניאָן־פּאָליטישען צו דער זעלבער צייט. ער איז געווען א מאַן פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג, ניט קיין הויכער, מיט א שעהנעם, קלוגען, קיילעכדיגען פּנים, און ער איז געווען א גוטער רעדנער אויף ענגליש, אַזוי גוט ווי אויף דייטש.

מען דאַרף באַמערקען, אַז די רעאַקציאָנערע פיהרערס פון די ענגליש־ריידענדע יוניאָנס פלעגען אין געוויסע פאַלען העלפען די אנארכיסטען אין זייער קאַמף געגען אונז. וואָרים מיר האָבען געפאָדערט אַז ארבייטער זאָלען ניט געהן מיט די קאָרופּטע פּאָליטישענס, נאָר ארבייטען פאַר א זעלבסטשטענדיגער ארבייטער פּארטיי (די סאָציאַליסטישע), און צווישען די רעאַקציאָנערע יוניאָן־פיהרערס האָבען זיך געפונען „מאַכערס“ פון די קאָרופּטע קאַפּיטאַליסטישע פּארטייען. די אנארכיסטען אָבער זיינען

געווען נעגען א פּאָליטישער ארבייטער־פּארטיי. זיי האָבען געשימפּט אויף יעדען סאָרט פּאָליטישע טעטיגקייט; הויפּט־זעכליך אָבער אויף אונזערע; און דאָס איז פאר די אמעריקא־נער יוניאָן פיהרער, וועלכע זיינען געווען פארבונדען מיט קאפּיטאליסטישע פּאָליטיקס, געווען א שטיצע געגען אונזער אגיטאציע. וואָס אנבעטרעפט העגרי ווייסמאַנ׳ען, איז ער געווען, ווי געזאגט, אי אן אנארכיסט, אי א פּאָליטישען פון דעם טאַ־מאני־טיפּ, אזוי ווי די דאָזיגע יוניאָן־פיהרער. ער איז געווען אן אנארכיסט פון דעם זעלבען שניט ווי גארסייד, און ער האָט די אנארכיסטען פארטומעלט די קעפּ נאָך מעהר ווי גארסייד. אלזאָ, האָבען זיי איהם גענומען אונטער זייער פליגעל. ער איז ארויסגעטראָטען געגען אונז. דאָס איז געווען גענוג פאר זיי.

אויף דעם גרויסען מאַס־מיטינג איז ער געקומען ריידען אין דעם נאָמען פון דער סענטראל לייבאָר יוניאָן, וואו ער האָט רעפּרעזענטירט די דייטשע בעקער יוניאָן. ווען ער האָט זיך באוויזען, האָבען עטליכע פון אונזערע גענומען שרייען: „פייקער! בודעל־אנארכיסט! בודלער!״ די אנארכיסטען האָבען איהם פארטיידיגט און ס׳איז געוואָרען א מהומה, אין וועלכער עס זיינען געבראָכען געוואָרען פויסטען.

איך האָב וועגען דעם קריזיס געשריבען ארטיקלען און הילפס־רופען; אויך בילדער און סצענעס. דעם ערשטען יאנואר, 1894, צום ביישפּיל, איז אין דער „ארבייטער־צייטונג״ געווען אָפּגעדרוקט מיינע א שילדערונג פון א „ברעד־ליין״ אויף דער באוערי, וואו א לאנגע שורה מענשען פלעגען אָפּשטעהן פילע שטונדען, ווארטענדיג אויף א שטיקעל ברויט. אויך האָב איך באַשריבען א סצענע ווי עלענדע באָים האָבען זיך געטוליעט איינע צו די אנדערע, ניט האָבענדיג קיין היים און קיין שפּייז.

די נייעס־פּיידזש פון דער „ארבייטער צייטונג״ איז געווען פול מיט דעם קריזיס. איין ארטיקעל אויף אזא פּיידזש האָט געטראָגען א קעפּעל: „דער הונגער וואקסט, די מיליאָנערען זיינען אונרוהיג״.

דאַן איז געווען זעהר טעטיג אַ באַקאַנטער אַמעריקאַנער פּראָטעסטאַנטישער גייסטליכער מיט'ן נאָמען פּארקהוירסט, וועל־כער האָט אַטאַקירט די פּאָליציי און אויפגעוויזען איהר קאָרופּ־ציאָן. אָנגעפאַנגען זיין אַגיטאַציע האָט ער מיט דעם, וואָס ער האָט באַוויזען, אַז זי נעהמט רעגעלע געהאַלט פון אונאַנשטענדיגע הייזער. אַלס רעזולטאַט פון זיינע אונטערזוכונגען זיינען אָפּיציעל באַשולדיגט געוואָרען עטליכע פון די וויכטיגסטע קעפּ־טענס און אינספּעקטאָרס פון דער ניו יאָרקער פּאָליציי. איצט, אין דער צייט פון דעם קריזיס, איז דר. פּארקהוירסט ארויסגע־טראָטען געגען דיסטריקט אַטוירני (פּראָקוראָר) ניקאָלס'ן, פאַר־וואָס ער לייגט אַלץ אָפּ די פּראָצעסען געגען די דאָזיגע כאַבאַרניקעס. אויף דעם האָט ניקאָלס געענטפערט גאַנץ אָפען: „איצט איז ניט די צייט צו שלעפען די פּאָליציי צום געריכט. דאָס וואָלט איהר געמאַכט אַ שלעכטען נאָמען. די לאַנד איז איצט אונרוהיג, און די פּאָליציי האָט צו באַשיצען די קאַפּיטאַ־ליסטען פון אָנגריפען. ווען זי זאָל איצט פארלירען איהר גוטען נאָמען, וואָלט געווען געפעהרליך".

פּארקהויסטס'ס אונטערזוכונגען און אַטאַקעס אויף דער פּאָליציי האָבען איהם געמאַכט פאַר איינעם פון די באַריהמטסטע מענשען אין אַמעריקאַ. מען פלעגט פון זיינע אונטערזוכונגען מאַכען שפּאַס. „חטאים־ראַמער" פלעגט מען איהם רופען. אָבער אין הארצען האָט מען צו איהם געהאַט דעם העכסטען רעספּעקט.

מיר, סאָציאַליסטען, פלעגען אויך חוזק מאַכען פון זיין „חטאים זוכעריי". ער איז אָבער געווען אַ שטרענג־עהרליכער מאַן און זיין קאַמף האָט ער געפיהרט ווייל ער האָט מיט'ן גאַנצען הארצען געהאַסט קאָרופּציאָן. ניט די אונאַנשטענדיגע הייזער זיינען געווען די הויפּט אורזאַכע פון זיין צאָרן, נאָר דער פאַקט אַז די פּאָליציי איז געווען כמעט אַן אָפענע פּאַרט־נערקע אין דיזע ביזנעס.

ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט דער „סוועטינג־סיסטעם" און אין דער באַגלייטונג פון ב. ווײנשטיין, האָט ער באַזוכט איייניגע סוועט־שעפּער. איינמאָל האָט ווײנשטיין איהם

ארויפגעפיהרט צו מיר אין 91 דילענסי סטריט, אין דעם קליינינקען צימערעל, וואו עס איז געווען די רעדאקציע פון דער „ארבייטער צייטונג". מיר האבען זיך צורעדט.

— איך בין ניט קיין סאציאליסט, — האט ער מיר געזאגט,

— אבסאלוט ניט, אבער איך זעה אז איהר זייט ערליכע מענשען און אמת'ע אידעאליסטען, און איך האב אכטונג צו אייך.

די ארבייטער באוועגונג פון ניו יארק האט אויסגעקליבען א קאמיטע צו געהן צום מעיאר, פאדערען אז די שטאדט זאל עפעס טאן פאר די ארבייטסלאזע. דער מעיאר איז דאן געווען א טאמאני מאן מיט'ן נאמען גילראי. די מיטגלידער פון דער קאמיטע זיינען געווען: דזשיימס דיילי, אלס פארשטעהער פון די סענטראל לייבאר יוניאנס; דזשיימס אניעל, אלס פאר־שטעהער פון די „נייטס אוו לייבאר"; דעניעל דעליאן אלס פארשטעהער פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי און איך אלס פארשטעהער פון די אידישע יוניאנס.

אין דעם געשפרעך, וואס מיר האבען געהאט מיט'ן מעיאר, האט דעליאן איהם גענומען באווייזען, אז דער ארבייטער קלאס שאפט אלע רייכטימער פון לאנד. אויף דעם האט גילראי געענטפערט, גאנץ העפליך, אז איצט איז ניט די צייט זיך צו באשעפטיגען מיט אלגעמיינע פאליטיש־עקאנאמישע פראגען; עס האנדעלט זיך וועגען טאן עטוואס פראקטישעס אויפ'ן שטעל. איך האב זיך געטראכט אז דער מעיאר האט רעכט. ער איז טאקע א טאמאני־מאן און דעליאן רעפרעזענטירט טאקע די סאציאליסטישע פארטיי; עס האט אבער פארט ניט קיין זין צו ריידען וועגען דער אונגערעכטיגקייט פון דער קאפיטאליס־טישער סיסטעם ביי אזא געלעגענהייט. צוערשט האב איך דאס ניט ארויסגעזאגט, נאר ארויסגעהענדיג פון סיטי האל, האב איך אויסגעדריקט מיין מיינונג. דעליאן איז געווארען אין כעס. ער האט אבער דאס גלייך פארגלעט און מיר זיינען אריינגעגאנגען עסען לאנטש אין א רעסטאראן (אויף פארק ראו ביי דעם ברוקלין

ברידזש), וועלכער איז דאן געווען גוט באקאנט, אָבער וועלכער עקזיסטירט שוין לאנג ניט.

דער געשפרעך, וואָס איז צווישען אונז פאָרגעקומען, אין דיזען רעסטאָראן, האָט געהאט א ווירקונג אויף מײַנע ווייטערדיגע באציהונגען צו דעליאָנ'ען און דורך דעם צו דער „פּאָבלישינג אססאָסיאיישאָן", וועלכע האָט ארויסגעגעבען די „ארבייטער ציימונג"; אָבער דיזער ענין געהערט צו א ווייטערען קאפיטעל.

יענעם יאָהר האָט אין אמעריקא געקאָכט מיט דער „קאקסי ארמיי". איינער א קאקסי, א פערד־הענדלער פון דער וועסט, האָט גענומען אָרגאניזירען מחנות פון ארבייטסלאָזע מיט'ן צוועק צו מארשירען מיט זיי קיין וואשינגטאָן. זיין ציל איז געווען צו פאָדערען ביים פּרעזידענט און ביים קאָנגרעס, אז זיי זאָלען עפּעס טאָן צו באזייטיגען דעם קריזיס. קאקסי איז געווען העלפט אידעאַליסט און העלפט אוואנטוריסט. ער האָט געגלויבט אין דער „זילבערנער רפואה", וועגען וועלכער איך האָב דערצעהלט אין באצוג צו דעם זומער וואָס איך האָב פארבראכט אין באָסטאָן. „רזשענעראל" קאקסי, ווי מען פלעגט איהם רופען, האָט געהאַלטען פון דער מיינונג, אז ווען זילבערנע מטבעות זאָלען פון דער רעגירונג אנערקענט ווערען אלס ווי־קליכע געלד, פונקט ווי גאָלד, וואָלטען פארמערס באקומען גרעסערע פרייזען פאר זייערע פּראָדוקטען. די געשעפטען וואָלטען פארבעסערט געוואָרען. אויף די פאבריקען וואָלט געווען מעהר ארבייט און דער קריזיס וואָלט אויפגעהערט. דיזען געדאנק האָט ער אויסגעדריקט אין אן אויפרוף וואָס ער האָט ארויסגעלאָזען צו די וואָס האָבען ניט געקענט געפינען קיין ארבייט — אן אויפרוף אז זיי זאָלען זיך ארומזאמלען ארום זיין פאָהן. ער האָט ערקלערט, אז ער וועט אין וואשינגטאָן קומען מיט א ריזיגער „ארמיי פון ארבייטסלאָזע", און די ציימונגען זיינען יעדען טאָג געווען פול מיט איהם.

די צאָל מענשען, וואָס זיינען געקומען צו איהם, איז אָבער געווען א גאנץ קליינע. צוערשט נאָר א פּאָר הונדערט, דערנאָך איז זיין „ארמיי" געוואָרען אביסעל גרעסער; אָבער קיין

באדייטונג האָט זי קיינמאָל ניט באקומען. דער רעזולטאט איז געווען, אַז די צייטונגען האָבען גענומען אָפּלאכען פון איהר און זי איז צוקראָכען געוואָרען. ווען זי איז געקומען קיין וואשינגטאָן, האָט זי געהאט אַ גאַנץ נעבעכדיגען אויסזעהען.

יענעם ווינטער האָב איך געמאַכט אַן אגיטאציאָנס־טור, און אויף דיזער רייזע האָב איך באגעגענט אַ טייל פון דער „קאקסי ארמיי". עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקען אויף איהר.

2.

די „צוקונפט". — מאָרים ווינטשעווסקי. — א. ליעסין. — „באַנטשע שווייג". — אַ לעקטשור־טור. — פרענק געסנער. — „רפאל נעריצך." — דער „אבענד בלאט".

אויף אַ פּארטיי־טאָג, אָדער קאָנווענשאָן, פון אידישע סעקציעס פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי, וועלכע האָט שטאַטגעפונען אין נויארק אין ניי־יאָהר 1894, בין איך איינשטימיג ערוועהלט געוואָרען רעדאקטאָר פון דעם מאָנאַטליכען זשורנאַל „צוקונפט" (צו דער זעלבער צייט בין איך געבליבען רעדאקטאָר פון דער „ארבייטער צייטונג"). דער זשורנאַל האָט ניט געהערט צו דער „פּאָבלישינג אססאָסיאיישאָן", אַזוי ווי די „ארבייטער צייטונג", נאָר צו די אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאציעס; און דער בעל־הבית איז אייגענטליך געווען די קאָנווענשאָן אָדער „פּארטיי־טאָג" פון דער אידישער באוועגונג, וועלכע פלעגט זיך צוזאמענפאָהרען יעדען יאָהר אין אַן אנדער פּלאַץ.

אונטער דער פריהערדיגער רעדאקציע איז די „צוקונפט" ניט געגאַנגען רעגעלמעסיג. געהייסען האָט דאָס מאָנאַטליכער זשורנאַל; ער איז אָבער ארויסגעקומען איין מאָל אין צוויי אָדער זאָגאר דריי מאָנאַט. זינט איך האָב איבערגענומען די רעדאקציע, איז די „צוקונפט" ערשינען פּינקטליך דעם ערשטען פון יעדען מאָנאַט. אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטען די גאַנצע דריי יאָהר,

וואָס איך האָב איהר רעדאַקטירט. איך האָב איהר געפיהרט אַלס אַ מאָנאַט־שריפט פאַר פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען, פּובליציסטיק, ליטעראַטור און ליטעראַרישע קריטיק. איך האָב געפאָדערט פון יעדען אַרטיקעל־שרייבער, אַז ער זאָל האָבען אין זינען אונזערע מאַסען. איך בין געווען איבערציינגט, אַז צו געבען פּאָפּולאַריזאַציעס פון וויסענשאַפט און זעהר פּאָפּולער געשריבענע אַרטיקלען איבער פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגען, איז אונזער וויכטיגסטע פליכט; אַז אין דעם באַשטעהט די וויכטיגסטע טייל פון אונזער אַרבייט.

פון לאָנדאָן האָט קיין אַמעריקא עמיגרירט מאָררים ווינטשעווסקי, וועלכער איז די אידישע סאָציאַליסטען פון אַמעריקא געווען גוט באַקאַנט דורך דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד“. קומענדיג אַהער, האָט ער געשריבען איינינגע אַרטיקלען אין דער „אַרבייטער ציטונג“ און אין דער „צוקונפט“. אין דעם נומער „אַרבייטער צייטונג“ פון פעברואַר 1894 האָט ער אָנגעהויבען צו דרוקען זיינע פעליעטאָנען „די צושלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגענעם פילאָזאָף“, וועלכע האָבען זיך געמאַכט אַ נאָמען צוערשט אויף העברעאיש (ער האָט זיי געשריבען אין אַ העברעאישער צייטונג, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען אין קעניגסבערג, דייטשלאַנד, ביים ענדע פון די זיבעציגסטע יאָהרען), און שפּעטער אויף אידיש אין דעם „אַרבייטער פריינד“.

אַ מאָנאַט שפּעטער האָב איך אין דער „אַרבייטער צייטונג“ פּאַרעפענטליכט אַ ליד „קוקענדיג אויף די שטערן“ פון אַ. ליעסין. דאָס איז געווען זיין ערשטע געדרוקטע ליד. זיין אמת׳ער נאָמען איז אברהם וואַלט. ווען עס איז מיר אָנגעקומען זיין מאַנוסקריפּט און איך האָב אין איהם געזעהן טאַלאַנט, האָב איך די ליד אָנגענומען צום דרוקען. אָבער אַזוי ווי ער האָט נאָך דאַן געוואוינט אין רוסלאַנד, האָב איך געגלויבט, אַז עס וועט זיין פּראַקטישער אונטערצושרייבען אַ פאַרשטעלטען נאָמען. וואַלט איז נאָהענט צו „וואַלד“, און וואַלד איז אויף רוסיש „ליעס“; האָב איך איהם אַ נאָמען געגעבען ליעסין, און אַזוי איז דאָס

פארבליבען אלס זיין „פעדער נאמען". אונטער דיזען נאמען איז ער באריהמט געווארען.

דעם זעלבען ווינטער האט י. ל. פרץ מיר צוגעשיקט פון ווארשע דעם מאנוסקריפט פון זיין „באנטשע שווייג". דער פעליעטאן איז ערשינען אין דער „ארבייטער צייטונג" פון דעם 9טען מארטש, 1894.

אין דעם פריהלינג פון יענעם יאהר האט דער נאציאנאל עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער סאציאליסטישער פארטיי מיך ארויסגעשיקט אויף א לעקטשור טור אויף אידיש און ענגליש. איך האב באזוכט קליוולאנד, פיטסבורג, טאלידא, סט. לואיס און שיקאגא. אויסער שיקאגא און טיילווייז פיטסבורג, זיינען די פארזאמלונגען אראנזשירט געווארען פון די דייטשע גענאסען פון יענע שטעדט, און דאס רוב האב איך זיך מאקע ביי זיי אפגעשטעלט. נעהמען א צימער אין א האטעל איז נאך דאן פאר א סאציאליסטישען רעדנער ניט געווען קיין גאנץ געוועהנליכע זאך.

אין פיטסבורג האבען די אמעריקאנער גענאסען שוין געהאט א ברענטש און א אידישען ברענטש האט דארטען ארגאניזירט דער אויבען־דערמאנטער ס. זוסמאן, וועלכער האט מיט צוויי יאהר פריהער אהין אריבערגעטופט פון ניו יארק. איך האב דארטען געהאלטען צוויי ענגלישע לעקטשורס און צוויי אידישע. דארטען איז דענסמאל אנגעגאנגען א סטרייק פון אידישע ארבייטער, וועלכע זיינען געווען באשעפטיגט ביי „שערוטס" (לאנגע דינע ציגארען). דער פיהרער פון דעם סטרייק איז אויך געווען זוסמאן.

אין פיטסבורג האב איך באזוכט די גרויסע גלאז־פאבריקען, שטאל־פאבריקען און אנדערע אנשטאלטען פון דער אמעריקאנער גרויס־אינדוסטריע. דיזע פעקטארים האב איך דערנאך באשריבען מיט סאציאליסטישע אגיטאציאנס־פרושים אין קארעספאנדענציעס צו דער „ארבייטער צייטונג". איך האב, למשל, ערקלערט ווי מען מאכט גלאז, און דערביי האב איך ארויסגעבראכט דעם

נעדאַנק, אז אַזוי ווי אויף אַזעלכע גרויסע פאַבריקען ארבייטען טויזענדער מענשען אין איינעם, הייסט עס, אז זי, די ארבייט, ווערט געטאָן געזעלשאַפטליך, מיט אַנדערע ווערטער — אויף אַ סאָציאַליסטישען שטייגער; נאָר די פרוכט פון דער ארבייט ווערט פארטיילט ניט סאָציאַליסטיש; אַלזאָ איז דאָס אַ ווידערשפּרוך, וועלכער מוז באַזייטיגט ווערען.

אין פּיטסבורג האָבען מיר דאָן געהאַט אַן אינטערעסאַנטען גענאָסע מיט'ן נאָמען פרענק געסנער, וועלכער האָט געהאַט איינפלוס צווישען די דאָרטיגע אַמעריקאַנער ארבייטער. זיינע עלטערן זיינען געווען דייטשען; ער איז אָבער אויסגעוואַקסען אין אַמעריקאַ. ער האָט גערעדט ווי אַן עכטער אַמעריקאַנער און גוט פארשטאַנען דעם אַמעריקאַנער כאַראַקטער און דעם היגען לעבען אין אַלגעמיין. ער איז דאָן געווען איינער פון די וויכטיגסטע פּערזענליכקייטען אין אונזער אַמעריקאַנער באַוועגונג. זיין פּרנסה האָט ער געצויגען פון אַ שטעלע וואָס ער האָט געהאַט אַלס רעדאַקטאָר פון אַן ענגלישען פאַך־אָרגאַן (פון גלאָז־ארבייטער, דאַכט זיך) אין פּיטסבורג. ער האָט גע־שריבען גוט און גערעדט גוט.

ער האָט דאָס מיך געפיהרט איבער די גרויסע פעקטאָרים. אַזוי ארומגעהענדיג איבער'ן שטאָדט, האָבען מיר געשמועסט וועגען דער באַוועגונג און וועגען פארשידענע אַנדערע ענינים. ער האָט קריטיקירט דעליאָן'ס טאַקטיק. „צו פיל עסיג, צו פיל עסיג!" — האָט ער געזאָגט, קרימענדיג זיך און לאַכענדיג צו דער זעלבער צייט. ער איז געווען אַ געבאָרענער הומאָריסט, און זיין געשפּרעך איז געווען אָנגעפילט מיט אַן אייגענאַרטיגען שפּאַס, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אויף זיין פּנים, אַזוי גוט ווי אין זיינע ווערטער.

— איך האָב דאָס דעליאָנ'ען אַליין געזאָגט, — האָט ער מיר פארטרויט, — עס האָט איהם ניט געשמעקט. כאַ! — כאַ! — כאַ!

אַזוי ריידענדיג צו מיר, האָט געסנער זיך עטליכע מאָל אָפּגעשטעלט, צונעמאַכט איין אויג, און זיך צולאַכט אויפ'ן קול.

אזא געוואוינהייט האט ער געהאט. זיין געלעכטער איז אבער געווען א גוטמוטיגער.

ווען איך האב זיך אומגעקערט פון מיין רייזע, איז פארגע־קומען א ספעציעלער מאסמיטינג, אויף וועלכען איך האב רעפערירט וואס איך האב געזעהן אין דער סאציאליסטישער באוועגונג צווישען די אמעריקאנער. אונזער באוועגונג צווישען די אמעריקאנער איז געווען גאנץ קליין. אונזער פארטיי האט אבער געהאט אן אנהאנג אין עטליכע שטעדט, און אונז האט זיך געדוכט אז דער אנהאנג איז א סך פארשפרעכענדער.

אין יוני, 1894, האט זיך אין דער „ארבייטער צייטונג" אנגעפאנגען מיין ערצעהלונג „ווי אזוי רפאל נאריצך איז געווארען א סאציאליסט". דער הויפט צוועק פון דער מעשה איז געווען סאציאליסטישע פראפאגאנדע. זי האט אבער ענטהאלטען א סך בעלעטריסטיק. זי האט געהאט א גרויסען ערפאלג.

אין דער „ארבייטער צייטונג" פון דעם 27טען יולי, 1894, געפינט זיך אן אנאנס, אין וועלכער עס שטעהען די ווערטער: „א טעגליכע בלאט צו דער ארבייטער צייטונג, איהר נאמען איז „אבענד בלאט".

די אנאנס פארעפענטליכט נאהענט פון א קאלום און עס ווערט ערקלערט די נויטווענדיגקייט צו האבען א טעגליכע סאציאליס־טישע צייטונג און צו באקעמפען די רעאקציאנערע „טעגליכע בלעטער", וועלכע ארבייטען אין די אינטערעסען פון מאכער־מאנטען, טוען שאדען און קאפיטאליסטישע פאליטישע פארטייען. די אנאנסע איז געשריבען געווארען פון מיר, נאכדעם ווי די „ארבייטער צייטונג פארלייגנג אסאסיאיישאן" האט באשלאסען די טעגליכע צייטונג ארויסצוגעבען. דער נאמען „אבענד בלאט" איז אויך געווען מיינער.

אין די ווייטערדיגע נומערן „ארבייטער צייטונג" איז געווען געדרוקט א קופאן און אן אויסרוף וועגען שטיצע צו העלפען גרינדען די נייע צייטונג.

3.

א שטורעמדיגער ארבייטער קאַמף. — יודזשין וו. דעבס. — גאָווערנאָר אַלטגעלט און פרעזידענט קליוולענד. — „רעוואָלוציע"?

אין דעם זומער פון יענעם יאָהר איז די לאַנד אויפגע־שטורעמט געוואָרען פון א גרויסען ארבייטער קאַמף, און דאַן איז צום ערשטען מאָל ארויסגעשוואומען דער נאָמען יודזשין וו. דעבס, וועלכער איז זינט דאַן געוואָרען אזוי פּאָפּולער און באַליבט. די אמעריקאנער אייזענבאַהן ארבייטער זיינען ארויס אין א סטרייק און דעבס איז געווען זייער פּרעזידענט און פיהרער. אין דער „ארבייטער צייטונג" פון דעם 13טען דזשולײַי געפינט זיך זיין פּאָרטרעט פון יענער צייט — א בילד פון א יונגען מאַן.

דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבען אויף די פעקטאָרים פון דער פולמאַן קאָמפּאַני, וועלכע פאבריצירט און פיהרט אַלע שלאָף־וואַ־גאָנען פון אמעריקא. פון דעם האָט ער זיך פארשפּרייט ביי די אייזענבאַהן ארבייטער פון פילע שטאַאַטען. דער מיטעל־פּונקט פון דעם קאַמף איז געווען דער שטאַאַט אילינאָי.

אין דעם זעלבען נומער „ארבייטער צייטונג" פון 13טען דזשולײַי געפינט זיך אן ארטיקעל וועגען די בריף, וואָס גאָווערנאָר אַלטגעלט פון אילינאָי האָט געשריבען צו דעם פּרעזידענט, גראָווער קליוולענד, און וואָס קליוולענד האָט איהם געענטפערט. קליוולענד האָט געשיקט יונייטעד סטייטס סאָלדאַטען צו באַשיצען די סקעבס און זאָגאַר צו פארנעמען דעם פּלאַץ פון די סטרייקערס. אַלטגעלט האָט פּראָטעסטירט. אָט איבער דעם האָבען זיי געהאַט א בריף־וועקסלונג. לויט דער קאָנסטיטושאָן פון די יונייטעד סטייטס טאָר א פּרעזידענט ניט שיקען קיין יונייטעד סטייטס סאָלדאַטען אין קיין סטייט, סיידען דער גאָווערנאָר פון דעם סטייט ווענדעט זיך צו איהם נאָך הילף (יעדער סטייט איז אין אינערליכע אַנגעלעגענהייטען א זעלבסטשטענדיגע מלוכה מיט אן אייגענער ארמעע — די סטייט מיליץ: און כל זמן זי

פיהלט אז זי קען אויסקומען אָהן אויסערליכע הילף, טאָר מען אין איהרע געשעפטען זיך ניט מישען). גאָווערנאָר אַלטגעלט האָט זיך צום פּרעזידענט נאָך מיליטערישע הילף ניט געווענדט. אַלזאָ, האָט ער געפרעגט, מיט וואָס פאר א רעכט דער פּרעזידענט שיקט אין אילינאָי סאָלדאטען פון דער אַלגעמיינער ארמעע.

אויף דעם האָט קליוולענד געענטפערט, אז ער שיקט סאָל־דאטען צו באשיצען די פּאָסט, וועלכע ווערט געפיהרט איבער די אייזענבאהנען, כדי די פּאָסט זאָל קענען געהן רעגעלמעסיג. די פּאָסט געהערט ניט צו יעדען סטייט באזונדער, נאָר צו דער פאראייניגטער רעגירונג פון די יונייטעד סטייטס. אַלזאָ, האָט דאָס כלומרשט געהייסען, אז דער פּרעזידענט מישט זיך גאָרניט אין אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון אילינאָי, נאָר אין אן אנגעלעגענהייט פון דער אַלגעמיינער רעגירונג.

מען האָט צוגעטשעפּעט א פּאָסט־וואַגאָן צו יעדער טריין, צו הונדערטע טריינס, וועלכע פיהרען גאָר קיין פּאָסט־זאַכען קיינמאָל ניט. און מיט דיזען תירוץ האָט מען זיי אַלע באוואכט מיט סאָלדאטען פון דער יונייטעד סטייטס ארמעע.

די „קעפּעל" אויף דעם ארטיקעל אין דער „ארבייטער צייטונג" איז געווען:

„עס שמעקט מיט רעוואָלוציע! פּרעזידענט קליוולענד שיקט יונייטעד סטייטס סאָלדאטען. דאָס צינדט אָן א פייער פון אויפשטאנד ביי די ארבייטער."

„צוועלף טויזענט פינף הונדערט מייל אייזענבאהן שטעהט שטיל. טריינס אויף מיילען די לענג אין פייער".

„דער גאנצער סטייט קאַליפאָרניא אין די הענט פון די סטרייקערס".

„אַלע יוניאָנס ענטפערען מיט א באשלוס וועגען א דזשע־נעראַל סטרייק".

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האָבען אָנגענומען א סימפּאטיע רעזאָלוציע פאר די סטרייקער און עס איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרען א גרויסע דעמאָנסטראַציע. דער זעלבער נומער „ארבייטער צייטונג" האָט א לאנגען לייט־ארטיקעל מיט מיין

אונטערשריפט. די קעפּעל פון דעם לייט־אַרטיקעל איז „רע־וואָלוציע?".

איך פאַנג אָן מיט דער באַמערקונג, אַז אייניגע אַמעריקאַנער צייטונגען רעדען וועגען דעם גרויסען באַהן סטרייק אַלס אַן אמת'ע רעוואָלוציע און אַלס דעם גרעסטען אינערליכען קאַמף זינט דער מלחמה צווישען דער נאָרט און דער סאַוט. איך ערקלעהר, אַז מען דאַרף זיך ניט איילען דאָס אַ נאָמען צו געבען רעוואָלוציע, און אַז אונטער די איצטיגע אומשטענדען איז אַמעריקא אויף אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע ניט פעהיג. דער סטרייק איז אַ שאַרפער קלאַסען־קאַמף, אָבער פאָרלייפיג האָבען די אַמעריקאַנישע מאַסען נאָך קיין שייכות ניט צום סאָציאַליזם. פּריוואַט אייגענטום איז הייליג ביי זיי. אָבער אויב דער איצטיגער קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, זאָג איך, איז אַליין ניט דער אָנהויב פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז ער אַ באַוויז, אַז עס האַלט שוין ניט ווייט דערביי.

מיט דיזען סטרייק האָט געקאָכט די גאַנצע לאַנד. די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען האָבען איהם אָפּגעגעבען פילע קאָלומס, און די „ארבייטער צייטונג" איז נאַטירליך געווען פול מיט איהם. מיר האָבען אויך געדרוקט גרויסע בילדער וועגען דעם סטרייק. איין בילד האָט פאָרגעשטעלט ווי די אַמעריקאַנער אַרטילעריע באַוואַכט אַ באַהן־סטיישאָן; אַנאַנדער בילד — ווי די פּאָליציי שיסט אויף סטרייקערס, אַ דריטע — ווי סאָלדאַטען שיסען אויף סטרייקערס.

מיט דעם נאָמען דעבס האָט געקלונגען. פון סאָציאַליזם האָט דער מאַן, וואָס האָט דיזען נאָמען געטראָגען, נאָך קיין באַגריף ניט געהאַט. ער האָט אָבער אויף אונז געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אמת־עהרליכען און איבער־געבענעם ארבייטער פיהרער. מיר זיינען געווען געוואוינט יעדען אַמעריקאַנער ארבייטער־פיהרער, וואָס ווייזט ניט אַרויס קיין סימפּאַטיע צו אונזער באַוועגונג, צו אַטאַקירען, אָדער ווייניג־סטענס צו צווייפלען אין זיין ערנסטקייט. גאַנץ אַנדערש איז געווען אונזער באַציהונג צו דיזען אַמעריקאַנער ארבייטער־

פיהרער. ער האָט געוואונען אונזער העכסטען רעספעקט. ווען מיר האָבען גערעדט וועגען איהם מיט א פריינדליכען טאָן, איז דאָס ניט געווען דוקא צוליב דעם קאמף, מיט וועלכען ער איז דאן געווען פארבונדען; אזוי האָבען מיר געפיהלט צו איהם פערזענליך אויך. ער האָט זיך געהאלטען מיט א סאָרט מוט, אין וועלכען עס האָט זיך געפיהלט די באגייסטערונג פון א אידעאליסט. מיט זיינע רעדעס האָט ער ביי זיינע צוהערער אָנגעצונדען די הערצער.

אונזער רעספעקט האָט אויך געוואונען גאָווערנאָר אַלטגעלט. מיט זיין פראָטעסט געגען קליוולאנד'ס האלטונג האָט ער זיך ניט באַנוגענט. ער האָט ארויסגעלאָזען אַן אפּיל וועגען שטיצע פאר די סטרייקערס פון דער פולמאַן קאָמפּאַניע. דאָס אַלץ האָט אונז אייגענטליך ניט איבערראשט, וואָרום מיט א יאָהר פריהער, אין רזשון 1893, האָט דער זעלבער גאָווערנאָר אַלטגעלט באפרייט דריי פון די, וואָס זיינען געווען פאראורטיילט אין דעם שיקאַגאָ'ער אנארכיסטען פראָצעס: סעמיועל פיעלדען, מייקעל שוואב און אָסקאר נעבע, וועלכער איז פאראורטיילט געוואָרען אויף 15 יאָהר (זעה באנד צוויי, פיידזש 248—249 און 278—279), ערקלערענדיג דערביי, אז דער אורטייל איז געווען ניט קיין גערעכטער. די אמעריקאנער פּרעסע האָט אַלטגעלט'ן אַטאַקירט.

דאָס איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע מענשען, וואָס האָבען זיך ווען עס איז באוויזען אין דעם עפענטליכען לעבען פון אמעריקא. קיין סאָציאַליסט איז ער ניט געווען. סתם אַן עהרליכער און מוטיגער מאַן. פאר זיינע בראַווע האנדלונגען האָט ער פיל געליטען. ער איז רואינירט געוואָרען.

ווען א מיטגליד פון א אידעאַליסטישער פּאַרטיי אָפּפערט זיך פאר זיין אידעאַל, איז ער א העלד; ווען א מענש קעמפט און אָפּפערט, אליין, אָהן א פּאַרטיי, אָהן דער מאָראַלער שטיצע פון אַן אָרגאַניזאַציע, פשוט ווייל זיינע איבערצייגונגען טרייבען איהם דערצו, איז זיין העלדישקייט א דאָפּעלטע. אזא העלדיש־קייט האָט ארויסגעוויזען אַלטגעלט.

ער איז רואינירט געוואָרען און קיינער האָט אפילו ניט

געוואוסט דערפון. קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט. דיזע מערקווירדיגע פערזענליכקייט איז באַלד פאַרגעסען געוואָרען.

דעם לעזער וועט אינטערעסאַנט זיין צו וויסען, אַז אין אַלטגעלט'ס פריוואַטען לאָאָ אָפּיס האָט דאַן געאַרבייט אַ יונגער לאָיער מיט'ן נאָמען קלאַרענס דאַראָו. דאָס איז דער זעלבער דאַראָו, וועלכער איז היינט, ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, איינער פון די באַריהמטסטע רעדנער און קעמפּער פאַר אמת און יושר אין אַמעריקאַ.

4.

די לעקסאָו־קאָמיטע. — „רויטע ליכט“. — גאָף. — סענאַטאָר רעש. — אינטערעסאַנטע קאַריקאַטורען.

די בירגער פון ניו יאָרק זיינען יענעם זומער געווען פּראַאינטערעסירט אין אַן אונטערזוכונג וועגען דער קאָרופּציאָן פון ניו יאָרקער שטאָדט־בעאַמטע און פּאָליטישענס. אַ קאָמיטע פון דעם אָלבאַנער סענאַט (דער סענאַט פון דעם פּאַרלאַמענט פון דעם ניו יאָרקער שטאַאַט) האָט אין ניו־יאָרק אָנגעפיהרט אַן עפענטליכען פאַרהער, אויף וועלכען מען האָט געבראַכט פילע באַשולדיגטע און עדות געגען זיי. דער פּאָרזיצענדער פון דיזער קאָמיטע איז געווען סענאַטאָר לעקסאָו, און דעריבער איז די קאָמיטע באַקאַנט געוואָרען אַלס „לעקסאָו קאָמיטע“. די מאַיאָ־ריטעט פון דעם סענאַט אין אָלבאַני איז באַשטאַנען פון רעפּוב־ליקאַנער, ווערענד די רעגירונג פון דער שטאָדט ניו יאָרק איז געווען אין די הענט פון די טאַמאַני פּאָליטישענס. האָבען די רעפּובליקאַנער דורך דעם פאַרהער געוואָלט באַווייזען ווי קאָרופּט טאַמאַני איז.

די קאָרופּציע פון דער ניו יאָרקער פּאָליציי איז דאַן ווירקליך דערגאַנגען צו אונגלויבליכע שטופען. אונאַנשטענדיגע הייזער זיינען אומעטום געווען אָפען און די פּאָליציי איז געווען אַ שותף'טע צו די אַלע ביזנעס.

דער עקעלהאַפטסטער געגענד פון שטאָדט איז דאַן געווען עלען סטריט, אין דעם רעכטען מיטען פון דעם אידישען קוואַר־

טאָל. אין די אונאַנשטענדיגע הייזער זיינען ביינאַכט די פענסטער געווען באַלויכטען מיט רויטע לאָמפּען, און פון דאַמאָלסט שטאַמט דאָס דער אויסדרוק דער „רעד לייט דיסטריקט" (דער קוואַרטאַל פון רויטע ליכט). עללען סטריט איז געווען דער צענטער פון דעם דאָזיגען שענדליכען געגענד, און די באַלעבאַטים פון די אונאַנשטענדיגע הייזער און „קאַרעטען", אָדער „אַלפאָנסען", ווי מען רופט די עקעלהאַפטע ברואים, וועלכע לעבען פון דעם שאַנד פון פרויען וואָס זיי פארשקלאַפען, האָבען דאָרטען געוועלטיגט מיט אונבאַשרענקטער מאַכט. עס איז בוכשטעבליך געווען אַ סכנה דורך יענער גאַס דורכצוגעהן. מען פלעגט פשוט כאַפּען מענער אין גאַס און זיי אַריינשלעפּען אין די „רעד לייט" הייזלעך, און אמאָל זיי באַראַבעווען און נאָך שלאָגען אויך. שרייען צו דער פּאָליציי האָט קיין זין ניט געהאַט. ווען אַ פּאָליסמאַן איז אפילו געשטאַנען דערביי, האָט ער זיך אויך ניט געמישט, סיידען ער האָט געהאָלפען דעם קרבן שלאָגען, אָדער ער האָט איהם געשלעפּט אין סטיישאָן־הויז אויף פאַלשע באַשולדיגונגען.

די לעקסאָו־קאָמיטע האָט צו דער אויספאָרשונג גערופען פּאָליציי קאַפּיטאַנען, פּאָליציי אינספּעקטאָרען און פארשידענע אנדערע וויכטיגע בעאַמטע. די ניו יאָרקער צייטונגען זיינען געווען פול מיט באַריכטען און בילדער פון דער אונטערזוכונג. איך האָב ביינעוואוינט פילע זיצונגען פון דער אונטערזוכונג.

דער לאָיער, וועלכען די לעקסאָו קאָמיטע האָט אָנגעשטעלט פאַר איהר פאָרשונג, איז געווען אַ ניו יאָרקער אַדוואָקאַט מיט'ן נאָמען גאָף. ער האָט אויף די זיצונגען פון דעם פאַרהער געשפּילט די ראָלע פון אַ פּראָקוראָר.

איך בין געווען דערביי ווי מען האָט גרויסע פּאָליציי אינספּעקטאָרען געכאַפּט ביי דער האַנט, אַזוי צו זאָגען, מיט באַווייזע, אַז זיי באַקומען רעגעלמעסיגע געהאַלט פון פּראָסטיטוציאָנס־הייזער. גאָף האָט זיי געשטעלט פראַגען, און זיי האָבען זיך געוואָרפען ווי פיש אין אַ נעץ, געלייקענט, ווידערשפּראָכען זיך, געפּלאָנטערט זיך, נערוועז געשטאַמעלט. אַ פּאָר פון זיי האָבען זיך אין אַלץ מודה געווען.

אַ דעמאָקראַטישער סטייט־סענאַטאָר מיט'ן נאָמען רעש, אַ

טאמאני מאן פון דער צווייטער עווענו, איז געבראכט געוואָרען צום שאנד־קלאָץ אלס א לאָיער און כאבאר־מעקלער פון אלע פּראָסטיטוטקעס פון דער באוערי און פון דער צווייטער עווענו. וואָס מעהר ער האָט געפּרופט פאַרענטפערען גאָף'ס באַווייזע געגען איהם, אלץ טיפער איז ער אריינגעפאלען. ער איז פון דעם עדות־שטוהל אראָפּ א רויטער, א צושראָקענער, א נידער־געשלאָגענער. ער האָט קוים געהאט כח ארויסצוגעהן פון זאל.

יענעם נאכמיטאג האָט די „איווונינג וואירלד" געהאט א קאריקאטור־צייכנונג, אויף וועלכער עס איז געווען פאָרגעשטעלט ווי רעש קומט אריין צו א בארבער. ווען ער זעצט זיך אויפ'ן שטול איז ער א שעהנער, געזונטער יונג. ווען ער קריכט אראָפּ פון שטול, איז זיין פּנים אינגאנצען צושניטען, צובלוטיגט. אין דער ראָלע פון דעם בארבער איז אויפ'ן בילד געשטאנען לאָיער גאָף. אונטער דער בילד איז געווען אונטערגעשריבען: „ע קלאָוז שעיוו" (דער בארבער האָט איהם נעבעך צושניטען). עהנליכע קאריקאטורען און באריכטען האָט מען געהאט יעדען טאָג.

איך פלעג דיזע רעש קאריקאטור פאָרשטעלען אויף אונזערע מיטינגען און ווייזען, אז אונטער דער איצטיגער געזעלשאפט איז קאָרופּציאָן א גאנץ נאטירליכע זאך; אז דער סאָרט קאָרופּציאָן, וועלכע לעקסאָו אונטערזוכט, איז א קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט די רויבערייען און אנדערע פאַרברעכענס, דורך וועלכע מען ווערט מיליאָנערען. „די גאנצע קאפּיטאליס־טישע געזעלשאפט דאַרף מען נעהמען צום בארבער!" פלעג איך אויסרופען.

דורך זיין טעטיגקייט ביי דעם לעקסאָו פאַרהער איז גאָף באריהמט געוואָרען און די סיטיזענס יוניאָן (די אָרגאניזאציע פון אנשטענדיגע בירגער, וועלכע האָט באקעמפט טאמאני האָל) האָט איהם ארויסגעשטעלט אלס איהר קאנדידאט אויף „רעקאָרדער", דער העכסטער ריכטער פון דעם קרימינאל געריכט דזשענעראל סעשאָנס. טאמאני האָט אויף דער זעלבער שטעלע ארויסגעשטעלט איהרען א מענשען; ער איז דורכגעפאלען. גאָף איז ערוועהלט געוואָרען.

5.

אן אנארכיסט ערמאָרדעט דעם פראנצויזישען פרעזידענט.— זשאַן זשאָרעס. — יוניאָנס און פּאָליטיק. — פּענטעקאָסט. — ווידער אין וואשינגטאָן. — ביי קוירנעל הינטאָנ׳ען.

מיר האָבען פיל געשריבען וועגען אן אנארכיסטישער סענ־סאציע מיט וועלכער עס האָט געקאָכט פראנקרייך און די גאנצע וועלט. דער פּרעזידענט פון פראנקרייך, קארנאָ (אן אייניקעל פון איינעם פון די וויכטיגע פּערזענליכקייטען פון דער פראנ־צויזישער רעוואָלוציע) איז דערשטאָכען געוואָרען פון א יונגען איטאליענער אנארכיסט מיט׳ן נאָמען סאנטאָ קאזעריא. מיר האָבען געדרוקט קאזעריאָ׳ס בילד און די איינצעלהייטען פון זיין פּראָצעס.

ווען מען האָט קאזעריאָ׳ן פאראורטיילט צום טויט, האָט ער אויסגעשריען: „עס לעבע די אנארכי!״, און ווען מען האָט איהם געלייגט אונטער׳ן מעסער פון דער גילאָטינע, האָט ער אויסגעשריען: „מוט, קאמעראדען! עס לעבע די אנארכי!״ אין אונזערע ארטיקלען האָבען מיר וועגען דעם יונגען מאן גערעדט מיט גרויס רעספּעקט; מיר האָבען אָבער אָנגעוויזען ווי קינדעריש עס איז צו גלויבען, אז דורך דער ערמאָרדונג פון א פּרעזידענט וועט מען נעהנטער ברייננען די באפרייאונג פון דעם ארבייטער קלאַס.

אין פארבינדונג מיט דער זעלבער טרויעריגער געשיכטע האָ־בען מיר פון פּאריז צום ערשטען מאָל דערהערט דעם נאָמען זשאַן זשאָרעס, וועלכער איז שפּעטער ביי סאָציאליסטען און אנדערע פּאָרטגעשריטענע מענשען פון דער וועלט געוואָרען אזוי גרויס און טייער. זיין נאָמען ווערט אין דער „ארבייטער צייטונג״ (אינ׳ם נומער פון דעם 31טען דזשולייי, 1894) דערמאָנט אלס דער נאָמען פון א דעפּוטאט, וועלכער האָט אין דעם פראנ־צויזישען פּארלאמענט גערעדט וועגען דעם אנארכיסטישען טהאט נים אלס באשיצער פון דער רעגירונג, נאָר אלס איהר באקעמפּער.

עס איז נאָך דאן געווען פריש די געשיכטע מיט דעם

באריהמטען פאנאמא קאנאל שווינדעל. פראנקרייך האָט געפּרופט בויען דעם פאנאמא קאנאל צווישען נאָרד־אמעריקא און זיד־אמעריקא, און דיזע ריזיגע אונטערנעהמונג האָט זיך ארויסגעצייגט פאר א ריזיגען נעסט פון גנבות און גרַעפט. אלזאָ, האָט זשאָרעס פארבונדען דעם אנארכיסטישען טהאט מיט דעם פאנאמא שווינדעל.

„רוויבערייען פון דיזען סאָרט זיינען שולדיג אין אזעלכע טהאטען ווי קאזעריאָ'ס, — האָט ער געזאגט, — די קאָרופּציאָן פון קאפּיטאליסטישע הערשער רופט ארויס א פּראָטעסט ביי עהרליכע מענשען; זיי ברענגען זיי צו פארצווייפלונג".

אין אונזער באוועגונג איז דאן פאָרגעקומען א לאנגע דעבאטע איבער דער פראגע, וועלכע איז מיט דרייסיג יאָהר שפּעטער, נעמליך אין 1924, ביי אונז געשטאנען אויף דער טאגעס־אָרדנונג. די פראגע איז געווען: צי זאָל די סאָציאליסטישע פּארטיי געהן צוזאמען מיט א זעלבסטשטענדיגער פּאָליטישער פּארטיי פון די אמעריקאנער יוניאָנס. איך האָב דאן (אין 1894) געשריבען א סעריע פון פיר ארטיקלען וועגען דער פראגע. דער סך הכל פון מיין דאמאָלדיגער מיינונג וועגען דעם ענין באשטעהט אין פאָלגענדען: די פליכט פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי וואָלט געווען יאָ צו געהן האנט אין האנט מיט א פּאָליטישער פּארטיי פון די אמעריקאנער יוניאָנס. דאָס איז אָבער גערעדט דאן ווען די אמעריקאנער יוניאָנס מיינען דאָס ערנסט. ליידער אָבער זיינען זיי צו שטארק פארזונקען אין דער קאפּיטאליסטישער פּאָליטיק, און זייערע פיהרער זיינען אליין בודעל־פּאָליטישענס. יעדעס מאָל, ווען זיי רעדען וועגען אן ארבייטער פּארטיי, מיינען זיי נאָר אויסצונוצען זייער איינפלוס אויף די ארבייטער אום צו קריגען וואוטס פאר די רעפּובליקאנער אָדער דעמאָקראטען, און דורך דעם צו באקומען פּאָליטישע נוצען פאר זיך פערזענליך.

פון דאמאָלס אָן זיינען פאָריבער מעהר ווי דריי צעהנדליג יאָהר. זינט דאן האָבען זיך די אומשטענדען טיילווייז געביטען, אָבער ניט ווי מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט.

א געשיכטע וועלכע האָט אונז סאָציאַליסטען און אַלע אַנדערע ראַדיקאַלען שטאַרק פאַראינטערעסירט, איז געווען פאַרבונדען מיט דעם נאָמען יוהן פענטעקאָסט. דאָס איז געווען אַן אַמעריקאַנער גלח, וועלכער האָט אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר ארויסגעוויזען סימפּאַטיע מיטן אַנאַרכיזם און געהאַלטען לעקטשורס פון אַן אַנאַרכיסטישען כאַראַקטער. ער האָט ניט געפּרעדיגט קיין דירעקטען אויפשטאַנד אָדער געברויך פון גוואַלט, אַזוי ווי יאָהאַן מאָסט. זיין אַנאַרכיזם איז געווען פון דעם „בלויז טעאָרע־טישען" סאָרט.

ער איז געווען רייך פאַרהייראַט. זיין פרוי איז געווען די טאָכטער פון א קאַנאָנען פאַבריקאַנט מיט דעם נאָמען געטלינג (דער ערפינדער פון דעם געטלינג ביקס). מיסעס פענטעקאסט איז געווען א גוטע זינגערין און א שעהנע פרוי און פענטעקאסט אַליין איז אויך געווען שעהן, אי מיט'ן פּנים אי מיט'ן וואוקס. ער איז געווען א גלענצענדער רעדנער, און מיסעס פענטעקאסט פלעגט נאָך יעדער לעקטשור זיינער זינגען. דער זאַל פלעגט אויף יעדער פאַרזאַמלונג זייערער זיין געפּאַקט. אַזוי האָט דאָס אָנגע־האַלטען אונגעפעהר פיר יאָהר. פּלוצלונג האָבען די דאָזיגע לעק־טשורס געסטאָפּט. פענטעקאסט האָט אָנגעהויבען שטודירען לאָא.

דערנאָך, אין דעם יאָהר 1894, ביי וועלכען מיר האַלטען דאָ, האָבען די צייטונגען געדרוקט א סענסאַציאָנעלען באַריכט אַז פענטעקאסט זאָגט זיך אינגאַנצען אָפּ פון זיין אַנאַרכיזם און אַטאַקעט אויף דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און אַז דער דיסטריקט אַטוירני פון ניו יאָרק (קוירנעל פעלאָוס) האָט איהם אַפּוינטעד פאַר איינעם פון זיינע אַסיסטענטס. אין פענטעקאסט'ס נייער ערקלעהרונג, ווי זי איז געווען איבערגעגעבען אין די צייטונ־גען, ווערט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם ארויסגעשטעלט אַלס א גוטע און גערעכטע.

דאָס איז פאַר אונז געווען אַן אונאַנגענעהמע איבעררראַשונג. פענטעקאסט האָט געפּרעדיגט אַנאַרכיסטישע געדאַנקען, ניט אונזערע, אָבער מיר האָבען איהם אַלע געשעצט. איצט אַלזאָ האָט ער זיך איבערגעקעהרט און איז איבערגעגאַנגען צום שונא. מיר האָבען איהם פאַרדאַמט אַלס א פאַררעטער. די פּרעסע, ווידער,

האָט שאַרף קריטיקירט קוירנעל פעלאָוס'ן פאַרוואָס ער נעהמט אזא מענשען אריין צו זיך אין אָפיס.

דערנאָך איז געווען געדרוקט א נאָכריכט אַז פענטעקאסט ענטזאגט זיך פון זיין שטעלע אלס אסיסטענט דיסטריקט אטוירני. מיר האָבען דאָן ערקלעהרט אלס דער רעזולטאט פון די אטאקעס וואָס די קאפּיטאליסטישע צייטונגען האָבען געמאכט אויף קוירנעל פעלאָוס'ן. מיר האָבען געמיינט, אז קוירנעל פעלאָוס צווינגט איהם דאָס צו טאָן. עס האָט זיך אָבער ארויסגעצייגט אז פענטעקאסט אליין האָט זיך צוריקגעצויגען.

ער איז געווען א מענש מיט ניט קיין פעסטען כאראקטער; און דער אמת איז, אז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע פריהער־דיגע מיינונגען אונטער דעם דרוק פון זיין פרוי'ס פאמיליע. אין דער ממשות'דיגקייט פון דעם אנארכיזם האָט ער ווירקליך אָנגע־הויבען צו צווייפלען. אָבער אַז די קאפּיטאליסטישע סיסטעם איז א ריכטיגע און א גערעכטע — אזא מיינונג האָט ער קיין מאָל ניט געהאַט. אלזאָ, ווען עס איז געוואָרען א מהומה און מען האָט איהם ארויסגעשטעלט אלס פאררעטער, האָט ער זיך ענטזאגט פון דער שטעלע וואָס פעלאָוס האָט איהם אָנגעבאָטען.

שפּעטער האָט ער אָנגעהויבען ארויסצייגען אינטערעס אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג. ער איז ניט געוואָרען טעטיג אלס מיטגלידער פון אונזער פּארטיי; ער האָט אָבער מיטגע־האָלפען אין אונזער אגיטאציע און יעדער פון אונז איז געווען איבערצייגט אז ער מיינט דאָס מיט'ן גאנצען הארצען.

יעענם זומער האָב איך ווידער באזוכט וואשינגטאָן. איך האָב געהאלטען א לעקטשור אויף ענגליש און אן אגיטאציאָנס־רעדע (ביי קאָסטאָם־שניידער) אויף אידיש.

אין וואשינגטאָן האָט דאָן געוואוינט קוירנעל הינטאָן, דער ענגלענדער מיט דער לאנגער באָרד און לאנגע האָר, מיט וועלכען איך בין געווען נאָהענט באקאנט דורך אונזער אמעריקאנער סעקציע אין ניו יאָרק. ער האָט געקראָגען א וויכטיגע שטעלע ביי דער רעגירונג; און עס איז געווען דייטליך, אז ער האָט זיך ארויסגעשטעלט אלס א טרייער מיטגליד פון דער דעמאָקראטישער

פּאַרטיי, וועלכע האָט דאָן געהערשט. איך האָב זיך מיט איהם באַגעגענט אויפ׳ן גאַס, און ער איז צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל איהם באַזוכען. דאָס צו טאָן האָב איך געהאַלטען פאַר אַן עבירה. איך האָב איהם באַטראַכט פאַר אַ שטיקעל משומד. אַז ער איז ניט געווען קיין שטרענג פּרינציפּיעלער מענש האָב איך אימער געוואוסט. ער איז אָבער געווען אַ פריינדליכער, אַ וואַרים־הערציגער חבר; קורץ: איך בין באַגאַנגען די עבירה און איהם באַזוכט.

אין ניו יאָרק האָט ער געוואוינט אָרים און איז געווען געקליידט אָרים. דאָ האָט ער פּאַרוואוינט אַ גרויסע שעהנע און שעהן־מעבלירטע הויז מיט דינער און דינסטען. ער און זיין פרוי זיינען געווען גוט געקליידט און צום טיש האָט מען דערלאַנגט אַ גוטע פלאַש וויין.

— אַט אַזוי דאַרף מען וואוינען — האָט ער צו מיר געזאָגט — יעדער מענש וועט אַזוי וואוינען אין אַ סאָציאַליסטי־שער געזעלשאַפט. דאָס איז אַ סעמפּעל פון סאָציאַליזם, וואו אַלע וועלען אַרבייטען ביי דער רעגירונג און יעדער וועט לעבען אַנשטענדיג, בעקוועם און שעהן.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן די רייד פון וואָלטער וורומען, אונזער אַמאָליגען „באָי אָרעיטאָר", וועלכער האָט צו מיר אַמאָל געזאָגט: „איך האָף צו האָבען אַ גרויסען רייכען מאַיאָנטעק מיט אַ סך דינער און דינסטען. איך וועל לעבען ווי אַ מאָנאַרך; בשעת אַ לאַקעי וועט מיר אַרויפציהען די שטיוועל אויף די פיס, וועל איך צו איהם זאָגען: „דו זעהסט? דו ביזט אַ שקלאַף ביי מיר. פאַרוואָס? ווייל איך בין רייך. אַזאַ סיסטעם טויג ניט! זי מוז אָפּגעשאַפט ווערען! פאַרשטעהסט?"

הינטאָן האָט מסתמא געפיהלט אַז אין הארצען לאַך איך פון זיין באַמערקונג; האָט ער געטרייט פאַרריכטען דעם איינדרוק.

— מיינע סאָציאַליסטישע פּרינציפּען בין איך טריי ווי אימער — האָט ער געזאָגט — די רעגירונג ווייס אַז איך בין אַ סאָציאַליסט. זי דאַרף מיר האָבען צוליב מיין קענטניס אין

אירינגיישאַן (ווי אַזוי אויסצוטריקענען זומפּיגע פּלעצער) און פאַר דעם צאָהלט זי מיר. דאָס איז אַלעס.

6.

אין דער „אַרבייטער צייטונג".— סטערעאָפּטישע בילדער.— ש. פּעסקין. — ד. מאַגידאָוו. — ב. גאָרין. — ז. ליבין. — א. קאַספּע. — אַ זאָנדערבאַרער איד. — אַ סאָציאַליסטישער אַלדערמען.

איך האָב פאָרטגעזעצט די סדרות. איך האָב געדרוקט אַרטיקלען איבער דער אידישער אינקוויזיציע און אַנדערע „פּיטשורים". אונטער דעם קעפּעל „כדאי צו וויסען", האָב איך געגעבען אַרטיקלען וועגען טאַבאַק, וועגען גלאָז, וועגען „דעם ערשטען שפּיגעל אויף דער וועלט", און אַנדערע ענינים. מייסטע פון דיזע אַרטיקלען האָב איך געשריבען אַליין. אייניגע האָב איך באַשטעלט ביי מיטאַרבייטער.

צו מיינע עטליכע אונטערשריפטען האָב איך דיזען יאָהר צוגעגעבען נאָך איינעם: בן שלום (מיין פאָטער'ס נאָמען איז געווען שכנא; צו דער ספר תורה אָבער פלעגט מען איהם אויפרופען „ר' שלום"). איך האָב געשריבען אַן אַרטיקעל וועגען דעם ווי מען האָט דערשטיקט דעם רוסישען צאַר פּאַוועל. איך האָב אָנגעהויבען אַ סעריע אונטער דעם נאָמען „קורצע לעקאָנס איבער התחלה סאָציאַליזם".

יענעם יאָהר האָב איך און מיללער איינגעפיהרט לעקטשורס, וואָס זיינען געווען אילוסטרירט מיט „סטערעאָפּטישע בילדער" — בילדער אויף גלעזלעך, וועלכע ווערען שטאַרק פאַרגרעסערט דורך אַ סטערעאָפּטיקאָן.

צו דער „אַרבייטער צייטונג" און „צוקונפט" האָב איך צוגעקראָגען אַלס מיטאַרבייטער ש. פּעסקינ'ען און ד. מאַגידאָוו'ן, וועלכע האָבען אָפט געשריבען פּאָפּולערע אַרטיקלען איבער נאַטור־וויסענשאַפט.

ב. גאָרין פלעגט פאַר אונז שרייבען סקיצען און לעבנערע ערצעהלונגען. פון ז. ליבינ'ען פלעגען מיר באַקומען פעליעטאָנען.

ביסלעכווייז האָט ער אָבער אָנגעהויבען צו שרייבען קורצע ערצעהלונגען, און זיין פּאָפּולאַריטעט איז שנעל געוואַקסען.

א. קאַספּע האָט זיך אומגעקעהרט פון רוסלאַנד, וואו ער האָט געענדיגט דעם נאַטור־וויסענשאַפטליכען פאַקולטעט פון דעם פּעטערסבורגער אוניווערסיטעט. א געוויסע צייט נאָכדעם ווי ער איז געקומען אין ניו יאָרק, האָט ער גענומען שטודירען מעדיצין. איך האָב איהם איינגעלאַדען צו שרייבען פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכע ערקלעהרונגען פאַר דער „צוקונפט". און ער האָט דעם זשורנאַל גענעבען עטליכע אַרטיקלען איבער כעמיע.

ווען איך דערמאָן זיך די אָנשטרענגונגען, וואָס איך האָב דאַן געמאַכט צו פאַרגרעסערען די צאָל מיטאַרבייטער אין דער „אַרבייטער צייטונג" און אין דער „צוקונפט", לעבט פאַר מיר אויף א געשטאַלט פון א אינטעליגענטען רוסישען אידען, וועלכער האָט מיר געבראַכט אַן אַרטיקעל.

איך האָב איהם געטראָפען אַלס שילער אין דער איוונינג סקול. ער איז געווען פון די מיטעלע יאָהרען. געקליידעט איז ער געווען אָרים און ניט צו ציכטיג. זיין רעקעל איז געווען אינגאַנצען באַפלעקט און זיין קראַגען ניט צו ריין. זיין שוואַרצע בערדעל אָבער איז אימער געווען שעהן פאַרקעמט, און די קאָפּ האָט ער געהאַלטען שטאָלץ אויפגעהויבען. איך האָב פון אָנפאַנג געמיינט, אַז ער איז א בעל־גאוה. ער האָט זיך אַזוי באַנומען, אַזוי ווי פאַר אַמעריקאַ וואָלט געווען א כבוד וואָס ער איז געקומען אַהער. און ווען איך האָב איהם דעם ערשטען מאָל געהייסען לעזען, האָט ער דאָס געטאָן מיט אַזאַ מינע, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער לעהרער און איך דער שילער. ווען איך האָב מיט איהם געהאַט א געשפּרעך, האָב איך זיך ערקונדיגט, אַז איך האָב א טעות געהאַט. ער איז געווען א ווייכער, א נידערגעשלאָגענער מענש און זעהר א העפליכער. נאָך צו העפליך איז ער געווען. ער האָט גערעדט רוסיש צו מיר, פלעגט ער זיך אַלע ווייליע א נויג טאָן און זאָגען: „איזוויניטיע, פּאָזשאַלויסטאַ!" (ענטשולדיגט, איך בעט

אב. קאַספּע.

איך). רוסיש האָט ער גערעדט אויסגעצייכענט. זיין „ר״ האָט געקלונגען ווי א „ג״, אזוי איז אָבער זיין אויסשפּראך געווען אַן עכט גרויס־רוסישע.

איינמאָל האָט ער ביי מיר געפרעגט צי איך וואָלט געדרוקט זיינעם אַן ארטיקעל אין דער „ארבייטער צייטונג״. איך האָב געבעטען ער זאָל מיר ווייזען וואָס ער האָט אויפגעשריבען און ער האָט מיר געבראַכט א פעליעטאָן. ווען איך בין געקומען צו זיך אהיים און האָב גענומען לעזען דעם מאַנוסקריפּט, האָב איך זיך צולאַכט אויפ׳ן קול. זיין אידיש איז געווען א קאָמישער מיש־מאַש פון רוסישע אויסדרוקען, ווערטערליך איבערגעזעצט אויף אידיש. איין פראַזע איז אויסגעקומען אין אזא פאָרמע, אַז אויף אידיש האָט זי געהאַט אַן אונאַנשטענדיגען זין. מען האָט אָבער געקענט זעהן אַז אויף רוסיש וואָלט ער געווען ניט קיין שלעכטער שרייבער. ווען איך האָב אין מיינע געדאַנקען איבערזעצט זיין משונה׳דיגען אידיש אויף רוסיש, האָב איך געפיהלט, אַז דער פעליעטאָן ענטהאַלט אין זיך א גאַנץ נישקשה־דיגען הומאָר. איך האָב די שפּראַך אויסגעבעסערט. אין מאַנכע שטעלען האָט דער הומאָר דאַן פאַרלאָרען זיין טעם, וואָרים עס איז געווען פאַרבונדען מיט דער רוסישער שפּראַך. עס איז אָבער דאָך געבליבען א לעזבאַרער ארטיקעל. ווען ער האָט אָבער דערהערט אַז איך האָב געמאַכט ענדערונגען, האָט זיין פּנים אויסגעדריקט שמערצען.

— ביי אונז אין רוסלאַנד פיהרט זיך דאָך ניט אזוי, — האָט ער געזאָגט, עפּעס אזוי ווי א צושראָקענער, און ער האָט זיך צעהן מאָל ענטשולדיגט פאַר מיר פאַרוואָס ער זאָגט דאָס.

— די אידיש איז אָבער קיין אידיש ניט, — האָב איך געענטפערט, — אזוי דרוקען וואָלט געווען אונמעגליך.

— אידיש איז דען אויך א שפּראַך? — האָט ער געזאָגט מיט אַן אונטערטעניגען שמייכעל, — צי דען איז אויף אידיש אויך דאָ „וואָס מען קען״ און „וואָס מען קען ניט״? אבי מען פאַרשטעהט וואָס מען מיינט. דאָס איז אַלץ וואָס מען דאַרף פאָדערען.

עס איז ביי איהם געווען א פראגע פון געוויסען: א מענש מיט זעלבסטווירדע מאר א רעדאקטאר ניט ערלויבען צו ענדערען זיין שפראך. אזא באגריף האט ער געהאט. ער האט געבעטען איך זאל איהם אומקעהרען דעם מאנוסקריפט און ער וועט פּרואווען דאס זעלבע אויפשרייבען אויף גוטע אידיש; און אויב עס וועט אלץ ניט טויגען, זאל איך איהם ווייזען ווי צו פארבעסערען, אבער ער מוז דאס טאן מיט זיינע אייגענע הענט. ער האט מיך פאראינטערעסירט. איך האב געוואלט מיט איהם בעסער באקענט ווערען. אבער מעהר האב איך איהם שוין קיינמאל ניט געזעהן. אן אנדער שילער, וועלכער האט איהם אביסעל געקענט, האט ערקלעהרט, אז ער איז אוועקגעפאהרען אין אנאנדער שטאדט. אין ניו יארק האט ער ניט געקענט קריגען קיין באשעפטיגונג און ער האט פיל געליטען.

אין יענעם יאהר (1894) איז פון רוסלאנד אריבערגעקומען א יונגער מאן מיט'ן נאמען אבראמאוויטש, אן אינטעליגענטער, א סימפאטישער. ער האט אויף אלעמען געמאכט א גוטען איינדרוק. ער האט געהאלטען ביי אונז א לעקטשור אויף רוסיש און ער פלעגט אפט פארברענגען אין לייבאר לייסעאום מיט אונז. דערנאך איז ער אוועקגעפאהרען אין דער וועסט, וואו ער האט געענדערט זיין נאמען אויף לעאנארד. ער האט זיך באזעצט אין מינעאפאלים און איז דארטען געווארען אן איינפלוסרייכער לאיער, און גענומען שפּילען א וויכטיגע ראלע אין דעם אמעריקאנער געזעלשאפטליכען לעבען. אין דער סאָ־ציאליסטישער באוועגונג איז ער אלעמאל געבליבען טעטיג.

דעם זעלבען יאהר האבען די סאציאליסטען געהאט זייער ערשטען זיג ביי די וואהלען. אונזער פארטיי האט עלעקטעד איהרען א מיטגליד, איינעם מעטהיו מעגווייער, אלס אלדערמען אין פעטערסאן, ניו דזשוירזי. ער איז עלעקטעד געווארען מיט 895 שטימען געגען 886. אין יענער צייט איז דאס אבער געווען א גרויסער זיג.

7.

אָפּערא.

אין די פּאָר יאָהר, אויף וועלכע עס באַציהט זיך דיזער קאַפּיטעל, בין איך אָפט געגאַנגען אין דער אָפּערא. זי איז שוין איצט געווען ניט אין דער „אַקאַדעמי אָוו מיוזיק", קאָרנער 14טע סטריט און אירווינג פּלייס, וואו איך האָב צום ערשטען מאָל געהערט פּאַטטי'ן, נאָר אין דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז, וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרען אויף בראָדוויי, צווישען 39טע און 40טע סטריט. פון אייראָפּא זיינען דאַן געקומען עטליכע גרויסע זינגער און זינגערינס. צווישען די ערשטע זיינען געווען דער פּוילישער טענאָר זשאַן דערעזשקע און זיין ברודער, דער באַס, עדוארד דערעזשקע. ביידע זיינען זיי געווען וועלט־באַריהמטהייטען. און זשאַן דערעזשקע איז וואַרשיינליך געווען דער גרעסטער געזאַנג־קינסטלער אין דער וועלט. פון פּאַריז איז אויך געקומען א באַריהמטער באַריטאָן מיט'ן נאָמען לאַססאַל (אייגענטליך האָט זשאַן דערעזשקע אויך געהאַט א באַריטאָן שטימע. ער האָט איהר אָבער „איבערגעבראָכען" אויף א טענאָר). אויך פּלעגט אַריבערקומען דער איטאַליענער טאַמאַניאָ, וועלכען מען רעכענט פאַר איינעם פון די דריי גרעסטע טענאָרען פון אונזער צייט. זשאַן דערעזשקע'ס שטימע איז ניט געווען אַזא שטאַרקע און איינגעאַרטיג־שעהנע ווי טאַמאַניאָ'ס; זי איז אָבער געווען שעהן, און דער עיקר איז געווען ווי אַזוי ער האָט זי געברויכט. ער איז געווען א קינסטלער דורך און דורך. אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר איז ער געווען די צענטער־פיגור פון דער ניו יאָרקער אָפּערא.

פון פּאַריז איז אויך געקומען עמא קאַלווע, א מעצאָ־סאָפּראַנאָ זינגערין, וועלכע האָט זיך הויפּטזעכליך באַריהמט געמאַכט אין דער הויפּט ראָלע פון דער אָפּערא „קאַרמען", און די איטאַליענישע זינגערין סקאַלכי, וועלכע האָט געהאַט די שעהנסטע און רייכסטע קאָנטראַלטאָ אין דער וועלט.

די אויסטראַלישע זינגערין מעלבא האָט זיך דאַן געפונען

אויף דער העכסטער שטופע פון איהר קאריערע. פאטטי איז שוין ניט געווען יונג, און מעלבא איז דאן געווען די קעניגין פון דער וועלט־אָפּערא, און זי האָט עטליכע סיזאָנס געזונגען אין דער מעטראָפּאָליטאַן. נאָרדיקא, אויך א באריהמטע סאָפּראַנא, האָט אויך אנטייל גענומען. צו זיי דאַרף מען צורעכענען די פוילישע זינגערין, מאדאם זעמבריך. מיט איינינגע יאָהר פריהער האָט מען איהר גערעכענט פאר דער שעהנסטער קאָלאָראַטור־סאָפּראַנאָ נעקסט צו פאטטי'ן; איצט, שוין אין די ווייטערע מיטעלע יאָהרען, איז זי נאָך אלץ געווען א וואונדערבארע זינגערין.

אמעריקא גופא האָט געהאט א וואונדערליכע זינגערין, מיט איינער פון די שעהנסטע און אייגענארטיגסטע שטימען אין דער וועלט. עמא אימס האָט זי געהייסען. איהר שטימע פלעגט מיך באצויבערען, הויפּטזעכליך אין דער ראָלע פון מיכאעלא, אין „קארמען".

דאָס איז ווירקליך געווען א מערקווירדיגע קאָמפּאַניע. אזא גרויסע צאָל וואונדערבארע זינגער מיט אמאָל האָט די ניו יאָרקער אָפּערא אין די שפּעטערע יאָהרען קיינמאָל ניט געהאט. זי האָט געהאט א קארוזאָ און איינינגע אנדערע גלענצענדע ארטיסטען. אָבער אזוי פיל מוזיקאלישע זעלטענהייטען אין איין קאָמפּאַניע — קיינמאָל ניט.

דורך דיזער קאָמפּאַניע איז ניו יאָרק אזוי ווי פּלוצלונג געוואָרען א מוזיקאלישע שטאָדט. דאָס האָט זיך ספּעציעל געפיהלט צווישען דייטשען, אידען און איטאליענער (די לעצטע האָבען דאן אָנגעהויבען צו פאָהרען קיין אמעריקא אין גרויסע צאָלען). אָרימע לייט האָבען אָפּגעשפּאָרט פון עסען צו קויפען א טיקעט פאר דער אָפּערא. דאָס איז געווען אין דער העכסטער צייט פון דעם קריזיס, ווען מאַסען מענשען האָבען ניט געהאט קיין באשעפטיגונג. איך האָב געוואוסט פון אידען מנגנים וואָס האָבען פארזעצט עפּעס, אום צו געהן הערען די דרעזשקעס און מעלבא.

איך האָב מיין באגייסטערונג פאר דער אָפּערא געהאט צו פארדאנקען מיין פרוי. פון מיין פאָטער האָב איך גע'ירש'ענט

א ליידענשאַפטליכע ליבע צו מוזיק. איך האָב א גוטען אויער. און א שעהנער נגון, א געראָטענער כאָר־געזאַנג, אָדער אָרקעסטער מוזיק האָט אויף מיר א באַזונדערע ווירקונג. מיין מוזיקאַלישקייט איז אָבער ניט קיין ענטוויקעלטע. אין דיזער הינזיכט שטעהט מיין פרוי א סך העכער פון מיר. זי ווייס מעהר און פארשטעהט טיפער. זי האָט א געבאָרענעם מוזיק־חוש פון א הויכען גראַד, און זי האָט אימער נאָכגעפאָלגט כמעט אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מוזיקאַלישער וועלט — אין דער אָפּערא, אין די קאָנצערט־זאַלען און כמעט אַלץ וואָס די בעסטע קריטיקער האָבען געשריבען וועגען דעם. זי האָט א פיינעם, אינטעליגענטען געשמאַק און מבינות. די בעסערע מוזיק איז א מין רעליגיאָן ביי איהר, און זי געהט צו אן אָפּערא אָדער צו א קאָנצערט אזוי ווי א באַגייסטערטע רעליגיעזער מענש געהט אין שוהל אָדער אין קירכע.

פון די אָפּעראס, וועלכע מיר האָבען יענע יאָהרען געהערט, איז מיר אַמשטאַרקסטען געפעלען געווען „פאַוסט", „קאַרמען" און „קאַוואַלעריא רוסטיקאַנא", וועלכע איז נאָך דאַן געווען א נייע ווערק.

ווען איך האָב געהערט די אינטערמעצצא פון „קאַוואַלעריא רוסטיקאַנא", האָב איך געגלויבט, אַז דאָס איז דער נגון, מיט וועלכען מיך האָט באַצויבערט א קאַטערינקע בשעת איך בין נעגאַנגען פאַרקויפען הארטמאַן'ס עלעקטרישע סקאַרף־פּינס. דאָס איז געווען א מיסטייק, און איך האָב זיך מיט איהם אַרומגעטראָגען ביז דיזען יאָהר, ווען איך האָב זיך אָנגעפרעגט ביי מיין איטאַליענישען גע־נאָסע סאַטשערדאָטי, אין מילאַן. ער האָט געמאַכט אן אונטערזוכונג, און אַלטע מוזיק־קענער האָבען איהם ערקלעהרט, אַז כ'האָב פון דער קאַטערינקע מסתמא געהערט א געוויסען אַנדערען נגון, צו וועלכען די אינטערמעצצא איז אביסעל עהנליך.

עלפטער קאפיטעל.

„דעליאָניזם"

1.

צוזאמענשטוים אין דער „אסאָסיאיישאָן". — לואי מילער. — דעליאָן. — ווי אזוי ווענען דעם סכסוך ווערט דערצעהלט אין בורגינ'ס „געשיכטע".

דעליאָן'ס איינפלוס אין דער סאָציאליסטישער ארבייטער פארטיי איז שנעל געוואקסען. עטליכע מאָנאט נאָך אונזער אומקעהרען זיך פון דעם צוריכער קאָנגרעס, איז ער שוין געווען א פאָלשטענדיגער הערשער איבער איהר.

וואָס מעהר מאכט ער האָט באקומען, אלץ דייטליכער איז פאר איינינע פון אונז געוואָרען, אז דאָס איז זעהר א שעדליכע מאכט. און ווי מיר וועלען זעהן, האָט די צוקונפט דיזע מיינונג פאָלשטענדיג באשטעטיגט.

איך רייד דאָ ניט בלויז וועגען דער אידישער אפטיילונג פון דער באוועגונג, נאָר וועגען דער גאנצער פארטיי.

אין דער „ארבייטער צייטונג פאבלישינג אססאָסיאיישאָן" האָט זיך גראָד דאַן ענטוויקעלט א צוזאמענשטויס, וועלכער האָט איהר צוטיילט אויף צוויי פיינדליכע צדדים: דער צד פון דעם פארוואלטונגס־ראט און א צד, וועלכער האָט איהם באקעמפט. דער אָנפיהרער פון דעם צווייטען לאגער איז געווען לואי מיללער.

דער סכסוך איז ארויסגעקומען ווען איך בין געווען אין יוראָפּ, און פון אָנפאנג האָט ער געהאט א פערזענליכען כאראק־

דעניעל דע־ליאָן. — פֿאָטאָגראַפֿירט אין 1895.

טער. ער האָט אָבער באַלד באַקומען אַ פּרינציפּיעלען כאַראַקטער אויך. דאָך, ווען ער וואָלט געווען באַשרענקט אויף דער אידישער באַוועגונג, וואָלט מען איהם געקענט אויסגלייכען. מיללער האָט געפאָדערט געוויסע רעפאָרמען. זיין פאָדערונג איז געווען אַ גערעכטע, און ווי ווייט עס איז געווען פּראַקטיש, וואָלט מען איהר פריהער־שפּעטער דורכגעפיהרט. וואָס אַנבאַטרעפט פּער־זענליכע אונפריינדליכקייטען, וואָלטען זיי געקענט „אויסגע־פּרעסט" ווערען. אָבער גראָד איז צו דער זעלבער צייט אַרויס־געקומען אַ ביטערער סכסוך אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי, צוליב דעליאָנ'ען. דאָס — טיילווייז דורך מיין שייכות צו דעם אַנטי־דעליאָן קאַמף אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי — איז צוזאַמענגעבונדען געוואָרען מיט די צווייסטיגקייטען אין דער „ארבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַססאָסיאיישאָן", און אונזער פאַמיליען־פרידען אין אידישען קוואַרטאַל האָט געהאַט־דעמזעלבען טרויעריגען שיקזאַל ווי דער פרידען אין דער גאַנצער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג. דעליאָן האָט אַריינגעבראַכט אַ גייסט פון אינערליכע צאַנקעריי, וועלכע האָט אויף דער באַוועגונג געווירקט ווי שווינדזוכט.

פון אָנפאַנג איז דער טראָבעל אין דער „אַססאָסיאיישאָן" געווען אַ ריין־לאָקאַלע זאַך. מיט דעם דעליאָן־גייסט האָט ער ניט געהאַט צו טאָן. דיזער לאָקאַלער טראָבעל איז אָבער באַלד צונויפגעפלאָנטערט געוואָרען מיט דער גאַנצער דעליאָן טאַקטיק.

דער פאַרוואַלטונגס־ראַט, דאָס הייסט אייגענטליך אַלע איינפלוסרייכע מיטגלידער פון דער אַססאָסיאיישאָן, האָט זיך געשטעלט אויף דעליאָן'ס זייט.

אין געוויסע וויכטיגע מאָמענטען פון דעם צוזאַמענשטויס האָט זיך טיילווייז געהאַנדעלט וועגען מיר. איך גלויב דעריבער, אַז דאָס בעסטע וועט זיין ווען איך וועל צוערשט איבערגעבען וואָס עס געפינט זיך וועגען דעם ענין אין בורגין'ס „געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג", און דאַן ערשט זאָל דער לעזער הערען וואָס איך האָב צו דערצעהלען וועגען דער געשיכטע.

פאַרשענדיג די אנגעלעגענהייט האָט בורגין אויסגעהערט ביידע צדדים און אויך זייטיגע בעאָבאַכטער. ניט מיט אַלץ, וואָס ער זאָגט, בין איך איינפארשטאַנען, און אין זיין באריכט פעהלען וויכטיגע מאָמענטען. אָבער ווי ווייט ער האָט באַקומען די פאַקטען, גיט ער זיי איבער אבסאָלוט אונפּארטייאיש. פאַר דעם, וואָס אינטערעסירט זיך מיט יענע עטליכע יאָהר פון אונזער באַוועגונג און מיט די אומשטענדען, וואָס האָבען געפיהרט צו דער גרינדונג פון דעם „פאָרווערטס“, איז זיין נוסח אַ וויכטיגער ביטראַג. און דאָס זעלבע קען מען, אין אַלגעמיין, זאָגען וועגען זיין גאַנצען ווערק.

אויף פּיידזש 373 (און ווייטער) לעזען מיר דאָס פאָלגענדע:

„צוליב פאַרשידענע אורזאַכען, מייסטענס פּערזענליכע, זיינען ענטשטאַנען מיספאַרשטענדניסע צווישען מאַנכע פיהרער פון דער פּאָבלישינג אַססאָסיאיישאָן און דער רעדאַקציע, און נאָך שפּעטער האָבען זיך אין דער פּאָבלישינג אַססאָסיאיישאָן אָנגעפאַנגען מחלוקות צווישען די אָנהענגער פון דעם פּראָוואַלטונגס־ראַט און אַנדערע מעמבערס פון דער אַססאָסיאיישאָן.

„די פראַגע איז געווען צו באַקעמפּפען דעם גאָמפּערסיזם (דאָס הייסט, דעם קאָנסערוואַטיווען גייסט פון די אַמעריקאַנער יוניאָנס אויף ווי ווייט ער האָט זיך געפיהלט אין די אידישע יוניאָנס). דער פּראָוואַלטונגס־ראַט האָט זיך גיכער געהאַלטען ביי דער מיינונג, אַז מען מוז באַקעמפּפען יעדע יוניאָן, אין וועלכער עס הערשט דער גאָמפּערס־גייסט, און אַלס אַן אָרגאַני־זירטע גרופּע פלעגט דער פּראָוואַלטונגס־ראַט קענען דורכפיהרען דיזע ריכטונג. ער האָט, צום ביישפּיל, געפאָדערט פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען זי זאָל נעמען אַ שטרענ־גערע שטעלונג צו די ניט־סאָציאַליסטישע יוניאָנס. די געגנער, ווידער, וועלכע זיינען ניט געווען איינפאַרשטאַנען מיט אַזאַ יוניאָן טאַקטיק, האָבען באַשולדיגט דעם פּראָוואַלטונגס־ראַט אַז ער נוצט אויס זיין מאַכט פאַר שמאָלע פּאַרטייאישע אינטערעסען און שטערט די אינטערעסען פון דער באַוועגונג“.

ווייטער דערצעהלט בורגין וועגען דעם צוזאַמענשטויס

צווישען לואי מיללער'ן און דעם פארוואלטונגס־ראט.

„מיללער איז דאן געווען אן אויסגעשטודירטער לאָיער און אלס אזעלכער האָט ער געהאט א לאָא אָפיס. אלזאָ, האָט א געוויסע אידישע יוניאָן פון ברוקלין אריינגעשיקט אין דער „ארבייטער צייטונג" א באשלוס צו פראָטעסטירען פארוואָס ער פארנאכלעסיגט זייערע א קיים. דער נאָטיץ איז געווען אָפּגע־דרוקט אין דער „ארבייטער צייטונג". מיללער האָט אויפגע־שריבען אן ערקלעהרונג פון זיין צד, דער פארוואלטונגס־ראט האָט דאן אויך אריינגעשטעלט אן ערקלערונג; אָבער אויף מיללער'ס פארלאנג האָט דער דאמאָלסדיגער געשעפטס־פיהרער פון דער „ארבייטער צייטונג", א. אָרטמאן, דעם נאָטיץ ארויס־גענומען פון דעם זאץ איידער ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרען. דאן האָט דער פארוואלטונגס־ראט געשיקט איינעם פון זיינע מיטגלידער אין דרוק און ער האָט די ערקלערונג צוריק אריינגעשטעלט. אָט איבער דעם האָט זיך אָנגעפאנגען א גאנצע מהומה צווישען די אָנהענגער פון פארוואלטונגס־ראט און זיינע געגנער*).

אונטער דעם איבערשריפט „דעניעל דעליאָן'ס טאקטיק און קאמפּס־מעטאָדען", שרייבט בורגין:

„ווי מיר האָבען אין א פריהערדיגען קאפּיטעל דערמאָנט, זיינען שוין מאנכע אידישע מיטגלידער פון דער סאָציאליסטישער ארבייטער פּארטיי געווען אונצופרידען מיט'ן וואוקס פון דעליאָן'ס איינפלוס אין דער פארטיי. דעליאָן איז, לויט זיין כאראקטער, געווען א מאן מיט אן אונבויגזאמע פאנאטישע נאטור. לויט זיין באגריף מוז א יוניאָן זיין סאָציאליסטיש, א ניט, דארף זי גאָרניט עקזיסטירען; אן איינצעלנער מענש קען, לויט זיינע באגריפען זיין ענטוועדער א סאָציאליסט אָדער א פּייקער; די אָדער יענע פּערזאָן קען זיין אָדער מיט איהם אָדער געגען

*) דיזע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער, ווען איך בין געווען אין יוראָפּ. אָט דאָס האָט דער דערמאָנטער סטיווען קופּער גע־מיינט ווען ער איז געקומען מיך אָפּנעהמען פון שיף און מיר איינ־געראַמט אַ סוד אז „ביי אונז איז טראָבעל" (זעה אָנפאַנג פון דעם צעהנטען קאַפּיטעל, פון דיזען באַנד).

איהם. קיין מיטעלפונקט אנערקענט דעליאָן ניט. אגב איז ער געווען פארהעלטניסמעסיג אַ נייער אין דעם סאָציאַליסטישען לאַגער און ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט פאַנאַטיזמוס פון אַן אָקאָרשט איבערגעקעהרטען.

„זיין שטעלונג צו די ניט סאָציאַליסטישע יוניאָנס איז געווען זעהר אַ פיינדליכע. די אידישע טעאָרעטישע פיהרער פון דער באַוועגונג האָבען גענומען איינזעהען, אַז מיט אַזאַ פּאָליטיק קען מען אָפּטרייבען די מאַסען פון סאָציאַליזם. זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז אויב זיי זאָלען זיך אימער האַלטען פאַר דיזער פּאָליטיק, וועלען זיי קיינמאָל ניט דערנעהנטערען די אידישע באַוועגונג צו דער אַמעריקאַנישער ארביימער באַוועגונג. זיי האָבען ניט געוואָלט נאָכגעהן נאָך דעליאָנ'ען, וועלכער האָט אָבער געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויפ'ן פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער פּאָבלישינג אַססאָסיאיישאָן.

„איבערהויפּט זיינען מיט דיזער פּאָליטיק געווען אונצופרידען די סעקציאָנען פון די פּראָווינציעלע שטעדט. אין ניו יאָרק האָט מען נאָך צווישען ארבייטער געקענט געפינען גענוג סאָציאַליסטיש געזאָנענע אויף צו גרינדען אַ האַלב־סאָציאַליסטישע יוניאָן. אין די פּראָווינציעלע שטעדט איז אָבער געווען שווערער צו געפינען אַזעלכע ארבייטער. דאָס רוב ארבייטער זיינען נאָך געווען „דייטשע“ מענשען, וואָס מען האָט נאָך געדאַרפט אגיטירען, ערקלערען זיי די נויטווענדיגקייט פון אַ יוניאָן. און צוליב דער פיינדליכער שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי האָבען די סאָציאַליסטען קיין צוטריט ניט געהאַט צו די ארבייטער.

„אַלע דיזע טענות און קריוודעס זיינען פאָרגעבראַכט געוואָרען פאַר דעם אידישען פּאַרטיי־טאָג (צוזאַמענפאָהר) אין ניוארק, ניו דזשוירזי, דעם 30טען און 31טען דעצעמבער 1893 און דעם ערשטען יאַנואַר 1894.

„אויפ'ן פּאַרטיי טאָג זיינען די מחלוקות, וואָס האָבען ביז אהער געטליעט אין געהיים, ארויסגעטראָטען אָפען. מילער און אנדערע האָבען באַשולדיגט די פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן אין אַ פאַרזוך אוועקצו'גנב'ענען די צייטונג פון די אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע האָבען איהר געגרינדעט מיט זייערע ביימרעגע.

„ווי מיר ווייסען שוין, איז דאָרטען צווישען אנדערע פראגען פארהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען דער שטעלונג צו יוניאָנס אָון אויך באציהונגען אין דער פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן. וועגען דער יוניאָן פראגע איז באשלאָסען געווארען גוטצוהייסען די רעזאָלוציאָן, וואָס איז געפּאסט געוואָרען אויף א פריהערדיגען פּארטיי־טאָג (אז מיטגלידער פון סעקציאָנען מוזען באלאנגען צו זייערע יוניאָנס).

„די הויפּט דעבאטע האָט ארויסגערופען די פראגע וועגען די באציהונגען אין דער פּאָבלישינג אכאָסיאיישאָן. די אָנקלאגע געגען דעם פארוואלטונגס־ראט האָט געפיהרט ל. מילער. צום ערשטען מאָל איז ער ארויסגעטראָטען מיט דער עפענטליכער באשולדיגונג, אז דער פארוואלטונגס ראט און זיינע אָנהענגער זיינען א קליקע. אלס א באווייז האָט ער געבראכט דעם פאקט, אז דער פארוואל־טונגס ראט האָט זיך ענטזאגט צו געבען א גענויעם באריכט וועגען דעם פינאנציעלען צושטאנד פון דער צייטונג.

„דער פארוואלטונגס ראט האָט זיך פארענטפערט, אז ער האָט דאָס ניט געטאָן, ווייל די פארעפענטליכונג פון אזא באריכט וואָלט געשעדיגט די געשעפטען פון דער צייטונג.

„צווישען אנדערע האָט די קאָנווענשאָן, נאָך היציגע דעבא־טען, געפּאסט די פאָלגענדע רעזאָלוציאָן:

„אין אָנבאטראכט דאָס די פּראקטישע עקזעקוטיוו ארבייט אין דער אידישער באוועגונג אין ניו יאָרק ליגט, דורך געוויסע פארהעלטניסע, אין די הענט פון בלויז עטליכע גענאָסען, רעקאָ־מענדירט דער פּארטיי־טאָג אלע סאָציאליסטען ווי אויך אלע סאָ־ציאליסטישע פעראיינען, ארייןצוטרעטען אין דער „ארבייטער־צייטונג פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן", אום צו קענען אנטייל נעה־מען אין דער עקזעקוטיוו ארבייט."

אונטער דעם קעפּעל: „קאהאן'ס קאמף געגען דעליאָן'ען און דער באָסטאָנער פּארטיי טאָג" דערצעהלט בורגין:

„דער נוארקער פּארטיי טאג האָט אָבער ניט באזייטיגט די רייסערייען צווישען די אידען מיטגלידער פון דער סאָציאליס־טישער ארבייטער פּארטיי. אין געגענטייל, די רייסערייען האָבען

אנגענומען א מעהר קאָנקרעטנעם כאראקטער, א כאראקטער פון א מיינונגס־פארשידענהייט איבער דער אָרגאניזאציאָנס־פאָרמע פון דער פרעסע.

„די געגנער פון דעם פארוואלטונגס־ראט און דער פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן האָבען וואָס ווייטער אלץ שארפער ארויסגעשטעלט די פאָדערונג, דאָס די „ארבייטער צייטונג" זאָל ארויסגעגעבען ווערען ניט פון א „פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן" נאָר פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג, דורך דעלעגאטען פון אָרגאניזאַ־ציאָנען, אויפ'ן זעלבען אופן ווי די „צוקונפט".

„אויפ'ן צד פון די געגנער האָט זיך געשטעלט אב. קאהאן. די באציהונגען צווישען קאהאן'ען אלס רעדאקטאָר פון דער „ארבייטער צייטונג" און דער „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן" זיינען שוין זייט א קורצע צייט פריהער ניט געווען אם בעסטען.

„זייערע געגענזייטיגע באציהונגען זיינען נאָך פיינדליכער געוואָרען צוליב דעליאָן'ען. דעליאָן'ס איינפלוס אין דער פּארטיי, ווי מיר האָבען געזעהן, איז אלץ געוואקסען. אב. קאהאן, אזוי גוט ווי מאנכע אנדערע פּארטיי מיטגלידער, האָבען באהויפּטעט, אז זיין וואקסענדער איינפלוס איז שעדליך פאר דער ארבייטער באוועגונג.

„אויף א געמיינשאפטליכען מיטינג פון 2טען, 3טען, 4טען און 5טען אסעמבלי דיסטריקטען (אין 142 דילענסי סטריט), האָט קאהאן געוואָלט דורכפיהרען א רעזאָלוציאָן געגען דעם איינ־פלוס פון דעניעל דעליאָן און געגען דער ארט און ווייזע, ווי אזוי ער רעדאקטירט דעם ענגלישען פּארטיי אָרגאן „די פּיפּעל". קאהאן האָט אויפגעוויזען אויף סתם ניט אנגענעהמע שטריכען פון דעליאָן'ס כאראקטער — צו באשמוצען א געגנער, צו באנוצען זיך מיט אלע מיטלען איהם צו באגראָבען און אז. וו. קאהאן'ס געגנער אין דער פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן האָבען טיילווייז בכיון אונטערשטיצט דעליאָן'ען, כדי ניט צו דערלאָזען דאָס קאהאן'ס ראָלע אין דער באוועגונג זאָל ווערען נאָך גרעסער (אזוי האָבען באהויפּטעט די געגנער פון דעם פארוואלטונגס־ראט).

„קאהאן'ס רעזאָלוציאָן איז דארום צוריקגעוויזען געווארען. דאָס האָט נאָך מעהר אפּגעפּרעמדט קאהאן'ען פון דער אסס'ן.

„דער פאקט, אז זאָגאר קאהאן, דער רעדאקטאָר פון דער „ארבייטער צייטונג", איז ארויסגעטראָטען געגען דער „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן", האָט נאָך פארגרעסערט די צאָהל פון איהרע געגנער. און די נעקסטע קאָנווענשאָן פון די אידישע אָרגאניזאציאָנען, די קאָנווענשאָן פון 1894 (קריסטמעס 1894 און ניי־יאָהר 1895, אין באָסטאָן) איז געווען נאָך שטורמ־דיגער ווי די נוארקער.

„ביז אהער האָבען טראָץ די רייסערייען אלע אידישע סאָציאַ־ליסטען געארבייט פאר דער „ארבייטער צייטונג". אלע מיטגלידער פון דער אסאָסיאיישאָן, אָהן אונטערשיד פון צד, צו וועלכען זיי האָבען באלאנגט, האָבען זאָגאר געהאָלפען באשאפען א טעגליכע צייטונג — דעם „אבענד בלאט", צו באקעמפען דעם שעדליכען איינפלוס פון דער קאפּיטאליסטישער צייטונג „טאגעבלאט".

2.

מיינע באציהונגען צו דע־ליאָן'ען.—די סאטהערן געשיכטע.— מיינע ארויסטרעטונגען געגען דע־ליאָן'ען. — יוגא פאָכט.

„אין דער יוניאָן פראגע — דערצעהלט בורגין — איז אב. קאהאן טיילווייז דאן געווען איינפארשטאנען מיט דעם פארוואל־טונגס־ראט, ווארים ער איז געווען איינער פון די ערשטע אגי־טאטאָרס און אָרגאניזאטאָרס פון די ארבייטער אין שניידער־פאכען."

דיזע באמערקונג איז געבויט אויף א מיספארשטענדניס. דער פאקט איז, אז גראָד דערפאר וואָס די יוניאָנס זיינען מיר געווען טייער, בין איך געווען געגען א טאקטיק וועלכע וואָלט זיי געשע־דיגט (אין דעם צווייטען באנד, פּיידזש 433—435, האָבען מיר געזעהן ווי דורך אן עהנליכער יוניאָן־פראגע איז ארויסגעקומען א שפּאלטונג אין אונזער פּארטיי. און שוין דאן האָב איך זיך אויס־געשפּראָכען געגען דער ריכטונג, וואָס האָט אטאקירט די ניט־סאָ־

ציאָליסטישע יוניאָנס). און עס איז אויך אַ פאַקט, אַז אין באַצוג צו יוניאָנס האָט די שעדליכקייט פון דעליאָן׳ס טאַקטיק זיך צוערשט ניט געלאָזט פּיהלען. מיין אויפמערקזאַמקייט איז דאַן געווען פאַרנומען מיט דעליאָן׳ס ראָלע אין דער גאַנצער פּאַר־טיי. ספּעציעל צו דער אידישער באַוועגונג האָט מיין קאַמף געגען איהם צוערשט ניט געהאַט קיין שום שייכות.

איך בין נאָך דאַן געווען זעהר טעטיג אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי. איך פלעג אָפט האַלטען לעקטשורס אין דער אַמעריקאַ־נער (דאָס הייסט, אין דער ענגליש־ריידענדער) סעקציאָן פון ניו יאָרק. איך בין געווען אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל־עקזעקו־טיוו פון דער פּאַרטיי און, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרען, האָב איך פאַר דער עקזעקוטיוו קאָמיטע געמאַכט אַ לעקטשור־טור איבער עטליכע סטייטס.

פון דער נאַטור האָב איך וועניג אינטערעס אין ביזנעס־מיטינגען. דאָך אין די ביזנעס־מיטינגען פון דעם נאַציאָנאַל־עקזעקוטיוו קאָמיטעט, פון וועלכען איך בין דאַן געווען אַ מיט־גליד, האָב איך אין יענע פאַר יאָהר גענומען אַ לעבעדיגען אנטייל. איך פלעג פאַרברענגען פילע שטונדען אין דעם אַמעריקאַנער ליבאַר ליסעאום (אין 64 איסט 4טע סטריט*) צווישען די ענגליש־ריידענדע גענאָסען. און דענסמאָל איז פאָרגעקומען אַ רייהע שטורעמדיגע פאַסירונגען אין וועלכע דעליאָן איז געווען די צענטראַלע פיגור און מיט וועלכע מען איז אין דער אידישער באַוועגונג געווען וועניג באַקאַנט.

ל. מילער איז שוין דאַן געווען אַ לאָיער און געקענט ענגליש. צו דער אַמעריקאַנער באַוועגונג האָט ער דאַן אָבער אַלץ קיין שייכות ניט געהאַט. און מאָרים הילקאָוויץ איז אין יענע פאָר יאָהר סתם ניט געווען טעטיג. ער פלעגט פון צייט צו צייט שרייבען אַן אַרטיקעל אין דעם זשורנאַל „צוקונפט", אָדער אין דער „אַרבייטער צייטונג", אָבער אויף די מיטינגען פלעגט מען

*) מיר פלעגען דאָס רופען „דער אַמעריקאַנער ליבאָר ליסעאום", אום מען זאָל איהם ניט צוזאַמענמישען מיט אונזער ליבאָר ליסעאום פון 91 דילענסי סטריט.

איהם ניט זעהן — ניט אויף די אידישע, און ניט אויף די ענגלישע.

אזוי ווי בורגין'ס געשיכטע האָט צו טאָן מיט דער אידישער באוועגונג, איז וועגען דיזער זייט פון דער לאַגע ביי איהם פאראן גאנץ ווייניג. מיר פערזענליך אָבער איז דאָס געווען נוגע מעהר ווי אלעם אנדערעס.

וואָס אנבאטרעפט, אלזאָ, מיין ראָלע אין דער שפּאַלטונג וואָס האָט זיך גענומען אנטוויקלען אין דער אידישער באוועגונג, וואָלט אונמעגליך געווען איהר צו ערקלערען, ווען דער לעזער זאָל ניט זיין באקאנט מיט דעם כאראקטער פון דעליאָן'ס הערשאַפט אין אונזער באוועגונג אין יענער צייט. דיזע הערשאפט האָט געהאט אזא שטארקע ווירקונג און איהר איינפלוס האָט איבער־געלאָזען אזעלכע טיפע ספּיאדרען, אז עס האָט זיך געבילדעט א וואָרט „דעליאָניזם“, וועלכער איז געווען אין געברויך ביי צוואנ־ציג יאהר.

דעליאָן איז געווען פיל עלטער פאר מיר, און צוערשט האָב איך צו איהם געהאט רעספּעקט. איך האָב געהאָלפען איהם פּאָפּו־לער מאכען. אונזערע אידישע „סעקציאָנען“ זיינען שוין דאן געווען א וויכטיגע טייל פון דער סאָציאליסטישער באוועגונג; האָב איך איהם געפיהרט אויף אידישע פארזאמלונגען פון דער פּארטיי און פון די יוניאָנס און איהם פאָרגעשטעלט פאר די מענאָסען. איך האָב אלעמען ערקלערט וואָס פאר א געווינס ער איז פאר אונז און איך האָב געזעהן אז מען זאָל איהם איינלאַדען אויף לעקטשורס און אויף רעדעס און איהם שענקען די גרעסטע אויפמערקזאמקייט.

אייניגע שטריכען פון זיין כאראקטער האָבען גלייך געמאכט אן אונאנגענעמען איינדרוק. אויף דעם מיטינג, וואו ער האָט געהאלטען זיין ערשטע לעקטשור איבער דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, האָבען מיר געזעהן ווי ער האָט אויף אן אונאנשטענדיגען אופן איבערגעדרעהט דעם נאָמען פון א דעבאַטאַנט אום יענעם צו באליידיגען. שפּעטער האָב איך באמערקט, אז ער האָט איבער־הויפּט ליב איבערצודרעהען נעמען און פון דעם אדער יענעם חוזק צו מאכען. איך האָב אָבער אלץ ניט געשאָנקען קיין

אויפמערקזאמקייט דערצו. אונזערע באציהונגען זיינען דורכאויס געווען אנגענעמע און נאָהענטע.

ווען איך בין מיט איהם צוזאמען געווען אויף דעם צוריכער קאָנגרעס, זיינען דאָרטען פאָרגעקומען א פּאָר צוזאמענשטויסען צווישען אונז. יעדעס מאָל האָט זיך ארויסגעוויזען א געוויסער סאָרט קליינליכקייט פון זיין זייט. איך האָב אָבער אלץ ניט געלייגט קיין געוויכט אויף דעם. ביי זיין אָפּרייזען פון צוריך (ער האָט זיך אומגעקערט קיין ניו יאָרק פריהער פאר מיר), האָבען מיר זיך געזעגענט ווי פריינד. און שפּעטער, ווען איך בין געקומען צוריק קיין ניו יאָרק, האָבען מיר דעם זעלבען טאָג געהאט דינער צוזאמען (אין „קאפע בולוואר“, אויף דער צווייטער עוועניו און צעהנטער סטריט).

אויבען איז דערמאָנט געוואָרען ווי דעליאָן און איך זיינען געגאנגען עסען לאָנטש אין א רעסטאָראן, נאָכדעם ווי מיר האָבען באזוכט דעם מעיאָר פון ניו יאָרק. אויף דיזען לאָנטש איז געקומען צו רייד וועגען דעם איטאַליענער אנארכיסט מערלינא. דעליאָן האָט איהם גערופען „מעמברינאָ“, א נאָמען וועלכער ווערט דערמאָנט אין דעם באריהמטען ראָמאן „דאָן קיכאָט“, וואו ער איז פארבונדען מיט א שפּאס. איך האָב איהם פאררירכט, אָבער ער האָט איהם ווידער גערופען מעמברינאָ. ער האָט גענומען מאכען חוזק פון איהם. איך האָב ערקלערט אז מערלינא איז א סימפּאטישער מענש און אז ער רופט ארוים רעספּעקט ניט נאָר ביי אנארכיסטען, נאָר ביי סאָציאליסטען אויך. דעליאָן האָט זיך צולאכט און געזאגט, אז איך בין צו־סענטימענטאל. שפּעטער, אין פארלויף פון דעם זעלבען געשפּרעך אונזערען, איז געקומען צו רייד וועגען עדוואַרד קינג'ן.

— אָה, דער פּייקער! — האָט ער אויסגערופען.

איך בין ערשטוינט געוואָרען.

— גענאָסע דעליאָן, איך מוז אייך בעטען ניט צוריידען אזוי וועגען דיזען מאן צו וועמען מיר אלע פון דער רוסישער קאָלאָניע האָבען נאָר רעספּעקט. ער איז איינער פון די בעסטע מענשען אין ניו יאָרק.

— עה, קייהען, קייהען! (אזוי פלעגט ער אויסריידען מיין נאָמען) איהר זייט נאָך גאַר יונג, — האָט ער געענטפערט.
דיזע קליינינגקייטען האָבען ניט קיין דירעקטע שייכות צו די פאַסירונגען, וועגען וועלכע מיר האָבען אויבען גערעדט. זיי האָבען אָבער א שייכות צו א כאַראַקטער־בילד פון דעליאַן'ען און צו דער געשיכטע ווי אזוי צווישען אונז האָבען זיך ענטוויקעלט פיינדליכע באַציהונגען.

דער טראָבעל אין דער אמעריקאַנער אַפּטיילונג פון דער פּאַרטיי האָט זיך אָנגעפאַנגען צוליב א סאָציאַליסט מיט'ן נאָמען טשאַרלס סאָטהערן — א הויכער, דיקער, פרעהליכער, גוט־מוטיגער ענגלענדער. זיינע לעצטע סענטען פלעגט ער אוועקגעבען אויף דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיין פּריוואַטע באַשעפטיגונג איז באַשטאַנען אין קאַטאַלאָג־אַרבייט פאַר ביבליאָטעקען. ער איז געווען א ספּעציאַליסט אויף דעם.
אַלע האָבען איהם געליבט, און צוערשט איז דעליאַן אויך געווען איינער פון זיינע וואַרימסטע פריינד. ער, דעליאַן, האָט מיר אַמאָל געזאָגט וועגען איהם: „אָה, הי איז טרו עז סטיעל" (ער איז סאָליד און ראַיעל ווי שטאָל).
דאַרף זיך אָבער טרעפען אזא געשיכטע: טשאַרלס סאָטהערן איז געווען דער רעדאַקטאָר פון א זשורנאַל, אָדער זאַמעל־בוך, וואָס מען האָט אַרויסגעגעבען צו א פּיקניק צו גונסטען פון דער באַוועגונג; און אין דיזען זשורנאַל האָט ער אין די נאָטיצען, דורך א פאַרזעהן, אַרויסגעלאָזען דעליאַן'ס נאָמען. דעליאַן איז דאַן געוואָרען זיין שונא און האָט אָנגעפאַנגען איהם צו פאַר־פאָלגען.
סאָטהערן איז געווען דער פאַרפאַסער פון א בוך איבער דעם באַריהמטען אמעריקאַנער זשורנאַליסט האָרייס גרילי. האָט דעליאַן געהאַלטען א לעקטשור, אין וועלכער ער האָט געפּרופט באַווייזען, אז דער בוך איז אַנטי־סאָציאַליסטיש, און דערביי האָט ער סאָטהערן'ען אַטאַקירט פּערזענליך. איך בין געווען אויף דער לעקטשור און האָב גענומען דאָס וואָרט אין די דעבאַטען. איך האָב געזאָגט דאָס פאָלגענדע אונגעפעהר: „מען קען מיט

סאָטהערן'ען אפשר דעבאטירען אין בעצוג צו דער טעאָרעטישער זייט פון זיין סאָציאַליזם; ער איז אָבער דאָך א גוטער סאָציאַ־ליסט, אמת טרַיי דער באוועגונג, און זיין בוך ענטהאלט א סך גוטע שטאָף. זיינע טעאָרעטישע טעות'ן, ווידער, קענען דער פּארטיי קיין שאָדען נים טאָן. יעדענפאלס, אויב מען זאָל אפילו זיין איינפארשטאַנען מיט דעליאָן'ס קריטיק אויפ'ן בוך, קען מען אָבער אויך קיין ארט זיך ניט צופרידענשטעלען מיט דעם טאָן וואָס ער געברויכט ווענען גענאָסע סאָטהערן פּערזענליך."

דיזע קורצע רעדע האָב איך געהאלטען אָהן ביטערנים, און אונזערע פריינדליכע באציהונגען האָבען אלץ אָנגעהאלטען.

דעליאָן איז אָבער אין זיין פארפאָלגונג פון סאָטהערן געגאנגען ווייטער.

אלס רעדאקטאָר פון אונזער פּארטיי־אָרגאַן „דהי פּיפּל" (אזוי האָט איצט געהייסען דער פריהערדיגער „וואָירקמען'ס עדוואָ־קעיט"), האָט ער אויפגעשריבען אן עקעלהאפטען נאָטיץ געגען סאָטהערן'ען. ער האָט איהם איבערגעקרימט און געמאכט צו שפּאָט. מיט'ן נאָמען האָט ער איהם דאָרטען ניט אָנגערופען. פילע האָבען אָבער דערקענט וועמען ער מיינט און אלע זיינען געווען אויפגעבראכט.

מען דארף באמערקען, אז סאָטהערן איז דאן געווען א מיט־גליד פון דער נאציאָנאלער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון אונזער פּארטיי.

די פראגע איז אויפגענומען געוואָרען אויף אן אלגעמיינעם מיטינג פון דער פּארטיי, וועלכער איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין א שבת־צו־נאכט, אין דעם אמעריקאנער לייבאָר לייסעאום (אין 64 איסט פערטע סטריט). ס'איז געווען א גרויסער מיטינג. איך האָב גענומען דאָס וואָרט. אין העפליכע אָבער שארפע אויסדרוקען האָב איך קריטיקירט דעליאָן'ס פארשטעלטע אטאקע. „אויב מען קען אזוי באהאנדלען א מיטגליד פון דער פּארטיי'ס נאציאָנאל עקזעקוטיוו אין דעם פּארטיי־אָרגאַן גופא, דאן איז דאָס א הפקר־וועלט, וואו מען קען אָפּטאָן אלץ וואָס מען וויל!" — האָב איך אויסגעשריען. אין פארלויף פון מיין רעדע האָב איך דעליאָן'ען דערמאָנט, אז ער האָט וועגען סאָטהערן'ען געזאָגט אז ער איז „טרו עז סטיעל".

— „איט איז נאט טרו" (עס איז ניט אמת) — האָט דעליאָן אויסגעשריען.

ער איז געזעסען מיט עטליכע צײלען הינטער מיר, האָב איך זיך אומגעקערט צו איהם און געזאגט:

„איף דהיס איז נאָט טרו, דהען יו אר א לייאר, ענד יו נאָו איט!" (אויב דאָס איז ניט אמת, דאן זייט איהר א ליגנער, און איהר ווייסט עס גאנץ גוט).

עס איז געוואָרען א מהומה. פילע פון די אָנוועזענדע זיינען פון מיין וואָרט „לייאר" געוואָרען אויפגעבראכט. דער טשערמאַן האָט ערקלערט, אז מיין רעדנער־צייט איז שוין פאַראיבער, און ער האָט גענומען קלאפּען מיט זיין האמער. דאן האָט דער אויבען־דערמאָנטער מאיר גילים, וועלכער איז אָנוועזענד געווען אויפ'ן מיטינג, געמאכט א פּאָרשלאָג, אז מען זאָל מיר פארלענגערען די צייט, און דאָס איז דורכגעגאנגען. איך האָב פּאָרטגעזעצט אין דעם זעלבען טאָן. איך האָב גערעדט וועגען סאָטהערן'ס טרייהייט צו דער פּארטיי און וועגען זיין סימפּאטישען כאראקטער, און איך האָב אָנגעוויזען ווי אונסימפּאטיש און געפעהרליך עס זיינען פאר אונזער פּארטיי דעליאָן'ס פּאָרפאָלגונגען צוליב פּערזענליכע אורזאכען און זיינע מעטאָדען אין אלגעמיין.

גילים, וועלכער האָט מיט א געוויסער צייט פריהער געמופט פון פילאדעלפיא קיין ניו יאָרק, איז געווען א מיטגליד פון דער „ארבייטער־צייטונג פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן" און פון דעם פּארוואלטונגס־ראט. ער איז אָבער געווען איינפארשטאַנען מיט מיר. אין זאָל זיינען אויך געווען אייניגע דייטשע גענאָסען, אויף וועמען דעליאָן האָט געמאכט א שלעכטען איינדרוק, און זיי האָבען גילים'עס פּאָרשלאָג צו פארלענגערען מיין רעדנער צייט אונטערשטיצט. איך גלויב אָבער, אז א מאַיאָריטעט איז אין יענעם מאָמענט געווען געגען דעם. דאָך האָבען פילע פון זיי געשטימט, אז מען זאָל מיר לאָזען ווייטער ריידען. אויף בייצו־וואוינען א פּאַיט געפינען זיך אימער בעלנים*).

*) מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער איז צו מיר, אויף אַ מיטינג, צוגעקומען אַן אַמעריקאַנער גענאָסע און האָט צו מיר געזאָגט די פאָלגענדע ווערטער: „גענאָסע קאהאַן, איהר געדענקט יענעם מיטינג,

צווישען די נעגאָסען, וואָס האָבען דאן אונטערשטיצט גילים'עס פאָרשלאַג, זיינען געווען צוויי דייטשען — ווארימע חברים צווישען זיך. זייערע נעמען האָבען זיך געגראַמט: איינעם האָט מען גערופען סאָיער און דעם צווייטען — באָיער. איינעם אָהן דעם אַנדערען האָט מען כמעט קיינמאָל ניט געזעהן. מען האָט זיי באַטראַכט אַלס אַ מין גייסטיגען צווילינג, און זייערע גראַב־נעמען האָבען זיך גראָד געפּאַסט דערצו.

זיי זיינען געווען איינפאַכע, עהרליכע, טיף־איבערגעבענע סאָציאַליסטען, ניט אָהן אַ געוויסען הומאָר־געפיהל, און זיי זיינען געווען אַלגעמיין באַליבט. אין דעם אַנטי־דעליאָן קאַמף, וועלכער האָט זיך שנעל ענטוויקעלט, זיינען זיי אימער געווען אויף דער אַנטי־דעליאָניסטישער זייט, און יעדער וואָס געדענקט יענעם קאַמף, געדענקט אויך דעם אַנטייל פון דיזען סימפּאַטישען „צווילינג" אין איהם.

די פאַרזאַמלונג איבער דעליאָן'ס סאָטהערן אַרטיקעל האָט זיך געענדיגט אָהן דירעקטע רעזולטאַטען. אָבער אויף דיזער פאַרזאַמלונג, דורך מיין אָפענעם אַרויסטרעטען געגען דעליאָן'ס מעטאָדען, האָט זיך אָנגעפאַנגען דער קאַמף געגען איהם, וועלכער האָט זיך זינט דאַן פאַנאַנדערגעוואַקסען. מיין רעדע יענעם אָוונט איז געווען דער ערשטער שאָס געגען דעם דעליאָניזם אין דער לאַנגער רייהע פון שלאַכטען וועלכע האָבען זיך געצויגען עטליכע יאָהר און וועלכע זיינען ענדליך געקרוינט געוואָרען מיט אַ זיג.

נאָך דער פאַרזאַמלונג, ווענען וועלכער דאָ איז דערצעהלט געוואָרען, איז די סאָטהערן געשיכטע ספּעציעל אויפגענומען

וואו איהר האָט גערופען דעליאָן'ען ליגנער? איהר געדענקט וואָס פאַר אַ מהומה עס איז געוואָרען? וועל, איך בין איינער פון די וואָס זיינען דאַן געווען אויף אַייך שרעקליך אויפגעבראַכט. איך וויל אַייך איצטער אויסזאָגען, אַז איך האָב דאַן געבאַפּט אַ טשער און איך האָב זיך געוואַלט פאַרמעסטען אויף אייך. אַזוי ווילד בין איך געוואָרען. מען האָט מיך קוים צוריק געהאַלטען. זינט דאַן האָב איך זיך ערקונדיגט אַז איהר האָט יענעם אָוונט געהאַט רעכט, און אַז איהר האָט געהאַט רעכט מיט אַייער גאַנצען קאַמף געגען דעליאָן'ען. איך האָב איהם צוערשט ניט פאַרשטאַנען.

געוואָרען פון דער אַמעריקאַנער סעקשאָן. איך האָב געהאַט אַ האַנט אין דעם. אום אָבער מען זאָל ניט זאָגען, אַז די גאַנצע געשיכטע שטאַמט פון מיר, בין איך אויף דעם מיטינג ניט געווען אָנוועזענד.

מען האָט אויפגעפאָדערט דעליאָן'ען צו ערקלערען פאַרוואָס ער געברויכט אין „דהי פיפל" אַזוי פיל שימפ־ווערטער און אונ־אַנשטענדיגע איבערדרעהענישען פון נעמען, און פאַרוואָס ער אַטאַקירט אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע. אין זיין ענטפער האָט ער, כלומרשט מיט אַ טאָן פון שפּאַט, געפרופט די גאַנצע פראַגע מאַכען צו קליין־געלט. „ווער זאָגט עס, אַז איך האָב געמיינט סאָטהערן'ען אין דיזען אַרטיקעל?—האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל—אַט זאָגען אייניגע, אַז איך האָב געמיינט טהאָ־מאַס ווייקמאַן'ען" (אַ פריי־געזאָנענער אַמעריקאַנער אַדוואָקאַט, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געווען דער פרעזידענט פונ'ם „ליבעראַל קלאָב". קיין סאָציאַליסט איז ער ניט געווען. ער איז אבער געשטאַנען נאָהענט צו אונז). דעליאָן האָט גענומען לייענען דעם דערמאָנטען נאָטיץ, פראַזע נאָך פראַזע, און ביי יעדער פראַזע האָט ער געפרופט ווייזען, אַז זי קען געהן אויף ווייקמאַן'ען, ניט אויף סאָטהערן'ען.

אין מיטען פון זיין לעזען איז אויפגעשפרונגען אַן אַמערי־קאַנער גענאָסע מיט'ן נאָמען עבערט.

— וואַרט אַ ווייל'ע, גענאָסע דעליאָן! — האָט ער פּראָטעס־טירט — איהר האָט דאָך דאָ איבערגעהיפּט אַ שורה און אַ האַלב.

עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז ווען דעליאָן האָט געלעזען, האָט עבערט געהאַלטען אַ „פיפל" און נאָכגעפאָלגט. די ווערטער, וועלכע דעליאָן האָט איבערגעהיפּט, זיינען באַשטאַנען אין דעם, דאָס דער מאַן וועמען ער האָט אַטאַקירט איז אַ פּאָר מאָל אַרויס־געטראָטען פון דער פּאַרטיי און צוריק אין איהר אַריינגעטראָטען. ווייקמאַן איז קיין מאָל ניט געווען קיין מיטגליד פון דער פּאַרטיי. אַלזאָ, האָבען די דאָזיגע ווערטער זיך צו איהם ניט געפּאַסט. זיי האָבען זיך געפּאַסט נאָר צו סאָטהערן. דעריבער האָט דעליאָן זיי איבערגעהיפּט.

די סצענע האָט געמאַכט אַן אונאַנגענעמען איינדרוק אויף

אלע אנוועזענדע. אבער אננעמען א רעזאלוציע געגען דעליאן'ען האט מען ניט געהאט קיין מוט.

אין א פאר וואכען ארום, אין א פרייטאג־צו־נאכט, איז פארגעקומען א געשעפטס־מיטינג פון דעם אמעריקאנער ברענטש און איך בין געווען אנוועזענד. „דהי פיפל" פון יענער וואך האט ענטהאלטען א נאטיץ אין בעצוג צו א געוויסער פארזאמלונג וואס דעליאן האט אדרעסירט אויף יוניאן סקווער. די פארזאמלונג איז געווען שלעכט באזוכט. אלזא האט דעליאן געדרוקט אזא נאטיץ:

„עס האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז טערענס פאודערלי, וועלכער געפינט זיך גראד איצט אין ניו יארק, וועט זיין איינער פון די רעדנער; און דאס האט צוריקגעהאלטען די מאסען."

פאודערלי איז געווען דער גרינדער פון די „נייטס אוו לייבאר" (א פאראייניגונג פון טרייד יוניאנס), וועלכע האט א תּיבשע צייט געהאט אן אונגעהייערע מאכט אין די פאראייניגטע שטאאטען. סעמיועל גאמפערס האט זיין „אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר" געגרינדעט שפעטער, אלס אפאזיציע צו די „נייטס אוו לייבאר" און גאמפערס האט געהאט ערפאלג. די „נייטס אוו לייבאר" האבען דאן ביסלעכווייז פארלארען זייער באדייטונג. אבער אין די ערשטע יאהרען האבען זיי געשפילט א גרויסע ראלע, און פאודערלי איז געווען איינער פון די פאפולערסטע מענשען אין אמעריקא. שפעטער איז אן אנדערער ערוועהלט געווארען אויף זיין פלאץ. אבער די ארגאניזאציע האט שוין דאן קיין ממשות ניט געהאט. אין דער צייט וועגען וועלכער מיר ריידען דא, האט פאודערלי געוואוינט אין וואשינגטאן, וואו ער האט געהאט א רעגירונגס־שטעלע. מיט דער ארבייטער־באוועגונג איז ער שוין ניט געווען פארבונדען; זיין נאמען איז אבער אלץ געווען גוט באקאנט.

איך האב גענומען דאס ווארט און געזאגט דאס פאלגענדע:

„דעליאן איז א גוטער רעדנער. געוועהנליך ציהט ער א קראוד. דיזען מאל איז זיין מיטינג ניט געווען גוט באזוכט. דאס קען אבער טרעפען מיט דעם בעסטען רעדנער אין דער וועלט. גענאסע דעליאן האט אבער געהאלטען פאר נויטיג צו ערקלעהרען אין „דהי

פּיפּל" פּראָוואָס זיין פּאַרזאַמלונג איז ניט געווען גוט באַזוכט. און ווי אַזוי האָט ער דאָס געטאָן? ער זאָגט, אַז עס האָט זיך פאַר־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז פּאָודערלי וועט קומען און אַז דאָס האָט צו־ריקגעהאַלטען די מאַסען. יעדער פאַרשטעהט, אַז אַזאַ קלאַנג האָט זיך ניט פאַרשפּרייט און האָט זיך ניט געקענט פאַרשפּרייטען. ווי קומט פּאָודערלי צו אַ סאָציאַליסטישען מיטינג? עס איז איינפאַך לעכערליך, אָבער דאָס איז ניט אַלץ. ווען עס וואָלט אַנאָנסירט געווען אַז פּאָודערלי וועט ריידען, וואָלט דוקא געקומען אַ גרויסער עולם. ערשטענס, וואָלטען איהם געקומען הערען פילע פון זיינע אָנהענגער, און צווייטענס, וואָלטען אפילו סאָציאַליסטען אויך געקומען, אויס נייגעריגקייט. עס איז אַ קינדערשער תירוץ. יעדער קען זען, אַז ס'איז ניט אמת. מיט אַזעלכע מעטאָדען מאַכט מען „דזשי פּיפּל" נאָר צו שפּאָט.

אַלעקסאַנדער יאָנאַס, וועלכער איז געזעסען לעבען מיר, האָט גענומען דאָס וואָרט נאָך מיר. ער האָט קריטיקירט רעליאָן'ס מעטאָדען אַלס רעדאַקטאָר אין אַלגעמיין.

ווען רעליאָן האָט געהאַט דאָס וואָרט צו ענטפערען האָט ער אָנגעפאַנגען אַזוי:

— לייקענט גענאָסע קאַהאַן, אַז פּאָודערלי איז אַ לומפּ?

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דער פראַגע? — האָב איך געפרעגט.

— אהא, ער גיט צו, אַז פּאָודערלי איז אַ לומפּ! ווייטער: גיט גענאָסע קאַהאַן אויך צו, אַז ווען אַ לומפּ ווערט אַנאָנסירט אַלס רעדנער, דאַרפען אַנשטענדיגע מענשען פון אַזאַ מיטינג ווייכען?

די פראַגע איז ניט אויב מען דאַרף ווייכען — האָב איך געענטפערט — דער פאַקט איז, אַז מען ווייכט ניט.

— אהא, קאַהאַן גיט צו, אַז מען דאַרף ווייכען פון אַ לומפּ און דאָך ווען מען שרייבט דאָס אין אַ סאָציאַליסטישען אָרגאַן געפעלט איהם ניט.

און דיזע ביליגע, קינדערש־כיטרע דריידעל האָט אַרויסגע־רופען אַ פּלאָדיסמענט! איך בין ערשטוינט געוואָרען. די הענט

האָבען זיך ביי מיר אראָפּגעלאָזען. יאָנאָס האָט זיך ביטער צו־לאַכט: „נו, וואָס קען מען מאַכען?"—האָט ער צו מיר געזאָגט.

די זיגען וואָס דעליאָן האָט געהאַט האָבען איהם געטריבען אַלץ ווייטער, ביז ער האָט אָנגעגעבען א פאָרמעלע קלאַגע געגען סאָטהערן'ען מיט א פאָדערונג, אז מען זאָל איהם אויסשליסען פון דער פּארטיי. ער האָט אויפגעשריבען א לאַנגע רייהע מיט אינ־דייטמענטס (באשולדיגונגען). איינע פון זיי האָט געלויטעט: „מיסאַפּראָפּריאיישאָן אָוו פּארטי פאָנדס". איינפאך גערעדט, הייסט עס, אז סאָטהערן האָט צוגענומען פּארטיי־געלט.

די קלאַגען זיינען אויסגעהערט געוואָרען פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע, וועלכע איז מייסטענס באשטאַנען פון דייטשע ארביי־טער (איך בין שוין דאַן קיין מיטגליד ניט געוועזן). זיי זיינען הויפּטזעכליך געווען פאראינטערעסירט אין דעם „מיסאַפּראָפּרי־איישאָן" פּונקט. אז דער עהרליכער סאָטהערן זאָל באשולדיגט ווערען אין אַזאַ זאַך, איז פאַר זיי געווען אַן ערשטוינענדע נייעס.

דעליעאָן האָט דיזע באשולדיגונג אָבער אוועקגעשטעלט צום סוף, און מען האָט צוערשט געמוזט אויסהערען גיפטיגע רעדעס וועגען אנדערע „פארברעכענס" אין וועלכע ער האָט סאָטהערן'ען אָנגעקלאָגט.

ענדליך איז מען צוגעקומען צו דער לעצטער און שווערסטער באשולדיגונג. דעליאָן האָט זיך געשטעלט אין דער פּאָזע פון א פּראָקוראָר, פול מיט ערנסטקייט, פול מיט צאָרן, און גענומען פּלאַקערען. דער עיקר פון זיין „צאָרנדיגער" רעדע איז באשטאַ־נען אין פאָלגענדען:

זונטאָג אָוועגט האָלט דער אמעריקאַנער ברענטש אָפּ לעקטשורס אין נומער 8 יוניאָן סקווער. נאָך די לעקטשורס קומען פאַר דעבאַטען. אין אַזאַ און אַזאַ זונטאָג האָט סאָטהערן גענומען דאָס וואָרט אלס איינער פון די דעבאַטאַנטען. ער האָט געהאַלטען א רעדע וועלכע איז געווען דורכאויס „פּאָפּוליסטיש", ניט סאָציאַליסטיש. מיט דיזער רעדע האָט סאָטהערן פארנומען צוואַנציג מינוט. דער האָל קאָסט זעקס דאָלאַר פאַר דריי שטונדען;

ס'הייסט, אַלזאָ, אַז סאַטהערן האָט אוועקגע'גנב'ט ביי דער פּאַרטיי זיבעציג סענט.

אייניגע פון די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע זיינען געוואָרען אויפגעבראַכט פון דיזער קינדערשער באַשולדיגונג. מען האָט סאַטהערן'ען ניט אויסגעשלאָסען. ער האָט אָבער אַליין אויפגעהערט צו באַזוכען די מיטינגען. דעליאָן האָט איהם פון דער פּאַרטיי פּאַרטריבען.

„דהי פּיפּל" איז געוועזן פול מיט גיפט און מיט גאַל, מיט עקעלהאַפטע אַטאַקעס אויף סימפּאַטישע מענשען.

פילע פון די גענאָסען האָבען דאָס ניט געקאָנט פּאַרטראָגען. עס איז אויסגעוואַקסען אַן אַנטי־דעליאָן ריכטונג.

דעליאָן האָט זיך גע'חבר'ט מיט יוגאָ פּאָכט'ן, וועלכען איך האָב דערמאָנט אין דעם צווייטען באַנד. דיזער פּאָכט — אַ דייטש פון עטליכע און דרייסיג יאָהר, מיט אַ פיגור און אַ געזיכט פון אַ אינגעל, אַ געבילדעטער, אַ טאַלקאָווער, אַ פעהיגער — איז געוועזן אַ בעסערער מענש ווי דעליאָן און ער האָט געהאַט מעהר טאַקט ווי ער. און דאָך האָט ער איהם געשטיצט. דאָס איז פאַר מיר אימער געוועזן אַ רעטעניש. אַז אין הארצען האָט ער צו דעליאָן'ען ניט קיין רעספּעקט — דאָס האָב איך געוואוסט. איין מאָל, צום ביישפּיל, האַלב אויף שפּאַס, האָט ער מיר געזאָגט אין דעליאָן'ס אַנוועזענהייט, אַז דעליאָן איז גאָר ניט קיין קריסט, נאָר אַ האָלענדישער איד; און אַז זיין אמת'ער נאָמען איז גאָר וואַן־דער־לעווע (דעליאָן איז אַ שפּאַנישע איבערזעצונג פון „וואַן־דער־לעווע"). דעליאָן האָט דאָס דאַן אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס. אַ פּאָר טעג שפּעטער אָבער האָט ער זיך גענומען די מיה מיר צו באַווייזען, אַז ער איז ניט קיין איד*). נאָך אַלעמען, בין איך קיין מאָל ניט געוועזן איבערצייגט צי ער איז אַ איד צי ניט.

*) עס האָבען זיך אין אַלגעמיין געטראָגען קלאַנגען, אַז ער איז אַ איד. ער איז איינענטליך געבוירען געוואָרען ניט אין ווענעזועלא גופא, ווי ער האָט מיר מעהרערע מאָל געזאָגט, נאָר אויפ'ן קליינעם אינזעל קוראַסאַאָ, וועלכער געפינט זיך לעבען ווענעזועלא, אָבער וועלכער געהערט ניט צו יענער רעפּובליק, נאָר צו האָלאַנד. קוראַסאַאָ איז אַ האָלענדישע

3.

איך ברענג פאר די דע־ליאָן פראגע פאר די אידישע גענאָסען און פאל דורך. — דע־ליאָנ׳ס כאראקטער. — זיין מאכט און זיינע מעטאָדען.

די סאָטהערן געשיכטע איז מיר בוכשטעבליך פון זינען ניט ארוים. די פארטיי איז געווען מיין וועלט, מיין לעבען. און דאָ האָב איך געזעהן ווי פון א היילינטום ווערט זי פארוואנדעלט אין א נעץ פון אינטריגעס און ליגענס, אין א אינקוויזיציע פון ווילדען פאנאטיזם און זינלאָזע פארפאָלגונגען.

די אידישע גענאָסען זיינען מיט דעם אמת׳ען כאראקטער פון דעליאָן׳ס ראָלע נאָך ניט געווען באקאנט. אלץ וואָס איך האָב דאָ אויבען דערצעהלט וועגען זיינע מעשים איז פארגעקומען אין דער ענגליש־ריידענדער טייל פון דער באוועגונג, און זי איז פאר זיי געווען אזוי ווי א באזונדערע וועלט. איך בין געווען דער איינ־ציגער, וואָס האָט געהערט צו די ביידע וועלטען — צו דער אמע־ריקאנער און צו דער אידישער.

וועגען דער סאָטהערן אינטריגע האָבען די אידישע גענאָסען געהאט א גאנץ אלגעמיינעם און אונדייטליכען באגריף, און זי האָט זיי ווייניג אינטערעסירט. און ווען זיי האָבען געהערט, אז

קאָלאָניע, און די אייגוואוינער ריידען אַ מין האָלענדישען זשאַרגאָן, וועלכער איז דורכגעמישט מיט שפאַנישע ווערטער. אין דער ענציקלאָ־פעדיע געפינט מען אַז דאָרטען האָבען זיך מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר צוריק באַזעצט אַ היבשע צאָהל אידען און אַז כמעט אַלע געשעפטס־לייט פון קוראסאאָ זיינען אידען. צווישען די נעמען פון אַזעלכע אידישע פאַמיליען געפינט זיך דער פאַמיליע־נאָמען דע־לעאָן (מיר פלעגען איהם רופען דעליאָן, אָדער דיליאָן, אויפן ענגלישען שטייגער).

עס איז זעהר מעגליך, אַז דעליאָן האָט געהערט צו דיזער אידישער דע־לעאָן פאַמיליע, און פיליכט האָט מען איבערזעצט זיין נאָמען אויפ׳ן האָלענדישען שטייגער: וואַן־דער־לעווע.

אין האָלאַנד און אין איהרע קאָלאָניעס האָבען זיך געפונען פּאָרטוגעזישע אידען, און דע־לעאָן איז אַ שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער נאָמען, וועלכען פילע אידען האָבען געהאַט.

איך באַקעמפט דעליאַן'ען, האָט דאָס אויף זיי געמאַכט אַ שלעכטען איינדרוק. זיי האָבען נאָר געוואוסט איין זאַך: דעליאַן איז דער־לידער פון דער פּאַרטיי; אַלע אַפּלאָדירען איהם און איך באַקעמפט איהם.

דעליאַן איז מיט צונויפגעלייגטע הענט ניט געזעסען. ער האָט געטאָן וואס ער האָט געקענט אונזער פאַרוואלטונגס־ראַט צו בעאיינפלוסען געגען מיר.

אין אונזער אידישען לייבאָר לייסעאום, אין 91 דילענסי סטריט, פלעגען אריינגעהן צוויי ברידער, ענגלישע אידען, וועלכע האָבען דעליאַן'ען פאַרגעטערט. האָבען זיי איצט צווישען אונזערע אידישע גענאָסען געאַרבייט אַלס דעליאַן'ס אַגענטען. ווען איך האָב געפּרופט באַווייזען די מיטגלידער פון דעם פאַרוואלטונגס־ראַט ווי שעדליך דעליאַן איז, האָב איך באַגעגענט אַ פיינדליכע האַלטונג.

מיט איין מיטגליד פון דעם פאַרוואלטונגס־ראַט האָב איך, דורך אַזאַ געשפּרעך, זיך שטאַרק צו־ווערטעלט.

איך האָב באַשלאָסען די דעליאַן פראַגע פאַרצוברענגען אויף דעם מיטינג פון די פיר אידישע דיסטריקטען, וועגען וועלכע בורגין דערצעהלט. איך האָב געוואָלט דורכפיהרען אַ רעזאָלוציע געגען דעליאַן'ס טאַקטיק. איך האָב ערוואַרט אַן אָפּאָזיציע. איך האָב זאָגאַר געצווייפעלט אויב איך וועל קריגען אַ מאַיאָריטעט. איך האָב זיך אָבער ניט געקענט באַרוהיגען.

ווען איך בין אוועק פון שטוב, געהענדיג צום מיטינג (ס'איז געווען אַ פרייטאָג אָווענט), האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי אויף ענגליש: „אַי עם גאָואינג טו ראַיד פאָר אַ פּאָלל" (דאָס הייסט, איך געה רייטען אונטער אַזעלכע אומשטענדען, אַז איך וועל געווים ברעכען די געניק. אָבער איך בין אויף אַלץ באַרייט).

אויף דעם מיטינג פון די דריי אידישע דיסטריקטען האָב איך דערצעהלט די סאָמהערן געשיכטע און געפאָדערט אַ רעזאָלוציע געגען דעליאַן'ס מעטאָדען. אויף דעם זיינען אויפגעשפּרונגען עטליכע מיטגלידער פון פאַרוואלטונגס־ראַט. אַם שאַרפסטען האָט געגען מיר גערעדט אַ גענאָסע מיט'ן נאָמען פּרוסלין, אַ מיטגליד פון פאַרוואלטונגס־ראַט. אַנדערע האָבען מיר אויך אַטאַקירט. מיין פאָרשלאָג איז דורכגעפאַלען.

מילער האָט באַשטימט הויפּטזעכליך די „סליסע“, ווי ער האָט גערופן די עטליכע מיטגלידער, וועלכע האָבן קאָנטראָלירט דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט מיט דער גאַנצער „ארבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן“. ביי מיר, ווידער, איז דער וויכטיגסטער פונקט געווען דער „רעליאַניזם“. אָבער דער נאָמען „סליסע“ איז אויך ניט געווען קיין אויסגעטראַכטער.

אין דער צייט וואָס מיר, די רעדנער און שרייבער, די קעפּ פון דער באַוועגונג, זיינען געווען פאַרנומען מיט אונזער ארבייט מיט'ן פעדער און אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָבן די מיטגלידער פון דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט אריינגענומען די גאַנצע אינערליכע מאַכט פון דער צייטונג אין זייערע הענט. מיר, די רעדנער און די שרייבער, האָבן געשאַנקען ווייניג אויפמערקזאַמקייט צו דער אינערליכער אָרגאַניזאַציע פון דער „ארבייטער צייטונג“. אויף דיזען אָרט האָט זיך די רעה ביסלעכווייז ארויסגעגלימשט פון אונזערע הענט.

די מיטגלידער פון דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט זיינען געווען ערליכע מענשען. אָבער מאַכט איז זיס. זיי האָבן קיין נייע מיטגלידער אין דער „אַסאָסיאיישאָן“ ניט אריינגעלאָזען. זי איז געוואָרען א פאַרשלאָסענע קערפּערשאַפט און די רעדמאַנטע גרופּע איז געוואָרען א פאָלשטענדיגע הערשערין איבער איהר.

די ערשטע צייט האָט דיזע פראַגע מיר אָבער ווייניג אינטערעסירט. די רעליאַן פראַגע האָט פאַרנומען מיין גאַנצען אינטערעס, מיין גאַנצען וועזען.

ענערגיע, אַמביציע און קאַמפּף־דורשט האָט רעליאַן פאַרמאָגט אין א שיעור. אין דער גרעסטער וואָהרליכע פלעגט ער ניט פאַרפעלען צו אטענדען דעם ביזנעס־מיטינג פון יעדער אַסעמבלי דיסטריקט אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי. אַזוי פלעגט ער געהן פון מיטינג צו מיטינג, פון איין ברעג שטאָדט צו א צווייטען. ווען עס זיינען אנוועזענד געווען נאָר פינף מיטגלידער, איז ער געווען דער זעכסטער. אלס צוגאַב צו דער מאַכט וואָס ער האָט באַקומען דורך זיין פּאָפּולאַריטעט אלס רעדנער און לעקטשורער, האָט ער איינגעבויט א מאַכט איבער די אינערליכע „פּאָליטיקס“ פון דער

איז טריי איהם. אזוי איז דאָס געווען בוכשטעבליך. און אין דיזען זין האָט ער צוטיילט די וועלט אויף „לאָיאלע" און „אונלאָיאלע". דער פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער „ארבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן" איז באַשטאַנען פון „לאָיאלע" און די וואָס זיינען געווען געגען זיי, זיינען געווען „ניט־לאָיאלע".

איך וויל דאָ באַמערקען, אז מיר פערזענליך האָט ער קיין מאָל אין זיין צייטונג ניט אַטאַקירט, כאָטש איך בין געווען דער אָנפאַנגער פון דעם אָפענעם קאַמף געגען איהם און בין געווען איינער פון זיינע ביטערסטע געגנער. צי דאָס איז געווען ווייל פאַר דעם אָנהויב פון זיין פּאָפּולאַריטעט האָט ער מיר געהאַט צו פאַר־דאַנקען מעהר ווי אַלעמען, אָדער איינפאַך ווייל געגען מיר צו געברויכען שימפף־ווערטער וואָלט זיך איהם ניט געלוינט — דאָס קען איך ניט באַשטימען.

ווען עס פלעגט איהם אָנקומען א באַריכט וועגען מיינער א לעקטשור אָדער רעדע און עס האָבען זיך דאָרטען געפונען קאָמ־פּלימענטען פאַר מיר, פלעגט ער דאָס אַלץ דרוקען, קיינמאָל ניט אויסמעקען, ווי ער פלעגט דאָס טאָן מיט פריינדליכע ווערטער וועגען אַנדערע געגנער זיינע. איך דערמאָן דיזען פאַקט אַלס איינעם פון די באַווייזען, אז מיין קאַמף געגען איהם איז ניט ארויסגערופען געוואָרען פון פערזענליכע געפיהלען. מיינע פערזענליכע געפיהלען האָט דעליאָן ניט באַליידיגט.

אפילו אַלעקסאַנדער יאָנאַס'ן, דעם אלטען, פיל געאַכטעטען יאָנאַס'ן, פלעגט ער שימפען, אויסלאַכען, באַליידיגען אויף פאַר־שידענע אופנים. מיר — קיין מאָל ניט.

ער האָט רק גערעדט וועגען א „קאָמפּראָמיסלאָזע פּאָליטיק" און געשאָטען מיט שוועבעל און פעך אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט געשימפט און געזידעלט יעדען יוניאָן־פיהרער אין אמעריקע אַלס א בודלער, א פייקער, א שווינדלער.

ביכלעכווייז האָט ער גענומען פאָדערען, אז מען זאָל גרינדען אַן אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן געגען יעדער יוניאָן וואָס נעמט ניט אָן די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם און די סאָציאַליסטישע טאַקטיק, דאָס הייסט זיין טאַקטיק. ער האָט געשריבען ארטיקעל נאָך

ארטיקעל און געהאלטען לעקטשור נאָך לעקטשור וועגען דעם. אויף דיזען ארט האָט זיך אויסגעארבייט זיין אָרגאַניזאציע „דהי סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר עלייענס" אלס אָפּאָזיציע צו די יוניאָנס. עס איז געוועזן אי שעדליך, אי לעבערליך. זיין אָפּאָזיציע האָט געהאט אזא באדייטונג נעגען די אמעריקאַנער יוניאָנס ווי די אָפּאָזיציע פון א פליג נעגען א לאָקאָמאָטיוו.

די איינציגע ווירקונג וואָס דאָס האָט געקענט האָבען, איז געוועזן צו מאכען א חורבן אין די סאָציאליסטישע רייהען. טאָמער האָבען מיר געפּרופט געווינען די ארבייטער פון אמעריקא, האָט ער זיי פון פריינד געמאכט פאר די ביטערסטע שונאים. און פילע סאָציאליסטען האָבען דאָס פארשטאנען. אלזאָ, האָט דער וואנזיני־גער פלאַן זיי אפּגעטריבען פון דער פארטיי אָדער זיי געפיהרט צו א קאמף אין דער פארטיי גופא.

דעליאָן איז ביכלעכווייז אוועק אזוי ווייט, אז ער האָט אָרגאַ־ניזירט סקעבערייען אין צייט פון סטרייקס.

יוגאָ פאָכט האָט די דאָזיגע יוניאָן טאקטיק דעליאָן'ס גע־שטיצט, און דאָס איז ספּעציעל זאָנדערבאר ווען מען דערמאָנט זיך, אז אין דעם „ספּליט" וואָס איז ארויסגעקומען אין דער סאָציא־ליסטישער פּארטיי אין 1889 (מיט דריי יאָהר פריהער איידער דעליאָן האָט זיך באוויזען אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג), איז דער זעלבער פאָכט געוועזן איינער פון די הויפּט־קעמפער נעגען די „ראָזענבערגיאנער", וועלכע האָבען געפאדערט אז מען זאָל אטאקירען די ניט־סאָציאליסטישע יוניאָנס (זעה צווייטען באנד, פּיידזש 435 און 437).

האָט דעליאָן אליין געגלויבט אין זיין טאקטיק?

איך גלויב אז יאָ. דיזער געבילדעטער, פעהיגער און געשייטער מאַן האָט געהאט א גאנץ קינדערשען באגריף וועגען דער וועלט און וועגען מענשען. אין דיזער הינזיכט, קען מען זאָגען, אז ער האָט ניט געהאט מעהר פּראקטישען שכל ווי יאָהאַן מאָסט. אָבער מאָסט איז געוועזן סימפּאטישער פון איהם. מאָסט האָט ניט געהאט קיין ברעקעל ביטרעקיים אין זיך. און אויך ניט קיין ברעקעל מאכט־דורשט. ער איז געוועזן די אויפריכטיגקייט און ערנסטקייט

אליין. ער האָט פשוט געלעבט אין א חלום. ווען ער האָט געהייסען מענשען קויפען ביִקסען און אויפ׳ן שטעל זיך נעמען צו א סאָציאַלער רעוואָלוציע, אין דער צייט ווען אין גאַנץ אמעריקא האָט מען קוים געקענט געפינען עטליכע הונדערט אמת׳ע אמעריקאנער סאָציאַליסטען, האָט דאָס געקלונגען אזוי נאאיוו, אז מען האָט נאָר געקענט שמייכלען און באוואונדערען דעם פלאקער־גייסט און די אָפּפערווילינקייט וואָס האָבען איהם באהערשט.

דעליאָן האָט דיזען סאָרט נאאיווקייט ניט געהאָט. זיין טאקטיק איז געווען די טאקטיק פון א מענשען, וואָס ברענט מיט הערשאפט־דורשט; און ווען ער פלעגט שטעהן אויף דער פלאַטפאָרמע און דונערען געגען זיינע געגנער און געגען די קאפּיטאַליסטען, איז אין דעם ניט געלעגען קיין חן. זיין שטימע גופא, וועלכע האָט אין זיך געהאט אן אונאנגענעמען קוויטש, האָט געקלונגען מיט ביטרעקייט און אינטריגע.

אין א פינאנציעלען זין איז ער געווים געווען ערליך. אין דעם האָב איך קיין מאָל קיין צווייפעל ניט געהאט. ער איז אבער געווען דורכגעדרונגען מיט עגאָיזמען פון אנדערע סאָרטען.

מיט זיינע ראבעספיערישע אינטריגעס און פארפאָלגונגען האָט ער פארטריבען פון דער באוועגונג איהרע בעסטע מענשען, איינעם נאָכ׳ן אנדערען, איין גרופּע נאָך דער אנדערער. די וואָס האָבען איהם געהאָלפען ארויסטרייבען זיינע ערשטע קרבנות, זיינען אין א קורצער צייט שפּעטער אליין געווארען זיינע שונאים, און דאָס הייסט אויך זיינע קרבנות.

אזוי איז דאָס געגאנגען כסדר, ביז ענדליך איז ער געבליבען איינער אליין, א פארלאָזענער, א מאכטלאָזער. נאָר דאָס געהערט צו שפּעטערע יאָהרען.

עס זיינען פאראן גאנצע בערג מיט שפּאסען און אנעקדאָטען וועגען איהם, שפּאסען, וועלכע זיינען פאקטען.

ער פלעגט ניט אויפהערען זיך צו באריהמען מיט די זינגען פון זיין פארטיי און מיט די מפּלות פון זיינע פערזענליכע געגנער אין דער באוועגונג. דערביי פלעגט ער אנפיהרען אינטריגעס און אָפטאָן שפּיצלעך פון דעם זעלבען קינדערשען סאָרט ווי די וואָס

מיר האָבען געזעהן אין זיין קאמף געגען סאָטהערן. צום ביישפּיל: אין א געוויסען פּלאץ, אין א ווייטען געגענד, וואו פריהער איז אָפּגעגעבען געוואָרען נאָר איין סאָציאַליסטישע שטימע, באַקומט די פּאַרטיי צוויי וואָוטס. קומט דעליאָן ארויס מיט א טריאומף: „סאָציאַליסטישער וואוט געדאָפּעלט!״ ביי אן ,אנדער געלעגענ־הייט האָט ער געהאַט א קעפּעל מיט די ווערטער: „מיר שטעהען פעסט ווי א פעלז״ און אונטער׳ן קעפּעל זעהט איהר, אז אין אזא און אזא פּלאַץ זיינען פאר־א־יאָהרען געווען צוויי שטימען און איצט ווידער צוויי שטימען!

דער וואָס איז נאָר ניט געווען מיט זיין פּאַרטיי און הויפּט־זעכליך מיט איהם, יענעם האָט ער באהאַנדעלט ווי אן איינפאַכען גנב און אויסוואורף. ער האָט געמעגט זיין די וויכטיגסטע און די שעהנסטע פּערזענליכקייט. אָט איז א ביישפּיל: פּעטער קראָ־פּאָטקין האָט אין ניו יאָרק געהאַלטען לעקטשורס וועגען אַנאַר־כיזם און געגען דער מארקסיסטישער טעאָריע. ווען די קאַפּי־טאליסטישע פּרעסע האָט דיזען איידעלען פרייהייטס־קעמפער אטאַקירט, האָט דעליאָן געשריבען א נאָטיץ מיט דעם ענגלישען ווערטעל: „איין חזיר בייסט אַן אנדער חזיר״, אלס איבערשריפט. די רוסישע קאָלאָניע און טויזענטער אנדערע ראַדיקאַלען זיינען געווען אויפגעבראכט; אָבער דעליאָן האָט געמאַכט חוזק פון זיי מיט קראָפּאָטקין׳ען צוזאַמען.

איך פּלעג זיך טראַכטען: צי דען באַמערקט דער מענש ניט ווי לעכערליך ער מאַכט זיך? ניין, ער האָט דאָס ניט באַמערקט! און עס האָבען זיך שטענדיג געפונען גענוג אנדערע מענשען וואָס האָבען דאָס אויך ניט באַמערקט.

4.

מ̇ילער׳ס באשולדיגונג געגען דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט. — די „קליקע״. — עס ערשיינט דער „אבענד־בלאַט״. — דער רעדאַקטאָר איז קראַנק.

איך וועל זיך אומקעהרען צו דעם „נואַרקער פּאַרטיי טאָג״, וואו מילער האָט אָפען באַשולדיגט די מיטגלידער פון דעם פאַר־

וואלטונגס־ראט פון דער „ארבייטער צייטונג פּאַבלישינג אסאָסי־איישאָן", און זיי זיינען א קליקע. אין דער רעזאָלוציע וועלכע איך האָב אויבען געבראכט פון בורגין'ס „געשיכטע", ווערט דאָס איבערגעגעבען קורץ. די רעזאָלוציע גופא איז געווען א פּאר־שטעלטע. דאָס וואָרט „קליקע" האָט מען אין איהר ניט געוואָלט אריינברענגען. דער געדאנק ווערט אָבער דאָך אויסגעדריקט. דאָס ווערט געטאָן מיט דער פראזע: „דורך געוויסע פּארהעלטניסע ליגט די פּראקטישע עקזעקוטיווע ארבייט אין די הענט פון בלויז עטליכע גענאָסען". אלס א מיטעל דערצו רעקאָמענדירט די רעזאָ־לוציע אז אלע סאָציאליסטען זאָלען אריינטרעטען אין דער „פּאָב־לישינג אסאָסיאיישאָן". אָבער אריינטרעטען אין דער „פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן" איז אלץ געווען שווער. די הערשענדע מיטגלידער האָבען קיין נייע קאנדידאטען ניט צוגעלאָזען. די „פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן" איז געבליבען א פארשלאָסענע אָרגאניזאציע.

מילער'ס וואָרט „קליקע" איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער.

מען האָט זיך געקליבען ארויסצוגעבען די „אבענד בלאַט". די פראגע איז געווען ווער זאָל זיין דער רעדאקטאָר. מיט עטליכע מאָנאַט פריהער וואָלט אזא פראגע ניט פארגעקומען. פיליפּ קראנץ'ן האָט מען רעספּעקטירט אלס מענש. אלס זשורנאליסט אָבער האָט ער זיך ווייניג אָנגעזעהן אפילו אין א וועכענטליכער צייטונג; און דאָ האָט זיך געהאנדעלט וועגען א טעגליכער. מיט עטליכע מאָנאַט פריהער וואָלט די גאנצע אסאָ־סיאיישאָן מיך באטראכט אלס דעם נאטירליכען און איינציגען קאנדידאט. צו מיר האָט מען דאן איבערגעלאָזען די פראגע ווי מען זאָל די טעגליכע צייטונג א נאָמען געבען. אין די עטליכע מאָנאַט האָט זיך אָבער פילעס געענדערט. דאָס רוב פון די איינפלוסרייכע מיטגלידער פון דער „פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן" זיינען איצט געווען געגען מיר.

אין א געוויסען אָוונט, אין אָגוסט אָדער סעפּטעמבער, 1894, בין איך געזעסען ביי א דעסק אין 91 דיוויזשאָן? — דילענסי סטריט און געטאָן מיין רעדאקציאָנס־ארבייט. די רעדאקציע איז געווען אין אן אנדער צימער, א קלענערען. דאָ איז געווען דער ביזנעס אָפיס

(דער ביזנעס מענעדזשער איז די לעצטע עטליכע מאָנאַט געווען קראַנק). אין דעם רעדאַקציאָנס־צימער האָט מען אָבער אין יענע פּאָר טעג ניט געקענט ארבייטען. מען האָט געדאַרפט פאַררירכטען דעם סילינג. בין איך געזעסען ביי דעם ביזנעס דעסק און געשריבען.

באַלד איז אַריינגעקומען די קאָמיטע פון דער „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן", וועלכע האָט געמאַכט די פּאַרבערייטונגען צו דעם „אבענד בלאַט". די קאָמיטע איז בייסטענדס באַשטאַנען פון מיטגלידער פון דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט, מיט וועלכען איך בין געווען אין אנגעשטרענגטע באַציהונגען. אין דעם צימער איז א חוץ דעם דעסק געשטאַנען א טיש, האָבען זיי זיך געזעצט ביי איהם. זיי האָבען גערעדט, געשושקעט זיך, געמאַכט חשבונות.

ענדליך איז צו מיר צוגעגאַנגען א סאָב־קאָמיטע און מיר אָפּיציעל פּאָרגעשלאָגען די קאַנדידאַטור. איך האָב געענטפערט, אז איך נעם ניט אָן, און אז איך קלייב זיך פון דער „ארבייטער צייטונג" אויך זיך צוריקצוציהען.

עטליכע טעג האָט זיך גערודערט מיט דער זעלבער פראַגע. מען האָט מיט מיר גערעדט און גע'טענה'ט, דעבאַטירט וועגען דעליאָן'ען און וועגען מילער'ן. עס זיינען געפלויגען שאַרפע ווערטער. איך בין געבליבען ביי דאָס מייניגע. איך האָב די נאָמי־ניישאָן אויף רעדאַקטאָר ניט אָנגענומען.

קראַנץ האָט אָנגענומען, און דעם 14טען אָקטאָבער (1894) איז ערשינען דער ערשטער נומער „אבענד בלאַט", אונטער זיין רעדאַקציע.

איך האָב פּאָרטגעזעצט מיין טעטיגקייט אלס רעדאַקטאָר פון דער „ארבייטער צייטונג" און פון דער „צוקונפט". איך האָב דאָס באַטראַכט אלס א צייטווייליגע זאַך. איך האָב ביי זיך פעסט באַשלאָסען אין קורצען דאָס אויפצוגעבען און ווערען א „פּריוואַט בירגער".

אָבער אָנשטאָט זיך צוריקצוציהען פון דער באַוועגונג צוליב דעם „דעליאַניזם", איז צוליב דעם דעליאַניזם גופא מיר אלץ שווערער געוואָרען פון איהר ארויסצוגעהן. די צאָהל געגאָסען וואָס

האָבען איהם אָנגעפאנגען צו באקעמפען איז געווארען אלץ גרעסער, דער קאמף איז געווארען אלץ ברייטער, און איך בין אין איהם אריינגעצויגען געווארען אלץ טיפער. מילער איז געווארען א ביטערער געגנער פון דעליאָן'ס „טרייד ענד לייבאָר עלייענס" און פון דעליאָן'ען אין אלגעמיין.

עס איז געווארען א פראגע פון אריינקריגען די „ארבייטער צייטונג און דעם „אבענד־בלאט" אין אונזערע אנטי־דעליאָניסטישע הענט. וועגען אָפּטרעטען אונזער פרעסע דער „קליקע" האָבען מיר ניט געקענט דענקען. און אזוי האט זיך דער שטרייט פאר־שלעפּט ביז עס האָט זיך גענומען האנדלען וועגען גרינדען אן אנטי־דעליאָניסטישען און אנטי־„קליקע" אָרגאן.

ביי זיך אין דער היים האָב איך געשריבען ענגלישע ערצעה־לונגען. איך בין אין דיזער ארבייט אלץ מעהר פאראינטערעסירט געווארען. איך האָב געהאט ערפאָלג, אָבער פון דעם אינערליכען קאמף אין אונזער סאָציאליסטישער באוועגונג האָב איך זיך אלץ ניט געקענט ארויסרייסען.

5.

„פון א וואָרט א קוואָרט". — „צוויי שדוכים". — ענגעלס'עס טויט. — באראנאָוו קומט קיין אמעריקא. — אן אָפּע־ראציע. — 5טער „ארבייטער־צייטונג" געבורטסטאָג.

מיין שטייגענדער אינטערעס אין ליטעראטור איז געוועזן פאר־בונדען מיט דער ענגלישער שפּראך. דאָך האָט ער זיך אָפּגעשפּי־געלט אין מיין ארבייט אין דער „ארבייטער צייטונג" אויך. דאָס מערקט זיך, ווען מען בלעטערט דורך די נומערען פון דער צייט, וועגען וועלכער מיר ריידען דאָ.

אין יאנואר און פעברואר פון דעם יאָהר 1895 געהט מיינע אן אָריגינעלע רעאליסטישע ערצעהלונג אונטער דעם נאָמען „די צוויי שדוכים", וועלכע פארנעמט אכט נומערען.

דעם פינפטען אפּריל פון דעם זעלבען יאָהר־גאנג פאנגט זיך אָן צו דרוקען מיינע אן איבערזעצונג פון איינע פון די בעסטע

קורצע ערצעהלונגען אין דער ענגלישער ליטעראַטור, „איהר אינטע־ליגענטער זוהן“, פון טהאָמאַס האַרדי; און אין דעם נומער פון אַכטען יוני פון דעם זעלבען יאָהר הויבט אָן צו ערשיינען מיין איבערזעצונג פון נאַאומאָוו'ס מערקווירדיגע ערצעהלונג פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד, „אין אַ פּראָווינציעלע שטעדטעלע“. דער אָריגינאַל איז געווען אויף רוסיש און ער איז ערשינען אין דעם פּעטערסבורגער זשורנאַל „וויעסטניק יעוראָפּי“, וועלכער איז דאַן געווען דער וויכטיגסטער ליטעראַרישער זשורנאַל אין רוסלאַנד. איך בין פאַר דער ערצעהלונג געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז מיט איבערזעצען איהר האָב איך זיך ניט באַנוגענט. איך האָב וועגען איהר געהאַלטען צוויי ספּעציעלע לעקטשורס.

מיין אינטערעס אין ליטעראַטור האָט זיך אין דער „אַרבייטער צייטונג“ אָפּגעשפּיגעלט אויף אַן אינדירעקטען שטייגער אויך — אין דעם נייעם סאָרט פעליעטאָנען, צום ביישפּיל, וועלכע איך האָב געדרוקט אונטער דעם נאָמען „פון אַ וואָרט אַ קוואָרט“. אין זיי זיינען אויסגעדריקט געוואָרען האַלב־בעלעטריסטישע געדאַנקען וועגען דעם מענשליכען לעבען, און, פאַרבייגעהענדיג, האָב איך אין זיי געגעבען שטריכען און בילדלעך אויך. דער ערשטער פעליע־טאָן אונטער דיזען נאָמען איז ערשינען דעם 17טען מאַי, 1895. די טעמע איז געווען „אַן אייז־באַקס“. דער צווייטער איז געווען אויף דער טעמע „מיספּיט“. נאָך אַ פעליעטאָן אַזעלכער האָט געטראָגען דעם נאָמען „קעצעלע“ און דערנאָך איז געווען אַ פעליעטאָן „ווידער די קעצעלע“. דיזע אַרטיקלען האָבען געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג.

אין דעם מאָנאַט אָגוסט פון דעם זעלבען יאָהר געפינען זיך אַרטיקלען וועגען די באַקאַנטע טאַנץ־שולען פון דעם אידישען קוואַרטאַל. זיי זיינען אונטערגעשריבען פון אַ „העסטער סטריט רעפּאָרטער“. דאָס איז געווען מיין אונטערשריפט.

איך האָב גענומען באַזוכען פאַרשידענע פּלעצער אין דעם אידישען קוואַרטאַל מיט דעם צוועק אויסצושטודירען שטריכען און קאָלירען פון אונזער לעבען אין אַמעריקאַ. דער ציעל איז געווען אַ ריין ליטעראַרישער. איך האָב דאַן זיך געגרייט צו שרייבען אַן ענגלישען ראָמאַן און דיזע אונטערזוכונגען זיינען געווען פאַרבונדען

מיט דיזען פלאן. אָבער דערוויילע האָב איך די בעאָבאַכטונגען איבערגעגעבען אין ארטיקלען, וועלכע האָבען ארויסגערופען א ברייטען אינטערעס.

איך האָב וועגען אידישען לעבען געשריבען אין פארשידענע פאָרמען, און ווען איך לעז איצט דיזע ארטיקלען, געפין איך אין זיי א העלע אָפשפיגלונג פון די ליטעראַרישע נייגונגען, וואָס זיינען ארום יענער צייט געוואקסען אין מיר.

אין די נייעסען, וואָס איך האָב איינגעפיהרט אין דער „אר־בייטער צייטונג" אין דעם זעלבען יאָהר, מערקט זיך ווידער א שטרעבונג צו שאפען ארטיקלען, וועלכע זאָלען דערגרייכען דעם דאָפּעלטען צוועק: פאראינטערעסירען וואָס מעהר פון דעם אלגע־מיינעם לעזע־פובליקום און געבען די לעזער וויכטיגע קענטנים.

אין יאנואר פון דעם יאָהר 1895 אנאָנסיר איך א סעריע ארטיקלען, ווי אזוי די באריהמטע אמעריקאנער מיליאָנערען זיינען רייך געוואָרען. אין דער אנאָנסע ווערען אָנגערופען וואנדערבילט, גולד און אסטאָר.

א צווייטע סעריע איז אנאָנסירט (אין אָנהויב מערץ) אונטער דער „קעפּעל": „וואָס איז כדאי צו זעהן אין באָסטאָן, פילא־דעלפיא, שיקאַגאָ און אנדערע גרויסע אמעריקאנער שטעדט?" צו דעם זעלבען קלאָס ארטיקלען קען מען צורעכענען א סעריע אויף דער טעמע „די ערשטע אידען אין ניו־יאָרק", וואו איך האָב דער־צעהלט וועגען די ערשטע אידען, וואָס האָבען זיך באזעצט אין דער גרויסער אמעריקאנער שטאָדט.

צווישען די אגיטאציאָנס־ארטיקלען איז אין יאנואר פון יענעם יאָהר געווען מיינער אן ארטיקעל אונטער'ן נאָמען „טראָסטס און יוניאָנס", וואו איך ראָט די ארבייטער „זיך צו לערנען ביזנעס ביי די קאפּיטאליסטען". די קאפּיטאליסטען זיינען פאראייניגט, אָר־גאניזירט (זיי האָבען „טראָסטס"); און זיי פארשטעהען ביזנעס בעסער ווי די ארבייטער. דאָס באווייזען זיי מיט דעם פאקט, אז זיי מאכען מיט זייערע געשעפטען פיל גרעסערע גליקען ווי די ארבייטער מאכען מיט זייערע. דעריבער דארפען די ארבייטער טאָן ווי די קאפּיטאליסטען טוען און אויך זיין פאראייניגט. די

פאראייניגונג פון פאבריקאַנטען הייסט „טראַסט"; די פאראיי־ ניגונג פון ארבייטער הייסט „יוניאָן".

א צווייטער אגיטאציאָנס־ארטיקעל טראָגט דעם נאָמען „וועלכע וועלט איז א פוסטער חלום — די סאָציאליסטישע אָדער די קאפי־ טאַליסטישע?" דער הויפט געדאנק באשטעהט דאָ אין פאָלגענדען: די קאפיטאליסטישע וועלט איז געבויט אויף אזא סיסטעם, וועלכע קען זיך ניט האלטען, ווארים זי, די קאפיטאליסטשע סיסטעם, פארניכטעט איהר אייגענעם פונדאמענט. איך ערקלער, אז גע־ דונגענע ארבייט און קאָנקורענץ, דאָס זיינען די צוויי פיס, אויף וועלכע די קאפיטאליסטישע סיסטעם שטעהט. און איך באווייז, אז ווען דיזע צוויי איינפיהרונגען וועלען שטארק ענטוויקעלט ווערען, וועלען זיי פארניכטעט ווערען פון זיך אליין, ווארים זיי זיינען א ווידערשפרוך איינע געגען דער צווייטער; די גאנצע קאפיטאליסטישע סיסטעם איז געבויט אויף א ווידערשפרוך, וועל־ כער קען ניט אָנהאלטען. עס קומט אלזאָ אוים, אז די ווילדע, משונה'דיגע חיה, וועלכע מען רופט קאפיטאליזם, פרעסט אויף איהרע אייגענע פיס.

יענעם ווינטער האָב איך איבערזעצט די וויכטיגסטע שטעלען פון מאקס נאָרדאו'ס בעריהמטען בוך „די קאָנווענציאָנעלע ליגענס פון אונזער ציוויליזאציע".

אין א טרויער־ראהם אין דער „ארבייטער צייטונג" פון דעם 9־טען אויגוסט, 1895, ווערט געמעלדעט, אז פריעדריך ענגעלס איז געשטאָרבען, און אין דעם זעלבען נומער געפינען זיך מיינע פערזענליכע עראינערונגען וועגען איהם.

מ. באראנאָוו איז דאן געקומען קיין אמעריקא. מיט א קורצע צייט פריהער איז ער געוועזן אין ארגענטינא. אלזאָ האָב איך איהם איינגעלאדען צו שרייבען זיינע איינדרוקען פון דאָרטען. דיזע ארטיקלען זיינע געפינען זיך אין דעם זעלבען יאָהר־גאנג. זיי האָבען געהאט א גרויסען ערפאָלג. פון דאן אָן איז ער גע־

ווארען א שטענדיגער מיטארבייטער אין דער „ארבייטער צייטונג״ און דערנאך אויך אין „אבענד בלאט״.

לואי מילער איז אנפאנג פון יענעם זומער, מיט פריוואטע צוועקען, געפאהרען קיין אייראפא. ער האט באזוכט פארשידענע לענדער און האט צוגעשיקט פון דארטען איינינע קארעספאנדענצען. זייענדיג אין וויען, האט ער נעהאט אן אינטערוויו מיט דעם דאר־טיגען אנטיסעמיטישען מעיאר לועגער, און דאס האט ער באשרי־בען אין א בריף צו דער „ארבייטער צייטונג״.

זונטאג, דעם 3־טען מארטש פון דעם זעלבען יאהר, 1895, האט די „ארבייטער צייטונג״ געפייערט איהר פינפטען יאהרעס־פעסט. דער רעדנער־צעטעל אין דער אנאנסע איז געווען: אלעק־סאנדער יאנאס, אב. קאהאן, מאררים ווינטשעווסקי, ב. פייגענבוים און מ. זאמעטקין. די אנטייל נעמער אין דעם קאנצערט זיינען געווען: זיגמונד מאגולעסקא, סאבינא וויינבלאט, ראזא קארפ און די גאנצע כארישטען יוניאן.

דער באריכט וועגען דעם יאהרעס־פעסט איז אפגעדרוקט אין דער „ארבייטער צייטונג״ פון דעם 10־טען מארטש, און דארטען ווערט געמעלדעט: „גענ. קאהאן האט ניט געקאנט זיין אנוועזענד, ווייל ער געפינט זיך אין האספיטאל, וואו מען מאכט איהם אן אפעראציע אויף די אויגען. זיין ברודער האט דעם טשערמאן געבעטען איבערצוגעבען א באגריסונג אין זיין נאמען״.

אין אנהויב פון דעם יאהר 1895 האב איך א געוויסע צייט געליטען פון אן ענטצינדונג אין איין אויג. איך האב באזוכט דר. גרינינג׳ען, א דייטשער יהודי, וועלכער איז געווען איינער פון די באקאנטסטע אויגען־דאקטוירים אין יענער צייט. ווען ער האט מיך געהאלטען אין באקוקען, האט ער פלוצלונג א פרעג געטאן:

— ווארום זיינען די אויגען ביי אייך ניט גלייך? עס איז פשוט א פארברעכען אין אמעריקא ארומצוגעהן מיט אזעלכע אויגען. ס׳איז דאך אזא לייכטע אפעראציע.

— עס ליגט מיר ניט אין זינען, — האב איך געענטפערט.



מ. באַראַנאָוו.

— אַ פאַרברעכען, אַ פאַרברעכען פאַר אַ מאָדערנעם מענשען אַרומצוגעהן מיט אַזעלכע אויגען! איינס, צוויי, דריי און עס ווערט געפיקסט.

איך בין אַוועק אין מאונט סייניי האָספּיטאַל, מיט וועלכען ער איז געווען פאַרבונדען, און ער האָט געמאַכט די אָפּעראַציע. מען האָט אַריינגעטאָן קאָקאַאין אין אויג, און די גאַנצע געשיכטע האָט געדויערט ניט מעהר ווי עטליכע מינוט. אין האָספּיטאַל האָב איך אָבער געמוזט פאַרבלייבען עטליכע טעג.

איך האָב ספּעציעל אויסגעקליבען די וואָך פון דעם יאָהרעס־פעסט, כדי איך זאָל ניט דאַרפען אַנטייל נעמען אין דעם יום־טוב. די פאַרהעלטניסען צווישען דער מאַיאָריטעט פון דער „אַרבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן" און מיר זיינען שוין געווען אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז צוזאַמען־צוטרעפען זיך מיט די מיטגלידער אויף אַזאַ שמחה איז מיר ניט געווען אָנגענעהם.

6.

„דער אמת". — ווינטשעווסקי'ס אַרויסטרעטונג. — מילך'ס אַרטיקעל. — די וועבסטער האָל קאָנווענשאָן. — פייגענבוים געגען דער „קליקע". — אַלוואָרט. — דעליאָן'ס „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר עלייענס". — דער שידעס געריכט.

אַרום יענער צייט האָט ווינטשעווסקי זיך באַזעצט אין באָס־טאָן, וואו ער האָט גענומען אַרויסגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג אונטער דעם נאָמען „דער אמת" (די אַנאָנסע וועגען דעם איז געדרוקט אין דער „אַרבייטער צייטונג" פון דעם 9־טען מערץ). די פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן האָט זיין אונטערנעמונג באַטראַכט אַלס אַן אונפריינדליכען שריט. אָפיציעל איהם באַהאַנדלען אַלס אַ שונא האָט זי צוערשט ניט געהאַט קיין אורזאַכע; אָבער ביסלעך־וויַיז האָט „דער אמת" גענומען די אַסאָסיאיישאָן באַ־קעמפען גאַנץ אָפען, און זי איז געגען איהם אויך אַרויסגעטראָטען אָפען.

איך און מילער האָבען אונזער קאַמף געגען דער „אַסאָסיאיי־

שאָן" די גאַנצע צייט געפיהרט נאָר אינוועניג; מיר האָבען אויס־געמיטען צו „וואשען די שמוציגע וועש אויפ'ן גאַס". ווינטשעווסקי אָבער האָט די אַסאָסיאיישאָן באַקעמפּט פאַר דער אויסערליכער וועלט. אין זיין „אמת", אין אַן ארטיקעל אונטער דער קעפּעל „פויל אָדער צונעפוילט", האָט ער איהר אַטאַקירט מיט אַנצו־הערעניִשען, וועלכע מען האָט געקענט אויסטייטשען אויפ'ן ערגר־סטען אופן. דער ארטיקעל האָט אָנגעמאַכט אַ שטורם.

דער „אבענד־בלאַט" האָט פון דעם ארטיקעל חוזק געמאַכט; ער האָט געזאָגט, אַז ווינטשעווסקי ווייס ניט וואָס ער וויל און געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ער זוכט נאָר אַ סענסאַציע פאַר זיין „אמת".

אין דעם זעלבען זין האָט יעקב מילך געשריבען אין דעם „אמת" גופא. אזוי ווי ווינטשעווסקי האָט געפאָדערט פרייע קרי־טיק אין „אבענד־בלאַט", האָט מילך געפאָדערט פרייע קריטיק אין „אמת", און האָט איהם צוגעשיקט אַן ארטיקעל מיט'ן נאָמען „פרייע קריטיק אָדער גלאַט קריטיק", וואו ער האָט ערקלערט, אַז ווינטשעווסקי טשעפּעט זיך סתם אין דער וועלט אריין. מילך איז געווען פון דער „פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן" און ווינטשעווסקי האָט זיין ארטיקעל אָפּגעדרוקט צו ווייזען, אַז ביי איהם אין „אמת" ווערט „פרייע קריטיק" ערלויבט.

ווינטשעווסקי איז אויך ארויסגעטראָטען געגען דעליאָנ'ס מע־טאָדען, און דיזע קריטיק זיינע איז געווען אַ דייטליכע און אַ קלאָהרע. ווינטשעווסקי האָט געקענט ענגליש פון לאָנדאָן, און ער איז באַקאַנט געוואָרען מיט דער אמעריקאַנער זייט פון אונזער באַוועגונג באַלד ווי ער איז אַהער אריבערגעקומען. זיין מיינונג וועגען דעליאָנ'ען איז געווען די זעלבע ווי מיינע. אין באַצוג אָבער צו זיינע אַטאַקעס אויף דער אַסאָסיאיישאָן בין איך און דאָס רוב פון די אַנדערע אָפּאָזיציאָניסטען געווען איינפאַרשטאַנען מיט קראַנץ'ן און מיט מילך'ן, אַז „ער טשעפּעט זיך" סתם אין דער וועלט אריין.

דער תהום צווישען די צוויי לאַגערען — די אָפּאָזיציאָניסטען און דער פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן — איז געוואַקסען. עס וואָלט

אָבער דיכטיגער געווען צו ריידען ניט וועגען צוויי לאַגערען, נאָר וועגען דריי, וואָרים ווינטשעווסקי איז דאַן געשטאַנען אַלס אַ זעלבסטשטענדיגער קאַמף־פיהרער, מיט אַ באַזונדערען לאַגער.

דעליאָן האָט דאַן די „אַסאָסיאיישאָן" אָפען אונטערשטיצט געגען דער אָפּאָזיציע, און די „אַסאָסיאיישאָן" האָט דעליאָן'ען אונטערגעשטיצט געגען זיינע אידישע געגנער. די אָפּאָזיציע האָט דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט גערופען „די קליקע". דעליאָן האָט איהם גערופען „די לאָיאַלע". זיי זיינען לאָיאַל (טריי) צו דער פּאַרטיי, האָט דאָס געהייסען.

צווישען די פּאַסירונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ניו יאָרק אַרום יענער צייט, (דעם 9־טען דעצעמבער, 1895), און וועלכע זיינען פאַרבליבען אין מיין זכרון, געפינט זיך די פאָלגענדע:

אין קופּער יוניאָן איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, וואו דער הויפּט־רעדנער איז געווען אַלוואַרט, דער פיהרער פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. טהעאָדאָר רוזוועלט, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאטען, איז דאַן געווען פּאָליס־קאָמישאָנער פון ניו־יאָרק, און אויף צו האַלטען אָרדנונג אויף דיזער פאַרזאַמלונג, האָט ער ספּעציעל אויסגעקליבען עטליכע צעהנדליג אידישע פּאָליסלייט, דורכאויס אידישע. מען האָט דעם אַנטיסעמיט געלאָזט ריידען, אָבער פון אַנטיסעמיטישע סקאַנדאַלען האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. די אידישע באַפעלקערונג האָט רוזוועלט'ס שריט ביי דיזער אַנגעלעגענהייט אָפּלאָדירט אַלס אַ קלוגען און גוטען שפּיצעל.

פון דעם 28טען דעצעמבער 1895 ביז דעם 1.טען יאַנואַר 1896 איז אין וועבסטער האָל, עלפטע סטריט לעבען פערטער עוועניו, ניו־יאָרק, פאָרגעקומען אַ אידישער סאָציאַליסטישער „פּאַרטיי־טאָג". דאָרטען האָט מען געהאָפּט צו קומען צו אייניגקייט. עס איז אָבער אַרויסגעקומען פאַרקערט: די שפּאַלטונג איז נאָך ברייטער געוואָרען.

אויף דיזער קאָנווענשאָן האָט ב. פיינענבוים גענומען אַ שאַרפע שטעלונג געגען דער „אַרבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָ־

סיאיישאָן", און א פּאָר טעג איז ער אייגענטליך געווען דער לידער פון דעם גאַנצן קאַמף. ער האָט גערעדט מיט גרויס ערביטערונג געגען דער „קליקע" און ער האָט געפאָדערט ענדערונגען אין דער פיהרונג פון „אבענד בלאַט".

ווינטשעווסקי, אלס פאָרשטעהער פון דעם „דריטען לאַגער", האָט אויף דיזער קאָנווענשאָן זיין זעלבסטשטענדיגע ראָלע אויפ־געגעבען. ער איז געוואָרען איינער פון דער אלגעמיינער אָפּאָזיציע געגען די „לאָיאלע", איינער פון איהרע פיהרער.

קראַנץ האָט די דעלעגאַטען צו דעם צוזאַמענפאָהר, הויפּט־זעכליך די, וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע שטעדט, אויסגע־לאַכט אין „אבענד בלאַט" אלס „ישוב'ניקעס", וועלכע קומען קיין ניו יאָרק איבערמאַכען די וועלט. די מאַיאָריטעט פון דעם צוזאַ־מענפאָהר איז געווען אויפגעבראַכט.

איך האָב זיך געהאַלטען ווי אַן אויסערליכער בעאָבאַכטער. איך בין געווען איבערצייגט, אַז צו דער יום־טוב'דיגער שטימונג פון די ערשטע פיר יאָהר וועלען מיר שוין ניט קומען, סיידען דעליאָן זאָל פאַרלירען זיין מאַכט איבער דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי; און דאָס איז געווען א ווייט־לויפיגע זאַך. איך האָב זיך באַשלאָסען צוריקצוציהען אין פּריוואַט לעבען און אָפּגעבען זיך צו מיינע ליטעראַרישע שטרעבונגען אין דער ענג־לישער שפּראַך. איך האָב נאָר געוואָרט, אַז לואי מילער זאָל זיך אומקעהרען פון אייראָפּא. דאַן וואָלט איך איהם „איבערגעגעבען די שליסלען פון דעם פּאַיט", ווי איך פלעג זיך אויסדריקען, און וואָלט איהם מיטגעהאָלפען אלס אוטסיידער.

די פיהרער פון דער „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָ־סיאיישאָן" האָבען צו מיר צוגעשיקט א קאָמיטע פון צוויי, מיט אויסדרוקען פון רעספּעקט און קאָמפּלימענטען, און אַפּעלירענדיג אין דעם נאָמען פון דער באַוועגונג, האָבען זיי מיר געבעטען זיך דורכריידען מיט זייער גאַנצער גרופּע און העלפען מאַכען א סוף צו דער שפּאַלטונג.

איך האָב זיך ענטזאַגט צו פאַרהאַנדלען מיט זיי, סיידען עס וועט פאָרקומען א קאָנפערענץ פון ביידע צדדים. זיי האָבען דאָס נאָכגעגעבען און אזא קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען.

„די קאָנווענשאָן האָט גיכער אויסגעזעהן ווי א געריכט, וואו דער אָנגעקלאָגטער איז געווען די „פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן" — לעזען מיר וועגען דעם פּארטיי־טאָג פון וועבסטער האָל אין בור־גין'ס געשיכטע—זי (די אסאָסיאיישאָן) נעמט ניט אריין קיין נייע מיטגלידער; זי גיט ניט אָפּ קיין באריכטען וועגען פינאנצען; זי פּארטרייבט אינטעליגענטען. איהר טאקטיק איז ניט צו געהן מיט דעם גראדען וועג; זי לאָזט זיך פיהרען פאר דער נאָז פון דעניעל דעליאָן; איהר סיסטעם איז א סיסטעם פון פארכאפּען. די „פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן", פון איהר זייט, האָט ארויסגע־שטעלט באשולדיגונגען געגען קאהאָן'ען און ווינטשעווסקי'ן. קאהאָן'ען האָט זי באשולדיגט, אז אלס א רעדאקטאָר פיהרט ער זיך אויף קאפּריזנע, און ווינטשעווסקי'ן האָט זי באשולדיגט, אז ער גראָבט אונטער איהר נאָר דערפאר, ווייל מען שטעלט איהם ניט ארויס אלס רעדאקטאָר."

מען איז אפּגעזעסען א גאנצע נאכט און מעהר ווי צו געגענ־זייטיגע באשולדיגונגען און רייסערייען איז מען ניט געקומען. פייגענבוים האָט געמאכט א פאָרשלאג, אז מען זאָל דעם סכסוך איבערגעבען צו א שידעס־געריכט, וואָס זאָל אפּאָינטעד ווערען פון דער פּארטיי. איך האָב ערקלערט, אז איבערגעבען די פראגע צו דער פּארטיי, הייסט איהר איבערגעבען צו דעליאָן'ען, וואָרים ער האָט די פּארטיי ביי זיך אין קעשענע; אז דאס הייסט „אָנ־קלאָגען דעם טייוועל פאר זיין שווינער". אָבער די ווערטער „שידעס־געריכט" אָדער „פשרה־געריכט" האָבען א צוציהענדען קלאנג און די קאָנווענשאָן האָט פייגענבוים'ס פאָרשלאג אָנגענומען. איך האָב צוערשט ערקלערט, אז איך וועל אין דעם שידעס־געריכט ניט נעהמען קיין אנטייל.

צוויי דייטש־אמעריקאנישע מיטגלידער פון דער פּארטיי, וועלכע האָבען זיך געפונען אין האָל, האָבען אפּעלירט צו מיר, אז איך זאָל דעם שידעס־געריכט אָנערקענען, און זיי האָבען מיר איבערגעגעבען אין אלעקסאנדער יאָנאס'עס נאָמען, אז ער ראָט מיר אויך אזוי צו טאָן. די צוויי גענאָסען האָבען מיר פארזיכערט, אז דעליאָן'ען פּאָרדריסט די שפּאלטונג און אז ער און יונגאָ פּאָכט ווילען מיט'ן גאנצען הארצען שלום. זיי האָבען מיר זאָגאר געגע־

בען אַנצוהערעניש, אז דעליאָן אַליין וויל אויפגעבען זיין טאַקטיק פון גיפט און גאַל און צאַנקערייען. מיר האָט זיך דאָס נים געגלויבט. איך האָב געמאַכט שפּאַס דערפון.

אָבער פילע פון אונזערע אידישע אָפּאָזיציאָניסטען זיינען געווען שטאַרק דערפאַר. אַלזאָ, האָב איך נאָכגעגעבען.

דער שידעס־געריכט האָט זיך אָרגאַניזירט דעם 9טען יאַנואַר, 1896. דעליאָן, יאָנאַס, סעניעל, יוגאָ פאָכט און הענרי קוהן (דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר) זיינען באַשטימט געוואָרען אַלס די ריכטער.

עס זיינען פאָרגעקומען 18 זיצונגען. איך האָב זיך גלייך איבערצייגט, אז קיין גערעכטען און פּאַרטיינפטיגען באַשלוס קען מען נים ערוואַרטען. יאָנאַס און סעניעל זיינען געווען אונזערע פריינד, און זיי האָבען געמיינט גוט. אָבער דעליאָן און פאָכט און קוהן זיינען געווען א מאַיאָריטעט, און זיי האָבען געאַרבייט אין די אינטערעסען פון דער „קליקע". איך קען נים זאָגען, אז יוגאָ פאָכט האָט דאָ דירעקט געמיינט צו שעדיגען די אָפּאָזיציע. אָבער ער, אזוי גוט ווי דעליאָן און קוהן, האָט זיך מיט יענעם צד געזעהן א סך מעהר ווי מיט אונזערע, און מיינע באַציהונגען מיט דעליאָן'ען, פאָכט'ן און קוהן'ען זיינען נים געווען קיין פריינדליכע: איך פלעג זיך מיט זיי אפילו נים באַגריסען; אַלזאָ, האָב איך קיין מאָל נים געהאַט קיין געלעגענהייט דורך פּריוואַט געשפּרעכען אָפען און קלאָר פאַרצושטעלען וואָס מיר דענקען און ווי מיר פיהלען.

דער גוטער יאָנאַס האָט מיר אימער געטרייסט. ער האָט דעליאָן'ען געהאַסט און צו איהם קיין צוטרויען נים געהאַט; ער האָט אָבער געגלויבט אין דער אויפריכטיגקייט פון די אַנדערע מיטגלידער פון דעם שידעס־געריכט, און ער האָט געטרויסט, אז דורך דיזען שידעס־געריכט וועט קומען א בעסערע לאַגע אין דער גאַנצער פּאַרטיי.

די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי האָט אָפּגעדרוקט א סטייטמענט וועגען דער גרינדונג פון א „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר עלייענס" — אן אָרגאַניזאַציע בלויז פאַר סאָציאַליסטישע

אַלעקסאַנדער יאָנאַס און לוסיען סעניעל. — פאָטאָגראַפירט אין 1894.

יוניאָנס. איך און מיללער האָבען אין דעם געזעהן אַן אָפּאָזיציע צו די אַנדערע יוניאָנס, אַ סדרה פון צוזאַמענשטויסען מיט זיי און — ווי איך האָב שוין ערקלערט — אַ שטערונג פאַר אונזער אַגיטאַציע צווישען די אַמעריקאַנער ארבייטער. יאָנאַס האָט אויף דעם אויך אַזוי געקוקט, אָבער סעניעל האָט. דעם „עלייענס" געשטיצט.

אין גרונד גענומען, האָט דער פּלאַן געשטאַמט פון סעניעל'ען. וועגען „צווינגען די יוניאָנס אַראָפּצושלינגען דעם סאָציאַליזם" פלעגט ער ריידען נאָך איידער דעליאָן איז געוואָרען אַ סאָציאַליסט. דאָס איז ביי איהם געווען נאָר אַן אויסדרוק אַזאַ. ער איז געווען אַ היציגער מענש, אָבער דער פרידליכסטער מענש אין דער וועלט. ער וואָלט קיין פליג ניט געקענט אָנרירען; און ער האָט קיין באַגריף ניט געהאַט וואָס פאַר אַ מעשים דעליאָן וועט אָפּטאָן מיט זיין „עלייענס".

די ערשטע זעקס מאָנאַט פון יענעם יאָהר (1896), דאָס הייסט אין דער צייט וועו עס איז אָנגעגאַנגען דער פאַרהער פאַר דעם שידעס־געריכט, האָב איך פאַר דער „ארבייטער צייטונג" געאַרבייט ווי אימער. אַ חוץ סעריעזע אַרטיקלען, האָב איך געשריבען מיינע נייע פעליעטאָנען „פון אַ וואָרט אַ קוואָרט". אונטער דעם נאָמען „דער העסטער סטריטער רעפּאָרטער" האָב איך באַשריבען די „מזל־טרעפער" און קאָרטען־וואַרפערינס פון דעם אידישען קוואַר־טאַל. איך האָב געענדיגט די איבערזעצונג פון אַ פראַנצויזישען ראָמאַן „די לעצטע ליבע", פון זשאָרזש אָהנע, וועלכע איך האָב אָנגעהויבען אין דעם פאָריגען יאָהר, און איך האָב אָנגעפאַנגען איבערצוזעצען עמיל זאָלאַ'ס ראָמאַן פון ארבייטער לעבען — „זשערמינאַל".

צו דער זעלבער צייט האָב איך אָנגעשריבען, אויף ענגליש, אַ ראָמאַן פון דעם אידישען לעבען אין אַמעריקאַ; און אין יאַנואַר פון יענעם יאָהר (1896) האָט די אויבען דערמאָנטע בוך־פירמע אַפּלעטאָן ענד קאָמפּאַני, איינע פון די צוויי וויכטיגסטע פּאָבלישינג הייזער אין אַמעריקאַ, איהם אָנגענומען. איידער מען האָט איהם געדרוקט, האָב איך, מיט דער ערלויבניש פון

דער פירמע, איהם געגעבען אין דער „ארבייטער צייטונג" אין אן איבערזעצונג, וועלכע איך האב אליין געמאכט. אויף ענגליש האט דער ראמאן געהייסען „יעקל". אויף אידיש אבער האב איך איהם א נאמען געגעבען „יאנקעל דער יאנקי".

אויבען איז דערמאנט געווארען סערגעי סטעפניאק, דער בעלדישער רוסישער רעוואלוציאנער, וועלכען איך פלעג באזוכען אין לאנדאן. אין דער „ארבייטער צייטונג" פון דעם ערשטען יאנואר פון דעם יאהר, ביי וועלכען מיר האלטען איצט, געפינט זיך מ. באראנאוו'ס א הספד אויף איהם. סטעפניאק האט זיין לעבען פארלארען דורך אן אונגליקליכען צופאל. ווען ער האט געהאלטען אין אריבערגעהן די באהן־רעלסען, ניט ווייט פון זיין וואוינונג, אין טשיזיק, לאנדאן, איז אנגעקומען א צוג און האט איהם איבערגעפאהרען.

אין דעם זעלבען מאנאט (דעם 14טען) ווערט אין דער „אר־בייטער צייטונג" געמעלדעט א נייעס, אז א דייטשער פראפעסאר מיט'ן נאמען רענטגען האט ענטדעקט אזא מין שטראהלען, דורך וועלכע מען קען פאטאגראפירען די ביינער פון א לעבעדיגען מענ־שען, אדער מטבעות, צום ביישפיל, בשעת זיי ליגען אין א לעדער־נער בייטעל. דערביי ווערט געזאגט, אז רענטגען האט דאס א נאמען געגעבען עקס־שטראלען. דאס זיינען די „עקס־שטראלען", וועלכע שפילען היינט אזא אונגעהויערע ראלע אין דער מעדיצין.

די ענטשיידונג פון דעם שידעס־געריכט איז געווען א פשרה, פון וועלכער אונזער צד איז געווען ביטער ענטוישט. די ריכטער האבען ריינגעוואשען די „ארבייטער צייטונג פאבלישינג אססא־סיאיישאן" כמעט פון אלע באשולדיגונגען.

ניט האבענדיג פאר זיך קיין דאקומענטען, מוז איך זיך ווידער באנוצען מיט בורגין'ס געשיכטע:

„וועגען קאהאן לויטעט די ענטשיידונג, אז די רעדאקציאנעלע זייט פון זיין ארבייט איז גוט. וואס אנבאלאנגט זיין אויפפיהרונג, ערקלערט זי זיך מיט דעם וואס ער איז נערוועז און האט א היציגען

טעמפּעראַמענט. װעגען דעם „אמת" און װינטשעװסקי'ן האָט דער געריכט ענטשידען: 1) דער רעדאַקטאָר און די אַרױסגעבער פון דער צייטונג זיינען שולדיג אין פאַרשפּרייטען און זייהען אומ־צוטרוי; 2) װינטשעװסקי איז װייניג באַקאַנט מיט די אומ־שטענדען און איז אונפּאַסיג צו האָבען אונטער זיין השגחה די רעדאַקציאָנעלע פיהרונג; דארום האָט די „אַרבייטער צייטונג" פּאַבלישינג אַססאָסיאיישאָן געהאַט דאָס רעכט ניט איינצושטימען מיט דער קאָנװענציאָן, דאָס װינטשעװסקי זאָל אָנגעשטעלט װערען אַלס צװייטער רעדאַקטאָר; 3) װינטשעװסקי אָבער איז אַלס טאַלאַנטפולער שרייבער אַ װערטפולער מיטאַרבייטער".

די ענטשיידונג איז געװען, אַז איך בלייב רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער צייטונג" און קראַנץ פון „אַבענד בלאַט". די צייטונג „אמת" זאָל אויפהערען צו עקזיסטירען און װינטשעװסקי זאָל אָנגעשטעלט װערען אַלס מיטאַרבייטער אין „אַבענד בלאַט".

איך האָב גלייך רעזיגנירט פון דער „אַרבייטער צייטונג".

7.

אַ רעדע ביים „אַרבייטער־רינג פאַראיין". — לעקטשורס און רעדעס. — אַ צװייטער באַזוך אין ראָטשעס־טער. — אין אַ דול־הױז.

מיט אַ פּאָר װאָכען פריהער איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט צו פייערען דעם יאָהרעס־פעסט פון דעם „אַרבייטער־רינג פאַראיין". דער אַרבייטער־רינג אַלס אָרדען האָט נאָך דאַן ניט עקזיסטירט. עס איז געװען בלויז איין אָרגאַניזאַציע, אַ קליינע געזעלשאַפט פון סאָציאַליסטען, װעלכע זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז ראַ־דיקאַלע, פריי־געזאָנענע מענשען דאַרפען האָבען זייערע אייגענע לאָדזשען פאַר זייער געגענזייטיגער הילף — שטיצע פאַר אַ מעמ־בער, װען ער װערט קראַנק, און פאַר זיין פרוי, װען ער שטאַרבט.

די אידישע אָרדענס האָבען ביים אריינטרעטען געפאָדערט אַ גאַנצע צע־עמאָניע מיט אַן ערקלערונג, אַז מען גלויבט אין גאָט.

דאָס האָט, נאַטירליך, אונזערע גענאָסען ניט געקענט זיין אַנגע־נעם, און מען האָט גענומען ריידען וועגען גרינדען אַ געזעלשאַפט פאַר זעלבסט־הילף, וועלכע זאָל זיין פריי פון דיזע אַלע זאַכען און וועלכע זאָל זיין פאַרבונדען מיט דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג. אויף דיזען אָרט איז געגרינדעט געוואָרען דער „אַרביי־טער־רינג פאַראיין".

אָט טעטיגסטען זיינען געווען דערביי צוויי קלאָוקמאַכער, סעם גרינבערג און הערי לאַסקער, און מ. גאָלדרייך, וועלכער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער קעפּ־מאַכער יוניאָן און פון דער „אַרבייטער־צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן". צו זיי דריי זיינען נאָכהער צוגעשטאַנען נאָך עטליכע גענאָסען, צווישען זיי מיינער אַ גוטער באַקאַנטער יוניאָן־מאַן מיט'ן נאָמען אַ. בעקער (זעה „די געשיכטע פון אַרבייטער־רינג", פון אַ. ש. זאַקס, זייט 74). דער פאַראיין האָט זיך געגרינדעט דעם 4טען אַפּריל, 1892, און דער יאָהרעס־פעסט, וועגען וועלכען איך רייד דאָ, איז פאָרגעקומען אין פריהלינג 1896 (עס קען זיין, אַז איך האָב אַ טעות אין דער צייט, אָבער אַזוי קומט אויס נאָך מיין חשבון, בשעת דיזע שורות ווערען געשריבען).

דער עולם איז געווען אַ קליינער. ער איז באַשטאַנען פון די גרינדער און פון נאָך עטליכע גענאָסען, און די שטימונג איז געווען אַ האַרציגע. איך געדענק דעם עיקר פון דער רעדע, וואָס איך האָב געהאַלטען. זי האָט זיך באַצויגען אויף דעם וואָרט „רינג", און דער הויפּט־געדאַנק איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען:

אַ גילדערנער רינג איז אַ שעהנע זאַך, וואָס קיימעלט צוזאַ־מען די הערצער פון אַ פּאָר־פּאָלק. דער „אַרבייטער־רינג" קיי־טעלט צוזאַמען די הערצער פון אַרבייטער. אָבער פון הוילע גאָלד קען מען קיין רינג ניט מאַכען; עס האַלט זיך ניט. מען מוז צומישען קופּער, כדי עס זאָל האָבען מעהר ממשות. דער „אַרביי־טער־רינג פאַראיין" איז געגרינדעט אויף דעם פרייען געדאַנק און אידעאַליזם. אָבער מיט אידעאַליזם אַליין קען מען אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט ניט לעבען. טאָמער ווערט אַן אַרבייטער קראַנק, זאָל ער ניט זיין הילפלאָז. מען דאַרף איהם באַזאָרגען מיט מאַטעריעלער שטיצע. אָט דיזע געגענזייטיגע

מאַטעריעלע הילף, דאָס איז דער קופּער, וואָס ווערט אריינגע־מישט אין דעם גילדערנעם אידעאַליזם פון דעם „ארבייטער־רינג פּאַראַיין", ער זאָל האָבען אַ ממשות. און אַזוי איז אונזער גאַנצע באַוועגונג: אונזער סאָציאַליסטישער אידעאַליזם געהט צוזאַמען מיט אַ פּראַקטישען קאַמף צו פאַרבעסערען די מאַטעריעלע לאַגע פון דעם ארבייטער.

אין שפּעטערע יאָהרען, ווען דער „ארבייטער־רינג", אַלס אָרדען, איז שוין געוואָרען אַ ריזיגע מאַכט, מיט הונדערטער ברענטשעס און מיט פילע צעהנדליגע טויזענטער מיטגלידער איבער'ן גאַנצען לאַנד, האָב איך ביי אַ געלעגענהייט, אַלס רעד־נער ביי דער ערעפענונג פון זיינער אַ קאָנווענשאָן, אויסגעדריקט דעם זעלבען געדאַנק.

אַרום יענער צייט האָב איך ווידער באַזוכט אייניגע שטעדט. איך האָב געהאַלטען לעקטשורס און רעדעס אויף ענגליש און אידיש.

זייענדיג אין ראַטשעסטער אַ צווייטען מאָל, האָב איך עט־ליכע שטונדען פאַרבראַכט אין דעם דאָרטיגען משוגעים־הויז, וואָס איז אַן אַנשטאַלט פון דעם סטייט ניו־יאָרק.

די כלה פון איינעם פון אונזערע גענאָסען איז אַראָפּ פון זינען, און מען האָט איהר דאָרטען געהאַלטען; האָט ער מיר געבעטען, אַז איך זאָל איהר באַזוכען. איך האָב זיין ביטע ערפילט, און דער וויזיט האָט אויף מיר איבערגעלאָזט אַן אונ־באַשרייבליכען איינדרוק.

דעם גענאָסע'ס כלה, וועלכע האָט מיר גאַנץ גוט געקענט, האָט מיר איצט ניט דערקענט. זי איז געזעסען מיט אַ בייז־פאַרטרויערטער מינע, געקוקט און געשוויגען. זי איז געוועזען אַ קליין־געוואַקסיגע, מיט אַ שעהנער פיגור, אַ שוואַרץ־חנ'עוודיגע, מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגען. די באַקען האָבען איהר איצט געגליהט און די שוואַרצע אויגען האָבען געברענט.

— וואָס מאַכט איהר? — האָב איך צו איהר געזאָגט, — איך האָב אַ גרוס צו אייך.

— איהר קענט דאָך מיר, — האָב איך ווייטער געזאָגט.

זי האָט ניט געענטפערט.

כ׳האָב אָנגערופען איהר חתן׳ס נאָמען. זי האָט אָבער אַלץ ניט געענטפערט. זי האָט ניט פארשטאנען וואָס איך זאָג. אַלע מיינע רייד זיינען געווען אומזיסט.

אין דעם זעלבען צימער האָבען זיך געפונען ביי א צעהנדליג אנדערע וואהנזיניגע. אן עלטערע איירישע פרוי האָט זיך גע־וויגט אויף א ראקינג־טשער און געזונגען „מערי קאָנטרערי". אָהן אן אויפהער זיך געוויגט און אָהן אן אויפהער אויסגעשריען די ווערטער. אן אנדער איירישע פרוי — אין די מיטעלע יאָה־רען — איז געשטאנען און געקעמט איהרע האָר. איהרע האָר זיינען געווען גרוי און לאנג, האָט זי זיי צוערשט אראָפּגעקעמט, זיי זאָלען איהר העגנגען איבער׳ן פּנים, און דאן געגעבען א וואָרף די קאָפּ אויף הינטען, דערביי זיך צולאכט אויפ׳ן קול, און דאן געקעמט די האָר איבער׳ן פּלייצע. דערנאָך ווידער פארוואָרפען די האָר פּאָראויס, ווידער א שליידער געטאָן צוריק, ווידער א משונה׳דיגער לאך, און ווידער געקעמט די האָר איבער׳ן פּלייצע.

מיין באגלייטער, איינער פון אונזערע גענאָסען, האָט מיר אָנגעוויזען אויף א אידישער מיידעל, ערקלערענדיג, אז זי איז „כמעט געזונט".

איך בין צוגעגאנגען צו איהר און איהר געפרעגט צי זי רעדט אידיש.

— וואָס דען ! — האָט זי געענטפערט.

זי האָט גערעדט מיט א ליטווישען אקצענט. זי איז געווען פון קאָוונא, ניט קיין הויכע, א בלאָנדע, מיט אן אנגענעמען שמייכעל.

זי האָט גערעדט וועגען דעם אנשטאַלט און וועגען זיך. זי האָט דערצעהלט ווי מיט א פּאָר וואָכען פריהער איז דאָרטען געווען א פייער און ווי אזוי ס׳האָט די פּאציענטען געראטעוועט. זי האָט גערעדט אבסאָלוט ווי א קלאָרע. אָנווייזענדיג אויף דער פרוי וואָס האָט זיך געוויגט און געזונגען „מערי קאָנטרערי", האָט זי איהר איבערגעקרימט : „מערי קאָנטרערי, שמערי".

— אַט אַזוי ווי איהר זעהט, גאַנצענע טעג דאָס זעלבע ! — האָט זי געזאָגט, — פון דעם אַליין קען מען דאָך משוגע ווערען.

— און וואָס איז מיט אייך ? — האָב איך געפרעגט.

— גאָרניט, מען וועט מיר באַלד ארויסלאָזען, — האָט זי געענטפערט, אראָפּלאָזענדיג די אויגען פארשעמטערהייט.

— דאָך, וואָס זאָגען די דאָקטוירים ?

— גאָרניט, — האָט זי פאָרטגעזעצט, אַלץ קוקענדיג אויפ'ן פלאָר, — ווען די לבנה שיינט, דוכט זיך מיר אז עס קאַפּעט.

— פון וואַנען קאַפּעט ?

— פון דער לבנה, פון מיין דרעס, — האָט זי געענטפערט, אָנווייזענדיג אויף איהר קלייד, נאָך מעהר פארשעמט ווי פריהער, — ס'איז גאָרניט, ס'עט איבערגעהן ; ס'איז מיר שוין בעסער, מ'וועט מיר באַלד ארויסלאָזען.

כ'האָב אין דעם אנשטאַלט פארבראַכט עטליכע שטונדען. איך בין אוועקגעגאַנגען אַ צובראָכענער מענש.

צוועלפטער קאפיטעל.

ווי אזוי עס איז געקומען צו דער גרינדונג פון „פאָרווערטס״

1.

אין הארלעם. — נייע וואוינונגען. — ניו יאָרק וואקסט מיט א מאשינאָווען וואוקס. — דער ריעל־עסטייט „בום״.

אין דער „ארבייטער צייטונג״ איז דאן נעגאנגען מיין איבער־זעצונג פון זאָלא׳ס ראָמאן „זשערמינאל״, אונטער מיין שריפט־נאָמען „דוד בערנשטיין״. ווען מען בלעטערט דורך דעם יאָהרגאנג 1896, געפינט מען דיזען נאָמען נאָר ביז דעם נומער פון 15טען מאי. אין דעם נעקסטען נומער, דעם 22טען מאי, ערשיינט די איבערזעצונג שוין אָהן א נאָמען. פון דאן אָן האָט איהר געמאכט אן אנדערער (קראנץ, דאכט זיך).

אין דער וואָך צווישען דעם 15טען און 22טען מאי האָב איך אלזאָ גענומען האק און פאק, בין אוועק פון דער רעדאקציע און אָפּגעשניטען מיינע פארבינדונגען מיט דער פּאָבלישינג אססאָ־סיאיישאָן.

מיין פרוי איז דאן געווען אין קיעוו אויף א באזוך ביי איהר מוטער און פאמיליע, און מיללער, וועלכער איז נאָך געווען אין יוראָפּ, איז אריבערגעפאָהרען קיין אָדעס, וואו ער האָט געהאט א שוועסטער, און פון דאָרטען איז ער געפאָהרען קיין קיעוו, צו באזוכען מיין פרוי.

איך האָב זיך אויף יענע מאָנאטען באזעצט ביי א פאמיליע פון א שריפטזעצער מיט׳ן נאָמען ראָנקין, וועלכער איז דאן געווען דער פאָרמאן איבער די שריפטזעצער פון דער אססאָסיאיישאָן׳ס דרוקעריי.

מיין קוואַרטיר ביי די ראַנקינס איז אין מיין זכרון פאַרבונדען מיט אַ וויכטיגען קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון ניו יאָרק. די קוואַרטיר גופא, די הויז, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען, איז מיט דעם פאַרבונדען. צוערשט אַ פּאָר ווערטער וועגען דער דאַמאָלסדיגער לאַגע אין באַצוג צו דער בוי־אינדוסטריע.

נאָך דעם קריזיס פון 1893—1894 האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ צייט פון „פּראָספּעריטי“, פון בליהענדע געשעפטען. אַלס רעזול־טאַט האָט זיך אין דעם זומער, ווען איך האָב רעזיגנירט פון דער „אַרבייטער צייטונג“, אָנגעהויבען אַ ברענענדיגע טעטיגקייט צו פאַרגרעסערען די שטאָדט. די פאַרגרעסערונג איז פאָרגעקומען אויפ׳ן עכטען אַמעריקאַנער שטייגער — ניט ביסלעכוויין, ניט לאַנגזאַם, ווי עס וואַקסט אַ אייראָפּעאישע שטאָדט, נאָר מיט אַ נערוועזער האַסט. אַזוי ווי איבער נאַכט זיינען אויסגעוואַקסען צעהנדליגע און צעהנדליגע נייע בלאָקס מיט מויערען.

אין די פערצעהן יאָהר, וואָס איך האָב ביז דאַן פאַרבראַכט אין אַמעריקאַ, האָט ניו יאָרק זיך ווייניג געענדערט. אי אין גרויס, אי אין אַלגעמיינעם אויסזעהן איז זי געבליבען כמעט די זעלבע. ווייטער ווי די הונדערטע סטריט האָט זי זיך ניט געצויגען. דאָרטען האָבען זיך שוין אָנגעפאַנגען פוסטע פעלדער און פעלזען. די 90טע סטריט און זאָגאַר די 70טע האָט געהייסען „ווייט אַפּטאַון“, און אין די אַלטע פאַרבויטע טיילען פון דער שטאָדט, אין דעם ביזנעס צענטער, זיינען די העכסטע געביידעס געוועזען ניט העכער ווי 14 עטאַזש די הויך. אין יענער צייט האָט מען גענומען אויפבויען נייע קוואַרטאַלען אַפּטאַון און אַלץ העכערע און העכערע מויערען — „הימעל־קראַצערס“ — אין דעם קאָבעדיגען ביזנעס־געגענד פון דאַון־טאַון. און די עלעווייטאָרס אָדער „ליפטס“ זיינען אין אַמעריקאַ ענטוויקעלט געוואָרען צו אַ מדרגה, פון וועל־כער מען האָט אין אייראָפּאַ קיין באַגריף ניט געהאַט*).

---

*) אייראָפּעער, וועלכע זיינען ניט באַקאַנט מיט׳ן אַמעריקאַנער לע־בען, וואונדערען זיך: צו וואָס בויט מען „הימעל־קראַצערס“? פאַרוואָס טויגען ניט די קלענערע געביידעס? דער ענטפער איז, אַז יעדער אַמע־ריקאַנער וויל האָבען זיין אָפיס אין דעם צענטער. אַלע שפּאַרען זיך צו איין קליינעם שטח. אַלע לאָיערס, צום ביישפּיל, מוזען האָבען זייערע

מיין קוואַרטיר ביי די ראַנקינס איז געווען אין איינער פון די דאָזיגע נייע געביידעס. אויף דער 102טער סטריט האָט זי זיך געפונען. דער גאַנצער בלאָק און פילע בלאָקס ווייטער זיינען געווען נייע, אָדער זיי האָבען זיך ערשט געהאַלטען אין בויען.

אַ פיבערישע בוי־טעטיגקייט איז אָנגעגאַנגען אַפּטאַון אין ניו יאָרק און אין דער אידישער בראַנזוויל אין ברוקלין.

עס האָט געקאָכט מיט ריעל־עסטייט ספּעקולאַציע. מען האָט געקויפט און פאַרקויפט לאָטס, פאַרטיגע הייזער, האַלב־פאַרטיגע. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר, האָט זיך געכאַפּט צו ריעל עסטייט. אין די אידישע קוואַרטאַלען האָט דער פיבער אַרומגעכאַפּט אַ היבשע צאָל פון אונזער אימיגראַנטען־באַפעלקערונג, זיצענדיג ביי אַ טעלער זופּ אָדער אַ גלאָז טהיי אין אַ רעסטאָראַן, פלעגט מען קויפען און פאַרקויפען לאָטס אָדער 5־עטאַזשיגע געביידעס, אָדער אַ געשריבענעם צוזאָג אַזאַ מסחר צו מאַכען. מעקלערס האָבען גענומען קאָמישאָן. דער וואָס האָט נעגעבען האַנד־געלד, און באַקומען אַ קאָנטראַקט, האָט דעם קאָנט־ראַקט פּיליכט באַלד פאַרקויפט אַן אַנדערען און געמאַכט אַ פּאָר טויזענט דאָלאַר פּראָפיט נאָך איידער ער האָט געענדיגט די גלאָז

אָפּיסעס אין דער נאַכבאַרשאַפט פון די קאָורטס. אַלע געלט־ספּעקולאַנטען מוזען האָבען זייער ביזנעס אין דער נאַכבאַרשאַפט פון דער בערזע און די גרויסע באַנק געשעפטען. אַלזאָ, וואַקסען די דאָזיגע ביזנעס קוואַרטאַלען צום הימעל־צו, כדי צו בלייבען אין דעם צענטער אָדער וואָס נעהענטער צום צענטער. אַזוי איז אין אַלע אַמעריקאַנער שטעדט. אפילו אַזעלכע שטעדט וואָס האָבען ניט מעהר ווי הונדערט טויזענד איינוואוינער האָבען הימעל־קראַצערס. אָבער אין ניו יאָרק איז פאַראַן אַ ספּעציעלע אורזאַכע דערצו: די אַלטע טייל פון שטאָדט שטעהט אויף אַ שמאָלען אינזעל. אין דער ברייט האָט זי ניט וואו צו וואַקסען מוז זי וואַקסען אין דער הויך. אין די לעצטע 30 יאָהר איז אויך אונגעהייער שטאַרק פאַרבויט געוואָרען ברוקלין, און עס זיינען ענטוויקעלט געוואָרען נייע קוואַרטאַלען ווייטער פון דעם דערמאָנטען אינזעל — אין די בראָנקס. אָבער דאָס אַלץ איז פאַר פילע מענשען צו ווייט פון די צענטערען. אַ גרויסע טייל פון דער באַפעלקערונג וויל אַלץ בלייבען אין ניו יאָרק גופא.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקא, האָט ניו יאָרק געהאַט איין צענטער. איצט האָט זי שוין עטליכע צענטערען.

צוערשט זיינען די „הימעל־קראַצערס" געווען נאָר אין די גרויסע

טהיי. א זייטיגער מענש, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דעם האַנדעל, פלעגט זיך צוטשעפּען אלס א מעקלער און אָפט פלעגט מען איהם מוזען געבען א פּראָצענט.

די ראַנקינס האָבען געוואוינט אויף 102טער סטריט לעבען לעקסינגטאָן עוועניו. די הויז איז געווען איינע פון א צייל נייע טענעמענטס. דער גאַנצער געגענד איז באשטאַנען פון ענליכע אָקאָרשט־אויסגעבויטע מויערען, אָדער פון אזעלכע וואָס האָבען זיך נאָך געהאַלטען אין בויען. מיט א האַלב יאָהר צוריק זיינען דאָ געווען לאָנקעס און פעלזען. איצט האָט מען די פעלזען גענומען אויפרייסען מיט דינאַמיט און דעם גאַנצען שטח האָט מען אָנגעהויבען צו פאַרוואַנדלען אין צייל נייע טענעמענטס. ביי אכט, ניין בלאָק איז די אומוואַנדלונג געגאַנגען אין דער לײנג (אונגעפעהר ביז 110טער סטריט), ווערענד אין דער ברייט איז זי געגאַנגען פון דער דריטער עוועניו ביז דער פינפטער. אויף דער פינפטער עוועניו, און ווייטער פון 110טער סטריט איז פאָרלויפיג נאָך אַלץ געווען „קאָנטרי". און אין מיטען פון דעם קוואַרטאַל, וואָס מען האָט שוין גענומען פאַרבויען, זיינען ערטער־ווייז דערווייל נאָך אויך געבליבען שטיקער גרינע לאָנקע און

געשעפטס־געגענדען און זיי זיינען געווען געברויכט נאָר פאַר אָפּיסעס (קאָנטאָרען, ביוראָס). די לעצטע יאָהרען האָט מען אָבער גענומען ריזיגע מויערען געברויכען פאַר וואוינונגען אויך. ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, זיינען שוין פאַראַן צעהנדליגע און צעהנדליגע אַזעלכע בילדינגס און מען בויט אַלץ מעהר און מעהר. און וואָס העכער די וואוינונג איז, אַלץ טייערער צאָהלט מען פאַר איהר. וואָרים וואָס העכער, אַלץ פרייער און בעסער איז די לופט. און אין ניו יאָרק, וועלכע איז פאַרצאַמט מיט הויכע געביידעס, איז לופט א טייערער אַרטיקעל.

ווען א געגענד ווערט פאַרבויט און וויכטיג פאַר ביזנעס, וואַרפט מען דאָרטען אַרונטער די קלענערע געביידעס און מען שטעלט אויף הימעל־קראַצערס. בשעת דיזע שורות ווערען געשריבען, וואַרפט מען אַרונטער אייניגע פון די שעהנסטע און רייכסטע פּאַלאַצען פון ניו יאָרק אום צו מאַכען פּלאַץ פאַר צוואַנציג אָדער דרייסיג עטאַזשיגע מויערען. דער פּרייז אויף ריעל עסטייט איז אין דעם געגענד אַזוי געשטיגען אַז דער מיליאָנער לייגט צו צו זיין דריי אָדער פיר עטאַזשיגען פּאַלאַץ אַן אייגענס. עס לוינט זיך איהם נים.

גרויע פעלזען. דא און דארט האט מען נעהערט דעם קראך פון אן עקספלאדירענדען שטיינערנעם בארג; דא און דארטען האבען נעהוזשעט „דעריקס" ביים גראבען א פונדאמענט; און אויף בלאקס און בלאקס זיינען שוין געלייגט געווארען ציגעל; עס איז צוגעקומען אן עטאזש נאך אן עטאזש; עס זיינען געוואקסען ווענט; עס האבען זיך באוויזען פענסטער. עס האבען ארומגע־שמייעט בריק־לעיערס, קארפענטערס, פיינטערס, ריעל־עסטייט־ניקעס, בעלנים אויף נייע דירות — אלץ אידען, אונזערע אידישע אימיגראנטען פון רוסלאנד, פון פוילען, פון גאליציע, פון רומעניען.

די נייע וואוינונגען זיינען געווען מיט די „לייטעסט אימ־פרואוומענטס", די נייעסטע פארבעסערונגען. כמעט יעדער אפארטמענט האט געהאט א באד־רום מיט פארצעליי־בלישטשענ־דע וואנעס; כמעט אין יעדער הויז איז געווען עלעקטרישע באלייכ־טונג און אן עלעקטרישער גלעקעל אנצוקלינגען און צו עפענען די טיר. מען גיט אונטען א קוועטש א קנעפעל דערהערט מען אויבען, און אין שטוב גיט מען א דריק א קנעפעלע עפענט זיך אונטען אויף די טיר. אך, ס'ארא וואונדער! ס'ארא „וויגאדע" אן אריסטאקראטישע! היינט קראנען, פון וועלכע עס געהט שטענדיג קאלטע און הייסע וואסער! מען דארף גארניט ווארימען. ס'נעהט פארטיגע. שטעל אונטער די דישעס אדער די גרעט און וואש! היינט א „דאם־וויימער", וואס נעמט ארונטער די מיסט!

ווער האט דאס געוואוסט פון אזעלכע זאכען אין די אלטע טענעמענט הייזער דאון־טאון? פאר א באלעבאסטע זיינען די אלע „אימפרואוומענטס" געווען פשוט א צוויבער־גליק. זיי האבען איהר פארשפארט ארבייט, גרינגער געמאכט צו האלטען די רומס קלין.

וויכטיגער פון אלץ איז געווען דער פאקט, אז די נייע הייזער האבען געהאט ליכט און לופט. אין די אלטע טענעמענט הייזער האבען פילע פון די רומס דאס ניט געהאט. צווישען איין הויז און דער נעקסטער איז קיין פרייער פלאץ ניט געווען. פילע פון די פענסטער זיינען ארויסגעקומען הארט ביי דער נעקסטער וואנט. כמעט אין א העלפט פון אלע בעדרומס אין די ניו יארקער טענעמענט הייזער האט געהערשט אן אייביגע נאכט, א דושנע

פינסטערנים. די נייע הייזער אָבער האָט מען שוין געבויט אַזוי, אַז צווישען צוויי טענעמענטס איז געווען אַן „עער שעפט", אַ פרייער צווישען־פּלאַץ, און כמעט אַלע צימערען זיינען געווען ליכטיגע און לופטיגע. און דערנאָך האָט די שטאָדט אָנגענומען אַ געזעץ אַז אַנדערש בויען טאָר מען גאָר ניט, הגם די אַלטע האָט מען ערלויבט צו שטעהן. עס איז געוואָרען אַ געלאָף נאָך רומס אין די נייע בילדינגס.

ווען אַן ארבייטער פאמיליע פלעגט אריינמופען אין אַזאַ אַפּאַרטמענט פון פיער אָדער פינף ליכטיגע צימערען מיט עלעקטרישע באַלייכטונג, מיט עלעקטרישע גלעקלעך, מיט אַ „באָדע־רום" און מיט אַ „דאָם־וויטער", וואָס נעמט ארונטער די גאַרבעדזש, פלעגען זיי זיך פיהלען גליקליך און שטאָלץ, אַזוי ווי זיי וואָלטען פּלוצלונג פון קבצנים מיליאָנערען געוואָרען.

אַ גרויסע ראָלע האָט דערביי געשפּילט די שפּאָגעל־נייקייט פון די הייזער. אַלץ איז געווען פריש, אַלץ האָט געבלישטשעט: די פאַרב, די פּאַליר, די וואַנט־פּאַפּיר, די מעשענע קראַנען. אין אַ קורצער צייט איז דאָס אַלץ געוואָרען אָפּגעבליאַקירט, פאַר׳חשך׳ט, ווארים אַלץ איז געווען פון אַ ביליגען מאַטעריאַל. אָבער ווען עס איז געווען נייַ, האָט דאָס געלויכטען און געפינקעלט.

יעדע בעל־הבית׳טע ציהט צו אַ נייער קוואַרטיר. און דאָ זיינען די נייע קוואַרטירען געווען אַזעלכע „פּריצישע", ליכטיגע, מיט אַזעלכע נייעסען, מיט די „לייטעסט אימפּרואוומענטס"!...

מען האָט די נייע רומס צוכאַפּט ווי צוקער. די הייזער זיינען געוואָרען געפּאַקט נאָך איידער מען האָט זיי געענדיגט בויען.

די רענט אין די נייע הייזער איז צוערשט געווען ניט הויך. עס האָט אויסגעזעהן ווי אַן איבערראַשענדע מציאה. אָבער דאָס רוב פלעגט מען שוין נעהמען מיט אַ צימער מעהר ווי מען איז גע־וואוינט געווען און ס׳האָט געקאָסט טייערער. אַזאַ קליפּה איז שוין געלעגען אין די נייע רומס. אין די אַלטע פינסטערע טענע־מענטס איז די קיטשען געווען די דיינינג־רום אויך. ווי קען מען אָבער אויסקומען אָהן אַ באַזונדערע דיינינג־רום

אין א „פאלאץ" מיט עלעקטרישע גלעקלאך? אלזא, האט שוין די רענט באטראפען א סך מעהר ווי מען איז געוואוינט געווען צו צאהלען. דער מאן האט זיך אפשר געקוויינקעלט. די „מיסעס" האט איהם אבער ניט געלאזט רוהען ביז ער האט נאכגעגעבען. מען האט זיך אנגעטאן א כח און גענומען מיט א רום מעהר. אז שוין וואוינען ווי ביי לייטען, טא זאל שוין זיין מיט לייטען צוגלייך...

באלעבאסטעס זיינען באזויפען געווארען מיט א נייער אמביציע צו מופען אפ־טאון אין די הייזער מיט די „לייטעסט אימפרואור־מענטס". כלות האבען געטרוימט וועגען רומס מיט די „לייטעסט אימפרואוומענטס". ווייבער האבען פארנאכלעסיגט זייער הויז־ארבייט, געפאהרען אפ־טאון און פארבראכט גאנצענע טעג, זוכענדיג, באקוקענדיג, קלייבענדיג רומס מיט די „לייטעסט אימפרואוומענטס". מען האט זיך גערפרעהט; מען האט געהאט הארץ־קלעמעניש. מען האט זיך באריהמט, מען האט ניט פאר־גונען; מען האט זיך גערייצט, געווארען בלוט־שונאים. גאנצענע טעג און אווענדען פלעגט מען נאר ריידען וועגען די נייע הייזער מיט די רומס וואס האבען די „לייטעסט אימפרואוומענטס".

דער געגענד, וועגען וועלכען דא האנדעלט זיך, הייסט הארלעם. אזוי איז זיין נאמען נאך פון דער צייט, ווען ניו יארק האט געהייסען „ניו־אמסטערדאם" און האט געהערט צו די האלענדער, וועלכע האבען איהר ענטדעקט (הארלעם איז דער נאמען פון א שטאדט אין האלאנד).

מען האט אלזא גענומען אויפבויען הארלעם. איך האב אויבען געזאגט, אז פארלויפיג האט מען צו נארטה געבויט נאר ביז 110טער סטריט, און צו וועסט ביז דער 5טער עוועניו. עס האט אבער לאנג ניט געדויערט און דער שטח איז אינגאנצען פארבויט געווארען; און דאן האט מען גענומען בויען ווייטער פון 110טער סטריט אפ־טאון־צו, און אויך אויף דער 5טער עוועניו; און נאך שפעטער אביסעל — אויף לענאקס עוועניו; און נאך שפעטער — אויף 7טער עוועניו.

און אין א פּאָר יאָהר אַרום האָט זיך די זעלבע פיבערישע טעטיגקייט אָנגעפאַנגען אין דעם ווייטערען געגענד אַפּ־טאַון, אין דעם גרויסען בראָנקס. און ווידער האָט מען באַשאַפען א נייע גרויסע שטאָדט, א פיל גרעסערע ווי האַרלעם. און צו דער זעלבער צייט איז עהנליכעס אָנגעגאַנגען אין אַן אַנדער טייל פון ניו יאָרק, אין וואַשינגטאָן הייטס. ווידער איז א נייער גרויסער געגענד אויסגעוואַקסען. און אויף יענער זייט איסט ריווער, אין ברוקלין, איז אויף דעם זעלבען שטייגער און צו דער זעלבער צייט בראָנזוויל געוואַקסען ווי אויף הייוועז.

עטליכע גרויסע שטעדט, יעדע אַזוי גרויס ווי וואַרשע אָדער אָדעס, אָדער גרעסער, זיינען געשאַפען געוואָרען אין ניו יאָרק גופא, אין עטליכע יאָהר צייט; נייע שטעדט מיט נייע קאָכעדיגע צענטרען, נייע קאָכעדיגע וועלטען. דאָס אַלץ איז צוגעקומען און איז געוואָרען א טייל פון דער נייער וועלט־שטאָדט, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבען די נייע, די ריזיגע אידישע איינוואַנדערונג.

און דאָס אַלץ איז אויפגעטאָן געוואָרען מייסטענס פון אונזערע רוסישע, פּוילישע און גאַליציאַנער אידען. די ריעל־עסטייט־ניקעס און די בילדערס זיינען געווען אונזערע אימיגראַנטען; די אַרבייטער — די בריק־לייערס, די קאַרפּענטערס, די פּיינטערס — אויך אונזערע אימיגראַנטען (איינינע פון די אַרבייטער זיינען נאָכהער געוואָרען רייכע בילדערס און ריעל־עסטייטניקעס), און די טענענטס — אויך אונזערע אימיגראַנטען.

שפּעטער האָבען איינינע פון דיזעלבע אידישע בילדערס זיך גענומען בויען דעם טייערסטען סאָרט אַפּאַרטמענט הייזער — פאַר די רייכסטע טענענטס אין די רייכסטע געגענדען, פאַר קריסטען אַזוי גוט ווי פאַר אידען.

אין אייראָפּא געהען אַוועק הונדערטער יאָהרען איידער עס וואַקסט אויס א גרויסע שטאָדט. אין אַמעריקא זיינען די גרעסטע שטעדט אויסגעוואַקסען אין א קורצער צייט. אַזוי ווי

פון א ריזיגען פורעם וואָלט מען אויסגענאָסען הונדערטע גרויסע מויערען מיט אמאָל.

די גרויסע רייכע אמעריקא מיט איהרע צעהנדליגע גרויסע שטעדט איז ענטוויקעלט געוואָרען אין עטליכע צעהנדליג יאָהר— נאָך דער מלחמה איבער נעגער־שקלאַפעריי; און איצט איז עט־וואָס עהנליכעס געשעהן אין ניו יאָרק גופא. עס האָט זיך פאנאנ־דערגעקאָכט א ריזיגער ריעל עסטייט „בום“ (און דאָס זעלבע אויך אין שיקאַגאָ, אין קליוולאנד, אין לאָס אנדזשעלעס און אין צעהנד־ליגע אנדערע שטעדט). נייע ריזען־גרויסע קווארטאלען אויף דעם פּלאַץ פון פעלדער; און צו דער זעלבער צייט זיינען די אלטע ביזנעס־קווארטאלען געוואקסען צום הימעל צו.

עס איז כמעט ניט געווען קיין איין געגענד, וואו מען זאָל ניט ארונטערגערייסען צעהנדליגע אלטע געביידעס און אויפשטעלען נייע, פון דעם נייעם סאָרט. נאָך גאָר נייע מויערען האָט מען פארניכטעט צו מאכען פּלאַץ פאר גרעסערע און בעסערע. אין א קורצער צייט ארייס איז די שטאָדט געווען ניט צו דערקענען.

און אין דיזע אלע אונטערנעהמונגען אין ניו יאָרק האָבען די רוסישע, פּוילישע און גאַליצישע אידען די וויכטיגסטע ראָלע געשפּילט. זעהר אָפט האָט א איד, וואָס קען קוים אויסריידען אַן ענגלישען וואָרט, אויפגעבויט גאנצע בלאָקס מיט מויערען; און זעהר אָפט האָט ער דאָס אויפגעטאָן מיט א סך מעהר קאָפּ־דרעהעניש ווי קעש. היימישע סטאָליארעס, מוליארעס אָדער הענדלער, אָדער אפשר גאָר מלמדים, האָבען מיט א פּאָר טויזענט צונויפגעבארגטע דאָלארס זיך פארמאָסטען אויף אונ־טערנעמונגען אויף א פּאָר מיליאָן. ניט זעלטען האָבען אזעלכע מענשען געענדיגט אין א צדקה־הויז אָדער אין א משוגעים־אנשטאלט. אָבער ניט זעלטען זיינען זיי טאַקע מיליאָנערען געוואָרען.

די קווארטיר, וואו איך האָב זיך באזעצט יענעם זומער, איז אלזאָ געווען איינע פון די נייע. זי איז געשטאנען אין הארלעם ביי דעם אָנהויב פון דער געבוי־מהומה. פון יענע

עטליכע צעהנדליג מויערען האָט זיך דאָס אָנגעהויבען די פלאַקערדיגע טעטיגקייט, מיט וועלכער אידישע אימיגראַנטען האָבען אָנגעפאַנגען צו דער גרעסטער שטאָדט פון אַמעריקא נייע גרויסע שטעדט צוצובויען.

2.

„יעקל". — „דעפּוטאַטען" אָדער „לאָרדען"? — מילער. — א פרידענס־קאָנפערענץ. — אוים „אַרבייטער־צייטונג". — ווידער קאַמף.

יענעם זומער איז ערשינען מיין ענגלישער ראָמאַן „יעקל". איך האָב געהאַט א גאַנצע רייע אָנגענעהמע ערפאַהרונגען. איך האָב זיך געזעהן מיט אַמעריקאַנער שריפטשטעלער, קינסטלער, זשורנאַליסטען. איך האָב פאַרבראַכט אינטערעסאַנטע שטונדען*).

איך האָב באַקומען איינלאַדונגען צו שרייבען ערצעהלונגען פאַר אַמעריקאַנער זשורנאַלען. צוליב דעם דעליאָניזם, האָט די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פאַרטיי ביי מיר פאַרלאָרען איהר חן, ווי א שעהנער עפּעל, אין וועלכען מען געפינט א וואָרים. ווי געזאָגט: ווען מיללער וואָלט דאַן געווען אין ניו יאָרק, וואָלט איך זיך צוריקגעצויגען. איך וואָלט זיך אָפּגעגעבען צו ליטעראַרישע אַרבייט. אַזוי אָבער האָב איך פאָרטגעזעצט מיין פיהרערשאַפט פון דער „אָפּאָזיציע".

צווישען די אָפּאָזיציאָניסטען, וועלכע האָבען מיך דאַן אָפט באַזוכט, איז געווען ווינטשעווסקי און דער אויבען־דערמאָנטער מאיר גיללים. דער לעצטער האָט גראָד געוואוינט אין האַרלעם, ניט ווייט פון מיין קוואַרטיר.

די מאַנאַט־שריפט „צוקונפט", וועלכע איז קאָנטראָלירט געווען ניט פון דער אַססאָסיאיישאָן, נאָר פון דער אָפּאָזיציע,

*) איינצעלהייטען וועגען דעם און וועגען מיין ליטעראַרישער קאַריערע (ביז 1902) בכלל וועלען געגעבען ווערען אין דעם נעקסטען באַנד.

האָב איך פאַרלויפיג פּאַרטגעזעצט צו רעדאַקטירען זי האָט אָבער קיין סך צייט ניט געפאָדערט.

יענעם זומער האָב איך, אין די אינטערעסען פון אונזער קאַמף, אין דער „צוקונפט" געהאַט אַן אַרטיקעל, אין וועלכען עס איז אויסגעדריקט געווען דער פאָלגענדער געדאַנק:

דער ענגלישער פּאַרלאַמענט באַשטעהט פון אַ „האָוס אָוו קאָממאָנס" און אַ „האָוס אָוו לאָרדס". אין דער ערשטער זיצען דעפּוטאַטען, דאָס הייסט אויסערוועהלטע פאָרשטעהער פון פאָלק. די „האָוס אָוו לאָרדס", ווידער, באַשטעהט פון מענשען, וועלכע קיינער האָט ניט געוועהלט, קיינער האָט ניט געשיקט. זיי רעפּרעזענטירען נאָר זיך אליין; זיי ירש'ענען דעם טיטול „לאָרד" פון זייערע פאָטערס, אָדער זיי באַקומען איהם פון דעם קעניג. די דעפּוטאַטען ווערען ערוועהלט אויף אַ באַשטימטער צייט; די „לאָרדס", ווידער, זיינען מיטגלידער פון דער „האָוס אָוו לאָרדס" אַזוי לאַנג ווי זיי לעבען; און ווען אַ לאָרד שטאַרבט, געהט דער „דזשאַב" איבער צו זיין עלטסטען זוהן. נעמענדיג דאָס אַלס משל, ווייז איך אָן, אַז די „אַרבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן" איז ניט קיין „האָוס אָוו קאָממאָנס", נאָר אַ „האָוס אָוו לאָרדס". איהרע מעמבערס זיינען פון קיינעם ניט עלעקטעד. זיי רעפּרעזענטירען נאָר זיך אליין. אלזאָ, פאָדערט די אָפּאָזיציע אַז די מיטגלידער פון דער אַססאָסיאיישאָן זאָלען ערוועהלען פאָרשטעהער פון די פאַרשידענע יוניאָנס און סאָציאַליסטישע פעראיינען, און אויב אַ יוניאָן זאָל וועלען, זאָל זי איהר פאָרשטעהער קענען פון דער אַססאָסיאיישאָן צוריקציהען און אויף זיין פּלאַץ שיקען אַן אַנדערען. איך האָב געפאָדערט, אַז די מיטגלידער פון דער אַססאָסיאיישאָן זאָלען זיין ניט „לאָרדס", נאָר „דעפּוטאַטען".

עס איז געוואָרען אַ מהומה. פון איין זייט האָט מען אומעטום נעלויבט דעם משל מיט דער ערקלעהרונג, און פון דער אַנדערער זייט האָט מען מיך אַטאַקירט דערפאַר. מען האָט גע'טענה'ט אַז איך האָב קיין רעכט ניט די „צוקונפט" אויסצו־נוצען אין אונזער קאַמף נעגען דער אַסאָסיאיישאָן.

איך האָב אויבען באַמערקט, אַז די „צוקונפט" איז אַרויס־

געגעבען געוואָרען ניט פון דער „אססאָסיאיישאָן", נאָר פון דער „אָפּאָזיציע". אום צו זיין פינקטליכער, דאַרף מען ערקלע־רען, אז זי האָט געהערט צו א „פרעס פעדעריישאָן" פון דעלע־גאַטען פון סאָציאַליסטישע פעראיינען (א האוס אָװ קאָממאָנס), און א מאיאָריטעט פון זיי איז באשטאַנען פון ,אונזערע פריינד. די „פרעס פעדעריישאָן" האָט מיך אונטערשטיצט. עס זיינען געקומען פראָטעסטען אי געגען מיר אי געגען דער פעדעריישאָן, אָבער נאָר פון א קליינער צאָהל אָרגאַניזאַציעס.

מיין אַרטיקעל האָט אָבער געמאַכט אַן אונבאשרייבליכען רושם און אין דער „רעוואָלוציע", וואָס האָט געפיהרט צו דער גרינדונג פון „פאָרווערטס", האָט ער געשפּילט א וויכטיגע ראָלע.

אין הערבסט האָט מיללער זיך אומגעקערט פון אייראָפּא. צו מיין איבערראשונג, האָט ער גענומען ריידען ניט וועגען קאַמף נאָר וועגען שלום. זייענדיג ווייט פון דער היים, האָט ער פארלאָרען זיין פריהערדיגע ערביטערונג געגען דער „קליקע". דער כעס איז איהם איבערגעגאנגען. און די פראַגע וועגען „דעליאָניזם" האָט איהם סיי־ווי־סיי ווייניג אינטערעסירט.

איצט, אז ער איז שוין געווען אין ניו יאָרק, האָב איך געוואָלט זיך צוריקציהען און זיך אָפּגעבען צו מיינע פריוואַטע געשעפטען. דאָס איז אָבער געווען לייכטער צו באשליסען ווי דורכצופיהרען. איך בין געווען ענג צוזאַמענגעבונדען מיט די גענאָסען פון דער אָפּאָזיציע, און זיך צו דערווייטערען פון זיי איז מיר געווען אונמעגליך. איך האָב פארנאַכלעסיגט מיינע פריוואַטע אינטערעסען. איך האָב געלאָזען געהן ווי עס געהט. אויפ'ן הארצען איז מיר כמעט אימער געווען ניט־היימליך.

אויף א מיטינג פון דער אָפּאָזיציע, וואו מיללער האָט גערעדט וועגען האָבען א פרידענס־קאָנפערענץ מיט דעם פאר־וואַלטונגס־ראַט, בין איך ארויסגעטראָטען שאַרף דאַגעגען. אָבער אויב א קאַמף געגען די מאַכט־האָבענדע האָט א צויבער־קראַפט, האָט דער וואָרט „שלום" אויך א צויבער־קראַפט. אלזאָ, איז די מאיאָריטעט געגאַנגען מיט איהם.

די פיהרער פון דער „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אסאָ־

סיאיישאָן" זיינען פון זייער זייט אויך געווען גענויגט צו פרידען. איז ווידער אָפּגעהאַלטען געוואָרען א קאָנפערענץ פוןביידע צדדים. מען איז אָפּגעזעסען א גאַנצע נאַכט, אויסגע־טרונקען עטליכע צעהנדליג פלעשער סאָדא און גענומען ריידען אין א פריינדליכען טאָן.

מען האָט געמאַכט א פשרה: די טירען פון דער אסאָ־סיאיישאָן זאָלען אויפגעעפענט ווערען פאר נייע קאַנדידאַטען און ביידע צדדים זאָלען זיך באַטייליגען אין דעם „אַבענד־בלאַט".

די „ארבייטער צייטונג" איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א זונטאָגס אויסגאַבע פון דעם „אבענד־בלאט", און ביידע צדדים האָבען מיטגעארבייט; פון אונזער לאַגער: איך, ווינטשעווסקי און מיללער. איך האָב געשריבען א וועכענטליכען איבערבליק „די וואָך" און אַנדערע ארטיקלען. דער נאָמען „ארבייטער צייטונג" איז אַלזאָ פאַרשוואונדען.

אין דער גאַנצער געשיכטע האָב איך געשפּילט נאָר א לעבליכע ראָלע. איך האָב פון דעם שלום קיינמאָל ניט געהאַלטען, און די אַנדערע זיינען אויך ניט לאַנג געבליבען באַגייסטערט. מיללער, ווינטשעווסקי און אַלע אַנדערע אָפּאָזיציאָניסטען האָבען באַלד מודה געווען, אז איך האָב רעכט. דעליאָן האָט באַהערשט די „לאָיאַלע", און מיט זיין איינפלוס האָבען מיר קיין פרידען ניט געקענט שליסען. מיללער איז דאַן געוואָרען א שאַרפער אַנטי־דעליאָניסט.

איך בין אין דער רעדאַקציע פון „אבענד־בלאט" קיינמאָל ניט אריינגעקומען. די ארטיקלען, וואָס איך פלעג שרייבען פאר איהם, פלעג איך צושיקען. דער דאַמאָלסדיגער פאָרמאַן פון דער „אבענד־בלאַט"דרוקעריי, היימאַן ראָזענסאָן, האָט גראַדע געוואוינט ניט ווייט פון מיר; פלעג איך מיינע ארטיקלען אריינוואַרפען אין זיין לעטער־באַקס, און ער פלעגט זיי אוועק־טראָגען אין דער רעדאַקציע.

איך האָב שוין דאַן ניט געוואוינט ביי די ראַנקינס, אָבער גאַנץ נאָהענט פון זיי. ווען מיין פרוי האָט זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד, האָבען מיר גענומען רומס אויף לעקסינגטאָן עוועניו, לעבען 102טער סטריט, דאָרטען וואו די עוועניו גנהט אראָפּ־באַרג.

מיללער פלעגט אונז באזוכען זעהר אָפט. אויך פלעגט ביי אונז זיין אָן אָפטער גאסט מיין פרוי'ס א פריינדין, א פריילין מיט'ן נאָמען העלענא ראבינאָוויטש, א רוסישע גימנאזיסטקע פון דער היים, וועלכע האט יענעם יאָהר אין באָסטאָן געענדיגט שטודירען מעדיצין. דורך אונזער הויז זיינען זיי ביידע נאָהענט באקאנט געוואָרען און אייניגע מאָנאטען שפּעטער האָבען זיי געהייראט.

אונזער צד האט געוואונען אַלץ מעהר אָנהענגער. דאָס וויכטיגסטע איז געווען, וואָס אונזער צאָל איז געוואקסען אין דער אסאָסיאיישאָן גופא. טיילווייז איז דאָס אפשר געווען דערפאר, וואָס אונזערע געגנער זיינען געווען די מאכט־האָבענדע, און, ווי ס'איז אויבען באמערקט געוואָרען, האט א קאמף געגען מאכט־האָבענדע א צוציהונגס־קראפט. א גרויסע ראָלע האט דערביי אויך געשפּילט דאָס וואָס מיר האָבען אויף אונזער זייט געהאט אַלע באקאנטע רעדנער פון דער באוועגונג (אויסער ב. פייגענבוים'ען). אָבער די הויפּט אורזאכע פארוואָס די אָפּאָזיציע האט געצויגען סימפּאטיע איז, אָהן צווייפעל, געווען די גערעכטיגקייט פון איהרע טענות. דער דעליאָניסטישער גיפט, אינטריגערייי און אינקוויזיציע־גייסט האָבען פּאָפּולער זיין ניט געקענט, און דאָס וואָס מען האט גערופען „דעליאָניזם" און דאָס וואָס מען האט גערופען „קליקע" איז איצט שוין געווען פאָל־שטענדיג צוזאמענגעוואקסען. איינס אָפּטיילען פון דאָס אנדערע האָט מען שוין ניט געקענט.

דער גערעכטער קאמף האט זיך פאנאנדערגעברענט, און איך בין ווידער באזויפען געוואָרען. אָפט פלעג איך זיך אויס־ניכטערען און אויף מיר פלעגט אָנקומען א שטימונג, וועלכע האט מיך געטריבען זיך צוריקצוציהען און איינגאנצען זיך אריינ־ווארפען אין מיין ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער ארבייט אויף ענגליש. אָבער דאָס איז איצט געווען נאָך שווערער. עס וואָלט געהייסען פארלאָזען מיינע חברים אין רעכטען מיטען. מיר האָבען אויף אונזער צד געהאט א גרויסע צאָל באגייסטערטע מענשען און צווישען זיי די טעטיגסטע גענאָסען פון ניו יאָרק

און אנדערע שטעדט. די ערנסטקייט און אָפּפערוויליגקייט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך פאַרהאַלטען צו דער אָפּאָזיציע, איז מיר זעהר סימפּאַטיש געווען, און פילע פון זיי זיינען געווען מיינע וואַרימע אָנהענגער און פריינד.

אין דער היים פלעג איך זיך נעהמען עפּעס שרייבען אויף ענגליש. דער פּאַרטיי־קאַמף האָט אָבער פאַרשלונגען כמעט מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. איך זאָג „כמעט", ווייל איין בעלעטריסטישע זאַך האָב איך אין יענע וואָכען יאָ אויפגעשריבען. איך האָב באַקומען אַן איינלאַדונג פון דעם „קאָסמאָפּאָליטען", איינער פון די וויכטיגסטע און ערפאָלגרייכסטע אַמעריקאַנער זשורנאַלען בייצוטראָגען אַן ערצעהלונג; איך האָב דאָס אָפּגע־לייגט און אָפּגעלייגט; כ'האָב אָבער דאָך עפּעס געשאַפען. די ער־צעהלונג איז גלייך אָנגענומען געוואָרען.

די אָפּאָזיציאָניסטען האָבען וואָס א טאָג אַלץ שטאַרקער געפאָדערט, אַז מיר זאָלען ביי דער „קליקע" ארויסרייסען די קאָנטראָל איבער דעם „אבענד־בלאַט" און איבער דער „פּאָבלי־שינג אַסאָסיאיישאָן" איבערהויפּט, און מיללער און איך זיינען געווען זייערע הויפּט פיהרער. אַקטיוו אַלס פיהרער זיינען אויך געווען ווינטשעווסקי און זאַמעטקין.

מיר האָבען אָפּגעהאַלטען א „קאָקוס" מיטינג. מיר האָבען אויסגערעכענט, אַז מיר האָבען שוין א מאַיאָריטעט אין דער אַססאָסיאיישאָן. דאָך, אום צו „געהן אויף אַן אייזערנעם בריק", האָבען מיר צוגעגרייט דרייסיג נייע קאַנדידאַטען (אידישע מיט־גלידער פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, וועלכע האָבען געוואונשען אריינצוגעהן אין דער אַסאָסיאיישאָן). זיי זיינען נאַטירליך געווען געגען דער „קליקע" און געגען דעליאָנ'ען. לויט דעם אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען אויף דער דערמאָנטער פרידענס־קאָנפערענץ, וואו מען האָט אויסגעטרונקען פילע באָטעלס סאָדאַ־וואַסער, האָט די אַסאָסיאיישאָן איצט נייע מעמבערס שוין אריינגעלאָזען; האָבען מיר ערוואַרטעט, אַז אונזערע דרייסיג נייע מיטקעמפּער וועלען צוגעלאָזען ווערען אָהן שוועריגקייטען.

מיר האָבען אָבער „געמאכט דעם חשבון אָהן דעם בעל־הבית". די „לאָיאַלע" האָבען אויך ניט געשלאָפען. זיי האָבען אויך צוגעגרייט נייע קאנדידאטען. דאָס וואָלט ניט געווען אזוי וויכטיג, וואָרים זיי האָבען געהאט וויניג אָנהענגער, און זיי האָט זיך איינגעגעבען צו קריגען נאָר א קליינע צאָהל קאנדידאטען. זיי האָבען אָבער באשלאָסען ניט אָפּצושטעלען זיך פאר קיינע מיטלען און ניט ארויסצולאָזען דעם „אבענד־בלאט" פון זייערע הענט, און מיט דעליאָן'ס הילף האָבען זיי געהאט א מעגליכקייט צו זיגען.

ביידע צדדים האָבען זיך געפערטיגט צו א געוויסען אווענד. דאן האָט באדארפט פאָרקומען די „גענעראַל־שלאכט".

3.

די „גענעראַל־שלאכט". — סצענעס. — וואָס מאַקס פיין געדענקט וועגען יענעם אָוונט. — 52 אָפּאָזיציאָניסטען פארלאָזען דעם מיטינג.

דער מיטינג האָט שטאטגעפונען דעם 7טען יאנואר, 1897, אין 73 לאָדלאָו סטריט. אויף דיזען מיטינג איז מיללער געווען דער אָפּאָזיציע'ס „מיליטערישער" קאָמאנדיר, און איך — איהר קאנדידאט אויף רעדאקטאָר פון דעם „אבענד־בלאט".

אין דער געשיכטע פון דעם „פאָרווערטס", וועלכער שפּילט שוין פון פילע יאָהרען אַזאַ וויכטיגע ראָלע אין דעם גייסטיגען און פּאָליטישען לעבען פון די אידישע מאסען אין אמעריקא, און אין מיין פערזענליכען לעבען, האָט דיזער מיטינג א גרויסע באדייטונג. דאָרטען איז פאָרגעקומען אַן ענדליכע שפּאַלטונג, און דעם זעלבען אָוונט איז אייגענטליך געבאָרען געוואָרען דער „פאָרווערטס". איך וועל אויף דיזער היסטאָרישער פארזאמלונג דעריבער זיך אָפּשטעלען גענויער.

צוערשט וועל איך זיך באנוצען מיט דעם קאפּיטעל פון בורגין'ס „געשיכטע", אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וואָס דאן איז פאָרגעקומען.

„ביידע צדדים האָבען געזוכט צו פארכאַפּען די מאַכט, — לעזען מיר דאָרטען, — די אָפּאָזיציאָן דורך אריינברייננגען מיט אמאָל אזוי פיל נייע מיטגלידער פון איהר צד, און די „לאָיאלע" — דורך שטערען זיי אריינצוקומען.

„די אָפּאָזיציאָן האָט באשולדיגט יאָזעף שלאָסבערג׳ן, דעם סעקרעטער פון דער פאָבלישינג אסס׳ן, אז ער האָט דורכגעלאָזען פילע נעמען פון פאָרגעשלאָגענע מיטגלידער און האָט זיי ניט פאָרגעבראַכט. די „לאָיאלע", ווידער, האָבען באשולדיגט די אָפּאָזיציאָן, אז זי האָט צונויפגעקליבען גאָר זייטיגע מענשען, וואָס האָבען קיין רעכט ניט צו ווערען מיטגלידער פון דער אסס׳ן (ווייל זיי זיינען ניט קיין מיטגלידער פון דער פארטיי).

„ביידע צדדים זיינען געקומען באצייטענס, ווייל איין צד האָט ניט געטרויט דעם צווייטען, ער זאָל ניט קומען אפריהער און דערווייל ערוועהלען זיין פאָרזיצענדען. וואָרים די פראַגע — פון וועלכען צד עס וועט זיין דער פאָרזיצענדער — איז ביי דיזען ענטשיידונגס־קאמף געוועזען זעהר וויכטיג. דער פאָרזיצענדער קען אמאָל האָבען די מאַכט צו ענטשיידען דעם גאַנצען קאמף. אָבער, ווען די מעמבערס פון דער אָפּאָזיציאָן זיינען געקומען, האָבען זיי געפונען אז דער מיטינג איז שוין ערעפענט. זיי האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט, און די פארזאמעלטע האָבען איינגעשטימט נאָך אמאָל צו ערוועהלען א פאָרזיצענדען. די צווייטע וואהלען האָבען אָבער ניט צופרידענגעשטעלט די אָפּאָזיציאָן, און דריטע וואהלען האָבען שטאַטגעפונען. די אָפּאָזיציאָן האָט ניט געטרויט די צעהלונג פון סעקרעטער, וואָרים ער איז געוועזען א „לאָיאלער". זי האָט געפאָדערט ער זאָל באשטימען אנדערע צעהלערס. דער סעקרעטער האָט באשטימט די צעהלערס: צוויי פון דער מאַיאָריטעט, עס הייסט פון די געגנער פון דער אָפּאָזיציאָן; דער דריטער איז געוועזען ב. פייגענבוים, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבען פאַר אן אונפּאַר־טייאישען.

„אין האָל האָט געהערשט א שרעקליכע אויפרעגונג. ווען עס איז געקומען צום צעהלען, איז דער טומעל ווי אָפּגעהאַקט געוואָרען. יעדער האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אויפ׳ן רעזולטאַט.

יעדער צד האָט געהיט די צעהלונג זאָל געהן אין אָרדנונג, אָהן פעלשונגען.

„די צוויי פון די „לאָיאַלע״ האָבען איבערגעצעהלט 50 שטימען פאר זייער קאנדידאט אויף פּרעזידענט (סטיווען קופּער) און 48 שטימען פאר׳ן קאנדידאט פון דער אָפּאָזיציאָן (ליליענבלום). פייגענבוים אָבער האָט איבערגעצעהלט 51 שטימען פאר׳ן קאנדידאט פון דער אָפּאָזיציאָן און בלויז 47 פאר׳ן „לאָיאַלען קאנדידאט״ (אין זיין פערזענליכער ערקלעהרונג אין „אבענד־בלאט״ פון 21טען יאנואר, שרייבט פייגענבוים, אז פאר ליליענבלום׳ען האָט ער איבערגעצעהלט 51 און פאר קופּער׳ן 49 שטימען). ער האָט אָבער דערביי פארגעסען צו צעהלען די צוויי שטימען פון די איבעריגע צוויי צעהלערס, וועלכע האָבען געשטימט פאר קופּער׳ן.

„דער סעקרעטער האָט ערקלערט, אז צוויי קען מען גלויבען מעהר ווי איינעם, און דער פּרעזיצענדער איז געבליבען קופּער.

„דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַפּ פאר דער אָפּאָזיציאָן. נאכהער איז געקומען דער צווייטער. נאָך די דריטע וואהלען איז דער סעקרעטער בעאויפטראגט געוואָרען צו רעווידירען די קארטען פון די מיטגלידער. עס האָט זיך אויסגעלאָזען, אז 19 נייע מיטגלידער (וועלכע זיינען אריינגענומען געוואָרען אין די לעצטע עטליכע וואָכען) האָבען נאָך ניט איינגעצאָהלט זייערע איינטריטס־געלד (לויט דעם אָפּמאַך האָבען זיי דאָס באדארפט אויסצאָהלען אין פארלויף פון 4 מיטינגען, און זיי האָבען דאָס ניט געטאָן). די „לאָיאַלע״ האָבען זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט וואָס די 19 האָבען נאָך ניט איינגעצאָהלט די איינטריטס געלד און מען האָט צוויי פון זיי אינגאנצען אָפּגעוויזען; און די איבעריגע 17 האָט מען אויפגעפאָדערט זייערע איינטריטס־געלד צו באצאָהלען.

„דאָס איז געווען דער צווייטער קלאַפּ, נאָך וועלכען עס איז געקומען אַ דריטער.

„אויף דיזען מיטינג האָבען געזאָלט אויפגענומען ווערען נאָך 36 פאָרגעשלאָגענע קאנדידאטען, וועלכע זיינען מייסטענס

געווען אָנהענגער פון דער אָפּאָזיציאָן. ביי געוועהנליכע אומ־שטענדען וואָלט די פארזאמלונג אויסגעהערט די נעמען פון די פאָרגעשלאָגענע און וואָלט אויף גיך דורכגעמאכט די פּראָצעדורע פון אויפנעהמען נייע מיטגלידער.

„דיזען מאָל אָבער איז דיזע פּראָצעדורע געווען א וויכטיגע פּאסירונג, פון וועלכער עס איז אָפּגעהאנגען די מאכט פון דיזען אָדער יענעם צד: וואָלטען די נייע מיטגלידער אָנגענומען גע־וואָרען, וואָלט די אָפּאָזיציע געהאט די מאַיאָריטעט; וואָלטען זיי ניט אָנגענומען געוואָרען, וואָלט די מאכט געבליבען ביי די „לאָיאַלע".

„די לאָיאַלע האָבען זיך באַנוצט מיט דעם פּאַרמעלען רעכט, וואָס א פּאראיין קען אָנווענדען, ווען ער געפינט דאָס פאר ווינשענסווערט, נעמליך, דאָס רעכט ניט צו דערלאָזען, אז אויף דער גענעראַל פארזאמלונג, וואו בעאַמטע דאַרפען ערוועהלט ווערען, זאָלען נייע מיטגלידער מיטשטימען, און האָבען אָפּגע־לייגט די אויפנאַמע פון 23 פאָרגעשלאָגענע אויף נאָך די וואהלען פאר בעאמטע. וואָס אנבעלאַנגט די איבעריגע 12—13, האָט דער סעקרעטער גאָרניט פאָרגעלעזען זייערע נעמען, ווייל, ווי ער האָט באַהויפּטעט, זיינען זיי ניט געווען גוטשטעהענד אין דער פּאַרטיי (און א מיטגליד פון דער אַססאָסיאיישאָן האָט געקענט ווערען נאָר אַזעלכער, וואָס איז א גוטשטעהענדער מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי).

„די לופט האָט דעם גאַנצען אָווענד געשמעקט מיט פּולווער.

„די פּאַרזאַמעלטע זיינען געווען נערוועז, אויפגערעגט. גע־שרייען, זידלערייען האָבען ניט אויפגעהערט. דאָ און דאָרטען האָט מען זיך מכבד געווען מיט פּעטש.

„דאָס וואָס די „לאָיאַלע" האָבען זיך ערלויבט צו האנדלען אַזוי מיט די פאָרגעשלאָגענע, איז געווען דער איבעריגער טראָפּען, וואָס האָט איבערגעפילט דעם בעכער. מיללער האָט א געשריי געטאָן צו אַלע אָפּאָזיציאָניסטען: „גענאָסען, קומט!" און זיי האָבען זיך אַלע א לאָז געטאָן ארויס פון האָל".

דער באריכט איז אן אונפּארטייאישער און — מיט דער אויסנאהם פון א איינצעלהייט דאָ און דאָרט — א ריכטיגער; נאָר עס פאָדערען זיך צו איהם איינינע ערקלערונגען.

ווען צוויי פון די צעהלערם האָבען באריכטעט צו גונסטען פון קופּער'ן און נאָר איינער צו גונסטען פון אונזער קאנדידאט, ליליענבלום, האָבען אונזערע פּראָטעסטירט; זיי האָבען ערקלערט אז די צוויי צעהלערם רעפּרעזענטירען דעם זעלבען צד, די „לאָיאַלע", און אז מען קען זיי דעריבער ניט רעכענען פאר א מאיאָריטעט געגען אונזער איינציגען צעהלער. דאָך האָבען מיר די ענטשיידונג אָנגענומען. מיר זיינען געווען זיכער, אז שפּעטער, ווען די אַלע צערעמאָניעס וועלען זיין געענדיגט און עס וועט קומען צו דער רעדאקטאָר פראגע, וועלען מיר סיי־ווי־סיי האָבען א זיכערע מאיאָריטעט.

ווען עס איז געקומען צו דער אָפּשטימונג פאר רעדאקטאָר, האָבען די „לאָיאַלע" געברויכט פארשידענע תירוצים און פּשוט גוואלט־מיטלען, אום ניט צוצולאָזען פילע פון אונזערע צום שטימען. זיי האָבען, צום ביישפּיל, ערקלערט, אז דער אָדער יענער פון דער אָפּאָזיציאָן האָט ניט פּינקטליך איינגעצאָהלט זיינע דיום. געוועהנליך האָט מען אויף אזוינע קלייניגקייטען ניט געקוקט, אָבער אויף דיזען מיטינג האָבען די „לאָיאַלע" פון דעם געמאכט א גרויסען ווען. זייערע אייגענע מיטגלידער, וועלכע זיינען שולדיג געווען פאר עטליכע מאָנאטען, האָבען זיי יאָ צוגעלאָזען צום שטימען.

צווייטענס, ווען עס איז געקומען צום שטימען, האָבען זיי אין דעם פּאָרצימער אוועקגעשטעלט צוויי פון זייערע שטארקע יונגע לייט (זלמן וויינמאן, פון די וויינמאנס, וועלכע איך האָב דערמאָנט אין דעם ערשטען קאפּיטעל פון דיזען באנד, און א יונגען מאן מיט'ן נאָמען הארקאָוו). דיזע צוויי „לאָיאַלע" האָבען פאר די אָפּאָזיציאָניסטען פארצאַמט דעם וועג צו דער טיר פון דעם מיטינג זאַל. ווען איינער פון אונזערע איז אויף א מאָמענט ארויסגעגאנגען פון זאַל, און האָט געוואָלט צוריק אריינקומען צום שטימען, האָט וויינמאן און הארקאָוו איהם פארהאלטען. איך האָב צו זיי אפּעלירט אין דעם נאָמען פון

אנשטענדיגקייט. אויף דעם האָבען זיי מיר געענטפערט מיט קאַלטע, שטרענגע פּנים'ער. „מישט זיך ניט, גענאַסע קאהאַן", — האָט וויינמאַן צו מיר געזאָגט מיט אַ טאָן, וועלכער איז געווען אַ געמיש פון העפליכקייט און סטראַשונאַק. עס זיינען צוגעלאָפען אַ פּאָר פון אונזערע. עס איז געוואָרען אַ שטיקעל מהומה — איינע פון פילע אַזעלכע יענעם אווענד. עס האָט געקאָכט אינווייניג אין זאַל און אויסייד אין פּאַרצימער. דער סך הכל איז געווען, אַז מיר זיינען געווען מאכטלאָז. זיי זיינען געווען בעסער צוגעגרייט און בעסער אָרגאַניזירט פאַר אונז.

מיך האָבען וויינמאַן און הארקאַוו, נאַטירליך, אריינגעלאָזען צוריק אין זאַל; די אַנדערע אָפּאָזיציאָניסטען אָבער האָבען זיי פאַרהאַלטען ביז נאָכ'ן וואוטען.

עטליכע אָפּאָזיציאָניסטען זיינען סתם געקומען שפּעט. זיי האָבען זיך באַוויזען אין דער מינוט, ווען מען האָט שוין נעדאַרפט שטימען; האָט מען זיי אויך ניט אריינגעלאָזען. וויינמאַן און הארקאַוו זיינען אליין אריין אין זאַל און פאַרשפּאַרט די טיר.

אונזערע האָבען געשריען, פּראָטעסטירט; עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. די „לאָיאַלע" האָבען געהאַט דעם פּאָרזיצענדען, און אַלץ, וואָס זייערע מענשען האָבען אָפּגעטאָן, איז געווען רעכט. אין דער צייט פון דיזען געטומעל האָט אַ רומענישער יונגערמאַן מיט דונקעלע האָר (שטיינבערג האָט ער, דאַכט זיך, געהייסען) זיך געריסען מיך צו שלאָגען. די אַנדערע „לאָיאַליסטען" האָבען איהם ניט געלאָזען. איז ער געזעסען, געשאַסען מיט די אויגען און זיך אַלע ווייַלע פאַרמאָסטען אויף מיר מיט'ן פויסט.

ווען מיללער האָט געגעבען דעם סיגנאַל, האָבען די אָפּאָזי־ציאָניסטען פאַרלאָזען דעם האָל. עס איז געווען נאָר איין אויס־נאַמע: ב. פייגענבוים. ער איז געבליבען, ערקלערענדיג דערביי, אַז ער איז געגען שפּאַלטונגען, און אַז ער בלייבט מיט דעם צוועק צו ארבייטען פאַר די פּרינציפּען פון דער אָפּאָזיציע אינווייניג.

מאַקס פּיין איז געווען איינער פון די אָפּאָזיציאָניסטען, וועמען מען האָט געפּרופט ניט אריינלאָזען צום מיטינג. אין

דעם פעסט־נומער „פאָרווערטס", וועלכען מען האָט ארויסער־געבען לכבוד דעם 25טען יובילעאום פון דער צייטונג, דערצעהלט ער דאָס פאָלגענדע:

„מען קען זיך פאָרשטעלען די אויפגערעגטקייט פון אונזערע, וועלכע זיינען געשטאַנען אין דער פאָדער־הויז. און מען האָט זיי ניט ארייגעלאָזען. זייער אונגעדולד איז געוועזן לייכט צו פאַר־שטעהן.

„דאָס איז געוועזן מיט 25 יאָהר צוריק, און איך בין דאַן געוועזן מיט 25 יאָהר אינגער. שטעהענדיג הינטער'ן טיר, האָב איך געפיהלט אזוי ווי איינער וואָלט מיך פאַר'ן האלז געוואָרגען. איך האָב גענומען קלאַפּען אין טיר.

„— לאָזט מיך אריין! — האָב איך געפאָדערט פון דעם טיר־שטעהער, וועלכער האָט ארויסגעשטעלט אַ פּאָר פרעכע אויגען דורך דער קיילעכדיגער טירעלע.

„— האָט צייט, איהר שטעהט ניט אויפ'ן פּראָסט — האָט יענער געענטפערט מיט איראָניע.

„— לאָזט מיך אריין, אַז ניט וועל איך די טיר אויפברעכען!

„דער מאַן האָט ווידער אַן עפען געטאָן די קליינע טירעלע, האָט מיר אַ לאַך געטאָן אין געזיכט און צוריק פאַרמאַכט.

„יונג, פייערדיג און ווילד, האָב איך שוין מעהר זיך ניט געקענט קאָנטראָלירען. איך האָב מיט מיין גאַנצען קערפּער אַ וואָרף געטאָן זיך צו דער טיר, אָבער זי האָט זיך ניט אויפגעריסען.

„— גיט מיך אַ שטוּפּ — האָב איך געבעטען.

„עטליכע מענשען זיינען צוגעקומען און מיר האָבען דער־לאַנגט אזא שטויס, אַז די טיר האָט זיך אָפּגעריסען פון איהרע זאַוויעסעס און איז געפאַלען אינווייניג. די, וואָס זיינען געשטאַנען אין פאָרהויז, זיינען אַלע אריין צום מיטינג.

„עס איז געוואָרען אַ שרעקליכער טומעל. אַ רגע האָט עס אויסגעזעהען, אַז עס קומט פאָר אַן אַלגעמיינער געשלעג. אין אייניגע ווינקלען האָט מען זיך טאַקע געשלאָגען.

„לואי מילער איז אין דיזען מאָמענט אין דעם זאַל ניט געוועזן. אזוי ווי עס איז געוועזן שפּעט, און עס האָט געשיינט,

אז דער מיטינג וועט זיך ציהען ביז טאָג, איז ער ארויס עטוואָס קויפען. ער האָט זיך אומגעקערט מיט א פעקעל עפּעל".

מילער האָט געבראכט א פּייפּער בעג מיט גרויסע רויטע עפּעל. ער האָט גענומען איינעם און מיט די איבעריגע האָבען זיך צוטיילט די אָפּאָזיציאָניסטען, וואָס זיינען געווען לעבען אונז.

— עסט דעם עפּעל מיט כונה, גענאָסע קאהאַן, — האָט צו מיר געזאָגט איינער פון אונזערע, — עסט דעם עפּעל, וועט איהר זיך ניט אָפּעסען דאָס הארץ.

איך האָב איהם געפאָלגט און געגעסען „מיט כונה". אָט ריזער געלאָסענער מאניער מיינער האָט דאָס אויפגערעגט דעם רומענישען „לאָיאַליסט", וועלכער איז געזעסען פּונקט אנט־קעגען מיר.

די אויפרעגונג איז געווען גרויס; אָבער אז „אין איינינע ווינקלען האָט מען זיך טאקע געשלאָגען" אָדער אז „דאָ און דאָר־טען האָט מען זיך מכבד געווען מיט פּעטש", ווי בורגין דריקט זיך אויס — דאָס האָב איך ניט באמערקט, כ'האָב אָבער געהערט דערפון.

ריידענדיג וועגען דעם זעלבען מיטינג אין אלגעמיין, זאָגט פיין:

„אין דער נאכט פון דעם 7טען יאנואר, 1897, האָבען זיך צום ערשטען מאָל דערהערט די וועה־געשרייען פון דעם געבורט פון „פאָרווערטס". אין יענער נאכט איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג פון די אידישע סאָציאַליסטען און דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם סוף פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי; פון דעליאָן'ס טעגליכער צייטונג „דהי פּיפּל"; פון דער אידישער סאָציאַליסטישער טעגליכער צייטונג די „אבענד־בלאַט"; פון איהר טאקטיק פון ברעכען יוניאָנס; פון דער דיקטאטור פון א קליקע איבער די מאסען ארבייטער און סאָ־ציאַליסטען".

פון דעם מיטינג זיינען אוועק 52 פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן מיטגלידער. פילע פון אונז האָבען נאָך פריהער געצווייפעלט צי עס וועט זיך ענדיגען מיט פרידען, און איינער פון דיזע האָט געהאט אָנגעגרייט א זאל (וואלהאלא האָל, 48 אָרטשארד סטריט). דער זאל האָט אויף יענעם אווענד געהערט צו א געוויסען פאראיין, פון וועלכען דיזער יונגער מאַן איז געווען סעקרעטער; האָט ער געלאָזט וויסען די מעמבערס, אז זייער מיטינג איז אָפּגעלייגט, און ער האָט דעם זאל געהאלטען פאר אונזער „רעוואָלוציע".

„דרויסען איז געווען א ביטערע קעלט, — דערצעהלט מאקס פיין,—אָבער ניט פילע פון אונז האָבען די קעלט געפיהלט. יעדער איז געווען צואווארימט, צוטראָגען, אויפגערעגט. אויפ'ן גאס זיינען געשטאנען רעדלאך מענשען. דאָס זיינען געווען אונזערע פריינד, סאָציאַליסטען און סימפּאטייזערס. זיי זיינען געשטאנען אין קעלט און געווארט צו הערען דעם רעזולטאט.

„מיר האָבען אויפ'ן גאס לאנג ניט געדארפט שטעהן. אייניגע פון אונזערע פריינד האָבען פאר אונז באזאָרגט א האָל.

„צווישען זיי איז געווען איינער א שטאמלער — א סימפּאַטישער, היציגער מענש. מאנכעם מאָל, ווען ער האָט גענומען דאָס וואָרט אויף א מיטינג, פלעגט ער זיך ניט קענען אויספּלאָנטערען, און דער בארמלאָזער עולם פלעגט לאכען. פונדעסטוועגען פלעגט ער זיך שטופּען צו זיין טשערמאַן אויף פארזאמלונגען. איך געדענק ווי ער האָט אמאָל, אויף א מאסען־פארזאמלונג, פאָרגעשטעלט זאמעטקינ'ען אלס רעדנער:

„— אל—לעם נ—נעקסטען זאמעטקינ'ען האָב איך דאָס פארגעניגען פאָרצושטעלען אייך געגאָסע רעדנער...

„אָט דיזער יונגער מאַן האָט דאָס אונז אָנגעזאָגט וואו דער נייער האָל איז. ווען ער האָט אונז אריינגעבראכט אין דעם האָל, אויף אָרטשארד סטריט, האָט ער געזאָגט מיט גרויס באַגייסטערונג: „מ... חברה, ל—לעבט א גו—גוטען טאָג!"

„ווען מיר האָבען געעפענט דעם מיטינג, איז שוין געווען נאָך האלבע נאכט. דאָרטען זיינען געווען פארזאמעלט ניט נאָר

די ארויסגעטראָטענע מיטגלידער פון דער אסאָסיאיישאָן, נאָך א סך אנדערע סאָציאַליסטען און אנדערע ארבייטער, וועלכע האָבען געוואָרט אויף דעם אויסגאַנג פון דעם אסאָסיאיישאָן מיטינג."

4.

אין דעם שמאָלען לאַנגען האָל מיט דעם נייעם קאָרפּעט. — די „פּרעס קלאָבּס". — אונפאַרגעסליכע סצענעס.

ווען דער שטאַמלענדיגער גענאָסע האָט אויפגעעפענט די טיר פון זיין מיטינג־האָל און אין א טאָן פון ברייטער גאַסט־פריינדליכקייט האָט ער אויסגעשטאַמעלט: „אָט האָט איהר א האָל, גענאָסען! קומט אריין און לעבט א גוטען טאָג!" האָבען מיר זיך צולאַכט. מיין געלעכטער איז אָבער ניט געווען קיין פרעהליכער.

מיר האָבען זיך אויף אימער געשיידט פון דער אסאָסיאיישאָן, וועלכע מיר האָבען פאַר־זיבען־יאָהרען געגרינדעט מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג. די באַוועגונג, וועלכע האָט מיר פאַרשאַפט אַזוי פיל גליק, איז צושפּאָלטען. עס איז מיר ניט געווען פרעהליך אויפ'ן הארצען.

דער זאַל איז געווען א לאַנגער און א שמאָלער, מיט שפּאָגעל־נייע לאַנגע בענק און א ביליגען שפּאָגעל־נייעם קאָרפּעט, באַצירט מיט ביליגע העל־רויטע, בלויע און ווייסע קווייטען. דער איינדרוק פון דיזער ביליגער נייקייט איז אין מיין זכרון צוזאַמענגעמישט מיט מיין אונהיימליכען געמיט אין יענעם אָוועגד.

מיר האָבען זיך אָרגאַניזירט אלס א „פּרעס־פעדערריישאָן" פון פאַרשידענע יוניאָנס און פאַראיינען (א „האוס אָוו קאָממאָנס") און א קאָמיטע איז באַשטימט געוואָרען אָנצושרייבען אַן ער־קלערונג צום פּובּליקום.

כמעט אַלע אידישע יוניאָנס, און צווישען זיי די גרעסטע, זיינען גלייך צוגעשטאַנען צו אונזער צד. די צייטונג, וועלכע

מיר האָבן זיך געגרייט אַרויסצוגעבן, האָבן זיי אָנערקענט אַלס זייער אָפיציעלן אָרגאַן נאָך איידער מיר האָבן אַפילו באַשטימט איהר נאָמען. נאָר דריי־פיער פון די גאַנץ קליינע יוניאָנס זיינען געבליבן ביי דעם „אַבענד־בלאַט". די „פאַר־איינינגטע אידישע געווערקשאַפטען" איז אויך געבליבן מיט'ן „אַבענד־בלאַט", אָבער זי האָט דאָן עקזיסטירט נאָר אויפ'ן פּאַפּיר, און איינינגע פון די דעלעגאַטען פון וועלכע די „געווערק־שאַפטען" זיינען באַשטאַנען, האָבן זיך גלייך צוריקגעצויגען. איינער פון זיי איז געווען מאַקס פּיין.

אום מיר זאָלען ניט קענען אַרויסטרעטען געגען דעם „אַבענד־בלאַט", האָט די פּאַרטיי, אונטער דעליאָן'ס ווירקונג, די צייטונג ערקלערט אַלס איהר אָפיציעלען אידישען אָרגאַן. אַזוי ווי די אָפּאָזיציאָניסטען זיינען געווען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, האָבן זיי שוין אָפען די צייטונג באַקעמפען ניט געקענט. מען וואָלט זיי אויסגעשלאָסען פון דער פּאַרטיי. מיר האָבן זיך אָבער אַן עצה געגעבען.

ערב פּסח ראַטעוועט אַ איד זיין חמץ מיט דעם וואָס ער פאַרקויפט איהם בלומרשט צו אַ גוי. אַזאַ סאָרט מיטעל האָבען מיר געברויכט געגען דעם שפּיצעל, וועלכען דעליאָן האָט אונז אָפּגעטאָן. די אָפּאָזיציאָניסטען האָבען געגרינדעט „פּרעסס־קלאָבּ", וועלכע זיינען געווען סתם סאָציאַליסטישע אָרגאַני־זאַציעס און האָבען צו דער פּאַרטיי קיין שייכות ניט געהאַט. צו דער זעלבער צייט זיינען די זעלבע אָפּאָזיציאָניסטען געבליבען אין די פּאַרטיי ברענטשעס. זיי האָבען געהערט צו ביידע, הייסט עס, און אַלץ, וואָס זיי האָבען געטאָן געגען דעם „אַבענד־בלאַט", איז געגאַנגען אויף דעם נאָמען פון די „פּרעסס־קלאָבּס". עס איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ שטייגער: אַ אידישער ברענטש פון דער פּאַרטיי האַלט אָפּ אַ מיטינג. וועגען דעם קאַמף און וועגען אונזער געפּלאַנעוועטער נייער צייטונג ווערט ניט דערמאָנט. ס'איז אַ כשר'ער פּאַרטיי מיטינג. אַזוי געהט אָן אַ שטונדע אָדער וויינינער, און דער מיטינג ווערט אָפיציעל געשלאָסען. די מיטגלידער בלייבען אָבער אויף זייערע פּלעצער, און גלייך

עפּענט זיך דער מיטינג ווידער אויף, אָבער שוין ניט אַלס ברענטש פון דער פּאַרטיי, נאָר אַלס „פּרעסס־קלאָב". די מענשען זיינען די זעלבע; די פירמע איז אָבער כלומרשט אַן אַנדערע. דעליאָן האָט שוין קיין שליטה ניט. מען רעדט געגען דער „קליקע", געגען דעליאָנ'ען; מען רעדט וועגען דער נייער צייטונג, וואָס די אָפּאָזיציאָן קלייבט זיך ארויסצוגעבען; מען מאכט א קאָלעקשאָן פאר איהר.

אזעלכע צווייאיגע מיטינגען זיינען פאָרגעקומען אין עטליכע שטעדט, און אין ניו יאָרק — אין עטליכע טיילען פון שטאָדט. דיזער „טריק" גופא האָט צוגעגעבען אינטערעס.

אויף אונזערע מאַס־מיטינגען, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין דעם נאָמען פון די פאראייניגטע פּרעס־קלאָבס, זיינען פאָרגעקומען אונבאשרייבליכע סצענעס פון באגייסטערונג און אָפּפערוויליגקייט.

איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען א געוויסען אָוועגד, ווען מיר האָבען געהאט א מאַס־מיטינג און געזאמעלט געלד פאר דער נייער צייטונג. דער מיטינג האָט שטאטגעפונען אין דעם גרויסען בייסמענט פון וואַלהאַלא האָל אויף אָרטשארד סטריט (דאָרטען האָבען מיר אָפּגעהאַלטען אַלע אונזערע וויכטיגע מיטינגען, און דאָרטען איז געבאָרען געוואָרען דער „פּראָווערטס"). די באגייסטערונג איז געווען גרויס. נאָך די רעדעס האָט מען זיך גענומען צו דער קאָלעקשאָן. איך און נאָך איינער (ווינטשעווסקי, דאכט זיך) זיינען אומגעגאַנגען מיט העטס אין די הענט, און דער עולם האָט אין זיי אריינגעוואָרפען צעהן־דאָלארדיגע, פינף־דאָלארדיגע, צוויי־דאָלאַרדיגע און זילבערנע מטבעות. מען האָט אויך אראָפּ־גענומען פון זיך פינגערלאך און זייגערלאך און דאָס אַלץ האָט מען אריינגעוואָרפען אין די העטס. איך געדענק ווי מיין העט איז געוואָרען אזוי שווער, אַז איך האָב איהר פון אונטען געמוזט אונטערהאַלטען מיט דער צווייטער האַנט, אַז זי זאָל ניט דורכגע־ריסען ווערען. איך געדענק א פּאָר פון די סצענעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען בשעת מיר האָבען געמאכט די קאָלעקשאָן.

עס זיצט א פּאָר פאָלק, און ווען איך קום צו, נעמט דער

מאַן פון זיין בוזים־קעשענע אַרויס אַ דאָלאַר און לייגט אַריין אין מיין העט. „גיב מיר אויך אַ דאָלאַר", זאָגט די פרוי צו איהם. ער מאכט איהר אַ צייכען אַז איין דאָלאַר איז גענוג. דאַן גיט די פרוי מיט כעס אַ ציה איין רינגעלע פון אַ פינגער, און אַ צווייטען, און וואַרפט זיי אַריין.

עס איז צו מיר צוגעגאַנגען אַן עלטערער מענש און מיר איינגערוימט אַ סוד: ער האָט ביי זיך קיין געלד ניט. ער וועט מיר צושיקען שפּעטער. „איהר מעגט מיר געטרויען, — זאָגט ער צו מיר,—איך וועל ניט עסען און וועל ניט טרינקען, און וועל מיין קאָנטריביושאַן אָפּגעבען".

היינט איז פאַר אַן ארבייטער צו געבען אַ פינף־דאָלאַרדיגע קאָנטריביושאַן קיין איבערראַשענדע זאַך ניט. דאַן איז דאָס געווען אַ גרויסע סומע. און דאָך האָבען אייניגע ארבייטער געגעבען צו פינף דאָלאַר, צו צעהן דאָלאַר און מעהר אויך. מען האָט פאַרזעצט זאַכען. אַ געוויסער גענאָסע האָט זיינעם אַ נייעם סוט אוועקגעטראָגען אין אַ פּאָן־שאָפּ אום בייצושטייערען צו דעם פאָנד פון דער נייער צייטונג.

מאַקס פּיין דערצעהלט פון עהנליכע סצענעס, וואָס זייבען פאָרגעקומען אויף אַן אַנדער מיטינג אַזעלכען.

ער עראינערט זיך אַן „אַ קליין־געוויקסיגען קעפּ־מייקער מיט אַ פּנים פון אַש קאָליר", וועלכער איז „צוגעגאַנגען לאַנגזאַם צום טשערמאַן און עטוואָס אוועקגעלייגט לעבען איהם. דעם פּרעזידענט'ס געזיכט ווערט באַלויכטען. „פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר!" — שרייט ער אויס.

„ער ווערט באַלד אַרומגערינגעלט מיט מענער און פרויען, וועלכע טראָגען געלד: ווער אַ דאָלאַר, ווער פופציג סענט; עס האָבען זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען געגעבען פינף־דאָלאַרדיגע. אייניגע האָבען ערקלערט, אַז זיי האָבען מיט זיך קיין געלד ניט, אָבער מען זאָל זיי פאַרשרייבען, זיי וועלען צושיקען.

„איינער האָט אויף דעם געענטפערט:

„אויב איהר קענט קריגען געלד אין דער היים, טאָ געהט אהיים און ברייגגט. מיר וועלען פון דאנען ניט אוועקגעהן, ביז מיר וועלען האָבען א סומע, מיט וועלכער מיר זאָלען קאָנען ארויסגעבען דעם „פאָרווערטס".

„א צווייטער האָט צוגעגעבען:

„אויב איהר האָט ביי זיך אין דער היים קיין געלד ניט, וועקט אויף אייערע שכנים און לייהט ביי זיי געלד.

„דיזע עצות זיינען אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס באַגייסטערונג.

„אייניגע האָבען צוגעבראכט זייערע זייגערלעך, רינגעלעך און בראַסלעטען.

„עס איז שוין ליכטיג געוואָרען ווען מען האָט דעם מיטינג געשלאָסען."

5.

די קאָנווענשאָן פון 30טען יאנואר, 1897. — דער נאָמען „פאָרווערטס". — איך ווער ערוועהלט רעדאקטאָר. — א דורכפאַל אין פילאדעלפיא. — אַן ערצעהלונג אין „קאָסמאָפאָליטען".

די באוועגונג ווענען א נייער סאָציאַליסטישער צייטונג — א צייטונג, וואָס זאָל געהערען צום פאָלק און ניט צו א הייפעלע, א צייטונג וואָס זאָל געפיהרט ווערען פון אויסגעוועהלטע פאָר־שטעהער און ניט פון א קליקע — האָט זיך צווישען סאָציאַליס־טען שנעל פארשפרייט. אזוי איז געווען אין ניו יאָרק, און אזוי איז געווען אין אנדערע שטעדט. פון אלע זייטען האָט זיך גע־הערט א פאָדערונג ווענען א קאָנפערענץ מיט דעם צוועק זיך גלייך צו נעהמען צו דער ארבייט.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 30טען און דעם 31טען דעצעמבער, 1896, און דער רעזולטאט איז געווען א באשלוס צו־

זאמענצורופען א קאָנווענשאָן פון אלע פרעסס־קלובס און סימפּאַ־טיזירענדע אידישע ארבייטער יוניאָנס פון אמעריקא.

אזא קאָנווענשאָן איז זיך צוזאמענגעפאָהרען דעם 30טען יאנואר, 1897. איהרע זיצונגען האָבען געדויערט צוויי טעג און צוויי נעכט, דעם 30טען און 31טען. זיי זיינען פאָרגעקומען אין דעם אויבען־דערמאָנטען גרויסען בייסמענט־זאַל פון וואלהאלא האָל, 48 אָרטשארד סטריט, ניו יאָרק. עס זיינען געווען פאר־טראָטען 23 אָרגאניזאציעס (פּארטיי ברענטשעס, אנדערע סאָ־ציאַליסטישע פאראיינען און טרייד־יוניאָנס) פון ניו יאָרק, ברוקלין, פילאדעלפיא, באַלטימאָר, ניו־הייווען און הארטפאָרד.

די אנטייל־נעמער האָבען, אלזא, פארטראָטען ניט זיך אַליין, נאָר אָרגאניזאציעס. זיי זיינען געווען ניט קיין „לאָרדס", נאָר „דעפּוטאטען". די פאָדערונג, וואס איז אויסגעדריקט געווען אין דעם אויבען־דערמאָנטען „צוקונפט" ארטיקעל — „א האוס אָוו קאָממאָנס" אָדער א „האוס אָוו לאָרדס?" — איז דא אלזא פאַרווירקליכט געוואָרען.

אָנצוהערענישען אויף דעם האָט מען געהערט אין אייניגע פון די רעדעס און אין די פריוואט געשפּרעכען צווישען די דעלעגאטען. איך געדענק, צום ביישפּיל, ווי אטאקירענדיג די קליקע און די גאנצע אססאָסיאיישאָן, האָט א רעדנער אויס־געשריען:

— זיי מיינען אין דער אמת'ן זיי זיינען לאָרדען!...

מען האָט אויך געהערט שפּאסען וועגען די „לאָרדס" און די „דעפּוטאטען".

מילא, א צוזאמענפּאר פון „דעפּוטאטען" אָדער דעלעגאטען איז א גאנץ געוועהנליכע זאך. דעלעגאטען זיינען פאָרשטעהער פון געוויסע גרופּען אָדער קרייזען. דער צוועק איז אָבער געווען, אַז אויף דעם זעלבען פּרינציפּ פון „פאָלקס־פּארטרעטערשאפט" זאָל געגרינדעט ווערען די ציייטונג; אַז די שטענדיגע אָרגאניזאציע, וואס וועט איהר ארויסגעגבען און פיהרען איהרע געשעפטען, זאָל אויך באשטעהן פון „דעפּוטאטען". און אזוי איז זי ווירקליך צוזאמענגעשטעלט געוואָרען.

דער נאָמען, וואָס מיר האָבען געגעבען דיזער אָרגאַניזאַציע, איז געווען פּרעסס פּארבאנד״ *).

איך מוז דאָ גלייך מודה זיין, אַז ווי שפּעטערע ערפאַהרונגען האָבען באַוויזען, איז אַזאַ סיסטעם אין באַצוג צו דער שטענ־דיגער קערפּערשאפט, וואָס דאַרף פיהרען די געשעפטען און קאָנטראָלירען די רעדאַקציע פון אַ צייטונג, לייכטער צו ער־קלערען אין טעאָריע, ווי דורכצופיהרען אין פּראַקטיק. לאָמיר נעמען איין ביישפּיל: אַ פאַראיין שיקט אַ דעלעגאַט צו דעם פּרעסס־פאַרבאַנד; שפּעטער ווערט דער פאַראיין צופאַלען; ער בלייבט עקזיסטירען נאָר אויף פּאַפּיר. דער דעלעגאַט אָבער בלייבט אַלץ אַ מיטגליד פון דעם פּרעסס־פאַרבאַנד, הגם ער רעפּרעזענטירט קיינעם ניט. אָדער עס קומען אין דעם פאַראיין אָדער יוניאָן אַריין נייע מיטגלידער מיט נייע מיינונגען, נייע פּאָליטישע אינטערעסען, און זיי האָבען אַלץ אַ רעכט צו שיקען אַ דעלעגאַט צו דעם פאַרבאַנד.

שפּעטער האָט מען געמוזט מאַכען ענדערונגען, אָבער די הויפּט טענה פון די אָפּאָזיציאָנסיטען איז אימער אָפּגעהיט געוואָרען. איך מיין אונזער טענה, אַז די „פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן״ איז געוואָרען אַ פּאַרמאַכטע קערפּערשאַפט, און אַז זי דאַרף זיין אָפּען פאַר נייע מיטגלידער. די אָרגאַניזאַציע, וועלכע גיט אַרויס דעם „פאָרווערטס“, איז אימער געווען אַן אָפּענע אָרגאַניזאַציע. זי געפינט זיך ניט אין די הענט פון „לאָרדס“. דער דעפּוטאַטען־פּרינציפּ קען אין איהר פאַרוואַלטונג ניט גילטען. עס איז אָבער אַ פּאָלקס־פאַרוואַלטונג דורך דעם, וואָס איהרע טירען זיינען אָפּען; און איהר טרייער סאָציאַליסטישער כאַראַקטער איז באַ־

---

*) מען דאַרף דאָ באַמערקען דאָס פאָלגענדע: צווישען די נייע מיטגלידער, ווען דער אָפּאָזיציאָן איז געלונגען אַריינצוברענגען אין דער אַסאָסיאיישאָן, לויט דעם קאָמפּראָמיס וואָס איז געמאַכט געוואָרען אויף דער „סאָדאַ קאָנפערענץ“, ווי איך פלעג דאָס רופען, איז שוין אויך געווען אַ געוויסע צאָהל „דעפּוטאַטען“. ביי דער ענדליכער שפּאַלטונג זיינען זיי געווען צווישען די 52 אָפּאָזיציאָניסטען, וואָס האָבען אַרויס־געמאַרשירט פון האָלל. און איצט זיינען זיי געווען דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאָן און צו דעם „פּרעס־פאַרבאַנד“.

וואָרענט דורך דעם, וואָס איהרע מיטגלידער מוזען זיין גוט־שטעהענדע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי (וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1901). אזוי איז דאָס געווען אימער און אזוי איז דאָס היינט, דאָס הייסט נאָהענט פון דרייסיג יאָהר נאָך דעם ווי דער „פאָרווערטס" איז געבאָרען-געוואָרען.

די קאָנווענשאָן האָט פייערליך זיך ערקלערט פאַרפליכטעט „צו האַלטען הויך די פאָהן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען קלאַסען־קאַמף" און „צו ארבייטען מיט אַלע קרעפטען פאַר דער סאָציאַליסטישער ארבייטער־פּארטיי".

אויף איינער פון איהרע זיצונגען איז אָנגענומען געוואָרען א באַשלוס צו שיקען א קאָמיטע צו דער פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן פון „אבענד־בלאַט" און צו פאָדערען, אַז זי זאָל אָפּגעבען די צייטונג צו פאָרשטעהער פון סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און יוניאָנס, דאָס הייסט, צו אונזער פּרעס־פארבאַנד. עס איז אַפּוינטעד געוואָרען א קאָמיטע צו דיזען צוועק. עס איז איבעריג צו באַמערקען, אַז די אַסאָסיאיישאָן האָט זיך פון דעם באַשלוס אויסגעלאַכט.

מיללער האָט געמאַכט א פאָרשלאַג, אַז מען זאָל די נייע צייטונג רופען „פאָרווערטס". איך האָב געגלויבט אַז מען דאַרף אַן עכט־אידישען נאָמען, אָבער א געראָטענעם אידישען נאָמען פאַר א צייטונג איז ניט גרינג צו געפינען, און „פאָרווערטס" הייסט דער הויפּט אָרגאַן פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער פּארטיי פון דייטשלאַנד, איז מיללער'ס פאָרשלאַג אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג.

איך בין איינשטימיג ערוועהלט געוואָרען רעדאַקטאָר.

מען האָט זיך ווייטער גענומען קלייבען געלט. עטליכע פון אונז זיינען ארומגעפאָהרען איבער פאַרשידענע שטעדט, געהאַלטען רעדעס און געמאַכט קאָלעקשאָנס אָדער אָרגאַניזירט בענעפיט־קאָנצערטען. אין פילע פלעצער האָבען מיר געהאַט ערפאָלג, ניט אין אַלע. דעם ערגסטען דורכפאַל האָבען מיר געהאַט אין פילאַדעלפיא. די דאָרטיגע גענאָסען האָבען גענומען

דעם גרעסטען און שעהנסטען טעאטער אין שטאָדט (אקאדעמי אָוו מיוזיק) אויף רעדעס און א רייכען קאָנצערט, און זיי האָבען געטאָן אַלעס מעגליכעס צו פארקויפען טיקעטס; דער רעזולטאט איז אָבער געווען א טרויעריגער. דער טעאטער איז געווען כמעט פוסט. מיללער און ווינטשעווסקי און איך זיינען געווען די רעדנער. אויפ'ן הארצען איז געווען זעהר קאַלעמוטנע. מיר זיינען געפאָהרען צוריק קיין ניו יאָרק מיט אראָפּגע־לאָזענע קעפּ.

ווען איך זאָג, אז אין איינינע פלעצער זיינען די אונ־טערנעהמונגען געווען ערפאָלגרייך, דארף מען ניט מיינען אַן ערפאָלג אין דעם היינטיגען זין פון וואָרט. די פארדינסטען פון די ארבייטער זיינען געווען פיל קלענער ווי היינטיגע צייטען, און ביי דער גרעסטער באגייסטערונג האָט מען ניט געקענט ערווארטען קיין רעזולטאטען לויט דער היינטיגער מאָס.

אין דעם טאָג, ווען מיר זיינען געפאָהרען קיין פילאדעלפיא אויף דער אויבען־דערמאָנטער פארזאמלונג, איז ערשינען דער מארטש נומער פון דעם אמעריקאנער מאָנאט־זשורנאל „קאָסמאָ־פאליטען“, און דארטען איז געווען אָפּגעדרוקט מיין ערצעהלונג. איך האָב זיך געפיהלט גליקליך און זיך געגעבען א „נדר“ ניט צו פארנאכלעסיגען מיינע ליטערארישע שאנסען. כ'האָב ווידער עפּעס אויפגעשריבען, אָבער נאָר איין זאך (וועגען דעם אין נעקסטען באנד). מיין צייט און ענערגיע זיינען געווען פארנומען אין אונ־זערע אָנשטרענגונגען צו גרינדען דעם „פאָרווערטס“.

מיר האָבען אוועקגעגעבען אזוי פיל קרעפטען צו שאפען און פעסט אוועקצושטעלען די „ארבייטער צייטונג“, וועלכע האָט מעגליך געמאכט דעם „אבענד־בלאט“, און אלץ האָט מען ביי אונז צוגענומען; אלזאָ, וועלען מיר איצט גרינדען א סאָציאליסטישע צייטונג, וועלכע קיינער וועט שוין ניט קענען ארייננכאפּען. דיזער געדאנק האָט אין מיר געווירקט אלס טרייב־קראפט, און אזוי האָט ער אויך געווירקט אויף הונדערטע אַנדערע אָפּאָזיציאָניסטען.

דרייצהנטער קאפיטעל.

ערשטע מאָנאַטען פון „פאָרווערטס"

1.

די רעדאַקציע אויף דואיין סטריט.—יעקב גאָרדין.—מילער, ווינטשעווסקי, זאַמעטקין. — ליעסין קומט קיין אמעריקא.

דער ערשטער נומער „פאָרווערטס" איז ערשינען דעם 22טען אפריל, 1897.

מיט גרויסע שוועריגקייטען האָבען מיר צוזאַמענגעשטעלט א סומע, וועלכע איז קוים גענוג געווען צו מאַכען אַן אָנפאַנג. אַלץ האָט אויסגעזעהען אָרים, קבצנ׳דיג. וועגען קויפען אַן אייגענעם פּרעס האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. מיר האָבען דעם „פאָרווערטס" געמוזט דרוקען אַנדערשוואו. פון בעקוועמ־ליכקייט וועגען האָבען מיר באַשלאָסען צו האָבען די רעדאַקציע מיט דעם שריפטזעצער־שאַפּ לעבען דעם פּלאַץ וואו די צייטונג וועט זיך דרוקען. און אַזוי ווי אין אידישען קוואַרטאַל זיינען קיין גרויסע דרוקערייען ניט געווען, האָבען מיר די רעדאַקציע ניט געקענט האָבען צוזאַמען מיט דעם ביזנעס אָפיס, וועלכער האָט נאַטירליך געמוזט זיין אין אידישען קוואַרטאַל.

אויף איסט בראָדוויי האָבען מיר געדונגען א סטאָר און אויסגעהאַנגען א סאַין „פאָרווערטס". דאָס איז אויסגעקומען פונקט אַנטקעגען דעם פּלאַץ וואו היינט געפינט זיך די „פאָר־ווערטס" בילדינג. איצט איז דאָרטען דער סוארד פּאַרק, וועלכער האָט נאָך דאַן ניט עקזיסטירט. דאַן האָט זיך אַנטקעגען דער איצטיגער „פאָרווערטס"־בילדינג געצויגען א סייד־וואָק מיט

א צייל הייזער. דארטען האבען מיר אלזא געהאט אונזער ערשטען ביזנעס אפיס. די רעדאקציע און די דרוקעריי אבער איז געווען אויף דוויין סטריט, לעבען דעם קארנער פון פארק ראו, ניט ווייט פון דעם איצטיגען מיוניסיפאל בילדינג און דעם ברוקלין ברידזש. דיזען בלאק האבען מיר אויסגעקליבען, ווייל נאהענט דערביי איז געווען דער פלאץ וואו די צייטונג האט זיך געדרוקט. פון דעם ביזנעס אפיס צו דער רעדאקציע איז געווען ביי צעהן מינוט גאנג.

דארטען, אויף דוויין סטריט, האבען מיר געדונגען א „לאפט" אדער „פלאאר" אין א געביידע, וועלכע איז געווען פארנומען מיט ווער־הייזער. דעם פלאאר האבען מיר פאנאנ־דערגעטיילט אויף דריי טיילען: פאר די שריפטזעצער, פאר די נייעס־שרייבער און א פריוואט „אפיס" פאר דעם רעדאקטאר — א לאנגער צימער, אבער אזא שמאלער, אז ווען מען האט ארייגגעשטעלט צוויי דעסקס, איז געווען פלאץ נאר פאר איין מענשען דורכצוגעהן. איינער פון די דעסקס איז געווען פאר'ן רעדאקטאר און דער צווייטער פאר איינעם פון די מיטארבייטער. דער פענסטער פון דיזען צימערל איז ארויסגעקומען אויף דוויין סטריט. די נייעס־שרייבער האבען געהאט א גרויסען לופטיגען צימער צום יארד.

די פארטישאנס זיינען געווען געמאכט פון נייע ניט־געפארבטע ברעטער, און עד היום געדענק איך דעם ריח פון פרישע האלץ, וועלכער פלעגט מיך דורכדרינגען, ווען איך בין געזעסען ביי מיין דעסק.

מיין געהאלט אלס רעדאקטאר איז געווען 15 דאלאר א וואך, און דאס איז אויך ניט אימער געווען.

די ערשטע עטליכע מאנאט איז יעקב גארדין, דער דראַ־מאטורג, געווען אן אינסיידינגער מיטארבייטער ביי אונז, און ער פלעגט זיצען ביי דעם דעסק וואס איז געשטאנען לעבען מיינעם. ער האט ביז דאן פאר דער ביהנע אויפגעשריבען, חוץ „סיביר", „דער רוסישער איד אין אמעריקא", „צוויי וועלטען" און „דער אידישער קעניג ליר". און ער האט שוין געהאט אין זינען דעם אינהאלט פון „די אידישע

קעניגין ליער" („מירעלע אפרת"). זיינע פאַרדינסטען פון טעאַטער זיינען אָבער דאַן נאָך געווען זעהר קליין. פאַר'ן „פאָרווערטס" פלעגט ער שרייבען פעליעטאָנען. צום ביישפּיל: ווען אין ניו יאָרק האָט מען געבראַכט דעם קערפּער פון דזשע־נעראַל גראַנט און מען האָט איהם אוועקגעלייגט אין דעם אָקאָרשט־אויסגעבויטען „גראַנט'ס טום", אויף ריווערסייד דרייוו, האָט ער דאָס באַשריבען. ער האָט פאַר אונז אויך געשריבען סקיצען און אַרטיקלען איבער דער געשיכטע פון דער דראַמאַ. מיללער, ווינטשעווסקי און זאַמעטקין האָבען אנטייל גענומען אַלס אוטסיידיגע מיטאַרבייטער.

זונטאַג פלעגט דער „פאָרווערטס" ערשיינען אין דער פאָרמע פון אַ זשורנאַלטשיק, אין „טאַבלאָיד פאָרם", ווי מען רופט דאָס היינט — אַ סך קלענער ווי יענער טעגליכער „פאָרווערטס". צווישען אַנדערע מיטאַרבייטער האָט זיך אין איהם באַטייליגט מיין פרוי מים איבערזעצונגען פון גוטע רוסישע ערצעהלונגען פון אידישען לעבען (אויך האָט זי איבערזעצט אַ פּאָר ליטעראַרישע זאַכען פאַר דער „צוקונפט"). ז. לעווין האָט דאַן געשריבען זיינע ערשטע סקיצען און זיי זיינען ערשינען אין „פאָרווערטס". צווישען די נייעס־שרייבער און אינסיידיגע מיטאַרבייטער איז געווען ז. קאָרנבליט און וויליאַם קייזער.

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי דער „פאָרווערטס" איז געגרינדעט געוואָרען, איז פון רוסלאַנד געקומען ליעסין. ער האָט באַזוכט אונזער אָפיס אויף דוויין סטריט, — אַ יונגינקער, אַ שעהנינקער, מיט אַ געזיכט ווי אַ פרישער עפּעל, און אין אַ שפּאָגעל־נייעם אַמעריקאַנער קאָסטיום. ווען ער איז באַקאַנט געוואָרען מיט די אורזאַכען פון דער שפּאַלטונג אין אונזער באַוועגונג און מיט די איינצעלהייטען פון דעם סכסוך, איז ער צוגעשטאַנען צו אונזער צד. ער איז פאַר אונז געווען אַ וויכטיגע קראַפט. ער האָט פאָרטגעזעצט צו שרייבען געדיכטען; ער האָט אָבער אויך אָנגעהויבען צו געבען לייט־אַרטיקלען פאַר'ן „פאָרווערטס", און זיי האָבען געצייגען אויפמערקזאַמקייט.

2

ערשטע נומערן זונטאגס־„פאָרווערטס“. — מיט־ארבייטער. — אַרטיקלען. — אַדווערטייזמענטס.

פאר מיר ליגט איצט א געבונדענע זאמלונג פון זונטאָגס־„פאָרווערטס“ פון די ערשטע עטליכע מאָנאטען. זיי זיינען אין א קלענערען פאָרמאַט ווי דער דאַמאָלסדיגער טעגליכער „פאָר־ווערטס“, ווי אויבען איז שוין געזאָגט געוואָרען. דער ערשטער נומער איז א מאי־נומער, הגם דער דאטום איז דער צווייטער מאי. אלס א פאָרערבלאַט האָט ער א צייכנונג, וואו עס ווערט פאָרגע־שטעלט ווי די ארבייטער באוועגונג שטורעמט די פעסטונג פון קאפּיטאל. ביי דער פעסטונג שטעהט א מיידעל און רופט די מחנות די פעסטונג איינצונעהמען. די מיידעל האלט אין האנט א שווערד, אויף וועלכען עס איז אויפגעשריבען „סאציאל־דעמאָ־קראטיע“. אויף איהר רוף קומט אָן די פרייהייטס־געטין מיט א גרויסער פאָן מיט דעם אויפשריפט „פאָרווערטס“. פון אויבען, איבער דער געטין, געפינט זיך א שורה „8 שטונדען ארבייטס־טאָג“. אויף דער פעסטונג איז אויפגעשריבען דער וואָרט „קאפּי־טאליזמוס“. פון אויבען פון דער פעסטונג קוקען ארונטער מיליאָ־נערען, זיי מאכען מיט די פויסטען, זיי זיינען ווילד־בייז; זיי זיינען פארצווייפעלט.

אום דעם לעזער צו געבען א באגריף וועגען דעם „פאָר־ווערטס“ פון יענע מאָנאטען, וועל איך איהם באקאנט מאכען מיט יענע זונטאָגס־נומערען.

א נומער האָט געהאַט 16 פּיידזשעס, ריכטיגער געזאָגט, פּיידזשקעס. וואָרים יעדע פּיידזש איז קלענער ווי א פערטעל פון א היינטיגער „פאָרווערטס“־פּיידזש. דריי אָדער פיר פון דיזע פּיידזשקעס פלעגען זיין אויסגעפילט מיט אדווערטייזמענטס און מיט דעם אינהאלטס־פארצייכנים. די לעזע־שטאָף פון א זונטאָגס־„פאָרווערטס“ האָט, אלזאָ, פארנומען ארום צוויי־און־א־האלב פּיי־דזשעס פון א היינטיגען „פאָרווערטס“. מיט א צוואנציג היינטיגע נעדריכטע „פאָרווערטס“־קאָלומס וואָלט איהר געקענט אויספילען דעם גאנצען אינהאלט פון א דאמאָלסדיגען זונטאָגס־„פאָרווערטס“.

צוערשט קומט אן ערצעהלונג מיט'ן נאָמען „דאָקטאָר וואָראָבייטשיק'ס שדוך“, אן ערצעהלונג פון אידישען לעבען, פון ר. מ. גינן, איבערזעצט פון רוסישען פון אננא קאהאן (די ערצעהלונג איז אן אויסגעצייכענטע און די איבערזעצונג איז אין דעם איינפאַכסטען און נאַטירליכסטען אידיש; זי געהט אין פיר פאָרטזעצונגען, צו צוויי אָדער אַנדערהאַלבען זייטלעך א פאָרטזעצונג).

דאַן קומען דריי אינטערעסאַנטע ווערטלעך, גענומען פון אַנדערע שפּראַכען, אונטער דעם איבערשריפט „קורץ און שאַרף“.

די ווערטלעך זיינען:

„די ווייטסטע וועג אין גאַנצען לאַנד,
איז פון הארצען צום מויל און פון מויל צום האַנד“.

* * *

„דאָ ליגט אַ קאַרגער עושר באַגראָבען,
שלעכט ביים הערצען און פאַרדאָרבען;
גוטס, אויב ער האָט אַמאָל געטאָן,
איז דאָס וואָס ער איז געשטאָרבען“.

* * *

„קלוג צו ריידען איז זעהר שווער,
קלוג צו שווייגען נאָך פיל מעהר.“

דער נעקסטער ארטיקעל איז אַ פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכער, געשריבען פון דר. אב. קאַספּע. דער איבערשריפט איז: „וואָס איז ברענען?“ און אונטער דעם אַ קלענערע קעפּעל: „וואָס קומט פאָר דערביי?“

דר. קאַספּע האָט אויף מיין איינלאַדונג געשריבען פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכע ארטיקלען יעדען זונטאָג. ער פלעגט מיר פאָר־שלאָגען די טעמעס און איך פלעג זיך אויסקלייבען אַזעלכע וואָס זיינען געווען פּאָפּולער און אינטערעסאַנט פאַר'ן עולם.

דער נעקסטער ארטיקעל טראָגט דעם נאָמען „שאַדדי“. ער איז געשריבען פון אַלעקסאַנדער יאָנאַס. דער ארטיקעל איז געווען אויף ענגליש און איז איבערזעצט געוואָרען אין דער רעדאַקציע.

יאָנאַס איז דאַן געווען אָהן באַשעפטיגונג און איך האָב געוואוסט, אַז זיין מאַטעריעלער צושטאַנד איז אַ געדריקטער. רעליאָן האָט איהם ניט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגען און ער, יאָנאַס, האָט זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע. ער האָט געהאַט

א ירושה אין דייטשלאנד און פלעגט באקומען געוויסע סומען פון דארטען. ס'איז אבער געווען עפעס אן אפהאלט און ער איז יענע מאנאטען געווען זעהר געענגט. ער האט זיך קיינמאל ניט באַ־קלאגט און איז אימער געווען געקליידעט זעהר ציכטיג און נעט. ער איז געווען א זעהר באשיידענער מענש, א דזשענטעלמען אין דעם בעסטען זין פוןווארט. איך האב זיך דערוואוסט פון זיין לאנגע דורך א דייטשען שריפטשטעלער, וועלכער איז געווען זיינער א גוטער פריינד. ס'האט אויף מיר געמאכט א שרעקליכען איינדרוק.

אונזער אלעקסאנדער יאנאס זאל וויסען פון גויט! אונזער הויך־געאכטעטער און פיל־געליבטער גענאסע יאנאס!

דאס איז פאר מיר געווען דער גרויליכסטער ביישפיל פון א רעליאן־קרבן.

איך האב איהם איינגעלאדען צו שרייבען פאר אונז פון צייט צו צייט. מיר האבען ניט געהאט גענוג אויף די ארימסטע וויידזשעס פאר די שטענדיגע מיטארבייטער, אבער אלעקסאנדער יאנאס'ן איינצולאדען — דאס האבען מיר געטאן מיט דער גרעס־טער פרייד. דאס איז געווען אן אונבעשרייבליכער געפיהל. אלעקסאנדער יאנאס!

ער האט מיר געבראכט זיין ערשטען ארטיקעל, און דערביי האט ער זיך געזעצט לעבען מיר, גענומען א שטיקעל פאפיר און אויפגעשריבען:

„וואלט דער „פארווערטס" מיר געקענט געבען פאראויס 12 דאלאר?"

ווען איך האב דאס איבערגעלעזען, איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען. אלעקסאנדער יאנאס זאל דארפען שריי־בען אזא צעטעלע!

איך האב ביי זיך קיין געלט ניט געהאט און די אנדערע גע־נאסען אין דער רעדאקציע האבען אויך ניט געהאט. מיר האבען געבארגט און איך האב איהם די סומע געגעבען.

„איך האף, אז אין קורצען וועלען מיינע אומשטענדען זיך פארבעסערען; איך ערווארט געלט פון בערלין", — האט ער גע־זאגט מיט א שעמעוודיגען שמייכעל, זעגענענדיג זיך מיט מיר.

זיינע ערווארטונגען זיינען פארווירקליכט געווארען. זיין לאנגע

האָט זיך פארבעסערט. רייך איז ער קיינמאָל ניט געווען. ער האָט געלעבט אין א פוירנישד רום, אין וועיווערלי פּליים, וואו איך פלעג איהם באזוכען. איך פלעג איהם אויך באזוכען אין א באַ־קאַנטען קאַפע, אויף קאָרנער בראָדוויי און עלפטע סטריט, וואו ער פלעגט פארברענגען די אָווענטען מיט זיינע דייטשע פריינד, מייסטענס ליטעראַטען, קינסטלער און געלעהרטע (דער קאַפע האָט זיך געפונען נעקסט צו דער באריהמטער גרייס טשוירטש. שפּע־טער האָט מען די געביידע פון דעם קאַפע ארונטערגעוואָרפען און מ'האָט אויף איהר פּלאַץ אויפגעשטעלט אַן עקסטענשאָן פון דער טשוירטש, וועלכע איז פריהער געווען קלענער).

יענער ארטיקעל זיינער פאַנגט זיך אָן מיט די פאָלגענדע שורות:

„ווערטע רעדאַקציאָן! מיט גרויס פארגעניגען וועל איך ער־פילען אייער וואונש פון צייט צו צייט עטוואָס אין אייער בלאַט צו שרייבען. איך וועל היינט אָנווייזען אויף אַן ארטיקעל, וואָס די היגע „וואָירלד“ — א צייטונג וואָס זעהט תמיד זיך צו חנפ'ענען צו די ארבייטער — האָט ענטהאַלטען אויף מאָרגען נאָך דעם גרענט יום־טוב (דער אויבענדערמאָנטער פאראד וואָס מען האָט געמאַכט בעת מען האָט קיין ניו יאָרק געבראַכט דעם קערפּער פון גענעראַל גרענט). דער דאָזיגער ארטיקעל פיהרט ארויף אויף פילע וויכטיגע געדאַנקען. אין איהם מאַכט זיך די „וואָירלד“ א גאַנצען צימעס פון דעם כלומרשט'דיגען פאַקט, וואָס די הונדערטע טויזענדע מענשען, וועלכע זיינען געקומען זעהן דעם פאראד האָבען אויסגעזעהן אַזוי אנשטענדיג, אַז זיי זיינען געווען אַזוי שעהן אָנגעטאָן; אַז ביי עהנליכע פּאַסירונגען אין לאָנדאָן אָדער פּאַריז וואָלט דער עולם אפשר געווען רייכער אָנ־געטאָן ווי דאָ, אָבער געוויס אָרימער אין קליידונג; און — דאָ ווייזען זיך ארויס די הערנער פון דעם שד — דער ארטיקעל דרינגט פון דעם, אַז די געשרייען פון די אונצופרידענע וועגען שלעכטע צייי־טען און ביטערען סלעק האָבען ניט קיין גרונט.“

דאָן ווייזט יאָנאַס, אַז דאָס וואָס אמעריקאַנער ארבייטער זיינען שעהן געקליידעט, נאַרט נאָר אָפּ די אויגען. די קליידער וואָס זיי טראָגען זיינען געמאַכט פון א ביליגען שטאָף, וועלכער

הייסט שאדרי. ער ווייזט אויס שעהן, אבער ער האט ניט קיין ממשות, ער צוקריכט זיך גלייך. און אזוי איז די גאנצע קאפי־טאליסטישע ציוויליזאציע. זי איז ציוויליזאציע נאר אויפ'ן אויס־זעהן. אינוועניג איז זי צו־ווערימט.

נעקסט קומט א געדיכט „צום פארווערטס“, אונטערגעשריבען „א סאציאליסט“.

ווייטער קומט אן ארטיקעל „אונזער יום־טוב“, פון מ. ווינ־טשעווסקי. ער שטעלט פאר דעם קלעגליכען וואכעדיגען לעבען פון דעם ארבייטער: מאי איז פריהלינג. די נאטור האט בלומען, פויגעלעך, אבער דער ארבייטער געניסט ניט דערפון; ער האט דערפון געהערט, אבער אין זיין טענעמענט־וואוינונג זעהט ער דאס ניט. ריידענדיג צו די ארבייטער, זאגט ווינטשעווסקי:

„אנהויב מאי באדייט פאר אייך רענט פאר'ן לענדלארד; פריהלינג באדייט פאר אייך די ערגסטע צייט פאר דער אויס־צעהרונג. בלומען זיינען פאר אייך זאכען וואס פארוועלקען ווי די אמאליגע ראזען אויף אייער פרוי'ס באקען. פייגעלעך זיינען פאר אייך טורעמניקעס אין שטייגען, וועלכע זינגען פאר צרות, פיל ייכט, מיט פארצווייפלונגספאלע טרעלען. און איהר באטראכט אייערע קינדערלעך, ווי זיי שלאפען צונויפגע־קאמשקעטעט אין א בעטעל און איהר קלערט, אז זיי טרוימען פיל ייכט וועגען זאכען, וועלכע אויפ'ן וואהר ווילען זיי האבען און קריגען ניט, וועגען זאכען, וואס אויפ'ן וואהר קענען זיי טאן און טארען ניט, און דאן... און דאן זאגט איהר: אט די מיידעלע, א פרישער, א זיסער, ליבער פריהלינג אויף צוויי פיסעלעך, מיט איהרע אויגעלעך, וועלכע שיינען געמאכט צום זעהן, וועלען און האבען, — דיזע מיידעלע, צו וואס וואקסט זי? ווען זי וועט ווערען פון פריהלינג א זומער, וועט זי זיין אין א קיך אדער אין גאס? וועט זי ארבייטען אהן לוסט, אדער בעלוסטיגען אהן ארבייט? וועט זי זיך פארדינגען אדער פארקויפען? און ווען זי וועט ערררייכען איהר יעסיען, וואס פאר פריכטע וועט זי האבען געררייפט? און ווען עס וועט קומען איהר ווינטער? אייך שוידערט ארום דעם צו טראכטען.“

דאן זאגט דער שרייבער, אז אזוי פיהלט דער ארבייטער

טאָג־טעגליך; היינט אָבער, דעם ערשטען מאַי, שטעהט דער ארבייטער אויף מיט א געפיהל, אז דער ערשטער מאַי איז ניט א טאָג ווי אַלע טעג. ס'איז א יום־טוב. „אכט מיליאָן ציל־באַוואוסטע מענער פיהלען מיט איין הארצען, דענקען אַלע מיט איין מוח; דאָס פּראָלעטאריאט פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט מושטירט זיך צום קאמף.“ דער ארטיקעל ווערט געשלאָסען מיט די ווערטער:

„היינט איז דער ערשטער מאַי! דער קאמף איז ניט מעהר וויית, מיר דארפען זיך נאָר באוואפנען, מיר דארפען זיך נאָר מושטירען, מיר דארפען נאָר אָרגאניזיען דעם זיג.“

דער נעקסטער ארטיקעל, וועלכער פארנעמט צוויי זייטלעך, איז דער אָנהויב פון א סעריע ארטיקלען פון יעקב גאָרדין איבער דער געשיכטע פון דער דראמע. דאן קומט אן ארטיקעל: „א פּאָר ווערטער איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“, פון מ. זאמעטקין. דער ארטיקעל פארנעמט א זייטעל און עטליכע שורות געהען אריבער אויף דער נעקסטער זייטעל. דער איבערגעבליבענער פּלאץ אויף יענעם קאָלומעל איז פארנומען מיט וויצען. דאן קומט אן ארטיקעל: „ליטעראטור און די ביהנע“ (וועגען טהאָמאס הארדי'ס ראָמאן „טעסס אָוו דהי דורבערווילס“, ווי ער איז דראמאטיזירט און געשפּילט געוואָרען), געשריבען פון מיר. ריידענדיג וועגען טהאָמאס הארדי'ן און וועגען דער ענגלישער ליטעראטור אין אַלגעמיין, זאָג איך:

„די יעצטיגע ענגלישע ליטעראטור איז פול מיט טאַלענטפולע פּסולת. מענער און פרויען מיט גרויסע פעהיגקייטען, וואָס וואָלטען געקענט טויגען צו עטוואָס רעכטס, לייגען זייערע קרעפטען אוועק אויף באָבע מעשות, אויף פארפּלאָנטערטע אינטריגעס, אויף קינדערשע נארישקייטען. עס זיינען אָבער אין ענגלאנד אויך פאראן ערנסטע בעלעטריסטען, וואָס האָבען רעספּעקט צו זייער טאלאנט; און דער גרעסטער, דער טאלאנטפולסטער פון דיזע איז אָהן צווייפעל טהאָמאס הארדי. רעכענען רעכענט מען איהם אין ענגלאנד און אין אמעריקא פאר א רעאליסט; אין פראנקרייך אָדער אין רוסלאנד וואָלט מען צווישען זיינע רעאליסטישע ביל־דער געפונען א סך, וואָס הויבט ניט אָן צו זיין לעבענס־טריי.

אָבער אומעטום וואָלט מען ענטציקט געוואָרען, און מען ווערט מאַסע ענטציקט פון אַלע זיינע ווערק.“

איך ווייז אָן, אז „טעסס אָוו דהי דוירבערווילס“ איז געווען די ליטעראַרישע סענסאַציע פון 1892 און דאַן זאָג איך אַ פּאָר ווערטער וועגען זיין לעצטען ראָמאַן „דזשוד דהי אָבסקיור“. וועגען איהם זאָג איך:

„אַ ווירקליך בריליאַנטענעס ווערק, וועלכע האָט איבערראַשט די בורזשואַזנע צבועקעס פון ענגלאַנד, ווייל דאָרטען ווערען רעאַליסטיש געשילדערט געוויסע סצענעס צווישען פרויען און מענער.“

איך דערצעהל ווי צוליב דער סענסאַציע האָט מען אין ניו יאָרק געשטעלט זיין „טעסס אָוו דהי דוירבערווילס“ אין אַ טעאַטער, מיט דער באַריהמטער אַמעריקאַנער רעאַליסטישער שוישפּילערין מרס. פיסק אין דער הויפּט־ראָלע. דאַן זאָג איך:

„האַרדי איז פּילייכט דער איינציגער גוטער ראָמאַניסט אין ענגלאַנד (וועגען אַמעריקא ריידען מיר דאָ ניט), אין דיזע צייטען, וואָס בויט זיינע ראָמאַנען דאָס רוב אויף אַ וויכטיגער, יעדענפאַלס אינטערעסאַנטער, אידעע. זיינע ערצעהלונגען זיינען ניט נאָר קינסטלערישע בילדער, זאָנדערען אויך בילדער, אין וועלכע עס איז פאַראַן איבער וואָס זיך צו פאַרטראַכטען.

„דער אינהאַלט פון „טעסס“, וועלכען מיר קענען דאָ, נאַטירליך, איבערגעבען בלויז בקיצור, איז אַ גוטער ביישפּיל.“

דאַן קומט דער אויסצוג, אין וועלכען איך גיב איבער דעם עיקר פון דער טעמא און פון דער האַנדלונג.

צום שלוס פון דיזען אַרטיקעל דערצעהל איך וועגען דעם דייטשען טעאַטער אין אוירווינג טעאַטער, וואו דאַן האָט געשפּילט די באַריהמטע דייטשע שוישפּילערין סאָרמאַ. איך דערצעהל, אַז צו דער פאָרשטעלונג איז געקומען עקס־פּרעזידענט קליוולענד מיט זיין פרוי, און איך ענדיג מיט די ווערטער:

„סאָרמאַ איז די גרעסטע שוישפּילערין, וואָס האָט אין ניו יאָרק געשפּילט דיזען סעזאָן. דער בעסטער טעאַטער אין ניו יאָרק, און דאָס הייסט אין גאַנצען לאַנד, איז דער דייטשער טעאַטער אין אוירווינג פּלייס“ (איצט איז דאָרטען אַ אידישער טעאַטער).

אויף איין זייטעל בלייבט איבער אַ טייל פון אַ סאָלום, און דער פּלאַץ איז אויסגעפילט מיט אַ גערױטענעם אידישען וויץ און מיט אַ גערױטענער געדיכט פון ש. וואָלפזאָן (דאָס איז דער זעלבער א. ל. וואָלפזאָן, וועלכער שרייבט היינט זיינע „לוסטיגע לידער" אין יעדען נומער זונטאָגס־„פאָרווערטס". דאן איז געשטאַנען „ש" אלס דער ערשטער בוכשטאַב פון זיין ערשטען נאָמען ענט־וועדער דורך אַ מיסטייק אין דרוק, אָדער ווייל ער פּלעגט טאַקע אָפט פארשטעלען זיין נאָמען. ער איז דאן געווען אַן אַנאַרכיסט און ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב דער „פאָרווערטס" וועט ווי־סען ווער דער שרייבער איז, וועט ער זיינע געדיכטען ניט וועלען דרוקען). די געדיכט איז אין דעם זעלבען גייסט ווי זיינע איצ־טיגע „לוסטיגע לידער". אָט איז זי:

אני מאמין

אויף אַ קלייגעם ווייסען אייזעל,\
זאָגט מען, וועט משיח קומען;\
פּויקען וועלען שטירמיש קלאַפּען\
און טרומפּייטען וועלען ברומען.\
און ביי מיר איז גאָר קיין צווייפעל,\
אַז טרומפּייטען וועלען ברומען;\
דאָך איך צווייפעל, אויב דורך אייזלען\
וועט — די תּולף — משיח קומען.

דאן פאַנגט זיך אָן אַ סעריע פעליעטאָנען פון דעם „משוגע־נעם פילאָזאָף".

דאָס איז דער גאַנצער נומער.

מיר האָט זיך געוואָלט אריינגעבען לייכטערע זאַכען פון אַלגע־מיינעם אינטערעס, כדי צוצוציהען דעם גרויסען ברייטען עולם איך מיין אַזעלכע זאַכען ווי די וואָס איך האָב דעם לעצטען יאָהר געהאַט אין דער „ארבייטער צייטונג", אונטער דעם נאָמען „דער העסטער־סטריטער רעפּאָרטער", און וועלכע האָבען ווירקליך געהאַט ערפאָלג ביי די מאַסען. מיר זיינען אָבער געווען אַזוי אָרים, אין דעם זונטאָגס־„פאָרווערטס" איז געווען אַזוי ווייניג פּלאַץ, אַז מ'האָט קוים אריינגעשפּאַרט די סעריעזע באַלערענדע זאַכען, וועל־כע האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם עיקר פון אונזער אויפגאַבע. ס'איז בוכשטעבליך ניט געווען וואו זיך אַ קער צו טאָן. כ'האָב

אויך נעהאט אנדערע שטערונגען, פיל וויכטיגערע, גאר וועגען דעם אין דעם ווייטערדיגען באנד.

מיינע „סדרות“ פלעגען ערשיינען אין שבת׳דיגען „פאר־ווערטס“ און מיינע פעליעטאנען „פון א ווארט א קווארט“ מייסטענס מיטוואך. דער טעגליכער „פארווערטס“ האט ביי מיר אוועקגענומען כמעט די גאנצע צייט. דאך האב איך אין דעם זונטאגס־נומער אויך געשריבען — אפט צו צוויי אדער זאגאר דריי זאכען אין א נומער. וועגען ליטעראטור כמעט אין יעדען נומער.

אין די אדווערטייזמענטס פון דיזען נומער געפינען מיר, אז דאנערשטאג דעם 20טען מאי וועט אין ווינדזאר טעאטער, אלס בענעפיט פאר יעקב גארדין׳ען, אויפגעפיהרט ווערען „דער ווילדער קעניג“. א פוירניטשור־סטאר הויבט אן אן אדווערטייזמענט מיט א בריף פון יודזשין וו. דעבס וועגען דער סאציאליסטישער סי־סטעם, פון וועלכען דער אדווערטייזער פשטל׳ט אויס, אז אויב איהר דארפט האבען פוירניטשור, קארפעטס, אויל־קלאטה, דארפט איהר דאס קויפען ביי מ. מאנדעל פון 83 עססעקס סטריט. עס ווערט אנאנסירט רוקח׳ס פאריזער פאטשולי זייף. עס ווערט אויך אדווערטייזט י. ליפשיץ׳ס יוניאן־דרוקעריי, אלעקסאנדער הארקאווי׳ס אויפרוף וועגען זיין אידיש־ענגלישען ווערטער־בוך, פאלעי׳ס פאטאגראף־סטודיא, א קאפע און לאנטש־רום, עטליכע אדוואקאטען און א דאקטאר, מייקעל קאהען, פון בראנזוויל.

אלס אגענט פון „פארווערטס“ אין שיקאגא ווערט אנגעגעבען דזשייקאב ליצקין און זיין אדרעס: 507 סאוט דזשעפערסאן סטריט.

אלס אונזער באסטאנער אגענט ווערט אדווערטייזט דזשיי. פרידלאנד, פון 316 העריסאן עוועניו.

אלס פילאדעלפיער אגענט — א. גאלדבערג, פון 754 סאוטה 3טע סטריט.

צווישען די אדווערטייזטע לאיערס געפינען זיך: ל. ע. מיל־לער, מיט אן אפיס אין 154 הענרי סטריט, מאררים הילקאוויץ, מיט אן אפיס אין 320 בראדוועי און נ. אלעיניקאוו, מיט אן אפיס אין 87 נעסאו סטריט.

אן אינטערעסאנטער אדווערטייזמענט איז דער פאלגענדער:

„אונטערערדישע ליטעראטור, ארויסגעגעבען פון די אידישע סאָציאַליסטען אין רוסלאַנד:

„דער אידישער ארבייטער“ — אָרגאַן פאר די אינ־טערעסען דער אידישען ארבייטער אין רוסלאַנד, הערויסגע־געבען פון דער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין רוסלאַנד“.

„צווייטער און דריטער נומער שוין ערשינען.

„פּרייז פּער קאָפּיע 10 סענט.

„דער שטאָדט מגיד“, אַ פּאָפּולערע בראָשורע, פּרייז 5 סענט.

„אַ רעדע אויף פּורים“, פּרייז 5 סענט.

„צו באַקומען אין אָפיס פון „צוקונפט“, 132 איסט בראָדוועי.“

אין דעם זעלבען נומער איז אדווערטייזט דער נעקסטער נו־מער „צוקונפט“, אויך עטליכע סאָציאַליסטישע בראָשורען פון אב. קאהאַן, פייגענבוים און ווינטשעווסקי, אַלץ צו באַקומען אין אָפיס פון „צוקונפט“.

אין די ווייטערדיגע זונטאָגס־נומערען זעהען מיר אַן אַד־ווערטייזמענט פון אַ פוירניטשור־סטאָר, אויף אַ גאַנצער זייטעל, אַן אדווערטייזמענט פון נעה־מאַשינען און אַ פּאָר אַנדערע ביז־נעס־אדווערטייזמענטס. צווישען די קלענערע אדווערטייזמענטס געפינען זיך די אַנאָנסען פון די דערמאָנטע לאָיערס און פון עטליכע דאָקטוירים, צווישען זיי דר. ס. און אַננאַ אינגערמאַן און דר. הימאָוויטש.

עס געפינט זיך אַן אדווערטייזמענט פון נ. חיימאָוויטש׳עס קלאָדהינג־סטאָר, פון 113 קאַנעל סטריט, און אויך אַן אדווער־טייזמענט פון שמוקלער׳ס קאַפע, אויף 276 גרענד סטריט.

דער איינקונפט פון די אדווערטייזמענטס האָט קיין באַ־דייטונג ניט געהאַט.

עס ווערען אויך אדווערטייזט ראָמאַנען. זיי זיינען גע־גאַנגען אין פאָרטזעצונגען, וועלכע פלעגען ערשיינען אין העפטען — יעדע וואָך אַ העפט. דיזע העפט־ראָמאַנען זיינען מייסטענס

געווען שונד־מעשות. און אין יענע עטליכע יאָהר האָט מען זיי געכאַפּט ווי מצה־וואַסער.

סאַפּירשטיין, וועלכער האָט שפּעטער געגרינדעט דעם „מאָר־גען־זשורנאַל“, האָט אַלס פאַבלישער פון דיזע העפטען געמאַכט אַ פיינעם געשעפט. אייניגע פון דיזע העפט־ראָמאַנען האָבען אָבער געהערט צו דער בעסערער ליטעראַטור. אין דעם „פאָר־ווערטס“ פון דעם 30טען מאַי, 1897, צום ביישפּיל, זעהען מיר אַן אַדווערטייזמענט פון צוויי אַזעלכע העפט־ראָמאַנען, פון דעם פאַבלישער ס. קאַנטראָוויטש, פון 54 לאַדלאָו סטריט — איינער איז „דאָן קיכאָט“, פון סערוואַנטעס, איבערזעצט פון אַלעקסאַנ־דער הארקאַווי, און דער צווייטער איז „אַננאַ קאַרענינאַ“ פון טאָלסטאָי (דער ראָמאַן ווערט ערשט אַנאָנסירט אַלס אַ קומענדע זאַך און דער נאָמען פון דעם איבערזעצער ווערט ניט אָנ־געגעבען).

ניט זעלטען פלעגען די איבערזעצער אָנמאַכען אַ חורבן. זיי פלעגען איבערהיפּען צעהנדליגער פּיידזשעס און דערפאַר אריינ־שטעלען פילע פּיידזשעס מיט זייערע אייגענע שונד־שטאָף. אויף אַלעקסאַנדער הארקאַווי'ס איבערזעצונג געהט דאָס, נאַטירליך, ניט. ער האָט אַלעם געמאַכט טריי און ראיעל.

כ'האָב דערמאָנט, אַז איך פלעג אָפּט שרייבען וועגען ליטע־ראַטור. איין אַרטיקעל (אין פאָרטזעצונגען) פון דעם סאָרט איז געווען אונטער'ן נאָמען: „די נייע אריסטאָקראַטיע“.

דאָס איז געווען אַן אינטערעסאַנטער אויסצוג (מיט מיינע ערקלערונגען) פון אַ נייעם ראָמאַן „אין דער פּראָצעסיאָן“, פון הענרי ב. פולער, פון שיקאַגאָ, איינער פון די נייע אמעריקאַנער רעאַליסטען פון יענע צייטען. כ'האָב פון דאָרט איבערזעצט אַ גרויסע אינטערע־סאַנטע סצענע פונ'ם לעבען פון די אויפגעקומענע אַמעריקאַנער גבירים (דער וואָרט „אַלל־רייטניק“ האָט נאָך דאַן ניט עקזיסטירט).

כ'האָב אויך איבערגעגעבען דעם אינהאַלט פון בעללאַמי'ס נייעם בוך „איקוואַליטי“. עטליכע מאָל האָב איך געשריבען נאָ־טיצען אונטער'ן טיטול „די וואָך“, דעם זעלבען סאָרט נאָטיצען, וועלכע איך האָב אַ געוויסע צייט געדרוקט אַלע זונטאָג אין

„אבענד־בלאט“, אין פארלויף פון די עטליכע מאָנאט, וואָס עס האָט אָנגעהאלטען דער סאָרא־וואסער שלום צווישען די „לאָיאַלע“ און אונזערע אָפּאָזיציאָניסטען.

אין א פּאָר נומערען איז געגאנגען מיינער א פּראָפּאגאנדע־פעליעטאָן, אונטער דעם נאָמען „סאָסיע און באסיע“ — א מעשה׳לע וועגען צוויי אָרימע נייטערקעס. איינע האָט גע־ירשנ׳ט עטליכע דאלאר, האָט זי געקויפט א נעה־מאשין און די אַנדערע איז ביי איהר אָנגעקומען ארבייטען, און זי, די באלע־באָסטע פון דער מאשין, האָט איהר עקספּלואטירט. ס׳איז א משל, דורך וועלכען עס ווערט ארויסגעבראכט דער מארקסיסטי־שער געדאנק וועגען דעם ווי ס׳האָבען זיך אָנגעקליבען די קאפּי־טאליסטען דורך גע׳ירשנ׳טע רויב, און ווי דורך דער מאשינעריי איז דער קאפּיטאליסט אימשטאנד צו בארויבען די ארבייטער. דיזער פעליעטאָן איז אונטערגעשריבען „סאָציוס“.

עטליכע נומערען איז געגאנגען אן איבערזעצונג פון קאָראָ־לענקאָ׳ס ערצעהלונג „יום־כפור“. צוערשט האָט די איבערזעצונג געמאכט ז. קאָרנבליט. ער איז אָבער אוועק פון „פּאָרווערטס“, און די צווייטע העלפט האָב איך געמאכט.

כ׳האָב אויך פּאָפּולאריזירט קארל מארקס׳עס געדאנקען וועגען יוניאָנס, קלאסען־קאמף און רעוואָלוציע, נאָך זיין ביכעל „די עלענד פון פילאָזאָפיע“. דיזע ארטיקלען זיינען אונטערגעשריבען „ד. ב.“ (דוד בערנשטיין).

דזשוליי דעם 4טען געפינט זיך אן ארטיקעל, אונטערגעשרי־בען „ליעסין“. דער ארטיקעל איז וועגען באקונין׳ען, און ער פארנעמט צוויי זייטלעך. עס באווייזען זיך אויך געדיכטע, גע־שריבען פון ליעסין, נאָכדעם ווי ער איז שוין געקומען קיין אמע־ריקא. איין ליד זיינע הייסט „דער לאטוטניק“. אן אנדער געדיכט זיינע, אונטער דעם נאָמען „יום־כפור אין שוהל“, געהט אין צוויי פאָרטזעצונגען — דעם ערשטען אָגוסט און דעם אכטען. צוזאמען פארנעמט די געדיכט דריי און א האלב קאָלומלעך.

אויף מיין איינלאדונג האָט באָריס באָגען, איצט באקאנט אלס דר. באָגען, געשריבען א סעריע ארטיקלען וועגען דעם ווי מ׳האָט ארויסגעטריבען צוואנציג טויזענט אידען פון מאָסקווע.

ער אליין איז געווען א מאָסקווער און האָט בייגעוואוינט די אַלע סצענעס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען מיט א פאָר יאָהר צוריק. כאָטש מאָסקווער אידען זיינען דאן געקומען קיין אמעריקא, מיט זייער מאָסקווער רב צוזאמען. אלזא, האָב איך באַגנען׳ען געבעטען; ער זאָל יענע דורכלעבונגען זיינע באשרייבען פאר׳ן „פאָרווערטס“.

איבערזעצונגען פון רוסישע ערצעהלונגען פלעגט דאן פון צייט צו צייט פאר אונז מאכען ש. רוסיאנאָוו, וועלכער איז עד־היום א טעטיגער מיטגליד פון דער „פאָרווערטס־אסאָסיאיישאן“.

לעאָן קאָברין׳ס נאָמען הויבט זיך אָן צו באוויינזען אין „פאָרווערטס“ דעם אכטען אויגוסט.

פון יעקב גאָרדין׳ס סקיצען געפין איך אין יענע נומערען זונטאָגס־„פאָרווערטס“ א סקיצע מיט׳ן נאָמען „דער אונבאמערק־מער טרער“, א פאנטאזיע מיט׳ן נאָמען „דער נייער מענש“, „דער ערשטער אָנשטוים“ (א סקיצע וועלכע ער רופט „עטיוד“), א סקיצע מיט׳ן נאָמען „פארשטערט“ און „דאָס גליק, אן אלטע און עוויג־נייע פאנטאסטישע געשיכטע“ און אנדערע סקיצען זיינע.

פון ז. לעווין׳ס פעדער געפין איך אין יענע נומערען זונ־טאָגס־„פאָרווערטס“ א פעליעטאָן אונטער׳ן נאָמען „צו מיין פריינד“ (מיט „פריינד“ מיינט ער זיין סיגארעט). א פאָר פון זיינע ערצעהלונגען זיינען ערשינען אין די שבת־נומערען. איין ערצעהלונג זיינע ווענען א פרומער פאמיליע, וואו די טאָכטער דארף געהן שבת צו דער ארבייט און די מוטער וועקט איהר אויף, כלומר׳שט גאר ניט־ווילענדיג, האָט געמאכט א רושם.

א פאָר ארטיקלען אָדער נאָטיצען האָבען א שייכות צו אונ־זער קריטיק וועגען דעליאָן׳ס פאָליסי. צום ביישפּיל: אין די נאָטיצען אין דעם נומער פון 13טען דזשון ווערט איבערגעגעבען ווי קארל קאוטסקי שרייבט וועגען דעליאָן׳ס מעטאָדען; ווי ער קריטיקירט שארף דעליאָן׳ס זידלערייען און זיין געוואוינהייט זיך צוצוטשעפּען צו ווערטער.

פון ל. מילער׳ן געפינט זיך אן ארטיקעל אין עטליכע פאָרט־זעצונגען, אונטער׳ן נאָמען „סאָציאליזם און אוטאָפּיע“. דיזער

ארטיקעל גיט איבער דעם אינהאַלט פון דעם באַריהמטען אָפענעם בריף, וועלכען יודזשין וו. דעבס האָט געשריבען צו די ארבייטער פון דער אייזענבאַן־יוניאָן. דעבס האָט זיי פאָרגעשלאָגען א פּלאַן ווי צו שאַפען א סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין אמעריקא אויפ'ן שטעל — גרינדען א סאָציאַליסטישע קאָלאָניע. מילער רעדט וועגען דעבס'ן מיט פיל רעספעקט, אָבער ער ווייזט אויף ווי טרוימעריש דער פּלאַן איז.

איך האָב געמוזט ארבייטען שווער, וואָרים די צאָל מיט־ארבייטער, וואָס די רעדאַקציע האָט געקענט אָנשטעלען, איז געווען צו קליין. אָבער וועגען דעם האָט מען ניט געקלערט. יעדער פון אונז איז בערייט געווען צו ארבייטען פאר'ן „פאָר־ווערטס“ טאָג און נאַכט.

איך האָב באַקומען איינלאַדונגען פון אמעריקאנער זשור־נאַלען זיי צו־צושיקען ערצעהלונגען, סקיצען, ארטיקלען. איך האָב אָבער אויף דעם קיין צייט ניט געהאַט. מיין נאָמען איז באַקאַנט געוואָרען אין דער אמעריקאנער ליטעראַרישער וועלט, און מיינע אינטערעסען האָבען געפאָדערט אז איך זאָל וואָס עפּעס זיך באַווייזען אין די זשורנאַלען און ארויסברענגען א נייעם ראָמאַן. דער ליטעראַרישער דירעקטאָר פון די אַפּעלטאָנס פלעגט צו מיר אָפט טענה'ן, אז איך דארף „מאַכען היי כל זמן די זון שיינט“ („שמידען דעם אייזען בשעת ער איז הייס“). איך האָב דאָס אָבער ניט געטאָן. איך האָב דעם „פאָרווערטס“ און די „פאָרווערטס“ מיטינגען אָפּגעגעבען מיין גאַנצע צייט און ענערגיע. מיין ארבייט אין דער ענגלישער ליטעראַטור האָב איך אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, ווען דער ערפאָלג פון „פאָרווערטס“ וועט שוין זיין פאַרזיכערט.

.3

מיינונגס־פארשידענהייטען וועגען דער טאַקטיק פון „פאָר־ווערטס“. — דעבאַטען. — א סצענע אין א באָסטאָנער טעאַטער. — „פרייע פּרעסע“. — דער שניידער סטרייק.

אין מיין רעדאַקציאָנס־ארבייט איז אָבער ניט אַלץ נעגאַנגען גלאַט. איך האָב באַגעגענט שטערונגען, און אָפט פלעגען זיי

מיך ארייננברענגען אין פארצייפלונג. דיזע שטימונג פלעגט אָבער איבערגעהן, און איך פלעג ווידער ארבייטען מיט חשק. אזוי איז געווען די ערשטע דריי־פיער וואָכען. די לאגע אין דיזער הינזיכט איז אָבער געוואָרען אלץ ערגער און ערגער.

אין וואָס זיינען באשטאנען די שטערונגען?

איך האָב געהאט א באשטימטען באגריף ווי אזוי דער „פאָרווערטס“ דארף זיך פיהרען, אָבער ניט אלע מיטגלידער פון דעם פרעסס־פארבאנד זיינען מיט מיר געווען איינפאר־שטאנען. עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען אונזער האלטונג צו דער „ארבייטער צייטונג פאָבלישינג אססאָסיאיישאָן“ און איהר „אבענד־בלאט“ *). איך בין געווען איבערצייגט, אז דאָס בעסטע איז זיי ווי ווייט מעגליך צו איגנאָרירען; אויף זייערע אטאקעס צו ענטפערען וואָס ווייניגער און אָפּגעבען אונזער גאנצע קראפט אויף אויפבויען אונזער צייטונג. מ. ווינטשעווסקי, וו. ליעף און אנדערע גענאָסען האָבען געהאט א פארקערטע מיינונג: זיי האָבען געגלויבט, אז מען דארף זיי גראָד „געבען א גאָב“. אויף די מיטינגען פון אונזער פרעסס־פארבאנד זיינען געהאלטען געוואָרען פילע רעדעס וועגען דער פראגע און א היבשע צאָל פון די גענאָסען האָבען אונטערשטיצט ווינטשעווסקי'ס מיינונג.

זיי פלעגען טענה'ן: מיט אזוי פיל מיה האָבען מיר דערגרייכט אונזער צוועק, דערלעבט צו האָבען א „פאָרווערטס“, וואו מען קען אטאקירען דעם דעליאָניזם און די „קליקע“, קומט דער רעדאקטאָר און זאָגט, אז גראָד דאָס וויל ער ניט האָבען.

איך פלעג ענטפערען: יאָ, ענדליך האָבען מיר אונזער אייגענעם אָרגאן; דעריבער קענען מיר אפּאָרדען זיי צו איגנאָרירען. מיר קענען פאר די מאסען ערקלערען, אז מיר זיינען געגען צאנקערייען, שמוץ־ווארפעניש און יוניאָן־ברעכעריי; און געבען א מוסטער פון אזא האלטונג: אויסמיידען שימפעריי און ארבייטען טריי פאר די יוניאָנס. ניט אויף זידלעריי האָבען מיר דעם „פאָרווערטס“ געשאפען, נאָר אום צו האָבען א

*) מיר ווייסען שוין אז די „ארבייטער צייטונג“ האָט שוין דאַן ניט עקזיסטירט. דער אָפיציעלער נאָמען פון דער קערפערשאַפט וואָס האָט ארויסגעגעבען דעם „אבענד בלאט“ איז אָבער געבליבען דער זעלבער.

סאָציאַליסטישע צייטונג, וואָס זאָל ווערען קאָנטראָלירט פון דער באַוועגונג און ניט פון אַ קליקע, און וואָס זאָל יוניאָנס אויפבויען, ניט זיי צושטערען.

איינער פון מיינע הויפּט ארגומענטע׳ איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען:

די אורזאַכען, פאַרוואָס מיר האָבען זיך אָפּגעטיילט, האָבען מיר שוין דעם עולם גענוג ערקלערט; און אויב פון צייט צו צייט וועט זיך דאָס ווידער פאָדערען, וועלען מיר דאָס ווידער טאָן, אָבער גלאַסען, מיט ווירדע, אָהן שימפעריי. לאָמיר ארויסגעבען אַ גוטע פּאָפּולערע צייטונג, אַן אינהאַלטס־רייכע, אַן אינטערעסאַנטע; עס זאָל זיין וואָס צו לעזען און מען זאָל וועלען לעזען. דאָס, און ניט אַטאַקעס און שימפּעריייען, איז דער וועג צו ערפאָלג. דער עולם האָט טאַקע ליב אַ פּאַיט; ווען צוויי שלאָגען זיך, שטעלען זיך פאַרבייגעהער אָפּ קוקען. אָבער קיין סאָלידער פונדאַמענט פון פּאָפּולאַריטעט איז דאָס ניט. פּאַיטס ווערען מיאוס. קיין רעספּעקט פאַר־שאַפען זיי אַ צייטונג ניט. גיפט־גיסעריי און שמוץ־וואַרפעריי זיינען דעליאָן׳ס מעטאָדען, און ער וועט זיך לאַנג ניט האַלטען. די וואָס בענקען נאָך שאַרפע אַטאַקעס און אָפּטע אַטאַקעס, זיינען אין הארצען דעליאָניסטען, און דער „פאָרווערטס“ איז געגרינדעט געוואָרען אַלס אַ געוועהר ג ע ג ע ן דעם דעליאָניזם.

אויב מיר וועלען האָבען אַ בעסערע צייטונג ווי דער „אַבענד־בלאַט“, וועלען מיר געווינען, אויב ניט — ניט. פאַר צוויי סאָציאַליסטישע צייטונגען איז קיין פּלאַץ ניטאָ. אויב מיר וועלען האָבען ערפאָלג, וועט דער „אַבענד־בלאַט“ ממילא פאַרשווינדען.

דיזען שטאַנדפּונקט פלעג איך ערקלעהרען אויף יעדען מיטינג. איך פלעג פּרואווען באַווייזען די מאַכט פון שווייגען, פון ניט ענטפערען. אָבער די, וואָס זיינען געווען איינפאַרשטאַנען מיט ווינטשעווסקי׳ן, האָבען זיך ווייניג אינטערעסירט מיט אַזעלכע ארגומענטען.

אַלס אַ צווייטען ארגומענט געגען ווינטשעווסקי׳ס און ליעף׳ס פאָדערונג פלעג איך ערקלערען, אַז דער ברייטער עולם

פארשטעהט די „אבענד־בלאט“ אטאקעס סיי־ווי־סיי ניט. און אז אונזערע גענען־אטאקעס וועט ער אויך ניט פארשטעהן. אונזער סאציאליסטישע וועלטעל איז א קליינינקע — פלעג איך זאגען — דעריבער קענען די אורזאכען פון אונזער פארטיי־צאנקעריי אינטערעסירען נאר א קליינע צאל מענשען. די גרויסע אידישע מאסען ווייסען אפילו ניט, אז עס איז פאראן א דעליאן אויף דער וועלט. מיט אונזערע זידלערייען געגען איהם און געגען דער „קליקע“ וועלען מיר אלזא ניט ערוועקען דעם אינטערעס וואס א סטריט־פאיט רופט ארויס. מיר וועלען פארנעמען פלאץ מיט אונפארשטענדליכע לעזע־שטאף, און אונ־פארשטענדליכע לעזע־שטאף טרייבט אפ לעזער (ביי מיר איז דיזער פונקט געווען איינער פון די וויכטיגסטע. אבער איהם האבען די געגנאסען באנומען אמוויינינסטענס. אין דעם לינט אייגענטליך איינע פון די הויפט פראגען ווי אזוי מען דארף ארויסגעבען א אידישע צייטונג. פילע שרייבען אויף אזא שטיינער, אז נאר א קליינע צאל לעזער קענען זיי פאר־שטעהן. זיי שרייבען פאר א קלייזעל, און מעהר ווי דיזע קלייזעל אינטערעסירט זיי ניט).

איך וועל דא ברענגען א סצענע, וועלכע וועט דעם לעזער וויזען ווי ווייט מיינע באגריפען זיינען געווען פארשידען פון די באגריפען וואס ווינטשעווסקי און זיינע אנהענגער האבען געהאט. די סצענע איז פארגעקומען מיט א געוויסער צייט פריהער, אויף א גרויסער פארזאמלונג מיט רעדעס, סטערעאפ־טישע בילדער און א קאנצערט אין קאלאמביא טעאטער אין באסטאן, אויף וואשינגטאן סטריט, קארנער קעסעל סטריט. אין דעם קאנצערט האט זיך באטייליגט מאדאם קאליש, וועלכע איז נאך דאן אויף דער ענגלישער ביהנע ניט געוועזן. די סטערעאפטישע בילדער זיינען געווען פארבונדען מיט מיינער א לעקטשור, און מאררים ווינטשעווסקי איז געווען איינער פון די רעדנער. דער טשערמאן איז געווען היימאן קינג. אין א יצוויסען מאמענט האב איך זיך געפונען אויף דער העכסטער גאלעריע פון דעם טעאטער. איך האב דארטען געדארפט צורעכט מאכען די בילדער, ווארים דארטען איז געשטאנען דער סטערעאפטיקאן,

און איך האָב דעם אפּערייטאָר געדאַרפט איבערגעבען די גלעזלעך, אַז ער זאָל זיי אַריינשטעלען אין דער ריכטיגער אָרדנונג. איך בין געזעסען און סאָרטירט די גלעזלעך, ווען איך האָב דערהערט אַ ליאַרם. איך קוק אַרונטער: איך זעה ווינטשעווסקי פּרופטריידען און דער עולם לאָזט איהם ניט. איך הער זיך צו: ער רעדט וועגען דעליאָנ'ען און ער דערמאָנט אַלעקסאַנדער יאָנאַס'ן. דער עולם וויל אָבער ניט הערען. עס איז אַ הוזשעריי, אַ געלעכטער, אַ טומעל.

דער טעאַטער איז געווען פול מיט מענשען, וועלכע זיינען געווען אַבסאָלוט אונבאַקאַנט מיט אונזער פּאַרטיי־קאַמף. זיי האָבען ניט געוואוסט ווער דעליאָן און יאָנאַס זיינען. און, ווען ווינטשעווסקי האָט גערעדט, האָבען זיינע צוהערער ניט געקענט פאַרשטעהן וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. זיי זיינען געוואָרען אונגעדולדיג. פון דעם האָט זיך דאָס אָנגעפאַנגען די אונאָרדנונג. מען האָט ווינטשעווסקי'ן ניט געלאָזען ריידען. דערנאָך, ווען עס איז געהאַלטען געוואָרען אַ רעדע, וועלכע דער עולם האָט יאָ פאַרשטאַנען און וועלכע האָט איהם אינטערעסירט, האָט די אונאָרדנונג אויפגעהערט. און די אונטערנעהמונג איז געווען אַן ערפאָלג אין יעדער הינזיכט.

ווינטשעווסקי און זיינע אַנהענגער אין באַצוג צו דער דערמאָנטער פראַגע האָבען געפאָדערט, אַז איך זאָל וועניגסטענס לאָזען אַנדערע שרייבען אַטאַקע־אַרטיקלען נעגען די „אַבענד־בלאַטיסטען". איך האָב דאָס אָבער ערלויבט נאָר אין דער אַפּטיילונג „די פאָלקס־טריבונע", אַלס בריף צו דער רעדאַקציע, אָבער ניט אין די לייט־אַרטיקלען.

פילע גענאָסען זיינען געווען איינפאַרשטאַנען מיט מיר, אָבער ניט אַלע. די אונצופרידענע האָבען נעזאָגט, אַז איך בין „קאַפּריזנע", אַז איך וויל הערשען ווי אַ קיסר — די זעלבע טענה, וואָס מען האָט געגען מיר געהערט פון דער „קליקע". אין אמת'ן האָט דאָס אָבער געהייסען, אַז איך האָב אַ פעסטע איבערצייגונג וועגען דער טאַקטיק וואָס דער „פאָרווערטס" דאַרף פּראַקטיצירען. איך האָב ניט נאָכגעגעבען.

ניט ווענען א הויפע מיינונגס־פארשידענהייט האט זיך געהאנדעלט צווישען ווינטשעווסקי'ן און מיר. עס איז געווען נאך עפעס. אויסערליך זיינען מיר געווען אין גוטע באציהונגען, אָבער ניט אין הארצען. אין קיין פערזענליכע איינצעלהייטען וועל איך זיך דא ניט ארייגלאָזען. איך וועל זיך באשרענקען אויף די פאָלגענדע באמערקונגען:

ווינטשעווסקי'ס ארגומענטען האב איך (און ניט נאר איך) איבערהויפט ערנסט ניט גענומען.

ער האט, צום ביישפיל, געמאכט א גאנצען וועזען פון דעם פרינציפּ „פרייע פרעסע". דאס האט ביי איהם געהייסען, אז יעדער זאל אין „פארווערטס" זיין פריי אויסצודריקען זיינע מיינונגען. דיזער פרינציפּ איז ביי איהם געווען טייערער פון אלין, פלעגט ער זאגען. איך, ווידער, האב געגלויבט, אז דאס זיינען שעהן־קלינגענדיגע ווערטער, וועלכע האבען ניט קיין פראקטישע ממשות. איך פלעג ערקלעהרען דאס, וואס איך פלעג ערקלעהרען די אנארכיסטען פאר דער גרינדונג פון דער „ארבייטער צייטונג": מיט „פרייע פרעסע" מיינט מען, אז יעדער מענש, גרופּע אדער פּארטיי זאל האבען דאס רעכט ארויסצוגעבען א צייטונג לויט זיינע אי־בערצייגונגען. דאס הייסט אבער ניט, אז יעדע צייטונג מוז זיין פריי פאר יעדען צו שרייבען אין איהר ווי ער וויל און ווענען וואס ער וויל. מען מאכט אין א צייטונג אביסעל פלאץ פאר בריף צו דער רעדאקציע, וועלכע ווערען געדרוקט אין „שטימען פון פאָלק" אדער אין א „פאָלקס־טריבונע". דאס איז אלין. ווייטער אבער איז זי אָפּגעגעבען צו פערדיגען די אידעען און דורכצופיהרען די פּאליסי פון איהר פּארטיי, און פון קיין אנדערע. אויב א געגנער וויל האבען פלאץ פאר זיינע אידעען און מיט א „שטימע פון פאָלק" קען ער זיך ניט צופרידענ־שטעלען, איז ער פריי צו גרינדען אן אייגענע צייטונג. אט דאס מיינט מען מיט „פרייע פרעסע" אויף דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט. די סאָציאליסטישע וועלט אריינגערעכענט. יעדע סאָציא־ליסטישע צייטונג דינט נאר איהרע אידעען, נאר איהר

ריכטונג, נאָר א י ה ר פּאַרטיי. אויך יענע פּאַרטיי איז פריי צו האָבען אזא צייטונג, הייסט עס „פרייע פּרעסע".

ווען ווינטשעווסקי איז אַרויסגעטראָטען מיט זיינע אַרטיקלען אין „אמת", האָבען פילע גענומען זיך געפרעגט; וואָס וויל ער? וואָס טשעפּעט ער זיך? וואָס האָט ער דאָ אין זינען? אזוי האָבען גערעדט ניט נאָר „לאַיאַלע", נאָר פילע פון אונזערע אויך. אָן ענליכען געפיהל האָט אַרויסגערופען זיין איצטיגע אגיטאַציע פאר דעם „פרייע פּרעסע פּרינציפּ" אין „פאָרווערטס".

לואי מיללער האָט זיך אין דיזע דעבאַטען גאָר ניט באטייליגט. מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלען, אז אין דער פראגע וועגען אטאקירען דעם „אָבענד־בלאַט" איז ער פריי זיך אין הארצען איינפארשטאנען מיט ווינטשעווסקי'ן; וואָרום פון דער נאטור האָט מיללער ליב געהאַט אָנצוגרייפען א געגנער מיט די שארפסטע ווערטער, צו מאַכען אויף איהם די גרעסטע באשולדיגונגען. אין דיזען פאַל אָבער האָט ער זיך אויף אונזערע מיטינגען ווייניג אויסגעשפּראָכען. מען האָט דאָס ערקלערט מיט זיין באציהונג צו מיר. מיר זיינען געווען נאָהענטע פריינד און ער האָט מיר ניט געוואָלט שטערען.

אָבער ווינטשעווסקי און ליעף האָבען ניט אויפגעהערט, און זיי האָבען געהאַט אָנהענגער.

דער אמת איז, אז קיין איינהייט איז צווישען די „פאָרווערטסיסטען" דאַן ניט געווען. אין די ערשטע צוויי און א האלב יאָהר פון דער „אַרבייטער צייטונג" האָט אין דער „פּאַבלישינג אססאָסיאיישאָן" עקזיסטירט א וואַרימע פריינד־שאַפט צווישען די גענאָסען. מיר האָבען אלע געהאַט דיזעלבע מיינונגען און אונזער באגייסטערונג פאר דער זאַך האָט זיך אַרויסגעוויזען אין אונזערע געפיהלען צום אנדערען. אין דעם „פאָרווערטס פּרעסס־פאַראיין" וואָס אזא גייסט אויך עקזיסטירט, אָבער נאָר אין דעם [illegible]. וועגען די פיהרער האָט מען דאָס ניט געקענט זאָגען.

די אָפּטרוילינקייט פון די אַרבייטער און אַרבייטערינען צווישען די מעמבערס איז געווען גרויס; זיי וואָלטען אוועק־

געגעבען זייערע לעצטע סענטען פאר דער צייטונג. אָבער צווישען די אָנגעזעהענע, איינפלוסרייכע מיטגלידער איז קיין איינינקייט ניט געווען.

דער סכסוך וועגען דער טאַקטיק פון „פאָרווערטס“ אין באצוג צו דעליאַנ'ען, דעם „אבענד־בלאט“ און די „לאָיאלע“ איז ניט געווען נאָר א טעאָרעטישער; דאָס איז געווען א פּראַקטישע פראגע, וועלכע האָט אָנגעריהרט דעם סאמע פונדאַמענט פון מיין רעדאַקציאָנעלע ארבייט. און דיזער פּראַקטישער ענין איז געווען דורכגעוועבט מיט פּערזענליכע פעדים. מיט יעדען טאָג איז מיר דייטליכער געוואָרען, אז אַלס רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“ וועל איך מיין פליכט ניט קענען ערפילען. ווען די צייטונג איז אַלט געווען א מאָנאַט, איז דער אַמט מיר שוין געוואָרען צו־לאַסט. עס האָט מיך געצווינגען צו רעזיגנירען. רעזיגנירען איז אָבער געווען אונ־מעגליך. עס וואָלט געווען א הילף פאר אונזערע געגנער. איך האָב אין דער צייטונג אַלזאָ געארבייט, אָבער געגען מיין ווילען. איך האָב געוואַרט אויף א גינסטיגער צייט, ווען איך וועל קענען אוועקגעהן.

איך האָב אויבען געזאָגט, אז ארבייטענדיג אין מיין שמאָ־לינקען רעדאקציאנס־צימערעל פלעג איך פיהלען דעם ריח פון פרישע ברעטער. די ערשטע פּאָר וואכען איז דאָס פאר מיר געווען אַן אנגענעמער ריח. דערנאָך אָבער איז ער צוזאמענ־געמישט געווארען מיט דעם טעם פון א שווערען געמיט.

עס האָט אויסגעבראָכען א גרויסער סטרייק פון די מענער שניידער (בראָדערהוד אָוו טיילאָרס). איך בין געווען דער ערשטער זיי צו אָרגאַניזירען (אין יאהר 1884) און זינט דאן פלעגען זיי זיך צו מיר ווענדען ווי צו אַן אייגענעם מענשען. א חוץ דעם: זייער יוניאָן איז געווען איינע פון די, וואָס האָבען געגרינדעט דעם „פאָרווערטס“, און ער איז איצט געווען זייער קאמף־אָרגאַן. אוועקגעהן פון זיי אין מיטען פון זייער איצטיגען סטרייק איז פאר מיר דעריבער געווען אונמעגליך.

4.

דע-ליאָן וויל אויסשליסען ניין „פאָרווערטסיסטען" פון דער פארטיי. — ער פאַלט דורך און אונטער דעם נאָמען „רעאָר־גאַניזאציאָן", שליסט ער אוים דריי הונדערט.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פארטיי איז ביי אונז געווען דאָס וואָס ביי א רעליגיעזען מענשען איז זיין רעליגיע. „ווען מען איז אין כעס אויפ'ן חזן, דארף מען דען קיין אָמן ניט זאָגען ?" מען קען פיינט האָבען ניט נאָר דעם חזן, נאָר אפילו דעם רב פון שטעדטעל, הייסט דאָס נאָך אַלץ ניט, אז מען איז אוים איד. אויף אזא שטייגער האָבען מיר זיך געפיהלט אין בעצוג צו דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פארטיי. מיר זיינען געווען ערביטערט געגען דעליאָנ'ען מיט זיין יוניאָן־ברעכערישען „טרייד ענד לייבאָר עלליענס", מיט זיין „מאשין". מיט זיינע אינטריגעם; אָבער די פארטיי איז געווען אונזער פארטיי. מיר האָבען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען אָהן איהר, פונקט ווי א פרומער איד קען זיך ניט פאָרשטעלען אָהן א שול.

אזא געפיהל האָבען געהאט אַלע אידישע סאָציאַליסטען און אפילו מענשען, וואָס האָבען נאָר פון ווייטען סימפאטיזירט מיט דער סאָציאַליסטישער באוועגונג. ווען די פיהרער פון „פאָרווערטס" וואָלטען געבליבען אָפּגעשניטען פון דער סאָציאַ־ליסטישער ארבייטער פארטיי, וואָלט דער „פאָרווערטס" באַ־טראַכט געוואָרען ווי א קהלה אָהן א שוהל. אזוי איז דאַן געווען דער אַלגעמיינער באַגריף.

עס איז געווען צו ערוואַרטען, אז פריהער אָדער שפּעטער וועט דעליאָן אָנהויבען צו פּלאַנעווען אונז אינגאַנצן פון דער פארטיי אויסצושליסען. און אזוי איז טאקע געווען. ער האָט ניין פון אונז, די טעטיגסטע „פאָרווערטיסטען" און פיהרער פון דער אָפּאָזיציאָן, אָנגעקלאָגט אין „פעררעט". א קאָמיטע, וואָס איז אָפּאינטעד געוואָרען אויסצוהערען די קלאגע (גריוועַנס קאָמיטע) האָט אונז געפונען „שולדיג" און אריינגעבראַכט א רעקאָמענדיישאָן, אז מיר זאָלען אויסגעשלאָסען

ווערען פון דער פארטיי. אָבער וועגען דער רעקאָמענדיישאָן האָבען באדארפט שטימען די מיטגלידער פון גאנץ גרייטער ניו יאָרק. אזוי האָט געפאָדערט די קאָנסטיטוציע פון דער פארטיי. דעליאָן וואָלט דער גריוועננס קאָמיטע געקענט הייסען אונז אויסשליסען אָהן צערעמאָניעס און מיט עפּעס א פּשט׳ל ערקלערען אז דאָס איז כשר. אָבער אזוי ווייט געהן האָט ער נאָך אין יענעם מאָמענט ניט געוואגט. צו אזא שטייגער איז ער דערגאנגען אין א קורצער צייט ארום; אָבער אין דער צייט, וועגען וועלכער מיר ריידען דאָ — נאָך ניט.

ווען מען האָט די רעקאָמענדיישאָן איבערגעגעבען צו אלע פּארטיי־סעקציאָנען פון גרייטער ניו יאָרק אויף א רעפערענדום, האָבען זיי איהר ניעדערגעשטימט.

מאקס פּיין, וועלכער איז געווען איינער פון די ניין, דערצעהלט וועגען דעם פארהער ביי דער „גריוועננס קאָמיטע“ דאָס פאָלגענדע:

„דער גאנצער טרייעל איז געווען א לעכערליכער. מען האָט אונז פון יוצא וועגען איינגעלאדען און מיט דער פאָרמא־ליטעט פון א רוסישען געריכט האָט מען דעם ערשטען גענומען אויפ׳ן קרייץ־פארהער קאהאנ׳ען.

„ — ווי רופט מען אייך — האָט געפרעגט וואָלדרינגער, דער טשערמאן, אן אלטער אמעריקאנער דייטש, דעליאָנ׳ס אן אונטערשטופּער.

„דאָס האָט אונז אלעמען ארויסגעבראכט פון געדולד, און אב. קאהאן האָט איהם געענטפערט, אז דאָס איז ניט זיין ביזנעס.

„איך ברענג דאָ דיזען פאקט, כדי צו כאראקטעריזירען ווי אזוי מען האָט אונז, די אָנגעקלאָגטע, באהאנדעלט. מען האָט געפרעגט אב. קאהאנ׳ען ווי ער הייסט! קאהאן איז דאן געווען זעהר פּאָפּולער צווישען די ניט־אידישע גענאָסען, ווייל ער איז געווען איינער פון די בעסטע ענגלישע רעדנער צווישען די ווייניגע וואָס די פּארטיי האָט פארמאָגט“.

צו דעם וויל איך צולייגען, אז ביז א קורצער צייט פריהער

איז וואלדינגגער געווען איינער פון מיינע ווארימסטע אנהעננגער אין דער אמעריקאנער באוועגונג; און ווי דער לעזער געדענקט, איז ער מיט מיר און לוסיען סעניעל'ען געפאָהרען אויף דער פיטסבורגער קאָנפערענץ אין 1892. מיר פלעגען אָפט זיין צוזאמען אויף אנדערע קאָנפערענצען אָדער מיטינגען. אלס מיטגליד פון דער „גריווענס קאָמיטע" אָבער האָט ער געהאַנדעלט מיט א קאלטען אָפיציעלען טאָן, אזוי ווי ער קען מיך גאָר ניט. די גאנצע צערעמאָניע איז געווען אי לעכערליך, אי סקאנדאליעז.

ווען דעליאָן האָט געהאָט זיין נידערלאַגע ביי דעם רעפער־רענדום, האָט ער זיך גענומען צו א „טריק".

די פאָלגענדע שורות זיינען ווידער פון פיין'ס עראינער־רונגען:

„ער האָט געאָרדערט א ספּעשעל מיטינג פון אלע פארטיי־מעמבערס אויף דעם 26טען דזשולי, ווען אלע „פאָרווערטיסטען", מיטגלידער פון דער פארטיי, זיינען געווען אויפ'ן ערשטען עקסקורשאָן פון „פאָרווערטס", און קיינער האָט ניט געקענט קומען צום מיטינג. דאָרטען האָט ער געמאכט א פאָרשלאָג, אז מען זאָל אויסשליסען אלע דיסטריקטען פון דאָון־טאָון (דאָס הייסט פון דעם אידישען געגענד) און אנדערע, וואו די אָפּאָזיציע האָט געהאָט די מאַיאָריטעט. זיינען מיר געבליבען אָהן א פארטיי. דאָס איז געווען א געפעהרליכער מאָראלישער קלאַפּ פאר אונז. די סאָציאליסטישע ארבייטער פארטיי איז געווען אזעלכעס, וואָס מיר האָבען כמעט אלע פארהייליגט. זי איז געווען די טרעגערין פון דעם סאָציאליסטישען געדאנק אין אמעריקא. יעצט האָט מען אונז פון דאָרטען ארויסגעוואָרפען. אמת, די טאקטיק פון דער פארטיי איז געווען א פארניכטענדע; ריכטיג איז אז זי האָט פון זיך פארטריבען די אמעריקאנער ארבייטער, און איהרע פיהרער זיינען געווען טיראנען. זי איז אָבער דאָך געווען די איינציגע ארבייטער פארטיי. מיר האָבען געפיהלט אזוי ווי מען האָט אונז פאראורטיילט צו א מאָראַ־לישער תליה"...

צו פיין'ס ערצעהלונג וויל איך דאָ צוגעבען די פאָלגענדע

איינצעלהייט: אָפיציעל האָט מען אונז נ י ט אויסגעשלאָסען. דער דזשאב איז „געמאכט“ געוואָרען מיט נאָך א „טריק“. ווען דעליאָן וואָלט פאָרגעשלאָגען אז מען זאָל אונז אויסשליסען, וואָלט ער געהאט די זעלבע נידערלאגע ווי ביי דעם רעפערענדום. ער האָט דאָס אָבער גאָר ניט געפאָדערט. ער האָט כלומרשט געמאכט א גאנץ אנדער פאָרשלאג, נעמליך, אז מען זאָל „רעאָרגאניזירען“ די דיסטריקטען, וועלכע זיינען ניט „לאָיאל“. דאָס הייסט, אז ער מיינט כלומרשט צו כשר'ן זיי, מאכען זייערע מעמבערס פאר בעסערע סאָציאליסטען. ער האָט ערקלערט גע־וויסע איינצעלהייטען פון זיין פלאן, און פאר פילע נאאיווע מיטגלידער פון דער פארטיי האָט דער פאָרשלאג געקלונגען גאנץ אונשולדיג. אלזאָ, האָבען זיי איהם אָנגענומען. דאָס איבעריגע האָט שוין דעליאָן געטאָן אליין.

אונטער דעם אונשולדיגען נאָמען „רעאָרגאניזירען“, האָט מען געטאָן אזוי: ווען אן אָפּאָזיציאָניסט איז געקומען צו א מיטינג פון זיין ברענטש פון דער פארטיי, האָט מען ביי איהם צוגענומען זיין מיטגליד־קארד און מען האָט איהם קיין נייע ניט געגעבען. דער סעקרעטער פון יעדען ברענטש איז געזעסען ביי א טישעל ניט אינוויינינג אין דעם מיטינג זאל, נאָר פון דרויסען, ביים טיר. ווען דער אָפּאָזיציאָניסט איז צוגעקומען, האָט מען ביי איהם געפאָדערט זיין מיטגליד־קארד. ער האָט געמיינט, אז מען וועט איהם געבען א נייע. אָבער קיין נייע האָט ער ניט באקומען. אָפיציעל האָט מען איהם גאָרניט אויסגעשלאָסען. מען האָט איהם ארויסגעטריבען „ניט אָפיציעל“.

אָט דאָס האָט געהייסען „רעאָרגאניזירען“ דעם ברענטש. אויף שפאס פלעגען מיר זיך רופען „די רעאָרגאניזירטע“. און דער וואָרט איז אזוי אריין אין געברויך, אז אָנשטאָט צו זאָגען „מען דארף איהם ארויסטרייבען“, צום ביישפיל, פלעגט מען ביי אונז זאָגען: מען דארף איהם „רעאָרגאניזירען“.

עס איז נעגאנגען ווי געשמירט. מען האָט אויסגעשלאָסען ניט בלויז יענע ניין, נאָר אלע אָפּאָזיציאָניסטען, — יעדען וואָס איז געוועזען א מיטגליעד פון א פרעסס־קלוב אָדער סתם א פריינד פון „פאָרווערטס“. אזוי ווי דער פארטיי רעפערענדום

האָט דעליאָנ'ען ניט ערלויבט אויסצושליסען זיין מיטגלידער, האָט ער דורך א טריק אויסגעשלאָסען ביי דריי הונדערט מיטגלידער.

5.

יודזשין וו. דעבס ווערט א סאָציאַליסט. — זיין „סאָשעל דעמאָקראַסי". — הורוויטש. — מיר ווערען מיטגלידער פון דער „סאָשעל דעמאָקראַסי".

דאָן איז ביי אונז פאָרגעקומען א פראגע, וואָס ווייטער צו טאָן. אייניגע זיינען געווען דאפיר, אז מען זאָל אָנפיהרען א קרעפטיגען קאמף געגען דעליאָנ'ען מיט זיין מאשין און אפעלירען צו דער נאציאָנאלער עקזעקוטיוו פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי. אנדערע געגנאָסען האָבען אָבער ערקלערט, אז ערשטענס, וועט פון דעם גאָרניט ארויסקומען, וויי͏ל דעליאָן האַלט די נאציאָנאַלע עקזעקוטיוו אין זיין פאקעט, און צווייטענס, אז מען קען שוין אויסקומען אָהן דער סאָציאַליסטישער פארטיי, וואָרום יענער צייט האָט זיך גראָד געגרינדעט אַן אנדער סאָציאַליסטישע פארטיי, די סאָציאל־דעמאָקראַטי פון אמעריקא (סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אמעריקא) מיט יודזשין וו. דעבס אלס הויפט פיהרער.

דעבס איז אין דיזען באַנד דערמאָנט געווען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם גרויסען פולמאַן סטרייק אין דער צייט פון פּרעזידענט קליוולענד. דאָן איז ער נאָך קיין סאָציאַליסט ניט געווען. ער איז דאָס אָבער באַלד געוואָרען. אין דער דזשאָליעט פּריזאָן, ניט ווייט פון שיקאגאָ, וואו מען האָט איהם אריינגעזעצט, האָט ער דורכגעלייענט עטליכע סאָציאַליסטישע בראָשורען און איז באַקאַנט געוואָרען מיט אונזער אידעע.

ער איז פון פּריזאָן ארויסגעקומען א באַגייסטערטער סאָציאַליסט און מיט זיין מענשען־ליבענדער נאַטור און מיט זיין

רעדנער־קראפט און איינפלוס איז ער געווען א גרויסער געווינס פאר דער סאָציאַליסטישער באוועגונג. אין דעליאָנ'ס סאָציאַליסטי־שער ארבייטער פארטיי האָט ער אָבער ניט געוואלט אריינקומען. ערשטענס, איז ער געווען מיט דער גאנצער נשמה איבערגעבען די אמעריקאנער יוניאָנס, און דעליאָנ'ס יוניאָן־ברעכערישער „טרייד ענד לייבאָר עלליינס" האָט קיין אנדער געפיהל ווי צאָרן אין איהם ניט געקענט ארויסרופען; צווייטענס, איז ער סתם געווען א צו ווארים־הערציגער און אויפריכטיגער מענש, אז דעליאָנ'ס מעטאָדען זאָלען איהם קענען צוציהען. מיט זיין כאראקטער איז ער געווען פונקט דער היפך פון דעליאָנ'ען. דער דעליאָניזם האָט איהם געעקעלט. אלזא, האָט ער און א גרופע פון זיינע אָנהענגער געגרינדעט א באזונדערע סאָציאַליס־טישע אָרגאניזאציע — די „סאָשעל דעמאָקראסי".

פונקט אין דער צייט, ווען מיר זיינען געעבליבען אָהן א שוהל, האָט זיך געגרינדעט א נייע שוהל, און נאָך מיט אזא פיינעם חזן!

אין דעם „פאָרווערטס" פון דעם עלפטען דזשולי, 1897, געפינט זיך אַן ארטיקעל מיט'ן נאָמען „די סאָציאַל־דעמאָקראטי". אונטער דיזען קעפּעל שטעהען די ווערטער: „איהרע פרינציפּען, ערקלעהרונגען און פאָרלויפיגע פאָדערונגען". און אונטער דעם, מיט קלענערע ווערטער, שטעהט: „אָנגענומען ביי דער ספּעציאל קאָנ־ווענציאָן, וועלכע וואר אָפּגעהאלטען אונטער די לייטונג פון די אמעריקען רעילוועי יוניאָן, אם 15טען, 16טען, 17טען, 19טען און 21טען דזשון, 1897.

דאָן קומען די פּרינציפּען־ערקלעהרונגען.

דאָס איז א וויכטיגע היסטאָרישע פּאסירונג אין דער געשיכטע פון אונזער באוועגונג. דאָס איז געווען די גרינדונג פון דעבס'עס „סאָשעל דעמאָקראסי", פון וועלכער עס איז דערנאָך ארויסגעוואק־סען אונזער היינטיגע סאָציאַליסטישע פארטיי.

מיר האָבען אויבען שוין דערמאָנט דעבס'עס פּלאן וועגען גרינדען א סאָציאַליסטישע קאָלאָניע, און די קריטיק וואָס מיללער האָט געשריבען אויף דעם. אז סאָציאַליסטען גלויבען ניט, דאָס דער סאָציאַליזם קען געמאכט ווערען אין דער פאָרם פון א סעמפּעל —

דאָס האָב איך שוין אויספיהרליך ערקלעהרט ביי צוויי געלעגענ־
הייטען אין צווייטען באַנד (פיידזש 86—87 און 305). און דעבס'
פלאַן איז אייגענטליך געווען דער זעלבער ווי די פלענער פון די
קאָמוניסטישע טרוימער, וועגען וועלכע איך רייד דאָרטען.

פאַר אונז איז די גרינדונג פון דעבס'עס אָרגאַניזאַציע געווען
אַן אונבאַשרייבליך פרעהליכע נייעס. זיין פּראָגראַם האָט אונז ניט
געקענט צופרידענשטעלען; מיר האָבען אָבער פון איהם ערוואַרטעט
אַ שנעלע ענטוויקלונג אין אונזער ריכטונג און מיר האָבען אין דעם
געזעהן דעם אָנהויב פון אַ פאָלשטענדיגער סאָציאַליסטישער פּאַר־
טיי, וועלכע וועט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער „סאָציאַליסטישער
אַרבייטער פּאַרטיי".

ווי יעדער הייסער אידעאַליסט, וואָס איז אָקאָרשט באַקערט
געוואָרען צום סאָציאַליזם, האָט דעבס דאַן געהאַט געוויסע
טרוימערישע און זאָגאַר גאַנץ נאַאיווע באַגריפען וועגען דער
באַוועגונג. אַזוי ווי ער אַליין האָט אַ גילדערנע נאַטור, האָט
ער געמיינט, אַז כמעט יעדען קאַפּיטאַליסט וואָלט מען געקענט
מאַכען פאַר אַ סאָציאַליסט און אויף דיזען אַרט ברענגען דעם
סאָציאַליזם אויף דער וועלט. מען דאַרף נאָר האָבען אַ גע־
לעגענהייט צוצוקומען צו זיין מוח און האַרץ. אַלזאָ, האָט ער
אויפגעשריבען אַ בריף צו דעם גרויסען מיליאָנער ראָקאָפעללער,
איהם ערקלערט וואָס פאַר אַ הימעל־שרייענדע אומרעכט עס
שטעקט אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און, אַפּעלירענדיג
צו איהם אין דעם נאָמען פון מענשליכקייט און יושר, האָט ער
איהם געבעטען ער זאָל מיט זיינע מיליאָנען העלפען גרינדען
אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

פון דער אַנדער זייט האָט ער געגלויבט, אַז אַלע אַמע־
ריקאַנער אַרבייטער וועלען גלייך אַריינטרעטען אין דער נייער
באַוועגונג. ער האָט זיך פּראָסט ניט געקענט פאָרשטעלען,
אַז אימיצער פון זיי וועט זיך צוריקהאַלטען ווען מען וועט איהם
געבען צו פאַרשטעהן אונזערע געדאַנקען. אין זיינע דאַמאָלס־
דיגע רעדעס פלעגט ער פאָראויסזאָגען, אַז אין פיער אָדער אַכט

יאָהר אַרום וועט די סאָשעל דעמאָקראַסי זיגען אין די פּרע־זידענט וואַהלען און איינפיהרען דעם סאָציאַליזם אין אַמעריקאַ.

מיר האָבען וועגען אַזעלכע בריעף און רעדעס גערעדט מיט אַ שמייכעל. מיר האָבען זיי גערופען „אוטאָפּיסטיש“. אָבער אונזערע אייגענע באַגריפען וועגען אַמעריקאַ און וועגען אונזער באַוועגונג זיינען דאַן נאָך אויך געווען נאַאיוו גענוג.

יעדענפאַלס האָבען מיר צו דעבס'ן געהאַט דעם העכסטען רעספּעקט און ער איז אונז געווען זעהר טייער. מיר זיינען געווען זיכער, אַז מיט דער צייט וועט ער אונזער באַוועגונג און די וועלט בכלל פאַרשטעהן בעסער, און אַז ער וועט ווערען אַ גוטער מאַרקסיסטישער סאָציאַליסט.

דעם 31טען יולי, 1897, האָבען אַלע אונזערע פּרעס־קלובס אָפּגעהאַלטען אַ קאָנווענשאָן. צו דיזער קאָנווענשאָן זיינען צוגעלאָזען געוואָרען מ. לאָנדאָן, פּראָפעסאָר יצחק אייזיק הור־וויטש און י. באַראָנדעס, אַלס דעלעגאַטען פון אַ ברענטש פון דער „סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקאַ“, און זיי האָבען אַריינ־געבראַכט אַ פאָרשלאַג אַז אונזער אָפּאָזיציאָן זאָל זיך אַנשליסען אָן דער נייער פּאַרטיי.

„צוויי פראַגען זיינען געשטאַנען אויף דער טאַגעס־אָרדנונג— דערצעהלט וועגען דעם בורגין אין זיין געשיכטע — 1) וואָס זאָלען טאָן די אויסגעשלאָסענע? 2) ווי זאָלען זיך האַלטען די ניט־אויסגעשלאָסענע פון דער אָפּאָזיציאָן? וועגען דער ערשטער פראַגע האָבען זיך מאַנכע אויסגעדריקט, אַז די אויס־געשלאָסענע מוזען אָנפיהרען אַ קאַמף גענען דעם צענטראַל קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון גרייטער ניו יאָרק און אַפּעלירען צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. אַנדערע אָבער האָבען גערעדט גענען אַזאַ שריט. די, וואָס זיינען געווען גענען אַפּעלירען צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע—אַב. קאַהאַן, ל. מיללער און אַנדערע—האָבען אויפגעוויזען אַז עס איז דאָ אַ „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אַמעריקאַ“ און אַז די אויסגע־שלאָסענע נויטיגען זיך ניט אין דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי“.

מיללער, ווינטשעווסקי, הורוויטש און איך האָבען אויך געררעדט דאפיר, אז די אָפּאָזיציאָניסטען, וועלכע דעליאַן האָט נאָך ניט אויסגעשלאָסען, זאָלען זיך אליין אויסשליסען פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פארטיי, און די קאָנווענשאָן האָט אונזער פאָרשלאג אָנגענומען.

מיר זיינען געוואָרען מיטגלידער פון דער „סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אמעריקא“.

6.

איך געה אוועק פון „פאָרווערטס“.

אין עטליכע וואָכען ארום האָט זיך געענדיגט דער שניידער־סטרייק, און איך האָב באשלאָסען גלייך צו רעזיגנירען.

גראָד האָט זיך דאן געמאַכט א ספּעציעלער צוזאמענשטויס צווישען מיר און מיינע געגנער אין דעם „פאָרווערטס פּרעסס פאַרבאנד“ איבער אַן ארטיקעל. די איינצעלהייטען פון דיזען סכסוך געדענק איך ניט גענוי, נאָר מאיר גיללים און אנדערע גענאָסען וואָס האָבען דאן גענומען אַן אקטיווען אנטייל אין די מיטינגען פון דעם פארבאנד, דערצעהלען וועגען דעם דאָס פאָלגענדע:

מ. זאמעטקין האָט אויפגעשריבען א לייט־ארטיקעל מיט שארפע אויסדרוקען געגען דער קליקע און דעליאַנ׳ען, און איך האָב זיך דאָס ענטזאָגט צו שטעלען אלס א לייט־ארטיקעל. „אויב איהר ווילט דאָס דוקא האָבען, וועל איך דאָס שטעלען אין דער „פאָלקס־טריבונע“ — האָב איך ערקלערט.

די פראגע איז פאָרגעבראַכט געוואָרען אויף א מיטינג פון דעם פארבאנד. עס איז פאָרגעקומען א היציגע דעבאטע. איך האָב ניט נאָכגעגעבען, און אונטער אנדערע באמערקונגען האָב איך געזאָגט: איך געה סיי־ווי־סיי אוועק פון „פאָרווערטס“. דער ארטיקעל וועט ניט חמצ׳דיג ווערען. ווארט עטליכע טעג, ווען איך וועל שוין ניט זיין אין דער רעדאקציע, וועט איהר איהם קענען דרוקען ווי איהר וועט וועלען.

אויף דעם נעקסטען מיטינג (אין א נאכמיטאג איז דאס געווען) האב איך אנגעגעבען מיין רעזיגניישאן. אום ניט צו געבען קיין געלעגענהייט פאר דעבאטען און אום צו מאכען גלייך א סוף, האב איך ערקלעהרט, אז איך בין קראנק אויף די אויגען און אז דאס צווינגט מיך צו פארלאזען מיין אמט.

אלע האבען פארשטאנען, אז דאס איז א תירוץ (א געוויסע צייט האב איך ווירקליך געהאט טראבעל מיט די אויגען, אבער דאס איז שוין געווען לאנג פאריבער). ליעף האט זיך אוועק־געשטעלט און דאס ארויסגעזאגט אפען. ער האט געפאדערט, אז איך זאל בלייבען. איך האב קיין רעכט ניט אוועקצוגעהן פון דער צייטונג, פאר וועלכער מיר האבען אלע אזוי פיל געקעמפט און געאפפערט, האט ער גע'טענה'ט. איך האב אבער מיין רעזיגניישאן צוריק ניט גענומען.

עטליכע פון די טעטיגע גענאסען—גיללים און אנדערע—זיי־נען געקומען צו מיר (איך און מיין פרוי האבען דאן געוואוינט אין א טענעמענט־הויז אויף 5טער סטריט, לעבען דער ערשטער עוועניו) און אפעלירט איך זאל פון „פארווערטס" ניט אוועקגעהן. איך האב זיי ערקלערט, אז אונטער די עקזיסטירענדע אומ־שטענדען איז מיר אונמעגליך די צייטונג אויפצובויען, אז מיין רעדאקציאנס־ארבייט איז נאר א פארלוסט פון מיה און צייט.

איך האב מיין באשלוס ניט געענדערט. איך בין אוועק פון „פארווערטס".

אויפ'ן הארצען איז מיר געווען ניט יום־טוב'דיג.

די זיבען יאהר זינט מען האט געגרינדעט די „ארבייטער־צייטונג" האבען אין מיר איבערגעלאזען טיפע געפיהלען, מיט וועלכע עס איז ניט לייכט געווען זיך צו שיידען.

דער לעבען פון א כלל־טוער קען ברענגען א סך גליק, אבער דער בעכער פון גליק, איז זעלטען פריי פון גיפטיגע טראפענס. ביי יעדען סהל'שען מענש זיינען פאראן צייטען, ווען זיין ראלע איז איהם א קוואל פון ערגערניש און שארפע שמערצען. די עפענטליכ־קייט ציהט ווי א מאגנעט; צו דער זעלבער צייט טרייבט זי ווי מיט בייטשען.

איך בין אוועק פון „פאָרווערטס" מיט א ברייטען געפיהל פון פארגרינגערונג, אזוי ווי כ'וואָלט אָפּגעאָטעמט פריי. דער אָטעם איז אָבער געווען א זיפץ.

דאָס איז געווען אין אוגוסט 1897. אין פארלויף פון פיער יאָהר און זיבען מאָנאַט בין איך געשטאַנען פון ווייטען.

(ענדע פון דריטען באַנד).

6668 - v,3 - c.2

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it. A fine of 5 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

PLEASE ADVISE CHANGE OF ADDRESS

DATE DUE

קאהאן , אברהם

מעמנו ארן
קאה

בלעטער פון מיין לעבן

6668 v.3 c.2

#6668